STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02583

ALE VERK

Sholem Aleichem

*Permanent preservation of this book was made possible
by David Bern
in memory of
Israel Bernbaum*

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

KANTOR 1851

אַלע ווערק
פֿון
שלום עליכם

איקוף פֿאַרלאַג
בוענאָס־איירעס

1 9 5 2

OBRAS COMPLETAS DE

SCHOLEM ALEIJEM

TOMO I

פּאָרטרעט פון שלום-עליכם
געצייכנט פון מ. קאַנטאָר

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Editorial "ICUF"
BUENOS AIRES, 1952

Queda hecho el depósito que marca la ley.

Copyright by the
Estate of Olga Rabinowitz
New York

אַלע ווערק

פון

שלום עליכם

•

באַנד I

יוגנט־ראָמאַנען:

טײַבעלע

קינדער־שפּיל

ייִדישע ראָמאַנען:

סענדער בלאַנק

און זײַן געזינדל

סטעמפּעניו

פון פאַרלאַג

מיטן אַרויסגעבן שלום-עליכמס „אַלע ווערק” פאַרמעסט זיך דער אַרגענטינער איקוף ניט נאָר אַף זײַן גרעסטער פאַרלאַג-אונטערנעמונג, נאָר אויך צו געבן אַ תיקון שלום עליכמס גאַנצן שאַפן, אַ טייל פון וועלכן איז נאָך ביז איצט קיינמאָל ניט דערשינען אין בוך-פאָרעם.

ווי אומוואַרשײַנלעך דאָס זאָל ניט אויסזען, זײַנען נאָך פאַראַן ניט-פאַרעפנטלעכטע ווערק פון אונדזער קלאַסיקער וואָס דער ברייטער עולם קען זיי ניט און וואָס געפינען זיך אין שלום עליכמס אַרכיוו. לויט אַ ספּעציעלן אָפּמאַך מיט די יורשים האָט דער איקוף באַקומען דאָס רעכט אײַנצושליסן די דאָזיקע ווערק אין דער גרויסער שלום-עליכם-אויסגאַבע וואָס אונדזער פאַרלאַג גיט אַרויס. די ווערק וואָס מיר דרוקן איבער נעמען מיר אַרויס פון דער פאָלקס-פאָנד-אויסגאַבע „אַלע ווערק פון שלום-עליכמען” (1925-1917) און פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער אויסגאַבע „שאָלעם אַלייכעמס אַלע ווערק” (1948).

די אויסגאַבע איז אויסגערעכנט אַף 30 ביכער געבונדן אין 15 בענד. ס'וועט אויך צוקומען אַ באַנד מיט גרינטלעכע קולטור-היסטאָרישע און ליטעראַריש-קריטישע אָפּהאַנדלונגען וועגן גרויסן קלאַסיקער.

מיטן אַרויסגעבן די פולע אויסגאַבע פון שלום-עליכמס ווערק טראָגט צו דער אַרגענטינער איקוף דער ייִדישער קולטור-וועלט 15 קלאַסישע גרונט-ביכער, וואָס זײַנען איצט אין ערגעץ ניט בנמצא.

מיט פרייד גיבן מיר איבער שלום עליכמס „אַלע, ווערק” דעם ברייטן ייִדישן לייענער-עולם און מיר זײַנען זיכער אַז מיר האָבן אויסגעפילט אַ גרויסן ביבליאָגראַפישן בלויז אין ייִדישן בוך-וועזן.

טײַבעלע

געשריבן אין יאָר 1884

טײַבעלע

עס איזט איינע אַלטע געשיכטע,
דאָך בלייבט זי איממער נײַ;
אונד וועם זי יוסט פּאַסיערטע,
דעם בריכט דאָס הערץ ענטצוויי...
(היינריך היינע).

אין אַ קליין ליכטיק צימער, באַ אַ קליין אָפן פענצטער, איז געזעסן טײַבעלע, אַ יונג מיידל פון אַ יאָר אַכצן, מיט אַן אַרבעט אין די הענט. איר שיין ליכטיק פּנים האָט באַוויזן, אַז זי איז צופרידן; אירע טונקעלע, גלענצנדיקע אויגן האָבן געברענט ווי פֿײַער, אירע שוואַרצע געקרײַזלטע קורץ־אונטערגעשאָרענע האָר האָבן פאַרשטעלט פון בײדע זײַטן אירע פאַרפלאַמטע באַקן, און אויף איר קליין מײַלעכל האָט געשפּילט אַ צופרידענער שמייכל; מיט אירע קליינע ווײַסע הענטלעך האָט זי אַוועקגעלייגט די אַרבעט אָן אַ זײַט, האָט אַ וואָרף געטאָן מיט דעם קאָפּ, פאַרשאַרט די האָר, צונויפגעלייגט ביידע הענט אויף דעם האַרצן, און האָט געוואָרפן אירע שיינע שוואַרצע אויגן אויף דעם יונגן מאַן, וואָס איז געזעסן אַקעגן איר און האָט געלעזן אַ בריוו. דאָס איז געווען אַ הויכער שיינער מאַן פון אַ יאָר צוואַנציק, מיט אַ ווײַס קײַלעכדיק געזיכט, מיט בלויע אויגן און בלאָנדע האָר. געקליידט איז ער געווען זייער עלעגאַנט, אייראָפּעיִש, ווי אונדזערע האַלב־אַריסטאָקראַטישע גבירישע קינדער; אַ שווערע מאַסיווע גאָלדענע קייט מיט זייער אַ טײַערן שטיין אײַנגעזעצט אין דעם רינג, וואָס ער האָט געטראָגן, און דערצו זײַן ריין ווײַס געזיכט מיט זײַנע אויסגעגלעטע ווייסע הענט האָבן געוויזן, אַז ער איז געוואַקסן באַ רײַכע עלטערן און האָט נאָך ניט געוווּסט

וואָס הייסט אַרבעטן אין דער וועלט און פון וואַנען רײַכקייט נעמט זיך. דאָס איז געווים אַ ייִדישער פינאַנץ־פּרינץ — איינער פון די, וואָס גלויבן ניט דעם, וואָס באַקלאָגט זיך אױף דער שלעכטער צײַט, און מיינט, אַז ע ר ד אַ ר ף אַזוי לעבן, און דער אַנדערער — דער אַנדערער זאָל זיך לעבן, ווי ער פאַרשטייט... נאָר מיר וועלן זיך נאָך באַקענען גאַנץ נאָענט מיט אונדזער העלד.

— מאָריץ! וואָס קלערט איר צו ענטפערן דער מוטער אױף דעם בריוו? — האָט אים דאָס מיידל פּלוצים אַ פרעג געטאָן. מאָריץ איז רויט געוואָרן און האָט איר ניט באַלד געקאָנט ענטפערן; ער איז אויפגעשטאַנען פון דעם בענקל און איז זיך אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען הין און צוריק; דערנאָך האָט ער זיך געזעצט נעבן דעם מיידל און האָט גענומען איר האַנט אין זײַנע הענט און האָט לאַנג געקוקט איר אין די אויגן. ער האָט געזאָגט צו איר:

— וואָס פרעגט איר מיך עפּעס הײַנט, וואָס איך קלער איר צו ענטפערן אױף איר בריוו? דאָס זעלבע וואָס אױף אַלע אירע בריוו...

דאָס מיידל האָט אַביסל נאָכגעטראַכט און האָט שטיל אַרויסגעצויגן איר האַנט פון זײַנע הענט און האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן. מאָריץ האָט זיך אײַנגעבויגן און האָט איר געוואָלט אַ קוק טאָן אין פּנים; זי האָט אים מיט בײדע הענט אַרומגעכאַפּט דעם האַלדז און האָט אים לאַנג געקושט אין קאָפּ און אין די אויגן.

— טײַערע, טײַערער מאָריץ, דו ביזט מײַן פרײַנט! טייערער מאָריץ! זײַ מיר מוחל, איך בין אַ שלעכטע; באַשטראָף מיך, איך בין דיך ניט ווערט: איך קלער אױף דיר שלעכטס... אַז דו גייסט אַוועק און איך זע דיך ניט, ווערסטו בײַ מיר אָן דעם גאַנצן גלאַנץ; דו ווײַזט מיר אויס קליין, אָרעם, נידעריק, פאַלש, נאָך ערגער פון פאַלש — שוואַך, שוואַך!! מאָריץ! איך האָב פײַנט אַ שוואַכן מענטשן אָן אַ כאַראַקטער, — ערגער, הונדערט מאָל ערגער פון אַ פאַלשן, פון אַ מערדער; דער מערדער איז אַ שלעכטער מענטש, נאָר אַ מענטש; אָבער דער „בעזכאַראַקטערנע” איז גאָר קיין מענטש ניט בײַ מיר — אַ פליג, אַ וואָרעם...

בײַ די ווערטער האָט טײַבעלע אַרויסגעלאָזט מאָריצן פון אירע אָרעמס און איז ווידער געבליבן זיצן שטיל און האָט נאָר געקוקט אױף אים. מאָריץ איז געווען פאַרוווּנדערט איבער איר הײַנטיקער אויפפירונג; ער

האָט געזען, אַז זי איז הײַנט צערודערט: אָט װערט זי לעבעדיק און מונ־טער, און אָט װערט זי פֿאַרטראַכט און עפּעס אַזױ אומעטיק, אַז דאָס האַרץ קאָן צערײַסן װערן קוקנדיק אַף איר בלאַס געזיכט; עס איז עפּעס ניט כדרך הטבע.

— טײַבעלע! מײַן טײַערע! דו ביזט הײַנט ניט מיט אַלעמען. זאָג דעם אמת, װאָס איז מיט דיר? װאָס קלערסטו איצט? װאָס זײַנען דײַ־נע שײנע אױגן אַזױ פֿאַרטראַכט? װאָס באַדײַט דער װאָלקן, װאָס װערט פּלוצים איבערגעצױגן אַף דײַן שײן געזיכט. איך קען דיך ניט פֿון נעכטן, דאַכט זיך, — זאָג, װאָס איז מיט דיר? דו צװײפֿלסט אין מיר? אין דײַן מאָריצן? דו װײסט, װי אַזױ איך האָב דיך ליב, איך דאַרף דאָס דיר ניט דערצײלן...

— איר דאַרפֿט דאָס מיר ניט דערצײלן — האָט טײַבעלע איבערגעזאָגט זײַנע װערטער פֿאַרטראַכט װי פֿריער.

— װאָס זשע דען? װאָס זשע דען זאָל איך קלערן? מיר װעלן דאָך באַלד — דו װײסט? — מיר װעלן דאָך באַלד גליקלעך זײַן; מײַן מוטער װעט נאָר פֿון קאַרלסבאַד קומען, זאָג איך איר באַלד מײַנע פּלע־נער; זי װעט זיך דאָס דערפֿרײען; זי װעט דיך אַרומנעמען װי אַ קינד...

— אַך, מאָריץ, מאָריץ! איר זענט יאָ אַ קינד. און דערצו נאָך אַ פֿאַרצערטלט קינד! איר רעדט זיך אַלײן אײַן גאָט װײסט װאָס פֿאַר נאַרישקײטן, און װילט נישט קוקן אַף דער אַנדערער זײַט פֿון דער מטבע... איר האָט דאָך ערשט אַלײן געלײענט איר בריװ! איר פֿאַרשטײט דען ניט, צוליב װאָס זי דולט אײַך אַ קאָפּ מיט דער פֿאַמיליע נאָטקין און מיט די זעלטענע מעלות פֿון דער מאַמזעל נאָטקין, װעלכע האָט זיך, נאָך די װערטער פֿון אײַער מוטער, כמעט פֿאַרליבט אין אײַער פֿאַר־טרעט?...

— נו, װער הערט זי! — האָט מאָריץ געענטפֿערט, אַרומגײענ־דיק איבער דעם צימער. — איך לעב ניט מער מיט דער מאַמעס שכל, איך בין ניט דער „מאַמעס קינד"... זי װעט ניט װעלן? װאָס הײסט פֿאַר װאָס זאָל זי ניט װעלן? װײַל מײַן כלה האָט קײן געלט ניט? נאַרישקײטן! איך האָב אַלײן געלט און דאַרף גאָר ניט קײן געלט! יחוס? װאָס טױג מיר יחוס? זי װעט מורא האָבן פֿאַר יידישע מײַלער: מע װעט זאָגן, אַז מאָריץ, גאָלדע זילבערמאַנס בן־יחיד, האָט חתונה

געהאַט פאַר אַן אָרעם מיידל, וואָס קיינער ווייסט זי ניט? ווער הערט זיי? וואָס בין איך — אַ קינד? איך בין אַ מאַנספּאַרשוין! איך קאָן באַשטיין פאַר זיך! איך בין פרײַ: קיינער סמעיעט ניט מיר צו שטערן מײַן גליק, אפילו מײַן מוטער! איך גיי באַלד אַהיים און שרײַב איר אַ בריוו... און שיק איר הײַנט אַ דעפּעשע... איך גיי שוין, די רגע...

וואָס ווײַטער מאָריץ האָט גערעדט, איז ער אַלץ מער פאַרפלאַמט געוואָרן. מען האָט געזען, אַז ער רעדט דאָס ערנסט, מיט געפיל, מיט דעם גאַנצן האַרצן, מיט דעם רעכטן אמת... טײַבעלע אָבער איז לאַנגזאַם צו־געגאַנגען צו אים און האָט אים אָנגערירט בײַ דער האַנט.

— מאָריץ, גענוג! אײַלט דאָך ניט אַזוי: מע דאַרף ניט טעלעגראַ־פירן קײַן קאַרלסבאַד; אײַער מוטער דאַרף גיך קומען אַהיים; מיר וועלן נאָך האָבן צײַט איר צו זאָגן...

מאָריץ איז אַביסל געשטילט געוואָרן און האָט געזאָגט:

— נו, וועל איך איר כאָטש אַ בריוו שרײַבן, אַז איך בין אַזוי גליק־לעך...

מאָריץ! מע דאַרף דאָס אויך ניט! זי וועט ניט פאַרשטיין אײַער גליק; זי קאָן דאָס ניט פאַרשטיין... אָבער אַז זי וועט קומען און איר וועט מיט איר פּערזענלעך ריידן, וועט דאָס אַנדערש זײַן... איצט גייט אַהיים: עס איז שוין זייגער צוויי. קומט ניט הײַנט. קומט מאָרגן פרי; איך בין הײַנט פאַרנומען אַ גאַנצן טאָג — אַדיע!

מאָריץ האָט אַף זיך אַרויפגעוואָרפן דעם אויבעררָאָק, ער האָט אָפּ־געזוכט דעם הוט מיט דעם שטעקן און האָט געקליבן אַוועקצוגיין; ער איז צוגעגאַנגען צו טײַבעלען און האָט איר געגעבן די האַנט.

— דו גלויבסט מיר? טײַערע!...

— מאָריץ! — האָט זי אים געענטפערט, און אירע אויגן האָבן זיך ווידער אָנגעצונדן. — מאָריץ! איך גלויב דיר! טײַערע, טײַערער מאָריץ! זײַ מיר מוחל מײַנע נאַרישע געדאַנקען... איך גלויב דיר, מאָ־ריץ, דו ביזט מײַן לעבן...

מאָריץ איז שוין געשטאַנען בײַ דער טיר; טײַבעלע האָט אים צו־ריק צוגערופן און האָט אים געזאָגט:

— מאָריץ! איך בין אינגאַנצן דײַנע... דו ביזט בײַ מיר אַלץ... אָן דיר בין איך גאָרנישט, מאָריץ! אַז דו גייסט נאָר אַרויס פון דער טיר,

װײַזט זיך מיר אױס, אַז איך װעל דיך שױן מער ניט זען... װאָס װעל איך טאָן? — זײַ מיר מוחל, טײַערער פרײַנט מײַנער! דײַן טײַבעלע איז אַ נאַריש קינד, אַ קאַפּריזנע מײדל, כאַ־כאַ־כאַ!

מאָריץ איז אױפֿגעגאַנגען פֿאַרטיפֿט אין געדאַנקען: ער האָט גאָר ניט געקאָנט פֿאַרשטײן אירע װערטער, איר געלעכטער... ער װאָלט זיך אָבער נאָך מער פֿאַרװוּנדערט, װען ער זאָל זיך געװען אומקערן צוריק: ער װאָלט געטראָפֿן טײַבעלען אין בעט, באַגאָסן מיט הײסע ביטערע טרערן...

II

מאָריץ זילבערמאַן האָט אַמאָל, מיט אַ יאָר צען פֿריער, געהײסן „מאיר", און זײַן מוטער, גאָלדע רב מאירס, רופֿט אים נאָך הײַנט אױך „מאירל". נאָר זינט די ציװיליזאַציע האָט אָנגעהױבן אַרײַנקוקן צו אונדזערע ברידער אױך, האָבן מיר זיך דערשראָקן פֿאַר איר, און האָבן באַלד זיך געכאַפּט צו די קלײדער מיט די נעמען: די אַטלעסענע זשופּעצע מיט דעם קײַלעכדיקן שטרײַמל איז פֿאַרביטן געװאָרן אױף אַ קורצן פֿראַק מיט אַ צילינדערהוט, און דער נעכטיקער מאיר בערלס, זרח נפֿתּלים און קלמן רב װעלװלס זײַנען פּלוצים געװאָרן מאָריץ באָריסאָװיטש, זאַכאַר פֿאַנטעלעמאָנאָװיטש און קלימענטי װלאַדימיראָװיטש... מאירל, װעלכן מיר מוזן אָנרופֿן װי ע ר װיל — „מאָריץ", איז געװאַקסן אַ יתום בײַ זײַן רײַכער מוטער, גאָלדע זילבערמאַן, אָדער גאָלדע רב מאירס, — איר פֿאָטער רב מאיר איז געװען זײער אַן „אדם חשוב"; אין די יונגע יאָרן איז ער געװען אַ פּשוטער אָרענדאַר, נאָר דער פּריץ האָט אים זײער ליב געהאַט, און האָט אים געמאַכט פֿאַר דעם ערשטן פֿאַקטאָר אין הױף. רב מאיר האָט באַקומען עטלעכע קערבלעך, און אַז דער פּריץ איז „מת" געװאָרן און האָט קײן קינדער ניט איבערגעלאָזט, איז ער געװאָרן בײַ דער פּריצה אַ „בן־בית", און האָט מיט איר אַזױ לאַנג געהאַנדלט, ביז רב מאיר איז געװאָרן דער פּריץ, און די פּריצה האָט גענומען בײַ אים פּענסיע. רב מאיר איז געװאָרן גרױס, האָט באַקומען אַ נאָמען, האָט אָנגעהױבן פֿאָרן צום רבין... אױף דער עלטער איז רב מאיר אַרױסגעפֿאָרן קײן נ., האָט אָנגעהױבן פּראַװען שלש־סעודותן, און „חבֿרה" האָבן אים געמאַכט דעם נאָמען אַזױ גרױס, ביז ער האָט זיך משדך גע־

ווען מיט דעם רבינס אַ שוועסטער אין האָט געקויפט פאַר הונדערט טויזנט רובל אַ איידעם אַ צאַצקע פאַר זײַן בת־יחידה, גאָלדעניו, און איז באַרוט געשטאָרבן. דער איידעם, די צאַצקע, רב מאָטעלע, איז טאַקע געווען אַ גילדערנער יונגערמאַן, אַ תּכשיט, און האָט ניט געוווּסט קיין צורת מטבע. ער איז אָבער געווען אַ קראַנקער, האָט ער זיך אָפּגעמוטשעט עטלעכע יאָר און איז געשטאָרבן און איבערגעלאָזט גאָלדען אַ יונגע אַלמנה פון דרײַ און צוואַנציק יאָר מיט אַ קליין קינד פון צוויי יאָר. גאָלדע האָט שוין דאָס צווייטע מאָל ניט געוואָלט חתונה האָבן (דאָס איז בײַ אונדז אַפילו זעלטן), כּדי איר מאירל זאָל ניט דאַרפן אָנקומען צו אַ שטיפפאָטער. זי האָט איר גאַנץ לעבן אָוועקגעשענקט מאירלען, וועלכער איז, אויפגעצויגן געוואָרן אַף זײַד מיט אַלערליי פאַרגעניגנס. ביז צען יאָר האָט מען אים געהאַלטן מלמדים, און מאירל האָט זייער גוט געלערנט. גאָלדע האָט אָבער געוואָלט, ער זאָל קענען אַלץ אַף דער וועלט. קיין געלט האָט זי ניט געקאַרגט. זי האָט געזען ווי אַנדערע גבירים לאָזן לערנען זייערע קינדער, האָט זי אים אויך צוגענומען אַ פראַנצויז אין שטוב אַרײַן, מיט אַ לערער אַף רוסיש און דײַטש; מע האָט אים געלערנט פּיאַנאָ שפּילן, טאַנצן, רײַטן אַף אַ פערד און „עטיקעטע" (דרך־ארץ) — ווי אַזוי צו גיין, צו רעדן און זיך צו באַנעמען צווישן מענטשן. גאָלדע האָט אָבער געוואָלט, ער זאָל דערצו זײַן אַ ערלעכער ייִד אויך. צו דער „בר מצוה" האָט מאירל געזאָגט פאַר אַ עולם זייער אַ פײַנע דרשה, וועלכע האָט געקאָסט גענוג געלט און אַף וועלכער ער האָט נעבעך גענוג געהאָרעוועט, כאָטש ער האָט זי אַליין ווינציק־וואָס פאַרשטאַנען, און אַז ער איז געקומען סאַמע צום רעכטן שפּיץ, ווו מע דאַרף אויסבויגן דעם גראָבן פינגער, האָט אים ליפּאַ־קנאַבעל (אַזוי האָט געהייסן דער גמרא־מלמד) שיעור אײַנגעשלונגען, און רב געצל דער דײַן איז געזעסן אַף אַזאַ שטייגער, ווי קאָפּערניק אין דער מינוט, ווען ער איז געפאַלן אַף דער המצאה, אַז די ערד דרייט זיך. און גאָלדע? גאָלדע האָט געוויינט מיט זיסע גליקלעכע טרערן און האָט נאָכדעם דרײַ טעג כּסדר אַלע רגע געשיקט נאָך ליפשע די גראָבע, זי זאָל אָפּשפּרעכן מאירלען אַ גוט אויג... אַזוי איז ער געוואַקסן דאָס, וואָס בײַ אונדז האַלט מען פאַר אַן אידעאַל — „אַביסל אַהין, אַביסל אַהער", פון יעדער זאַך דאָס אויבערשטע, נאָר אין אמת אַרײַן — אַן תּורה, אָן חכמה, אָן וויסנשאַפט, ניט

אויסגעסוויסטשעט, ניט אויסגעבילדעט דעם שׂכל... אַלץ איז באַרעכנט צו גלאַנצן פֿון אויבן, כּדי מע זאָל קאָנען טאָן אַ שײנעם שידוך. דער שדכן שרײַבט אַף דעם חתן, אַז ער איז אַ „מושלם", אַ „גאַנצער מענטש", „צו גאָט און צו לײַט", מע גיט אים אַ סך נדן מיט אַ כּלה, און אַזוי גייט פֿאַרבײַ זײַן יוגנט, און אַז ער ווערט עלטער און גייט אַרויס אַף דער וועלט, זעט מען ערשט דעמאָלט אַרויס, ווי די דערציִונג האָט אַף אים געווירקט... מאירל האָט געהאַט אַזאַ דערציִונג ביז זיבעצן יאָר, ביז די געלעגנהײַט האָט אים צוזאַמענגעבראַכט מיט פֿעלדמאַנען, מיט וועלכן מיר וועלן אונדזער לעזער באַלד באַקאַנט מאַכן.

III

מיכאַיל פֿעלדמאַן איז געווען אײנער פֿון די, וואָס האָבן זיך גע־שלאָגן פֿאַר דער „השׂכּלה" און זײַנען מיט גוואַלד געוואָרן „משׂכּילים". זיי זײַנען געווען אַ גאַנצע קאָמפּאַניע יונגע לײַט, וואָס זײַנען געזעסן אַף קעסט און האָבן געשטודירט אין קלויז, אַלע אַף איין פֿאַקולטעט: געריסן די גמרא, געבאַקן קאַרטאָפֿלעס, געגנבעט ליכט פֿון די יאָרצײַטן, געשמיסן דעם שמש און געטאָן נאָך אַזעלכע וויכטיקע זאַכן... דאָס איז געווען אין דער צײַט, וואָס ייִדן האָבן נאָך פֿון קיין גימנאַזיעס ניט געהערט — ווער שמועסט אין די קליינע שטעטלעך, וווּ מען האָט מאַפּוס מיט שולמאַנס ביכלעך געברענט, און ווער עס האָט בגנבֿה געלייענט דעם „המגיד", „המליץ", „קול מבשׂר", דער האָט געהייסן „אַפּיקורס"... פֿעלדמאַן האָט ערגעץ געקראָגן דעם „תּעודה מיט דעם „זרובבל" און האָט געלייענט פֿאַר די חבֿרים, ביז רב פֿײַביש דער לאַנגער, וואָס פֿלעגט אויך לערנען אין קלויז, האָט זיי געמסרט צו דעם גבֿיר פֿון דער שטאָט, רב נחמן פֿליאַסק, און עס איז געוואָרן אַ ווילדער כּעס אין שטאָט. רב נחמן איז געווען זייער אַ פֿרומער ייִד; ער האָט געלעבט פֿון פּראָצענט און פֿלעגט עסן אָרעמע לײַט מיט די ביינער, און אָפּשרײַבן אַן אָרעמאַן די בעבעכעס פֿאַר צען רובל פּראָצענט איז בײַ אים קיין נאָווינע ניט גע־ווען, נאָר קיין עוולות האָט ער ניט געקאָנט לײַדן — ער האָט די אַלע ביכלעך געהייסן פֿאַרברענען, און דעם „אפס דמים" האָט ער פֿריער אַליין צעריסן אַף פּיץ־פּיצלעך און דערנאָך ערשט פֿאַרברענט. די יונגע לײַט האָט ער צעטריבן פֿון דער קלויז: אייניקע פֿון זיי האָט מען אָפּ־

געשיקט צום רבין אַ; תּיקון, און פעלדמאַנען, דעם רעכטן סם, האָט מען גענויט, ער זאָל גטן דאָס ווײַב און פאָרן „ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט"... פעלדמאַן איז אַוועקגעפאָרן קיין זשיטאָמיר אין דער ראַבינער־שול; ער האָט דאָרט געענדיקט און איז אַוועק קיין פּעטערבורג אין דער אוניווערזיטעט. נאָר די לעבנסמיטל מיט דעם פּעטערבורגער קלימאַט האָבן אים ניט דערלויבט צו לערנען ווײַטער, איז ער געקומען קיין נ., ווי עס קומט־פאַר אונדזער געשיכטע. ער האָט דאָ געהאַט אייניקע פרײַנט, גאַנץ רײַכע לײַט, נאָר ער האָט אָבער באַ זיי ניט געוואָלט זײַן, און האָט געלעבט פון שטונדן. זײַן געזונט, וועלכער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין זשיטאָמיר פאַר די אַכט יאָר, וואָס ער האָט דאָרט געליטן הונגער און קעלט, האָט זיך אין נ. אָנגעהויבן צו פאַרבעסערן, נאָר קיין פּעטערבורג האָבן אים די דאָקטוירים נאָך ניט געהייסן פאָרן, ביז ער וועט ניט אינ־גאַנצן געזונט ווערן, און אַזוי זײַנען אַוועקגעגאַנגען דרײַ יאָר. אין דער צײַט האָט ער געהאַט אַ שטונדע באַ דעם גראַף וו., וועלכער פלעגט לײַען געלט באַ גאָלדע זילבערמאַן. איינמאָל האָט דער גראַף זייער אָפּ־געלויבט זײַן יִידישן לערער פאַר גאָלדען. גאָלדע האָט געוואָלט, אַז איר מאירל זאָל באַ אים אויך לערנען, האָט זי געשיקט נאָך אים די קאַרעטע, נאָר פעלדמאַן האָט געענטפערט, אַז ער קאָן קומען צו־פוס. און אַז ער איז געקומען, האָט ער מאירלען נישט געטראָפן. גאָלדע האָט אים גע־בעטן זיצן.

— וויפל וועט איר נעמען באַ מיר פאַר מײַן זון ? — האָט אים גאָלדע געפרעגט.

— איך וויל פריער זען אײַער זון און אים קענען.

— וואָס הייסט ? איר קענט ניט מײַן מאירלען ?...

באַ די ווערטער איז מאירל אַרײַנגעקומען, האָט אַ קוש געטאָן דער מוטער די האַנט, אַף פעלדמאַנען האָט ער וואָרף געטאָן אַן אויג און קוים אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ. פעלדמאַן איז געזעסן, ווי אַף הייסע קוילן.

— מאירל! איך וויל דיר דינגען אָט דעם נײַעם לערער, ער לערנט מיט אונדזער גראַפס קינדער.

מאירל האָט אפילו קיין קוק ניט געטאָן אַף אים און האָט נאָר אַ פרעג געטאָן די מוטער, צי זי האָט זיך שוין מיט אים באַדונגען. פעלד־

מאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דעם שטול און איז צוגעגאַנגען צו גאָלדען און האָט געזאָגט:

— איך האָב אײַך פריער געזאָגט, אַז איך רעד ניט פון קיין געלט, ביז איך וועל זיך נישט באַקענען מיט דעם תּלמיד פערזענלעך. אײַער זון דאַרף נאָך ניט קיין לערער: ער איז נאָך צו יונג און דאַרף זיך נאָך אַביסל צולערנען, ווי אַזוי זיך צו באַגיין מיט מענטשן. — מיט די ווערטער איז ער אַוועק פון זילבערמאַנס הויז. גאָלדע האָט זיך געפּונען שרעקלעך באַליידיקט און האָט אים באַשיט מיט קללות, און מאירל איז אַרײַנגעגאַנגען צו זיך אין קאַבינעט און האָט אָנגעהויבן באַקלערן פעלדמאַנס ווערטער: ער האָט צום ערשטן מאָל אויף זײַן לעבן געהערט אַזאַ מיינונג אויף זיך פון אַ פרעמדן מענטשן. דאָס ערשטע מאָל אויף זײַן לעבן האָט ער זיך געפרעגט, וואָס איז ער אַליין פאַר אַ מענטש און ווער איז דער גראָבער לערער? צוויי מאָל האָט ער זיך מיט אים באַגעגנט אין גאָרטן, און האָט קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט פון פעלדמאַנען, וועלכער האָט אויף אים אפילו קיין קוק ניט געטאָן. דאָס האָט אים נאָך ערגער געקרענקט, און ער האָט זיך אַנטשלאָסן איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַקאַנטשאַפט צו שליסן מיט אים און אין עטלעכע טעג אַרום איז ער צוגעפאָרן אין זייער אַ שיינער קאַרעטע מיט גרויס קוראַזש צו אַ קליין אָרעם שטיבל, און האָט געטראָפן פעלדמאַנען בײַם טיש פאַרוואָרפן מיט ביכער און מיט פּאַפּירן, אַז מען האָט קוים אַרויסגעזען זײַן הויכן שטערן, די גרויע אויגן מיט זײַן אויסגעטריקנט אויסגעדאַרט געזיכט. אַז פעלדמאַן האָט דערזען דעם גאַסט, האָט זיך באַוויזן אויף זײַנע ליפּן אַזאַ זיסער ליבלעכער שמייכל, אַז מאירל האָט זיך פאַרווונדערט. ער האָט זיך אָפּגערעקאָמאַנדירט. פעלדמאַן איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם טיש און האָט אים מיט דעם זעלבן פרײַנטלעכן שמייכל געזאָגט:

— אָך, זייער אָנגענעם! איך געדענק אײַער נאָמען, עס פרייט מיך זייער, וואָס איך האָב די ערע אײַך צו זען בײַ זיך אין מײַן נאָרע; זיצט, איך בעט אײַך, זיצט בײַ אונדז... טײַבעלע, קום נאָר אַהער!...

בײַ דער זײַט האָט זיך אויפגעעפנט אַ קליין ווײַס טירל, און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן אַ קליין מיידל פון אַ יאָר פופצן און האָט אַ קוק געטאָן אויף פעלדמאַנען, דערנאָך אויף דעם גאַסט, און איז צוגעגאַנגען צום טיש.

— עס וועט באַלד זײַן טיי? — האָט זי פעלדמאַן אַ פרעג געטאָן.

— די רגע! — האָט טײַבעלע אַ וואָרף געטאָן מיט אירע שיינע האָר און איז אַוועקגעלאָפן צוריק אין דעם אַנדערן צימער. פעלדמאַן האָט זיך געזעצט נעבן דעם גאַסט און האָט אים געפרעגט: מיט וואָס קאָן ער אים דינען? מאירל האָט אים דערציילט אַלץ, וואָס באַ אים אויפן האַרצן האָט זיך אָנגעקליבן, זינט ער האָט אים געזען באַ זיך. מאירל האָט זיך געפילט היימיש מיט פעלדמאַנען, און האָט אים דערציילט, וואָס פאַר אַ שנאה ער האָט אַף אים געטראָגן באַ זיך אין האַרצן ביז הײַנטיקן טאָג. פעלדמאַן האָט זיך צעלאַכט און האָט אים געזאָגט:

— איר זענט נאָך גאָר ווילד, מײַן ליבער גאַסט. איך וואָלט גערן געזען די חיות, מיט וועלכע איר זענט דערצויגן געוואָרן!...

טײַבעלע האָט דערווײַל אַרײַנגעטראָגן גלעזער מיט דעם סאַמאָוואַר און האָט פאַרקאָכט טיי. פעלדמאַן האָט אויסגעפרעגט באַ מאירלען, ווי אַזוי ער לעבט, וואָס ער לערנט, ווער עס זײַנען זײַנע לערער, און צי איז ער צופרידן. מאירל האָט אים איבערגעגעבן וואָס ער האָט געוווּסט, און פעלדמאַן האָט אים אויסגעהערט מיט דעם זעלבן ליבלעכן שמייכעלע, ערטערווײַז האָט ער אים איבערגעשלאָגן מיט זײַנע פראַגן, און טײַבעלע האָט דערווײַל אָנגעגאָסן טיי. זי האָט זיך געזעצט אַקעגן דעם גאַסט און האָט זיך אַף אים לאַנג פאַרטראַכט. פעלדמאַן האָט אים אויסגעהערט ביזן סוף, און נאָך דער טיי האָט ער אים אַזוי געזאָגט:

— אויב איר ווילט מיט מיר באַקאַנט זײַן, בעט איך אײַך מיר מוחל זײַן, וואָס איך רעד מיט אײַך אויפריכטיק; איר זענט געוווינט געוואָרן, אַז אײַערע לערערס, וואָס האָבן געלעבט פון אײַך, זאָלן אײַך חנפענען. זיי האָבן אײַך געזאָגט, אַז איר ווייסט שוין און קענט שוין אַלץ, כאָטש אין אמתן זײַט איר נאָך אַ קינד. אײַער מוטער וויל, איר זאָלט זײַן אַ ייִדישער „מושלם", דאָס הייסט, אַ ייִדישער ענציקלאָפּעדיסט, מיט פיל רוסישע, דײַטשע, פראַנצויזישע ווערטער, נאָר אָן וויסנשאַפט. גע־לייענט האָט איר נאָך גאָר ניט. אויסגעוואַקסן זײַט איר אַף גרויס ראַס־קאָש, און אַף אײַערע דערציִער האָט איר געקוקט ווי אַף ניאַנקעס, משרתים. די אַלע מענטשן, מיט וועלכע איר זײַט אויסגעוואַקסן, נעמען־אַראָפּ פאַר אײַך דאָס היטל, און יעדער ווײַזט אַף אײַך מיט די פינגער: „אָט גייט דער יונגער מיליאָנער!" איר זענט אויפגעוואַקסן, ווי אַ גע־

בלאָזענער פּרינץ, נאָך דעם פאַלשן אַריסטאָקראַטישן סיסטעם, און איר האָט געמיינט, אַז די אַלע מענטשן, וואָס איר זעט, דרייען זיך אַרום אויף דער וועלט נאָר צוליב אײַך...

מאַריצן איז פעלדמאַנס רעדע אפילו ניט געפעלן, נאָר ער האָט זיך ניט ווילנדיק צוגעהערט צו זײַנע ווערטער, וועלכע האָבן זיך ווי גע־נאָסן און זײַנען געווען אין אַזאַ טאָן, אַז ער האָט זיך ניט געקאָנט באַ־לײדיקן פון זיי. פעלדמאַן האָט פײַנט געהאַט אין זײַן ריידן אַרײַנצומישן הויכע ווערטער. זײַן לשון איז געווען איינפאַך, נאָר געגאַנגען גלײַך אין האַרצן, מיט אַ זעלטענער האַרמאָניע; אַז פעלדמאַן האָט נאָר אָנגע־הויבן צו ריידן, האָט זיך געגלוסט הערן און הערן אָן אַ שיעור... אַז מאַריץ איז אַרויסגעגאַנגען פון פעלדמאַנען, האָט ער געפילט אין האַרצן עפּעס אַ נײַע אומבאַקאַנטע ליכטיקייט און וואַרעמקייט, און ער איז געקומען אַהיים אַזוי פרײלעך, לעבעדיק, אַז גאָלדע האָט אים אַרומגעכאַפּט קושן, און זײַן לאַקיי האָט אויף אים פאַרוווּנדערט געקוקט, וואָס ער גייט אַרום בײַ זיך אין קאַבינעט און זינגט... אויף מאָרגן איז ער ווידער אַוועקגעגאַנגען צו פעלדמאַנען, און פון דעמאָלט אָן האָט מען שוין געזען מאַריצן אַלע טאָג גיין פון דאָרט מיט אַ בוך; אָפטמאָל האָט מען אים צוזאַמען מיט פעלדמאַנען געזען שפּאַצירן אין גאָרטן. גאָלדע איז ניט צופרידן געווען פון דעם, וואָס ער האָט זיך אַזוי פלײַסיק גענומען „צו די ביכלעך", בײַ וועלכע ער פלעגט אויסזיצן גאַנצע נעכט, און פון דעם, וואָס ער פלעגט גאַנצע טעג פאַרברענגען מיט דעם אָרעמען לערער... איינמאָל איז ער נעפאַלן גאָלדען אויף דעם האַלדז:

— מאַמעניו! איך וויל ברענגען פעלדמאַנען! אָט וועסטן אַליין זען, וואָס דאָס איז פאַר אַ מענטש...

עס פאַרשטייט זיך, אַז גאָלדע האָט אויף אים גאָרניט אַרויסגעזען „קיין פייגעלעך", ווי זי האָט נאָכדעם געזאָגט. דאָס האָט אָבער מאַריצן ניט געשטערט, ער זאָל זײַן בײַ פעלדמאַנען טאָג ווי נאַכט. פעלדמאַן האָט אים ליב געקריגן פאַר זײַן פעאיקייט און פאַר זײַן ווייכן גוטן כאַראַקטער, און האָט אים אַזוי צוגעבונדן צו זיך, אַז מאַריץ האָט אים אַלצדינג פאַר־טרויט, און האָט קיין זאַך ניט געטאָן און ניט געקלערט, ביז ער האָט פריער אים ניט דערציילט. איינמאָל איז פעלדמאַן שלאָף געוואָרן; מאַריץ האָט געשיקט זאָגן דער מוטער, אַז מען זאָל אויף אים ניט וואַרטן, ער וועט

נעכטיקן באַ דעם לערער, און האָט זיך געזעצט באַ דעם בעט, וווּ מיכאַיל איז געלעגן, און האָט אים מיט גרויס געטרײַשאַפט צוגעלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ.

טײַבעלע איז אויך געזעסן און האָט זיך געביטן מיט מאַריצן. גאָלדע האָט זיך ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און איז געקומען אַזייגער צוועלף באַנאַכט זען, וואָס טוט דאָ מאַירל אַזוי שפּעט. זי האָט געטראָפן מאַריצן מיט טײַבעלען זיצן באַם בעטל, אין וועלכן פעלדמאַן איז געלעגן אין גרויס היץ. זי איז אַרײַנגעקומען מיט אַ ליאַרעם, ווי זי איז געוווינט געוואָרן. זיי ביידע האָבן איר געוויזן מיט דעם פינגער, אַז זי זאָל הויך ניט ריידן. זי איז צוגעגאַנגען צום בעט און האָט זיך אײַנגעבויגן צום קראַנקן. דאָס האַרץ האָט זיך איר אַ וואָרף געטאָן פאַר רחמנות: ער איז געווען בלאַס, געלבלעך, מיט דאַרע געלע הענט, ווי באַ אַ טויטן, נאָר אַף זײַנע ליפּן האָט געשפּילט אַ שוואַך שמייכל. גאָלדע האָט באַטראַכט דאָס קליינע שטיבל מיט דעם אָרעמען מעבל, וועלכעס איז אפילו גאַנץ ריין געווען; זי האָט אַ קוק געטאָן, ווי די קינדער (מאַריץ מיט טײַבעלען) זיצן אַזוי ערנסט נעבן דעם חולה, איז זי צוגעגאַנגען צו טײַבעלען, האָט זי אַרומגענומען און האָט איר אַ קוש געטאָן אין קאָפּ. דער חולה האָט זיך איבערגעוואָרפן, האָט אויפגעעפנט די אויגן און האָט דערזען אַ פרעמדע פרוי באַ זיך, איז ער אַביסל צעמישט געוואָרן. מאַריץ האָט דאָס פאַרשטאַנען, האָט זיך צו אים אָנגעבויגן און האָט געזאָגט, אַז דאָס איז זײַן מוטער.

— אפשר וואָלט איר געשיקט צו מײַן דאָקטאָר? ער וועט באַלד קומען. — האָט אים גאָלדע געזאָגט פאַרזאָרגט.

—אַ דאַנק. — האָט איר פעלדמאַן געענטפערט. — אַ ביסל בין איך אַליין אַ דאָקטאָר און אַביסל פאַרלאָז איך זיך אַף דער נאַטור: זי דאַרף אַליין איבעראַרבעטן.

גאָלדע איז פאַרן אַוועקגאַנג צוגעגאַנגען צו טײַבעלען און האָט איר נאָך אַמאָל אַ קוש געטאָן. מאַריצעס און טײַבעלעס אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און זיי זײַנען ביידע רויט געוואָרן. אַז מיכאַילן איז גרינגער געוואָרן, זײַנען זיי זיך צעגאַנגען — מאַריץ איז אַוועק אַהיים, און טײַבעלע צו זיך אין איר צימער — יעדער מיט זײַנע געפילן אין האַרצן... מאַריץ איז געקומען אַהיים, און האָט זיך באַלד געלייגט שלאָפן. עס האָט זיך אים געחלומט, אַז ער ליגט אין בעט, און טײַבעלע האָט זיך אײַנגעבויגן צו אים,

און מיט אירע שװאַרצע געקרײַזלטע האָר האָט זי אָנגערירט זײַן געזיכט, און אירע שײנע שװאַרצע אױגן קוקן אױף אים אַזױ טרױעריק, אַז עס גלוסט זיך צו װײנען... טײַבעלען האָט זיך אױך געחלומט, נאָר אױף אַן אַנדערן אופן: עס האָט זיך איר אױסגעװיזן, אַז מאַריץ האַלט זי שטאַרק מיט זײַנע װײכע װײַסע הענט, און זײ דרײען זיך בײדע אין אַ גרױסן זאַל אָן אַ שיעור. זי װיל אים כאַפּן בײַ דעם קאָפּ און געבן אַ קוש אין זײַן שײנעם ליכטיקן שטערן, רײַסט ער זיך אַרױס און לױפֿט אַװעק װײַט־װײַט! און קומט װידער, און נעמט זי אַרום אין זײַנע אָרעמס און רײַסט זיך װידער אַרױס און לױפֿט אַװעק...

IV

װער איז געװען טײַבעלע?

געבױרן פֿון אָרעמע, אָרעמע עלטערן. איר פֿאָטער איז געװען אַ בעל־מלאכה, אַ שנײַדער. אַן ערלעכער. נאָר אַן אָרעמער. אַז טײַבעלע איז אַלט געװען פֿינף יאָר, פֿלעגט זי זײַן אַן עדות פֿון גאַנץ פֿײַנע סצענעס: איר מוטער איז געװען גאָר אַ יונגע און זײער אַ שײן װײַבל פֿון אַ יאָר פֿיר און צװאַנציק; זי איז געװען בײַ „יאָסל דעם קרומען" (אַזױ האָט מען גערופֿן טײַבעלעס פֿאָטער) דאָס צװײטע װײַב. זי האָט אים ניט ליב געהאַט און געטריבן אין דער ערד אַרײַן; ער האָט געהאָרעװעט װי אַן אײזל טאָג װי נאַכט, און זי האָט געלעבט װי גאָט אין אָדעס: געגעסן און געטרונקען, און אים פֿלעגט זי פֿאַרשטאָפּן דאָס מױל מיט אַ שטיקל ברױט און מיט אַ שיסעלע קוליש פֿון פּאַסאָליעס. זײַנע אַרבעטער פֿלעגן איר טראָגן שטילערהײט נים מיט קאָנפֿעקטן, און די נאָענטע שכנות האָבן אױף איר אונטערגערעדט... דעם מאַן פֿלעגט זי רופֿן „קרומער הונט", און קײן קללות האָבן זיך בײַ איר קײנמאָל ניט אױסגעלאָזט; יאָסל פֿלעגט איר אָבער ניט ענטפֿערן. אַז זי פֿלעגט זיך גוט צעשילטן, פֿלעגט ער זינגען שטיקלעך פֿון „כתר", פֿון „הלל", פֿון „ויאתיו", מיט זײער אַ טרױעריק קול, װעלכן טײַבעלע האָט ליב געהאַט צו הערן. די נאָדל פֿלעגט דעמאָלט פֿלִיען גאַנץ הױך, און אין זײַנע שװאַרצע גרױסע אױגן פֿלעגט גלאַנצן אַ טרער... עס איז געװען שװער אים אין כעס אַרײַנצוברענגען. נאָר אײן מאָל אױף איר לעבן געדענקט טײַבעלע אַזאַ סצענע: עס איז געװען „װײַבאָרעס" אין דער „בעצאָװאַי אופּראַװע", יאָסל האָט זיך עפּעס פֿאַרזאַמט און איז געקומען אַהײם אַביסל פֿאַרשמאַכט...

— שיכורניק!! — איז אַף אים אָנגעפאַלן יענטל (אַזוי האָט מען גערופן טײַבעלעס מוטער). — אַ שיכור דאַרפסטו נאָך זײַן? ! אָך און ווײ איז מײַנע יונגע יאָר און טעג!...

זי האָט אים לאַנג געשאָלטן און האָט אים געוואָרפן די זיפּ מיט קלײַען אין קאָפּ אַרײַן. יאָסל האָט געהאַט שוואַרצע געקרײַזלטע האָר. די קלײַען האָבן אים געמאַכט ווי אַ שד. יענטל האָט זיך צעלאַכט און האָט צונויפגערופן די אַרבעטער און טײַבעלען, זי זאָל אָנשפּײַען דעם טאַטן אין פּנים. טײַבעלע האָט נאָך ניט אויסגעפּעיעט צולויפן צום טיש, איז שוין יאָסל געשטאַנען מיט אויפגעהויבענע קולאַקעס; זײַנע אויגן זײַנען געווען אָנגעגאָסן מיט בלוט, זײַן פּנים איז געווען שרעקלעך; ער וואָלט געקאָנט צערײַסן יענטלען אַף שטיקלעך, ווען טײַבעלע זאָל ניט געווען אונטערפאַלן אונטער זײַנע פיס מיט אַ געוויין. יאָסל איז געבליבן שטיין אַף אַ מינוט שטיל. נאָכדעם האָט ער זיך געכאַפּט מיט ביידע הענט פאַר די פּאות מיט דער באָרד און האָט זיך אויסגעריסן צוויי זשמעניעס האָר... שפּעטער מיט אַ פערטל שעה איז טײַבעלע געלעגן אין בעט פאַרכליפּעט. יענטל איז געזעסן אין אַ ווינקעלע, אָנגעשפּאַרט אַף צוויי פינגער פון דער לינקער האַנט, און האָט געשאָלטן אַף דעם אַלטן שטייגער, און יאָסל איז געשטאַנען אײַנגעבויגן איבערן קינדס קאָפּ. אין די אויגן זײַנען אים געווען טרערן.

פונקט אין אַזאַ פּאָזע געדענקט טײַבעלע איר אָרעמען פאָטער, ווען איר מוטער איז געווען געפערלעך שלאַף, אַ האַלבע שעה פאַר דעם טויט. עס איז געווען אַ קאַלטער ווינטער־טאָג; יאָסל האָט נאָרוואָס אַרײַנגעטראָגן צוויי שײַטלעך האָלץ און האָט גענומען אײַנהייצן דעם אויוון; זײַן געקרײַזלטע באָרד און פּאות זײַנען געווען אָנגעפּילט מיט פעדערן; דאָס פּנים איז אים געווען אויסגעצויגן, די אויגן רויט; ער איז אַרומגעלאָפן אַהין און אַהער מיט דעם פינגערהוט אַף דעם אויסגעבויגענעם פינגער און האָט געשלונגען די טרערן. טײַבעלע איז געזעסן אַף דעם אויוון און האָט געקוקט אַראָפּ, ווי ער איז צוגעגאַנגען צו דער מוטער און האָט זיך אָנגעבויגן צו איר. יענטל האָט קוים אויפגעהויבן די האַנט און האָט אַ מאַך געטאָן אַרויף. יאָסל איז אָפּגעטראָטן אַביסל ווײַטער. זי האָט אים עטלעכע מאָל געוויזן מיט דער האַנט אַרויף... זי האָט, אַפּנים, געוואָלט, ער זאָל איר צוטראָגן דאָס קינד פאַר איר טויט. יאָסל האָט ניט פאַרשטאַנען וואָס זי מיינט. יענטל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, האָט נאָך אַמאָל אַ

קוק געטאָן אַרויף, האָט זיך איבערגעקערט אַף דער אַנדערער זײַט, און איז... אויסגעגאַנגען. יאָסל האָט זיך לאַנג ניט געמוטשעט אַף דער וועלט: ער האָט פּאַר צרות אָנגעהויבן טרינקען, האָט אָפּגעלעבט צגוויי יאָר, און איז געשטאָרבן.

V

טײַבעלע איז געבליבן עלנט ווי אַ שטיין. זי איז אַלט געווען נײַן יאָר, און האָט זיך אַרומגעוואַלגערט איבער דער שטאָט, ביז פּעסי די מעקלערן האָט איר געפונען אַן אָרט בײַ צירעלע דער פּאַריקמאַכערן. צירעלע איז געווען זייער אַ פײַן ווײַבל, אַ גרושה, אָן קינדער, און האָט זיך פּאַרדינט איר שטיקל ברויט, ניט אַזוי פון דער אַרבעט, ווי פון אַנדערע ספּעקולאַציעס... אונדזערע לעזער מיינען, אַז צירעלע איז געווען אַ סוחר, אָדער זי פלעגט פּאַרלײַען געלט אַף משכנות? חלילה! צירעלע איז געווען אַ ווײַבל אַ גאַנץ סאָלידנע. בײַ איר האָבן זיך שטענדיק געפונען עטלעכע יונגע מיידלעך יתומות. זי פלעגט זיי אויסהאַלטן און זייער שיין קליידן, און אַז זיי פלעגן אַלט ווערן פופצן־זעכצן יאָר פלעגט זי אָנהויבן מיט זיי שפּאַצירן אין גאָרטן און ווײַזן זיי דער וועלט... צירעלע איז באַקאַנט געווען מיט פיל יונגע לייט פון דער שטאָט און אויך מיט אַלע פּריצים. אונדזערע לעזער מיינען, אַז צירעלע איז געווען אַ הולטײַקע — חס ושלום! איר דאַוונען, איר ראש־חודש בענטשן, איר קנייטלעך לייגן, איר תחינות זאָגן האָבן געהאַט אַ שם! פּאַרקערט, זי פלעגט נאָך זאָגן, אַז א י ר מעג מען טאַקע גאָט־ברוך־הוא העלפן פּאַר איר חסד, וואָס זי טוט מיט די אָרעמע יתומות... טײַבעלע איז אָפּגעווען פיר יאָר בײַ צירעלען. זי האָט זיך אָנגעזען גאַנץ שיינע זאַכן, וואָס האָבן זיך אָפּגעטאָן מיט אירע עלטערע חברטעס, פון וועלכע מיר וועלן אונדזערע לעזער באַפרײַען... זי איז אַלט געוואָרן דרײַצן יאָר און איז געווען שיין, ווי דער זומער־טאָג. צירעלע האָט זיך געשפּיגלט אין איר. זי האָט זי ניט אָפּגעלאָזט פון די אויגן און פלעגט זי רופן „טאָכטער", און האָט זי אויסגעקליידט ווי אַ גרעפין. טײַבעלע איז געווען צופרידן מיט צירעלעס באַהאַנדלונג. נאָר איין זאַך האָט זי ניט געקאָנט איבערטראָגן: אויסהערן די קאָמפּלימענטן פון די פרעמדע יונגעלײַט, וואָס פלעגן זיך צונויפקלײַבן בײַ צירעלען אַלע טאָג.

ווער זײַנען די יונגעלײַט, וואָס פאַרברענגען בײַ איר די צײַט?...

און ווער איז דער יונגערמאַן, וואָס וווינט דאָ אַף דעם הויף, אין דעם קליינעם שטיבל, און גייט אַלע טאָג אַוועק אַף עטלעכע שעה און קומט צוריק צו אַ געוויסער צײַט אַהיים, און זיצט אַמאָל אַף אַ גאַנצע נאַכט איבער ביכער? פאַרוואָס גייט ער אויך ניט צו צירעלען צוגאַסט, גלײַך מיט יענע יונגעלײַט? מען דאַרף פרעגן בײַ צירעלען. צירעלע האָט איר געזאָגט, אַז דאָס איז עפּעס אַ שלימזל, אַן אָרעמער לערער. ער הייסט פעלדמאַן. זי האַלט ניט פון אַזעלכע יונגעלײַט: זי האָט ליב שיינע, רײַכע, פריילעכע, קלוגע...

פעלדמאַן האָט עטלעכע מאָל באַמערקט טײַבעלען אַרומגיין איבער דעם הויף איינע אַליין. פעלדמאַן האָט געוווּסט, ווער צירעלע איז, און וואָס פאַראַ מענטשן עס גייען צו איר... איינמאָל איז פעלדמאַן אַהיימגעקומען שפּעט פון די שטונדן און האָט געטראָפן טײַבעלען אַרײַנקוקן צו אים אין פענצטער. טײַבעלע האָט זיך אַביסל דערשראָקן, וואָס ער האָט זי אַזוי געטראָפן. עס האָט זיך צווישן זיי אָנגעהויבן אַזאַ געשפּרעך:

— איר האָט אַרײַנגעקוקט צו מיר אין מײַן חדר?

— יאָ... איר זענט הײַנט אַזוי שפּעט אַהיימגעקומען...

זיי זײַנען עטלעכע מינוט געשטאַנען שטיל און נאָר געקוקט אײנער אַף דעם אַנדערן און זיך געמאָסטן מיט די אויגן. ענדלעך האָט זי פעלדמאַן אַ פרעג געטאָן:

— איר זײַט שוין לאַנג בײַ צירעלען?

— איר קענט זי? — האָט אים טײַבעלע פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— איך האָב געהערט פון איר.

— פאַרוואָס גייט איר קיינמאָל ניט אַרײַן צו אונדז, ווי יענע יונגע לײַט? — טײַבעלע האָט זיך אויסגעדרייט צו צירלס הויז און האָט אים געוויזן מיט דעם פינגער אַף דעם פענצטער, וואָס איז געווען שטאַרק באַלײַכט.

— איר ווילט, איך זאָל אויך גיין אַהין? — האָט זי פעלדמאַן געפרעגט האַלב לאַכנדיק.

— האָ? ניין! איך פרעג, פאַר וואָס איר גייט ניט אַהין?

— פאַרוואָס איך גיי ניט? קיין רעכטער מענטש גייט ניט צו צירעלען... — פעלדמאַן האָט זיך פאַרכאַפּט. — איך בין זייער אַ פאַרנומענער מענטש און האָב קיין צײַט ניט.

טײַבעלע האָט זיך אַביסל פאַרטראַכט.

— פאַר וואָס־זשע זײַנען י ע נ ע ניט פאַרנומען? פאַרוואָס האָבן זיי יאָ צײַט? זיי זײַנען דען ניט קיין רעכטע מענטשן?...

פעלדמאַן האָט ניט באַלד געענטפערט.

— זיי האָבן ניט וואָס צו טאָן, זיי זײַנען לײדיקגייער, פּוסטע לײַט, נידעריקע מענטשן, זיי האָבן געלט און האָרעווען ניט דערויף, זיי מוזן ערגעץ פאַרברענגען די צײַט, כּדי זיי זאָלן ניט משוגע ווערן פאַר ראַסקאָש.

— איך האָב אויך געטראַכט דאָס זעלבע, — האָט טײַבעלע געזאָגט און איז צוגעגאַנגען נענטער צו פעלדמאַנען, — נאָר צירעלע זאָגט, אַז דאָס זײַנען די פײַנסטע יונגעלײַט אין שטאָט, און לויבט זיי גאָר אָן אַ שיעור... אָט פון אײַך לאַכט זי דווקא: איר זײַט איר ניט געפעלן...

זיי האָבן זיך ביידע צעלאַכט.

— איר זײַט שוין לאַנג באַ איר? — האָט פעלדמאַן ווידער געפרעגט.

— שוין פיר יאָר.

— איר זײַט צופרידן?

טײַבעלע האָט ניט געענטפערט אויף זײַן פראַגע און האָט נאָר אַ וואָרף געטאָן מיט אירע שוואַרצע געקרײַזלטע האָר, און אירע גרויסע שוואַרצע אויגן זײַנען געבליבן פאַרטראַכט.

— איר קלערט דאָרט לאַנג צו בלײַבן? — האָט זי פעלדמאַן ווײַטער געפרעגט.

טײַבעלע איז געשטאַנען אין דער זעלביקער פּאָזע און האָט אים שטיל געענטפערט:

— איך קלער שוין אַלײן גאַנץ לאַנג דעריבער און קאָן גאָר ניט צוקלערן... קיין עלטערן האָב איך ניט, קיין פרײַנט אויך ניט — און אַז איך דערמאָן זיך, וואָס מיט מײַן עלטערער חברטע האָט זיך אויסגעלאָזט!... זי איז ניט לאַנג געקומען צו אונדז אַ צעהרגעטע, אַ פאַרשוואָלענע, הונגעריק ווי אַ הונט... מיר האָבן זי קוים דערקענט!... צירעלע האָט זי צוריק ניט געוואָלט צונעמען. איך האָב זי געבעטן, מיר האָבן ביידע געוויינט פאַר איר, און זי וויל ניט און וויל ניט!... מיר האָט זי שטילערהייט געזאָגט, איך זאָל אַוועק פון דאַנען, וואָרעם עס קאָן מיט מיר אויך זײַן אַזאַ סוף, ווי מיט איר... זי האָט זיך מיט מיר געזעגנט און האָט אַזוי געוויינט...

פון טײַבעלעס שײנע אויגן האָבן זיך מיט אַמאָל אַ גאַס געטאָן טרערן. פעלדמאַן איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט זי אָנגענומען בײַ דער האַנט. טײַבעלע האָט זיך אויסגעריסן און איז אַנטלאָפן.

פון יענעם טאָג אָן האָט זי פעלדמאַן ניט געזען אַ וואָך צווײ. ער האָט גערעכנט, אַז זי איז אַנטלאָפן פון צירעלען; נאָר ווי גרויס איז געווען זײַן פאַרווונדערונג, אַז ער איז אײנמאָל געקומען אַהײם און האָט געטראָפן די טיר פון זײַן שטיבל אָפגעשלאָסן און טײַבעלע איז געזעסן בײַם טיש און האָט געקוקט אין אַ בוך! אַז זי האָט אים דערזען, האָט זי געשווינט צוגעמאַכט דאָס בוך, איז אויפגעשטאַנען און איז געבליבן פאַרשעמט, ווי אַ קלײן קינד, וואָס האָט זיך אַרײַנגעכאַפּט אין קעמערל, וווּ די עפּל מיט די באַרן ליגן, און פּלוצלינג איז אָנגעקומען די מוטער...

— איך האָב געוואַרט אױף אײַך אַ פּאָר שעה — האָט זיך טײַבעלע פאַרעפּנטפערט — און האָב געזען, אַז איר קומט ניט, האָב איך גענומען דעם שליסל (איך האָב געזען וווּ איר באַהאַלט אים) און בין אַרײַנגעגאַנגען צו אײַך און זיץ שוין דאָ לאַנג. איך האָב דערווײַל געזען אײַערע ביכער; מײַן עלטערע חברטע, פון וועלכער איך האָב אײַך דערצײלט, האָט מיך אויסגעלערנט לײענען רוסיש. איך בעט אײַך, איר זאָלט זיך אױף מיר ניט בײזערן. איך בין געקומען צו אײַך פרעגן אַן עצה...

פעלדמאַן איז געשטאַנען און האָט באַטראַכט דאָס יונגע אומגליק־לעכע מײדל; אירע שײנע אויגן זײַנען געווען רויטלעך, ווי בײַ אַ מענטשן, וואָס דערשלאָפט ניט אַ נאַכט, פון איר שײן ווײַס געזיכט איז געווען צו זען, אַז עס איז איר ביטער אױפן האַרצן. פעלדמאַן האָט איר צוגעטראָגן אַ בענקל און האָט זי געבעטן זיצן.

— זאָגט, איך וועל אײַך העלפן מיט וואָס און וויפיל איך קאָן.

טײַבעלע האָט זיך געזעצט און האָט אָנגעשפּאַרט איר קאָפּ אױף דער רעכטער האַנט, מיט דער לינקער האָט זי געבלעטערט דאָס בוך, וואָס זי האָט פריער אָוועקגעלײגט, די אויגן מיט די לאַנגע ברעמען האָט זי אַראָפּ־געלאָזט, און אױף אירע קלײנע רויטע ליפּן האָט געשפּילט אַ ביטער שמײכעלע.

— איך קאָן מער ניט זײַן בײַ צירעלען... איך...

— איר קאָנט דען ניט אָוועקגײן פון איר? — האָט זי פעלדמאַן

איבערגעשלאָגן. — זי האָט אײַך דען געקויפט ? זאָגט איר, אַז איר װילט מער ניט זײַן בײַ איר — און גענוג.

טײַבעלע האָט אויפגעהויבן די אויגן אויף פעלדמאַנען.

— איך בין אַרויסגעגאַנגען הײַנט פון צירעלעס הויז, און מײַן פוס װעט שוין דאָרט ניט זײַן אַזוי לאַנג װי איך װעל לעבן !...

בײַ די װערטער האָט איר די אויבערשטע ליפּ אַ ציטער געטאָן און איר געזיכט האָט אויסגעװיזן בייז. פעלדמאַן האָט פון איר ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג : אין אירע װערטער האָט ער געהערט אַ קול פון אַ מענטשן, ניט װי פון אַ קינד. ער האָט זיך באַטראַכט, אַז עס איז גלײַכער זי ניט צו פרעגן די אורזאַך פון איר באַשלוס. ער האָט איר פאָרגעלייגט אַלערליי פּלענער : אויב זי װיל, װעט ער איר אָפּזוכן אַן אָרט אויף צו לערנען זיך נייען און אַרבעטן, און אויב זי װיל, װעט ער זי לערנען לייענען און שרײַבן, און אויב ער װעט זען, אַז זי האָט דערצו אַ טאַלאַנט, װעט ער זי אַלץ לערנען װאָס מע דאַרף און װאָס ער קאָן. ער האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז דאָס איז גאָר ניט אַזוי שװער װי זי מיינט; מע דאַרף נאָר האָבן גענוג געדולד. ער האָט איז געזאָגט, אַז אויב זי װיל, קאָן זי אַפילו הײַנטיקן טאָג איבערבלײַבן בײַ אים אין דעם צװייטן צימער באַזונדער, ביז זי װעט קאָנען אַליין האָרעװען און זיך פאַרדינען צום לעבן און װעט ניט דאַרפן אָנקומען צו קיינעם. פעלדמאַן האָט גע־קאָנט ריידן : ער האָט איר געװיזן אַ בײַשפּיל פון זיך אַליין, און האָט איר דערציילט, װי עלנד און אומגליקלעך ער איז געװען, אַז מען האָט אים אַרויסגעטריבן פון זײַן שטאָט, װי אַזוי ער האָט באַדאַרפט גיין דאָס לעצטע מאָל צו רב נחמן פּליאַסק בעטן בײַ אים אויף הוצאות, און װי אַזוי רב נחמן האָט אים אויפגענומען: פריער איז ער אַרויסגעגאַנגען אויף צװיי שעה, נאָכדעם איז ער אַרײַנגעגאַנגען אין שטוב, האָט אָפּגע־שװענקט די הענט, האָט פאַרגלאָצט די אויגן און מיט גרויס כוונה גע־זאָגט „אשר יצר"... ער האָט געהייסן פעלדמאַנען שטיין אין הויז בײַ דער טיר, ביז ער װעט זיך אײַנגאַנצן אָפּפּאַרטיקן, און ער האָט זיך געשטעלט דאַװנען, װעלכעס האָט אויך געדויערט צװיי שעה. נאָך דעם דאַװנען האָט ער געזאָגט אַ ביסל זוהר, האָט געמאַכט אַ כוסה און האָט פאַרביסן מיט צװיי אָפּגעשיילטע אייער, גוט אײַנגעקאַטשעט אין זאַלץ. נאָכדעם האָט ער געהאַט אַ חשבון מיט אַ פאַרװיינטער אלמנה, װעלכע

האָט אים געבראַכט, אַ חוץ דעם זילבער, וואָס איז שוין לאַנג געלעגן פאַרזעצט באַ אים פאַר צוואַנציק רובל, אַ זײַדן קלייד, וואָס זי האָט געמאַכט איר טאָכטער צו דער חתונה און האָט עס פאַרזעצט באַ אים פאַר צען רובל, דערצו האָט זי זיך אונטערגענומען פערצן וואָכן אויס־צוצאָלן צו צוויי רובל מיט אַ פערטעלע יעדע וואָך, נאָך דער פּרשה, און אַז עס וועט גיין חוקת מיט בלק און מטות ומסעי צוזאַמען, דאַרף זי יענע וואָכן צאָלן דאָפּלט צו 4.50, און די וואָכן דאַרפן זיך אַלץ רעכענען איינציקע. פון די צען רובל האָט ער דערווײַל אָפּגענומען פּראָצענט פאַר „יענער" וואָך, אַ חוץ פּופציק קאָפּיקעס אַף „לחם־אביו־נים". די וויסטע אַלמנה איז אַרויסגעגאַנגען ווילד צופרידן, און רב נחמן האָט זיך געזעצט עסן אַליין, און פעלדמאַן איז אַלץ געשטאַנען באַ דער טיר, און האָט געהערט, ווי רב נחמן האָט געשאָלטן די קעכן, פאַר וואָס דאָס טייגעכץ איז אויסגעקומען אַזוי לויז, און די פאַלקע פון דעם עוף איז געווען אַ ביסל איבערגעבראָטן... נאָכדעם האָט ער געבענטשט אַפן קול, און צו „ובנה ירושלים" האָט ער זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד. נאָך דעם בענטשן האָט אים דאָס ווײַב אַרײַנגע־טראָגן צוויי געלע בארן מיט אַ פּלאַם־פּײַערדיקן אַרבוז אַן קערלעך; ער האָט אים אויפגעגעסן אינגאַנצן, און האָט זיך צוגעלייגט אָפּרוען ווידער אַף אַ שעה צוויי. אַז ער איז אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך געוואַשן די הענט און אַרײַנגערופן פעלדמאַנען צו זיך, און האָט אים גענומען זאָגן מוסר, אַז דער גיהנום מיט אַלע זײַנע שטראָף איז קאַרג פאַר אַזאַ שייגעץ, וואָס האָט אַ העזה צו לייענען איטשע־בערס ביכלעך אין אַ מקום־קדוש, און האָט געוויזן מיט ראיות ברורות, אַז געבן אַזאַ הולטאַי אַ נדבה איז די גרעסטע עבירה, אַ סך ערגער ווי צו הרגענען אַ מענטשן. דערמיט האָט ער אים אָפּגעלאָזט אַף אַלע פיר זײַטן. נאָר אַז פעלדמאַן איז פאַרביטערט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, האָט רב נחמן אַ קרעכץ געטאָן און האָט פאַרשריבן מיט רש"י־כתב אין „צעטל של הוצאות והכנסה": אַז דער שייגעץ, ימח שמו, וואָס מען האָט באַ אים געפונען דעם „אפס דמים", איז אַרויסגעגעבן געוואָרן פון לחם אביונים געלט 5 רו"כ על הוצאות הדרך...

פעלדמאַן האָט איר דערציילט זײַן גאַנצע ביאָגראַפיע פון יענער צײַט אָן ביז ער איז אַרײַן אין פינפטן קלאַס ראַבינער־שול. ער האָט

ניט פארגעסן צו דערציילן די מעשה, וואָס האָט זיך מיט אים געטראָפן אין דער שטאָט „בלאָטע". ער האָט געהאַט אַ רעקאָמענדאַציע צו דעם גביר פון דער שטאָט „בלאָטע" — רב גרשון שפּרינגער, וועלכער האָט אים צוגענומען לערנען מיט זײַן בן־זקונים פײַטל. רב גרשון שפּרינגער איז רײַך געוואָרן פון אַ קלייניקייט: ער האָט אויסגעדונגען עטלעכע יידישע פאַמיליעס די מילן, וואָס דער גראַף האָט געהאַט אין דער שטאָט, און זיי גייען נאָך עד היום אין די הײַזער, און אַליין איז ער געוואָרן אַ גביר, האָט געטאָן שאַרפן שידוכים און איז געוואָרן מיט חסידים אַ חסיד און מיט אַריסטאָקראַטן אַן אַריסטאָקראַט — דאָס וואָס הייסט בײַ אונדז אַ מעורב עם חבריות. ער האָט געקאָנט אויסקומען מיט דער גאַנצער וועלט, דאָס הייסט, יעדן באַזונדער אָפּנאַרן. ער האָט געוואָלט באַקומען אַ נאָמען אויף דער וועלט, פלעגט ער אַרײַנשיקן פון דער אימעניע צען וועגן שטרוי אין „הקדש" אַרײַן, און זײַן „אייגענער" קאָרעספּאָנדענט האָט צעבלאָזן אויף אַלע גאַזעטן, אַז הגביר רב גרשון שפּרינגער באַהייצט ווינטער אַלע אָרעמע לײַט אין דער שטאָט „בלאָ־טע". און אַז דער אַנדערער גביר אין דער זעלביקער שטאָט האָט באַ־דאַרפט שטאַרבן, און עס האָט זיך אים פאַרגלוסט דווקא אין גן־עדן אַרײַן, האָט ער איבערגעלאָזט זײַן גאַנצן קאַפּיטאַל אויף עולמות מיט גמילות־חסדים מיט תלמוד־תורה און האָט געמאַכט פאַר איין אָפּעקון, פאַרשטייט זיך, רב גרשון שפּרינגער, וועלכער האָט דאָס געלט פאַרטאָן וווּהין ער האָט געוואָלט, און אַ „חשבון", האָט ער געזאָגט, וועט ער ווײַזן, אם ירצה השם, אַז משיח וועט קומען, וואָרעם איצט איז ער שטאַרק פאַרנומען מיט זײַנע אייגענע געשעפטן...

כאָטש רב גרשון איז געווען אַן עם־הארץ און האָט קוים געקענט דאַוונען, נאָר „משכילים" האָט ער פײַנט געהאַט בתכלית השנאה, און פלעגט זיי רופן „זשוליקעס", און „השכלה" האָט בײַ אים געהאַט אַ נאָמען — „קראַנצעפּאַליע"*...

זײַן בן־זקונים פײַטל וואָלט באַדאַרפט געבוירן ווערן גאָר אַ גרויסער חכם, האָט אים דער מלאך געגעבן צו אַ שטאַרקע שנאָל אונטער דער

*) מיר האָבן געזוכט דאָס וואָרט „קראַנצעפּאַליע" אין אַלע נײַע און אַלטע ווערטער־ביכער און האָבן אַזאַ וואָרט נישט געפונען; לכן בעטן מיר אונדזערע לעזער, זיי זאָלן אײַנחזרן דאָס וואָרט „קראַנצעפּאַליע", וועט דאָס אונדז בלײַבן לדור דור...
דער פאַרפאַסער.

נאָז, איז ער געוואָרן אַ טיפּש... ער איז אַלט געווען אַכצן יאָר און האָט זיך געריבן צווישן די „משכּילים", און דער גמרא־מלמד פלעגט אים אַ מאָל פאַרשרייבן אַ קאָרעספּאָנדענציע אין אַ לשון־קודש־צייטונג, אַף וועלכער ער פלעגט שטעלן זיין נאָמען. אַז פעלדמאַן איז אָנגעקומען צו אים פאַר אַ לערער, האָט ער זיך געפּרוּווט מיט אים אויך מאַכן די זעלבע שווינדלערייען, האָט ער אים אָפּגעזאָגט. פייטל איז ברוגז גע־וואָרן און האָט אים געזידלט, געמאַכט מיט דער בלאָטע. פעלדמאַן האָט אים מיט זיינע דאַרע הענט, אַזוי ווי מיט אַ צוואַנג, אָנגענומען באַם גאַרגל און האָט אים אַרויסגעוואָרפן דורך דעם פענצטער... דער־פאַר איז ער אָפּגעזעסן צוויי וואָכן אין פּאָליציי און איז קוים מיטן לעבן אַנטלאָפן פון דער שטאָט „בלאָטע".

טייבעלע האָט מיט גרויס אינטערעס אויסגעהערט זיין ביאָגראַפיע, וועלכע פעלדמאַן האָט געקאָנט דערציילן און באַשיינען מיט אַנעקדאָטן און משלים. ער האָט זי אויפגעקלערט, אַז אַ מענטש קאָן פון זיך מאַכן וואָס ער וויל, און קיין שום שלעכטע אומשטענדן קאָנען אים ניט שטערן צו זיין דער אָרנטלעכסטער מאַן אַף דער וועלט, אַבי ער קוקט נאָר אַף יעדער זאַך מיט אָפענע אויגן און מיט זיין אייגענעם שׂכל, מיט זיין אייגן געפיל. ער מוז האָרעווען צו ווערן זעלבסטשטענדיק, צוליב זיך און צוליב דעם כּלל מענטשן.

טייבעלע האָט אים אויך דערציילט, וואָס איר יונגער שׂכל האָט גע־קאָנט באַמערקן אין איר לעבן. זי האָט אים פאַרשיט מיט פראַגן: פאַר וואָס איז דאָס אָדער יענץ אַזוי און ניט אַנדערש? און אַז עס איז שוין גאַנץ שפּעט געוואָרן און מען האָט שוין באַדאַרפט גיין שלאָפן, האָט זי פעלדמאַן אַריינגעפירט אין דעם צווייטן צימער און האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין צו זיך אין צימער, האָט אים טייבעלע אָפּגעשטעלט און האָט אים געגעבן איר האַנט מיט די ווערטער:

— איר זענט ניט אַזוי, ווי יענע יונגע לייט?... איר זענט באמת אַן אָרנטלעכער מאַן?

פעלדמאַן האָט אַ קוק געטאָן איר אין די אויגן מיט אַ שמייכל און האָט גאָרניט געענטפערט. טייבעלע האָט אים די האַנט ניט אַרויסגעלאָזט און האָט אים ווידער געפרעגט:

— איר שווערט בײַ אײַער לעבן?
— איך שווער בײַ מײַן לעבן!...

VI

די ערשטע צײַט האָט טײַבעלע געקוקט אויף פעלדמאַנען מיט צווייפל: זי האָט ניט געוווּסט, צי זאָל זי אים גלויבן, צי ניין. פעלדמאַן האָט דאָס פאַרשטאַנען, און טײַבעלע האָט אים אַמאָל אַליין געזאָגט, וואָס עס מור־טשעט זי. פעלדמאַן האָט איר דערויף געענטפערט, זי זאָל דאָס איבער־געבן דער צײַט, וואָס קאָן אַלץ איבערמאַכן און אויסזאָגן דעם רעכטן אמת. עס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט: אין אַ האַלב יאָר אַרום איז טײַבעלע צו אים צוגעבונדן געוואָרן, ווי אַ שוועסטער; זי האָט אַליין אַלץ געטאָן אין שטוב: געקאָכט, געראַמט, גרעט געוואַשן און נאָך אַזעלכע אַרבעט. אין לערנען האָט טײַבעלע באַוויזן אַזאַ פעיִקייט, אַז פעלדמאַן האָט זיך געוווּנדערט. ער האָט מיט איר געלערנט עטלעכע שעה אין טאָג; די איבעריקע צײַט האָט זי געלעזן ביכער. פעלדמאַנען האָט זי ניט גע־לאָזט אַטעמען: זי האָט אַלץ געוואָלט וויסן. עס איז פאַרגאַנגען נאָך אַ יאָר. עס האָט זיך געמאַכט אַזוי, אַז מען האָט פעלדמאַנען גערופן צו אַ רײַכן מאַן און מען האָט אים פאָרגעלייגט אַ שטונדע געבן אַ קליין מייד־דעלע פון אַ יאָר צען; פעלדמאַן איז אָבער געווען זייער פאַרנומען, און האָט רעקאָמענדירט טײַבעלען. טײַבעלע האָט דאָרט אָנגענומען די לעקציע פאַר צוואַנציק רובל אַ חודש און איז פאַר פרייד שיעור ניט אַרויפגעפאַלן פעלדמאַנען אויף דעם האַלדז:

— נו, מיכאל, הײַנט בין איך כמעט אַזוי רײַך ווי איר; איך האָב שוין קיין מורא ניט, טאָמער וועט איר מיך אַרויסטרײַבן...

יענעם אָוונט האָבן זיי לאַנג געפּלוידערט צוזאַמען. טײַבעלע האָט זיך געמאַכט נאַריש, ווי אַ קליין קינד, און פעלדמאַן האָט אָנגעקוואָלן פון איר, ווי אַ גליקלעכער פאָטער. זיי האָבן אַזוי לאַנג גערעדט, ביז עס איז געקומען צו גאַנץ וויכטיקע זאַכן. טײַבעלע האָט אויפגעהערט צו לאַכן און האָט פאַרטראַכט געהערט פעלדמאַנען, וועלכער האָט אין דעם אָוונט אויסגעגאָסן פאַר איר אַלע זײַנע געפילן. טײַבעלע האָט אים ניט רעכט פאַרשטאַנען און געבעטן, ער זאָל איר זאָגן וואָס ער מיינט. פעלדמאַן

האָט איר צום ערשטן מאָל אין די צוויי יאָר אויסגעזאָגט, אַז ער ליבט זי מער פון אַלץ אויף דער וועלט !... טײַבעלע איז רויט געוואָרן ווי אַ רויז; זי איז צוגעגאַנגען צו אים. האָט גענומען זײַן האַנט צו זיך אין די הענט, האָט זיך אײַנגעבויגן צו אים און האָט אים לאַנג געקוקט אין די אויגן. פעלדמאַן האָט געפילט די וואַרעמקייט פון אירע קליינע גלאַטע הענטלעך, מיט דעם ריח פון אירע האָר, וועלכע האָבן אָנגערירט זײַן געזיכט. זיי האָבן ביידע קיין וואָרט ניט אויסגערעדט, און אַזוי זײַנען זיי זיך צעגאַנגען אין זייערע צימערן, ווי אַלע נאַכט. איבער טײַבעלעס בעט איז געהאַנגען פעלדמאַנס פּאָרטרעט; זי האָט אים אַראָפּגענומען, האָט צוגעשלאָסן די טיר און האָט געקוקט אויף דעם בילד:

— אָ, טײַערער מיכאל, דו ביזט זייער אומערלעך !...

אין דער נאַכט האָט טײַבעלע געזען אַזאַ חלום:

אַ גרויסער, ברייטער, טיפער גרוב, אין אַ גרונד; עס פליען אַרום אין דער לופטן קליינע מענטשעלעך, וואָס האָבן אַ פּנים פון שלאַנגען און יאָגן זיך איינע נאָך די אַנדערע. זי האָט דאָרט דערקענט צירעלען, וועלכע האָט זיך מיט צעשפּרייטע אָרעמס און מיט אַ שמייכעלע געקאַטשעט און געדרייט אַהין און אַהער; אַרום איר האָבן זיך אַרומגעדרייט נאָך קלענערע מענטשעלעך מיט פאַרשיידענע פיזיאָנאָמיעס. זי האָט צווישן זיי דערקענט אייניקע יונגעלייט, וואָס פלעגן זײַן פון צירעלעס געסט. אין אַ זײַט האָט זי דערזען איר עלטערע חברטע, וועלכע האָט אויף זיך געריסן די קליידער און געוויינט, געיאָמערט מיט אַ משונה קול. זי האָט אויפגעהויבן די אויגן, האָט זי דערזען פעלדמאַנען אַזוי גרויס און שיין, אַז זי האָט שוין גאָר פאַרגעסן אין די אַלע קליינע מענטשעלעך; נאָר זײַן געזיכט איז געווען אַזוי ווי מיט אַ וואָלקן באַדעקט; זײַנע אויגן האָבן געקוקט אויף איר מיט אַ געבעט, מיט רחמנות. זי האָט זיך געוואָלט אויפהייבן אַביסל העכער, נאָר זי האָט ניט געקאָנט, גלײַך ווי עמעצער וואָלט זי צוגעהאַלטן. זי האָט געפילט, אַז זי פאַלט אַלץ נידעריקער און נידעריקער...

אויף מאָרגן, אַז פעלדמאַן האָט זי דערזען, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז בײַ טײַבעלען זײַנען רויט די אויגן, גלײַך ווי זי וואָלט געוויינט אַ גאַנצע נאַכט. ער האָט זי געוואָלט פרעגן, וואָס דאָס באַדײַט, נאָר ער האָט זי ניט געפרעגט. פון דעמאָלט אָן פלעגט טײַבעלע זײַן פאַרטראַכט און ווי

פֿאַרזאָרגט, און פֿעלדמאַן האָט ניט געהאַט קיין געלעגנהייט אויפֿמישן דאָס אַלטע געשפּרעך. אַזוי איז איבערגעלאָפֿן נאָך אַ האַלב יאָר. טײַבעלע איז שוין אַלט געוואָרן פֿופֿצן־זעכצן יאָר און איז געווען ווי אַ בלום, וואָס הייבט נאָר אָן צו בליִען.

אונדזערע לעזער דאַרפֿן געדענקען, ווי אַזוי עס איז געשלאָסן גע־וואָרן די ערשטע באַקאַנטשאַפֿט צווישן מיכאיל פֿעלדמאַן און מאָריץ זילבערמאַן. אַף דעם צווייטן טאָג האָט אים פֿעלדמאַן פֿאַרגעשטעלט פֿאַר זײַן שילערן טײַבעלע זאָנענשיין, און אַזוי זײַנען די יונגע מענטשן באַקאַנט געוואָרן. זיי פֿלעגן זיך זען אַלע טאָג, צוזאַמען לערנען, ביכער לייענען, אָפֿטמאָל זיך קריגן איבער אַ בוך און גיין שפּאַצירן. עס איז איבערגעגאַנגען עטלעכע מאָנאַטן ביז דער צײַט, וואָס פֿעלדמאַן איז שלאַף געלעגן און גאָלדע זילבערמאַן איז בײַ אים געווען. ער איז אָפּ־געלעגן נאָך פֿינף טעג און איז אינגאַנצן געזונט געוואָרן. מאָריץ מיט טײַבעלען זײַנען אַזוי פֿריילעך געווען דערפֿון, אַז זיי האָבן באַשלאָסן צו מאַכן מיכאילן אַ סורפּריז (איבערראַשונג). עס איז געווען חודש מײַ. זיי האָבן אָנגעקויפֿט פֿיל בלומען און האָבן באַהאַנגען די ווענט פֿון זײַן צימער. אַז פֿעלדמאַן איז אַרײַנגעקומען, האָט ער זיי געדריקט די הענט און האָט זיי געדאַנקט פֿאַר זייער געטרײַשאַפֿט. דאָ האָבן זיך מאָריץ מיט טײַבעלען ווידער באַגעגנט מיט די אויגן און זײַנען ווי רויט געוואָרן. פֿעלדמאַן האָט דאָס באַמערקט און האָט זיך אַ ביסל פֿאַרקלערט דערויף. דעם גאַנצן טאָג האָט ער ווייניק גערעדט און איז געווען פֿאַרטראַכט. טײַבעלע האָט זיך צו אים געטשעפּעט, וואָס איז מיט אים; ער האָט איר געזאָגט, אַז דער קאָפּ טוט אים אַ ביסל וויי, און איז אוועקגעגאַנגען צו זיך אין צימער. מאָריץ האָט טײַבעלען נאָך קיין איינציק וואָרט געזאָגט פֿון זײַנע געפֿילן צו איר. איינמאָל זײַנען זיי געזעסן צוזאַמען באַם טיש און האָבן געוואַרט אַף פֿעלדמאַנען און האָבן ביידע געשוויגן. מאָריץ האָט עפּעס יאָ געוואָלט זאָגן, נאָר ער האָט זיך גיך געכאַפּט און האָט אַ הוסט געטאָן. פֿעלדמאַן איז גע־קומען, און זיי זײַנען לעבעדיקער געוואָרן. נאָך דער לעקציע האָט זיך מאָריץ געקליבן אוועקצוגיין און באַם געזעגענען האָט טײַבעלע דערפֿילט אין דער האַנט אַ שטיקל פּאַפּיר. מאָריץ איז אוועקגעגאַנגען, און טײַ־בעלע איז געוואָרן בלאַס, דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט ווי מיט אַ האַ־

מער, די הענט האָבן איר געציטערט. זי האָט דאָס צעטעלע אַרײַנגעלייגט אין קעשענע און האָט גערעדט מיט פעלדמאַנען. פעלדמאַן האָט אָבער באַמערקט, אַז טײַבעלע ענטפערט ניט צו דער זאַך, האָט ער אַף איר פאַרוווּנדערט אַ קוק געטאָן. דאָס געזיכט האָט איר געפלאַמט, ווי פײַער. ער האָט איר צוגעלייגט די האַנט צום שטערן: דער קאָפּ איז איר געווען הייס.

— טײַבעלע! וואָס איז מיט דיר?!

— גאָרניט, כ׳לעבן, גאָרניט... — האָט אים טײַבעלע געענטפערט און איז אַרויסגעגאַנגען צו זיך אין צימער, האָט אַרויסגענומען דאָס צעטעלע, וואָס מאַריץ האָט איר איבערגעלאָזט, און האָט איבערגעלייענט די ווערטער:

„הײַנט, זייגער פינף, וועט איר זײַן אין שטאָט־גאָרטן אונטער דעם עפּלבוים. איך דאַרף אײַך זאָגן זייער אַ נייטיקע זאַך".

זייער פיר, אַז פעלדמאַן איז נאָך געווען אַף די שטונדן, האָט זיך טײַבעלע אָנגעטאָן, האָט פאַרשלאָסן די שטוב און איז געשווינט אַרויסגעגאַנגען. אַף דער גאַס האָט זי זיך אַנידערגעשטעלט און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן באַם האַרץ, וועלכע האָט ניט אויפגעהערט צו קלאַפּן... אַז זי איז אַרײַנגעקומען אין גאָרטן, איז זי באַלד צוגעגאַנגען צו דעם עפּלבוים און האָט זיך צוגעזעצט אַף דער באַנק. די זון האָט דורכגעשלאָגן אירע שטראַלן דורך די געדיכטע צווײַגן פון די ביימער, דער סאָלאָוויי האָט געזונגען. טײַבעלע האָט אַרויפגעקוקט אַף דעם בוים און האָט באַמערקט, ווי צוויי פייגעלעך האָבן זיך געשלאָגן; זייער מלחמה האָט זי אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז זי האָט ניט געהערט, ווי מאַריץ איז צוגעגאַנגען צו איר. ער איז געבליבן שטיין און האָט געקוקט אַף אירע שוואַרצע געקרײַזלטע האָר, וואָס דאָס ווינטעלע האָט געשאָקלט; איר האָרצ האָט זיך געהויבן אַרויף און אַראָפּ, און איר מיט אַ ווײַס זעקל באַדעקט קליין פיסל האָט אַרויסגעשטאַרט פון דעם שוואַרצן קלייד און איז אַראָפּגעהאַנגען פון דער באַנק. מאַריץ האָט מורא געהאַט כאַפּן דעם אָטעם, ער זאָל זי ניט אויפוועקן. עס איז אַוועקגעגאַנגען נאָך צוויי מינוט. מאַריץ האָט שטילערהייט געזאָגט:

— טײַבעלע...

— אַך! מאַריץ?!... — האָט זי זיך אויפגעכאַפּט און אין איין

אויגנבליק איז זי שוין געשטאַנען אַף די פיס. ווי אַזוי דאָס איז געוואָרן — גערענקען זיי ניט, נאָר מאַריץ האָט געהאַלטן טײַבעלען אין זײַנע אָרעמס און האָט איר ווי פאַרטומלט געזאָגט:

— טײַערע, טײַערע טײַבעלע! איך האָב דיר שוין לאַנג געוואָלט זאָגן, נאָר איך האָב מורא געהאַט פאַר דײַנע שוואַרצע בייזע אויגן!...

און מיט די ווערטער האָט ער צוגערעקט מיט זײַנע הייסע קושן אירע אויגן, די ברעמען, דעם קאָפּ, די הענט... טײַבעלע האָט זיך ניט געפּרוּווט אויסרײַסן פון זײַנע הענט; זי האָט נאָר געזאָגט:

— שוין לאַנג, טײַערער מאַריץ?... זאָג: שוין לאַנג, שוין לאַנג?...

VII

דרײַ טעג איז טײַבעלע נאָכדעם ארומגעגאַנגען צעטראָגן. זי האָט געשיקט צו מאַריצן אַזאַ צעטעלע:

„מײַן טײַערער! וואַרט נאָך אַ טאָג און גיי ניט צו אונדז: איך וויל ניט, איך קאָן ניט! איך וועל פאַרברענט ווערן פאַר שאַנד, וואָס איך האָב גענאַרט אונדזער אײנציקן פרײַנט מיכאַיל און האָב אים נאָך ביז הײַנט ניט אויסגעזאָגט מײַן גליק. הײַנט — מאָרגן וועל איך אים דער־ציילן. וואַרט נאָך אַ טאָג, נאָך אַ טאָג, ביז איך וועל דיר שרײַבן, דו זאָלסט קומען צו אונדז. איך וויל דיך שוין זען!"...

אין יענעם אָוונט, זייגער צוועלף, אַז פעלדמאַן האָט זיך שוין גע־קליבן לייגן שלאָפן, האָט אים טײַבעלע אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר. ער האָט זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט אַף איר שפּעטיקן וויזיט. טײַבעלע האָט זיך צוגעזעצט אַקעגן פעלדמאַנען מיט די ווערטער:

— מיכאַיל, איך האָב אײַך איצט אַ וויכטיקע זאַך צו זאָגן: מײַן האַרץ, וואָס איז ביז אַהער פרײַ געוועזן, איז ניט לאַנג געוואָר געוואָרן פון אַ נײַס...

פעלדמאַן האָט ברייט אויפגעעפנט די אויגן, און טײַבעלע האָט ווײַטער גערעדט, גלײַך און ריין:

— איך האָב ביז אַהער ניט געוווּסט, אַז ליבע איז אַזוי שטאַרק, אַז זי ווייסט ניט קיין גרענעץ, קיין שעמעוודיקייט.

פעלדמאַן האָט געהערט נײַע ווערטער פון איר, און האָט זיך גע־

קלערט: „דאָס איז זי געקומען אויפדעקן איר האַרץ פאַר מיר און אויס־זאָגן, אַז זי ליבט מיך אויך, ווי איך זי, שוין אַזוי לאַנג"...

— מײַן בעסטער פרײַנט מיכאַיל! איך מוז אײַך דערציילן, וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט די לעצטע טעג: איך האָב ליב מאַריץ זילבער־מאַן...

פעלדמאַן איז געוואָרן בלאַס, ווי די וואַנט, און האָט זיך געריבן איין האַנט אָן דער אַנדערער. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן און האָט ניט געקאָנט... טײַבעלע האָט דאָס געזען און האָט ווײַטער גערעדט:

— איך ווייס, אַז דאָס זעט בײַ אײַך אויס קרום... מאַריץ איז ניט מײַן גלײַכן: ער איז אַ פּרינץ... נאָר וואָס זאָל איך אָבער טאָן מיט מײַן האַרץ? קאָן איך דען זאָגן: „שאַ, שווײַג שטיל"? ניין, איך בין ניט שולדיק. איך האָב אים ליב אַזוי פיל, אַז מער קאָן מען שוין קײַן מענ־טשן ניט ליבן!...

— קינד, קינד! — האָט איר פעלדמאַן געענטפערט. — דו פאַר־ענטפערסט זיך אומזיסט: איך האָב שוין לאַנג אַרויסגעזען, אַז עס דאַרף גיך קומען די צײַט, ווען דײַן האַרץ וועט אויך אָנהייבן צו ריידן. אמת, איך האָב ניט געוווּסט אַף וועמען דײַנע אויגן קוקן... (דאָ האָט זיך פעלדמאַן אַ ביסל פאַרהוסט). איך האָב ניט געוווּסט, אַז דו האָסט פאַר דײַנע אויגן אַזאַ מענטשן, וואָס זײַן שיין געזיכט מיט זײַן געשטאַלט קאָן האַרמאָניזירן מיט אַזאַ פּרײַלן, ווי דו...

טײַבעלען זײַנען די ווערטער ניט געפעלן. זי האָט אים איבערגע־שלאָגן:

— האָט קײַן פאַריבל ניט, מיכאַיל, איר ווילט מיר אַ פאָרוווּרף מאַכן, אַז איך האָב ליב אַ שיין פּנים...

— טײַבעלע! דו קענסט מיך ניט פון נעכטיקן טאָג; דו ווייסט, אַז מיר איז אויך ליכטיקער צו זען פון דער ווײַטנס, אַז די ליבנדע זײַ־נען ביידע שיין און יונג; עס איז אָנגענעם צו זען אַזאַ פײַן פּאָר, ווי דו מיט מאַריץ זילבערמאַן... נאָר זאָג מיר, טײַבעלע, וואָס איך וועל בײַ דיר פרעגן, און זאָלסט זיך ניט געפינען באַליידיקט, וואָס איך מיש זיך אַרײַן אין אײַערע געשעפטן: צי קענסטו אים שוין גוט? צי האָט איר שוין גערעדט וואָס ווײַטער וועט זײַן? צי האָט איר זיך געפרעגט, ווּהין דאָס וואָסער טראָגט אײַך?...

פעלדמאַן האָט נאָך לאַנג גערעדט איבער דעם ענין. טײַבעלע האָט אים ניט געענטפערט; זי איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אַף בײדע הענט און האָט ניט אַראָפּגעלאָזט קײן אױג פון פעלדמאַנען, װעלכער איז אַרומ־געגאַנגען אַהין און צוריק שטאַרק צעטראָגן איבער אַ האַלבע שעה, אין װעלכער ניט פעלדמאַנען ניט טײַבעלע האָבן קײן װאָרט ניט גערעדט. ענדלעך איז פעלדמאַן צוגעגאַנגען צו איר, האָט אַרױפגעלײגט בײדע הענט אַף אירע אַקסלען און האָט איר געזאָגט מיט אַ שטיל קול:

— טײַבעלע! דו װײסט, אַז דו ביזט באַ מיר טײַער... װי אַ שװעס־טער, װי אַ קינד... פאַרלאָז זיך אַף מיר, איך װעל אײַך בײדע נוצלעך זײַן. נאָר דאָס בעט איך פון דיר: אױב, באַהיט גאָט, אונדזערע פּלענער װעלן ניט אױסגעפירט װערן און עס װעט זיך ניט גוט אױסלאָזן — זאָלסטו זיך דערמאָנען אָן דײַן אײנציקן בעסטן פרײַנט, מיכאל פעלד־מאַן...

VIII

די גרעסטע שרײַבער, פּאָעטן, פּסיכאָלאָגן האָבן לאַנג געהאָרעװעט איבערצוגעבן אַף דעם פּאַפּיר די בעסטע מאָמענטן פון דער אמתער ליבע, נאָר דאָס קאָן נאָר פאַרשטײן דער, װאָס האָט אַלײן ליב געהאַט און איז געװען געליבט. נאָר ניט אַלע גליקלעכע ליבנדע טרינקען אַלע גלײַך פון דעם זעלטענעם טײַערן װײַן: אײנער פאַרזוכט דעם פאַרגעניגן אַ מי־נוט, אײן אױגנבליק; דער אַנדערער געניסט עס זײַן גאַנץ לעבן. מאַריץ מיט טײַבעלען האָבן זיך געבאָדן אין דעם ליכטיקן רײנעם װאַסער צװײ יאָר. צװײ יאָר גליק! צװײ יאָר כסדר זען אַלע טאָג דעם מענטשן, װאָס מיט אײן קוק, מיט אײן װוּנק װערן באַלײַכט אַלע פאַרבאָרגענע װינקע־לעך פון זײַן האַרצן, װאָס דערװעקט אונדזערע מענטשלעכע געפילן, װאָס קאָן אונדז איבעראַרבעטן אײנגאַנצן. — ליבער לעזען! איר װײסט, װאָס הײסט צװײ יאָר גליק?... אין די צװײ יאָר האָט עס מאַריצן װײַט געבראַכט: פעלדמאַן האָט אים צוגעגרײט אַרײַנצוטרעטן אין אוניװער־זיטעט; טײַבעלע האָט נאָך בעסער געלערנט און האָט גערעכנט אין אַ יאָר אַרום אױך פאָרן לערנען אין דער שטאָט, װוּ מאַריץ װעט זײַן. װעלכע שײנע לופטשלעסער האָבן זיך די גליקלעכע געבױט! דאָס קינפ־טיקע גליק איז באַ זײ שױן געװען באַשטימט. אַף דעם ערשטן בלאַט פון

אונדזער דערציילונג האָבן מיר איבערגעלאָזט טײַבעלען ליגן אין בעט באַגאָסן מיט טרערן. אונדזערע לעזער ווילן שוין וויסן די אורזאַך, וואָס די איבערגליקלעכע טײַבעלע האָט געוויינט. מיר וועלן זיי באַלד דער־קלערן:

גאָלדע זילבערמאַן איז קראַנק געוואָרן. די דאָקטוירים האָבן איר געהייסן פאָרן קיין קאַרלסבאַד. גאָלדע האָט געוואָלט מיטנעמען מאָריצן אויך קיין אויסלאַנד, נאָר ער האָט בשום אופן ניט געוואָלט פאָרן. פון קאַרלסבאַד האָט אים גאָלדע געשיקט אַלע טאָג בריוו, אַז עס איז איר זייער שווער צו זײַן אַליין אין אַ פרעמד לאַנד, און ווען ניט די פאַמיליע נאַטקין, מיט וועלכער זי האָט זיך באַקענט, וואָלט זי שוין לאַנג געקומען צוריק אַהיים. ישראל נאַטקין איז געווען אַ רוסישער ייִד, זייער אַ רײַכער, און איז געקומען מיט דער גאַנצער פאַמיליע קיין קאַרלסבאַד אויף דעם גאַנצן סעזאָן. גאָלדע האָט זיך גאָרניט געקאָנט אָפּלויבן פון דער פאַמי־ליע, באַזונדערס פון רב ישראלס טאָכטער, אַ מאַמזעל פון אַ יאָר צוואַנ־ציק, זייער אַ פײַנע, אַ געבילדעטע און מיט אַלע מעלות. גאָלדעס בריוו זײַנען געווען פול מיט קאָמפּלימענטן אויף דער מאַמזעל נאַטקין, וועלכע האָט נאָך פופציק טויזנט רובל נדן... זי האָט זיך געוווּנטשן, אַז גאָט זאָל איר צושיקן אַזאַ שנור... מאָריץ האָט זיך אויסגעלאַכט אויף אַלע אירע בריוו, און האָט זיי געוויזן טײַבעלען און פעלדמאַנען. ענדלעך האָט ער דערהאַלטן פון דער מוטער אַ בריוו, אין וועלכן זי מיט דער גאַנצער פאַ־מיליע נאַטקין בעטן אים, ער זאָל זיך דורכפאָרן קיין קאַרלסבאַד. אָט דאָס איז געווען דער בריוו, וואָס מאָריץ האָט געוויזן טײַבעלען, און דורך דעם האָט זיך בײַ זיי פאַרבונדן דער שמועס, וואָס איז שוין באַקאַנט אונדזערע לעזער פון דעם ערשטן קאַפּיטל פון אונדזער דערציילונג. אַז מאָריץ איז אַוועקגעגאַנגען, איז פעלדמאַן געקומען און האָט געטראָפן טײַבעלען אין טרערן. האָט ער באַלד פאַרשטאַנען, אַז עס איז שוין עפּעס אַ נײַעס געשען בײַ די ליבנדע. ער האָט זיך צוגעזעצט צו איר און האָט געוואַרט, וואָס וועט זי זאָגן.

— מיכאַיל, איר ווילט וויסן, וואָס איך וויין? גלויבט מיר, מײַן פרײַנט, אַז איך ווייס אַליין ניט, צי איז דאָס פאַר פרייד, צי פאַר צרות?... מאָריץ איז דאָ ערשט געווען... אַך, מיכאַיל, איר זאָלט געווען זען, הערן,

ווי ער האָט גערעדט!... ער האָט געוואָלט שיקן אַ דעפּעשע קיין קאַרלס־באַד, אַז די מוטער זאָל קומען...

— וואָס דאַרף ער די מאַמע? — האָט זי פעלדמאַן מיט אַ שטאָך געפרעגט.

טײַבעלע איז פאַר כעס אונטערגעשפּרונגען אויף דעם בעט:

— וואָס דאַרף ער די מאַמע?... מיכאַיִל, איר זײַט צו מאַריצן צו שטרענג: זי איז דאָך פאָרט אַ מוטער! זי דאַרף דאָך וויסן, וואָס איר איינציקער זון טוט! זי איז אַ מוטער!...

— קינד מײַנס! — האָט איר פעלדמאַן שטיל געענטפערט — דו ביסט איצט צעטראָגן, ווייסטו נישט וועך עס זאָגט גלײַך — איך, צי דו...

טײַבעלע האָט זיך נאָך ערגער צערייצט.

— איך בין צעטראָגן? רעכט!... נו, זאָגט־זשע איר בעסער, אַז איר קאָנט און ווייסט!

טײַבעלע האָט זיך ווידער באַגאָסן מיט טרערן. פעלדמאַן האָט זי אײַנגעשטילט, אײַנגענומען, ווי אַ קליין קינד; ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעצויגן צו זיך. טײַבעלע האָט אָנגעהויבן שטילער ווערן, און אין עטלעכע מינוט אַרום איז זי שוין ווײַטער געווען מונטער, ווי אַלע מאָל. זי האָט זיך אָפּגעוואַשן, אָנגעטאָן, גערעדט, געשפּעט און געלאַכט. אויף דעם קאָפּ האָט זי אָנגעטאָן אַ קרענצל פון רויזן, וואָס מאַריץ האָט איר געשענקט פון זײַן גאָרטן; די אויגן האָבן איר געברענט, ווי צוויי בריליאַנטן באַם ליכט. פעלדמאַן האָט אָנגעקוואָלן פון איר. ער האָט איר עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָר אין מיטן האָט זיך אויפגעעפנט די טיר און עס איז אַרײַנגעקומען מאַריץ. ער איז געווען אָנגעטאָן רײַזע־פּערטיק... טײַבעלע האָט געפילט, אַז עס האָט זיך איר אָפּגעריסן דאָס האַרץ; זי איז געבליבן שטיין אויף אַן אָרט, בלאַס ווי דער טויט, און האָט ניט געקאָנט אויסריידן קיין וואָרט. מאַריץ איז צוגעגאַנגען צו איר. פעלדמאַן האָט אים געבעטן זיצן. ער האָט זיך געכאַפּט און געזאָגט:

— טײַבעלע, מיכאַיִל, זײַט געזונט: איך פאָר קיין קאַרלסבאַד... אָט ערשט האָב איך דערהאַלטן אַ דעפּעשע: די מאַמע איז שטאַרק שלאַף; מען רופט מיך אַהין... איך וועל אײַך אַלע טאָג שרײַבן בריוו... איך וועל גיך קומען צוריק.. טײַבעלע! איך וועל ריידן מיט איר וועגן אונדז... זײַט געזונט, מײַנע טײַערע...

פעלדמאַן האָט געזען, אַז טײַבעלע שטייט קוים אױף די פיס. ער איז צוגעגאַנגען צו איר און האָט איר שטיל געזאָגט:

— טײַבעלע! וואָס איז מיט דיר...

— האַ? איך? גאָרניט!... דו פאָרסט?... איר פאָרט?... — האָט טײַבעלע געזאָגט און האָט אַרויסגעצויגן אַ פרייִלעכע מאַסקע אױפן פּנים.

— נו, פאָרט געזונד! — האָט אים פעלדמאַן געזאָגט. — און פאַרגעסט אונדז ניט — פאַר צרות, אָדער פאַר פרייד...

ער האָט אָפּגעזוכט דאָס היטל און איז אַרויסגעגאַנגען פון שטוב, בכדי די ליבנדע זאָלן זיך קאָנען געזעגענען אָן אַ דריטן. אַז מאַריץ איז איבערגעבליבן אַליין מיט טײַבעלען, האָט ער איר געוואָלט פאַלן אױפן האַלדז; זי האָט אים אָבער אָפּגעהאַלטן.

— מאַריץ... דאָ ניט, דאָס דאַרף מען ניט... טײַערער, איך וועל דיך מאָרגן ניט זען? און איבערמאָרגן אויך ניט? און אפשר קיינמאָל ניט?...

— טײַבעלע! וואָס רעדסטו? איך וועל דיך גיך, גיך זען...

— מאַריץ! דו ווייסט: איך בין דײַנע, דײַנע, מאַריץ!...

— דו ביסט מײַנע, מײַנע אױף אייביק! טײַבעלע, איך וועל דיך ניט פאַרגעסן אױף אַ מינוט!...

ער האָט זיך געצויגן צו איר און האָט זי געוואָלט אַרומנעמען; זי האָט אים לײַכט אָפּגעשטויסן פון זיך.

— ניין, מאַריץ, ניט דאָס, ניט דאָס... גיב מיר דײַן האַנט, אָט אַזוי, און שווער מיר בײַ מײַן נאָמען, דו הערסט? ב אַ מ י ן נאָמען, אַז וואָס עס זאָל זיך ניט מאַכן מיט דיר, זאָלסטו מיר שרײַבן... רעכט?

— רעכט!...

פעלדמאַן איז אַרײַנגעקומען מיט אַ פרייִלעכער מינע:

— נו, שוין? געענדיקט? אַנגערעדט זיך? האַ? הײַנט לאָזט מיך אויך אַ ביסל ריידן מיט אײַך, ברומענדיקע טײַבעלעך, אויסלענדישע פייגעלעך! טײַבעלע! שטעל אויף דעם סאַמאָוואַר: עס איז נאָך פרי צום פּאָיעזד, און מיר וועלן דערווײַל אַ ביסל שמועסן פון אונדזערע אינטערעסן...

מיט די ווערטער האָט ער אַרײַנגעפירט מאַריצן צו זיך אין צימער און האָט זיך מיט אים פאַרשלאָסן.

— נו, מאַריץ, הײַנט מוזן מיר ריידן אַביסל אָפּענער... מע רופט אײַך אַרויס אַהין מיט אַ דעפּעש, אַז אײַער מוטער איז שלאַף? עס איז אַ ליגן! מע רופט אײַך צו דער מאַמזעל נאַטקין: איר זײַט אַ בן־יחיד, אײַער מוטער איז רײַך, איר זײַט אַ ווינאַדנער חתן... געלט גייט צו געלט...

— מיכאַיל! וואָס רעדט איר! איר מיינט, איך בין דערזועלבער מאַריץ, וואָס פריער מיט דרײַ יאָר?

— אַ!... איך ווייס, איך ווייס!... איך קען אָבער אײַער ווייך האַרץ, אײַער שוואַכן כאַראַקטער... אײַער מוטערס טרערן וועלן אַף אײַך ווירקן... מיר זײַנען ווײַט, און ווער ווייס, וואָס פאַר אַ פּאַניבריה די מאַמזעל נאַטקין איז דאָרט! איר זײַט נאָך צו יונג...

— פאַר וועמען רעכנט איר מיך? איך וועל פאַרבײַטן טײַבעלען אַף... מיכאַיל! איר באַליידיקט מיך... איר ווייסט מײַן ציל...

— מאַריץ! אויב איר געפינט זיך באַליידיקט פון מײַנע ווערטער, בעט איך אײַך מיר מוחל זײַן. נאָר איר דאַרפט פאַרשטיין מיט וועמען איר רעדט: איר רעדט מיט אַן עלנטן מענטשן, וואָס זײַן אומגליקלעך מזל האָט אים אָפּגעריסן פון דער פאַמיליע, פון פרײַנט, פון באַקאַנטע, כמעט פון אונדזער גאַנצער נאַציע, און ער האָט אַרויסגעצויגן, גאָט ווייס פון וועלכע הענט, אַ פרעמד עלנט קינד און האָט זי צוגעבונדן צו זיך, און איז אַליין צו איר צוגעבונדן געוואָרן... מײַן לעבן איז שוין צוזאַמענגעוואַקסן מיט איר לעבן... איך ליבט זי גאָר אָן אַ ברעג!... אַז מיט אײַך וועט חלילה עפּעס פּאַסירן, הרגעט איר זי אַוועק, און מיך דאַסגלײַכן... איר ווייסט? איר ווייסט? איך האָב אַמאָל געהאָפט, אַז מײַן ליבע צו איר (צו וואָס זאָל איך לייקענען?) וועט אפשר דערוועקן אין איר האַרץ אַזאַ געפיל, ווי צו אײַך איצט... נאָר איך האָב שלעכט גערעכנט... ווי קומט דאָס צו מיר?!... איך בין דערמיט געווען צופרידן, וואָס זי איז ביז אַהער אַזוי גליקלעך געווען מיט אײַך. איר לאָזט זי מיר הײַנט איבער אין אַ געפערלעכער לאַגע... געדענקט, מאַריץ אײַער טײַבעלען — זי איז אינגאַנצן אײַערע: איר זײַט דער אויסגעקליבענער...

מאַריץ האָט געוויינט, ווי אַ קליין קינד. דאָס האַרץ איז אים שיער צעריסן געוואָרן אַף שטיקער. ער האָט נישט געקאָנט אויסריידן

קיין אײנציק וואָרט. ער האָט געכאַפּט פעלדמאַנען בײַ בײדע הענט און האָט זײ געקושט... פעלדמאַן האָט געפינטלט מיט זײַנע גרויע אויגן און האָט געריבן צינד־העלצלעך, וועלכע האָבן זיך אַלץ פאַרלאָשן... ער האָט פאַררויכערט אַ ציגאַר און האָט געזאָגט:

— נו, גענוג, גענוג שוין, זילבערמאַן! ווישט זיך אָפּ דאָס פּנים און זײַט אַ מאַנספּערזאָן!

דאָס טײ־טרינקען איז איבערגעגאַנגען נישקשה. פעלדמאַן האָט געזאָגט ווערטלעך, דערציילט אַנעקדאָטן. אַלע האָבן געלאַכט. ער האָט מורא געהאַט, אַז טײַבעלע זאָל ניט מאַכן קיין סצענע אין די לעצטע מינוטן, פאַר מאָריצעס אָפּרײַזע. ווי פאַרוווּנדערט איז ער אָבער געווען, אַז בשעת מאָריץ איז אויפגעשטאַנען צו פאָרן, איז טײַבעלע זייער פריילעך געווען! איר געלעכטער האָט נאָך קיינמאָל אַזוי ניט געקלונגען, ווי אין די מינוטן; זי האָט שוין צופיל געלאַכט און גערעדט... פעלדמאַן האָט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס געלעכטער האָט געקאָסט; דאָס האַרץ האָט זיך אים צוזאַמענגעצויגן פאַר ווייטיק... נאָך אַ מאָל אַדיע, נאָך אַ מאָל אַדיע... אָט זײַנען שוין די פערד... ער זיצט שוין אין וואָגן... דער קוטשער האָט אַ קנאַק געטאָן מיט דער לאַנגער בײַטש. די פערד האָבן אַ ריס געטאָן דעם וואָגן, און ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אין דעם געדיכטן שטויב פון די גאַסן, וואָס פירן צום וואָקזאַל. נאָר אַ ווײַס טיכעלע האָט זיך געזען אין דער הייך. דאָס פאָסטגלעקל האָט נאָך געקלונגען עטלעכע מינוט אַלע מאָל שטילער, ביז עס האָט זיך גאָר פאַרלוירן אין דער ווײַטער לופט, ווו די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, ווי אין וואַסער אַרײַן... שטיל און ליידיק איז געוואָרן בײַ פעלדמאַנען אין שטוב. שטיל און ליידיק בײַ טײַבעלען אין האַרצן...

IX

ליבער לעזער! מיר וועלן אײַך ניט פירן קײַן קאַרלסבאַד זען, וואָס טוט דאָרט אונדזער העלד, מאָריץ זילבערמאַן. ער איז דאָס ערשטע מאָל אַף זײַן לעבן אַרויסגעפאָרן אַף דער וועלט. פון יעדער סטאַנציע, פון יעדן וואָקזאַל זײַנען געגאַנגען פון אים הייסע בריוו צו טײַבעלען. אַז ער איז אַריבער די גרענעץ, האָט זיך פאַר אים געעפנט אַ נײַע וועלט.

ער האָט זיי צוגעזאָגט אַלצדינג צו שרײַבן, און ער האָט זײַן וואָרט געהאַלטן. נאָר פּלוצים איז זײַן קאָרעספּאָנדענציע איבערגעריסן געוואָרן. מיר דאַרפֿן ניט דערציילן, וואָס פֿאַר אַ שמערצן דאָס האָט צוגעטיילט דער אָרעמער טײַבעלע. איר קאָפּ האָט גענוג איבערגעטראַכט! פעלדמאַן האָט מורא געהאַט צו ריידן דערפֿון מיט איר: ער האָט געזען, אַז זי צאַנגט, ווי אַ ליכט. און אַזוי זײַנען איבערגעגאַנגען צוויי חדשים, וועלכע האָבן זיך איר אויסגעוויזן ווי צוויי יאָר, ביז דער פּאָסטטרעגער האָט איר איינמאָל געבראַכט אַ גרויסן בריוו. דער שטעמפּל איז געווען פֿון קאַרלסבאַד. זי האָט באַלד דערקענט זײַן האַנטשריפֿט אַף דעם קאָנווערט. די הענט האָבן איר געציטערט: זי האָט קוים אויפֿגעריסן דעם קאָנווערט. פֿיר מאָל האָט זי אָנגעהויבן צו לעזן דעם בריוו און האָט ניט פֿאַרשטאַנען קיין וואָרט... אָט דאָס האָט איר מאָריץ געשריבן:

„טײַערע טײַבעלע! איך בין ניט ווערט, אַז דײַנע הענט זאָלן האַלטן מײַן בריוו און דײַנע שיינע אויגן זאָלן קוקן אַף מײַן שריפֿט, וועלכע גיט דיר איבער מײַנע ווערטער ניט מיט טינט אַף פּאַפּיר, נאָר מיט מײַן בלוט אַף מײַן אייגענער פֿעל. פֿאַרענטפֿערן זיך פֿאַר דיר — וואָלט געווען די גרעסטע מערדערײַ מיט דער גרעסטער נידערייקייט פֿון מײַן זײַט, נאָר איך בעט דיך (דאָס לעצטע מאָל) אויסהערן דײַן מאָריצן, וואָס איז באַ דיר אַמאָל געווען אַזוי טײַער! ווייס, טײַערע טײַבעלע, אַז מאָריץ איז געפֿאַלן, אַז מאָריץ איז איצט דער אומגליקלעכסטער אַף דער גאַנצער וועלט! וואָס האָט איר מיך געלאָזט אַליין אַף דעם וואַסער? איך זאָג דאָס דיר און אונדזער טײַערן מיכאַיל. וואָס האָט איר מיך מפקיר געווען? איר האָט דען ניט געוווּסט, אַז שווימען אין דעם טיפֿן ים איז זייער אַ געפֿערלעכע זאַך פֿאַר דעם מענטשן, וואָס איז ניט געוווינט צו די גרויסע כוואַליעס? צום אָנפֿאַנג, אַז איך בין נאָך באַ דעם ברעג געשוווּמען, איז מיר זייער אָנגענעם געווען צו קוקן, ווי די בייזע ווינטן פּליעסקען דעם ים. זיי האָבן מיך געטראָגן ווײַטער און ווײַטער... איך האָב געפּרוּווט אַמאָל אַרומקוקן זיך אַף דעם שטיק וועג, וואָס איך האָב שוין אָפּגעשוווּמען, האָב איך שוין ניט געקאָנט אָפּזוכן מיט די אויגן דאָס, וואָס איך האָב געוואָלט: איר האָט אויסגעוויזן ווי צוויי ליכטיקע פּינטעלעך, ווי צוויי גלאַנצנדיקע

שטערן אױף דעם טונקעלן װײַטן הימל, און נאָכדעם זײַנען די צװײ פּינ־טעלעך אױך פֿאַרשװוּנדן געװאָרן... איך זוך איצט בײַ זיך אין קאָפּ און קאָן גאָר זיך ניט דערמאָנען, װוּ און װען בין איך געפֿאַלן... איך געדענק נאָר דער מוטערס טרערן, די ערשטע באַקאַנטשאַפֿט מיט דער פֿאַמיליע נאָטקין, מיט זײער טאָכטער, און נאָכדעם זײערע װיזיטן צו אונדז, און מײַנע װיזיטן צו זײ, אונדזערע שפּאַציר־גענג אין דעם שײנעם גאָרטן, אונדזער פֿאָרן אױף דער שיף, קלאַראַס (אַזױ רופֿט מען זײער טאָכטער) בלאָנדע האָר, בלױע אױגן, הױכע געשטאַלט, און איר שטאַרקע שטימע... צו דעם צװײטן װיזיט בײַ זײ האָט מען מיך געבעטן שפּילן פּיאַנאָ. איך האָב געשפּילט שובערטס אַ מעלאָדיע, און קלאַראַ האָט מיר אַקאָמפּאַנירט. דער רעזאָנאַנס פֿון דעם זאַל איז געװען גרױס און ברײט, און עס האָבן זיך אַ גאַס געטאָן אַזעלכע פֿאַרשײדענע, װײכע, קלינגענדיקע, װאַרעמע טענער, אַזאַ זעלטענע האַרמאָניע!... איך האָב אױפֿגעהױבן אױף איר די אױגן, איז זי װי אױסגעװאַקסן אױף אַ גאַנצן אַרשין, און זי האָט מיר אױסגעװיזן אַזױ שײן און רײן, װי אַ מלאך... אין מײַן האַרץ האָט זיך אָנגעצונדן אַ פֿײַער, װאָס האָט אין מיר געברענט, און איך האָב מורא געהאַט צוצוגײן צו איר. אַזאַ פּרוּװ האָב איך געליטן אַלע טאָג! זי האָט מיך געמוטשעט מיט איר קול, און עס איז מיר ליב געװען צו מוטשען זיך, אַבי נאָך און נאָך הערן איר געזאַנג... עס װײַזט אױס, אַז זי האָט גע־װוּסט װאָס מיט מיר טוט זיך, כאָטש איך האָב מיט איר דערפֿון ניט גערעדט. אײנמאָל איז זי געװען בײַ אונדז. מײַן מוטער איז געװען אין גאָרטן, און קלאַראַ איז געזעסן מיט מיר. איך בין געװען שטאַרק פֿאַר־זאָרגט און פֿאַרטראַכט. זי האָט מיך געפֿרעגט די אורזאַך. איך האָב איר ניט געװאָלט ענטפֿערן, איז זי אױפֿגעשטאַנען און אָנגעהױבן זינגען אַ מעלאָדיע, בין איך װי באַטױבט געװאָרן... מײַן פֿאַנטאַזיע האָט מיך פֿאַר־טראָגן װײַט! איך האָב זי געדעכנט העכער פֿון אַ מענטש — איך בין אַנידערגעפֿאַלן פֿאַר איר!... איך געדענק ניט, װען און װי אַזױ איך בין געשטאַנען מיט קלאַראַן אונטער דער חופּה... דער פּרעדיקער האָט אַ רעדע געהאַלטן, זײַנע װערטער האָבן מיר לאַנג געקלונגען אין די אױערן, און עס האָט זיך מיר אױסגעװיזן, אַז ער זאָגט מיר: „געדענק װאָס דו טוסט"!... מײַן מוטער האָט געװײנט פֿאַר פֿרײד, און קלאַראַ האָט מיך געפֿרעגט, װאָס קלאַפּט בײַ מיר דאָס האַרץ... טײַבעלע! איך בין אומ־

גליקלעך: דיך האָב איך אָנגעוואָרן, פֿאַרלאָרן אַף אײביק; זיך האָב איך פֿאַרקויפֿט אַ פֿרעמדער... זי איז ווײַט פֿון מיר, ווי דער הימל פֿון דער ערד... מײַן ציל קאָן איך שוין איצט ניט דערגרייכן: איך געהער הײַנט ניט זיך אַליין; איך בין אַ קנעכט... איך האָב שוין מײַן ראָלע אָפּגעשפּילט גאַנץ קאָמיש! דער גרויסער זינדיקער קאָן מיט חרטה און מיט גוטע ווערק נײַ געבאָרן ווערן, אָבער ניט אַזאַ „וואָרעם" ווי איך... טײַבעלע! מיכאיל! פֿאַרגעסט אָן מיר: איך בין ניט ווערט, איר זאָלט מיך געדענקען! זײַט גליקלעך, בײדע צוזאַמען!..."

X

פֿעלדמאַן איז נאָרוואָס אַוועקגעגאַנגען אַף זײַנע שטונדן בעת טײַבעלע האָט דערהאַלטן דעם שײנעם בריוו פֿון קאַרלסבאַד. אַז זי האָט געענדיקט דעם בריוו צו לײענען איז זי געבליבן זיצן אַ קלײנע צײַט ווי אַ פֿאַרשטײנערטע. אירע אויגן האָבן אַ ווײַלע אָנגעוואָרן דעם גלאַנץ. נאָכדעם איז זי אויפֿגעשטאַנען, האָט אַ וואָרף געטאָן מיט דעם קאָפּ און האָט אָנגעהויבן אַרומצוגײן איבער דער שטוב פֿון אײן ווינקעלע צום אַנדערן, צונויפֿגעלײגט די הענט אַף דעם האַרצן; די אויגן האָבן אָנגעהויבן צו באַקומען זײער פֿריערדיקן גלאַנץ, איר געזיכט איז ליכטיקער געוואָרן, דאָס האַרץ האָט איר שטאַרק געקלאַפּט, דער קאָפּ האָט באַ איר געאַרבעט. זי האָט אָפּגעזוכט אַ בײגעלע פּאָסט־פּאַפּיר און האָט זיך געזעצט שרײַבן. עס האָט געדויערט אַ האַלבע שעה. זי האָט צונויפֿגעלײגט דאָס בײגעלע פּאַפּיר מיט מאָריצס בריוו און האָט זײ אין אַ קאָנווערט אַנידערגעלײגט אַפֿן טיש. זי האָט אויפֿגעעפֿנט איר קעסטל, האָט אַרויסגענומען פֿון דאָרטן אַלע אירע זאַכן און האָט זײ אײַנגעפּאַקט אין אַ קלײן רײַזע־זעקל, האָט אַהין אַרײַנגעלײגט פֿעלדמאַנס פּאָרטרעט און האָט איבערגעצײלט איר געלט, וואָס זי האָט צונויפֿגעקליבן פֿון אירע שטונדן, — דאָרט איז געווען הונדערט און צוואַנציק רובל. זי האָט זיך אַביסל צוגעזעצט און האָט באַטראַכט די שטוב, וווּ זי איז אויפֿגעצויגן געוואָרן. נאָכדעם איז זי אַרײַנגעגאַנגען צו פֿעלדמאַנען אין צימער האָט זיך אָנגעבויגן צו זײַן בעטל און האָט אַ קוש געטאָן דאָס קישעלע... זי האָט צוגעשלאָסן די שטוב, אויפֿגעהאַנגען דעם שליסל און איז מיט דעם רײַזע־זעקל אין די הענט אַוועקגעגאַנגען אַף דער פּאָסט־סטאַנציע. אין אַ האַלבע שעה

אַרום איז זי שוין געזעסן אין אַ וועגעלע, וועלכע האָט זי געטראָגן צום וואָקזאַל, און דאָ האָבן מיר זי שוין פֿאַרלוירן אין דער מאַסע פּאַסאַזשירן, וואָס האָבן געוואַרט אױף דעם פּאָיעזד פֿון אָדעסער ליניע.

דאָס איז דער בריוו, וואָס טײַבעלע האָט געשריבן פֿעלדמאַנען:

„אַז איר וועט דערהאַלטן מײַן בריוו, וועל איך שוין זײַן אין וועג. איך בעט אײַך, איר זאָלט מיך ניט נאָכיאָגן. איך וואָלט גאָר ניט באַדאַרפֿט אַנטלויפֿן און וואָלט געקאָנט אַזוי אַוועקפֿאָרן: איך בין פֿרײַ, און קיינער קאָן מיר מײַן פֿרײַהייט ניט שטערן! נאָר איך האָב ניט געוואָלט זען, ווי מײַן טײַערער, ערלעכער, גוטער מיכאַיל וועט באַגלייטן זײַן נאַרישע טײַבעלע, וועלכע ער האָט ערשט ניט לאַנג אױפֿגעהויבן פֿון דער גאַס פֿון מיסט... לייענט איבער זיין בריוו, וועט איר זען, אַז קיין אַנדער פּלאַן איז פֿאַר מיר ניטאָ. זיך אַליין דאָס לעבן נעמען איז די גרעסטע נאַרישקייט; דאָס דאַרף נאָר טאָן דער מענטש וואָס פֿאַרשטייט ניט, צו וואָס ער לעבט אױף דער וועלט, אָדער דער גרויסער עגאָיִסט, אַז עס גייט אים ניט אַזוי ווי ער וויל, ווערט ער ברוגז און שיסט זיך. איך ווייס, אַז איך בין אַ מענטש (אַ פֿרוי — אַלץ איינס), קאָן איך נוצלעך זײַן און עפּעס געבן דער וועלט אַ חוץ ליבע. — איך ווייס, איך וועל אײַך פֿיל שמערצן מאַכן מיט מײַן אַנטלויפֿן פֿון אײַך: איך געדענק אײַערע ווערטער, וואָס איר האָט מיר געזאָגט פֿריער מיט צוויי יאָר... איך ווייס, אַז איך וואָלט געקאָנט אײַער לעבן גליקלעך מאַכן אױף אייביק, און אפֿשר (ווער ווייס?) זיך זעלבסט... נאָר איך רעכן אײַך דערויף צו הויך און זיך צו קליין, אַז איך האָב געקאָנט האַלטן פֿאַר אַ גאָט אַזאַ קליין מענטשעלע, ווי מאָריץ זילבערמאַן... איך זאָג ניט, אַז איך קאָן צו אײַך ניט גרייכן. איך פֿיל אָבער אין זיך פֿיל קראַפֿט צו דערגרייכן עטוואָס וויכטיקערס, גרעסערס און מער נוצלעכעס פֿאַר דער וועלט — און איך וועל דאָס געוויס דערגרייכן, ווייל איך וויל דאָס!... איר מיינט, אַז מײַן באַשלוס איז אין איין רגע געוואָרן? ניין, טײַערער מיכאַיל! זינט ער איז אַוועקגעפֿאָרן פֿון אונדז (געדענקט איר?) האָב איך געפֿילט, אַז מײַן האַרץ ברעקלט זיך אױף שטיקלעך, און עס ווערט דאָרט ווי ליידיק... וואָס מײַן קאָפּ האָט איבערגעאַרבעט אין די לעצטע צוויי מאָנאַטן — בין איך ניט אימשטאַנד אײַך איבערצוגעבן, און דאָס, וואָס איך האָב באַקלערט, איז באַשטימט, און אַזוי דאַרף זײַן

— ניט אַנדערש ! אפשר װעלן מיר זיך נאָך אַמאָל זען בײַ אַנדערע אומשטענדן, װער װײס ? דערװײַל בעט איך אײַך, טײַערער מיכאַיל, מיך ניט צו זוכן און ניט נאָכצופֿרעגן זיך אױף מיר. מײַן ליבע האָט מיר געגעבן אַ גוטע לעקציע ! . . . אײַך װעל איך געדענקען, װי אַ מלאך, װאָס האָט מיך פֿון דער בלאָטע אַרױסגעשלעפּט און האָט מיך צו מײַן מענטש־לעכקײט אומגעקערט און מיר די פֿרײַהײט געגעבן... איך בעט, מיך צום שלעכטן ניט צו דערמאָנען, און די גרעסטע מתנה פֿון אײַך װעט בײַ מיר זײַן, אַז איר װעט דאָס צום האַרצן ניט נעמען און ניט װײנען אױף דעם אומגליק פֿון אײַער טײַבעלע, װאָס גלױבט אין זיך און האָפֿט אױף זיך אַלײן... מיר דאַרפֿן זיך צעגײן שטיל, אַזױ װי מיר האָבן זיך באַקאַנט שטיל..."

פֿעלדמאַן איז הײַנט אין ה., אין דער אוניװערזיטעט, אױף דעם פֿערטן קורס. ניט לאַנג איז ער געװען אין קיִעװ און האָט זיך באַגעגנט אױף קרעשטשאַטיק מיט אַ רײַך געקלײדעטן יונגנמאַן, געאָרעמט מיט אַ הױ־כער יונגער פֿרױ. זײ זײַנען אַרױסגעגאַנגען פֿון דעם שענסטן גאַסטהױז — „גראַנד האָטעל".

דאָס איז געװען מאָריץ זילבערמאַן מיט זײַן פֿרױ קלאַראַ.

— מיכאַיל ! — האָט מאָריץ אױסגעשריען און האָט זיך אױסגעריסן פֿון דער דאַמע. פֿעלדמאַן איז צוגעגאַנגען און האָט אױפֿגעהױבן זײַנע גרױע אױגן אױף מאָריצן : ער האָט אים ניט דערקענט.

— מיכאַיל !... װאָס מאַכט איר ? שױן פֿינף יאָר !... װוּ איז טײַבעלע ?...

פֿעלדמאַן האָט אַ זאָג געטאָן : „אַ־אַ־אַ !"... ער האָט זיך גאַנץ העפֿלעך געװוּנטשט מיט מאָריצן, האָט אַ קוק געטאָן אױף קלאַראַן און איז אַװעקגעגאַנגען װײַטער. קלאַראַ האָט מיט אַ גרימאַסע געפֿרעגט מאָריצן אױף פֿראַנצױזיש :

— Qui est ce mal-appris ? *

מאָריץ האָט איר גאָרניט געענטפֿערט ; ער איז געשטאַנען מיט אַ פֿאַרפֿינצטערטן געזיכט און האָט נאָכגעקוקט פֿעלדמאַנס טריט... קלאַראַ האָט זיך אָנגעבלאָזן אױף אים, און אַז זײ זײַנען געקומען אַהײם, האָט זי אים געמאַכט אַ סצענע.

* װער איז דער גראָביאַן ?

גאָלדע איז געשטאָרבן און האָט איבערגעלאָזט מאָריצן אַ היבש קאַפּיטאַל. ער האָט געעפנט אַ קאַנטאָר און אויף דער טאַבעלע איז אויפגעצייכנט: „זילבערמאַן, נאָטקין עט קאָמפּאַניע". — צי איז ער גליקלעך? — דאָס איז אַזאַ פראַגע, וואָס מיר נעמען זיך ניט אונטער צו ענטפערן אויף איר.

און טײַבעלע? — מיר בעטן אונדזערע לעזער ניט צו זאָרגן פאַר איר: אַזעלכע ווי זי ווערן ניט פאַרפאַלן אויף דער וועלט. עס קאָן זײַן, אונדזערע לעזער וועלן זיך באַגעגענען מיט איר אין גיכן; נאָר דערווײַל גייט טײַבעלע שטיל אַראָפּ פון דער סצענע, אַזוי ווי זי איז אַרויפגעגאַנגען אויף איר. עס מאַכט זיך אָפּטמאָל, אַ שטערן גלאַנצט ליכטיקער און שענער פון אַלע שטערן אין הימל; ער לײַכט אַלע מאָל גלײַך: אי אין אָוונט, ווען ער באַווײַזט זיך נאָר אויף דעם הימל, אי צום פרימאָרגן, ווען ער דאַרף זיך באַהאַלטן...

קינדער־שפּיל

קינדער־שפּיל

דאָס ערשטע קאַפּיטל

אין חדר

אין די יונגע יאָרן זיינען זיי געווען די בעסטע גוטע ברידער: אין איין חדר געלערנט, געהאַט גלייַכע פעיִקייטן, גלייַכע יאָרן, און האָבן ביידע ניט געוואָלט לערנען. דער חילוק צווישן זיי, וואָס איינער איז געווען גראָב און קייַלעכדיק ווי אַן אַרבוז, שרעקלעך פויל, תמיד פאַרזאָרגט, תמיד פאַרוויינט און אַ גרויסער פרעסער, אַ נאַשער, — דער־פאַר האָט מען אים אין חדר אַ נאָמען געגעבן „קוואַשע"; דער אַנדערער איז געווען פונקט דער היפּך: אַ לאַנגער און אַ דאַרער, אַ לעבעדיקער און אַ פרייליכער, אַ פליער און אַ טענצער, אַ סמיעליאַק און אַ כיטרע יונגאַטש, אַ רירעוודיקער און אַ קרעפּטיקער, אַזוי אַז קיינער האָט אים נישט געקאָנט בייַקומען, און דער גאַנצער חדר האָט פאַר אים דרך־ארץ געהאַט: וואָס ער האָט געזאָגט, איז געווען געזאָגט, און וואָס ער האָט געוואָלט, האָט ער געטאָן. גערופן האָט מען אים „מאָטל־מזיק".

מאיר־קוואַשע און מאָטל־מזיק זיינען געווען די ערגסטע תלמידים באַ רב יוסי דעמבעגנער אין חדר. רב יוסי פלעגט זיי הרגענען צען מאָל אַ טאָג, ברעכן די ביינער מיט אַ שטעקן, אָדער קאַטעווען מיט אַ פאַ־דעשווע, נאָר וויפיל מע האָט זיי ניט געשלאָגן אין קאָפּ אַרייַן, האָט זיך צו זיי די גמרא געקלעפּט, ווי אַן אַרבעס צו דער וואַנט! געקומען דער „דאָנערשטיק", האָבן זיי זיך שוין געריכט אויף אַ מפּלה: אָט גייט רב יוסי דעמבעגנער פון קלויז מיט דעם טלית־ותפילין אונטערן אָרעם... זייַן גראָבע נאָז מיט די גריבלעך, זייַן אויסגעפליקטע באָרד, זייַן בעלמעוואַטע

אויג מיט זײַן גאַנצער „אָסאָבע” וואַרפֿן אַף אַלעמען אַ שרעקלעכע מרה־שחורה: עס ווערט פֿאַרקילט אינעווייניק. דער גרעסטער חריף קאָן פֿאַר־געסן, ווי מען רופֿט אים, בשעת עס טוט אַף אים אַ קוק רב יוסי דעמבע־נערס בעלמעוואַטע אויג.

— נעמט די גמראָס!

די קינדער נעמען די גמראָס, דאָס האַרץ קלאַפּט און די קניען ציטערן. זיי מישן־אויף. דער רבי צעשאָקלט זיך און זאָגט:

— נאָ־אַ!

זיי הוסטן זיך אויס, ווי די סאָלדאַטן אַף דער אוטשעניע. דער רבי צעשאָקלט זיך נאָך שטאַרקער און זאָגט נאָך אַמאָל:

— נאָ־! אָמער רב פּפּא, האָט רב פּפּא געזאָגט! רעדט!!!...

חברה טוען אַ קלאַפּ אין איין קויל:

— אָבער רב פּפּא, האָט רב פּפּא געזאָגט!

און עס ווערט אַ שרעקלעכער ליאַרעם פֿון דרײַצן מײַלער, אַלע שרײַען, אַלע קלינגען און אַלעמען איז פֿריילעך אַפֿן האַרצן, מחמת אַלע וויסן די גמרא, אַלע זאָגן ווי אַ וואַסער, איינער כאַפּט פֿאַרן אַנדערן, קוקט מיט איין אויג אין דער גמרא און מיט דעם אַנדערן אַף דעם רבינס בעלמעוואַטע אויג; אפֿילו מאיר־קוואַשע און מאָטל־מזיק שרײַען אויך, שאָקלען זיך אַזוי ערנסט און דרייען מיטן גראָבן פֿינגער אַזוי געטרײַ, גלײַך ווי קיינער פֿאַרשטייט ניט אַזוי, ווי זיי פֿאַרשטייען. און פּלוצים...

— שאַ! שששששאַ! שאַ!...

אַזוי זאָגט דער רבי און טוט אַ פּאַטש מיט דער האַנט איבערן טיש; ער נעמט מיט דער אַנדערער האַנט דאָס אויסגעפּליקטע בערדל, גלעט דאָס מיט ישוב־הדעת און קוקט אַראָפּ צו זיך אַף די פּאַנטאָפּל... אַלע ווערן פֿאַרשטאַרבן. זיי פֿילן, ווי עס וואַרגט זיי עפּעס אין האַלדז און זיי קאָנען דאָס ניט אַראָפּשלינגען. אַ שרעקלעך שטילשווײַגעניש! גאַנץ שטיל טוט זיך דער רבי אַ פֿרעג:

— זאָג־זשע, מאיר־סערדצע, וואָס לאָזט מיך דאָ רב פּפּא הערן?... זאָג, זאָג! שעם זיך ניט!

בײַ מאיר־קוואַשע קײַקלען זיך שוין טרערן פֿון די אויגן, גלײַך אַף דער גמרא אַראָפּ. דער רבי קוקט אַלץ אונטן, צו זיך אַף די פּאַנ־טאָפּל, און רעדט זיך ווײַטער אַזוי גלאַט, אַזוי בנעימותדיק:

— זאָג, סערדצע ,זאָג, מאירל, שעם זיך ניט, וואָס אַרט דיך?...

באַ מאיר־קוואָשע זיינען די באַקן שטאַרקן פאַרפּלאָמט און די נאָז גלאַנצט, ווי אַן עפּעלע. ער ווייס שוין זײַן פּסק; ער ווייס, אַז אָט באַלד וועט מען אים הייסן אַרויסגיין פונעם טיש, אַליין אַראָפּנעמען די ריטער פון דעם באַלקן, אַליין אַראָפּציען זיך, מחילה, די תחתונימלעך, אַליין אויס־ציִען זיך מיטן פּנים אַראָפּ אַף דער באַנק, און נאָכדעם — נאָכדעם ווייס ער שוין וואָס!...

אַ רויטער, אַ געשוואָלענער, אַ צעהרגעטער, זעצט זיך מאיר־קוואָשע צוריק אַף זײַן אָרט און קוקט אין דער גמרא אַרײַן טיף־טיף, און זעט נישט קיין אות פאַר די אויגן, וואָס זײַנען שוין געשוואָלן פון געוויין. נאָר, דאַנקען גאָט, אַבי ער איז שוין זײַנס איבערגעקומען!

איצט איז מאָטל אָפּן צעטל.

— אַנו, מאָטעלע! — זאָגט צו אים דער רבי אַ ביסל פריילעכער. — אַנו, מאָטעלע, זאָג נאָר דו, סערדצע, וואָס וויל דאָ רב פּפּא האָבן? זאָג, מאָטעלע, זאָג!...

מאָטל־מזיק איז אָבער ניט מאיר־קוואָשע: מאָטל־מזיק וויל אָפּנאַרן דעם רבין, אָפּנאַרן אַלעמען און זיך אַליין אויך; ער צעשאָקלט זיך און טוט אַ קלונג טאַקע נאָר ווי אַ מזיק:

—הניחא למאן דאית ליה כרב פפא; אלא למאן דלית ליה כרב פפא — מאי איכא למימר? תיקו — בלײַבט אַ קשיא!...

דער רבי הייבט אויף דעם קאָפּ, שטעלט אַנידער דאָס בעלמעוואַטע אויג גלײַך אַף מאָטלען און פרעגט אים איבער נאָך אַ מאָל קאַלטבלוטיק:

— וואָס לאָזט מיך דאָ רב פּפּא הערן?...

מאָטל־מזיק פאַלט באַ זיך אַלץ נישט אַראָפּ און זאָגט זיך ווײַטער זייער רויִק, קוועטשנדיק מיט דעם גראָבן פינגער:

— וואָרום זעלטאָם אַנדערש זײַן, אַז עס זאָל זײַן ווי רב פּפּא זאָגט, וואָלט דאָך געוועזן אַ ווידעראַנאַנד אַקעגן טאַקע אַף רב פּפּאן אַליין; אלא וואָס דען? — מוז איך דאָך שוין אָנקומען דערצו, אַז עס איז אַף רב פּפּאן קיין קשיא ניט — פאַר וואָס? מחמת קרבנות? הײַנט וואָס לאָזט ער מיך דאָ הערן? איז דער תירוץ: תיקו!...

דער רבי גייט אַרויס פון די כּלים; ער כאַפּט זיך אויף און לאָזט אַראָפּ מאָטלען עטלעכע קלינגענדיקע פּעטש, אַזוי אַז מאָטל פאַלט־אַראָפּ

פונעם בענקל און פארלירט דאָס היטל. מאָטל קוקט זיך אַרום פאַרוווּנ־דערט: וואָס טוט זיך דאָ מיט אים? דאַכט זיך, ער ווייס אַזוי גוט און זאָגט אַזוי גלײַך?!...

דער רבי הייסט אים זיך אַנידערלייגן אַפן בענקל און ער שמײַסט אים און קאַטעוועט אים, וויפל עס גייט אין אים אַרײַן. און מאָטל? מאָטל שווײַגט, גלײַך ווי ניט אים מיינט מען. ער זאָל דאָס לאָזן אַ טרער, אַרויסלאָזן כאָטש אַ פּיפּס פונעם מויל — ניין! דער רבי איז אויסער זיך פאַר כעס, עס ווערט אים נמאס שמײַסנדיק, כאַפּט ער אַ שטעקל, אַ „יאַמשאָווע" שטעקל, און ברעכט אים די ביינער. מאָטל שרײַט ניט, וויינט ניט, קרעכצט ניט; ער טוט נאָר באַ יעדן שנײַד מיטן שטעקל אַ פינטל מיט די אויגן — און גענוג. ניין, רב יוסי דעמבענער קאָן דאָס שוין מער ניט איבערטראָגן! מיט אויגן אָנגעגאָסענע מיט בלוט טוט ער זיך אַ לאָז צו מאָטלען; ער כאַפּט אים אָן באַ דער האַנט און טוט זי אים אַ דריי־אויס הינטער די פּלייצעס, מע הערט אַ קנאַק... נאָר מאָטל שווײַגט. ער קריצט נאָר מיט די ציין — און מער ניט. דער רבי שלאָגט אים מיט בײַדע הענט אין הארצן אַזוי לאַנג, ביז ער טוט אַף אים אַ שפּײַ און גיט אַ פאַל־אוּם אַליין אַף דער סאָפע. עס געדויערט לאַנג, ביז דער רבי סאַפּעט זיך אָפּ...

די תלמידים, צען־יאָריקע חברה, זעען דאָס אַלע דאַנערשטיק; און ווער איז דאָס אומשטאַנד אַרויסצוגעבן, וואָס עס פילט דעמאָלט זייער קינדעריש האַרץ און וואָס עס טראַכט דעמאָלט זייער קינדערשער קאָפּ!...

דאָס צווייטע קאַפּיטל

געפּטרט דעם חדר

אין יענער צײַט האָט שוין אָבער מאָטל נישט געהייסן „מאָטל־מזיק" און מאיר האָט שוין מער נישט געהייסן „מאיר־קוואַשע". דעם ערשטן האָט מען גערופן „מאָטל בערצים", און דעם אַנדערן — „מאיר לייבצים".

זיי האָבן חתונה געהאַט בײַדע אין איין חודש און פון איין שטאָט. בערצי בערעשעס (אַזוי האָט מען גערופן מאָטלס שווער) האָט גע־

האָט אַ טכטער אַ בת־יחידה, זייער אַ שיין מיידל. האָט ער איר געגעבן אַ פּאָר טויזנט רובל נדן מיט אַ טשיקאַווע חתן פון אַ שיין אָרט, אַפילו נישט קיין גרויסער למדן, דערפאַר איז ער אָבער אַליין אַ מענטש, אַ קלו־גער יונגאַטש, אַ יונג מיט ביינער, אַ מענטש מיט אַ פּיסק.

מאָטלס עלטערן זײַנען געווען געמיינע לײַט און האָבן זיך קוים־קוים דורכגעשלאָגן דערמיט, וואָס דער פאָטער איז געווען... עס איז שווער צו זאָגן, וואָס ער איז געווען! ער איז געווען איינער פון די גע־פאַלענע נגידים און מיוחסים, וואָס פאַרנעמען תמיד דעם אויבנאָן סײַ אין קלויז, סײַ אַף אַ שמחה, און וואָס אַלע געדענקען, אַז זיי זײַנען אַמאָל געווען נגידים, מיוחסים. מע לאָזט זיי נישט אינגאַנצן פאַלן, זיי זאָלן דאַרפן חלילה גיין איבער די הײַזער. די שטאָט שאַרט זיי צו יענע ברעק־לעך, וואָס דאַרפן ממילא אַראָפּפאַלן; מע פרעגט באַ זיי אַמאָל אַן עצה און מע פאַרלאָזט זיך אַף זיי מיט אַ בוררות, ווײַל מע האַלט זיי פאַר קלוגע לײַט, פאַר קאָפּ־מענטשן. מיט איינעם וואָרט, זיי זײַנען דאָס, וואָס ווערט אָנגערופן: „די פינפטע ראָד צום וואָגן״... אָט אַזעלכער איז גע־ווען מאָטלס פאָטער אויך. און זײַן מוטער האָט געהאַט אַ חוץ אַ פּרנסה: אַ קלייטל אַ צעלניק, וואָס נאָר איין גאָט ווייס דעם אמת, וואָס פאַר אַ סחורה דאָרט האָט זיך געקאָנט געפינען און ווי גרויס איז געווען דער פּדיון באַ איר, מחמת דער מאַרק געדענקט שוין ניט די צײַט, ווען עס זאָל אַהין אַרײַנשמעקן אַ קונה. דאָך פלעגט זי פון קלייטל ניט אַרויס־טרעטן, און האָט אַזוי אַ צײַט מיט יאָרן פאַרבראַכט אָט דאָ אַפן ברעט־בענקל, אַרויסקוקנדיק אַף אַ קונה, ביז די אויגן זײַנען איר אויסגעטריקנט געוואָרן און איר אַמאָליק שיין געזיכט איז אײַנגעקנייטשט און אײַנגע־שרומפּן געוואָרן אַזוי, אַז צו פערציק יאָר איז זי שוין געווען אַן אַלטע ייִדענע.

געלעבט האָבן זיי אין גרויס דחקות, און אָפטמאָל איז נישט געווען אַפילו אַף אַ פּוד מעל. נאָר מאָטל געדענקט ניט, אַז זײַן פאָטער זאָל זײַן אַמאָל פאַרזאָרגט, אָדער ער זאָל אָכקען און קרעכצן אַף דער בי־טערער צײַט, ווי אַנדערע קבצנים; אדרבה, דאָס איז געווען אַ פריילע־כער קבצן, אַן אָפּגעפּוצטער און אַ ריינער, אַז ווען איר גיט אַף אים אַ קוק, וואָלט איר זיכער געמיינט, אַז עס ליגן באַ אים שווערע טויזנ־טער אין קאַסטן. מאָטל געדענקט, ווי די מוטער פלעגט יאָ אַמאָל דער־

קוטשען דעם טאטן וועגן דעם, וואס מע זעט נישט קיין קונה אין די אויגן; פלעגט זי דער פאטער אפשטופן מיט א ווערטל. די מוטער אבער האט נישט געהאלטן פון קיין ווערטלעך, פלעגט זי אים זאגן:

— אוודאי, בא דיר איז אלץ ווערטלעך, און מיר ווערן פארקילט אלע געבליטן, אז איך נעם אפן קאפ און טו א טראכט, וואס וועט זיין מיט אונדזער מאטלען? עס וואקסט, אן עין־הרע, א בחור...

— עט, שטותעריי! — שלאגט זי איבער דער פאטער. — נאריש־קייטן, כ׳לעבן! מיט אונדזער מאטלען האב איך שוין דווקא קיין דאגה ניט. אונדזער מאטעלע וועט זיין א גביר, דו הערסט צי ניין? אט וועסטו זען, אז ער וועט זיין, אם ירצה שם, א גביר!... איא, מאטל? הא? וואס זאגסטו עפעס מכוח דעם? דו ווילסט זיין א גביר?

ניט אזוי איז דערצויגן געווארן מאיר־קוואשע; ער איז אויסגעוואקסן דווקא אף ראסקאש מיט פארגעניגן. די נאטור האט אים ארויסגעלאזט אף דער וועלט א היפשן, א געפאקטן, מיט א געזונטן מאגן און מיט גראבע ליפן, גלייך ווי זי האט געוווּסט פאראויס, אז אים וועט די מוטער פון קינדוויייז אן כסדר שטאפן מיט פעטע קנישעס און קאנפעקטן, פייגן, ניס און באקסערן. אז מע האט אים א כאפ געטאן אין חדר, האט מען בא אים שטענדיק געפונען אנגעשטאפטע קעשענעס מיט עסנווארג, און מיר, זיינע חברים, פלעגן ארום אים אפלעקן א ביינדל, כאטש פון דער נאטור איז ער ניט געווען קיין גוטער, — אדרבה, געווען איז ער דווקא א קארגער, ניט קיין פארגינער, נאר מיר האבן בא אים תמיד גענומען מיט גוואלד, און דערצו נאך געשענקט אים אמאל עטלעכע בוכענצעס, אזוי אז ער פלעגט זיך באוואשן מיט טרערן. וויפל מאל פלעגט ארייג־לויפן אין חדר אריין זיין מוטער, א גראבע, שווארצע ייִדענע און צו־שטעלן אונדז א בענקעלע צום רבין, וויאזוי „דאס קינד" (מאיר־קוואשע) קלאגט זיך נעבעך, אז מע „אביזשאיעט" אים, אז מע רייסט אוים באם קינד דעם לעצטן ביסן פון מויל, אז דאס קינד איז נעבעך שטענדיק הונגעריק, וויי און ווינד איז איר! און אוועקגייענדיק פלעגט זי אים איבערלאזן א גאנצע טארבע מיט געבראטענע פופקעס, העלדזלעך, דארע קישקעס, קארענעם לעקעך, צוקערקעס, טארט, צוקערלעקעך, וועלישע ניס־לעך, באקסערן וכדומה. געוויינלעך, האבן מיר אים שטארק מקנא גע־

וועַן און פּלעגן זיך אָן אים נוקם זײַן ווי מיר האָבן נאָר געקאָנט, און שטענדיק אויפגעוואָרפן אים „דעם טאַטן דעם בעלעגאָלע".

מע זאָגט, אַז אַמאָל, שוין גאַנץ לאַנג, איז זײַן פּאָטער געווען אַ באַ־לעגאָלע. גאָט האָט אים באַגליקט, איז ער געוואָרן פון אַ באַלעגאָלע אַ ליוועראַנט (אַ פערד־הענדלער), און פון דעמאָלט אָן איז ער „אָנגע־שטאָפּט מיט געלט ווי אַ גוי"... אַז ער האָט באַקומען געלט, האָט ער זיך אָנגעהויבן „איידלען", דהיינו: געקויפט זיך אָן אָרט אין „מיזרח", שבת — „שלישי" אָדער „שישי", ניט אַנדערש; באַקליידט זיך און דאָס ווײַב און קינדער ווי עס דאַרף צו זײַן; אַרײַנגעגעבן 3 „רייניקייטן" אין די בתי־מדרשים אַרײַן און, ווי עס פּאַסט, געשענקט די שענסטע נדבה. און כאָטש דער באַלעגאָלע איז אים שטענדיק געלעגן אַפן פּנים, דאָך איז דאָס וואָרט „באַלעגאָלע" געווען פאַר אים ערגער ווי געשמדט; זאָגן אים הונדערט מאָל „גנב" איז אים אַ סך אָנגענעמער געווען, ווי מע זאָל אים אויפוואַרפן, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ מאַלעגאָלע, — חיות ניט זיכער!... און ווער שמועסט זײַן ווײַב — די האָט זיך נאָך מער „געאיידלט" פון אים; זײַן ווײַב האָט געשאָטן מיט גאָלד צוליב כבוד, בכדי זי זאָל זײַן לײַטן גלײַך; אירע קינדער האָט זי אָפּגעגעבן צו די גרעסטע מלמדים פון שטאָט; אַף שבת האָט זי גענומען צען אָרע־מע לײַט מיטאָמאָל; אַלע גבאיטעס זײַנען געווען אירע איבערגעגעבענע אַף תמיד און האָבן זי געהויבן אַף דריקעם; שידוכים האָט זי געוואָלט טאָן נאָר מיט די גרעסטע מיוחסים, און האָט געצאָלט אַ סך געלט פאַר שניר מיט איידעמס, ניט אַזוי צוליב די שניר מיט די איידעמס, ווי צו־ליב די מחותנים מיט די מחותנתטעס. אַז זי האָט חתונה געמאַכט אַ קינד, האָט זיך די חתונה געלאָזט הערן גאַנץ ווײַט!

איצט קאָנט איר אײַך שוין פאָרשטעלן, ווי גליקלעך זי איז געווען, אַז זי האָט אַ שידוך געטאָן מיט רב לייבצע רב פּנחסלס! ווי גליקלעך איז זי געווען, אַז איר מאירל איז רב לייבצע רב פּינחסלס אַן איידעם, און רב לייבצע רב פּינחסלס טאָכטער איז איר שנור, און רב לייבצע רב פּינחסלס אַליין איז איר מחותן, און רב לייבצע רב פּינחסלס ווײַב איז איר מחותנתטע!

רב לייבצע רב פּינחסלס איז געווען כל ימיו אַן עני ואביון, נאָר ווײַל ער קומט אַרויס פון „גוטע יידן" און האָט געהאַט עטלעכע שיינע

טעכטער, האָט ער שוין קיין דאגות פּרנסה נישט באַדאַרפט האָבן: מע פלעגט אים צוצאָלן אין בײַטל אַרײַן. אַז מאיר־קוואַשע איז געוואָרן זײַן איידעם, האָט מען אים אָפּגעצאָלט אחת ואחת טויזנט רענדלעך, און דערפאַר וואָס ער האָט געהאַלטן דאָס פאַרפאַלק אויף קעסט, האָט מען אים אַ חוץ געצאָלט חודש־געלט. זכות־אָבות, דאַרפט איר וויסן, איז נישט פון די קליינע זאַכן!

זײַן איידעם אָבער, מאיר־קוואַשע, אָדער מאיר רב לייבצעס, האָט זיך נישט געפילט אַזוי גליקלעך: אים האָט דעם שווערס יחוס נישט אַזוי שטאַרק געוואָרעמט; ער האָט פשוט געליטן הונגער און האָט נישט געקאָנט סובל זײַן די חסידישע תנועות פונעם שווער, וואָס פלעגט אים שטאַרק דערקוטשען, ער זאָל נעמען אַ יידיש ספר אין האַנט אַרײַן... אונדזער מאיר־קוואַשע איז קוים פּטור געוואָרן פונעם פינצטערן וויסטן חדר, און דאָ דערמאַנט מען אים ווידער וועגן אַ „יידישן ספר"!

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז בײַ אַט אַזעלכע אומשטענדן האָט דער איידעם נישט געקאָנט הויזן מיטן שווער; זיי האָבן זיך צעקריגט, צעפּאַטשט — און מאיר איז אַרויס פון רב לייבצע פינחסלס הויז אויף תמיד.

מאיר איז גיט אַנטלאָפן אַהיים צו זײַנע עלטערן, וועלכע האָבן זיך אַזוי געיחוסט מיטן טײַערן מחותן, — ניין; ער האָט זיך באַזעצט אויף אַ קליינער צײַט בײַ זײַן אַלטן חבר, בײַ מאָטל־מזיק, וואָס הייסט שוין הײַנט מאָטל בערצים.

דאָס דריטע קאַפּיטל

חתונה געהאַט

מאָטל בערצים איז שוין געווען אַ סך גליקלעכער פון זײַן חבר מאיר רב לייבצים.

בערצי ווײַנשענקער איז געווען אַ פּראָסטער ייד, נאָר אַ וועלט־מענטש, אַן אויסגעריבענער, וואָס איז דורכגעגאַנגען, ווי מע זאָגט, דורך פײַער און דורך וואַסער און דורך מעשענע רערן. אין דער יוגנט איז ער געוואַקסן אין אַ קליין שטעטל, און אַז ער איז געבליבן אַ יתום, האָט

ער זיך אָװעקגעלאָזט קײן אַדעס, געשטעלט זיך אין אַ װינקעלער פּאַר אַ משרת, אָפּגעדינט אַ סך יאָרן, צונױפֿגעשלאָגן אַ היפּשן קאַפּיטאַל, חתונה געהאַט און אַרױס אין דער דאָזיקער שטאָט, װוּ עס קומט פֿאָר אונדזער אמתע געשיכטע, און האָט זיך אײַנגעפֿירט דאָס געשעפֿט שטיל, נישט געפֿלױגן, באַלעבאַטיש. אױף די עלטערע יאָרן, אַז זײַן װײַב איז געשטאָרבן און אַלײן האָט ער זיך שױן געװאָלט אַ ביסל אָפּרוען, האָט ער געזוכט פֿאַר זײַן אײנציקער טאָכטער אַזאַ חתן, װאָס זאָל קאָנען פֿאַרטרעטן זײַן אָרט און איבערנעמען דאָס געשעפֿט; דאָס זעלבע האָט אױך געמײנט זײַן טאָכטער.

מלכה בערצים (אַזױ האָט געהײסן זײַן טאָכטער) איז ניט געװען אַזאַ פּאַרשױן, װי טײַבעלע רב לײבצים; דערפֿאַר איז זי געװען פֿונדאַמענטאַלער פֿון טײַבעלע רב לײבצים. טײַבעלע האָט טאַקע געהאַט שװאַרצע אײגעלעך, רױטע בעקעלעך, לאַנגע ברעמען, שײנע געקרײַזלטע האָר, אַן אױסגעמאָקט נעזל, אױסגעשניצטע ליפּעלעך — זי איז אָבער געװען אָט דאָס, װאָס מע רופֿט אָן אַ „רוחניות”, זײער־זײער אַן אײדל באַשעפֿעניש, גרינג װי אַ פֿעדער און לופֿטיק װי אַ מלאך. מלכה דאַקעגן האָט געהאַט גרױסע גרױע אױגן, לאַנגע ליכטיקע האָר, אַ ביסל אַ גראָבלעכע נאָז, פֿולע ליפּן, און אַלײן הױך און גרױס, מיט לאַנגע גראָבע הענט — און פֿונדעסטװעגן נישט קײן מיאוסע. מאָטלען איז זי פֿון דער ערשטער מינוט אָן אַזױ שטאַרק געפֿעלן געװאָרן, אַז ער האָט קױם דערלעבט די מינוט, די רגע, װען זײַנע עלטערן האָבן זי גענומען צו זיך אױף שבועות. אָך, אין די דאָזיקע צװײ טעג האָט נעבעך אונדזער מאָטל־מזיק איבערגעטראָגן אַלע שמערצן פֿון דער ערשטער ליבע!

שטעלט אײַך פֿאָר: אָט זעט מאָטל מיט זײַנע אױגן די דאָזיקע, מיט װעלכער ער דאַרף אָפּלעבן אַ װעלט. אָט קוקט זי אױף אים מיט אירע קלוגע גרױע אױגן. אָט שמײכלט זי, און דאָס פּנים פֿלאַמט איר פֿאַר פֿרײד. אָט הערט ער איר קול. זי רעדט, נאָר ניט צו אים. זי לאַכט, נאָר ניט צו אים. ער איז „אַ חתן”, און דאַרף זיך שעמען... אָט פֿאַרקאַטשעט זי די אַרבל, און אירע װײַסע דיקע הענט בלײַבן נאַקעט — און ער, מאָטל נעבעך, איר אײגענער חתן, טאָר זי אַפֿילו ניט קײן קוש טאָן!... די מאַמע מעג שטײן און צעפּלעכטן איר די לאַנגע, װײכע, שמעקנדיקע צעפּ, און ער, מאָטל, טאָר ניט! און װאָס פֿאַר אַ פּשוטע

זיין כלה איז: זי קאַכט אַליין און באַקט אַליין און מאַכט אַזעלכע בליג־צעס, וואָס צעגייען זיך אין יעדן אבר! כאָטש אַ וואָרט איר זאָגן, כאָטש אַ האַלב וואָרט, כאָטש אָנרירן זיך אָן איר האַנט, אָן איר קלייד! נאָר — שאַ! אָט גייט זי גלייך צו אים, צו מאָטלען... זי נעמט בײַ אים אַרוים דעם גילדענעם זייגער פון דער קעשענע (דעם זייגער האָט אים דער מחותן געשיקט אַ מתנה) און פרעגט בײַ אים, צי עס געפעלט אים די מתנה? אָ! ער פילט, אַז זי שטייט לעבן אים... ער רירט זי אָן אומגערן בײַ דער האַנט... זי קוקט אויף אים און שמייכלט... ער נעמט זי אָן שטאַרקער בײַ דער האַנט — זי לאָזט זיך... ער כאַפּט איר האַנט און וויל זי אַ קוש טאָן — קומט אָן די מאַמע!...

דעם זעלבן שבועות איז אויך מאיר־קוואַשעס כלה, טײַבעלע רב לייבצים, געקומען אויף יום־טוב צו זײַנע עלטערן. ניין, ניט רב לייבצי רב פּנחסלס טאָכטער איז געקומען — דאָס איז געקומען עפּעס אַ פּרינ־צעסן, עפּעס אַ בת־מלכּה פון טויזנט־און־איין נאַכט: איידל און לופטיק, אײַנגעטונקען אין זײַדנס און אין גאָלד, קוים־קוים וואָס זי רירט אָן מיטן פּיסעלע די ערד, אַ רוחניות, וואָס עסן דאַרף וואָס ווי אַ פייגעלע און פּישטשען פּישטשעט דאָס ווי אַ שוועלבעלע... מאָלט אײַך וויפל זיל־בער, וויפל גוטס האָט מאירס מוטער אַרויסגענומען פון די קאַסטנס! וויפל האָט זי אָנגעקאָכט און אָנגעבאַקן לכבוד דעם דאָזיקן טײַערן און ליבן גאַסט, וואָס אין האַרצן פילט זי, אַז זי איז ניט ווערט צו זיצן מיט איר בײַ איין טיש! מאירס פאָטער — דער האָט מורא אַפילו אַ קוק צו טאָן אויף דער כלה: ער ציטערט, טאָמער חלילה כאַפּט ער זיך אַרוים מיט אַ גראָב וואָרט... און מאיר? מאיר איז רויט, ווי אַ צוויק. זײַנע גראָבע באַקן זײַנען נאָך מער אָנגעבלאָזן, און דער שטערן שוויצט אים מיט סכנת־נפשות! עס מאָלט זיך אים רק אוים, אַז ער זיצט נישט אַקו־ראַט. ער רוקט אַלע מאָל אָן דאָס היטל שטאַרקער און שטאַרקער. ער באַראַבאַניעט מיט די קורצע גראָבע פינגער איבערן טעלער. דער פאָטער וואַרפט אויף אים אָן אויג און טרעט אים אָן אַפן פוס. נאָר דאַנקען גאָט, אָט טראָגט מען שוין דעם פאָלומעסיק מיט פיש. מאיר ווערט לעבעדי־קער. מאיר האָט ליב פיש פון תמיד אָן. ער עסט געשמאַק מיט אַפּעטיט און פאַטשט מיט די ליפּן. דער פאָטער איז אויסער זיך. ער לייגט אַוועק

לעפל און גאָפל, ווערט רויט, ווי אַ צוויק, און קוקט אַפן זון מיט אַזאַ רציחה, ווי ער וואָלט אים וועלן דורס זײַן.

פונדעסטוועגן, אַז ס'איז געקומען צו דער חתונה, איז אויך דער פּאָטער נכשל געוואָרן, געכאַפּט אַן איבעריקע כוסה, און די צונג האָט זיך אים אויפגעבונדן. ער איז צוגעגאַנגען צום מחותן, צו רב לייבצי רב פּינחסלס, אַרומגענומען אים אַפן באַלעגאַלישן אופן און האָט אים גע־פּרעגט, אַף קאַטאָוועס, צי ווייס ער דעם חילוק פון אַ פערד ביז אַ שקאַ־פע און ביז אַ זשערעבעץ.... אַ סקאַנדאַל! אַ סקאַנדאַל! דאָס זאָל גע־ווען זײַן פאַר דער חופּה, וואָלט רב לייבצי רב פּינחסלס געווים געפאָרן צוריק אַהיים. אַצינד איז שוין געווען פאַרפאַלן. אַ סקאַנדאַל! אַ סקאַנ־דאַל!

אַף מאָרגן, אַז מאירס פּאָטער האָט זיך אויסגעניכטערט, האָט ער דעם מחותן מפצה געווען פאַר דעם בזיון מיט מזומנס, און געזעגנענדיק זיך מיטן זון, מיט מאירן, האָט ער אים אויג אַף אויג אַזוי געזאָגט:

— פאַרגעס ניט, זונאַ, דאָס... אַז דו האָסט זיך פּאַפּאַדיעט צווישן מיוחסים, איידעלע לײַט, וואָס דו ביסט ניט ווערט זייער דאָס... זייער פּאָדעשווע. צווישן איידעלע לײַט וועסטו זיך אויך אַמאָל אויסאיידלען, מחמת דו ביסט נאָך דערווײַל אַ דאָס... עס איז ניטאָ קיין ערגערס אַף דער וועלט פון אַ דאָס... און מכח געלט, פּרנסה, האָסטו ניט וואָס צו זאָרגן, מחמת דו האָסט נאָך אַ דאָס... אַ געזונטן טאַטן. אמת, נעכטן האָב איך זיך אַביסל דאָס... צעשאַקלט, נאָר מען איז דאָך אַ דאָס... אַ מענטש. אַ גוי זאָגט אַ גלײַכווערטל.. עס איז פאַראַן, דאַכט זיך, אויך אַ דאָס.. אַ פּסוק אַזאַ. הכלל, ברודער, שמיר און דאָס... איך מיין, פאַר געזונטערהייט!...

אין דעם זעלבן טאָג האָט מאָטלס פּאָטער אויך געהאַלטן אַ רעדע פאַר זײַן זון, נאָר אַף אַן אַנדער אופן:

— נו, מײַן ווײַב, האָב איך דיר ניט געזאָגט, אַז מיט מאָטעלען האָבן מיר קיין דאגה ניט, אַז מאָטל דאַרף זײַן אַ גביר, אם ירצה שם.. האַ? וואָס זאָגסטו, מאָטל? איאַ, איך בין גערעכט?... קוק ניט, וואָס דײַן טאַטע איז אַ קבצן. עס איז דרינען פאַראַן אַ סאַך צו ריידן!... אָבער דו דאַרפסט זײַן אַ נגיד. דו מוזט זײַן אַ נגיד מיט גאָטס הילף... דו הערסט צי ניין? אָט וועסטו געדענקען מײַן וואָרט: זאָלסט מיך אָנ־

רופן ליגנער, אַז אין צען יאָר אַרום, ניט מער ווי צען יאָר, וועט אונדזער מאָטל אַרויסשיקן נאָך אונדז אַ קאַרעטע מיט פיר ברענענדיקע שקאַפּעס — אַנדערש וויל איך ניט, דו הערסט צי ניין? און מע וועט אונדז ברענגען אין אַ דרײַגאָרנדיקן מויער, דו הערסט צי ניין? מיט גלעזערנע פּאָד־לאָגעס, מיט לאַנגע שפּיגלען, דו הערסט צי ניין? מיט טײַערע פּאָטעלן, דו הערסט צי ניין? אָט דער עיקר איז, מאָטל, דו פאַרשטייסט צי ניין, — דער עיקר איז היטן דאָס קערבל דאָרט ווו מע דאַרף, דו פאַרשטייסט צי ניין? און דאָרט ווו מע דאַרף אַ ווייז טאָן, אַ גלאַנץ טאָן, עס זאָל יענעם אַ צופּ טאָן באָם האַרצן און אַ בלענד אין די אויגן, — דאָרט טאָר מען ניט זײַן קיין פּאַרך, דו פאַרשטייסט צי ניין? און פירן זיך מיט אַ שווער, מיט אַ ווײַב — דאָס דאַרף איך דיך ניט לערנען; דערויף ביסטו ניט מאיר־קוואַשע און דײַנע עלטערן זײַנען ניט קיין באַלעגאָלעס, דו פאַרשטייסט צי ניין?

דאָס פערטע קאַפּיטל

אַראָפּ פון קעסט

„דו פאַרשטייסט צי ניין? דו פאַרשטייסט צי ניין?" — אָט די דאָזיקע ווערטער האָבן אונדזער מאָטלען געקלונגען אַ גאַנצן וועג אין די אויערן, נאָר ער האָט זיי אין זינען געהאַט, ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי.

מאָטל האָט פאַר זיך איצט אַ גאַנצע וועלט!

ווען מען הערט ער אַצינד, אַז זײַן טײַערע מלכה זיצט אָט דאָ באַ דער זײַט, און ער פילט זי לעבן זיך, און עס מאָלט זיך אים אויס, אַז נאָך אַזאַ, ווי מלכה, איז שוין גאָר אויף דער וועלט ניטאָ!

און ווירקלעך, נאָך אַזאַ מלכה איז אויף דער גאַנצער וועלט ניטאָ! קיינער קאָן אַזוי ניט אַרומדרייען זיך אַ גאַנצן טאָג אין שטוב, ווי מלכה, אַז עס זאָל זײַן אי פריילעך, אי אַלע אַרבעטן אָפּגעטאָן; קיינער קאָן אַזוי ניט קאָכן און באַקן אַליין און גיין אַרום זיך ריין, ציכטיק, ווי מלכה; קיינער קאָן אַזוי ניט פירן דאָס גאַנצע ווײַנגעשעפט און דערצו אין זינען האָבן דעם מאַן, אַז ער זאָל עסן צו דער צײַט, שלאָפן צו דער

צײַט און זאָל אויך ניט זיצן צונויפגעלייגט די הענט; קיינער קאָן אַזוי ניט צושטעלן אַזוי פיל פאַרגעניגן דעם מאַן מיטן פאָטער און אַוועקגעבן אַזויפיל ליבע, אַזויפיל טרײַשאַפט, ווי מלכּה!

אָט וואָס מאָטל שרײַבט צו זײַנע עלטערן:

„טײַערע עלטערן! איר שרײַבט מיר, אַז איך האָב אײַך געשיקט אַ קורצן בריוו, איז דאָס דערפאַר, ווײַל איך בין שטאַרק פאַרנומען און קאָן זיך ניט אָפּרײַסן קיין צײַט אפילו צו אײַך אַ גרעסערן בריוו אַמאָל אָנצושרײַבן! איר ווייסט דאָך, אַז מײַן שווער האָט מיר איבערגעגעבן אינגאַנצן זײַן געשעפט, וואָס האָט איצט אָנגעהויבן נאָך בעסער גיין ווי פריִער, אַזוי, אַז איר מיט מלכּה׳ן האָבן שוין קיין הענט ניט. צום מיינסטן גייט אָפּטאָווע פאַרקויף פון רוסישע ווײַנען, און בײַ אונדז קויפט מען פון עטלעכע שטעט. ווען מיר זאָלן האָבן נאָך אַ צוואַנציק טויזנט רובל, וואָלטן מיר אויסגעשריבן אויך אויסלענדישע ווײַנען, און דערפון וואָלטן מיר גאָר גליקלעך געוואָרן. נאָר ווו נעמט מען אַזויפיל קלינגערס? אַ דאַנק גאָט דערפאַר אויך; קיין גביר בין איך ניט, נאָר אַ נגיד יאָ. דער שווער האָט שוין איבערגעשריבן זײַן גאַנצן הויף מיט אַלע קלייטן אויף מײַן נאָמען. איך האָב הײַנטיקס יאָר אַרײַנגעטראָגן קאַפּיטאַל און בין שוין, דאַנקן גאָט, לײַטן גלײַך — אַ קופּיעץ... מלכּה וואָלט אײַך אַליין צוגעשריבן אַ גרוס, לאָזט זי ניט דאָס קינד. זייער אַ ווילער יונגאַטש, נאָר אַ גרויסער שרײַער. שרײַבט מיר, וואָס איז די מעשׂה מיט מאיר׳ס פאָטער, וואָס ער וויל זײַן אייגענעם זון ניט העלפן אפילו מיט קיין גוט וואָרט? דער דאָזיקער בעל־עגלה טראַכט, אַפּנים, אין קבר אַרײַן מיטנעמען דאָס געלט? אַ ביטערער רחמנות אויף מאיר׳ן נעבעך מיטן ווײַב: זיי בלאָנקען זיך דאָ אַרום, און מיטן שווער, מיט רב לייבצי רב פּינחסלס, קאָן ער ניט הויזן, און פאָרן אַהיים צום בעל־עגלה האָט ער מורא — אַ גאָטס רחמנות!"...

די זעלבע פּאָסט טראָגט נאָך אַ בריוו, פון מאירן צו זײַן מוטער (צום פאָטער האָט ער מורא צו שרײַבן):

„ליבע מוטער! איך האָב מיט גרויס דאַנק מקבל געווען די הונדערט רובל, וואָס דו האָסט מיר צוגעשיקט, און בין דיר מודיע, אַז עס איז שוין פון זיי ניטאָ קיין גראָשן. דײַנע טרערן זײַנען אַרויסגעוואָרפן: איך קאָן באַם שווער אויף קעסט ניט זיצן. טו אַ קוק, ליבע מוטער, אויף

מײַן חבר מאָטלען — ער איז דאָס גליקלעך! מע זאָגט, אַז ער איז שוין אַ גביר, — און איך בין געבליבן באָם יחוס! איך בין אַ גרויסער בעל־הוצאה, וואָרעם מײַן טײַבעלע איז ניט גלײַך צו מלכה בערצים, וואָס לויפט אַליין אין קעלער אַרײַן נאָך ווײַן און שטייט באָם אויוון! מײַן טײַבעלע איז דערצו ניט געוווינט געוואָרן; זי זאָגט, אַז זי איז אַ גבירס אַ שנור, קאָן זי זיך פאַרגינען האַלטן צוויי דינסטן, וואָרעם ווען ניט דאָס, וואָס מע זאָגט, אַז מײַן טאַטע האָט אַ סך געלט, וואָלט זי מיך גאָר ניט געוועזן גענומען... זי איז דען ניט גערעכט? הײַנט האָבן מיר דאָך שוין אַ קינד אויך, דאַנקען גאָט, אַפילו זייער אַ שיין מיידעלע, ווי צוויי טראָפּן וואַסער טײַבעלע, נאָר מע דאַרף אַן אָם... לכן בעט איך דיך, ליבע מוטער, האָב רחמנות אַף דײַן קינד און לאָז מיך ניט פאַלן! זאָג דעם טאַטן, דערקוטשע אים — ביז וואַנען איז דער שיעור?"...

פון די דאָזיקע צוויי בריוולעך זעט דער לייענער אַרויס, אַז איינער פון אונדזערע העלדן הייבט ערשט אָן צו לעבן אַף דער וועלט, און דער צווייטער ליגט טיף־טיף אין דער ערד און באַקט בייגל! און אַפילו שפּעטער, אַז מאיר האָט נאָך זײַן פאָטערס טויט באַקומען ירושה הונ־דערט טויזנט רובל, איז זײַן לעבן דערפון ניט בעסער, ניט זיסער געוואָרן.

אַ קוק טאָן אַף מאירן, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז ער לעבט זיך גאַנץ צופרידן: די זעלבע אָנגעבלאָזענע באַקן מיטן גלאַנצנדיקן שטערן; די זעלבע פולע רויטע ליפּן, וואָס פריִער; דערצו האָט באַ אים נאָך אָנגעהויבן וואַקסן אַ בײַכל מיט אַ שיינער קײַלעכדיקער שוואַר־צער באָרד, אַזוי אַז ער האָט באַקומען אַ פּנים פון אַ פײַנעם נגיד. און כאָטש אַפילו אין אים זײַנען פאַרבליבן אייניקע אָפּשניצלעך פון דעם פאָטער, ווי דאָס וואָרט „דאָס" נאָך יעדער פראַזע וכדומה אַזעלכע מאַ־ניערן, פונדעסטוועגן האָט ער זיך שטאַרק „אויסגעאיידלט", אַזוי, אַז עס איז שווער געווען צו דערקענען, צי איז מאיר אַ ייִד פון לערנען, צי אַ גראָבער יונג? הײַנט האָט ער שטאַרק ליב געקריגן באַנוצן לשון־קודש־ווערטער, ווו מע דאַרף און ווו מע דאַרף ניט. דערפאַר אָבער האָט ער באַ זיך אין שטוב אויפגעפירט זיך גאָר ניט מעשה למדן און אַריס־טאָקראַט, דהיינו: אַז ס'איז געקומען צו דער טיי, האָט ער געמוזט אַראָפּוואַרפן פון זיך די קאַפּאָטע מיט די שטיוול, און אַזוי, האַלב־נאַקעט און באָרוועס, זיצן און שוויצן איבערן סאַמאָוואַר... אָך, וויפל טרערן

האָט דערויף טײַבעלע פאַרגאַסן! וויפֿל טעג און נעכט האָט מאיר אַליין איבער דעם צוגעקרענקט! נאָר פאַרפאַלן! איר וועט שוין מאיר־קוואַשע ניט איבערמאַכן. אַזאַ איז ער געבוירן געוואָרן בײַ זײַן טאַטן און אַזאַ וועט ער שוין שטאַרבן!

ווי לאַנג האָט מאיר געקלאָגט נאָך זײַן פאָטער — דאָס קאָנען מיר ניט וויסן; מיר וויסן נאָר אַז וויבאַלד ער האָט נאָר באַקומען די ירושה אין דער האַנט אַרײַן, האָט מאיר ניט געוווּסט, וואָס טוט מען מיט אַזאַ סומע געלט? און ווער ווייסט, וואָס מיט מאירס געלט וואָלט געוואָרן, ווען זײַן אַלטער חבר מאָטל וואָלט אים ניט געקומען צו הילף און בײַגע־שטאַנען אין זײַנע נויטן!...

מיר קאָנען ניט אָפּלייקענען, אַז מאָטל פֿלעגט ניט איין מאָל מיט־העלפֿן זײַן אַלטן חבר בײַ דער נויט, און טײַבעלע איז אים געווען זייער דאַנקבאַר און האָט תמיד געשעצט מאָטלען פֿיל העכער פֿון מאירן, און האָט שטענדיק מקנא געווען מלכהן, וואָס זי האָט אַזאַ מאַן, ווי מאָטל. זאָל אָבער דער לייענער קיין טעות ניט האָבן און ניט מיינען חלילה, אַז טײַבעלע האָט ליב געהאַט מאָטלען און פֿײַנט געהאַט מאירן; חס ושלום! מיר זײַנען דאָך עפּעס ייִדן, ניט קיין גויים! טײַבעלע האָט מקנא געווען מלכהן אָפּן מאַן, גלײַך ווי זי האָט איר מקנא געווען אָפּן זײַדענעם מענטעלע, אַף די פּערל, אַף דער שטוב, אַף די קינדער. טײַבעלע האָט דאָס גאָר ניט געלייקנט פֿאַר מאירן אַליין און פֿלעגט אים גאַנץ אָפּטלעך אַרויסזאָגן דעם אמת, אַז ער קומט ניט צו מאָטלען, ווי הימל צו דער ערד; אַז מאָטל איז טאַקע פּאַרט אַ מענטש, און ער, מאיר, איז געווען אַ קוואַשע און וועט בלײַבן אַ קוואַשע! אפילו איצט, אַז מאיר האָט באַקומען די ירושה, האָט אים טײַבעלע ניט אויפֿגעהערט צו טאָטשען:

— דאַרפֿסט געוויס דאַנקען מאָטלען, וואָס ער וויל דיך צונעמען פֿאַר אַ שותּף, אַזאַ באַבע אין פּאָסטעלעס, ווי דו ביזט! מעגסט זײַן זיכער, אַז מאָטל וועט שוין האָרעווען פֿאַר דיר אויך, און דו וועסט זיך ווײַטער גלעטן דאָס בײַכל און אַרומגיין, ווי אַ ליימענער גולם, פֿון שמונין צו בונין, און רעדן פֿון פּאָליטיקע, גלײַך ווי דו ווייסט אפֿילו, ווער עס האָט דיך געשלייערט!...

— נו, טײַבעלע, גענוג שוין, כלעבן! גענוג שוין דיר דאָס... ביזט אפֿשר טאַקע דאָס... גערעכט, אָבער ניט אַזוי דאָס... ניט אינגאַנצן!

— צי איך בין גערעכט? אודאי בין איך גערעכט! איך פרעג דען באַ דיר, צי איך בין יאָ גערעכט, צי ניט גערעכט? געפעלט דיר אַ ביסל אַן אויסשמועס פון אַ לאַנד־חכם?!...

— ניין, טײַבעלע, איך מיין ניט דאָס! איך מיין דאָס! איך זאָג דאָך אַליין דאָס!...

— דאָס־דאָס, דאָס־דאָס! מער הערט מען פון דיר ניט אַז „דאָס"! דײַן „דאָס" ליגט מיר שוין אָט־אָ־דאָ! גיי שוין, גיי אַוועק פון מיר, לאָמיך דיך כאָטש ניט אָנקוקן!...

שטיל, אָן ווערטער, גייט מאיר אַוועק פון טײַבעלען, ציט זיך אויס אויף דער קאַנאַפּע מיטן פּנים אַרויף צו דער סטעליע און שוויצט, און דאָס פּנים איז אים רויט, ווי אַ צוויק.

דאָס פינפטע קאַפּיטל

„דעפּאָ פרידמאַן עט פורמאַן"

אָט וואָס פאַר אַ שילד מיט גאַנץ גרויסע גילדענע בוכשטאַבן עס הענגט אויף דעם ווײַן־סקלאַד פון מאָטל־מזיק און מאיר־קוואַשע.

אַמאָל, גאָר אַמאָל, מיט אַ יאָר פופציק צוריק, איז געווען אויף דער וואַנט אָנגעשריבן מיט שוואַרצע אותיות אויף ייִדיש: „בכאן מוכרים יין גפן כשר לפּסח". ווער האָט זיך עס געקאָנט ריכטן דעמאָלט, אַז פון יענעם אָרעמען צניעותדיקן לשון־קודש־ברעטל וועט אַמאָל אויסוואַקסן אַ גרויסע ליכטיקע שרײַענדיקע שילד מיט גאָלדענע אותיות!

און דער סקלאַד גופא? דאָס איז שוין ניט יענער קעלער, וואָס איז געווען אַמאָל פאַר בערצי ווײַנשענקער — ניין! דאָס איז שוין אַ גרויסער שיינער מויער מיט עטלעכע אָפּטיילונגען, און אויף יעדער אָפּטיילונג הענגט אַן אַנדער ברעטל: דאָ פאַרקויפט מען אויסלענדישע ווײַנען און ליקערן; דאָ — באַקאַליינע סחורה; דאָ — געזאַלצענע זאַכן. עס פליִען אַרום פּריקאַזטשיקעס מיט ווײַסע פאַרטוכער און מען רעדט אויף רוסיש. בײַ דער זײַט, אַקעגן דער טיר, בײַ אַ קאַנטאָרקע, שטייט אַ קאַסיר מיט אַ פעדער, פאַרשטעקט הינטערן אויער, און קלאַפּט אַ גאַנצן

טאָג אַף די ביינדלעך. זעלטן־זעלטן זעט מען דורכלויפן פרידמאַנען (אונדזער אַלטער באַקאַנטער — „מאַטל־מזיק") מיט אַ פּאַק חשבונות אין דער האַנט. אונדזער מאַטל האָט זיך ניט שטאַרק פאַרענדערט פון יענער צײַט, וואָס מיר האָבן אים אוועקגעוואָרפן בײַ זײַן שווער אַף קעסט: דער זעלבער פריילעכער לעבעדיקער מאַטל, וואָס אַמאָל, נאָר באַנײַט מיט אַ קליין בערדל, אייראָפּעיש געקליידט, מיט אַ קאַפּעלוש אפן קאָפּ, און, ווי אַמאָל, גיך־גיך געדרעדט, געלאָפן, ניט געגאַנגען, וואָרפנדיק מיט די לאַנגע הענט ווי אַ ווינט־מיל מיט די פליגל, און אפן פּנים אַ שמייכעלע פון אַ פאַרנומענעם מענטשן, וועלכער האָט פאַר־געניגן דערפון, וואָס ער איז אַזוי פאַרנומען.

נאָך זעלטענער זעט מען אַרײַנגיין אין קאַנטאָר אַרײַן דעם הער פורמאַן (אונדזער באַליבטער „מאיר־קוואַשע"). זעט איר, דער הער פור־מאַן האָט שוין דוקא אַ פּנים פון אַן עושר: סאָליד און גראָב, גייט אַ ביסל שווערלעך בײַ דער ערד, מיט אַ שיינער קײַלעכיקער שוואַרצער באָרד, די באַקן תמיד מיט אַ פאַרב, די ליפּן גראָב און רויט, און אַז ער גייט, שטעלט ער זיך אָפּט אָפּ אפן וועג און בלאָזט זיך אָפּ אַ ביסל, די פּאָלעס צעגומען, און אַ שיינע ווײַסע מאַנישקע מיט אַ שוואַרצן ברייטן זשילעט נעמען אַרום גאַנץ פעסט זײַן קײַלעכיק בײַכל, וועלכעס האָט אַ השגה צו ווערן מיט דער צײַט נאָך קײַלעכיקער. ער גייט אַרײַן צו זיך אין „קאַנטאָר" אַרײַן (אַזוי רופט מען די קלייט, ווו דער קאַסיר שטייט בײַם טישל און קלאַפּט אַף די ביינדלעך) זייער שטרענג, מיט גרויס קור־ראַזש, און פירט זיך מיט די מענטשן זייער שטרענג; „ער בלאָזט פון זיך", ווי מע רופט דאָס. און מע האָט טאַקע פּחד אים דרך־ארץ, בעת ער קומט אַרײַן, הגם מע לאַכט פון אים און מע קרימט אים איבער צווישן חברה פריקאַזטשיקעס, בעת ער גייט אַוועק. ער האָט זיך זײַן אייגענעם שטול אין „קאַנטאָר", אַף וועלכן ער צעלייגט זיך מיט גרויס גדלות, ווי בײַם טאַטן אין ווײַנגאָרטן. און יעדער מאָל, וואָס ער גייט אַרײַן, מוז ער עפּעס זאָגן אַ דייע:

— דער דאָזיקער ווײַן איז אַ ביסל צו דאָס... מע דאַרף אויס־שרײַבן אַנדערע הערינג, מחמת זיי זײַנען שוין געוואָרן דאָס... איר זאָלט מיר אַף באַנאַכט צוגרייטן אַ חשבון פון אַלע דאָס...

און כאָטש אַלע האָבן גאַנץ גוט געוווּסט, אַז דער הער פורמאַן פאַרשטייט אַזוי וואָס אין חשבון טוט זיך, פונקט ווי דער האָן פאַרשטייט

אין „בני־אדם", דאָך האָט מען אים דעם חשבון געמוזט ברענגען, און ער האָט אָפּ מאָרגן געגעבן דעם קאַסיר אַ מיִעסן פּסק:

— וואָס פאַר אַ דאָס האָט איר מיר נעכטן געגעבן? איך האָב פּײַנט אַזעלכע דאָס!...

און קוים איז ער אַרויסגעטרעטן פון קאַנטאָר, אַזוי האָט זיך יוסעלע דער משרת תיכּף ומיד צעלייגט אַפן שטול מיטן בויך אַרויסגעשטעלט, פּונקט ווי דער הער פורמאַן און בלאָזנדיק און פּעכקענדיק, האָט ער אים איבערגעקרימט:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ דאָס? איר זאָלט מיר דאָס!...

צווישן חברה פּריקאַזטשיקעס ווערט אַ געלעכטער. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז איינמאָל איז דערפון פרידמאַן געוואָר געוואָרן, האָט ער יאָסעלע דעם משרת דורכגעטריבן. פרידמאַן האָט נישט געוואָלט, מען זאָל לאַכן פון זיין שותּף! פרידמאַן האָט געלעבט זייער גוט מיט פורמאַנען! אין יענער צײַט איז פורמאַן געווען דער „געלט־שידוך"; זײַן גאַנצע ירושה, די הונדערט טויזנט רובל, האָט ער אַרײַנגעבראַכט אין געשעפט אַרײַן, און אַף אַלע פּאַפּירן איז געווען געחתמעט פורמאַן גלײַך מיט פרידמאַנען. חתמענען זיך האָט פורמאַן זייער ליב געהאַט; אַז עס איז געקומען צום חתמענען זיך, האָט ער פאַרקאַטשעט די אַרבל, אָוועקגעזעצט זיך מעשה מיניסטער און אַ שנײַד געטאָן דעם נאָמען „מאיר פורמאַן" מיט אַזאַ קוראַזש און מיט אַזוי פיל דריידעלעך און פלעכטעלעך, אַז עס איז אויסגעקומען אַ קוילעטש פון אויבן, אַ קוילעטש פון אונטן, צוויי בייגל באַ די זײַטן און אין מיטן עטלעכע שטעקעלעך מיט פּינטעלעך.

מע קאָן זאָגן, אַז די דאָזיקע חתימה איז קיינעם ניט אַזוי שטאַרק געפעלן געווען, ווי אים אַליין, און טאַקע דעריבער האָט ער קיינמאָל ניט געקוקט, אויף וואָס ער חתמעט זיך; אַבי די חתימה זאָל אויסקומען מער פאַרדרייט און פאַרפלאָכטן. הלוואי וואָלט פורמאַן מער אַרײַנגעקוקט אין דעם, וואָס פרידמאַן הייסט אים זיך חתמענען, וואָלט אפשר געווען פיל נוצלעכער און געזינטער פאַר אים!...

פורמאַן האָט אָבער נישט געהאַט קיין שום סיבה ניט צו גלייבן און ניט צו פאַרלאָזן זיך אַף זײַן חבר, אַף זײַן שותּף פרידמאַן. ערשטנס, קען ער דאָך מאָטלען פון קינדרווײַז אָן פאַר אַן ערלעכן; צווייטנס, האָט פרידמאַן פון זײַנעטוועגן געטאָן אַזוי פיל, וואָס מע טוט ניט אַפילו אַן

אייגענעם ברודער; דריטנס, איז פרידמאַן אַליין אַן עושר; און ועל כולם, ווען ער זאָל זיך ניט פאַרלאָזן אַף פרידמאַנען, מוז ער דאָך אַליין זײַן אומעטום, אכטונג געבן אַפן געשעפט, אַרײַנקוקן אין די חשבונות — און דאָס איז שוין אַ צו שווערע הלכה פאַר מאיר־קוואַשע! גענוג פאַר אים, וואָס ער מישט זיך צווישן די פּריקאַזטשיקעס, זאָגט זיי דעות שטענדיק, רײַסט זיי אויס פאַר אַן איבעריקן גראַשן, זשאַלעוועט עסן די משרתים, הייבט־אויף אַ גוואַלד פאַר אַ ביסל ווײַן, וואָס מע האָט אומגערן פאַרגאָסן, רײַסט־אַראָפּ שכירות באַם סטאָראָזש און פירט זיך אויף בכלל, ווי עס דאַרף זיך אויפפירן אַ שטרענגער באַלעבאָס, וואָס היט אָפּ דאָס געשעפט...

פרידמאַן האָט דאָס געזען און איז געווען פון דעם זייער צופרידן: געווים, געווים, אַזוי דאַרף זיך טאַקע פירן אַ באַלעבאָס! — און אַליין האָט ער זיך גענומען צום חשבון...

פריִער, אַז זײַן שווער בערצי ווײַנשענקער איז געשטאָרבן, האָט ער אים איבערגעלאָזט אַן אײַנגעפּאַלענעם ווײַנקעלער, אַן אַלטע שטוב מיט אַ נאָמען — און נישט מער! דאָס ביסל קאַפּיטאַל, וואָס מאָטל פרידמאַן האָט צונויפגעשלאָגן, האָט ער אַרײַנגעבראָקט אין דער דירה, וואָס ער האָט זיך אויסגעבויט, מיטן קעלער, וואָס ער האָט צורעכט געמאַכט, און ווײַל ער האָט שוין געהאַט אַ נאָמען, האָט ער אַראָפּגעבראַכט אַ טראַנספּאָרט ווײַן אַף קרעדיט, און זיצנדיק אַזוי איינמאָל אין אַ ווינטערנאַכט איבער די חשבונות, האָט ער שטיל אַ רוף געטאָן זײַן ווײַב:

— מלכה, קום נאָר אַהער אַף אַ ווײַלע!

— וואָס איז, מאָטל?

— מלכה, מיר שטייען שמאָל, מלכה! דו זעסט? אָט איז דער חשבון אײַנגאַנצן פאַר די אויגן: עס גייט אונדז אָפּ, טרעף וויפל?

— וויפל? וויפל?

— פינף טויזנט זײַנען מיר שולדיק, און צען טויזנט דאַרפן מיר האָבן צום מאַרק. מיר מוזן דאָס האָבן! פופצן טויזנט מוזן מיר האָבן, דו פאַרשטייסט צי ניין?...

נו, איז דען אַ חידוש, וואָס מאָטל האָט צוגענומען מאירן פאַר אַ שותף, און וואָס פרידמאַן און פורמאַן זײַנען געוואָרן פאַרבונדן מיט פרײַנטשאַפט און מיט ליבשאַפט נאָך מער, ווי אַמאָל, ווי אין די יונגע יאָרן?

נאָר ווי זייער פרײַנטשאַפט און זייער ליבשאַפט איז גרויס געווען, אַזוי איז די פרײַנטשאַפט און די ליבשאַפט צווישן זייערע ווײַבער געווען הונדערט מאָל אַזוי גרויס און אַזוי שטאַרק. דאָס איז געווען אַ ברענענדיקע ליבע צווישן צוויי לײַבלעכע שוועסטער, וואָס זײַנען איבערגעגעבן איינע דער אַנדערער מיטן לעבן, מיטן גוף און מיט דער נשמה!

דער דאָזיקער שיינער געשיכטע פון דער רירנדיקער פרײַנטשאַפט צווישן די צוויי יונגע פרויען שענקען מיר אין אונדזער דערציילונג גאָר אַ באַזונדער קאַפּיטל.

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

אַ זעלטענע ליבע צווישן צוויי פרויען

פריִער, מיידלווײַז, האָבן זיי זיך גאָר נישט געקענט. דאָס הייסט, ווייסן האָבן זיי דווקא געוווּסט איינע פון דער אַנדערער: טײַבעלע רב לייבציס האָט געוווּסט, אַז בײַ בערעצי ווײַנשענקער איז דאָ אַ טאָכטער, אַ גראָבע מויד, וואָס קען זיך מיט אַלע שיכורים פון איר פאָטערס ווײַנשענק, און נעמט־צו געלט אום שבת, און גיט אויסגאָב אום שבת, און איז שוין אָנגעשטאָפּט מיט יאָרן, און איז שיין „ווי מײַנע צרות" און נאָך, און נאָך... און מלכה בערצים האָט געהערט, אַז בײַ רב לייבצי רב פינחסלס איז דאָ אַ טעכטערל, אַ קליינס און אַ גרינס, קוים וואָס עס רעדט, בייז ווי אַ יאַשטשערקע, קוקט נישט גלײַך אַף קיין מאַנצבל און גייט־אויס נאָך אַלע שנײַדער־יינגלעך, און נאָך, און נאָך... ערשט דעמאָלט האָבן זיי זיך אָנגעקוקט רעכט, בשעת זיי זײַנען געוואָרן כלות פון איין שטאָט — דעמאָלט האָבן זיי זיך גוט באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס; איינע האָט געוווּסט, וויפל קליידלעך און וואָס פאַר אַ שאַלעכל די אַנדערע האָט, און וויפל אַרשין בלאָנדן זי האָט זיך געקויפט, און וואָס פאַר אַ מתנות דער חתן האָט איר געשיקט, — און ביידע האָבן זיי געטראָגן גלײַכע שמערצן: מלכה האָט מקנא געווען טײַבעלען אַף דעם טײַערן בראָש מיט די אוירינגלעך, וואָס איר רײַכער מחותן האָט איר געשיקט, און טײַבעלע האָט שיעור ניט געפּלאַצט, קוקנדיק אַף מלכהס

סאַמעטענעם בורנאָס מיט שליאַמעס, וואָס בערצי וויינשענקער האָט איר געמאַכט צו דער חתונה.

ערשט נאָך דער חתונה, אַז זיי זיינען זיך צונויפגעקומען צוזאַמען מיט זייערע מאַנען, וועלכע האָבן זיך געמאַכט גאַנצע אָפּטע וויזיטן, ווי אַלטע חברים, ערשט דעמאָלט האָבן זיך די דאָזיקע צוויי יונגע ווייבלעך באַקענט פּערזענלעך, און אַך! ווי ליבלעך, ווי פריינטלעך זיי האָבן זיך צערעדט צווישן זיך, קנאַקנדיק די ניסלעך און פאַרטרינקענדיק מיט קאַלט וואַסער און מיט אַלערליי איינגעמאַכטסן, ווי עס פירט זיך בא אונדז. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזן, אַז זיי קענען זיך שוין פון הונדערט יאָר, און פון וואָס האָבן זיי נישט איבערגעשמועסט אין דעם ערשטן מאָל? די קאַסטנס מיט די שאַפעס האָבן זיך געעפנט, אַלע מלבושים זיינען אָנגעמאָסטן געוואָרן, אַפילו די ציכלעך פון די קישנס, אַפילו דאָס גרעט איז אַרויס אַף דער סצענע, און דאָס אָנקוועלן מיט דער שמחה איז גאָר ניט צום באַשרייבן!

און זייערע מאַנען, מאָטל מיט מאירן, זיינען, געוויינלעך, געזעסן אין אַ באַזונדערן חדר און האָבן זיך, ווי דער שטייגער איז בא יונגע אײדעמס, געשפּילט אין שאַך ביז זייגער צוועלף אין דער נאַכט, און אַז זיי האָבן זיך שוין אָפּגעזעגנט און געקליבן זיך גיין אַהיים, זיינען זייערע ווייבלעך נאָך אַלץ געזעסן איינגעלעבט איינע אין דער אַנדערער און האָבן געהאַלטן פּונקט אין מיטן אַן אינטערעסאַנטן שמועס, וויאַזוי זי, מלכה, האָט דאָס ערשטע מאָל גערעדט מיט איר חתן, און וויאַזוי זי, טייבעלע, האָט זיך געפירט מיט איר מאַן באַלד נאָך דער חתונה.

— אַהיים! אַהיים! שוין צייט אַהיים! — האָבן די מאַנען זיי אָנגעהויבן אונטערצוטרייבן.

— אָט באַלד! אָט באַלד! — האָבן די ווייבער געענטפערט, גאָר ניט געקאָנט זיך אָפּרייסן איינע פון דער צווייטער.

— לאָזט שוין איבער אַף נאָך אַ מאָל! — האָבן די מאַנען געזאָגט מיט אַ געלעכטער.

— זע נאָר, ווי זיי זעצן די נשמה! — האָבן די ווייבער געענטפערט אויך מיט אַ געלעכטער און האָבן זיך באַם געזעגענען אַזוי שטאַרק געקושט, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך אָפּגעזעגנט אַף אייביק.

קומענדיק אַהיים און אַריינלייגנדיק זיך אין בעט אַריין, האָט טייבעלע געזאָגט צו מאירן:

— מע זאָגט, אַז פֿון אַ חזירשן עק קאָן מען קיין שטרײַמל ניט מאַכן... פּאָרט בערצים אַ טאָכטער! בײַ מײַן טאַטן וואָלט שוין אַ קינד ניט געוועדט אַזעלכע מיאוסע, גראָבע ווערטער! און ווי געפֿעלט דיר אַ ביסל, ווי זי האָט זיך עס צעלייגט מיט אירע שמאַטעס? כ'לעבן, מאָטל איז שוין אַ סאַך לײַטישער פֿון איר, כאָטש ער ציטערט אַזוי איבער איר. איך ווייס ניט, וואָס האָט ער אין איר אַזעלכעס דערזען, וואָס ער פּאַדקעוועט אַזוי אַרום איר?...

אין דער דאָזיקער מינוט האָט זיך מלכּה צעגאָסן פֿאַר געלעכטער, ליגנדיק בײַ זיך אין בעט:

— כאַ־כאַ־כאַ! ווי אַ סאָראָקע אויף אַ חזיר — כאַ־כאַ־כאַ! און וואָס פֿאַר אַ באָלוואַן ער איז! יאַרעמע דער סטראָזש — כאַ־כאַ־כאַ! פּאַלאָזשים, איך בין אים ניט מקנא: זי איז אויך נישקשה פֿון אַ שלאַק! אַ סחורה!... איך האָב געהערט פֿון איר נאָך מיידלווײַז, אַז זי שלעפּט די דינסטן פֿאַר די צעפּ. דערפֿאַר אָבער גייט זי מיט צוויי צוויעקעס אין די אויערן, און זיי פּאַסן איר, ווי מײַנע ווייטיקן! ביסט עפּעס אַ מבֿין, מאָטל, אויף זײַנע ליפּן? כאַ־כאַ־כאַ! און זי קוועלט נאָך אָן פֿון אים, כאַ־כאַ־כאַ!...

דאָס זיבעטע קאַפּיטל

אויס שותּפֿות — צעשלאָגן די קאָמפּאַניע

אין דער צײַט, בעת די פֿירמע „פֿרידמאַן עט פֿורמאַן" האָט אַרויסגעשטעלט די באַקאַנטע גילדענע שילד אויף דעם סקלאַד פֿון ווײַן מיט די קלייטן, האָבן די שותּפֿים זיך באַזעצט ביידע אויף דעם אייבערשטן שטאָק פֿונעם מויער, אין וועלכן די סקלאַדן האָבן זיך געפֿונען, און אַזוי האָבן זיי געקאָנט, קוקנדיק אין פֿענצטער, קלײַבן נחת פֿונעם גרויסן געשעפֿט, וואָס איז אַלע מאָל געגאַנגען בעסער און בעסער, כאָטש זייערע שונאים האָבן געזאָגט, אַז דאָס קאָן ניט אויסגעהאַלטן ווערן, און פֿרידמאַן און פֿורמאַן וועלן מוזן אײַנגיכן אָנזעצן. פֿרידמאַן און פֿורמאַן האָבן געהערט, וואָס די וועלט רעדט פֿון זיי, און האָבן זיך אין האַרצן אויסגעלאַכט פֿון די דאָזיקע „לײַטישע מײַלער", און האָבן זיך געטאָן זייערס: פֿרידמאַן איז געזעסן איבער די ביכער און האָט געהיט דעם חשבון, ווי אַ הונט די שוועל, און פֿורמאַן האָט פֿאַרריסן די נאָז אַזוי הויך און אַרויסגע־

שטעלט דעם בויך מיט אַזאַ גדלות, ווי עס וואָלט שוין גאָר ניט זײַן קיין גלײַכן צו אים אויף דער גאַנצער וועלט. ווער וואָלט געזאָגט, אַז אַט דעם זעלבן פורמאַן קאָנט איר טרעפן צו יעדער צײַט אין דער הײם אײַבער אַ טאָפּ קאַרטאָפלעס און הערן, ווי ער רײַסט אויס די דינסט פאַר אַן איבעריקן צענדליק אייער, וואָס זי האָט געקויפט?

אַז זײַן נאָמען האָט אָנגעהייבן זיך הערן אויף דער וועלט, האָבן זיך צו אים אַ לאָז געטאָן קרובים פון אַלע זײַטן: אַלערלײ פעטערס, מומעס, שוועסטערקינדער, מחותנים, אַזוי גוטע באַקאַנטע, חברים. לכתחילה איז פורמאַן געווען שטאַרק צופרידן, וואָס דער אָדער יענער קרוב איז געקומען צו אים צוגאַסט; ער האָט אים געמאַכט אַזאַ ברייטן „ברוך־הבא", אַז דעם קרוב האָבן זיך געשטעלט טרערן אין די אויגן פאַר פרייד און פאַר דאַנקבאַרקייט.

— אָבער איך האָב געוווּסט, מאיר, דאָס הארץ האָט מיר געזאָגט, אַז דו האָסט מיך ניט פאַרגעסן!...

מאיר האָט אים גענומען אונטער דער האַנט און האָט אים אויסגעפירט איבער אַלע חדרים, געוויזן דאָס מעבל, דעם גאַנצן הויף, די קלייטן, דעם קעלער — אַלץ, אַלץ! דער קרוב האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און נאָר געזאָגט: „ס ס ס ס ס!..." נאָכדעם האָט אים מאיר געזעצט באַם טיש אויבנאָן, געלייגט אים אין טעלער אַרײַן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע און האָט געקאָמאַנדעוועט מיטן משרת:

— אַליק, אַ פלאַש דאָס... באָרדאָ! אַליק, פון דעם בעסטן דאָס...

אָנגעגאָסן דעם קרוב דאָס ערשטע גלאָז ווײַן, האָט ער אים דערציילט, וואָס פאַר אַ ווײַן דאָס איז, וויפל ער קאָסט און וועלכע פריצים טרינקען דאָ אַזאַ ווײַן.

נאָר ווײַבאַלד דער קרוב האָט נאָר אָנגעהייבן פאַרהיקען זיך און דערציילן, וואָס פאַר אַ ביטערע צײַט הײַנט איז, וויאַזוי די פרנסה איז געשלאָגן, וויאַזוי מע ווערט אויסגעריסן, וויאַזוי ער האָט נעבעך געהאַט אַן אומגליק אויף זיך, עפּעס אַ שׂרפה, אַ פּראָצעס, — אַזוי האָט זיך באַם פורמאַנען אַ ריס געטאָן אין האַרצן: ער האָט באַלד דערפילט, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט, אַז דאָס שמעקט מיט געלט. האָט ער אָנגעהייבן פינטלען מיט די אויגן, שאָקלען מיטן קאָפּ און קרעכצן, און אויף גיך געכאַפּט אויף זיך דעם ראָק, אַרויסגעלאָפן אין קאַנטאָר און אָפּגעזעסן דאָרט ביז שפּעט אין דער נאַכט. אויף מאָרגן — ווידער דאָס אייגענע; אַזוי

לאנג, ביז דער קרוב האָט אַ שפּײַ געטאָן און איז אַוועקגעפאָרן מיט לײדיקע הענט.

נאָר ניט אַלע קרובים זײַנען גלײַך; עס גיט זיך אױס אַמאָל אַזאַ סמעליאַק, פון װעמענס הענט עס איז שװער אַזױ גיך זיך אַרױסצודרײען! אַזעלכער איז געװען דער „פּעטער דן״, װעלכער פּאַרדינט, אַז מע זאָל זאָגן װעגן אים עטלעכע װערטער. דער „פּעטער דן״, מאירס אַ לײַבלעכער פּעטער פון דער מאַמעס צד, איז תמיד געװען אַ קבצן און האָט תמיד געצויגן באַ דער שװעסטער די קליי, בעת זי, מאירס מוטער, איז געװאָרן אַ נגידיתטע. אַלײן האָט ער ניט געטאָן קײן האַנט אין קאַלטן װאַסער, האָט זיך גערעכנט פאַר אַן אײדעלן ייִדן, װאָס קוקט־אַרײַן אין אַ ייִדישן ספר; דערפאַר האָט ער געפאָדערט פונעם שװאָגער, פונעם „באַלעגאָלע״, ער זאָל אים בײַשטײן אין זײַנע נויטן, און װיפל מע האָט אים געגעבן, איז אים קאַרג געװען. אַ טויבער, מיט שטיקלעך װאַטע אין די אױערן, איז ער תמיד אַרומגעגאַנגען און האָט געװאָרטשעט: ער האָט געהאַלטן, אַז נאָר פאַר זײַן אײדלקײט אַלײן האָט שױן דער שװאָגער, דער באַלעגאָלע, זיך באַדאַרפט טײלן מיט אים אױף דער העלפט... צום סוף האָט ער אים אַ שעה פאַרן טױט אַפילו פאַרגעסן אַרײַנצושטעלן אין דער צװאה אַרײַן!... דער „פּעטער דן״ האָט דעמאָלט געשװױרן באַ באָרד און פּאות, אַז צײַט ער װעט לעבן װעט ער ניט אָנקוקן ניט די שװעסטער, ניט אירע קינדער!... נאָר װאָס אַ מענטש נעמט אױף זיך, איז נאָך אַלץ װײניק. אין אַ צײַט אַרום, אַז דער „פּעטער דן״ האָט דערהערט, אַז זײַן פּלימעניק „מאיר־קװאַשע״ איז געװאָרן גאָר אַ גאַנצער גביר, אַ מיליאָנער, האָט ער זיך מיישב געװען און איז זיך דורכגעפאָרן צום פּלימעניק, צום הערן פּורמאַן, אַ קוק טאָן, װאָס טוט זיך דאָרט אַזעלכעס? פאָרט אַ פּלימעניק, בלוט און פלײש!...

דער „פּעטער דן״ איז ניט געקומען צו הערן פּורמאַן, װי עס קומט אַ גאַסט — נײן! דער „פּעטער דן״ איז צו אים געקומען, װי מע קומט צו זיך אַהײם פון אַ װײַטער נסיעה. פריִער האָט מען אַרײַנגעװאָרפן גלײַך אין זאַל אַרײַן אַ פאַרשמירטן, אַ פאַרשטונקענעם זאַק מיט חפצים, אַ גרױסן קישן, פון װעלכן עס זײַנען געפלױגן פעדערן אַ סך, אַ גרױסן בלעכענעם טשײַניק, אַ פלאַש מיט בראָנפן, אַ טלית־ותפילין. און אַלײן איז דער „פּעטער דן״ אַרײַן מיטן װאַלפענעם פּעלץ (עס איז געװען װינטער־צײַט), מיט אַ גרינער שאַל, מיט שטיװל און מיט אַזאַ ליאָרעם,

אַז אַלע זײַנען טויט געבליבן פֿאַר שרעק. וואָס איז דאָס פֿאַר אַ שלאַק? ווער איז דאָס?...

— דאָס בין איך! איך בין עס! דו האָסט מיך ניט דערקענט? האָר אויס אַ ביסעלע — אָט וועל איך זיך אויסטאָן און אַ ביסל זיך אָנוואַרעמען. אײַ, אַ קעלט, אַ ביטערע קעלט!... אַזוי? דו זיצט זיך טאַקע קיין מעשה ניט! הערסטו!... און דאָס איז דײַן ווײַבל?... קום נאָר אַהערצו, מאַירל, נאַ דיר אָפּ שלום־עליכם! אַ־אַ־אַ! מחיה־נפשות אָט דאָ באַ דער הרובע!... אַ ביסל בראָנפֿן וועט מסתמא זײַן? האַ? ווי מיינסטו, אַ שטייגער? אָט וואַש איך די הענט און דאַוון־אָפּ מעריב, וועלן מיר אַ קאָפּ שמועסן...

מאיר ציטערט פֿאַר כעס און קריצט מיט די ציין: ער געדענקט נאָך דעם „פּעטער דן" פֿון יִינגלווײַז, ווי אַזוי דער טאַטע האָט געליטן פֿון אים! נאָר וואָס טוט מען מיט אַ פּעטער? אַרויסטרײַבן קאָן מען אים ניט! מע דאַרף אים עפּעס געבן, עס העלפֿט זיך ניט — אַבי גיכער פּטור ווערן!

נאָר פֿון דעם „פּעטער דן" ווערט מען ניט אַזוי גיך פּטור: ער הערט ניט וואָס מע רעדט צו אים... מאיר שרײַט צו אים אַף אַ קול — ענטפֿערט ער גאָר בויבעריק! ער שטופּט וואַטע אין די אויערן און צעלייגט זיך אין זאַל, ווי באַ זײַן טאַטן אין ווײַנגאָרטן. ער פֿאַראומערט אַלעמען דאָס לעבן. ער לאָזט ניט ריידן, ניט עסן, ניט שלאָפֿן, דאָס גאַנצע הויז איז פֿול מיטן „פּעטער דן"!... מאיר מאַכט שוין אַליין אַ רעדע מיטן פּעטער מכּח זײַן קומען. ער פֿרעגט באַ אים הויך, אַף קולי־קולות: וואָס וויל ער, וואָס באַגערט ער, וואָס פֿאַרלאַנגט ער פֿון אים?... דער „פּעטער דן" האָט אָבער צײַט. ער זאָגט:

— כאַפּ ניט, מײַן קינד, האָב צײַט אַ ביסל! מיר וועלן נאָך שמועסן וועגן דעם אויך, אם ירצה שם! דערווײַל זאָג מיר בעסער, מאיר־סערדצע, אָט וואָס איז וועל דיך פֿרעגן...

ניט אַזוי אָבער איז זיך באַגאַנגען טײַבעלע מיט אירע קרובים. די מאַדאַם פֿורמאַן האָט זיך געשעמט מיט איר אָרעמער פֿאַמיליע און ניט געקאָנט לײַדן, אַז עס איז צו איר אַרײַנגעקומען אַן אָרעמער קרוב אין אַ צעריסענער קאַפּאָטע. ווען די מאַדאַם פֿרידמאַן איז געווען באַ איר צוגאַסט; דעריבער האָט זי געטיילט מיט דער ברייטער האַנט, נאַטירלעך, אַז מאיר זאָל ניט וויסן, ניט דערפֿאַר ווײַל זי האָט מורא געהאַט פֿאַרן

מאַן — ניין! זי האָט שוין לאַנג געהאַלטן מאַירן שטאַרק אין די הענט — נאָר ווײַל עס איז איר ניט אָנגעשטאַנען, אַז אירע פרײַנט, איר גיל־דענע משפחה, זאָל דאַרפן אָנקומען צו איר מאַן.

די מאַדאַם פרידמאַן איז געווען גליקלעכער פון איר. אַ געזונטע און אַ פריילעכע, האָט זי געלעבט אַ גוטן טאָג, געוווסט פון אַ וועלט צו זאָגן, שטאַרק ליב געהאַט דעם מאַן, וועלכער איז אויסגעגאַנגען נאָך אי־רע טריט, געפירט זיך אַ סך פרײַער פון טײַבעלען, דהיינו: דעם פאַריק שוין לאַנג אַראָפּגעוואָרפן, געגאַנגען אין טעאַטער, געשלאָסן באַקאַנט־שאַפט מיט יונגע לײַט. עס קאָן זייער זײַן, אַז די מאַדאַם פורמאַן וואָלט זיך אויך דערלויבט אַזוי צו לעבן, ווען איר פאָטער זאָל ניט הייסן רב לייבצי רב פּינחסלס און זי זאָל ניט הייסן נאָך עד היום „טײַבעלע לייב־צים". איי, האָט זיך איר נעבעך געגלוסט אַראָפּוואַרפן דעם פאַריק און אַרויסשטעלן כאָטש אַ ביסעלע אירע שיינע שוואַרצע האָר! באַ איר איז דאָך שענערע האָר, ווי באַ דער „געלער" מאַדאַם פרידמאַן!... ניט קאָנענדיק דערגרייכן איר ווילן, האָט זי אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער פײַנט געקריגן איר פרײַנדן — די מאַדאַם פרידמאַן; איר געלעכטער, אירע „געלע" ניט־צוגעדעקטע האָר האָבן איר געברענט די אויגן און געשטאָכן אין האַרצן! די מאַדאַם פרידמאַן האָט דאָס גאַנץ גוט געוווסט, און האָט שוין לאַנג געפּיקט מאָטלען אין קאָפּ אַרײַן, אַז עס וואָלט שוין צײַט געווען אָפּטיילן זיך פונעם שותּף און אָנהייבן זעלבסטשטענדיק צו לעבן אַף דער וועלט...

— אוודאי, זאָג איך דיר, וועסטו זי אַוועקקוילען! — האָט איר מאָטל דערויף געענטפערט. — דו וועסט איר גאָר מאַכן דעם טויט! דו ווייסט, מלכה, וויפל, אַ שטייגער, עס קאָן אים אַרויסקומען אַף זײַן חלק? אָנו, טרעף! וועסט טרעפן, צי ניין?

—;וויפל?

— כמעט דרײַ הונדערט טויזנט קערבלעך! דו פאַרשטייסט צי ניין?...

— אָט דעם סטאַראָזש?!... אָט דער יאַשטשערקע?!...

און מלכהן איז אַרײַן אַ שלעכטער געדאַנק אין קאָפּ אַרײַן... דער דאָזיקער געדאַנק האָט זי לאַנג־לאַנג ניט געלאָזט רוען, ביז זי האָט אָנ־געהייבן מוטשען דעם מאַן, וואָס האָט זי תמיד געפאָלגט, אַזוי אַז ער האָט צולעצט אויך מסכים געווען דערויף.

אַף וואָס האָט ער מסכים געווען? דאָס האָבן זיי ביידע צווישן זיך קיינמאָל ניט גערעדט, נאָר זיי האָבן ביידע פאַרשטאַנען איינער דעם אַנ־דערן אָן ווערטער.

און אָט זיצן זיי ביידע: פרידמאַן און פורמאַן. פרידמאַן רעדט און מאַכט מיט דער האַנט; ער ווײַזט דעם שותּף פּאַפּירן, חשבונות; ער וואַרפט אַף די ביינדלעך; ער שוויצט און פאַרענטפערט זיך און רעדט מיט גרויס היץ:

— פאַרשטייסט צי ניין? פאַרשטייסט צי ניין?...

— יאָ! איך פאַרשטיי, וויאַזוי דאָס... פון וואַנען אָבער קומט עס, אַז עס זאָל זײַן אַזוי דאָס?... — פרעגט אים פורמאַן, קוקנדיק אַראָפּ אַף די שפּיץ שטיוול מיט פאַרפלאַמטע באַקן און מיט אַ צעבלאָזע־נער נאָז, און די הענט ציטערן בײַ אים, און דער שטערן שוויצט.

אַ שווערע צײַט איז דאָס געווען פאַר דעם הער מיט דער מאַדאַם פורמאַן; אַ שווערע צײַט פאַר די דינסטן אין שטוב; נאָר שווערער פון אַלעמען איז דאָס פאַר מאָטל פרידמאַן! ער פילט, ווי נידעריק, ווי ניט־ערלעך ער באַגייט זיך מיט זײַן חבר, וואָס האָט אים כמעט בײַ זײַן לעבן דערהאַלטן מיט דער ירושה! נאָר די מאַדאַם פרידמאַן נעמט אַף זיך די עבירה. זי איז ערב פאַר אַלץ. זי האָט אַ סך אורזאַכן, אַז דעם שותּף, דעם גראָבן פורמאַן, קומט מער ניט ווי פופציק טויזנט רובל. דאָס איז אויך צופיל: ער האָט קיינמאָל ניט געאַרבעט, און, פאַרקערט, אַלץ גע־געסן פונעם גרייטן, און זי, די יאַשטשערקע, האָט אויסגעהאַלטן אַ גאַנ־צע משפּחה מיט טונעיאַדצעס, ליידיקגייערס...

די מלחמה האָט זיך געצויגן אַ פּאָר חדשים. טײַבעלע טרײַבט דעם מאַן, ער זאָל לויפן, וויינען, שרײַען, זיך פאַרלאָזן אַף מענטשן. פרידמאַן איז מרוצה זיך פאַרלאָזן אַף מענטשן.

— אַף מענטשן?! — שרײַט מלכה פרידמאַן. — אַף מענטשן? מײַן טאַטנס ווײַנקעלער? מײַן מאַנס האַרעוואַניע? איך וויל ניט קיין מענטשן! איך דאַרף ניט קיין מענטשן!...

אָן עק — אַ סוף! שוין צעטיילט. דאַנקען גאָט — געפּטרט!

בײַ די פרידמאַנס איז גאַנץ ליכטיק און פריילעך. דער הער פריד־מאַן זיצט בײַ זיך אין קאַבינעט, ווי תּמיד, איבער זײַנע חשבונות. ער איז שטאַרק פאַרטראַכט, און ווי אַ קליין וואַלקנדל פליט־דורך איבער זײַן געזיכט און לייגט אַ קנייטש אַף זײַן הויכן ווײַסן שטערן. נאָר אָט

עפנט זיך די טיר און עס גייט אַריַין די מאַדאַם פרידמאַן, געזונט און שיין, פריילעך און צופרידן. איצט איז זי די איינציקע באַלעבאָסטע אי־בערן גאַנצן רײַכטום, שוין פּטור געוואָרן פון די שותפים! זי גייט צו צום מאַן, לייגט אַנידער איר פעטע האַנט אױף זײַן דאַרער פּלייצע. ער טוט זיך אַ וואָרף און דערזעט מלכהן. אַ, מלכה?... ער האָט גאָר ניט געהערט, ווי זי איז אַרײַנגעגאַנגען! זי וויל ווייסן, וואָס איז ער אַזוי פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט? גאָרניט! גאָרניט! ער פאַרענטפערט זיך און כאַפּט אַרויס אַ שטיקל פּאַפּיר פונעם שופלאָד און ווײַזט איר מיטן פינגער, אָן ווערטער. זי קוקט לאַנג־לאַנג, און אַ רויט צוויקל באַדעקט איר געזיכט. אױפן שטיקל פּאַפּיר שטייט אַ 5 מיט פינף נולן, אָט אַזוי: 500.000.

— דו פאַרשטייסט צי ניין? — זאָגט צו איר מאָטל פרידמאַן. — דו פאַרשטייסט צי ניין?...

— אָ! זי פאַרשטייט שוין זייער גוט! דאָס הייסט אַזוי גרויס, ווי פינף הונדערט טויזנט רובל! אַ האַלבער מיליאָן!...

דאָס אַכטע קאַפּיטל

אַ מלחמה צווישן דעם אײַזערנעם באַלקאָן און די רויטע לאָדן

אַלץ איז געווען פריִער: אי דער שיינער מויער, אי די סקלאַדן, אי די קלייטן, אי די פריקאַזטשיקעס מיט די ווײַסע פאַרטעכער, אי דער קאַסיר מיט דער פען הינטערן אויער — אַלץ, אַלץ ווי פריִער. נאָר די גרויסע שילד מיט די גרויסע גילדענע אותיות „פרידמאַן עט פורמאַן" איז ניטאָ. אױף איר אָרט הענגט שוין אַן אַנדער שילד אַ גרעסערע און אַ שענערע, מיט שרעקלעך גרויסע בוכשטאַבן: „פרידמאַן". אויבן, אױפן אײַזערנעם באַלקאָן, זיצט די מאַדאַם פרידמאַן, און אַרום איר זיצן יונגע לײַט, פרויען, באַקאַנטע — און מע טרינקט טיי. עס איז גאַנץ פריילעך; אַלע ריידן און לאַכן. די מאַדאַם פרידמאַן קוקט אַראָפּ פונעם הויכן באַלקאָן אַקעגן, אױף אַ קליין ווײַס שטיבל מיט רויטע לאָדן באַ די פענצ־טער. זי לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פונעם דאָזיקן שטיבל. זי זעט, זי

פּילט, ווי אַ פּאָר שוואַרצע אויגן קוקן דאָרט דורכן פענצטער גלײַך אַף איר מיט קנאה און מיט שנאה. די מאַדאַם פרידמאַן גייט אין אַ לײַכט ווײַס קלייד. איר האַנט ליגט אַף דער פּאַרענטשע פונעם באַלקאָן, און אַ גרינג ווינטעלע פאַרגנבעט זיך צו איר אין אַרבל אַרײַן און דעקט אַף איר האַנט, איר ווײַסע פעטע האַנט. די צוויי שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן אַף איר דורכן פענצטער פונעם ווײַסן שטיבל מיט די רויטע לאָדן, טרעטן־אַפּ פון זייער אָרט, טוען אַ שפּײַ און קערן זיך אום צוריק צום פענצטער און קוקן ווײַטער אַפן באַלקאָן. וויפל שמערצן, וויפל קנאה, וויפל שנאה גייען־אַרויס פון די דאָזיקע שוואַרצע אויגן צום באַלקאָן, און וויפל שלעכטיקייט, וויפל נקמה גיסט זיך פונעם באַלקאָן אַראָפּ אַף דעם דאָזיקן ווײַסן שטיבל מיט די רויטע לאָדן, מיט די שוואַרצע אויגן, וואָס טרעטן קיינמאָל ניט אַפּ פונעם פענצטער.

אַלע מאָל זעען די שוואַרצע אויגן, ווי עס פאָרט צו צום טויער אַ גלאַנצנדער פאַעטאָן, און די „גאַלע", די גראָבע מאַדאַם פרידמאַן, זעצט זיך קוים אַרײַן, און אַ פּאָר טײַערע פערדלעך טראָגן זי אַוועק צום טײַך זיך באָדן. אַ גאַנצן טאָג זעען די שוואַרצע אויגן, ווי אונטן, אין די סקלאַדן, קאָכט ווי אין אַ קעסל, דער עולם שטופּט זיך, מע לייזט געלט, און גרויסע שווערע פּעק מיט סחורה קאַטשעט מען אַרײַן און אַרויס. און אויבן, אַפן באַלקאָן, לעבט מען אַ גוטן טאָג. מע פרעסט און מע זויפט און מע טוט זיך אָן אַלע פאַרגעניגנס! די רײַכסטע לײַט פאָרן צו אַהין מיט וויזיטן, אָפטמאָל טאַנצט מען דאָרט און מען הוליעט אַף אַ גאַנצע נאַכט ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן, און בעת דאָ עפנט מען נאָר אויף די רויטע לאָדן, שטייט שוין דאָרט דער לאָקיי אָדער דאָס שטוב־מיידל און טרייסלט אַפּ דעם שטויב פון די טײַערע דיוואַנעס מיט די סאַמעטענע קליידער, און דער שטויב פליט און לייגט זיך דאָ אַף די רויטע לאָדן, ווי בכיון, ווי אַף צו־להכעיס... אַז צום באַלקאָן פאָרט צו די מאַדאַם שפּיגלגלאַז, די מאַדאַם רעגנבויגן אָדער די מאַדאַם שטעכנהאָלץ, ווייסן שוין די שוואַרצע אויגן, וואָס מע רעדט דאָרטן: זיי טרעפן, זיי פּילן, וואָס זאָגט די מאַדאַם שפּיגלגלאַז, וואָס דערציילט די מאַדאַם רעגנבויגן און פון וועמען לאַכט די מאַדאַם שטעכנהאָלץ. און אַז די שוואַרצע אויגן דערזעען אַרויסגיין אַפן באַלקאָן אַ הויכן יונגן מאַן מיט לאַנגע בלאָנדע האָר, מיט גרויע אויגן און מיט אַ ווײַס געזיכט, קלערן זיי זיך:

„אָט איז ער שוין, איר „קדיש"! אַ לאַנגער, אַ ווײַסער גאַלאַגאַנס־

קער האָן... זי מיינט, אַז איר באַרים וועט זיַין אַ דאָקטאָר... עס וועט איר נאָך פריִער די אויגן אַרויסקריכן, ביז עס וועט אַמאָל עפּעס ווערן! אַזוי לאַנג קרענקט זי, ווי לאַנג מיַין ראָזע וועט אַפילו וועלן קוקן אַף איר באַרים מיט די לאַנגע פּים! אָ! אָט גייט מיַין ראָזעטשקע! טראָגט מיט זיך ביכער, נאָטן. עס קער איר גוט שטעכן, דער „גראָבער"! איך וויים — זי פאַרגינט מיר ניט מיטן גאַנצן האַרצן!"...

:: :: ::

„אָ! אָט גייט זי, די „קאַרלעטשקע"!" — קלערט זיך אין דער דאָזיקער מינוט די מאַדאַם פרידמאַן אַפן באַלקאָן. — „פּונקט אַזוי גרוים ווי די מאַמע אירע, און גרין אויך אַזוי ווי די מאַמע, און מיינט אויך, אַז יעדער קוקט אַף איר און איז זי מקנא. שאַ! זי טראָגט, דאַכט זיך, עפּעס אַ ביכל? אַ גאַנצע מלומדת, אַ קאַטאָוועס אַ ביסל? זי שפּילט אַפן טאָפּטשאַן, כאַ־כאַ־כאַ!"...

און אַ בייזער געלעכטער, פול מיט סם־המות, גיסט זיך פונעם הויכן אײַזערנעם באַלקאָן אַראָפּ אַפן נידעריקן וויַיסן שטיבל מי׳ט די רויטע לאָדן. און צוויי שוואַרצע אויגן וואַרפן פון זיך פיַיער צוריק אַרויף אַפן אײַזערנעם באַלקאָן.

די דאָזיקע צוויי שוואַרצע אויגן געהערן צו דער מאַדאַם פורמאַן, און דער שיינער אײַזערנער באַלקאָן — צו דער מאַדאַם פרידמאַן.

ניט מער ווי זעכצן־זיבעצן יאָר צוריק זיַינען די דאָזיקע צוויי וויַיבלעך געזעסן ביידע אַף איין קאַנאַפּע, געקנאַקט צוזאַמען ניסלעך, געגעסן אײַנגעמאַכטס, געלאַכט און געשפּעט פון דער גאַנצער וועלט, געלעבט ווי צוויי שוועסטער, ווי צוויי טריַיע ליבנדע שוועסטער — און אַצינד?

נאָר ווי טרויעריק די לאַגע איז געווען צווישן אָט די צוויי פרויען, איז זי צווישן זייערע מאַנען נאָך טרויעריקער געווען; דער חילוק איז נאָר, וואָס די וויַיבער האָבן געפירט אַן עפנטלעכן קריג צווישן דעם אײַזערנעם באַלקאָן און די רויטע לאָדן, און זייערע מאַנען האָבן מלחמה געהאַלטן צווישן זיך פאַרשטעלט, באַהאַלטן, טיף־טיף אין זייערע הערצער. קיינער האָט ניט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט זיך דער הער פורמאַן, זינט ער האָט זיך אָפּגעטיילט פונעם הער פרידמאַן, פאַרשלאָסן באַ זיך אין שטיבל מיט די רויטע לאָדן, אַזוי אַז מען האָט אים שוין מער ניט געזען, ווי ער שפּאַצירט אַרום איבער דער שטאָט מיט אַ פאַר־ריסענער נאָז, מיט אַ גרויסן בויך און מיט די הענט אין די קעשענעס,

ווי פריִער. ער האָט זיך פאַרשלאָסן אין דעם דאָזיקן ווייַסן שטיבל, וועל־כע ער האָט זיך געקויפט באַלד נאָך דער „חלוקה“, און האָט צוגע־שלאָגן אַף די פענצטער שטאַרקע אייַזערנע לאָדן, וואָס אים איז אויס־געקומען אָפּצופאַרבן מיט רויטן, און האָט שוין מער ניט געוואָלט אַרויס־טרעטן פון שטוב. ווו ער האָט פאַרבראַכט אַ סך יאָרן, ליגנדיק אויס־געצויגן אַף אַ האַרטער סיראַטענער סאָפע, אָדער זיצנדיק אין אַ סיראַ־טענער קרעסלע און ציִענדיק אַ פאַסקודנעם פּאַפּיראָס. ניטאָ שוין אַמאָ־ליקע ווייכע פאָטעלן! ניטאָ די סאַמעטענע דיוואַנעס! ניטאָ יענע שמעקנ־דיקע ציגאַרן!...

תחילת, אַז פורמאַן האָט זיך צעטיילט מיט פרידמאַנען, האָט ער געוואָלט אויפברעכן אַקעגן אים אַ קאָנקורענציע. איז ער אַוועקגעפאָרן און האָט געבראַכט אַ גרויסן טראַנספּאָרט ווייַן און האָט אין אַ פאַרלויף פון אַ האַלב יאָר געפּטרט שיינע עטלעכע קערבלעך. האָט ער דערזען, אַז ער קאָן זיך מיט פרידמאַנען ניט שפּילן. אין יענער צייַט האָט ער אַ חוץ דעם געפירט קעגן דעם שותף אַ גרויסן פּראָצעס, פון וועלכן ער האָט באַדאַרפט גליקלעך ווערן; אַזוי האָבן אים געזאָגט זייַנע אַדוואָקאַטן. נאָר דער סוף האָט באַוויזן, אַז דאָס וואָס פורמאַן פלעגט זיך אַזוי גרינג, אומבאַטראַכט חתמענען אַף יעדן פּאַפּיר, וואָס פרידמאַן האָט אים אונ־טערגערוקט, האָט אים געקוילעט ביז גאָר, און דער פּראָצעס האָט אים אויך אָפּגעקאָסט אַ שיינע קאָפּיקע. דעמאָלט האָט פורמאַן דערזען, אַז קיין אַנדער געשעפט איז ניטאָ, אויסער ווי געבן געלט אַף פּראָצענט, זייַן אַ מלוה אָדער אַ „באַנקיר“ — איז ער געוואָרן אַ באַנקיר.

דער געדאַנק, אַז דער, וואָס דאַרף דאָס געלט, וועט מוזן צו אים אָנקומען, אים בעטן, האָט אים דערהאַלטן באַם לעבן, און די ערשטע עטלעכע יאָר האָבן די פורמאַנס דערזען, אַז נאָך אין צען יאָר אַרום קאָנען זיי ווערן גבירים, און זייער שכן פרידמאַן, פליִענדיק און טראַס־קענדיק, קאָן פּלאַצן און בלייַבן באַנקראָט, און אפשר נאָך אָנקומען צו זיי, צו די פורמאַנס, ווי אַמאָל... די דאָזיקע זיסע האָפענונג האָט זיי געצווונגען צו פאַרגעסן אָן דעם אומגליק, וואָס זיי האָבן געהאַט, און זיי האָבן גענומען שינדן די פעל פון זייערע בעלי־חובות, רייַסן פּראָ־צענט פון פּראָצענט אַף וואָס די וועלט שטייט!

פורמאַן איז שוין קליגער געוואָרן און האָט שוין אָנגעהויבן היטן חשבון: זייַן פריִערדיקער שותף האָט אים געקאָסט גענוג רבי־געלט.

און ווי גליקלעך זיינען זיי געווען דעם טאָג, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז מע רעדט אַף פרידמאַנען עפּעס ניט פריילעך, גאָר ניט פריילעך, זייער־זייער ניט פריילעך! פורמאַן האָט נאָכאַמאָל איבערגערעכנט דאָס „וואָכצעטל״ און האָט דערזען, אַז איבעראַיאָר קאָן געמאָלט זיין, ער זאָל האָבן אַ הונדערט טויזנט רובל! דאָס יאָר איז אַוועקגעגאַנגען; פרידמאַן האָט אָנגעהויבן נאָך מער גלאַנצן, נאָך מער קלינגען אַף דער וועלט, און זיי, די פורמאַנס, האָט איין פּריץ אָנגעזעצט פופציק טויזנט רובל. ווידער אַ פּראָצעס, ווידער אַדוואָקאַטן, ווידער אומזיסטיקע הוצאות מיט אומזיסטיקער מי. ניין! מע דאַרף זיין נאָך מער געהיט און מע דאַרף רייסן די הויט!... מע דאַרף לעבן מיט חשבון און מע דאַרף היטן דאָס קערבל! וואָס וועט זאָגן דער איזערנער באַלקאָן, אַז די רויטע לאָדן וועלן בלייבן אָן אַ גראָשן געלט?... און די פורמאַנס זיינען געוואָרן אַזוי קאַרג, אַז קיין אָרעמאַן האָט ניט אַריבערגעטרעטן זייער שוועל; קיין אָרעמער קרוב איז שוין מער צו זיי ניט געקומען; דעם „פעטער דן״ האָט פורמאַן אָן צערעמאָניעס אַרויסגעטריבן און זיין גאַנץ ביטער האַרץ האָט ער אויסגעלאָזט צו אים. אפילו די גאָלדענע משפּחה פון רב לייבצי רב פינחסלס פאַמיליע האָט שוין אויך מורא געהאַט באַווייזן זיך צו די פורמאַנס. טייבעלע האָט דאָס אפילו ניט געוואָלט ליידן, נאָר פון דער צייט אָן, וואָס זיי האָט אָנגעהויבן דאָס גליק גיין צוריק איז מאיר געוואָרן אַזוי צעררייצט און צעבייזערט, אַז טייבעלע האָט אָנגעהויבן פאַר אים דרך־ארץ האָבן, מורא האָבן, אַזוי לאַנג אַזוי ברייט, ביז פורמאַן איז געוואָרן אַ דעספּאָט באַ זיך אין הויז, אַ טיראַן, וואָס יעדער האָט געציטערט פאַר זיין פאַרע, פאַר זיין קוק. אַ שטילער פון שטענדיק אָן, האָט פורמאַן נאָך מער פיינט געהאַט אַצינד צו ריידן, פאַרברענגען, ווי דער שטייגער איז, מיטן ווייב, מיטן קינד, און האָט זיי שטרענג פאַרבאָטן, אַז דער נאָמען „פרידמאַן״ זאָל ניט דערמאָנט ווערן באַ אים אין שטוב!... אַף טייבעלען איז געקומען אַ שווערע צייט. דאָס לעבן איז איר קיין לעבן ניט געווען: פון איין זייט דער מאַן דער דעספּאָט, און פון דער אַנדערער זייט דער איזערנער באַלקאָן. און גאָט ווייס, צו וואָס זיי וואָלטן געקומען, ווען ניט איר איינציקער טרייסט אַף דער וועלט, איר טייערסטער חיות, איר איינציקע טאָכטער, איר קינד — ראָזעטשקע, מיט וועלכער זי האָט פאַרבראַכט אירע גאַנצע יאָרן און טעג, און פאַר וועלכער איר האַרץ איז געווען תמיד אָפן. נאָר דאָס דאָ־

זיקע קינד האָט געזען און געפילט, וויאַזוי איר מוטער לעבט, וואָס זי טראָגט איבער — זי האָט איר אָבער ניט געקאָנט העלפן מיט גאָרניט: ערשטנס, איז זי אויך געווען דאָס זעלבע שוואַכע באַשעפעניש, ווי איר מוטער, און, צווייטנס... נאָר דאָס ווערט באַ אונדז דערציילט אין פאָלגנדיקן קאַפּיטל.

דאָס נײַנטע קאַפּיטל

אַ פלאַם־פײַעריקע ליבע צווישן דעם אײַזערנעם באַלקאָן און די רויטע לאָדן

דער אײַזערנער באַלקאָן און די רויטע לאָדן זײַנען געווען פאַרבונדן צווישן זיך ניט נאָר מיט קריג אַליין, ניט נאָר מיט קנאה, מיט שנאה, מיט נקמה און מיט שלעכטיקייט; דעם אײַזערנעם באַלקאָן מיט די רויטע לאָדן האָבן, אַחוץ דעם, פאַרבונדן צוויי יונגע הערצער מיט די שטאַרקסטע קייטן פון דער ערשטער, זיסער און צויבערלעכער ליבע! ניט איין מאָל האָט דער אײַזערנער באַלקאָן געשיקט צו די רויטע לאָדן הייסע, פלאַמפײַערדיקע בריוועלעך, און די רויטע לאָדן האָבן געענטפערט דעם אײַזערנעם באַלקאָן מיט זודיקע ווערטער, מיט ברענענדיקע אויגן, מיט קלינגענדיקע קושן. דער אײַזערנער באַלקאָן האָט ניט געקאָנט לעבן אָן די רויטע לאָדן, און די רויטע לאָדן האָבן פאַרגאָסן הייסע טרערן, ווען זיי האָבן ניט געזען פאַר זיך דעם אײַזערנעם באַלקאָן.

באָרים פרידמאַן און ראָזע פורמאַן, וואָס זײַנען פון קינדווײַז גע־וואַקסן אונטער איין דאַך, דערצויגן געוואָרן גלײַך, געלערנט באַ איין לערער, האָבן זיך די ערשטע יאָרן פײַנט געהאַט אַזוי שטאַרק, אַז ניט איין מאָל האָבן זיך איבער זיי די מוטערס צווישן זיך געקריגט און געריסן. באָרים האָט תמיד בײַגעקומען די קליינע ראָזעטשקע און האָט זי אָפּטמאָל געשלאָגן פאַר איר וויינען, פאַר איר בלאָזן זיך, פאַר איר גדלות און אַלע אירע אַנדערע מעלות, וואָס זי האָט געהאַט בירושה פון איר טאַטן. באָרים, פאַרקערט, איז געווען אַ פריילעכער, אַ לעבעדיקער, אַ געזונטער יונגאַטש און האָט ניט געקאָנט סובל זײַן ראָזעטשקעס קווי־

טשענדיק קולכל און האָט ניט געקאָנט אָנקוקן אירע שטענדיקע פאַר־ווייטע שוואַרצע אויגלעך. ביז ער האָט זיך גאָר אויפגעהערט מיט איר צו באַגעגענען. און אַזוי איז אַוועקגעגאַנגען אַ צײַט מיט יאָרן.

אין דער דאָזיקער צײַט איז ראָזע געוואַקסן אַליין, אָן חברטעס, אָן באַקאַנטע, און אירע יונגע קינדערשע יאָרן זײַנען געגאַנגען זייער אָר־מעטיק, איינפאַך, טרויעריק: די מוטער איז געווען פאַרנומען פריִער מיט פּליאָטקעס, נאָכדעם מיטן פּראָצעס, און צולעצט מיטן אײַזערנעם באַלקאָן, פון וועלכן זי האָט קיין אויג ניט אַראָפּגעלאָזט. און דער פאָטער האָט איר פון קינדווײַז אָן באַוויזן, אַז ער איז אַ פאָטער און פאַר אים דאַרף זי דרך־ארץ האָבן. זעלטן האָט זי זיך געזען מיטן פאָטער: קו־מענדיק פונעם שרײַבער, האָט זי אַליין אָפּגעגעסן און גענומען זיך צום ביכל; צום פאָטער אין קאַבינעט אַרײַן האָט זי מורא געהאַט אַרײַנ־טרעטן, סײַדן אַמאָל פאַרגנבענען זיך, דורך אַ שפּאַרונקעלע כאַפּן אַ קוק — און אַנטלויפן. מיט דער מוטער האָט זי יאָ ליב געהאַט צו זיצן און דערציילן איר מעשיות, נאָר מייסטנטייל האָט די מוטער פאַרבראַכט באַם פענצטער, קוקנדיק אַרויף אָפן באַלקאָן, — און אין יענער צײַט האָט מען זי ניט געטאָרט אָנרירן און איבערשלאָגן איר די געדאַנקען, און ניט איין מאָל האָט ראָזעטשקע געכאַפּט פּעטש פון דער מוטער דער־פאַר, וואָס זי איז געקראָכן צו איר דעמאָלט, בעת זי איז געזעסן באַם פענצטער און געקוקט אַרויף אָפן באַלקאָן. פון דעמאָלט אָן האָט שוין דאָס קינד געוווּסט, אַז ווען די מוטער זיצט באַם פענצטער און קוקט אַהין, טאָר מען צו איר ניט צוגיין...

ערשט דעמאָלט, אַז ראָזע איז אַלט געוואָרן דרײַצן יאָר און איז שוין געגאַנגען אין פּאַנסיאָן, איז זי געוואָר געוואָרן, וואָס באַטײַט אָט דער דאָזיקער אײַזערנער באַלקאָן און פאַרוואָס קוקט אַהין די מוטער מיט אַזאַ פײַער. וויפל שרעקלעכע זאַכן האָט ראָזע זיך דעמאָלט אָנגע־הערט פון דער מוטער! פון וויפל שלעכטיקייט, פאַרדאָרבנקייט און אומדאַנקבאַרקייט איז זי געוואָר געוואָרן צו דרײַצן יאָר!

— מאַמעניו! טײַערע מאַמע! קוק גאָר ניט אַהין!...

און אַליין פלעגט זי זיך פאַרגנבענען און כאַפּן אַ קוק אַרויף, אָפן באַלקאָן, און לאַנג־לאַנג קוקן אויף דער גראָבער מאַדאַם פרידמאַן, וויִאַזוי זי וואַרפט זיך אַרײַן אין דער קאַרעטע אַרײַן און פליט אַרום צווישן די קלייטן און ברענגט צו פירן אַהיים פּעק מיט סחורה, מיט עסנוואַרג, און

וויאַזוי געסט פאָרן צו און פאָרן אָפּ — און זיי, די פּורמאַנס, קוקן ניט אָן כמעט די ליכטיקע שיַין, קיינער פאָרט צו זיי ניט, און זיי קענען זיך מיט קיינעם ניט, און אין שטוב פירט מען זיך ווי באַ דעם ערגסטן קבצן: דער פאָטער טיילט אַליין ארויס אין מאַרק אַריַין, און נעמט־אָפּ חשבון באַ דער יידענע פון פלייש, פון זאַלץ און פון ציבעלעס, און אַמאָל צעבייזערט ער זיך אַזוי אַף דער מוטער, אַז זי פאַלט אַריַין אין בעט אַריַין און באַוואַשט זיך מיט טרערן.

— דו פאַרגעסט זיך? — שריַיט אַף איר דער פאָטער. — דו ווילסט מיך בדלות שטעלן, איך זאָל דאַרפן גיין איבער די היַיזער איבער דיר, דו אויסברענגערן? אַלע טאָג אַ האַלב פונט ליכט? ווער פאַרמאָגט דאָס אַלע טאָג צוויי פונט פלייש? געגנוג איין מאָל אין טאָג עסן פלייש באַ אַט אַזאַ יקרות! עס איז נאָך קאַרג, וואָס די קעכן באַגנבעט מיך אַלע טאָג, אַלע שעה, אַלע מינוט, אַלע רגע, און מע צעטראָגט מיר די ביינער פון אַלע זיַיטן? מע ראַבעוועט, מע גזלט, מע ריַיסט פון די הענט, און קיינער זאָגט ניט אַ וואָרט!...

די מוטער ליגט מיטן פּנים אין קישן, און די טאָכטער זיצט נאָנט נעבן איר און ציטערט, ווי אַ שעפעלע. זי האָט מורא אויפהייבן די אויגן, און איז זיך מחיה, וואָס „ער" איז שוין אַנטשוויגן געוואָרן. דער פאָטער הייסט באַ די דאָזיקע צוויי פרויען „ער"; קיין אַנדער נאָמען האָט ער באַ זיי ניט.

— שטיי אויף, מאַמע, „ער" איז שוין אַנשוויגן געוואָרן און ליגט שוין אַף דער סעראַטענער סאָפע...

טיַיבעלע שטייט אויף מיט רויטע אויגן, און צווישן דער מוטער מיט דער טאָכטער פאַרבינדט זיך אַ לאַנגער שמועס, נאָר שטיל, קוים וואָס מע הערט. פון אַלץ, פון אַלץ ווערט דאָ איבערגערעדט: וויאַזוי זי, טיַיבעלע, איז אַמאָל געווען גליקלעך. וויאַזוי זיי זיַינען אַמאָל געווען ריַיך. אמת, זיי זיַינען אַצינד אויך ניט אָרעם; עס קאָן זיַין, אַז זיי זיַינען אַצינד ריַיכער ווי אַמאָל, נאָר זי ווייס עס ניט. דאָס ווייס „ער"... „ער" האַלט דאָס געלט אין קאַסטן, אין דעם איַיזערנעם קאַסטן. דאָרט ליגן אַ סך פּאַפּירן, וועקסלען, דאָקומענטן, באַנקאָווע בילעטן, משכונות, געלט, און נאָר „ער" אַליין גייט צום קאַסטן. „ער" האַלט באַ זיך די שליסעלעך, און זי האָט מורא צו זיי זיך צוצורירן. זי וויל אים ניט פרעגן: זי איז גערן, אַז „ער" טשעפּעט זי ניט. און אַלץ איבער זיי,

איבער אַט די מערדער, וואָס אַפּן אײַזערנעם באַלקאָן!...

— וואָס איז דאָרט בײַ אײַך פֿאַר סודות? — שרײַט פֿורמאַן, ליגנדיק אויף דער סעראַטענער סאָפֿע.

פֿורמאַן ציטערט פֿאַר אַ שאָרך... ער האָט מורא פֿאַר גנבים, פֿאַר גזלנים, מע זאָל אים חלילה ניט באַפֿאַלן. ער פֿאַרלאָזט זיך אויף קיינעם ניט. אַליין פֿאַרמאַכט ער אַלע נאַכט די רוויטע לאָדן, פֿאַרשליסט די טיר און כאַפּט זיך אויף עטלעכע מאָל אין דער נאַכט און טאַפּט דעם אײַזערנעם קאַסטן, די שליסל. אויף יעדן באַזונדער קוקט ער מיט מורא, מיט חשד. יעדער איז אים עפּעס ווי פֿאַרדעכטיק. אפֿילו דאָס ווײַב, דאָס קינד ווארפֿן אויך אויף אים אָן אַ מרה־שחורה, בעת זיי זיצן אין שלאָפֿצימער און שושקען זיך שטילערהייט... ווער ווייס? אפֿשר ריידן זיי זיך עפּעס אָן צווישן זיך? אפֿשר פֿאַרטראַכטן זיי אַ שלעכטע מחשבה קעגן אים?...

— ראָזעלע! ראָזעלע! קום נאָר אַהער, ראָזעלע!

מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, אַ בלאַסע, אַ דערשראָקענע, גייט זי צו צום פֿאָטער.

— קום אַהער! קום אַהער נענטער! קוק נאָר אָן אַ ביסל, ווי זי האָט עס מורא... איך וועל דיך ניט אויפֿעסן! איך בין ניט קיין דאָס!... זאָג נאָר, טאָכטער, וואָס איז דאָרטן געוועזן בײַ אײַך פֿאַר אַ דאָס? וואָס האָט דיר די מאַמע עפּעס געזאָגט אַזעלכעס? זאָג נאָר דעם דאָס... דעם אמת! זאָג אויס, האָב קיין מורא ניט פֿאַר דאָס!...

נאָר אַמאָל, זייער זעלטן, טרעפֿט זיך בײַ אים אויך אַ גוטע שעה. ער ווערט עפּעס ווי לעבעדיקער, מונטערער און ווייכער. ער קוקט דעם ווײַב אין די אויגן אַרײַן, ווי איינער, וואָס פֿילט זיך, אַז ער איז שולדיק. ער מאַכט מיט איר אַ רייד וועגן דער טאָכטער, וועגן זייער אייניציקער טאָכטער:

— הערסט, טײַבעלע, דאָס... איך מיין אַקעגן דעם... ראָזעלע איז שוין, קיין עין־הרע, אַ דאָס... אַ פֿײַן מיידל. מע וואָלט שוין באַדאַרפֿט אַ טראַכט טאָן מכח אַ דאָס... דאַנקן גאָט, אַ ביסל דאָס איז פֿאַראַן... ניט קיין סך — אַזוי, קיין מעשה ניט (ער טוט זיך אַ טאַפּ אין קעשענע בײַ די שליסעלעך)... פֿאַרשטייט זיך, אויב מע וועט אונדז אָפּגעבן אַלע דאָס... אויב עס וועט ניט זײַן חלילה קיין אָנזעצן בײַ הײַנטיקע דאָס... פֿון ראָזעלעס וועגן האָב איך אָפּגעלייגט באַזונדער

א ביסל דאָס (ער קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן)... זאָלסט איר נאָר ניט זאָגן, טײַבעלע! אַ קינד, וואָס טויג דאָס איר צו וויסן? אַז עס וועט קומען די דאָס... די צײַט, וועט זי אַליין וויסן...

טײַבעלע פאַרגעסט זיך: זי מיינט, אַז דאָס איז אַמאָליקע יאָרן, בעת זי האָט געקאָנט אַ געשריי טאָן אַף מאירן, אַזוי אַז ער זאָל צובײַסן די צונג. זי שטעלט אָן אירע שוואַרצע אויגן אַף איר מאַן און הייבט אָן צו טענהן פאַר איר קינד:

— איך פאַרשטייט ניט, וואָס איז דאָ פאַראַן מורא צו האָבן פאַר אַן אייגן קינד? ובפרט...

— שאַ־שאַ — הייבט אַף איר אָן מאיר צו שרײַען, מאַכנדיק מיט די הענט. — זע נאָר, ווי מען האָט איר דאָ אָנגערירט דעם דאָס... דעם האָנאָר! איך זאָל דיך וועלן פאָלגן, וואָלטן מיר שוין לאַנג באַדאַרפט גיין אין די דאָס... אין די הײַזער! דו קערסט מיינען, אַז בײַ מיר איז פולע קאַסטנס מיט דאָס?...

די מאַדאַם פורמאַן גייט אַוועק פונעם מאַן מיט אַ ביטער האַרץ, — און עס גייען ווײַטער אַוועק פינצטערע, וויסטע, טרויעריקע טעג, לאַנג־לאַנג, אָן אַ סוף, אָן אַן עק! די מוטער זוכט איר טרייסט בײַ איר קינד, בײַ איר איינציקער טאָכטער, בײַ איר טײַערער געטרײַער ראָזעטשקע, און איר טײַערע געטרײַע ראָזעטשקע זוכט איר טרייסט אין אַ בייגעלע פּאָסט־פּאַפּיר, וועלכע איז באַשריבן געדיכט פון אַלע פיר זײַטן, מיט אַ סך פּאַסיקלעך און מיט אַ סך פינטעלעך. אין דעם דאָזיקן בייגעלע פּאָסט־פּאַפּיר, וועלכן ראָזע טראָגט בײַ זיך אַפן האַרצן און לייענט דאָס נאָר בײַנאַכט, בײַ אַ צוויי־גראָשנדיק ליכטל, בעת די גאַנצע שטוב שלאָפט שוין לאַנג, שטייט געשריבן דאָס דאָזיקע:

„מײַן נשמה, מײַן לעבן, מײַן מלאך — ראָזע!... דאָס ליבסטע וואָרט, דער גרעסטער טיטל וועט זײַן נאָר אַ באַליידיקונג פאַר מײַן ליבע צו דיר. מײַן טײַער לעבן! אַך, פאַר וואָס בין איך אַזוי געשטראָפט, אַז איך מוז מיט דיר רעדן אַף פּאַפּיר? וואָס האָבן מיר אַזעלכעס פאַר־זינדיקט? מיר דאַכט, אַז אין די דרײַ יאָר, וואָס אונדזערע הערצער זײַנען צונויפגעקניפּט געוואָרן מיט דער זיסער אייביקער ליבע, האָבן מיר אויסער שמערצן קיין גוטע שעה ניט פאַרזוכט? נאָר, דאַנקען גאָט, איך קאָן דיר פאַרזיכערן, אַז דאָס איז שוין דאָס לעצטע יאָר, דער לעצ־טער חודש, די לעצטע וואָך, דו הערסט? — די לעצטע וואָך פון אונדזער

אַרעסט! ניט מער ווי אין פינף טעג אַרום ענדיקט זיך באַ מיר דער עקזאַמען, און איך פאָר... ניין! איך פלי צו מײַן טײַערער, טײַערער, טײַערער ראָזע אַף תמיד, אַף אייביק־אייביק, מײַן ראָזע, מײַן שמעקענדיקע, מײַן בליִענדיקע ראָזע, מײַן אייביקער און מײַן איינציקער פרײַנט אַף דער גאַנצער וועלט!...

„פון מיר דײַן פרײַנט, דײַן ברודער און דײַן אויסלייזער,
וואָס דערוואַרט שוין די מינוט די רגע צו זען דיך,
וואָס קושט די ערד ווו דײַן פוס טרעט,
וואָס לעבט אינגאַנצן נאָר צוליב דיר,
וואָס טראָגט דײַן פאָרטרעט באַ זיך אַפן האַרצן,
וואָס וועט גאָט פאַר דיר שטענדיק,
וואָס בוקט זיך דיר פון ווײַטן,
„באָריס פרידמאַן".

דאָס צענטע קאַפּיטל

ווו עס ווערט באַשריבן, וויאַזוי אַ ייִדישער פּרינץ, פון וועלכן עס דאַרף אַרויס אַ פּראָפעסאָר, אָדער, לכל הפּחות, אַ דאָקטאָר, גיט־אָפּ גלענצנד דעם עקזאַמען און פאָרט טאַנצנדיק און זינגענדיק אַהיים

אונדזער העלד, באָריס פרידמאַן, גייט־אום מיט ברייטע שפּאַן איבערן צימער, און רײַבנדיק זיך דעם שטערן, כאַפּט ער זיך אַ סאַך מאָל צום ביכל און לייגט דאָס ווידער אַוועק, אַזוי לאַנג, ביז ער טוט אַ שמיץ די ביכער אָן דער ערד און כאַפּט אַ בייגעלע פּאָסט־פּאַפּיר און שרײַבט אָן איינע פון די דאָזיקע בריוו, וואָס מיר האָבן שוין געהאַט די מעגלעכקייט פאָרצושטעלן פאַר אונדזערע לייענער אין דעם פאָריקן קאַפּיטל. ער טראָגט אַליין אָפּ דאָס בריוול אַף דער פּאָסט, און גייט פון דאָרטן גלײַך אין טעאַטער אַרײַן. אַף מאָרגן שטייט ער אויף מיט אַ קאַפּווייטיק און קאָן ניט גיין אין גימנאַזיע צום עקזאַמען. נאָכדעם קומט צו אים דער רעפּעטיטאָר און זאָגט אים מוסר און דערמאָנט אים, אַז ער קאָן

בלייבן אפן צווייטן יאר אין לעצטן קלאס, און דער פאטער וועט זיין דערפאר שטארק ברוגז. אונדזער העלד וויינט אזוי לאנג, ביז ער פאלט ארויף דעם לערער אפן האלדז און דערציילט אים מיט טרערן פון זיין ליבע, פון זיין ראזע, פון זיין טייערער, טייערער ראזע! דער לערער איז אויך ניט מער ווי א יונגער מענטש מיט א ווייך ווארעם הארץ, קוקט ער אפן שילער און שאקלט מיטן קאפ און פינטלט מיט די אויגן. ער דערמאנט זיך אצינד, וויאזוי ער האט אליין אמאל געהאט א שיין מיידל מיט א זיס קול און מיט ברענענדיקע אויגן. וויאזוי ער האט אן איר ניט געקאנט לעבן. וויאזוי זי האט געקוקט אף אים און האט צו אים געזאגט: „אך! דיינע האר! דיינע האר!"... פארשטייט זיך, אז בייגעלמאן (אזוי הייסט דער לערער) איז אין זיין ליבע ניט גליקלעך געווען און האט שוין לאנג פארגעסן דאס שיינע מיידל מיט די פייער־דיקע אויגן. דאך איז בא אים אין הארצן געבליבן א פונק, וואס צאנקט נאך ערגעץ טיף־טיף אין דער נשמה, און א קליין ווינטעלע קאן דאס נאך אמאל צעבלאזן, עס זאל דערפון ווערן א פייערל. בייגעלמאן פאר־שטייט דעם שילער: נאר ווייל בייגעלמאן איז שוין ניט קיין יינגל און האט שוין אף זיין לעבן ניט איין מאל זיך געלייגט שלאפן א הונגערי־קער, דעריבער פרעגט ער דעם שילער א קלאץ־קשיא:

— יא, באריס, אלץ איז רעכט! וואס זשע וועט אבער זיין דער תכלית? דו דארפסט דאך אפגעבן דעם עקזאמען! מע וועט דאך דיך ארויסטרייבן פון גימנאזיע! דיין פאטער וועט דיך אף דער שוועל צו זיך ניט ארויפלאזן. ער וויל דיך זען נאר א פראפעסאר, אדער, לכל הפחות, א דאקטאר... דו קאסט אים שוין אפ אזוי פיל געלד! דו דארפסט...

באריס פארשטעלט אים דאס מויל מיט דער האנט און לאזט אים גאר ניט רעדן ווייטער. וואס מיר געלט? וואס מיר פראפעסאר? ראזע, ראזע איז מיין פראפעסאר!...

— יא, ביזט טאקע גערעכט: ראזע איז דיין פראפעסאר. וואס וועסטו אבער טאן, אז דו וועסט שוין מיט איר אנטלויפן און חתונה האבן? ווו וועסטו נעמען מיטלען צום לעבן? עסן, טרינקען?...

— בייגעלמאן! וואס רעדט איר? ווי קומט דאס גאר צו אייך, איז איר זאלט גאר אזעלכעס פרעגן? און מיינע הענט? און האלץ האקן? און ערד גראבן? און זעקלעך טראגן?...

ביינעלמאַן שאָקלט מיטן קאָפּ, קוקנדיק אַפן זייגער, און מיט אַ ביטער שמייכעלע גייט ער אַוועק צו זײַנע איבעריקע שילער. און באַריס, דער קינפּטיקער האָלצהאַקער, ערדגראַבער און זעקלטרעגער, עסט דער־ווײַל אַ שיינעם אָנבײַסן, פאַרטרינקט מיט אַ גוט גלאָז ווײַן און פאַר־רויכערט אַ טײַערן ציגאַר. דער זעקלטרעגער גייט זיך דורך אַ ביסל אין מאַרק צווישן די קלייטן, ווו די קרעמער פרייען זיך, אַז זיי דערזעען אים פון ווײַטן, און ברענגט אַהיים אַ נײַע פּאָר הענטשקעס, צוויי פלעשלעך פּאַרפיומען, גליצערין־זייף, אַ שפּאָגל־נײַעם שניפּס, וואָס פאַרשפּיליעט זיך פון ביידע זײַטן, אַ האַלב טוץ נײַ־מאָדישע העמדער, אַ גוטן טשעמאָ־דאַן, אַ פּאָר מעשענע לײַכטער מיט אַ טוץ מעסער און גאָפּלען, מיט נאָך אַ סך זאַכן, וואָס ער דאַרף זיי אַף כּפּרות האָבן; נאָר דאָס איז שוין בײַ אים אַזאַ חולאת, אַזאַ שלאַפקייט פון שטענדיק — אויסגעבן געלט און קויפן אַלץ, וואָס דאָס אויג דערזעט.

די טעג פונעם עקזאַמען האָבן זיך שוין געענדיקט, און אָט איז שוין דער לעצטער טאָג אין גימנאַזיע — דער אַקט. אָט פליט מיט רויטע פּאַר־פלאַמטע באַקן גאָלדענשטאַדט אַהיים מיט דער ערשטער „נאַגראַדע" אונטערן אָרעם. ער וועט קומען אַהיים ווי אַ העלד, וואָס האָט אײַנגענו־מען די מפּחמה און פּאַרט אַצינד מיט טריומף, און אַלע מענטשן, אַלע ביי־מער, אַלע ווינקעלעך שרײַען אים „הוררא!"

אַ בלאַסער, אַ געלער פאַר כּעס, פאַר קנאה, שטייט זילבערשטאַדט אָן אַ זײַט און איז גרייט צערײַסן די לערערס דערפאַר, וואָס גאָלדענ־שטאַדטן האָט מען געשענקט די ערשטע „נאַגראַדע, און אים, זילבער־שטאַדטן, וואָס האָט אַ גאַנץ יאָר אַזוי ערנסט, אַזוי געטרײַ געהאָרעוועט, — האָט מען געגעבן אַ פײַג, ניט קיין „נאַגראַדע"...

אַ טויטער שטייט אײַזענשטאַט אין אַ ווינקעלע — ער, אייזענ־שטאַדט, האָט ניט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען! ווי אַזוי וועט ער קו־מען אַהיים צו אָרעמען פאָטער, צום שנײַדער, וועלכער האָט פון זיך די קליי געצויגן און זיך אויסגעבראַכט אַפן זון? די מאַשין פאַרזעצט, גע־האָרעוועט ביז אָן אויג איז אים אויסגערונען — און צום סוף!...

און אונדזער פרינץ, באַריס פרידמאַן, דרייט זיך אויך דאָ אַרום אײַ־נעם טײַערן גאַרניטער, אויסגעזייפט, אויסגעשמירט מיט שמעקנדיקע טראָפּנס און פאַרקעמט ווי אַ מיידעלע, מיט אַ ווײַסן שרונט איבערן גאַנצן קאָפּ. ער ווייס, אַז אין זײַן בילעט שטייט: увольняется,

נאָר ער דרייט זיך דאָ אַרום אַ פאַרטראַכטער, אַ וואַזשנער, גלייך ווי ער איז אַרייַנגעגאַנגען אַהער פון דער גאַס אַ קוק געבן, וואָס טוט זיך דאָ. און דאָרטן, אין ווינקל, שטייט אײַזענשטאַדט, דער בידנע אײַזענשטאַדט מיט די גרויסע אויגן, אַף אַן אָרט, פונקט ווי אַ פאַרגליווערטער.

פונדעסטוועגן, זאָרגט ניט: באָרים פרידמאַן פאָרט אַהיים מיט אַ גאַנצע קאָמפּאַניע חברים, וועלכע ער פירט צו זיך אַף זײַנע הוצאות. אַ פריילעכער וועג! זומער. די פעלדער זײַנען גרין. די זון באַקט. די שטייַנער פונעם שאָסיי גליִען, און די פערד טראָגן דעם עקיפּאַזש כמעט אין דער לופטן. איין ווערסט נאָכן אַנדערן פליען פאַרבײַ די אויגן, און „חברה" עפענען אויף די געמבעס און מע זינגט צוזאַמען, אַלע מאָל אַן אַנדער לידל. שטאַרקער פון אַלע שרײַט גאָלדענשטאַדט. אין דעם דאָזיקן יונגן מענטשן זינגט די ערשטע „נאַגראַדע". אים ציט נאָך זילבערשטאַדט מיט אַ שרעקלעכן באַס, וואָס בייזערט זיך אַף דער וועלט פאַר דעם אומרעכט, וואָס עקזיסטירט נאָך אַף דער ערד. נאָר איין אײַזענשטאַדט זיצט אײַנגעהויקערט און טראַכט וועגן זײַן אָרעמען פאָטער, דעם שנײַדער, וואָס האָט געפּטרט אַן אויג איבערן זון... נאָר פרידמאַן, גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט לאָזט אים לאַנג נישט טראַכטן: זיי שטורכן אים אונטער פון אַלע זײַטן, ער זאָל אויך זינגען מיט זיי.

און אײַזענשטאַדט עפנט־אויף דאָס מויל, פאַרקרימט זיך אַזוי זויער און לאָזט אַרויס אַזאַ משונה־נאַריש קול, אַז חברה ווערן שיעור נישט צעזעצט פאַר געלעכטער.

אין יעדער קרעטשמע שטעלט מען זיך אָפּ. מע נעמט צו קאַפּעלעך. מען דאַרף באַווײַזן, אַז מען איז שוין „גרויסע"... מע פאַלט פון די פיס. מע לאַכט פון אײַזענשטאַדטן. אייזענשטאַדט אַליין לאַכט שוין אויך — און מע פאָרט ווײַטער.

אַפן צווייטן טאָג קומט מען אַהיים, צו פרידמאַנען. פיר יונגאַטשעס שפּרינגען־אַרויס פונעם וואָגן, און דער העכערער פון אַלע, מיט לאַנגע בלאָנדע האָר, מיט רויטע בעקלעך, עלעגאַנט געקליידט, מיט אַ רײַזעטאַש איבער די פּלייצעס, מיט אַ גילדענער פענע, פליט דער ערשטער אַפן באַלקאָן, אַפן באַקאַנטן אײַזערנעם באַלקאָן, און פאַלט־אַרויף דעם פאָטער און דער מוטער אַפן האַלדז, און מע קושט זיך איין מאָל, און צוויי מאָל, און דריי מאָל, און נאָך אַמאָל, און ווידער אַמאָל. מאָטל און מלכה ווייסן שוין גאַנץ גוט פונעם אומגליק, וואָס זייער זון האָט

געטראָפֿן: ווי אַזוי מע האָט אים נעבעך אָפּן עקזאַמען געמוטשעט, ווי אַזוי איינער פֿון די לערערס האָט אים נעבעך אומזיסט־אומנישט „גע־שניטן". דערפֿון האָט זיי שוין באָריס לאַנג געשריבן, און דער לערער, בייגעלמאַן, האָט אויך געשריבן, אַז די מעשה איז לויטער אמת...

— אָט זײַנען מײַנע חברים: גאָלדענשטאַדט, זילבערשטאַדט און אײַזענשטאַדט, מיט וועלכע איך בין געקומען אהער פֿארברענגען די וואַ־קאַציעס, איר קאָנט זיי פֿרעגן; זיי ווייסן דעם אמת. אָט דער דאָזיקער אײַזענשטאַדט האָט אויך דעם זעלבן אומגליק, וואָס איך. איאָ, אייזענ־שטאַדט? איך זאָג אמת, צי ניין?...

אײַזענשטאַדט, וואָס איז דאָס ערשטע מאָל אין אַזאַ רײַכער שטוב, שטייט און פּינטלט מיט די אויגן.

— נו־נו, באָריס! מע גלויבט דיר, מע גלויבט דיר! — זאָגט אים די מוטער, די מאַדאַם פֿרידמאַן, און כאַפּט אים נאָך אַמאָל אַרום קושן.

— דו פֿאַרשטייסט צי ניין? דו פֿאַרשטייסט צי ניין?... — זאָגט דער הער פֿרידמאַן ווי צו זיך אַליין, קוקנדיק אָפּן זון און אויסרעכענענדיק אָפּן קאָפּ, וויפֿיל קאָסט ער אים שוין אין דער צײַט פֿון די דאָזיקע אַכט יאָר, וואָס ער האָט אים אומזיסט אָפּגעהאַלטן אין דער גימנאַזיע.

— מזל־טוב! איר „קדיש" איז שוין געקומען!... — זאָגט טײַבע־לע פֿרידמאַן צו זיך אַליין, קוקנדיק פֿונעם פֿענצטער מיט די רויטע לאָדן אַרויף, אָפּן באַלקאָן.

— טײַערער, טײַערער! — זאָגט צו זיך ראָזע פֿורמאַן, קוקנדיק פֿונעם אַנדערן פֿענצטער אױף איר טײַערן באָריס פֿרידמאַן, און קוועטשט זיך מיט ביידע הענט שטאַרק־שטאַרק צום האַרצן, גלײַך ווי „ער" איז שוין דאָ, אין אירע אָרעמס.

דאָס עלפֿטע קאַפּיטל.

ווי אַזוי דער „סטודענט" באָריס פֿרידמאַן מיט זײַנע דרײַ חברים פֿאַרברענגען נוצלעך די צײַט

מיט וועמען קער זיך דאָס, אַ שטייגער, אָן, וואָס סע שטייט אָנגע־שריבן בײַ באָריס פֿרידמאַן אָפּן ווײַסן בויגן פּאַפּיר, וועלכן ער האָט גע־בראַכט אַהיים פֿון דער גימנאַזיע? וועמענס עסק איז דאָס? דער בויגן

פאפיר ליגט באהאלטן בא דער מאדאם פרידמאן אין א קאמאד, און זי רופט אים „דער טעסטאט", און איר זון הייסט בא איר „דער סטודענט".

ווי צופרידן, ווי גליקלעך איז די מאדאם פרידמאן מיט איר זון, מיטן פרישן, געזונטן, שיינעם סטודענט! זי האט אים אפגעגעבן באזונדערע צוויי חדרים פון זײַנטוועגן מיט זײַנע חברים, וועלכע זײַנען דא גיך געווארן היימיש, חוץ איין אײַזענשטאדט, וואס קאן נאך אלץ נישט פארגעסן דעם פאטער, דעם בלינדן שנײַדער, און זיצט דעריבער באזונדער אין א ווינקעלע, בלעטערט א בוך און וויל זיך גאר ניט ארײַנמישן צו זײַנע חברים, וואס קלײַבן זיך פארן הינטערן שטאט אף א גאנצן טאג שיפן זיך איבערן טײַך. אליק דער משרת פאקט אין טשעמאדאן ארײַן צידה לדרך: געבראטענע קאטשקעס, ווורשט, ווײַן, ניס, קאנפעקטן. דער עקיפאזש שטייט שוין באם באלקאן. עס גייען ארויס דרײַ יונגעלײַט און זעצן זיך אין אים ארײַן, אליק זעצט זיך אקעגן, דער קוטשער טוט א שמײַס די פערד — און חברה סטודענטן פארן אוועק. די מאדאם פרידמאן זאגט:

— א גאנץ יאר הארעווען נעבעך די סטודענטן, ווי די פערד, דארפן זיי זיך אצינד אפרוען. יעדער מענטש דארף האבן רו, ובפרט נאך א יונגער מענטש, א סטודענט!...

אפנים, זי איז צופרידן דערמיט, וואס זי קאן זיך אליין אפנארן. זי גייט־ארײַן אין שטוב און דערזעט דארט זיצן אײַזענשטאטן איבער א בוך.

— וואס איז דאס? פארוואס זײַט איר אויך ניט געפארן מיט די סטודענטן? זיי האבן אײַך פארגעסן מיטנעמען? מײַן באַרים האט מיר דערציילט, אז איר האט אויך געהאט דעם זעלבן אומגליק — איר זײַט נישט אריבער... מסתמא האט צו אײַך אויך דער לערער זיך געטשעפעט אומזיסט?...

— ניין, ניט דערפאר! — ענטפערט איר אײַזענשטאדט בתמימות.

— ניט איבערן לערער; איך בין אליין שולדיק. קיינער איז דערין ניט שולדיק, נאר איך אליין!...

און אײַזענשטאדט דערציילט איר א גאנצע געשיכטע, א טרויעריקע געשיכטע, ווי אזוי ער האט געמוזט אונטערהאלטן אן ארעמע שוועסטער מיט א גאנצער פאמיליע, וואס שטארבט פון הונגער, און אויסהאלטן א קלענערן ברודער אין גימנאזיע, צוליב וועלכע ער האט געמוזט געבן שטונדן, צען שטונדן א טאג, אזוי, אז עס איז אים כמעט קיין צײַט ניט

געבליבן צו לערנען. פונדעסטוועגן וואָלט ער באַדאַרפט צום עקזאַמען אַ ביסל צוהאָרעווען, אַ ביסל איבערן כח, אַ ביסל ווינציקער שלאָפן... האָט ער אָבער אַזוי ניט געטאָן און האָט דעם עקזאַמען ניט אויסגעהאַלטן. עס אַרט אים שוין ניט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר זײַן אָרעמען פאָטער, דעם בלינדן שנײַדער, וואָס האָט צוליב אים די מאַשין פאַרזעצט...

די מאַדאַם פרידמאַן הערט אויס די דאָזיקע טרויעריקע געשיכטע מיט רחמנות, און אין קאָפּ פליט איר דורך אַזאַ מחשבה: „וואָס וואָלט זי געטאָן, ווען איר באָרים זאָל זײַן באַ דער לאַגע פונעם דאָזיקן אָרעמען אײַזענשטאַדט?"... און זי דאַנקט און לויבט גאָט, וואָס ער האָט זי געבענטשט מיט אַזאַ רײַכטום, און וואָס איר באָרים האָט ניט די דאגות מיט די שמערצן, וואָס אײַזענשטאַדט האָט.

איר באָרים האָט טאַקע באמת ניט אַזעלכע דאגות מיט אַזעלכע שמערצן, ווי אײַזענשטאַדט האָט. איר באָרים זיצט אַצינד מיט זײַנע חברים — גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט — אַף דער שיף, וועלכע דאָס וואַסער טראָגט אַלץ ווײַטער און ווײַטער, און לאַכט, און זינגט, און עסט, און טרינקט. נאָר אַזוי ווי קיין צופרידענער מענטש איז גאָר אַף דער ערד ניטאָ, דעריבער איז קיין וווּנדער ניט, וואָס אָט דער גליקלעכער פרינץ, אַף וועלכן עס האָרעווען אַ סך הענט, אַ סך פיס, אַ סך פלייצעס, אַ סך קעפּ, — אָט דער געבאַלעוועטער באָרים פרידמאַן איז אויך ניט צופרידן מיט זײַן דאָליע: אים גייט אויך אָפּ אַ סך צום אמתן גליק; אים גייט אָפּ אָט דאָ, באַ דער זײַט, אַפן שיפל, דאָס קליינע שוואַרצע מיידל פון דער ווײַסער שטוב מיט די רויטע לאָדן...

ליגנדיק אַפן גראָז אויסגעצויגן מיטן פנים אַרויף דערציילט באָרים פרידמאַן זײַנע חברים די גאַנצע געשיכטע פון זײַן ליבע. די געשיכטע איז אַ קורצע, נאָר זייער אַ רירנדיקע, פון וועלכער יעדער יונגער מענטש מיט אַ ווייך וואַרעם האַרץ קאָן זיך אַראָפּנעמען אַ מוסר...

„ער" איז אַלט געווען זעכצן יאָר און האָט געלערנט אין פערטן קלאַס, און „זי" איז אַלט געווען פערצן יאָר און האָט געענדיקט דעם פּאַנסיאָן. ער איז געווען אין אַ מונדיר מיט גילדערנע קנעפּ, און זי האָט געהאַט אַ פּאָר שוואַרצע פײַערדיקע אויגן מיט געטלעכע געקרײַזלטע האָר. ער איז געגאַנגען אין שטאָט-גאָרטן מיט זײַן מוטער שפּאַצירן, און זי איז געגאַנגען מיט איר מוטער אויך אין שטאָט-גאָרטן שפּאַצירן. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און פון דעמאָלט אָן האָט זי אַרײַנגע-

וואָרפֿן אַ פֿונק אין זײַן האַרצן. דער פֿונק האָט זיך מיט דער צײַט צעברענט און איז געוואָרן אַ שרעקלעך פֿײַער, אַ פֿלאַם־פֿײַער אין זײַן האַרצן... וויפֿל נעכט האָט ער פֿאַרבראַכט, וואַכנדיק און טראַכטנדיק, ווי אַזוי קומט מען צו איר? צום אומגליק, שטייט זי אײַן בײַ אַזעלכע עלטערן, צו וועלכע ער טאָר זיך ניט ווײַזן פֿאַר די אויגן. ביז גאָט האָט אים געהאָלפֿן, אין אַ יאָר אַרום האָט ער שוין געהאַט די געלעגנהייט צו זען זי, ריידן מיט איר, האַלטן איר טײַער הענטל אין זײַן האַנט. זי האָט דאָ אַ קרובה, אַ גרושה, אַ יונגע, נאָר זייער אַ מיאוסע, וואָס האָט מיטלײַד מיט אומגליקלעכע ליבנדע, מחמת זי אַליין האָט אַמאָל ליב געהאַט און פֿאַרשטייט דאָס וואָרט „ליבע"... געלויבט און געבענטשט זאָל זײַן די דאָזיקע גרושה: זי האָט אונדז צונויפֿגעפֿירט, זי האָט אונדז אָנגעוויזן, ווו דאָס גליק געפֿינט זיך. אַף איר אַדרעס שרײַבן מיר זיך דורך שוין כמעט דרײַ יאָר און אַף אירע אויגן האָבן מיר זיך געגעבן די הענט און געשוווירן בײַ גאָט, בײַם הימל, אַז מיר זאָלן זיך פֿאַרבינדן אַף אייביק און קיינמאָל ניט צעשיידן!"...

די דאָזיקע ליבע־געשיכטע האַרמאָנירט זייער אין דער דאָזיקער מינוט מיט דער שיינער זומערדיקער נאַטור, און אונדזערע יונגעלײַט, וואָס ליגן דאָ אויסגעצויגן אַפֿן גרינעם גראָז, ווײַזט זיך אויס, אַז אַלץ אַרום און אַרום זאָגט: „אמת! אמת! אמת!" — אי די גרינע ביימער אַף וועלכע עס פֿליט דורך אַ גרינג ווינטעלע און מאַכט אַף אַ מינוט אַ רעש צווישן די בלעטער, אי די פֿייגעלעך, וואָס זינגען און טאַנצן אומרויִק דאָ און דאָרטן, אי דאָס שמעקענדיקע גראָז, וואָס לייגט זיך אונטער די פֿיס מיט גרויס הכנעה, אי דאָס וואַסער, וואָס פּליעסקעט און הודעט אי די צעריסענע ווײַסע שטיקער וואָלקנס, וואָס שווימען אום אַפֿן בלויען הימל און האָבן אַ פּנים אין דער דאָזיקער שטילער זומער־צײַט ווי שטיקער וואַטע, וועלכע מע צעלאָזט און מע צעבלאָזט, — אַלץ, אַלץ רעדט אין איין קול: „אמת! אמת! אמת!"... און די וואַרעמע הערצער פֿון די יונגעלײַט ווערן נאָך מער דערוואַרעמט פֿון דער שיינער ליבע־געשיכטע, וואָס זייער חבר האָט זיי אָט ערשט דערציילט. זיי כאַפּן זיך אויף ביידע מיטאַמאָל און ווענדן זיך צו באָריסן מיט דער דאָזיקער פֿראַגע:

— נו, באָריס, און דו ווייסט האַלטן וואָרט?...

באָרים געפינט זיך שטאַרק באַליידיקט פון אַזאַ פראַגע. ער ענט־פערט זיי מיט גדלות:

— באָרים פרידמאַן וועט האַלטן וואָרט! וואָס באָרים פרידמאַן זאָגט, איז הייליק!... נאַר, ברידער, עס איז דאָ דערין אַזויפיל שטע־רונגען, אַזויפיל בערג און טאָלן, פײַערן און וואַסערן!...

— דהיינו?

— דהיינו, דהיינו... ערשטנס, איז איר פאָטער אַ פּראָצענטניק, אַ דעספּאָט, אַ טיראַן וואָס וועט זי פריִער אַ לעבעדיקע אין דער ערד אַרײַנלייגן איידער אָפּגעבן זי מיר. צווייטנס, זײַנען מײַנע עלטערן מיט אירע עלטערן צעריסן, אויף מעסערשטעך. דריטנס, וועט מײַן מוטער שטאַרבן אויפן אָרט, אַז זי וועט נאָר דערהערן דעם נאָמען פון מײַן כּלה. און, פערטנס, וויים איך ניט, וויִאַזוי און וויִאַזוי קאָן איך זי אַרויסרײַסן פון דאָרטן, פון די דאָזיקע מערדער?...

די חברים האָבן זיך אַ ביסל פאַרטראַכט. אין עטלעכע מינוט אַרום האָט זיך גאָלדענשטאַדט אָנגערופן:

— נו, ברודער, מיר וועלן זיך אַן עצה געבן!

— מיר וועלן דיר העלפן! — האָט זיך אָנגערופן זילבערשטאַדט מיט זײַן באַסאָווע שטימע.

— מיר זײַנען דײַנע!

— קאָנסט זיך אויף אונדז פאַרלאָזן!

— ווי אויף אייגענע ברידער!

— אין פײַער און אין וואַסער!

— אפילו אונטער דער ערד!

— אפילו צום רוח אַליין!

— לאָמיר נעמען צו ביסלעך ווײַן!

— לחיים, ברידער!

— פאַר אַלעמענס געזונט!

— נידער מיטן פאַנאַטיזמוס!

— אין דער ערד אַרײַן אַלע דעספּאָטן!

— הוררראַ, באָרים!

— הוררראַ, ראָזע!

— הורררררראַ!!!...

אַליק דער משרת האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעבאָדן אין טײַך און גייט

צו צו די „סטודענטן" און קוקט אַף זיי פאַרוווּנדערט, וואָס האָבן זיי דאָ פּלוצים אויפגעהויבן אַזאַ הויכן „הוררדא"? נאָר פאַר אַליקען איז ניטאָ וואָס מורא צו האָבן: אַליק האָט שוין ניט אַזויפיל האָר אין קאָפּ, וויפל בריוועלעך ער האָט איבערגעטראָגן פון באָריסן צו בערטע דער גרושה און פון בערטע דער גרושה צו באָריסן. דעריבער האָט מען ניט וואָס מורא צו האָבן און מע מעג רעדן וואָס מע וויל. און מע רעדט; מע זוכט זיך אַ וועג, מע גיט עצות, מע בויט לופטשלעסער. דער זאָגט אַזוי, דער אַזוי, — נאָר ענדלעך באַשטימט מען אַז מע דאַרף זיך זען מיט ראָזען באַ בערטע דער גרושה און דאָרט אָפּרעדן פּינקטלעך, אַף וואָסער אופן די ליבנדע זאָלן קאָנען אַנטלויפן פון דער דאָזיקער שטאָט, און ערגעץ, אין אַ קליין שטעטל, אַ חופּה שטעלן. און ווײַל באָריס אַליין קאָן דאָס דאָזיקע מיט ראָזען ניט איבעררײדן, מחמת יעדער מאָל, ווען זיי זעען זיך, סטײַעט זיי קיין ווערטער ניט און אַחוץ „אַך!" און „אָך!" מיט פּײַעריקע קוקן און מיט הייסע ווערטער איז באַ זיי קיין מאַטעריאַל ניטאָ צום שמועסן, דעריבער מוז מען דערצו האָבן אַ פרעמדן. בלײַבט מער ניט, ווי צו וואַרפן גורל, ווער פון די דרײַ זאָל זײַן דער דיפּלאָמאַט צווישן באָריסן מיט ראָזען? פאַרשטייט זיך, אַז דער גורל איז געפאַלן אַף אײַזענשטאַדטן, מחמת גאָלדענשטאַדט איז אַ כוואַט נאָר אַף צו באַ־קומען ערשטע „נאַגראַדעס" אין דער גימנאַזיע, און זילבערשטאַדט איז אַ צו הייסער יונג, און צו אַזאַ זאַך דאַרף מען זײַן אַ ביסעלע קילער, באַטראַכט, מיט ישוב־הדעת. קיין בעסערער פון אײַזענשטאַדטן איז טאַקע ניטאָ. אײַזענשטאַדט איז אַן ערלעכער מאַן און אַ קאַלטע בריאה, אַ פלעגמאַטיקער...

דאָס צוועלפטע קאַפּיטל

בערטע די גרושה ווערט באַ ראָזע פורמאַן אַ לערערן פון ליבע

שטעלט אײַך פאָר אַ יונגע פרוי פון אַ יאָר עטלעכע און צוואַנציק, אַ נידעריקע און אַ גראָבלעכע, מיט גרויסע שוואַרצע אויגן, מיט גע־דיכטע ברעמען, מיט אַ פּנים, אַף וועלכן עס זײַנען אָנגעזעצט אַלערליי פרישטשיקלעך: רויטע, בלויע, גרינע, ווײַסע, מיט אַ ביסל אַ פאַררי־סענער נאָז, מיט צוויי קליינע שוואַרצע וואָנסעלעך אַף דער אייבערשטער

גראָבער ליפּ, מיט אַ היבשער בראָדעווקע אויף דער לינקער באַק, אויף וועלכער עס וואַקסט און בליט אַ בוטאָן פון זעקס אָדער זיבן לאַנגע שוואַרצע האָר, מיט אַ קורצן האַלדז, מיט שוואַרצע באַוואַקסענע הענט און מיט ווײַסע פּערלדיקע צייט — און אָט האָט איר „בערטע די גרושה".

בערטע די גרושה האָט אַ פּנים פון אַ מאַנספּערזאָן און אַ האַרץ פון אַ פרויענצימער, אַ גוט, ווייך, וואַרעם האַרץ מיט אַ רײַכער פאַנ־טאַזיע פון אַ סך פראַנצויזישע ראָמאַנען. אַ גרושה איז זי געוואָרן נאָכ־דעם, ווי זי איז אַרײַנגעפאַלן צו אַ גראָבן מענטשן אין די הענט, וואָס האָט אויסגענאַרט בײַ איר עטלעכע טויזנט רובל, אַוועקגעוואָרפן זי אויף דער דריטער וואָך נאָך דער חתונה און זיך אַזוי נידעריק, אַזוי אומ־מענטשלעך אויסגעלאַכט פון אירע טרערן, פון איר צעבראָכן האַרץ! וואָס האָט זי געקאָנט טאָן, אַ שוואַכע פרוי, אַן עלנטע אָן עלטערן? פאַרשטייט זיך, ווען איר פאָטער, שניאור שימשעלביין, זאָל אויפשטיין אַצינד פון קבר און אַ קוק טאָן אויף זײַן איינציקער טאָכטער, אויף זײַן בערטע, וואָלט ער זיך צוריק אַ לעבעדיקער באַגראָבן! שניאור שימ־שעלביין האָט ליב געהאַט זײַן בערטע און געהיט זי, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג. שניאור שימשעלביין איז געווען אַן אָרנטלעכער מאַן און האָט זײַן ברויט פאַרדינט מיט זײַנע הענט: ער איז געווען אַ גאָלדשמיד און אַ יובעליר, וואָס האָט ביזן טויט געהאָרעוועט טאָג און נאַכט און האָט איבערגעלאָזט זײַן בערטען טאַקע גאָר אַ היבשן קאַפּיטאַל. אַז שניאור שימשעלביין האָט דערפילט, אַז עס איז שוין צײַט צו שטאַרבן, איז ער געקומען צו מאיר פורמאַנען, וואָס איז געווען זײַנער אַ קרוב, און האָט בײַ אים אײַנגעלייגט דאָס געלט אויף אַ צײַט, ביז זײַן בערטע וועט דאַרפן חתונה האָבן: שימשעלביין האָט געוווּסט, אַז פורמאַנס אײַזערנער קאַסטן איז גלײַך ווי די באַנק. און כך הוה. אַז בערטע איז אין אַ צײַט אַרום געקומען צום אָפּעקון, צו מאיר פורמאַן, און האָט אים געזאָגט, אַז אין צוויי וואָכן אַרום האָט זי חתונה, און בעט אים דעריבער צוגרייטן דאָס געלט, האָט איר פורמאַן געענטפערט, אַז ער וויל פריִער אַליין זען זיך מיט איר באַשערטן. ווי פאַרוווּנדערט איז ער אָבער געווען, ווען צו זײַן שטיבל מיט די רויטע לאָדן איז צוגעפאָרן אַ קאַרעטע, פון וועלכער עס איז אַרויסגעשפּרונגען אַ פראַנט מיט אַ צילינדערהוט, מיט ווײַסע הענטשקעס און מיט אַ ווײַסן שניפּס. דער

פראנט האט זיך פארגעשטעלט: „ארטור פלעכטענטאל". דער דאזיקער וויזיט האט זיך געצויגן א פאר שעה, און אז ארטור פלעכטענטאל האט זיך אפגעזעגנט און איז אוועקגעפארן, האט זיך פורמאן געטאפט בא די קעשענעס, געקוקט אפן אייזערנעם קאסטן, געקוועטשט די שליסלעך אין דער האנט, געשיקט רופן בערטען און האט איר געזאגט:

— הער נאר אויס, בערטע, דיין חתן איז א קעשענע־גנב און א שארלאטאן... מער האב איך דיר ניט וואס צו זאגן.

פארשטייט זיך, אז בערטע האט זיך געפונען אזוי באליידיקט, אז זי האט דריי טעג מיט דריי נעכט געוויינט אן אן אויפהער. מאיר פורמאן האט אויסגעוויזן אין אירע אויגן א „פארדארבענער מערדער", פונקט ווי עס ווערט באשריבן אין די שיינע ראמאנען, מיט וועלכע זי האט זיך אנגעלייענט ווי א פויק.

ארטור פלעכטענטאל האט זי געטרייסט:

— אף דעם דאזיקן בעל־עגלה איז ניטא וואס פאריבל צו האבן. ער האט אף זיין לעבן נאך ניט גערעדט מיט קיין „ציוויליזירטן" מענטשן. ער איז א פראצענטניק און א דעספאט!...

בערטע האט אזוי לאנג געוויינט איבער פורמאנס קאפ, ביז ער האט איינמאל מיט כעס ארויסגעכאפט א פאק מיט אסיגנאציעס פונעם קאסטן און האט איר א שמיץ געטאן אין פנים אריין. די הענט האבן אים געציטערט בעת מעשה.

— נא! אט האסטו דא פינף טויזנט רובל! מער גיב איך דיר איצט ניט. לאזן די איבעריקע פינף טויזנט בלייבן. נישקשה, זיי וועלן דיר צונויף קומען אף שפעטער...

אוי, זיינען זיי איר צונויף געקומען! אז ארטור פלעכטענטאל האט זי באראבעוועט און אוועקגעווארפן, און בערטע האט קוים־קוים געפועלט בא אים, ער זאל איר געבן גט, איז זי אריינגעפאלן צו פורמאנען אין שטוב אריין מיט א געוויין און האט אים געקושט די הענט. זי האט בא אים געבעטן מחילה און האט אים געזאגט, אז ער איז איר אויס־לייזער, איר צווייטער פאטער. דאס האט אים שטארק דורכגענומען. ער האט אריינגערופן דאס ווייב מיט דער טאכטער און האט צו זיי געזאגט מיט גרויס אויפרעגונג:

— נו? זעט איר?... אט וויינט זי. וואס האב איך געזאגט? האב איך דען ניט פריער געזאגט, אז דאס?...

פון יענער צייט אָן איז צווישן בערטע דער גרושה און ראָזע פורמאַן געוואָרן אַ גוט לעבן, אַז מען איז געגאַנגען איינע צו דער אַנדערער יעדן טאָג; פורמאַן האָט דערפון געוווּסט און איז דערפון געווען צופרידן: „לאָז זי זיך אויסלערנען פון איר, וויאַזוי דאָס״...

און ראָזע פורמאַן האָט זיך אויסגעלערנט פון „בערטע דער גרושה״ אַ סך זאַכן.

„בערטע די גרושה״, וואָס האָט אַליין טײַער באַצאָלט פאַר איר אייגענער ליבע, האָט זיך געטרייסט מיט דער פרעמדער ליבע און האָט געהאַט פאַרגעניגן פון ראָזעס גליק. אַז ראָזע האָט איר איבערגעגעבן אַלץ, וואָס בײַ איר אָפּן האַרצן איז געווען, האָט איר בערטע געזאָגט, אַז זי מוז פרײַער אַליין אָנקוקן דעם, וואָס האָט „געוווּנען איר ליבע״. אָ, בערטע איז שוין אַ געשלאָגענער הונט! זי ווייסט מען שוין אַזוי גיך ניט אָפּנאַרן — ניין!...

און באָרים פרידמאַן איז איר פונעם ערשטן מאָל געפעלן: זײַן שיין געשטאַלט, זײַנע לאַנגע בלאָנדע האָר, זײַנע ווײַסע הענט מיט די איידעלע מאַניערן זײַנען אַזויפיל געווען ענלעך מיט די מאַניערן פון אַ העלד, פון אַן אמתן העלד, וואָס ווערט באַשריבן אין די ראָמאַנען, אַז עס איז גאָר קיין וווּנדער ניט, וואָס ראָזע האָט זיך אַזוי אײַנגעליבט אין אים! מע דאַרף נאָר אַכטונג געבן פון דער זײַט, אַז עס זאָל דערפון, חלילה, ניט אַרויס עפּעס אַן אומגליק, אַז די ליבנדע זאָלן אָפּ תמיד זײַן גליקלעך. ראָזע איז נאָך אַזוי יונג!...

און בערטע די גרושה האָט זיך גענומען צו איר אַרבעט ערנסט און געטרײַ. דרײַ יאָר כסדר איז זי געשטאַנען אָפּ דער וואַך פון דער ווײַטנס און האָט געהערט, ווי די דאָזיקע טײַבעלעך שושקען זיך און קושן זיך; דרײַ יאָר כסדר האָט זי געהיט, ווי אַ גוטער הונט, בײַ דער טיר, אַז קיינער זאָל ניט איבערשלאָגן די גליקלעכע ליבנדע צו רעדן, אַבקען און זיפצן און צו קוקן זיך אין די אויגן אַרײַן; דרײַ יאָר כסדר האָט זי זיך מקריב געווען צוליבן גליק פון צוויי פרעמדע יונגע ליבנדע נפשות!

און זיי, די יונגע גליקלעכע ליבנדע נפשות, — צי האָבן זיי כאָטש אין זינען געהאַט אַ מאָל זייער טרײַע באַשיצערן, בערטע די גרושה?...

דאָס דרײַצנטע קאַפּיטל

ווי אַזוי דער ערלעכער אײַזענשטאַדט ווערט אַ דיפּלאָמאַט און ווי קונציק ער שפּילט זײַן ראָלע

אַ קוק טאָן אַף אײַזענשטאַדטן — האָט ער באמת אויסגעוויזן ווי אַ מענטש „מיט אַ גלאַטן לונג־און־לעבער". צוויי ווײַסע גלעזערנע אויגן, ווי די באַנקעס, אַ לאַנגע נאָז מיט אַ שאַרפן שפּיץ, דינע ליפּן, ווײַסע שיטערע האָר, און אַליין אַ דאַרער און אַ לאַנגער, אַ ביסל אַ געהויקערטער, אַ קורצזיכטיקער, אַ פאַרטראַכטער, אַ צעטראָגענער, — אָט דאָס איז דער פּאָרטרעט פון פּינחס אײַזענשטאַדט, וועמען עס איז באַשערט צו שפּילן אין אונדזער דערציילונג אַ ראָלע פון אַ העלד, גאָר ניט ווילנדיק און אומגעריכט, אַקוראַט ווי ניט ווילנדיק און אומגעריכט ער האָט געלערנט אין דער גימנאַזיע... צו וואָס האָט ער גאָר באַדאַרפט שטודירן, אַז זײַן פאָטער, אַן אָרעמער, אַ קראַנקער שנײַדער, איז ניט אימשטאַנד געווען אויסצוהאַלטן אים? נאָר זײַן פאָטער, דוד דעם שנײַדער, האָט זיך געגלוסט דווקא, אַז זײַן זון זאָל זײַן אַ דאָקטאָר. אמת, פּינחס האָט באַוויזן אין גימנאַזיע אַ זעלטענע פעיִקייט און האָט אָנגעהויבן גיין פון איין קלאַס אין דעם אַנדערן אַלץ בעסער און בעסער. דוד דער שנײַדער פלעגט אָנווײַזן אַף אים מיטן פאַרבויגענעם פינגער:

— זעט איר? אָט דאָס איז מײַן פּאַדפּאָרע אַף דער עלטער. פּינחס וועט זײַן אַ לײַט!

ווער האָט זיך געקאָנט גלײַכן צו אים, ווען זײַן פּינחס איז שוין אַרײַן אין זיבעטן קלאַס? דוד האָט טאַקע פאַרזעצט די מאַשינע; נאָר וואָס מאַכט עס אויס? זײַן פּינחס איז דאָך שוין אָבער אין זיבעטן קלאַס, און אָט־אָט נאָך אַ יאָר, נאָך אַ יאָר — איז ער אַ דאָקטאָר! און אַז מע וויל שמועסן צוריק, האָט ער די מאַשינע פאַרזעצט ניט צוליב פּינחסן: פּינחס האָט שוין פון לאַנג געגעבן שטונדן און זיך פאַרדינט זײַן שטיקל ברויט. פאַרקערט, ער האָט נאָך אויסגעהאַלטן אַ ברודערל אין גימנאַזיע און אויסגעהאַלטן אַ שוועסטער מיט אַ גאַנצער פאַמיליע.

נאָר צי איז דער זון אויך געווען אַזוי צופרידן, ווי דער פאָטער, — דאָס קאָנען מיר ניט וויסן. מיר ווייסן נאָר, אַז אין די קלענערע קלאַסן איז ער געווען דאָס כפּרה־הינדל פאַר זײַן אָפּגעלאָזנקייט, קורצ־

זיכטיקייט און תמימות, און אין די העברעע קלאסן, בשעת ער האט שוין געגעבן שטונדן, האט מען אים עקספּלאָאטירט דערפאר, וואס ער האט יעדן געגלייבט אף נאמנות, און ניט איין מאל האט ער אפּגעהאַ־ רעוועט א קיילעכיק יאר אומזיסט אן א גראשן. נאר מער פון אלע האט אים עקספּלאָאטירט זיין עלטערע שוועסטער, וואס האט געהאט א טוץ קינדער מיט פארשלאָגענע קעפּ, ווי די העלצער, און פונדעסטוועגן האט זיך איר געגלוסט, זיי זאלן זיין דוקא געשטודירטע.

— וואס פאר א פּנים וועל איך האבן מיט מיינע קינדער, — האט זי געטענהט — אז זיי וועלן זיין, גאט זאל מיר ניט שטראָפן פאר די רייד, שניידערס אדער שוסטערס, און מיין ברודער פּינחס וועט זיין א דאָקטאָר?...

קיין פרייע מינוט האט אייזענשטאדט נעבעך ניט געהאט פון דער דאזיקער שוועסטער!

און ניט נאר אייגענע אליין מוטשען אים; אייזענשטאדט איז אן עבד כנעני בא יעדן אומגליקלעכן שילער, וועמען די נאטור האט ניט געבענטשט מיט א מוח און מיט פעיקייטן. אז עס איז אונטערגעקומען אן עקזאמען, איז אייזענשטאדט געוועזן פארוואָרפן מיט ארבעט, פונקט ווי זיין פאָטער דוד דער שניידער פאר א יום־טוב; דעם אנשרייבן א פארפאסונג, מיט דעם צולערנען א פּאָר טעג, דעם אונטערוואָרפן פּאפּירלעך מיט „גערעשעטע זאדאטשעס", דעם אונטערזאָגן פון אונ־ טער דער באַנק... פארשטייט זיך, אז פאר אזעלכע און אנדערע עבירות איז אפּגעקומען אייזענשטאדט אליין און ניט קיין אנדערער, און אז ער איז אפּגעזעסן א מעת־לעת אין קארצער, האט זיך קיינער ניט דערמאנט צו ברענגען אים אהין כאָטש א שטיקל ברויט. נאך מער: מע האט גענאַכט און געשפּעט פון אים איבער זיין הילוך, איבער זיינע קליידער, וואס זיינען אף אים תמיד געלעגן קאַמיש, אז מע האט זיך ניט געקאָנט איינהאלטן, מע זאל ניט לאכן; עס האט זיך נאך ניט געטראָפן, אז בא אייזענשטאדטן זאל ליגן דער קאָלנער אדער דאס היטל אף אן אָרט, אדער דער מונדיר זאל זיין מיט אלע קנעפּלעך, אדער א הויז זאל ניט זיין צעשפּאָלטן ביז אָרויף. שענער פון אלץ זיינען געווען זיינע שיטערע האר אפן קאָפּ, וואס זיינען תמיד געשטאנען קאַפּויר, ווי בא א האָן, ווען ער צעבייזערט זיך; די פלייצעס האט ער געהאלטן שטענדיק אויפ־ געהויבן, און דעם קאָפּ איינגעבויגן אראָפּ, און וויפל קלעפּ, וויפל קולאַ־

קעם האָט דער דאָזיקער יונגער מענטש געכאַפּט אַף זײַן לעבן פון זײַנע חברים!...

מע קאָן ניט זאָגן, אַז אײַזנשטאַדט איז שטאַרק געפעלן געוואָרן בערטע דער גרושה. זי האָט אים אויפגענומען אַזוי קאַלט, גלײַך ער וואָלט געווען אַ שפּיאָן, וואָס איז געקומען נאָכשפּירן און אויסשטאָפּן און אָנמאַכן אַן אומגליק. אײַזנשטאַדט האָט זיך ניט געפונען באַליידיקט פון אַזאַ אויפנעמען. ער האָט איר איבערגעגעבן שטייענדיק בײַ דער טיר, אַז אים האָבן געשיקט זײַנע חברים: גאָלדענשטאַדט, זילבערשטאַדט און פרידמאַן.

— ווער זײַנען עס גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט? — האָט אים בערטע געפרעגט. — איך קען זיי ניט!

— איר קענט זיי ניט? נישקשה, איר מעגט זיך אַף זיי פאַרלאָזן; עס איז אַ גוטע חברה!

— אַ „גוטע חברה"? וואָס דאַרפן זיי צו מיר? וואָס קער איך זיך אָן מיט זיי?

— איר קערט זיך טאַקע מיט זיי גאָר ניט אָן — אמת; נאָר ווײַל באָרים און מיר אַלע האָבן באַשטימט, אַז הײַנטיקע וואָך מוז מען אָפּזוכן אַ מיטל, ווי־אַזוי באָרים מיט ראָזען זאָלן...

— ששששאַ! האָט אים בערטע איבערגעשלאָגן, אַרומקוקנדיק זיך אַף אַלע זײַטן. — קומט אַרײַן אין זאַל אַרײַן!

בערטע האָט זיך באַטראַכט, אַז זי האָט זיך שוין צו גראָב באַגאַנגען מיט דעם דאָזיקן יונגן מענטשן, האָט זי אים געבעטן זיך זעצן אַף אַ קרעסלע, און אַליין איז זי אַוועקגעלאָפן צו זיך אין צימער און איז באַלד אַרויסגעגאַנגען פון דאָרטן אין אַן אַנדער קלייד, מיט אַ שיין שאַלעכל אַף די פּלייצעס, וועלכע האָט באַדאַרפט צוגעבן חן איר פּנים. מיר האָבן פריִער פאַרגעסן באַמערקן, אַז בערטע שימשלביין האָט ליב געהאַט שיין אָנטאָן זיך און גאַנץ אָפט פאַרברענגען די צײַט מיטן שפּיגל. אַף יעדן יונגן מענטשן האָט זי געקוקט ניט אַנדערש ווי אַף אַ העלד, וואָס שפּילט אַ ראָלע אין אַ ראָמאַן. דאָס גאַנצע לעבן, די גאַנצע וועלט איז בײַ איר געווען אַ ראָמאַן, אַ טרויעריקער ראָמאַן.

אייניקע מינוט איז בערטע די גרושה געזעסן שטיל, אָן ווערטער, און האָט באַטראַכט דעם דאָזיקן „העלד" פון קאָפּ ביז פיס. אייזענשטאַדט האָט אויך באַטראַכט די מאַדאַם בערטע. זײַט ער לעבט האָט ער נאָך

אזא מיאוסע פרוי ניט באַגעגנט! ענדלעך האָט זי זיך צו אים געווענדט, אַרויסלאָזנדיק אַ גרינגן זיפץ און אויפהייבנדיק די אויגן אַרויף:

— אפנים, אַז איר ווייסט שוין די טרויעריקע געשיכטע פון די דאָזיקע אומגליקלעכע ליבנדע?...

— „אומגליקלעכע"? פאַר וואָס אומגליקלעכע?

— איר ווייסט דען ניט, ווער זייערע עלטערן זיינען? דאָס זיינען דאָך דעספּאָטן, טיראַנען, פאַנאַטיקער...

— נו, איז וואָס? — האָט זי אייזענשטאַדט פאַרוווּנדערט געפרעגט.

— וואָס הייסט, נו איז וואָס? איר פרעגט נאָך? ס'טײַטש! אַנדערע עלטערן וואָלטן זיך אַליין געסטאַרעט זייערע קינדער גליקלעך צו מאַכן. אַנדערע עלטערן וואָלטן פאַרשטאַנען, אַז טאָמער גרייכן זייערע קינדער ניט צו זייער צוועק, וועלן זיי דאָס ניט אויסהאַלטן; זיי וועלן יונגערהייט גיין פון דער וועלט...

בערטע האָט צוגעטראָגן דאָס טיכעלע צו די אויגן, פון וועלכע עס האָבן שוין גערונען טרערן. נאָר ווי פאַרוווּנדערט איז זי געוואָרן, אַז זי האָט דערהערט פונעם דאָזיקן יונגן דיפּלאָמאַט אַזאַ מין ענטפער:

— מיר דאַכט, אַז איר האָט אַ טעות: איך ווייס ניט, וויִאַזוי זי, ראָזע, — נאָר באָריס וועט זיך שטאַרק ניט נעמען צום האַרצן, אויב ער וועט ניט דערגרייכן זיין צוועק... פאַרשטייט זיך, אַז דאָס זאָג איך נאָר אייך, ווייל איר זענט אַ פרעמדע; ראָזע דאַרף דאָס ניט וויסן. איר פאַרשטייט?...

— איך זע שוין, וואָס פאַר אַ גוטער פריינט איר זענט באָריסן! איך פאַרשטיי, איך פאַרשטיי! איר זייט אים מקנא — איר זייט ווי אַלע מאַנסבילן...

בערטע איז פאַרפלאָמט געוואָרן פאַר כעס. אייזענשטאַדט האָט זיך צעלאַכט:

— מקנא? יאָ, אודאי בין איך אים טאַקע מקנא, נאָך איידער איך האָב אָנגעקוקט די טייערע ראָזע...

בערטע איז געוואָרן אויסער זיך פאַר כעס. זי איז אויפגעשטאַנען פונעם בענקל און האָט זיך צו אים געווענדט שוין מיט אַזעלכע רייד:

— זאָגט, וואָס דאַרפט איר?...

— איך דאַרף מיט אייך איבעררעדן וועגן מיין חבר באָריס פריד־

מאַן, וואָס וויל חתונה האָבן פאַר ראָזע פורמאַן ניט שפּעטער ווי היינטיקע וואָך.

בערטע האָט זיך צוריק אַנידערגעזעצט איבערראַשט.

בערטען האָט אַ גאַס געטאָן דאָס בלוט אין פּנים אַריין פאַר פרייד און פאַר פּחד. שוין דריי יאָר, אַז די דאָזיקע ליבע ציט זיך און ציט זיך, אָן אַן עק, אָן אַ סוף. אָבער אַמאָל הייסע בריוולעך און ווידער אַמאָל הויכע ווערטער — פון חתונה האָבן האָט נאָך קיינער פון זיי ניט געפּרוּווט שמועסן. בערטע האָט תמיד געטראָגן די דאָזיקע אידעע בא זיך אין האַרצן, נאָר זי האָט ניט געהאַט די שטאַרקייט פאַרצולייגן אַזאַ געדאַנק פאַר די גליקלעכע ליבנדע, וועלכע האָבן איבערגעלעבט אַ לאַנגן און אַ זיסן חלום. און איצט הערט זי פונעם דאָזיקן יונגן מענטשן אַזעלכע עפּנטלעכע פּראָסטע ווערטער. איז דאָס מעגלעך?...

— וואָס האָט איר געזאָגט? — פרעגט בערטע נאָך אַמאָל. — חתונה האָבן? היינטיקע וואָך? קאָן דאָס דען זיין?

— פאַרוואָס דען ניט? — האָט זי אונדזער דיפּלאָמאַט איבערגעפרעגט, קוקנדיק איר גלייך אין די אויגן אַריין.

— ווי אַזוי? ווי אַרום? אויף וואָסער אופן?...

— זייער פּשוט; זיי וועלן זיך אַרויסכאַפּן באַנאַכט, בעת אַלע שלאָפן, און וועלן אַוועקפאָרן ערגעץ אין אַ שטעטל און דאָרט שטעלן אַ חופּה...

— אין אַ שטעטל?... אַ חופּה?... אַך, וואָס פאַר אַ טייערע, וואָס פאַר אַ גליקלעכע אידעע!...

עס האָט זיך איר באַלד פאַרגעשטעלט אַ בילד, פונקט ווי ער ווערט באַשריבן אין די ראָמאַנען: אַ צויבערלעכע זומער־נאַכט... די לבנה לייכט... דער סאָלאָוויי זינגט... די ליבנדע גייען געאָרעמט, שטאַרק צוגעדריקט איינער צום אַנדערן... וואָס קען נאָך זיין שענער פון דעם?

— זיי ווייסן דען, ווי אַזוי, וווּהין צו אַנטלויפן? — האָט אים בערטע אַ פרעג געטאָן. — און טאָמער נעמט מען זיי איבער?...

— דאָס איז אַ קלייניקייט. — האָט איר דער דיפּלאָמאַט געענטפערט. — זיי וועלן ניט זיין אַליין.

— זיי וועלן ניט זיין אַליין? ווער זשע וועט זיין מיט זיי?

— איך וועל זיין; מיר וועלן אַלע זיין, אויב מע וועט נאָר דאַרפן.

— האָט איר איינזענשטאַדט געענטפערט.

בערטע האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם בענקל און האָט אָנגענומען אײַזענשטאַדטן בײַ דער האַנט און האָט זי שטאַרק־שטאַרק געדריקט.

— איר זענט אַן אָרנטלעכער מאַן! איר זענט אַ העלד! אַ העלד!...

אײַזענשטאַדט האָט איר דערויף גאָרנישט געענטפערט; ער האָט נאָר באַטראַכט די דאָזיקע גרושה, וואָס האָט לאַנג־לאַנג געהאַלטן זײַן האַנט אין איר האַנט...

***

פאַרנאַכט, אַז אונדזער דיפּלאָמאַט איז געקומען צו בערטע דער גרושה, האָט ער זיי געטראָפן ביידע — בערטע מיט ראָזען; זיי זײַנען געזעסן ביידע אויף אַ קאַנאַפּע, ביידע פאַרפּלאָמט, ביידע פאַרוויינט, און דאָך ווי גרויס איז געווען דער קאָנטראַסט צווישן די דאָזיקע צוויי פרויען: איינע איז געווען מיאוס ווי דער טויט, און די אַנדערע — שיין ווי די וועלט, ליכטיק ווי די זון און פריש ווי דער חודש מײַ! ראָזע, וועלכע די מאַדאַם פרידמאַן האָט אָנגערופן „די קאַרליטשקע״, איז טאַקע באמת נישט געווען קיין הויכע, נאָר איר ליכטיק געזיכט, אירע געדיכטע שוואַר־צע האָר, אירע קליינע ווייסע הענטלעך, איר שיין מײַלעכל און אירע שוואַרצע טיפע אויגן האָבן אַזוי גוט האַרמאָניזירט צווישן זיך, אַז אונ־דזער דיפּלאָמאַט, וואָס האָט נאָך ביז אַהער קיין צײַט ניט געהאַט זיך צוצוקוקן צו שיינע מיידלעך, איז אַביסל ווי צעמישט געוואָרן און האָט זיך ניט געקאָנט געפינען קיין אָרט נאָכדעם, ווי די מאַדאַם שימשעלביין האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר איר.

בערטע איז אַוועקגעגאַנגען שטיין בײַ דער טיר, ווי איר שטייגער איז, אַכטונג געבן, טאָמער גייט עמיצער אַרײַן, און אײַזענשטאַדט איז איבערגעבליבן אויג אויף אויג מיט ראָזע פורמאַן. אַך! ווו איז אַהינגע־קומען זײַן שטאַרקייט, זײַן פּראַקטיקייט? ער האָט נישט געקאָנט עפע־נען דאָס מויל צו רעדן אַ האַלב וואָרט, און פאַר גרויס חרפּה און צע־מישטקייט האָט ער אומגערן מיטן עלנבויגן צעבראָכן דאָס גלאָז פונעם שפּיגל, וואָס איז געשטאַנען הינטער זײַנע פּלייצעס... בערטע איז אַרײַנ־געלאָפן ניט טויט ניט לעבעדיק, און צוגויפקלײַבנדיק דאָס צעבראָכענע גלאָז, האָט זי געוואָלט טרייסטן דעם אומגליקלעכן דיפּלאָמאַט. נאָר מער זי האָט גערעדט, איז ער אַלץ מער צעמישט געוואָרן — ביז ער איז ענדלעך אויפגעשטאַנען, געכאַפּט דאָס היטל, אַ נייג געטאָן זיך צו ביידע

דאַמען, עפּעס אַ מורקע געטאָן אונטער דער נאָז, עפּעס זייער נאַריש, און אַרויס פון בערטע דער גרושהס הויז.

אַט וויאַזוי עס האָט זיך געענדיקט דער ערשטער דיפּלאָמאַטישער אַרויספאָר פון אונדזער יונגן, נאָר זייער באַגאַבטן איַיזענשטאַדט!

דאָס פערצנטע קאַפּיטל.

אַלע האָרעווען צוליב דעם פּרינץ

אין דער דאָזיקער צייַט ווען איַיזענשטאַדט מיט בערטע שימשעל־ביין האָבן געפּלאָנעוועט, ווי אַזוי מיטצוהעלפן באָריס פרידמאַנען מיט ראָזע פורמאַן, איז אונדזער פּרינץ באָריס געזעסן צעלייגט באַ דער מאַ־דאַם רעגענבויגן אין גאַסט־צימער אַף אַ פאָטעל מיט אַ ציגאַר אין די ציין, אַ פוס פאַרלייגט איבער אַ פוס, די הענט אין די קעשענעס, און האָט דערציילט, ווי גלענצנד ער האָט אָפּגעגעבן דעם לעצטן עקזאַמען, ווי אַזוי עס שטייט אים פאַר אַ שווערע צייַט דעם אוניווערזיטעט דורכ־צומאַכן, ווי אַזוי ער רעכנט נאָכדעם פאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן.

אַקעגן אים זיצט די מאַדאַם רעגענבויגן, נישט קיין יונגע דאַמע מיט געלע האָר און מיט עטלעכע בראָדעוועקעס אַפן פּנים, און באַ דער זייַט, מיט ביכלעך אין די הענט, זיצן אירע צוויי טעכטער, אויך געלע, געראָטענע איינע אין דער אַנדערער, פּונקט ווי צוויי טראָפּן וואַסער.

מאַשאַ און פּאַשאַ (אַזוי רופט מען זיי) קענען שוין פון לאַנג באָריסן. זיי געדענקען אים נאָך, אַז ער איז אַרומגעלאָפן איבערן מרק מיט זייַנע אָפּגעריסענע חברים און באַפאַלן מענטשן אין די גאַסן. נאָר פון יענער צייַט איז שוין אַוועק אַ סך יאָרן, און באָריס איז שוין ניט יענער באָריס, וואָס אַמאָל — ניין! דאָס איז שוין אַ יונגערמאַן מיט שיינע מאַנירן, אַ געבילדעטער, אַ קלוגער, אַ פריילעכער און — אַ „סטודענט״!... מאַ־שאַ און פּאַשאַ — ביידע ווינטשן זיך מיטן גאַנצן האַרצן נישט קיין ער־געריע חתנים, ווי באָריס פרידמאַן. זיי ווייסן אָבער גאַנץ גוט, אַז באָריס פרידמאַן וועט ניט נעמען מאַשען און ניט פּאַשען: באָריס פרידמאַן פאָרט קיין פּעטערבורג, און נאָכדעם קיין אויסלאַנד... נאָר איין מאַדאַם

רעגענבויגן האָט נאָך אַ האָפענונג, אַז באַרים פרידמאַן וועט — ניט היינט איז שפּעטער — געווים זײַן איר איידעם. און פֿר וואָס דען ניט? דער העך רעגענבויגן איז רײַכער פון פרידמאַנען און קאָן געבן אַ הונ־דערט טויזנט רובל נדן, און די מאַדאַם פרידמאַן, מיט וועלכער זי לעבט אַזוי צונויפגעלייגט, האָט איר ניט איין מאָל געגעבן אָנצוהערן, אַז, אַדרבה, זי וואָלט נאָך זייער געוועז צופרידן...

— איר גייט היינט אין טעאַטער אַרײַן? — פרעגט אים די מאַדאַם רעגענבויגן און וואַרפט אַן אויג אויף די טעכטער, וואָס ווערן ביידע רויט ווי פײַער.

— דאָ אין טעאַטער? — ענטפערט באַרים. — פע! אין פעטער־בורג איז כאָטש כדאי צו גיין אין טעאַטער, אָדער, אַ שטייגער, אין אויסלאַנד... נו, און איר גייט אין טעאַטער? — האָט זיך באַרים פאַר־כאַפּט.

— מיר האָבן שוין אפילו בילעטן! — ענטפערן אים ביידע רויטע מיידלעך און ווערן נאָך רויטער.

— אַך, פאַרדאָן! — זאָגט צו זיי באַרים. — אויב אַזוי, גיי איך אויך מיט אײַך.

די מאַדאַם רעגענבויגן ווערט צעגאַנגען פאַר נחת. אין איר פאַנ־טאַזיע שטעלט זיך איר שוין פאָר, ווי אַזוי באַרים גייט־צו צו איר און בעט זי גראַטולירן. זי ווייסט נאָר ניט, ווער פון די ביידע איז די כלה: מאַשאַ, צי פאַשאַ?... נאָר עס איז קיין חילוק ניט. אַבי באַרים איז איר איידעם. זי זאָגט צו זײַן מוטער: „איאַ? וואָס האָב איך אײַך געזאָגט?" און די מאַדאַם שפּיגעלגלאַז ווערט אַלערליי קאָלירן פאַר קנאה. און די מאַדאַם שטעכענהאָלץ קווויטשעט מיט איר קול: „עס קאָן ניט זײַן! עס קאָן ניט זײַן!"...

נאָר ניט אַזוי קלערט די מאַדאַם פרידמאַן. די מאַדאַם פרידמאַן קוקט אַ סך ווײַטער און אַ סך העכער! זי חלומט איצט, אַז איר באַרים וועט ווערן אַ מיליאָנער!

ווי אַרום? — זייער פשוט! צי וואָס טויג אים שטודירן? צי וואָס נוצט דאָס איר, אַז איר זון זאָל זײַן אַ דאָקטאָר אָדער אַן אָרעמער אַד־וואָקאַט! וואָס איז? ער קאָן זיך נישט דערשלאָגן צו אַ גרויסער, אַ גלענצנדער פאַרטיע?... עס קאָן אַלץ געמאָלט זײַן! ובפרט נאָך אין אויסלאַנד, אַז מע וועט זיך נאָר באַקענען מיט איר באַרים!

דאָס זעלבע האָט געטראַכט דער פּאָטער אויך, נאָר אויף אַן אַנדער אופן:

„מיין ברודער איז נישקשה פון אַ שאַרלאַטאַן, כ'לעבן... אין איין זו־מער פאַרלעבט דרייַ טויזנט רובל און אַ חוץ אָנגעחתמעט וועקסלען אויף אַ פּאָר טויזנט רובל! דו פאַרשטייסט צי ניין? אַז מלכּה וועט אים אַזוי נאָכגעבן, קאָן ער ווערן לייטנגלייך... געלערנט, געלערנט — ביז מע האָט אים אַרויסגעטריבן פון דער גימנאַזיע. אַן עק, אַ סוף — אוים לער־נען! געגנוג! מע דאַרף אים נעמען אַביסל צום געשעפט און ברעכן די ביינער, טאָמער וועט פון אים ווערן כאָטש אַ שטיקל מענטש, דו פאַר־שטייסט צי ניין?"...

מיט איינעם וואָרט — אַלע האָבן גערעדט פון באָריסן, אַלע האָבן געבויט אַנדערע פּלענער פון זייַנעטוועגן, אַלע האָבן אים געוואָלט פאַר־זאָרגן: דער פּאָטער, די מוטער, די מאַדאַם רעגענבויגן, די מאַדאַם שטע־כענהאָלץ, די מאַדאַם שפּיגעלגלאָז, גאָלדענשטאַדט, זילבערשטאַדט, אייַ־זענשטאַדט, בערטע שימשעלביין און ראָזע פּורמאַן — יעדער נאָך זייַן השגה און נאָך זייַן פאַרשטאַנד; נאָר איין מענטש האָט ווינציקער פון אַלע געטראַכט וועגן אים; דער דאָזיקער מענטש איז געווען טאַקע ער אַליין.

גאַנץ אויפגעלייגט איז ער זיך געזעסן אין טעאַטער צווישן מאַשאַ מיט פּאַשאַ רעגענבויגן, וואָס זייַנען געווען אויף דעם זיבעטן הימל פאַר פרייד, פאַר גדלות און פאַר פאַרגעניגן. אָ! ווען די מאַדאַם שטעכענהאָלץ זאָל זייַן אַצינד אין טעאַטער! מיט וואָסערע אויגן וואָלט זי געקוקט אויף זיי!... נאָר די מאַדאַם שטעכענהאָלץ איז אַצינד גראָד ניט געווען אין טעאַטער; אויף איר אָרט איז געזעסן אַן אַנדער דאַמע, וואָס האָט ניט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון מאַשאַ מיט פּאַשאַ רעגענבויגן און פונעם קאַ־וואַליר, וואָס איז געזעסן צווישן זיי, ווי אַ פאַרשולדיקטער צווישן צוויי זשאַנדאַרמען. די דאָזיקע דאַמע איז געווען נישט מער און נישט ווייניקער ווי בערטע שימשעלביין.

איך ווייס ניט, אויב עס האָט עמיצער אַמאָל, זינט די וועלט שטייט, געוואָרפן אַזעלכע פייַערדיקע אויגן אויף זייַן ערגסטן שונא, ווי בערטע שימ־שעלביין האָט אין דעם אָוונט געוואָרפן אויף באָרים פרידמאַנען... ס'טייַטש! נאָך אַמאָל! אין אַזאַ צייט? אין טעאַטער? און מיט וועמען?

אויב איר מיינט אָבער, אַז בערטע שימשעלביין האָט געמאַכט דער־

פון א גאַנצן עסק — האָט איר אַ טעות. בערטע האָט טאַקע ניט צוגע־מאַכט מיט קיין אויג אַ גאַנצע נאַכט און האָט זיך געקאַטשעט פון איין זייַט אויף דער אַנדערער, זיפּצנדיק און קרעכצנדיק. נאָר אויף מאָרגן, אַז ראָזע איז צו איר געקומען, האָט איר בערטע אַפילו נישט מזכיר געווען וועגן דעם, וואָס אירע אויגן האָבן געזען אין טעאַטער. זי האָט נאָר אַוועק־געשיקט איר מענטשן צו אַליק דעם משרת, וואָס האָט שוין מיטן קוק פאַרשטאַנען, וואָס מע מיינט, און האָט פון זיין זייַט אויך אַ ווונק געטאָן צו זיין יונגן פּרינציפּאַל. באָריס האָט אָבער איצט קיין צייַט ניט געהאַט צו גיין: ער איז געזעסן מיט דער מוטער און מען האָט געפירט אַ נייטיקן שמועס. אַליק האָט דאָס איבערגעגעבן בערטען, און בערטע האָט באַ־פוילן, אַז אייַזענשטאַדט זאָל, למען השם, קומען צו גיין וואָס גיכער. אייַזענשטאַדט האָט זיך באַלד געגומען צו באָריסן, אַוועקגעפירט אים וויַיט אין גאָרטן אַריין און האָט מיט אים געהאַט זייער אַ וויכטיקן שמועס.

אָט וואָס פאַר אַ שמועס זיי האָבן געהאַט:

באָריס פאָרט אַוועק אין אַ חודש אַרום מיט דער מוטער קיין אויס־לאַנד... ער דאַרף פאָרן; ער מוז פאָרן קיין אויסלאַנד: ערשטנס, אַביסל צעשלאָגן זיך די געדאַנקען נאָך דעם שיינעם עקזאַמען. צווייטנס, וועט ער זיך אַביסל אויסרייַבן, אַנטוויקלען. דריטנס, קאָן ער ניט אָפּזאָגן דער מוטער, וועלכע האָט אים אַזוי ליב. פערטנס, איז דאָס טאַקע זייער אַ נייטיקע זאַך: זען אַ נייַע וועלט. פינפטנס, איז דאָס אים זייער נוצלעך פּשוט פאָרן געזונט... און וואָס קער זיך דאָס אָן מיט דער „אידעע", מיט זיין ראָזע, וועלכע וועט אים לייַכטן אומעטום ווי אַ גלענצנדער שטערן?... וויבאַלד ער וועט נאָר קומען צוריק, אַזוי וועט ער זי מיט גוואַלט אויס־רייַסן פון די הענט פון די דעספּאָטן און וועט אַוועקפאָרן מיט איר וויַיט־וויַיט. דערווייַל וועט ער זיך מיט איר איבערשרייַבן אָפט, אַלע טאָג, אַלע טאָג...

די גאַנצע צייַט האָט אייַזענשטאַדט געהאַלטן דעם קאָפּ אַראָפּגע־לאָזט און האָט ניט געענטפערט דאָס צווייטע וואָרט. נאָר אַז באָריס האָט געענדיקט, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַנידערגעשטעלט זייַנע גלעזערנע באַנקעס אויף באָריסן און האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— באָריס! זאָג מיר דעם רעכטן אמת: דו האָסט ליב ראָזען? דו האָסט זי שטאַרק ליב?...

— אײַזענשטאַדט! דו ביזט משוגע, צי וואָס?... צי האָב איך זי ליב? וואָס פרעגסטו?...

אליק האָט געזוכט באָריסן אין גאָרטן און האָט אים געזאָגט אַז דער פאָטער רופט אים. באָריס האָט זיך מחיה געווען: די גלעזערנע באַנקעס פון זײַן חבר אײַזענשטאַדט זײַנען פאַר אים געווען זייער שווער איבערצוטראָגן... דעם גאַנצן טאָג האָט זיך באָריס אויסבאַהאַלטן פון אים.

פאַרנאַכט, אַז אײַזענשטאַדט איז אוועקגעגאַנגען צו בערטע דער גרושה, איז אים געוואָרן גרינגער אפן האַרצן...

דאָס פופצנטע קאַפּיטל.

יעדער האָט זיך זײַן פּעקל

אָט וואָס פאַר אַ בריוול ראָזע פורמאַן האָט יענע טעג באַקומען פון איר באָריסן:

„טײַערע, טײַערע ראָזע מײַנע! איך קוש דיך פון דערווייטנס. צו מײַן אומגליק קאָן איך דיך נישט זען... אָ! דו פאַרשטייסט וואָס הייסט באַ מיר דיך ניט זען?... מען היט מיך... מע קוקט אַף מיר מיט טויזנט אויגן... מײַן מוטער האָט מיך אַזוי ליב, אַז זי לאָזט מיך ניט אָפּ אַף קיין מינוט. אָ! איך בין אַן אומגליקלעכער!... איך בעט דיך, ראָזע, נעם צו מײַן חבר אײַזענשטאַדט גלײַך ווי מיך אַליין. דאָס איז אַ זעלטענער אָרנטלעכער, גוטער מענטש! פאַר אים איז ניטאָ קיין סודות — ער מעג אַלץ וויסן, ער ווייס אַלץ און איז אַזוי קלוג, אַזוי געטרײַ און איבער־געגעבן מיטן גאַנצן לעבן!"...

אָ, אמת. אײַזענשטאַדט איז טאַקע אַ גאַנץ אָרנטלעכער מאַן, אַ גוּ־טער, אַ קלוגער. ראָזע האָט אָבער אַ סך בעסער געוואָלט זען זיך מיט איר באָריסן, ווי מיט אײַזענשטאַדטן. זען באָריסן איין מינוט, הערן פון אים איין איינציק וואָרט איז באַ איר געווען אַ סך טײַערער און ליבער, ווי צו זען אײַזענשטאַדטן דרײַ שעה כּסדר און רעדן מיט אים אַ גאַנצן טאָג!... אונדזער יונגער דיפּלאָמאַט האָט דאָס זייער גוט פאַרשטאַנען, נאָר וואָס האָט ער געזאָלט טאָן, אַז באָריס האָט פאַרט ניט געקענט קומען אַהער?

אײַזענשטאַדט האָט איר אויסגעוויזן מיט אַזעלכע ראיות, אַז ראָזע האָט ניט געקאָנט קלערן אַנדערש. אין אַ צײַט פֿון צוויי וואָכן האָט אײַזענשטאַדט אַרויסגעזען, אַז וויפֿיל ראָזעס ליבע צו זײַן חבר איז שטאַרק, אַז אויסער באַריסן האָט פֿאַר איר נישט עקזיסטירט קיין מענטש, קיין וועלט, קיין ליבע, קיין גליק; „באָריס״ — אָט דאָס איז געווען איר גאָט, אויף וועלכן עס איז געהאָנגען איר גאַנצע האָפֿענונג אין לעבן. איינס פֿון די צוויי: אָדער באָריס, אָדער דער טויט!...

ווען דעם האָט אײַזענשטאַדט גענוג נעכט פֿאַרבראַכט אין שמועסן מיט בערטע שימשעלביין.

— שלעכט, בערטע! — האָט ער איר איינמאָל געזאָגט, בעת זיי זײַנען געבליבן אַלײן באַנאַכט אין זאַל אויף דער קאַנאַפּע. — שלעכט! מע דאַרף זען נעמען אַנדערע מיטלען ער זאָל ניט פֿאַרשווינדן ווערן פֿון אונדזערע הענט...

— ווער? ווער זאָל ניט פֿאַרשווינדן ווערן? — האָט אים בערטע מיט שרעק איבערגעפֿרעגט.

— אונדזער פּרינץ, באָריס...

בערטע האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די הענט און כמעט וויינענדיק אַרויסגערעדט:

— אײַזענשטאַדט! איר זײַט אַ שלעכטער! איר האָט תמיד ליב צו זאָגן אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן, אַז עס איז גאָר אַ מורא מיט אײַך צו ריידן!...

אײַזענשטאַדט האָט אויף איר אַנידערגעשטעלט זײַנע גרויסע אויגן, וועלכע זײַנען ניט געווען אַזוי בייז און מוראדיק, ווי די מאַדאַם שימשעלביין האָט געמיינט. זי האָט אים נאָך אַ מאָל איבערגעפֿרעגט:

— איך פֿאַרשטיי ניט, וואָס איר מיינט... וואָס ווילט איר זאָגן?... באָרים האָט ניט ליב ראָזען?...

— ניין, פֿאַרקערט, ער האָט זי דווקא ליב. נאָר עס קאָן זיך טרעפֿן, אַז ער זאָל אַנטלויפֿן... אויסרײַסן זיך — און אַנטלויפֿן פֿון ראָזען אויף תמיד...

אַזעלכע מרה־שחורהדיקע געדאַנקען האָבן שטאַרק געווירקט אויף דער מאַדאַם שימשעלביין; אירע טרערן, וואָס האָבן זיך קיינמאָל לאַנג ניט געלאָזט בעטן, האָבן זיך איצט ווי פֿון אַ קוואַל געגאָסן. אײַזענשטאַדט האָט אין דער דאָזיקער צײַט אַרײַנגעקוקט אין בוך אַרײַן, און אַז ער

האָט דערזען, אַז די טרערן הויבן אָן ווערן שיטערער און די אויגן טרוקענער, האָט ער זיך ווידער צוגערוקט צו בערטע דער גרושה און האָט איר איבערגעגעבן זײַנע געדאַנקען, פאַר וואָס ער קלערט אַזוי, און די מאַדאַם שימשעלביין האָט ענדלעך געמוזט אײַנשטימען מיט אים, אַז ער האָט רעכט, — ניט אינגאַנצן, נאָר אַ ביסל.

— וואָס זשע טוט מען דערצו? — האָט זי אים געפרעגט.

— מע דאַרף ניט שלאָפן. מע דאַרף זיך באַקלערן. איך וועל פּרוּוון, טאָמער וועט מיר געראָטן...

— אײַזענשטאַדט! איר זענט דער ערלעכסטער, דער בעסטער מענטש אויף דער וועלט! איר זענט אַ ווירקלעכער העלד!...

**
*

וואָס גייט דאָס אָן באָריסן, וואָס זײַנע פּרײַנט האָרעווען אַזוי פון זײַנעטוועגן? דער דאָזיקער וואוילגעבוירענער פּרינץ, דער קינפטיקער יורש פון דער גלענצנדער פירמע „פרידמאַן“, איז פון קינדווײַז אָן אויפגעצויגן געוואָרן דערויף, אַז אַלע דאַרפן האָרעווען אויף אים, און עס וואָלט אים גאָר געווען אַ ווונדער, ווען עמיצער זאָל פרעגן, פאַרוואָס איז דאָס אַזוי? בטבע ניט קיין שלעכטער, מיט אַ ווייך האַרץ, האָט אים די ברייַטע דערציִונג געמאַכט פאַר אַ מענטש מיט אַ שוואַכן, נאָר אַ גוטן כאַראַקטער. דערפאַר האָט אים יעדער ליב געהאַט און געשעצט נאָך זײַן ווערט. אויף זײַן לעבן האָט ער נאָך קיינעם אָפּגעזאָגט, וואָס מע האָט בא אים געבעטן, און געגעבן און געטאָן מיט דער ברייטער האַנט, וויפיל ער האָט נאָר בכח געהאַט צו געבן און צו טאָן; און הגם אײַזענשטאַדט האָט נאָך פון אים קיין שום טובה נישט געהאַט און ניט געפאָדערט, דאָך האָט זיך באָריס ניט געפרעגט, פאַרוואָס לויפט דער דאָזיקער דיפּלאָמאַט אַלע טאָג, ווי אַ פאַרסמטע מויז, צו בערטע דער גרושה מיט זײַנע קוויטלעך צו ראָזען און מיט ראָזעס בריוועלעך צוריק? עס איז אַ סברה, אַז אײַזענשטאַדט אַליין האָט זיך אויך ווייניק באַשעפטיקט מיט דער דאָזיקער פראַגע, פאַרוואָס עס ציט אים עפּעס אַהין? ערשט נאָכדעם, אין אַ צײַט אַרום, דעמאָלט ווען ראָזע... נאָר מיר פאַרלויפן צו־פרי; עס איז ניטאָ קיין ערגערע זאַך ווי דאָס, וואָס דער שרײַבער האָט קיין צײַט ניט און כאַפּט איינס פאַר דאָס אַנדערע, גלײַך ווי עמעצער שלאָגט אים האַלדז און נאַקן... האָב צײַט — ס'וועט ניט אַנטלויפן!

גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט האָבן זיך תּחילת אפילו יאָ אַביסל געוווּנדערט דערויף וואָס דער דיפּלאָמאַט פֿאַרברענגט טעג מיט נעכט בײַ דער „גרושה“, נאָר ווײַטער־ווײַטער האָבן זיי אויפֿגעהערט זיך צו־קוקן דערצו, ווײַל יעדער מענטש האָט זיך זײַן פּעקל.

גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט זײַנען געווען אַזוי שטאַרק פֿאַר־נומען מיט זייערע אייגענע פּעקלעך, אַז עס איז זיי שוין גאָר אין קאָפּ נישט געקראָכן באַרים פֿרידמאַנס ליבע מיט אײַזענשטאַדטס דיפּלאָמאַ־טיע. גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט זײַנען געקומען אַהער צו זייער חבר אַ ביסל אָפּרוען זיך פֿונעם יאָר, אַ ביסל לעבן, אָנטרינקען זיך מיט דער פֿרײַהייט אײנמאָל פֿאַר אַלעמאָל, ובפֿרט אַז עס שטייט נאָך פֿאַר זיי פֿאַר אַזאַ שווערער וועג, אָן אוניווערזיטעט אויף פֿיר אָדער פֿינף יאָר. מיט וואָס פֿאַרא זיסקייט ליגן זיי, אַצינד אויסגעצויגן אויפֿן גראָז ערגעץ אונטער אַ בוים און קוקן אַרויף אויפֿן בלויען זומערדיקן הימל! ווי טײַער איז די פֿרײַהייט! נאָר ניין, ניט דאָס, וואָס זיי האָבן געזוכט, האָבן זיי דאָ געפֿונען. דאָס גרינע שמעקנדיקע גראָז מיט די בלעטערדיקע ביימער האָבן זיי גיך פֿאַרביטן אויף דעם געלן מויער פֿון דעם הער רעגנ־בויגן, און דעם בלויען זומערדיקן הימל האָבן זיי פֿאַרביטן אויף די געלע, נאָר געזונטע און פֿרישע טעכטער פֿונעם הער רעגנבויגן.

מאַשאַ און פּאַשאַ רעגנבויגן זײַנען ניט קיין יונגע, ניט קיין שיינע, ניט קיין איבעריק קלוגע, ניט קיין זייער געבילדעטע — נאָר ווילע מיידלעך, אויסגעצייכנטע מיידלעך. עס איז אַ פֿאַרגעניגן צו קוקן, וויאַזוי די דאָזיקע צוויי שוועסטער גייען אַרוים אויפֿן שפּאַציר תּמיד געאָרעמט, שטענדיק צוזאַמען, גלײַך געקליידט — נאַטירלעך, זייער עלעגאַנט, און נאָך דער לעצטער מאָדע — שטענדיק אין איין צײַט, שטיל, פֿיין, בנעימות, ליבלעך, פֿרײַנטלעך — פּונקט ווי שוועסטער דאַרפֿן גיין. קיינער וועט גאָר ניט וועלן גלייבן, אַז בײַ זיך אין דער היים זײַנען זיי צווישן זיך די ערגסטע שונאים און רײַסן זיך הונדערט מאָל אין טאָג, ווי די קעץ. וואָס איז דאָ צו וווּנדערן זיך? גאָט האָט זיי אַזוי שוין באַשאַפֿן, אַז זיי מוזן זיך קריגן צווישן זיך, וואָרום אַז מאַשאַ זאָגט „ווײַס“, מוז שוין פּאַשאַ זאָגן „שוואַרץ“. עס קאָן זייער געמאָלט זײַן, אַז עס איז דערפֿאַר, ווײַל זיי זײַנען ביידע גלײַך צערייצט, צעבייזערט דערמיט, וואָס זיי האָבן ביידע רויטע האָר מיט לאַנגע שפּיצעדיקע נעזער און גרויסע אויערן; עס קאָן זײַן, אַז דערפֿאַר, ווײַל זיי זײַנען ביידע

אַ ביסל אַריבערגעוואַקסן, ביידע פּאַרזעסענע, אַן חתנים; און עס קאָן זײַן, אַז דערפֿאַר, ווײַל מאַשאַ האָט געזעכנט, אַז איבער פּאַשאַן איז זי אַזוי אומגליקלעך, און פּאַשאַ האָט געדרונגען פּאַרקערט, אַז די גאַנצע צרה איז ווײַל זי האָט אַן עלטערע שוועסטער, וועלכע הייסט מאַשאַ... נאָר ווי־אַזוי די מעשה איז דאָרט געווען, — די דאָזיקע צוויי שוועסטער האָבן געפֿירט צווישן זיך מלחמה אַ צײַט מיט יאָרן. ניט דער פֿאָטער, וואָס איז זעלטן אין דער היים געווען, ניט די מוטער, וואָס האָט מורא געהאַט אַרײַנמישן זיך צווישן זיי, האָבן זיי ניט געשטערט צו קריגן זיך, זידלען זיך, שעלטן זיך — און אָפּטמאָל — צווישן אונדז זאָל עס בלײַבן — טאַקע פּאַטשן זיך...

כעס איז, געוויינלעך, ניט אַזאַ טײַערע מעלה; דאָך פֿאַרשטייען מיר, אַז יעדער האָט אַ גאַל און אַ מענטש איז ניט קיין אײַזן. ווי־אַזוי זאָל מאַשאַ ניט זײַן אין כעס אױף פּאַשאַן, אַז זי פֿאַרגינט זיך נאָך שפּאָרן און זאָגן אױף צו־להכעיס, אַז זילבערשטאַדט איז אַ שוטה?

— ער איז קליגער פֿאַר דיר, מאַשאַ!

— פֿאַרשטייט זיך: פּאַשאַ אַליין זאָגט אַזוי — דאַרף מען איר גלייבן! איר ווייסט, ווער עס זאָגט? דאָס זאָגט פּאַשאַ, מײַן שוועסטער פּאַשאַ! איר קענט זי, צי ניין?...

— צי מיך קען מען, צי ניט, — דיך, מאַשאַ, קען מען אודאי! מע קען דיך, דאַנקען גאָט, אומעטום, מע קען דיך. מע האָט געהערט פֿון דיר...

— געלויבט איז גאָט, וואָס מע קען מיך! מע וואָלט מיך נאָך מער געקענט, ווען איך זאָל ניט האָבן דיך פֿאַר אַ שוועסטער!

— ע? איך מאַך דיר קאַליע? איך פֿאַרשטיי!...

— דו מאַכסט מיר קאַליע? דו? דו?... וואָס איז? ווער ביסטו אַזעלכע? ווער ביסטו? אדרבה, ווער ביסטו?...

— ווער איך בין? עס איז שוין גענוג פֿאַר מיר, אַז איך בין מײַן שוועסטערס אַ שוועסטער!...

— צו פֿיל כּבֿוד פֿאַר דיר! וואָלסט זיך שוין טאַקע, כּלעבן, גע־מעגט אַריבערטראָגן מיטן פּעקל אַהין, וווּ מע האָט שוין לאַנג צוגעגרייט פֿאַר דיר אַן אָרט!...

— דו ביסט עלטער, שוועסטער־לעב!...

— ע? דו הייבסט שוין אָן צו שעלטן? נאַ זשע דיר! נאַ! נאַ!...

— נאַ דיר צוריק!...

. . . .

. . . .

. . . .

און עס קומט צווישן זיי פאַר אַזעלכעס, וואָס עס פּאַסט ניט פאַר קיין פּריילנס, וועלכע שפּילן פּיאַנע און האַלטן אַ ביכל אין דער האַנט. און דעריבער האָבן מיר אויסגעשטעלט דריי שורות מיט פּינטעלעך.

און מערקווירדיק! טאָמער האָט עמיצער געזאָגט אַ שלעכט וואָרט אויף מאַשאַן, האָט פּאַשאַ יענעם געקאָנט אויסרייסן די אויגן, און ווידער צוריק, ווען פּאַשאַ איז ניט געזונט געווען, האָט מאַשאַ ניט צוגעמאַכט מיט קיין אויג גאַנצע נעכט און איז אויסגעזעסן לעבן איר טאַקע נאָר ווי אַ שוועסטער קאָן זיצן. עס איז זיי שווער געווען צו נעמען אויף די געדאַנקען, וואָס וועלן זיי טאָן, אז זיי וועלן זיך דאַרפן צעשיידן, צעשיידן אויף תמיד, אויף אייביק? דער דאָזיקער געדאַנק האָט ניט איין מאָל אַרויסגערופן טרערן אויף זייערע אויגן, געוויינלעך, באַהאַלטנדיק איינע פאַר דער אַנדערער. נאָר גאָט דער האַר האָט זיי אָפּגעהיט פון צעשיידן זיך, און עס איז זיי באַשערט געווען צו פאַרברענגען אַלע זייערע בעסטע יונגע יאָרן נאָר צוזאַמען, און דאָס דאָזיקע האָט זיי געמאַכט נאָך מער בייז, נאָך מער צערייצט, ביז זיי זיינען גאָר געוואָרן אָפּגעזונדערט פון זייערע אַמאָליקע חברטעס און באַקאַנטע און פון דער גאַנצער שטאָט, און דערפאַר האָבן זיי באַקומען אין שטאָט אַ נאָמען: „די אַלטע מוידן“...

— אָט גייען זיי שוין, די אַלטע מוידן!... וואָס וועלן זיי אויסזיצן, איך בעט אייך? רעגנבויגן איז ניט קראַנק צולייגן נאָך עטלעכע צענדליק טויזנט רובל און קריגן זיי חתנים, כאָטש וואָסערע חתנים ס'איז, אבי זיי זאָלן זיך נישט אַרומבלאָנקען אַזוי ביז צום גרויען צאָפּ!

און די צייט שטייט ניט אויף איין אָרט. איין יאָר יאָגט דאָס אַנדערע. דער האַר רעגנבויגן קומט פון פּעטערבורג און פאָרט ווידער אַוועק אויף אַ גאַנץ יאָר צו זיינע געשעפטן. די מאַדאַם רעגנבויגן קוקט אויף די טעכטער מיט רחמנות און זיפצט און קרעכצט, אָדער זי גייט אַוועק צו דער מאַדאַם פרידמאַן און ברענגט פון דאָרטן פּעק מיט רכילות. און

ווידער די אייגענע בלאַטע פאַר פּסח. ווידער די שרעקלעכע היצן מיט דעם שלעכטן ריח אום תמוז. ווידער די ברענענדיקע פרעסט אום ווינטער. אַלץ די אייגענע האַלב־אײַנגעפאַלענע קלייטן מיט די פאַרראַמטע קרע־מערקעס אין מאַרק, וואָס שלעפּן פאַר די פאַלעס. ווידער די אייגענע פיזיאָנאָמיעס מיט די קאָסטיומען אַף יעדן טריט. ווידער די אייגענע „אינטעליגענציע", וואָס פאַרפלייצט אַלע שבת די באַרדיטשעווער גאַס, אײַנגעטונקען אין זײַד און אין סאַמעט מיט אַ סך רויטע, גרינע, בלויע, געלע סטענגעלעך אַפן האַלדז, מיט זיסע, זויערע, ביטערע, ווײַ־ניקע, געזאַלצענע שמייכעלעך אַף די ליפּן... ווען וועט דאָס שוין האָבן אַן עק? ווען וועט קומען אַ שׂרפה אַף דער דאָזיקער שטאָט? ווען וועט קומען אַ מפּלה אַף אַלע מאַנספּערזאָנען?...

פונקט אין דער דאָזיקער צײַט האָט זיי באָרים פרידמאַן פאָרגע־שטעלט זײַנע צוויי געטרײַע חברים — גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט, אַף וועלכע די אויסגעטריקנטע שוועסטער זײַנען אָנגעפאַלן, ווי די הונגע־ריקע בינען. מיט כעס און מיט פרייד צוזאַמען האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו די דאָזיקע צוויי אומשולדיקע נפשות, וועלכע האָבן מער ניט גע־האַט אין זינען נאָר דערטאַפּן זייער נדן... מיט וואָס פאַרא נקמה האָבן זיי געקוקט אַף דער מאַדאַם פרידמאַן מיט איר פרינץ, שפּאַצירנדיק אין גאָרטן געאָרעמט מיט גאָלדענשטאַדט און מיט זילבערשטאַדט!

— פאַרלע ווו פראַנסע, מסיע גאָלדענשטאַדט? אַך, פאַרוואָס זאָלט איר ניט קאָנען קיין פראַנצויזיש, גאָלדענשטאַדט? אַ שאָד, אַ שאָד, וואָס איר רעדט נישט קיין פראַנצויזיש!... וואָס לויפט איר אַזוי, גאָל־דענשטאַדט?... איר זעט, גאָלדענשטאַדט, איר זעט אָט די דאָזיקע מאַמ־זעל?... איר זעט זי נישט? איר זענט אַ קורצזיכטיקער? פאַרוואָס זאָלט איר ניט טראָגן קיין ברילן, קיין פענסנע?... ווי געפעלט אײַך עפּעס מײַן שוועסטער פאַשאַ?... איך זע, איר קוקט אַף איר די גאַנצע צײַט!... זי איז יונגער פון מיר... זי איז שענער פון מיר... אײַער חבר איז ערלעכער פון אײַך: ער טרעט נישט אָפּ פון פאַשאָן אַף קיין מינוט, קיין רגע... איר קאָנט נאָר קאָמפּלימענטן מאַכן! איך ווייס! איך ווייס!... ווו איז דאָס אײַער דריטער חבר, אײַזענשטאַדט? פאַרוואָס ווילט איר אים קיינ־מאָל ניט ברענגען מיט זיך? איר האָט מורא, טאָמער וועט ער בעסער געפעלן פון אײַך?... מע זאָגט, אַז ער איז זייער אַן אָרנטלעכער מאַן, אַ

זעלטענער מענטש... וואָס שווײַגט איר? וואָס ווערט איר רויט, בעת איר ווילט עפּעס זאָגן?...

אזוי, אָדער כמעט אזוי, באַגייט זיך אויך פּאַשאַ מיט איר קאַוואַליער, מיט זילבערשטאַדטן. די דאָזיקע צוויי צערייצטע שוועסטער, מיט וועלכע די וועלט באַגייט זיך אזוי אוממענטשלעך, ציען באַ אונדזערע בידנע סטודענטן די קליי, רײַסן פון זיי פּאַסן, שלעפּן די אָדערן, הענגען זיך צו זיי אָפן האַלדז און מאַכן פון זיי חוזק מיט לײַטישע גלעכטער... אַט גיט מען זיי אַ האַפּענונג, אַז אַלץ וועט זײַן רעכט, אַז זייערע הערצער מיט זייער פאַרמעגן וועלן גיך־גיך איבערגעגעבן ווערן צו זיי; און אַט טוט מען זיי אַ שמיץ פון זיך, און זיי פאַלן פונעם זיבעטן הימל אַראָפּ־אַראָפּ אַף דער ערד... אַלע טאָג, אַלע טאָג די זעלבע געשיכטע, אָן אַן עק און אָן אַ סוף!

איז שוין אַ וווּנדער, וואָס די דאָזיקע צוויי חברים ווייסן ניט און ווילן נישט ווייסן, וואָס עס טוט זיך דאָרט באַ זייער חבר באַרים מיט זײַן ראָזען, און וואָס הערט זיך עפּעס מיט אײַזענשטאַדטן?

יעדער האָט זיך זײַן פּעקל.

דאָס זעכצנטע קאַפּיטל.

אַלע צעפּאָרן זיך

די מאַדאַם פרידמאַן האָט שוין אָפּגעשמועסט מיטן זון מכח זייער ווײַטער נסיעה קיין אויסלאַנד אַף קוראַציע, כדי צו באַקענען זיך אַ ביסל מיט דער וועלט.

— דו פאַרשטייסט צי ניין? — זאָגט צו איר דער מאַן. — איך זאָג דיר, מלכּה, אַז דו וועסט נאָכדעם אַליין חרטה האָבן. אונדזער ברוך איז אַ צעבאַלעוועטער בן־יחיד, און דאָרטן קאָן פון אים ווערן אַ שיינער שאַר־לאַטאַן. ער האָט פײַנט האַלטן געלט באַ זיך און האָט ליב קויפן אַלץ, וואָס דאָס אויג זעט, און אַז עס גייט אים אויס געלט, חתמעט ער וועקס־לען. מיר וועלן אים דאַרפן אין צוויי חדשים אַרום אויסקויפן פון אַ טורמע, אָדער זוכן ערגעץ גאַנץ ווײַט... אונדזער בן־יחיד איז טאַקע אַ

וואוילער יונגאטש, נאָר ער איז נאָך צו יונג און מוז האָבן אַ ניאַניע... ער האָט אַ צו ווייך האַרץ און מיינט, אַז ער איז ראָטשילדס אַ יורש. דו פאַרשטייסט צי ניין?...

— וואָס זשע ווילסטו, מאָטל? פאַרוואָס זאָלסטו מיך אומזיסט מוטשען, ווען דו ווייסט, אַז עס וועט דיר ניט העלפן? וואָס זשע דען זאָל ער טאָן, אַ יונג קינד פון פאַרמעגלעכע עלטערן?

— זאָל ער זיך פריער באַקענען מיטן געשעפט דאָ, אויפן אָרט, מלכה! זאָל ער זען, פון וואַנען דאָס עשירות צאַפּט זיך, און נאָכדעם, ווען ער וועט קאָנען אַרײַנברענגען אַ קערבל, וועט ער שוין ממילא קאָנען אויס־ברענגען אויך. דו פאַרשטייסט צי ניין?...

— אַ? דו ווילסט אים מאַכן פאַר אַ משרת? איך פאַרשטיי שוין דײַן ציל! מאָטל, עס וועט זיך דיר ניט העלפן, מאָטל! באָרים פאָרט מאָרגן אוועק!...

***

מע פּאַקט און מע גרייט זיך אין וועג אַרײַן. אַ גרויסע באַוועגונג אויפן אײַזערנעם באַלקאָן. די מאַדאַם פרידמאַן איז שטאַרק צעטראָגן. אַליין, מיט אירע אייגענע הענט, לייגט זי צונויף דאָס גרעט, די מלבו־שים, דאָס עסנוואַרג. זי בייזערט זיך, קאָמאַנדעוועט און איז שטאַרק צעטראָגן. דערפאַר אָבער זיצט זיך דער הער פרידמאַן אין קאָנטאָר און איז שטאַרק פאַרטיפט אין די חשבונות. ער רופט צו דעם קאַסיר און שמועסט מיט אים גאַנץ קאַלטבלוטיק וועגן די געשעפטן און מישט זיך ניט און פרעגט אַפילו ניט, וואָס טוט זיך דאָרט, אויפן באַלקאָן.

באַם טיש זיצן שוין אַלע אונדזערע באַקאַנטע און מע וואַרט אויפן בעל־הבית. די מוטער איז פאַרטראָגן מיטן טואַלעט. דער זון איז אויך שטאַרק צעפלאָכטן. ער היט זיך עפּעס פאַר אײַזענשטאַטס גרויסע אויגן, וואָס קוקן אים גלײַך אין האַרצן אַרײַן. ער שמועסט מיט גאָלדענשטאַדטן און מיט זילבערשטאַדטן און מאַכט זיך, אַז ער לאַכט, און וויל, אַז זיי זאָלן אויך לאַכן. נאָר זיי לאַכן ניט. גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט זײַנען פאַרטראָגן אין זייערע אייגענע געשעפטן, און זייערע אויגן קוקן ערגעץ ווײַט, אַהין, אין פענצטער, אויף דעם געלן מויער, דאָרט ווו זיי האָבן נעכטן געהאַט אַ לאַנגן שמועס מיט מאַשאַן און מיט פּאַשאַן, אַזאַ שמועס, וואָס זיי קאָנען פון אים בשום אופן נישט פאַרשטיין, צי זאָלן זיי לערנען

דעם פשט אזוי, צי אַנדערש... דער טיש גייט־צו גאַנץ שטיל; עס איז יעדן עפּעס אַנגעזאָלצן אפן האַרצן. נאָר איין הער פרידמאַן איז ניט צע־טראָגן.

— דו פאַרשטייסט צי ניין? — זאָגט דער בעל־הבית גאַנץ רויִק, פאַרנעמענדיק זיַין אָרט און ניט קוקנדיק אף קיינעם. — דו פאַרשטייסט צי ניין? ער פלעגט מיר תמיד אַראָפּוואַרפן פון טיי צוואַנציק פּראָצענט סקידקע, און איצט שרייַבט ער, אַז עס לוינט אים ניט. איך האַנדל שוין מער ניט מיט אים פון היַינט אָן! איך גיב אים צו לייזן אַ יאָר כמעט הונדערט און צוואַנציק טויזנט רובל, און אפשר נאָך מער. דו פאַרשטייסט צי ניין?...

— די פערד זיַינען שוין גרייט! — זאָגט אַליק נאָך דעם אָנבייַסן און הייבט אָן אַרויסטראָגן די פולע טשעמאָדאַנעס. אַלע קוקן זיך איבער. נאָר דער הער פרידמאַן גייט־אַוועק אין קאַנטאָר אַריַין און זעצט זיך צו די חשבונות. די מאַדאַם פרידמאַן וויל זיך שוין אָנהייבן געזעגענען, איז דער זון נישטאָ. ווּ איז ער? אין גאָרטן מיט אַיַזענשטאַדטן...

— איך בעט דיך, אַיַזענשטאַדט, טיַיערסטער פריַינט, איך פאַרלאָז זיך אף דיר, ווי אָן אייגענעם ברודער. דו פאַרשטייסט?... זאָג איר, אַז נישט מער ווי אין דריַי־פיר וואָכן אַרום קום איך צוריק, און דעמאָלט... איך וועל איר שיקן פון וועג אָפטע בריוו, אַלע טאָג, צוויי מאָל, דריַי מאָל אַ טאָג! אַיַזענשטאַדט, איך בעט דיך... אפשר דאַרף איך איר אצינד אויך איבערלאָזן אַ בריוו? האַ? ווי מיינסטו, אַיַזענשטאַדט?...

— צו וואָס? מע דאַרף ניט. איך וועל איר שוין אַלץ איבערגעבן.

— אַיַזענשטאַדט! מיט וואָס קאָן איך דיר אָפּדאַנקען פאַר דיַין גוט האַרץ, טיַיערער אַיַזענשטאַדט?... אין קיעוו וועל איך שטיין אַ טאָג דריַי — שריַיב מיר אהין אַ בריוו. זיַי געזונט! גרים ראָזען. זיי גע־זונט! זיַי געזונט!

— פאָר געזונט! פאָר געזונט!

. . . .

— זיַי געזונט, פּאַפּאַשאַ! — האָט זיך אונדזער יונגער העלד גע־וועגדט צום פאָטער. — זיַי געזונט!

— האַ? הונדערט אַכציק, צוויי טויזנט דריַיהונדערט פופציק, אַכט מיט פערציק, פיר מיט אַ האַלבע... אַ, דו פאָרסט שוין?... און זיבעציק, דריַי טויזנט פירהונדערט צוואַנציק, איינס מיט זעכציק, זעקס מיט דריַי

פּערטל... נו, פּאָר געזונט! און דרײַסיק, נײַן טויזנט מיט הונדערט, אַכ־
ציק מיט צוועלף דריי פּערטל... און זײַ אַ מענטש, דו פאַרשטייסט צי
ניין?... גיט מיר אַהער דעם חשבון פון אַפּריל מיטן באַלאַנס!..

***

— זײַט געזונט! — זאָגט גאָלדענשטאַדט, געזעגענענדיק זיך מיט
מאַשאַ רעגנבויגן, און קוקט אַראָפּ צו זיך אַף די שפּיץ שטיוול.

— פאָרט געזונט! — ענטפערט אים מאַשאַ רעגנבויגן, קוקנדיק
אַף אים מיט אַ געלעכטער. — פאָרט געזונט! איר זאָלט דאָס אַנדערע
מאָל זײַן געהיט מיט אַ וואָרט און פריִער גוט באַקלערן, וואָס איר ווילט
זאָגן!... איר זאָלט ניט מיינען, אַז מיר, פרויען, זײַנען אַזאַ וואָלוועלע
סחורה, וואָס יעדער קאָן זי קויפן, אַבי עס לוינט זיך אים... איך וויים,
איר וועט מיר זאָגן, אַז איר האָט מיך ליב, איר גייט אויס נאָך מײַנע
טריט... זאָגט דאָס ניט: איך וועל אײַך ניט גלייבן; ניט מיך מיינט איר
— איר מיינט עפּעס אַנדערש... איר זאָלט מיך פאָלגן, וואָלט איר באַלד
געגאַנגען זאָגן די דאָזיקע ווערטער אויך אײַער חבר זילבערשטאַדט, בכדי
ער זאָל זיך היטן און זאָל מײַן שוועסטער אַזעלכעס נישט פאָרלייגן,
מחמת פון איר קאָן ער אַ סך ערגער אָפּשנײַדן, ווי איר פון מיר! מײַן
שוועסטער איז ניט פון די פרײַלנס, וואָס האָבן מורא פאַר אַ מאַנספּער־
זאָן און וואָס גלייבן אים אַף נאמנות, ווען ער זאָגט, אַז ער האָט ליב,
ער גייט אויס, ער שטאַרבט!

. . . .

עס קאָן זײַן, אַז אונדזערע צוויי פײַנע יונגעלײַט, גאָלדענשטאַדט
און זילבערשטאַדט, וואָלטן אפשר ניט אַזוי מיאוס באַהאַנדלט געוואָרן
פון די מאַמזעלן רעגנבויגן, ווען די דאָזיקע צוויי שוועסטער זאָלן ניט גע־
ווען זײַן הײַנטיקן טאָג אַזוי צעבייזערט און צערייצט דערמיט, וואָס
באָרים פרידמאַן, אַף וועלכן זיי האָבן ביידע אויסגעקוקט אַזוי לאַנג, איז
אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד און איז אפילו נישט געקומען מיט זיי זיך
געזעגענען! דעם גאַנצן כעס מיטן פאַרדרוס האָבן זיי אויסגעלאָזט צו
די צוויי אומשולדיקע העלדן, וואָס זײַנען אַוועקגעפאָרן דעם זעלבן טאָג
פון דאַנען מיט צעבראָכענע הערצער, מיט צעוואַלגערטע לופט־שלעסער
און מיט פוסטע ליידיקע קעשענעס...

— פאַרשרפעט זאָל ווערן די דאָזיקע שטאָט מיטן גאַנצן מויער און

מיט די געלע אַלטע מוידן !... — האָט געבענטשט גאָלדענשטאַדט, זיצנ־דיק אין אַ טרייסלענדיק ביַידל און אַרומקוקנדיק זיך דאָס לעצטע מאָל אויף דער שטאָט, וואָס האָט אַ פּנים געהאַט פון וויַיטן, ווי אַ בערגל, אויף וועלכן מען האָט אָנגעוואָרפן רויטע, געלע און שוואַרצע שטיינדלעך מיט מיסט און מיט שטרוי.

— אַ פּאַהיבעל זאָל קומען אויף אַלע אַלטע מוידן פון דער גאַנצער וועלט !... — האָט אונטערגעהאָלפן זילבערשטאַדט, אונטערשפּרינגענדיק אין ביידל און שלינגענדיק דעם געדיכטן שטויב, וואָס קריכט אין די אויגן, אין נאָז און אין האַרצן.

***

נאָר איין איַיזענשטאַדט איז געבליבן נעבטיקן אין דער דאָזיקער שטאָט און האָט אין דעם אָוונט לאַנג פאַרבראַכט מיט „בערטע דער גרושה”, וואָס האָט ניט אויפגעהערט צו וויינען, אָכקען און זיפצן.

ניט אומזיסט האָבן מיר אונדזער העלד איַיזענשטאַדטן געקרוינט מיטן טיטל „דיפּלאָמאַט”. איַיזענשטאַדט האָטווירקלעך פאַרטראַכט גרויסע וויכטיקע פּלענער, ווי מיר וועלן דאָס אַרויסזען בעשיינפּערלעך פון די וויַיטערדיקע קאַפּיטלעך פון אונדזער אמתן ניט־אויסגעטראַכטן ראָמאַן.

דאָס זיבצנטע קאַפּיטל.

אומגעריכטע באַגעגענישן

„וווּ זיַינען זיי אַצינד ? וואָס טוען זיי ? וואָס ריידן זיי ? אך, ווי גליקלעך זיַינען זיי אין דער פרעמד, אין דער גרויסער שטאָט, וויַיט פון זייערע עלטערן, די דעספּאָטן, וויַיט פון דער דאָזיקער וויסטער שטאָט מיט אירע אייביקע רכילות !... נאָר פאַרוואָס האָב איך קיין בריוו ניט פון זיי ? זיי זיַינען מסתמא פאַרנומען מיט זייער אייגן גליק אַזוי שטאַרק, אַז זיי האָבן שוין פאַרגעסן אין זייער בערטען... פאַרוואָס זשע שריַיבט ניט איַיזענשטאַדט ? ער האָט דאָך מיר צוגעזאָגט שיקן בריוו, וויבאַלד זיי וועלן נאָר קומען אויפן אָרט און וועלן אָפּזוכן באָריסן. אפשר, איַיזענ־

שטאָדט איז דער אייגענער, וואָס אַלע מאַנסבילן. ניט ערגער און ניט בעסער"...

אַזוי טראַכט זיך די מאַדאַם שימשעלביין און ברעכט זיך דעם קאָפּ וועגן אײַזענשטאַדטן מיט ראָזען, וואָס זײַנען אַוועקגעפאָרן שוין אַכט טאָג, און זי האָט נאָך פון זיי קיין שום ידיעה ניט, גלײַך ווי זיי וואָלטן אין וואַסער אַרײַן. קאַרג די שמערצן מיט די בזיונות, וואָס זי האָט דאָ פון די פורמאַנס, דאַרף זי נאָך האָבן יסורים פון די העלדן אַליין, וואָס צאָלן איר פאַר איר פרײַנטשאַפט און ליבע מיט אומדאַנקבאַרקייט? וויפל איז זי אויסגעשטאַנען פון דער מאַדאַם וואָס איז אַרײַנגעלאָפן צו איר מיט אַ געוואַלד אויף דעם אַנדערן טאָג נאָך איר טאָכטערס אַנטלויפן און איז אָנגעפאַלן אויף איר מיט אַ געוויין:

— הולטײַקע! גיב מיר אָפּ מײַן קינד! חצופה, וווּ איז מײַן ראָזע? גיב מיר אָפּ מײַן טאָכטער, מײַן אויג אין קאָפּ!...

שרעקלעך איז געווען די דאָזיקע אומגליקלעכע אין יענער מינוט! בערטע האָט אַליין אויך אָנגעהויבן צו וויינען, אויף איר קוקנדיק. נאָך מער שרעקלעך איז געווען מאיר פורמאַן... נאָר לאָמיר אַוועקוואַרפן די דאָזיקע פאַרשווינען מיט די טרויעריקע סצענעס און לאָמיר בעסער נאָכ־קוקן נאָך אונדזערע הויפּט־העלדן, זען, וווּ זײַנען זיי און וואָס טוען זיי?

אַז די אַנטלאָפענע, אײַזענשטאַדט און ראָזע פורמאַן, זײַנען אויף דעם צווייטן טאָג געקומען בשלום אין דער גרויסער שטאָט, איז די ערשטע זאַך געווען בײַ אײַזענשטאַדטן אָפּצוזוכן פאַר דער מידער און הונגעריקער ראָזע אַן אָפּרו. ער האָט אַזוי לאַנג געזוכט, ביז ער האָט געדונגען אַ קליינע, נאָר זייער אַ ליכטיקע און אַ ריינע קוואַרטיר, וווּהין ער האָט אַרײַנגעפירט ראָזען און האָט באַפוילן, עס זאָל זײַן דער סאַמאָוואַר, גע־בראַכט אין איין אויגנבליק בייגל, בולקעס, פּוטער. און אַליין האָט ער זיך גענומען קלײַבן אין וועג אַרײַן, קײַענדיק און כאַפּנדיק עפּעס אין מויל אַרײַן.

— אײַזענשטאַדט! — האָט זיך צו אים ראָזע געווענדט, קוקנדיק אים אין די אויגן אַרײַן. — אײַזענשטאַדט! איך וויל אויך גיין מיט אײַך.

— וואָס רעדט איר, ראָזע? ניין! מיר האָבן איינמאָל אָפּגערעדט, דאַכט זיך, אַז איר דאַרפט מיך פאָלגן?... איך דאַרף גיין אַצינד אַליין, און איר רוט זיך אויס אַ ביסל פונעם וועג: דער רעגן האָט געמאַכט פון אײַך אַ תל... ביז איך וועל קומען מיט אים צוריק, וועט איר שוין

האָבן זיך אַ ביסל דורכגעשלאָפֿן, אַזוי אַז באָרים וועט אײַך טרעפֿן נאָך שענער, ווי ער האָט אײַך אָוועקגעוואָרפֿן...

ראָזע האָט זיך צעלאַכט און איז רויט געוואָרן. אונדזער ביטרער דיפּלאָמאַט האָט, אַפֿנים, געוווּסט, ווי אַזוי צו האַנדלען מיט דער פֿרײַלין ראָזע און מיט וואָס צו ווירקן אויף איר. זי איז מרוצה געוואָרן צו בלײַבן דאָ אויף דער קוואַרטיר און וואַרטן, ביז זײ וועלן קומען צוזאַמען, און אין דער צײַט וועט זי זיך דערוויַיל אויסשלאָפֿן.

זיך אויסגעשלאָפֿן?... אַצינד, ווען זי האָט שוין אָפּגעטאָן אַזאַ פּאַר־ברעכן: אַנטלאָפֿן פֿון דער היים באַנאַכט מיט אַ פֿרעמדן יונגנמאַן, אַוועקגעוואָרפֿן די אומגליקלעכע מוטער, איר איינציקן פֿרײַנט פֿון אירע יונגע יאָרן, — און אויף וועמען? אויף איר פֿאָטער דעם דעספּאָט, וואָס איז אַזוי פֿיל יאָרן אָפּגעזעסן אויף איין אָרט — באַם אײַזערנעם קאַסטן, ווי אַ געטרײַער הונט, און האָט געקליבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן — פֿון וועמענס וועגן, אַז ניט פֿון אירטוועגן, ווי ער אַליין זאָגט אַלע מאָל? אַצינד, ווען זי איז שוין געקומען צו איר ציל, וווּהין זי האָט זיך דרײַ יאָר געצויגן און געריסן, — וועט זי זיך אַוועקלייגן שלאָפֿן? ניין! זי וועט זיך אַזוי צולייגן אַ ביסל אויפֿן בעטל, און לייענענדיק צום הונדערטסטן מאָל איינע פֿון זײַנע לעצטע בריוו, וועט זי וואַרטן אויף אים...

אין דער זעלבער צײַט, וואָס ראָזע ליגט אויפֿן בעטל מיט אַזעלכע געדאַנקען, לויפֿט באָרים אַרום מיט דער מוטער דאָ, אין דער גרויסער שטאָט, פֿון איין מאַגאַזין אין דעם אַנדערן. ער קלײַבט זיך מאָרגן פֿרי אַוועקפֿאָרן פֿון דאַנען קיין אויסלאַנד און האָט זיך דאָ קוים צוגעקליבן עטלעכע פֿײַנע גאַרניטורן אין וועג אַרײַן. אַפֿנים, ער הייבט ניט אָן צו וויסן, אַז שוין גוטע דרײַ שעה וואַרט אויף אים אונדזער דיפּלאָמאַט אײַזענשטאַדט אין דעם האָטעל און קאָן זיך אויף אים ניט דערוואַרטן. אײַזענשטאַדט שפּאַנט אום אויפֿן טראָטואַר, קוקט אויף אַלע זײַטן, כאַפּט אַרויס אַלע מינוט דאָס זייגערל, דאָס וויסטע אָפּגעריבענע זייגערל, און הייבט שוין אָן צו זײַן ברוגז. נאָר שאַ!... אָט פֿאָרט, דאַכט זיך, אונדזער העלד מיט דער מוטער אויף אַ פּאָר ריסאַקעס גלײַך צו דעם דאָזיקן האָטעל? ער שפּרינגט אַראָפּ מיט עטלעכע פּעקלעך סחורה און לויפֿט צו דער טיר

— פּלוצים...

— אײַזענשטאַדט?!...

. . . .

צוויי שיינע מעבלירטע נומערן. פּעק מיט סחורה אַף די טישן, אַף די בענקלעך, אַף דער ערד. צוויי לאַקייען שטייען גרייט און וואַרטן, מע זאָל מיט זיי עפּעס שאַפן. באָרים פרידמאַן הייסט זיי אַרויסגיין און צומאַכן די טיר. ער איז עפּעס ווי צעמישט פון דעם, וואָס ער האָט פלור־צים, אומגעריכט, דערזען דאָ אײַזענשטאַדטן.

— מאַמאַ! איך וועל באַלד אַריינגיין, איך וועל אַ ביסל שפּאַצירן מיט אײַזענשטאַדטן דאָ אין קאָרידאָר!

ביידע גייען־אַרום אין קאָרידאָר.

— ווי קומסטו אַהער, ברודער? וואָס מאַכסטו עפּעס? וואָס מאַכן דאָרט אונדזערע?... וואָס טוט זיך דאָרטן?...

— אַלץ אין אָרדענונג. — ענטפערט אים אײַזענשטאַדט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון אים. באָרים זעצט זיך אַנידער אַף אַ בענקל. ער כאַפּט זיך אָבער באַלד אויף און לויפט אַרום הין און צוריק, ווי אַ פאַרטשאַדעטער, און קאָן זיך קיין אָרט נישט געפינען. ער שיט מיט ווערטער:

— אַך, ברודער! וואָס זאָל איך דיר זאָגן?... איך האָב געהאַט אַזאַ שווערן וועג, אַז איך קאָן דיר גאָר אַזוי פיל ניט איבערגעבן! אַ שלאַקס־רעגן... אַ בלאָטע... אַ ווינט... קוים אַ לעבעדיקער געקומען אַהער... אַ ביסל זיך אָפּגערוט... געווען אין עטלעכע ערטער... געזען דאָס טעאַטער... די אָפּערע... אַך, ברודער!... גאָר וואָס קאָן איך דיר זאָגן? וועסט זײַן — וועסטו זען... הײַנט גייט „אַפריקאַנקאַ"... ווילסט? וועלן מיר גיין צוזאַמען... יאָ, מיר וועלן ביידע זײַן הײַנט... איך וועל דיר ווײַזן... ביזט אַף לאַנג געקומען אַהער? וואָס טוסטו דאָ?...

— איך בין געקומען געוואָר ווערן וועגן דעם היגן אוניווערזיטעט... איך רעכן האַלטן דאָ עקזאַמען... מע דאַרף זיך זוכן שטונדן...

— אַ? זייער רעכט! שטונדן? גאַנץ רעכט! אַ פײַנע שטאָט... זאָלסט בלײַבן אַ היגער...

— באָרים! אײַזענשטאַדט! קומט־אַרײַן טיי טרינקען! — שרײַט די מאַדאַם פרידמאַן פון איר צימער.

— באַלד! באַלד! — ענטפערט איר באָרים און כאַפּט אײַזענ־שטאַדטן אונטער אַ האַנט און שפּאַנט מיט אים אַרום איבער דעם קאָרי־דאָר, און דערציילט אים מיט גרויס ענטוזיאַזם וועגן זײַן נסיעה, וועגן דער היגער שטאָט, וועגן די יונגעלײַט, מיט וועלכע ער האָט זיך שוין

באַקאַנט, פֿײַנע, זייער פֿײַנע יונגעלײַט, רײַכע, געבילדעטע... באַרים פֿאַר־געסט ניט אויספֿרעגן זיך בא אים וועגן ראָזען, וועגן בערטע שימשעל־ביין, וועגן זײַן פֿאָטער, זײַנע חברים גאָלדעשטאַדט און זילבערשטאַדט. אײַזענשטאַדט ענטפֿערט אים פֿאַרטראַכט, צעטראָגן; דער דאָזיקער די־פּלאָמאַט האָט זיך זײַנס אין זינען, זײַן קאָפּ איז פֿאַרנומען מיט פֿאַרשיי־דענע געדאַנקען און פּראָיעקטן. פּלוצים שטעלט ער זיך אָפּ און טוט אים א פֿרעג:

— וואָס וואָלסטו געטאָן, באַרים, ווען דו זאָלסט, למשל, גיין און באַגעגענען דאָ, אין דער דאָזיקער שטאָט, די מאַמזעל פֿורמאַן?...

באַרים בלײַבט שטיין א בלאַסער. דאָס האַרץ הייבט אים אָן צו קלאַפּן, און ער ווייסט ניט וואָס צו ענטפֿערן. ענדלעך זאָגט ער מיט היץ:

— אײַזענשטאַדט, דײַנע תנועות קאָן איך שוין ניט איבערטראָגן!... דו ווייסט גאַנץ גוט ווי אַזוי איך גיי אוים נאָך ראָזען... צי וואָס פֿרעגסטו מיך אַזעלכעס? וואָס איז דיר פּלוצים אַרײַנגעפֿאַלן אין קאָפּ אַזא גע־דאַנק, משוגענער אײַזענשטאַדט?...

— איך זאָג דאָס גלאַט אַזוי, צום בײַשפּיל...

— משוגענער אײַזענשטאַדט! קום, מיר וועלן טרינקען טיי, און נאָכדעם וועלן מיר זיך א ביסל דורכגיין איבער דער שטאָט. א פֿײַנע שטאָט, מעגסט זי אָנקוקן... מאַמע! נאָכן טיי וועלן מיר זיך א ביסל דורכגיין, איך מיט מײַן חבר!

און אונדזערע צוויי יונגע העלדן נעמען זיך גאַנץ פֿײַן פֿאַר די הענט און גייען־אַרוים אין גאַס נאָכן טיי טרינקען.

— וווּהין פֿאָרן מיר? — פֿרעגט באַרים און רופֿט צו אַן איזוואָש־טשיק.

— צו מיר אויף דער סטאַנציע! — ענטפֿערט אײַזענשטאַדט גאַנץ פֿעסט.

***

אונדזער העלדין, ראָזע פֿורמאַן, וואָס האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט נישט שלאָפֿן, האָט איבערגעלעבט פֿיר שווערע אומענדלעכע שעה! וואָס פֿאַר א שלעכטע געדאַנקען זײַנען איר ניט אַרויף אויף דער מחשבה? וואָס פֿאַרא פּאָזע האָט זי ניט אָנגענומען, אַרויסקוקנדיק פֿון איין מינוט אויף דער אַנדערער? עס האָט זיך איר געדאַכט, אָט־אָט עפֿנט זיך די טיר

— און ער קומט אַרײַן... זי איז געלעגן, געזעסן, געשטאַנען, געקוקט אין פענצטער אַרײַן...

דאָס האַרץ קלאַפּט איר. זי לייגט זיך ווידער אַפּן בעטל און מאַכט־צו די אויגן. אַלערליי געדאַנקען, גוטע און שלעכטע, ווערן צונויפגעמישט באַ איר אין קאָפּ. עס שטעלט זיך איר פאַר אַ גילדענער רעגן מיט שוואַר־צע, געלע, בלויע און גרינע פלעקן. דער גילדענער רעגן גיסט און גיסט, און די שוואַרצע, געלע, בלויע, גרינע פּינטעלעך ווערן אַלע מאָל גרעסער און גרעסער און דרייען זיך און טאַנצן און שפּרינגען פאַר אירע אויגן... עס זשומעט איר אין די אויערן... זי הערט, ווי עמעצער רעדט הינטער דער טיר... זי הערט אַ באַקאַנטע שטימע, אַ זיסע שטימע... זי הערט, ווי די טיר עפנט זיך. זי עפנט אויף די אויגן און זעט... זי כאַפּט זיך אויף פונעם בעטל און לויפט אַקעגן.

— באַרים!...

— ראָזע!...

זיי ליגן איינער באַ דעם אַנדערן אין די אָרעמס. זייערע ליפּן האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין איין לאַנגען קוש.

און אײַזענשטאַדט? אײַזענשטאַדט איז אַרויסגעלאָפן אין קאָרי־דאָר מיט טרערן אַף די אויגן...

דאָס אַכצנטע קאַפּיטל.

פּאָעזיע און פּראָזע

אונדזער באַגאַבטער דיפּלאָמאַט האָט, אײַגנטלעך, שוין אָפּגעטאָן וואָס ער האָט באַדאַרפט: צונויפגעפירט דאָס גליקלעכע פּאָרל, אַרומ־געפלויגן נאָכדעם אַ גאַנצן טאָג פונעם רב צום ראַבינער און פונעם ראַ־בינער צום שמש מיט די עדות, באַדונגען זיך מיט זיי אַלע, צוגעגרייט די נייטיקע פּאַפּירן (וועגן דעם האָט ער זיך נאָך פריִער באַוואָרנט...), געשטעלט באַם רב אַפן הויף אַ געמיינע חופּה, וואָס האָט פונדעסטוועגן אויסגעוויזן באַ די ליבנדע אין די אויגן ווי די רײַכסטע, די שענסטע און די פּרייַלעכסטע חתונה, אַזוי, אַז דעם רבס הויף, אין וועלכן קיין מענטש

האָט נישט געקאָנט אַרײַנטרעטן מיט ניט קיין פאַרשטעלטער נאָז, האָט בײַ זיי אַ פּנים געהאַט ווי אַ פּראַכטפולער שמעקענדיקער גאָרטן, און די פיר פּשוטע שטעקנס מיטן פּרוכת, וואָס די שמשים האָבן אונטער־געהאַלטן, האָבן בײַ זיי אויסגעוויזן ווי דער גן־עדן. מיט איינעם וואָרט, אײַזענשטאַדט האָט פון זײַן זײַט אָפּגעטאָן אַלץ, וואָס ער האָט באַדאַרפט און געקאָנט, און ער וואָלט שוין, דאַכט זיך, געמעגט עפּעס אָנהייבן טראַכטן אויך וועגן זיך — נאָר ניין! זײַן מיסיע איז נאָך נישט געענ־דיקט. אַף מאָרגן, נאָך דער מערקווירדיקער חופּה, האָט אים עמעצער אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר; דאָס איז געווען דער שווייצאַר פונעם גאַסט־הויז, ווו דאָס פאָרפאָלק איז געשטאַנען: „אײַזענשטאַדט! קומט באַלד — מיר דאַרפן אײַך. ראָזע פרידמאַן"...

עס ווײַזט אויס, אַז אונדזער העלדן איז געווען אַזוי גליקלעך מיט איר נײַער פאַמיליע „פרידמאַן", אַז זי האָט ווייניק־וואָס אין זינען גע־האַט דעם דאָזיקן יונגן מענטשן, וואָס האָט בײַ איר געהייסן פּשוט: „אײַזענשטאַדט" — און נישט מער; קיין שטיקל טיטל ניט, קיין וואָרט ניט!

ראָזע האָט באַגעגנט אײַזענשטאַדטן אין קאָרידאָר מיט אַ גליקלעך שמייכל אַף די ליפּן.

— גוט מאָרגן, אײַזענשטאַדט! באָרים שלאָפט נאָך. איך וויל אים ניט וועקן... עס איז ערשט עלף אַזייגער. באָרים איז נישט געוווינט גע־וואָרן צו אַזאַ ליאַרעם, ווי אין דעם דאָזיקן גאַסטהויז... ער קאָן ניט שלאָפן רויִק... מען דאַרף דינגען אַ נײַע קוואַרטיר אין אַ פּריוואַט־הויז. איך בעט אײַך, אײַזענשטאַדט, אויב עס איז מעגלעך נאָך הײַנטיקן טאָג, וואָלט געווען אויסגעצייכנט... שפּעטער מיט אַ שעה צוויי אָדער דרײַ קומט צו אונדז אַף אָנבײַסן. זוכט־אָפּ אַ ליכטיקע און אַ פרייליכע קוואַר־טיר... אַף אַ גרויסער לעבעדיקער גאַס... דרײַ אָדער פיר צימערן מיט אַ קיך... אויב עס איז מעגלעך — אַ גאָרטן. באָרים האָט ליב אַ גאָרטן,ביימער, גראָז... אַדיע, אײַזענשטאַדט, אַף ווידערזען!

אונדזער אײַזענשטאַדט איז געווען גליקלעך, קוקנדיק אַף ראָזעס צופרידן און לעבעדיק געזיכט, אַף וועלכן עס איז שוין לאַנג־לאַנג קיין שמייכל נישט געווען, אַף אירע טיפע, שוואַרצע גרויסע אויגן, פון וועלכע עס האָבן זיך אַצינד געגאָסן ליכטיקע שטראַלן פון ליבע און גליק. אין דער דאָזיקער מינוט האָט ער פאַרגעסן זײַנע ביכער, דעם עקזאַמען, די

שטונדן, אפילו דעם אַלטן קראַנקן, בלינדן פּאַטער, דוד דעם שנײַדער. אין דער דאָזיקער מינוט איז ער גרייט געווען צו לויפן אין עק וועלט, ווען זי זאָגט אים נאָר „לויף!"...

און מיט וואָס פֿאַרא פֿאַרגעניגן האָט ער געקוקט אַף ראָזען, ווי זי האָט געטאַנצט און געשפּרונגען פֿאַר פֿרייד פֿון דעם נײַעם שטיבל, וואָס ער האָט זיי געדונגען, און אַפֿן פּאַרטעפּיאַן, וואָס באָריס האָט געהאַנדלט אַ מציאה און באַצאָלט צוויי מאָל אַזוי פֿיל, ווי ער איז ווערט! די פֿריער־פֿאַרזאָרגטע ראָזע איז געוואָרן צוריק אַ פֿריילעכע, אַ לעבעדיקע, ווי אין אירע ערשטע קינדער־יאָרן. קוקנדיק אַף איר, איז אײַזענשטאַדט אויך געוואָרן מונטערער און לעבעדיקער. ער האָט אָבער קיין צײַט נישט געהאַט לאַנג אָנקווען פֿון דעם יונגן פּאָרפּאָלק: אײַזענשטאַדט האָט נאָך געהאַט אַ סך אַרבעט מיט זייער נײַער קוואַרטיר; ער האָט באַדאַרפֿט דינגען אַ מיידל אין שטוב אַרײַן מיט אַ לאָקיי, אײַנקויפֿן מעבל, געפֿעס, כלים און נאָך אַנדערע קלייניקייטן, וואָס זײַנען נייטיק אין יעדער ווירט־שאַפֿט — און מערקווירדיק! וואָס פֿאַרא פֿעיִקייטן און וויפֿל געניט־שאַפֿט האָט דער דאָזיקער יונגער מענטש באַוויזן אין דעם פֿאַך.

אין דער דאָזיקער צײַט, ווען אײַזענשטאַדט פֿליט אַרום ערגעץ אין מאַרק און דינגט זיך פֿאַר שטובזאַכן, וואָס ער קויפֿט אײַן, אָדער ווען ער שטייט אין הויף און טענהט מיט דער דינסט און לערנט זי וואָס צו טאָן און וויאַזוי צו טאָן, — פֿאַרט זיך דאָס פּאָרפּאָלק דורך איבער דער שטאָט אין אַ גלענצנדן פֿאַעטאָן מיט ברענענדיקע ריסאַקעס, אָדער זיי שיפֿן זיך אַפֿן ברייטן לאַנגן טײַך אַף אַ שיפֿל. ראָזעס קאָפּ ליגט באַ באָריסן אַף די פּלייצעס, זייערע אויגן באַגעגענען זיך, זייערע ליפּן גיסן זיך צונויף, און דער פּליעסק פֿון די וועסלעם קלאַפּט־צו צום טאַקט צו זייערע הייסע קושן. שפּעט אַף דער נאַכט קומען זיי אַהיים, אַף אַ מינוט, עפּעס איבערכאַפּן און זיך איבערטאָן — און גייען אַוועק אין טעאַטער אָדער אין גאָרטן. אַז זיי קומען אַהיים, טרעפֿן זיי שוין אַלץ וואָס זיי דאַרפֿן: טיי, קאַפֿע, אַ וואַרעמע אַ שמעקנדיקע וועטשערע, ווייכע אויסגעבעטע בעטלעך — אַלץ, וואָס מע דאַרף... זיי זײַנען ווי אין אַ טשאַד. קיין זאַך קער זיך מיט זיי ניט אָן. די מענטשן דער־לאַנגען און נעמען צו. אין אַלע חדרים איז פֿריש און ליכטיק, און עס קומט זיי גאָר ניט אויף אַף זייערע געדאַנקען אַ פֿרעג צו טאָן, וואָס פֿאַרא צויבערלעכע האַנט גרייט זיי צו אָט די אַלע פֿאַרגעניגנס, וואָס

פאַר אַן אָפן אויג גיט אַכטונג אַף דער גאַנצער שטוב?... אַמאָל מאַכט זיך, אַז זיי געפינען אָפן טיש אַ צעטל מיט אַ באַקאַנטער האַנטשריפט, קליינע אותיות:

„דער קעכן באַצאָלט	18.— רובל.
דעם קצב פאַר פלייש	2.— ״
דער וועשערן	17.50 ״
פאַר געבעקס	1.30 ״
איזוואָשטשיקעם	1.75 ״
דעם שפּיגל פאַרריכט	2.20 ״
סך־הכל	42.75 רובל.

„אויסגאַב 7.25 רובל האָב איך איבערגעלאָזט באַ דעם לאָקיי. מיר דאַכט, אַז איר נעמט באַ אים קיינמאָל קיין אויסגאַב ניט?... די נײַע וואַזאָנעס וועט מען אײַך איבערמאָרגן ברענגען. באַ סטעפאַנאָווסקין בין איך געווען; ער וויל 700 רובל פאַר די זשרעבצעס. איר זאָלט מיך פאָלגן, וואָלט איר זיי ניט געקויפט: ערשטנס, זײַנען זיי ניט ווערט, און צווייטנס, דאַרפט איר זיי אַף כפרות... מאָרגן פרי וועל איך זײַן. נעמט אָפּ באַ דעם לאָקיי די 7.25 רובל.

פּ. אײַזענשטאַדט.״

— כאַ־כאַ־כאַ! ראַזועטשקע! וואָס זאָגסטו אַף אים? כאַ־כאַ־כאַ!...

און דאָס גליקלעכע פּאָרל, זיצנדיק איינער באַ דעם אַנדערן אַף די הענט, קאַטשען זיך פאַר געלעכטער.

— זע נאָר זע, באָרים, די פּינקטלעכקייט פונעם חשבון, אַקוראַט ווי אײַער אַלטער קאַסיר, כאַ־כאַ־כאַ!

— כאַ־כאַ־כאַ! ער זאָגט, אַז מיר דאַרפן סטעפּאַנאָווסקים פערדלעך אַף כפרות! וואָס זאָגסטו דערויף, ראָזע? אַ מבין אַף פערדלעך, כאַ־כאַ־כאַ! האָסט זיך צוגעקוקט נעכטן, ווי סטעפּאַנאָווסקים זון איז דורכגעפלויגן פאַרבײַ אונדז מיט די דאָזיקע פערדלעך? פײַל אויסן בויגן! אַ פאַרגעניגן צו קוקן! — זאָגט ער, אַז זיי זײַנען ניט ווערט, כאַ־כאַ־כאַ!...

דער דאָזיקער געלעכטער, וואָס קאָן אויפוועקן אַ טויטן, ענדיקט זיך מיט עטלעכע קלינגענדיקע, הייסע, פײַערדיקן קושן.

***

מיר ברענגען דאָ אַ בריוו, וואָס אײַזענשטאַדט האָט געשריבן אין יענער צײַט צו בערטע שימשעלביין.

אָט וואָס אײַזענשטאַדט שרײַבט צווישן אַנדערע זאַכן:

„...איך קאָן אײַך שווערן, אַז ווען איר זאָלט איצט אַ קוק טאָן אויף ראָזען, וואָלט איר זי ניט דערקענט — אַזוי גליקלעך, אַזוי צופרידן איז זי! דאָס איז גאָרניט די ראָזע, וואָס פריִער; זי זינגט און טאַנצט, ווי אַ קליין קינד, און זעלטן־זעלטן פרעגט זי מיך, וואָס שרײַבט איר מיר פון דער היים, וואָס טוען אירע עלטערן, וואָס מאַכט איר מוטער? דאָס טרעפט זיך נאָר דעמאָלט, ווען באָרים איז ניטאָ; קוים אָבער דערזעט זי אים — אַזוי פאַרגעסט זי שוין אַלץ אויף דער וועלט! זי איז אינגאַנצן — „ליבע". אַז זי זעט אים ניט פאַר אַ מינוט — איז זי שוין פאַרזאָרגט, בלאַס, פאַרטראַכט, און הערט ניט, וואָס מע רעדט צו איר... קוקנדיק אויף איר, קאָן מען אויסדריקלעך זאָגן, אַז זי איז באַשאַפן געוואָרן נאָר פון זײַנעטוועגן... אַ וווּנדערלעכע זאַך! כ'לעבן, אַ וווּנדערלעכע זאַך!... און באָרים... וואָס קאָן איך אײַך זאָגן וועגן אים? ער איז זייער אַן איידעלער, זייער אַ גוטער מענטש. נאָר איך פאַרשטיי ניט, וויאַזוי קאָן ער בײַ אַזאַ ברענענדיקער ליבע, ווי ראָזע שענקט אים, אַוועקגיין אַמאָל אויף דרײַ שאָ אַליין שפּאַצירן אין גאָרטן, אָדער אָפּזיצן צוויי שאָ אויף דער קאַנאַפּע אַ פאַרזאָרגטער. אַזוי, אַז איר וואָלט געקאָנט מיינען, אַז דער דאָזיקער מענטש בענקט נאָך עמיצן, אָדער ער איז ניט גליקלעך מיט זײַן שיקזאַל, וואָס אַן אַנדערן וואָלט זיך אַזאַ גליק קיינמאָל אפילו ניט געחלומט... איך רעכן, אפשר בענקט ער נאָך זײַנע עלטערן?... איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין! מיר געפעלט ניט דאָס, וואָס ער טוט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער ניט אַרײַן און רעדט אַזוי אָפט וועגן זײַן צעשלאָגענער נסיעה קיין אויסלאַנד... איך זאָג אײַך, אַז דערמיט ברענגט ער איר אַזויפיל שמערצן, אַז זי ווערט דערפון אויס מענטש. איינמאָל, בשעת באָרים איז ניט געווען אינדערהיים, האָט מיט מיר ראָזע געמאַכט אַ שמועס וועגן אויסלאַנד.

„— איר ווילט זיך דורכפאָרן קיין אויסלאַנד? — האָב איך זי אַ פרעג געטאָן.

„— ניין... — האָט זי מיר געענטפערט פאַרטראַכט. — ניין, ניט איך — באָרים וויל פאָרן... ער דאַרף זיך אַ ביסל דורכפאָרן...

„— נו, און איר?

„— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? — האָט זי מיך איבערגעענט־פערט מיט פאַרדראָס. — עס פאַרשטייט זיך, אַז איך וועל דאָ ניט איבערבלײַבן אַליין, אָן אים!... וואָס וועל איך דאָ טאָן? וואָס האָב איך דאָ נישט געזען אַזעלכעס?... — אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט — ביז זי האָט זיך צעוויינט... אַך, בערטע, בערטע! ניטאָ וואָס צו ריידן!... מיט באָריסן האָב איך נאָך ניט גערעדט וועגן דעם: מיר זעען זיך ניט אַזוי אָפט, ווי איר מיינט. און ווען מיר קאָנען אַמאָל עפּעס ריידן צווישן זיך, רעדט מען פון טויזנטער נאַרישקייטן, פון טעאַטער, פון פערדלעך... אונדזער באָראָן איז געוווינט געוואָרן לעבן פון דער ברייטער האַנט, און ער וואַרפט מיט געלט אָן אַ חשבון. איך ווייס ניט, ווי גרויס זײַנען בײַ אים די פאַנדן אַצינד, נאָר איך האָב מורא, אַז דער קוואַל וועט זיך סוף כל סוף מוזן אויסשעפּן ביז צום גרונט! דעם דאָזיקן געדאַנק, ווען איך נעם אַפּן קאָפּ, בין איך אויסער זיך! וואָס וועלן זיי טאָן נאָכדעם אָן מיטלען, דאָ, אין אַ פרעמדער שטאָט! מיט לײדיקע הענט און מיט אַזעלכע געוווינהייטן, ווי בײַ אונדזער פּרינץ? דער דאָזיקער געדאַנק וואַרפט אַף מיר אָן אַזאַ מרה־שחורה, אַז איך וויל שוין גאָר ניט קלערן, וואָס עס וועט זײַן ווײַטער, פּונקט אַזוי ווי אונדזער גליקלעכע ראָזע, וואָס איז אַזוי פאַרנומען מיט איר „היַינטיקן" גליק, אַז עס עקזיסטירט גאָר ניט בײַ איר קיין „מאָרגן"... איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל, בערטע, איר זאָלט זיך ניט כאַפּן קומען אהער: אײַער אָפּפאָרן פון דער היים וועט אַרויסגעבן אונדזער געהיימניש, און איר וועט דערפון קיין פאַר־געניגן ניט האָבן. האַלט זיך אויף נאָך אַ ביסעלע, מײַן גוטע בערטע, איך גלייב אײַך, ווי איר בענקט נאָך איר, איר דאַרפט מיר קיין סך נישט זאָגן. שרײַבט מיר אָפטע בריוו, וואָס מאַכט אַצינד אונדזער ראָזעס מוטער? צי האָט זי זיך שוין פאַרריכט פון דער שלאָפקייט? און וואָס הערט זיך בײַ די פורמאַנס? זיי ווייסן נאָך אַלץ ניט, ווו זיי זײַנען? זיי מיינען נאָך אַלץ, אַז זיי זײַנען אין אויסלאַנד? אַ ווונדערלעכע זאַך, כ'לעבן!... איר פרעגט, וואָס הערט זיך עפּעס מיט מיר? וואָס זאָל זיך הערן, מײַן גוטע בערטע? ניטאָ קיין אָסאַבענע נײַעס. איך בין אין בעסטן געזונט. איך האָב דאָ דרײַ שטונדן, וועלכע ברענגען מיר אַכצן רובל אַ חודש. דעם עקזאַמען האָב איך קוים מיט צרות אויסגעהאַלטן. נאָך אין אַ פּאָר וואָכן אַרום טרעט איך אַרײַן אין אוניווערזיטעט. איך האָב אויסגעשריבן אהער מײַן קליין ברודערל — אין גימנאַזיע אַרײַן;

דאָס איז זייער אַ ווויל קינד, און דאָרטן וועט ווערן פון אים אַ תּל אָן מיר. פאַר דער קוואַרטיר צאָל איך זעקס רובל; פאַר עסן אַכט רובל. בלייבט אונדז פיר רובל אויף קליינינקייטן. נאָר מיין שוועסטער שרייבט מיר, אַז אינגיכן וועט זי מיר צושיקן אַ צוויי קינדער פון איר „חברה". וואָס זאָל איך טאָן מיט זיי?... איר ווייסט, ווי טייער מיין שוועסטער איז בײַ מיר. נאָר וואָס בין איך שולדיק, אַז גאָט האָט זי געבענטשט מיט אַ טוץ קינדער? טאָמער וועט גאָט צושיקן נאָך אַ צוויי שטונדן. מיינע חברים, אייערע גוטע באַקאַנטע, גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט, שרייבן מיר אויך, אַז זיי זוכן שטונדן. זיי זיינען אין פּעטערבורג אין אוניווערזיטעט; איינער שטודירט אויף דאָקטאָר, דער אַנדערער — אויף אַדוואָקאַט. איר ווייסט ניט, בערטע, וואָס זיינען זיי אַזוי אין כעס אויף אייער שטאָט, און נאָך מער — אויף דער געלער מאַדאַם רעגנבויגן מיט אירע געלע טעכטער?... איך האָב אייך פאַרגעסן זאָגן, אַז באָרים האָט געקויפט פון ראָזעס וועגן אַ טייערן ראָיאַל, און איך בין ערשט ניט לאַנג געוואָר געוואָרן, אַז ראָזע שפּילט פּיאַנאָ אויסגעצייכנט; און ווער שמועסט, אַז באָרים איז ניטאָ און זי שפּילט אַ ביסל פּאָרטראַכט־מע־לאַנכאָליש, דאַן גיסן זיך אויס פון אירע פינגער וווּנדערלעכע זיסע אַקאָרדן מיט טרויעריקע געזאַנגען, אַזוי, אַז עס קלעמט אַמאָל שטאַרק דאָס האַרץ, און איך פאַרשטיי ניט, וויאַזוי קאָן באָרים אַוועקוואַרפן אַזאַ זעלטענעם פאַרגעניגן און אַוועקגיין אויף דריי שעה שפּילן אין ביליאַרד מיט עטלעכע ליידיקגייערס און טונעיאַדצעס?... ווען איך קום אַמאָל צו זיי און טרעף זי בײַ דעם פּאָרטעפּיאַן און טו זי אַ פרעג, ווו איז ערגעץ באָרים? — שטעלט זי אַנידער אויף מיר אירע שוואַרצע טיפע אויגן און ענטפערט מיר צערייצט, מיט פאַרדראָס:

„— ווו זאָל ער זיין? ער איז זיך דורכגעגאַנגען אַ ביסל צו זיינע באַקאַנטע... צי איר ווילט, אַז ער זאָל זיצן שטענדיק אינדערהיים, גאַרניט אַרויסטרעטן פון שטוב?...

„און נאָכדעם הייבט זי אָן צו שפּילן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, אַזוי, אַז דער פּאָרטעפּיאַן ציטערט און קרעכצט אונטער אירע הענט, און נאָכדעם אַלץ שטילער און נידעריקער, און וויינענדיקע, רירנדיקע מעלאָדיעס גיסן זיך אויס פון זיך אַליין און קריכן גלייך אין האַרצן אַריין, און מיר ווייזט זיך דעמאָלט אויס, אַז זי קלאָגט זיך און באַדויערט איר מזל און באַוויינט איר ליבע, איר מערקווירדיקע ליבע... נאָר אַט קומט אַריין באָרים — און עס ווערט אַלץ ווי פריִער: זי פאַלט אים

אפֿן האַלדז. זי לאַכט, זי זינגט, זי מאַכט זיך נאַריש, ווי אַ קליין קינד.

„אַ ווּנדערלעכע זאַך, בערטע, כ'לעבן אַ ווּנדערלעכע זאַך!...

„פּ. אײַזענשטאַדט.״

אַף מאָרגן גאַנץ פֿרי נאָך דעם אויבנדערמאָנטן בריוו, בעת אונדזער טאַלאַנטפֿולער דיפּלאָמאַט האָט נאָר־וואָס געקלערט איבערקערן זיך אַף דער אַנדערער זײַט באַ זיך אַפֿן בעטל, וואָס איז פֿול מיט וואַנצן, בכדי ער זאָל קאָנען געשמאַקער שלאָפֿן, האָט מען אים אָנגעקלאַפּט אין פֿענצטער אַרײַן מיט אַזאַ כח, אַז ער האָט זיך באַלד אויפֿגעכאַפּט און געעפֿנט די טיר. אַ גאָראָדאָוואָי האָט אים איבערגעגעבן אַ קוויטעלע:

„אײַזענשטאַדט! למען השם, די רגע! מע האָט אונדז באַנומען ביז דעם לעצטן העמד! באַגנבעט ביז דעם לעצטן פֿאָדעם! ניטאָ ניט די קעכן, ניט די פּאָקאָיאָווע, ניט דער לאָקיי! אַ גליק, וואָס מע האָט אונדז געלאָזט לעבעדיקע! באָרים איז אויסער זיך! קומט באַלד! די רגע!

„ראָזע פֿרידמאַן.״

עס פֿאַרשטייט זיך, אַז אײַזענשטאַדט האָט זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטן. ער האָט געטראָפֿן זײַנע פֿרײַנט זייער אין אַ טרויעריקער לאַגע: באָרים איז געלעגן אַ באַרוועסער אין זאַל אַפֿן דיוואַן, אײַנגעוויקלט אין אַ רויטער קאָלדרע, און ראָזע האָט זיך אַרומגעדרייט אין קאָלאָשן אַף די קליינע ווײַסע פֿיסלעך, אײַנגעהילט אין אַ גרינער שאַל, וואָס די גנבים האָבן, אַפּנים, פֿאַר רחמנות, איבערגעלאָזט. די שאַפֿעס מיט די קאָמאָדן זײַנען געשטאַנען אָפֿן און אויסגעראָמט מיט אַ זעלטענער פֿינקטלעכקייט; די טישן מיט די בענקלעך צעשטעלט און צעדרייט; די דיוואַנעס מיט אַלע אַנטיקלעך צוגענומען; די שופֿלאָדן מיט די קעסטלעך אויסגערייניקט; אַפֿילו די צוויי טײַערע בראָנדזענע שפּיגלען אַראָפּגענומען, אַפֿילו די לאָמפּן מיט די זילבערנע לײַכטערלעך האָט מען באַוואָרנט. זעלטן־זעלטן האָט זיך דורכגעוואָרפֿן אַן אַלט קוויטעלע, אַ ווײַסע הענטשקע, אַ טאָוול פֿון אַ ביכל...

— עס ווײַזט אויס — האָט זיך אָנגערופֿן אונדזער דיפּלאָמאַט מיט אַ שמייכעלע, באַטראַכטנדיק דעם דאָזיקן חורבן — עס ווײַזט אויס, אַז די גנבים האָבן צײַט געהאַט זיך אײַנפּאַקעווען, ווי עס געהער צו זײַן. אַ ווּנדערלעכע זאַך, כ'לעבן, אַ ווּנדערלעכע זאַך!...

מיר ווייסן ניט פּערוואָס, — נאָר באַ די דאָזיקע לעצטע ווערטער פון אײַזענשטאַדטן האָט זיך אונדזער האַלב־נאַקעטע העלדן אָנגעכאַפּט באַ ביידע זײַטן און האָט זיך אַזוי שטאַרק, אַזוי הילכיק צעלאַכט, אַז באַרים איז אַראָפּגעשפּרונגען פון דער קאַנאַפּע און איז מיט דער רויטער קאָלדרע צוגעלאָפן צו זײַן יונג ווײַבל, וועלכע האָט ניט אויפגעהערט צו לאַכן אַלע מאָל העכער און שטאַרקער; קוקנדיק אַף איר, האָט זיך אײַזענשטאַדט ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט זיך אויך צעלאַכט, ניט ווייסנדיק אַף וואָס און אַף ווען... פאַר דעם דאָזיקן יונגן מענטשן, וואָס האָט ליב געקריגן ראָזען פונעם ערשטן מאָל, וואָס ער האָט זי דערזען באַ בערטען אין זאַל, איז גענוג געווען צו זען, ווי זי לאַכט, ער זאָל זיך אויך צעלאַכן, אָדער דאָס האַרץ זאָל אים קלעמען, ווען ער דערזעט טרערן אַף ראָזעס אויגן...

דאָס נײַנצנטע קאַפּיטל

די מאַדאַם פרידמאַן ווײַזט זיך אַרויס אַלס די בעסטע דיפּלאָמאַטן, און אונדזער יונגער פּרינץ האָט חרטה אַף דער גאַנצער מעשה

די מאַדאַם פרידמאַן, אַז זי איז איבערגעבליבן אין דער גרויסער שטאָט אַליין, אָן דעם זון, האָט זי ניט געחלשט און ניט געוויינט און ניט געליאַרעמט; זי האָט נאָר געגעבן אַ דעפּעשע אַהיים צום מאַן און האָט באַקומען אַן ענטפער פון אים, אַז מאיר פורמאַנס טאָכטער איז אויך אַנטלאָפן, — האָט זי שוין פאַרשטאַנען די גאַנצע געשיכטע און איז צוריקגעקומען אַהיים. זי האָט געוווּסט, ווי ווײַט געבאַלעוועט און געפּיעסטעט איר בן־יחיד איז. מלכה פרידמאַן האָט באַלד פאַרשטאַנען, אַז זײַן פײַערדיקע ליבע צו דער „שוואַרצער" ראָזע וועט געווים לאַנג ניט דויערן; זי וועט אים גיך נמאס ווערן, אַזוי ווי עס פלעגט אים נמאס ווערן יעדע זאַך אין די קינדערשע יאָרן.

און ווירקלעך! לאַנג האָט אונדזער יונגער געבאַלעוועטער העלד ניט געקאָנט אויסהאַלטן מיט זײַן ליבע צו דער „שוואַרצער" ראָזע. נאָכן ערשטן טשאַד איז זײַן צעהיצטע פאַנטאַזיע באַלד אָפּגעקילט געוואָרן,

און ער האָט פּלוצים דערפֿילט אַף זיך אַ שווערע משא: ער האָט אַ ווײַב... די פֿרײַהייט האָט ער שוין אָנגעווירן אַף שטענדיק... פֿון דעם דאָזיקן געדאַנק איז אים קאַלט געוואָרן אין אַלע אברים: וואָס הייסט דאָס? ווי־אַזוי איז דאָס געשען? און וואָס וועט זײַן ווײַטער?...

אמת, עס זײַנען געווען מינוטן, בעת ראָזע פֿלעגט זיצן מיט אים צוזאַמען, און אירע שיינע געקרײַזלטע האָר זײַנען געלעגן צעוואָרפֿן אַף זײַנע הענט, און אירע פֿײַערדיקע אויגן האָבן אַף אים געקוקט פֿול מיט ליבע, — דעמאָלט איז אים געווען ניט אַזוי שלעכט; נאָר אַז ער איז געבליבן אַליין אַף אַ שעה און זײַנע שוואַרצע געדאַנקען האָבן זיך אים צוריקגעקערט, איז אונדזער יונגער העלד געווען באמת אַן אומגליקלעכער מענטש. ליגנדיק מיטן פּנים אַרויף אַף דער סאַמעטענער סאָפֿע, אויס־צײַענדיק די פֿיס אַפֿן טיש און פֿײַפֿנדיק פֿון ניט האָבן וואָס צו טאָן, זײַנען אים ווידער אַרויפֿגעקומען שלעכטע געדאַנקען און עס האָט זיך אים פֿאַרגעשטעלט, אַז ער האָט פֿאַרשפּילט, לחלוטין פֿאַרשפּילט זײַן לעבן אַף דער וועלט, — און דורך וועמען? דורך „איר”! דורך אָט דער דאָזיקער שוואַרצער ראָזע, וואָס וואַרפֿט זיך אים אַלע מינוט אַפֿן האַלדז און קושט אים און האַלובעט אים, — וואָס וויל זי פֿון אים? וואָס האָט זי צו אים? פֿאַר וואָס און פֿאַר ווען האָט זי אים באַגראָבן יונגערהייט דאָ, אין דעם דאָזיקן קליינעם שטיבל?...

און ביסלעכווײַז־ביסלעכווײַז האָט אונדזער העלד אָנגעהויבן פֿילן צו זײַן געליבטער ראָזען עטוואָס פֿאַרדראָס, אַ מין שנאה. עס זײַנען געווען צווישן די „ליבנדע” אַזעלכע מינוטן, וואָס זי איז געהאָנגען בײַ אים אַפֿן האַלדז און איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט פֿאַר גרויס גליק, און ער האָט זי אין דער זעלבער מינוט ניט געקאָנט סובל זײַן און איז געווען אויסער זיך פֿאַר כּעס: „וואָס וויל זי פֿון מײַן לעבן האָבן? פֿון וואַנען האָט זי זיך גענומען?”... נאָך מער האָט אים געבערנט אַף זײַן חבר אײַזענשטאַדט: „וואָס האָט געוואָלט האָבן פֿון מיר אָט דער דאָ־זיקער שוטה מיט די גלעזערנע באַנקעס?”... — און אונדזער געפּעס־טעטער פֿרינץ האָט אויסגעלאָזט זײַן גאַנץ ביטער האַרץ אַף זײַן חברס קאָפּ; ער האָט איבערגעגעבן ראָזען, אַז ער האָט פֿײַנט אײַזענשטאַדטן, אַז אָט דער דאָזיקער בחור מיט די גלעזערנע באַנקעס פֿאַרגינט אים ניט דאָס גליק און איז אים אַ דם־שונא, אַז אײַזענשטאַדט האָט ליב זיך אומעטום אַרײַנצומישן, ווו מע בעט אים נישט...

ראָזע זעט, אַז איר באָרים איז עפּעס צעפּלאָכטן, אַז עפּעס פעלט אים, — נאָר זי ווייס ניט וואָס. פרעגט זי אים מיט דער גרעסטער צערטלעכקייט:

— וואָס איז דיר, באָרים? וואָס פעלט דיר? וואָס זאָל איך דיר טאָן אַזעלכעס? דו ווייסט דאָך, אַז איך בין גרייט אין פייַער, אין וואַסער, אין עק וועלט, שטאַרבן צוליב דיר, באָרים!

דערויף האָט איר באָרים געענטפערט, אַז מע מוז זיך אַמאָל איבער־בעטן מיט די עלטערן, אַז אַנדערש קאָן ניט זייַן: מע מוז זיך אונטער־געבן. זייַן מוטער האָט אים אַזוי ליב, אַז זי וועט אים באַלד מוחל זייַן; זי וועט איבערגעבן דעם פאָטער און וועט פועלן, אַז ער זאָל אויך געבן זייַן הסכמה...

— נו, באָרים, פאַרוואָס־זשע דען ניט? נו, לאָמיר פאָרן! פאָרן מיר?...

— ניין, נאַרעלע. ביידע טאָרן מיר אַצינד נאָך ניט פאָרן. עס איז נאָך צו פרי. איך מוז פריִער אַליין זיך דורכפאָרן, און נאָכדעם... דו פאַרשטייסט צי ניין?...

אויף אַ מינוט בלייַבט זי זיצן טויט; עס האָט זיך איר אָפּגעריסן אין האַרצן. דער געדאַנק, אַז ער וועט אַוועקפאָרן און זי וועט דאָ בלייַבן אַליין, פאַרגליווערט איר דאָס בלוט. נאָר זי זעט, אַז ער וויל אַזוי, אַז באָרים וויל אַזוי, פאַלט זי אים אויפן האַלדז און זאָגט אים מיט טרערן:

— ביסט גערעכט באָרים, ביסט גערעכט: דו דאַרפסט פריִער אַליין זיך דורכפאָרן... אויף אַ קליינער צייַט, איאַ, באָרים?

— אויף אַ וואָך אָדער אויף צוויי, ניט מער!

— ניט מער, באָרים, ניט מער, מייַן טייַערער!

און ווידער אַ לאַנגער, אַ הייסער קוש דורך טרערן.

דאָס האָט אים אַזוי באַנומען, אַז ער האָט זי אין דער דאָזיקער מינוט ערנסט ליב געהאַט און איז איר געווען דאַנקבאַר פאַר די פרייַהייט, וואָס זי שענקט אים... זייער געזעגענען זיך איז געווען אַזוי רירנד, אַז אפילו אייַזענשטאַדט האָט שטילערהייט, אָן דער זייַט, געלאָזט אַ טרער...

צוויי טעג האָט ראָזעס פאָטער באַגלייט באָריסן, און אים האָט זיך געדאַכט, אַז אין וואַגאָן, ווו ער איז געזעסן, זייַנען געשטאַנען קעגן אים אירע שוואַרצע פייַערדיקע אויגן. נאָר קוים איז ער געקומען אַהיים

און איז אַרײַנגעפאַלן צו מלכהן אין די הענט אַרײַן, אַזוי האָט ער אַלץ פאַרגעסן.

אַז די מאַדאַם פרידמאַן האָט פלוצים באַקומען די פרײלעכע דע־פּעשע פון איר זון, איז זי געװען אַזוי גלײַכגילטיק, פונקט װי זי האָט נאָך פריִער געװוּסט די שעה, װען איר באָרים װעט קומען. דאָך האָבן איר די הענט געציטערט אַזוי שטאַרק, אַז זי האָט זיך אַלײן ניט געקאָנט אָנטאָן און האָט געמוזט אַרײַנרופן דאָס דינסטמײדל, װעלכע האָט באַ־מערקט, אַז די מאַדאַם איז עפּעס שטאַרק צעטראָגן, און האָט דאָס באַלד איבערגעגעבן אַליקן, און אַליק האָט דאָס די רגע אָפּגעטראָגן צו בערטע דער גרושה און אין נאָך עטלעכע ערטער, אַזוי אַז דעם זעלבן טאָג איז שױן אַרױס אַ קלאַנג אױף דער גאַנצער שטאָט, אַז די מאַדאַם פרידמאַן האָט דערהאַלטן אַ דעפּעש און איז אַרױסגעפאָרן צום װאָקזאַל אַקעגן דעם זון מיט דער שנור... דאָס האָט אָנגעמאַכט אַזאַ רעש, אַז עס זײַנען באַלד נאָך איר נאָכגעפאָרן די מאַדאַם שפּיגלגלאַז, די מאַדאַם רעגנבױגן און די מאַדאַם שטעכנהאָלץ... מיטן מאַן האָט זי װעגן דעם ניט גערעדט: מאָטל האָט שױן פאַרשטאַנען, װאָס דאָס באַטײַט. ער האָט זי נאָר אַ פרעג געטאָן:

— מלכה! ער פאָרט?

— ער פאָרט.

— אַלײן?

— אַלײן.

דער צוג איז אָנגעקומען ,און באָרים איז אַרױסגעשפּרונגען פונעם װאַגאָן אַ בלאַסער: ער האָט צװײ נעכט ניט געשלאָפן. ער האָט אַראָפּ־געלאָזט דעם קאָפּ און איז געבליבן שטײן אױף אײן אָרט, װי אַ באַגראָ־בענער. מלכה איז צוגעגאַנגען צו אים און האָט אים אַרומגעכאַפּט קושן.

— באָרים!...

— מאַמע!...

. . . .

מלכה האָט צוגערופן דעם עקיפּאַזש און האָט זיך אַרײַנגעזעצט מיטן זון. זי האָט אים ניט געשטראָפט, ניט געפרעגט גאָרניט, כמעט גאָרניט גערעדט: זי האָט שױן געװוּסט אַלצדינג — װאָס װעט זי באַ אים פרעגן? װאָס װעט ער איר דערצײלן? ער האָט אַנידערגעלײגט זײַן קאָפּ באַ איר אױף די הענט און האָט גענומען װײנען. זי האָט אים

געלאָזט זיך אויסוויינען. זי האָט אים געקרײַזלט זײַנע לאַנגע בלאָנדע האָר, און האָט נאָר געזאָגט: „מײַן קינד! מײַן קינד!” קומענדיק אהיים, האָט זיך אונדזער יונגער העלד אַרומגעוואַשן, אַרומגעראַזירט, אָנגעטאָן, באַשפּריצט זיך מיט אָדעקאָלאָן און איז געוואָרן ווידער דער זעלבער לעבעדיקער און פרישער באָרים, וואָס פריִער. דעם פאָטער האָט ער געטראָפן אין קאַבינעט איבער די חשבונות מיט אַ פּעדער אין די ציין.

— וואָס מאַכסטו, פּאַפּאַ?

— אַ־אַ־אַ?! — האָט אים דער פאָטער געענטפערט, קוקנדיק אין די חשבונות, און האָט אים אונטערגעשטעלט די לינקע באַק אויף אַ קוש טאָן. נאָכדעם איז ער אַרײַנגעגאַנגען ווידער צו דער מוטער און איז איר געפאַלן אויפן האַלדז. ער האָט איר געוואָלט אָנהייבן דערציילן אַלץ, אַלץ; נאָר זי האָט אים איבערגעשלאָגן, זאָגנדיק צו אים מיט אַ געלעכטער:

— קינד! מיר וועלן נאָך צײַט האָבן צו ריידן וועגן דעם אויך; איצט דאַרפסטו גיין צום טיש עפּעס איבערבײַסן.

באַם טיש האָט באָרים געגעסן מיט גרויס אַפּעטיט, זייער פיל גערעדט, דערציילט חידושים פון דער גרויסער שטאָט, און די מוטער האָט אים אויסגעהערט מיט אַ צופרידן שמייכעלע אויף די ליפּן, גלײַך ווי עס וואָלט צווישן זיי גאָר נישט פאָרגעפאַלן, גלײַך ווי ער האָט זיך זייער פײַן אויסגעשטעלט קעגן זיך, קעגן זײַנע עלטערן, קעגן גאָט און לײַט...

דער ווײַן, דאָס באַגעגעניש מיט דער מוטער, די שיינע צימערן מיטן ווייכן גרויסאַרטיקן מעבל האָבן אויפגעבונדן די צונג פון אונדזער יונגן העלד, און ער האָט איבערגעגעבן זײַן מוטער אַ לאַנגע געשיכטע, די גאַנצע געשיכטע, וואָס מיט אים האָט פּאַסירט, מיט אַלע קלייניקייטן און מיט דער גאַנצער עפנטלעכקייט און תמימות.

אין דער צײַט, וואָס באָרים האָט דערציילט, איז די מאַדאַם פרידמאַן געזעסן אין אַ ווייכן סאַמעטענעם פאָטעל און אים אויסגעהערט מיט אַ זיס שמייכעלע אויף איר געזונט און פריש געזיכט, גלײַך ווי באָרים וואָלט איר דערציילט אַ שיינע מעשה פון אַ בוך. מלכהס צופרידן געזיכט האָט נישט אויסגעזאָגט וואָס עס האָט זיך געטאָן באַ איר אין האַרצן, ווען זי האָט דערהערט, אַז אָט דאָס דאָזיקע קליינע שוואַרצע מיידעלע, אָט די דאָזיקע „קאַרלעטשקע” מיט איר טײַערן בן־יחיד האָבן דרײַ יאָר כּסדר געפירט צווישן זיך אַ שטילן ראָמאַן, און זי, מלכה, האָט נישט אָנ־

געהויבן צו וויסן פון קיין „פותר" און פון קיין „חלום"!

„אַ! — האָט זיך מלכה געקלערט. — זי דאַרף זײַן אַ גוטע סחורה! נאָך אַ בעסערע, ווי די מאַמע אירע, די יאַשטשערקע!... און די דאָזיקע „קאַרלעטשקע" איז הײַנט מײַן שנור, מײַן זונס ווייב?... און מײַן באַרים האָט שוין אַ ווײַב? און אַף וואָסער אופן? און איך זאָל דאָס אַזוי איבערלאָזן? — אַ, ניין!"...

נאָר דאָס איז געווען אירע אינעווייניקסטע געפילן; אויסנווייניק, אָפן פּנים, איז זי געווען גאַנץ רויק, אַ ביסל ווי פּריילעך, און אַז באָרים האָט געענדיקט זײַן דערציילונג מיט טרערן אַף די אויגן, האָט זי פאַרשטאַנען, אַז איר זון הייבט שוין אָן חרטה האָבן אַף דער גאַנצער מעשה, און אַצינד איז דאָ צײַט צו פאַרכאַפּן, פאַרריכטן. זי האָט אים געגלעט זײַנע לאַנגע בלאָנדע האָר און האָט צו אים געזאָגט:

— נו, מײַן קינד, גענוג, גענוג. שוין צײַט רוען, שוין צײַט שלאָפן...

— ניין, מאַמע, ניין! איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר זאָגן, אַז דו ביסט מיר מוחל... איך וויל, דו זאָלסט מיר צוזאָגן, אַז דו וועסט מיך ניט פאַרלאָזן, אַז דו וועסט מיר העלפן! דו ביזט אַזאַ קלוגע, אַזאַ גוטע!...

— קינד! — האָט זי אים געענטפערט, אָפּווישנדיק מיט אירע ווײַסע ווײַסע הענט זײַנע טרערן. — קינד! פאַרוואָס זאָל איך דיר מוחל זײַן? וואָס האָסטו אַזעלכעס פאַרזינדיקט? וואָס כיטרע מענטשן האָבן דיך געוואָלט אַרײַננאַרן אין זאַק אַרײַן? וואָס אַפּעריסטן האָבן געוואָלט זיך באַנוצן מיט דײַן רײַכטום?... דאַנק און לויב גאָט, וואָס דו האָסט אַ מוטער, וועלכע וועט איר לעבן אַוועקגעבן צוליב איר קינד... דו האָסט גוט געטאָן, וואָס דו האָסט מיר אַלץ אַנטדעקט און נישט פאַרלייקנט קיין זאַך. פון הײַנט אָן בין איך דײַן אייניציקער העלפער, און אַף מיר מעגסטו זיך פאַרלאָזן מער ווי אַף אַלע דיינע גוטע פרײַנט, וואָס מיינען זייער אייגענע טובה און דײַן קעשענע...

די גאַנצע נאַכט איז אונדזער יונגער העלד אָפּגעשלאָפן אויסגעצייכנט, און ווי נאָר ער האָט געעפנט די אויגן, האָט ער זיך אָנגעהויבן אַרומקוקן אַף אַלע זײַטן. ער האָט פאַרגעסן, וווּ איז ער און ווי קומט ער אַהער? דער גילדענער שפּאַליר פון די הויכע ווענט, דער גרויסער סאַמעטענער קאַוויאַר בײַ דעם בעט, די הויכע גלענצנדע קאַלאָנעס מיט די ליכטיקע פענצטער, דאָס טײַערע מעבל מיט די גרויסע בראָנזענע שפּיגלען — דאָס אַלץ, פון וועלכן ער איז שוין אַ ביסל אָפּגעוווינט געוואָרן,

האָט אים אויסגעוויזן ווי אַ חלום. אין דער דאָזיקער מינוט איז אַרײַנגעקומען זײַן מוטער מיט איר זיס שמייכעלע אויף די ליפּן. באָריס האָט זיך אין איין אויגנבליק דערמאָנט אין אַלץ.

— שטיי שוין אויף, קינד, שוין צײַט פאָרן.

— די רגע, מאַמע, די רגע, אָט טו איך זיך אָן! — און באָריס האָט זיך גענומען אָנטאָן; נאָר ווי איבערראַשט איז ער געווען, אַז פֿאַר זײַנע אויגן איז געלעגן אַ שפּאָגל־נײַער קאָסטיום, נאָר־וואָס פֿון דער נאָדל אַרויס! דאָס איז געווען אַ סורפּריז פֿון זײַן מוטער.

אין פֿאַרלויף פֿון דרײַ וואָכן האָבן זיי צווישן זיך קיין איינציק וואָרט ניט גערעדט וועגן דעם, וואָס באָריס האָט געוואָלט ריידן, און אַזוי האָבן זיי זיך צוגעגרייט אין וועג אַרײַן — קיין אויסלאַנד פֿאָרן אויף אַ גאַנצן ווינטער. אַז זיי זיינען געקומען קיין וואַרשע, האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אין דער דאָזיקער שטאָט אויף עטלעכע טעג, ווו די מאַדאַם פֿרידמאַן האָט באַדאַרפֿט אײַנקויפֿן אַ טראַנספּאָרט פֿאַרשיידענע סחורות. זי האָט באַקאַנט געמאַכט איר זון אין עטלעכע גאַנץ רײַכע הײַזער, וווּהין מען האָט אים געבעטן אויף אָונט־ברויט אָדער אויף מיטאָג. זי האָט אים אויך באַקאַנט געמאַכט מיט דער רײַכער פֿירמע „עסיגמאַכער“. און אַזוי האָבן זיי פֿאַרבראַכט אין דער גרויסער שטאָט וואַרשע. אויף דער נאַכט זײַנען זיי געווען אין טעאַטער, און באָריס איז געקומען צוריק מיט אַ קאָפּווייטיק. ליגנדיק אין בעט, האָט ער זיך דערמאָנט אָן דעם, וואָס ער האָט צו ריידן מיט דער מוטער; ער האָט דאָס געלאָזט אויף מאָרגן, אויף שפּעטער...

די גאַנצע נאַכט האָט ער געזען שלעכטע חלומות, און ראָזעס גרויסע, שוואַרצע, טיפֿע אויגן, וועלכע ער האָט שוין כמעט פֿאַרגעסן, האָבן זיך אים געפּלאָנטעט אַ גאַנצע נאַכט פֿאַר זײַנע אויגן. נאָר אויף מאָרגן, ווען ער איז געקומען צו דעם באַנקיר עסיגמאַכער מיט אַ וויזיט, און מען האָט אים אײַנגעלאַדן אויף אָנבײַסן און נאָכדעם אין טעאַטער, איז ער געוואָרן ווידער מונטער און פֿריילעך, און דעם באַנקירס עלטערע טאָכטער, די מאַמזעל עסיגמאַכער, מיט אירע גרויע אויגן, מיט איר הויך געשטאַלט און מיט אירע איידעלע מאַניערן, האָט אויף אים געמאַכט אַ היבשן אײַנדרוק. די מוטער האָט אים געזאָגט, אַז דער דאָזיקער מאַמזעל גיט דער באַנקיר עסיגמאַכער נדן ניט מער און ניט ווייניקער פֿון אַ האַלבן מיליאָן רובל.

„אַהאַ! — האָט זיך אונדזער נאַאיווער העלד געטראַכט. — אַהאַ! אַ האַלבן מיליאָן רובל נדן? נישקשה פון אַ נדן, כ׳לעבן!“...

. . . .

. . . .

נאָר גענוג! גענוג שוין אונדז נאָכצוגיין טריט בײַ טריט אונדזער יונגן העלד, וועלכער האָט עס געווים בײַ אונדז נישט פאַרדינט. מיר וועלן זיך בעסער אומקערן צו אונדזערע צוויי ערלעכע פרײַנט, פּינחס אײַזענשטאַדט און בערטע שימשעלביין, און וועלן איבערגעבן אַ גאַנצע רייע פון זייערע בריוו, וואָס זיי האָבן אין יענער צײַט געשריבן איינער צום אַנדערן.

דאָס צוואַנציקסטע קאַפּיטל.

קאָרעספּאָנדענץ

א.

פון פּ. אײַזענשטאַדט צו ב. שימשעלביין.

„מײַן גוטע בערטע!

„אַ וווּנדערלעכע זאַך, כ׳לעבן, אַ וווּנדערלעכע זאַך! ווי אַזוי האָבן מיר דאָס ניט אַרויסגעזען פריער, אַז סוף־כל־סוף וועט אַזוי זײַן? און פאַרוואָס האָב איך אים געלאָזט אַוועקפאָרן אַליין, אָן איר? אמת, זי האָט אַליין געוואָלט בלײַבן דאָ, וואַרטן ביז ער וועט זיך אַביסל דורכפאָרן אַהיים און וועט זיך אומקערן; נאָר איך האָב דאָס ניט געטאָרט דערלאָזן. איך בין מער שולדיק פון באָריסן; איך האָב געהאַט ביד ניט אַרויסלאָזן אים פון דאַנען... נאָר וואָס זאָג איך? עס איז גאָר אוממעגלעך געווען אים צו האַלטן; ער איז געווען אַזוי אומגליקלעך, אַזוי פאַרזאָרגט, אַז איך אַליין האָב אַף אים רחמנות געהאַט. איך האָב געזען, אַז ער עקט זיך, אַז ער וועט דאָס נישט אויסהאַלטן, ער וועט באַנאַכט אַנטלויפן, ווי אַ גנב, און דאָס וואָלט פאַר איר נאָך ערגער געווען... די לעצטע עטלעכע טעג האָט ער ניט געגעסן, ני טגעטרונקען, ניט געשלאָפן; אַרומגעגאַנגען איבער דער שטוב, ווי אַ שאָטן, פינצטער ווי די ערד, ניט גערעדט קיין

וואָרט, נאָר געזיפצט און געגלעט זיך די האָר... אַך, בערטע, בערטע! וואָס האָבן מיר געטאָן? צו וואָס האָבן מיר זיך אַזוי געכאַפּט זיי צו־נויפבינדן, נישט באַקלערט און נישט באַטראַכט? מיר, נאָר מיר, זײַנען שולדיק אין דעם אַלעם! די צײַט וואָלט אַליין געטאָן אירס; ווען מיר זאָלן זיי נישט געוועזן מיטהעלפן, וואָלטן זיי אפשר געווען ביידע גליק־לעכער. אַצינד איז זי אומגליקלעך, אַזוי אומגליקלעך, אַז נאָר איך און איר קאָנען זי פאַרשטיין... זי איז נאָך מער אומגליקלעך דערמיט, וואָס זי האָט ניט פאַר וועמען אַרויסצורײדן איר האַרץ, פאַר וועמען אויסצוגיסן אירע טרערן! ערשט הײַנט בין איך געווען בײַ איר; זעענדיק איר טויט פּנים, אירע געשוואָלענע אויגן, בין איך געשטאָרבן פאַר שרעק; זי האָט מיך אָפּגעזידלט ווי תּמיד:

„— איר זײַט, אַפּנים, געקומען מיר באַוויינען? צי איר זײַט געקומען מיך טרייסטן, אויסרײדן דאָס האַרץ?... איר זאָלט ניט מיינען אײַזענשטאַדט, אַז בײַ אים איז בײַ מיר אַזוי נידעריק געפאַלן, ווי בײַ אײַך אין אײַערע אויגן!... איך קען אים בעסער, ווי איר קענט אים! ווען ער זאָל קאָנען, וואָלט ער שוין לאַנג געקומען. מסתּמא קאָן ער ניט; מסתּמא לאָזט מען אים ניט... אָדער אפשר איז ער ניט געזונט... אפשר איז ער אַזוי שלאַף, אַז ער קאָן מיר אפילו ניט שרײַבן.. ער קער געוויס זיין שלאַף! ער איז נעבעך שלאַף! איר ווייסט דערפון גאַנץ גוט, און ווילט מיר ניט אויסזאָגן! איר באַהאַלט פון מיר! איך וויים, איך וויים!... איך קען אײַך, אײַזענשטאַדט, איך קען אײַך! איר האָט תּמיד ליב באַ־האַלטן! איר ווילט מיך מוטשען! איר מוטשעט מיך! וואָס האָט איר צו מיר?!...

„איך האָב געבראַכט דעם דאָקטער, וועלכער האָט געפונען, אַז זי האָט היץ. דער דאָקטער זאָגט, אַז זי איז ניט מיט אַלעמען, אַז מען דאַרף זי אָפּהיטן, ווײַל זי איז... איר פאַרשטייט? איך בעט אײַך, בערטע, גיט מיר אַן עצה, וואָס טוט מען? איר ווייסט בעסער; איך קאָן אַליין גאָר ניט טאָן!... איך האָב שוין געשריבן באַריסן עטלעכע בריוו; ער ענט־פערט מיר ניט. אפשר איז ער שוין ניט דאָרטן, אין אײַער שטאָט? וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? דאָס ביסל געלט, וואָס ער האָט איבער־געלאָזט, הייבט שוין אָן אויסגיין. דער דאָקטער גייט צוויי מאָל אין טאָג. די אַפּטייק שלינגט אײַן אַ סך געלט. די הוצאות אין שטוב זײַנען גרויס, ווי פריער, און איבערמאַכן אַנדערש לאָזט זי ניט; זי זאָגט, אַז באַריס

וועט קומען און וועט זי טרעפן אין אַן אַנדער לאַגע, וועט ער זײַן אומ־צופרידן... איר פֿאַרשטייט, וואָס דאָס הייסט? באָרים, וואָס האָט זיך ניט געשעמט צונעמען די הונדערט רובל, וועלכע איך האָב אָפּגעלייזט פֿאַרן עקיפּאַזש מיט די פֿערד, וועט זײַן אומצופרידן דערמיט, וואָס זײַן אומגליקלעכע ראָזע וועט ניט זיצן אין פֿיר צימערן מיט ווייך מעבל, ווי אַ גרעפֿן!... נעכטן האָב איך זי פֿון דער זײַט אַ פֿרעג געטאָן, צי האָט זי נאָך עפּעס געלט, צי דאַרף זי געלט? וואָלט איר באַדאַרפֿט הערן, וואָס פֿאַר אַ תשובה זי האָט מיר געגעבן, ווי אַזוי זי האָט זיך געפֿילט באַליי־דיקט פֿון דער פֿראַגע!

„אַך, גוטע בערטע! גיט מיר אַן עצה, וואָס טוט מען? וויאַזוי ראַטעוועט מען אָפּ דאָס אָרעמע קינד, וועלכן מיר אַליין האָבן אין אַזאַ אומגליק אַרײַנגעפֿירט. שרײַבט מיר, טאָמער ווייסט איר עפּעס פֿון באָ־ריסן? וווּ איז ער? וואָס טוט ער? וואָס פּלאַנט ער? טאָמער קאָנט איר אים זען און מיט אים איבערשמועסן? יאָ, יאָ, אַ וווּנדערלעכע זאַך, כ׳לעבן, אַ וווּנדערלעכע זאַך! ווי בלינד מיר זײַנען ביידע געווען!

„מיט דער גרעסטער אומגעדולד דערוואַרט איך פֿון אײַך אַ תשובה.

„אײַער בעסטער פֿרײַנט פּ. אײַזענשטאַדט".

ב.

פֿון בערטע שימשעלבייז צו פּ. אײַזענשטאַדט.

„טײַערער פֿרײַנט אײַזענשטאַדט!

„זעט וואָס איר האָט אָנגעמאַכט! זעט, ווי גאָט צאָלט אײַך דער־פֿאַר, וואָס איר האַלט אונדז, פּרוויענציעמער, פֿאַר גאַרנישט! איר מיינט, אַז נאָר איר זײַט קלוג, אַז נאָר איר האָט שכל!... איך פֿרעג אײַך? פֿאַר־וואָס האָט איר מיך פֿריער ניט געלאָזט קומען צו אײַך? איך וואָלט נישט דערלאָזט, אַז באָרים זאָל אַוועקפֿאָרן און ראָזע זאָל איבערבלײַבן אַליין, באַ אַזאַ טרויעריקער לאַגע! איך, וואָס האָב אַליין איבערגעלעבט כמעט דאָס זעלבע, וואָס ראָזע לעבט איצט איבער, וואָלט שוין גע־ווּסט וואָס צו טאָן!... נאָר, אײַזענשטאַדט, איר זײַט פֿון תמיד אָן אַ סקעפּטיק. ס׳טײַטש, וויאַזוי קאָנט איר גאָר רעכענען אַזעלכעס אויף אונדזער אָרנטלעכן באָריסן, וועלכער — דאָס איז באַ מיר זיכער ווי דער טאָג — וועט הײַנט־מאָרגן קומען צוריק צו ראָזען! גלויבט מיר, אַז ער

איז גלײַך אומגליקלעך ווי ראָזע, און זי איז גערעכט, וואָס זי פּאַרענט־פערט אים. דאָס, וואָס עס האָט זיך געטראָפן אצינד, האָט מען באַדאַרפט דערוואַרטן פריער; איך האָב אײַך ניט איין מאָל געזאָגט, אַז קיין גליק־לעכע ליבע איז גאָר אױף דער וועלט ניטאָ, אַז יעדע ליבע מוז זיך ענדיקן טרויעריק, אַז דאָס גאַנצע לעבן איז אַ שרעקלעכע טראַגעדיע...

„דאָס, וואָס איך וויל אײַך אצינד שרײַבן, איז זייער־זייער ניט פריילעך: די מאַדאַם פּורמאַן, ראָזעס מוטער, איז נעכטן געשטאָרבן... גאָט זאָל אײַך אָפּהיטן פון צו זאָגן דאָס ראָזען! די דאָזיקע אומגליקלעכע פרוי, וואָס האָט אַזוי ליב געהאַט איר איינציק קינד, איז אויסגעגאַנגען מיט אַ קללה אױף די ליפּן... איר דאַרפט זיך שטויסן, ווען זי האָט גע־שאָלטן: זי האָט אײַך גערעכנט פאַר איר מלאך־המות, און איר דאַרפט איר מוחל זײַן — זי איז גענוג אָפּגעקומען אױף דער וועלט!... איך קאָן זיך אָן טרערן ניט דערמאָנען, וואָס זי האָט איבערגעטראָגן פון איר מאַן דעם דעספּאָט די לעצטע צײַט. זי האָט שוין באַ אים לאַנג פון קיין וועלט ניט געוווּסט; נאָר זינט די טאָכטער איז אַנטלאָפן, איז מאיר פּורמאַן געוואָרן ערגער ווי אַ ווילדע חיה. ער האָט איר אַלע מינוט געשטאָכן די אויגן מיט די אויסגעלאַסענע טאָכטער, וואָס איז אַנטלאָפן מיט אַן אָרעמען סטודענט (איר פאַרשטייט באַטש, אײַזענשטאַדט, וועמען מען מיינט דאָ?...). און צײַטנווײַז, אַז זי האָט שוין נישט געקאָנט איבער־טראָגן און האָט אים געענטפערט מיט אַ וואָרט אָדער צוויי, האָט ער זי געטריבן פון שטוב און האָט איר געשריען:

„— גיי דיר צו דײַן טאָכטער, צו דער מופקרת!... איר מיינט, איר וועט מיך ירשענען לעבעדיקערהייט?...

„אַז זי איז שלאָף געוואָרן, האָט ער נישט געוואָלט רופן דעם דאָק־טער... די דאָזיקע אומגליקלעכע פרוי האָט געצאַנקט, ווי אַ ליכט. ער האָט נישט צוגעלאָזט צו איר קיינעם; ער האָט פאַרטריבן אַלע קרובים. איך האָב זיך ניט געטאָרט ווײַזן פאַר זײַנע אויגן; ער האָט כסדר גע־זאָגט, אַז ער וועט מיך פאַרשיקן אין סיביר... נאָר צום סוף, אַז ער האָט דערזען, אַז זײַן ווײַב גייט שוין אויס, האָט ער אַראָפּגעבראַכט אַלע דאָק־טוירים פון דער שטאָט. ער איז אַרומגעלאָפן, ווי אַ משוגענער. ער האָט געוואָרפן די שליסעלעך. ער האָט געעפנט דעם קאַסטן און האָט געשריִען:

„— ראַטעוועט! ראַטעוועט! נעמט וויפל איר ווילט — און ראַ־טעוועט!

„ער האָט מיך געשיקט רופֿן. איך האָב נישט געגלויבט מײַנע אויגן: ער איז געווען פּאַרווײנט, צעפּלאָכטן, און האָט ניט געקאָנט אײַנזיצן אויף איין אָרט. ער האָט מיך געכאַפּט פאַר א האַנט און האָט מיך צוגע־פירט צום בעטל, ווו זײַן אומגליקלעכע ווײַב איז געלעגן בא די לעצטע גראָדן.

„— דו זעסט, טײַבעלע? — האָט ער איר געזאָגט, אײַנבויגנדיק זיך צום בעטל. — דו זעסט, טײַבעלע? דאָס האָב איך דיר געבראַכט בערטען. דו זעסט, טײַבעלע? אָט דאָס איז בערטע...

„טײַבעלע האָט שוין ניט געזען און ניט געהערט. אין צוויי שעה אַרום איז זי שוין געווען אויף דער אמתער וועלט.

„נאָר דער דאָזיקער אומגליקלעכער פרוי איז אָנגעצייכנט געווען נישט אַזוי גרינג צו קומען אַהין, ווו זי האָט באַדאַפֿט געפינען איר רו... מאיר פורמאַן, וואָס האָט א שעה פֿאַר זײַן ווײַבס טויט געוואָרפֿן מיט א סך טויזנטער — אַבי מע זאָל אים לעבעדיק מאַכן זײַן טײַבעלען, האָט זיך נאָך איר טויט אײַנגעשפּאַרט און האָט מער ניט געוואָלט געבן דער חברה־קדישא, ווי דרײַסיק רובל. א גאַנץ מעת־לעת האָט ער זיך געדונ־גען, ווי מען דינגט זיך פֿאַר אַן אָקס, — ביז מען האָט קוים אויסגעריסן בא אים הונדערט רובל. איך בין גאָר ניט אימשטאַנד צו באַשרײַבן אײַך די בזיונות, מיט די קללות, מיטן גאַנצן רעש, וואָס עס האָט זיך דאָ גע־טאָן אין דעם מעת־לעת וואָס זײַן ווײַב איז געלעגן אויף דער ערד און ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט די שליסעלעך און געטאַפּט דעם אײַזערנעם קאַסטן!

„נאָר איין זאַך קאָן איך ניט פאַרשטיין: הײַנט פּאַרנאַכט האָב איך געזען אַרײַנגיין צו פורמאַנען אין הויף אַרײַן דעם הער מאָטל פרידמאַן! וואָס קאָן דאָס באַטײַטן? אפשר איז ער אַזוי אַרײַנגעגאַנגען, מנחם־אבל זײַן זײַן אַלטן חבר?... איך קאָן דאָס ניט פאַרשטיין! איך האָב נאָר־וואָס געשיקט אַהין מײַן מיידל, זי זאָל א קוק טאָן, וואָס איז דאָרטן און וואָס טוט זיך בא פורמאַנען?... דאָס מיידל איז געקומען און זאָגט, אַז דאָרט איז שוין קיינער ניטאָ אַצינד; נאָר דער הער פורמאַן איז אַזוי בייז, אַזוי צערייצט! ער שרײַט אויף דער דינסט (ער האַלט איצט ניט מער ווי איין דינסט — אַן אַלטע ייִדענע, א קאַרגע, ווי ער אַליין), אַז טאָמער וועט זי דאָס צווייטע מאָל אַרײַנלאָזן אָט דעם קעשעניק, אָט

דעם גנב, — וועט זי האָבן באַ אים דעם מויט! איך קאָן דאָס גאָר ניט פאַרשטיין, וואָס דאָס באַטײַט!...

„אַך, אײַזענשטאַדט, אײַזענשטאַדט! איך בין אײַך מקנא אַף אײַער פלעגמאַטישן כאַראַקטער. איר קאָנט אַלץ איבערטראָגן קאַלטבלוטיק. איר זײַט קיינמאָל ניט געווען קיין אומגליקלעכע פּרוויענצימער, און אײַער האַרץ, ווי איך זע אַרויס, איז נאָך גאַנץ פרײַ פון דעם הייליקן געפיל, וואָס ווערט אָנגערופן „ליבע”... איר ווילט נישט גלויבן, אַז באָריס איז מיט זײַן גאַנץ לעבן איבערגעגעבן ראָזען. איר קאָנט דאָס ניט פאַרשטיין, אַיאָ? — זאָג איך אײַך, אַז עס איז געווים אַזוי!... אמת, איך האָב דאָס פון באָריסן נישט געהערט, מחמת זען זיך מיט אים ביז אַהער איז מיר נישט געווען מעגלעך בשום אופן ואופן. און איצט... איצט איז ער ניטאָ; ער איז מיט זײַן מוטער ערגעץ אַוועקגעפאָרן. מע זאָגט, אַז קיין אויסלאַנד; נאָר עס איז ניט אמת: מײַן דינסטמיידל האָט געהערט פון אליק דעם משרת, אַז די בריוו שיקט מען זיי קיין וואַרשע, ניט קיין אויסלאַנד. איך רעכן, אַז צוליב דעם זײַנען זיי זיך דורכגעפאָרן קיין וואַרשע צו ווייערן אַ פרײַנט אָדער אַ באַקאַנטן, בכדי די מײַלער פון אונדזערע רכילותניקעס (איר געדענקט די מאַדאַם רעגנבויגן, שטעכנהאָלץ, שפּיגלגלאָז א. ד. ג.?) זאָלן פאַרשטאָפּט ווערן אַף אַ קליינער צײַט... און איך זאָג אויך, אַז עס איז גאָר קיין עולה ניט פון זייער זײַט, מחמת פון דעם ערשטן טאָג נאָך אײַער אַוועקפאָרן פון דאַנען האָבן זיך דאָ די מײַלער נאָך ניט צוגעמאַכט ביז הײַנטיקן טאָג. עס איז געווען אַזאַ גערודער אין שטאָט, אַז עס האָט זיך געטאָן חושך! אין יעדן הויז, אַף יעדער גאַס, אין אַלע ווינקעלעך האָט מען נאָר גערעדט פון מאיר פורמאַנס טאָכטער, וואָס איז אַנטלאָפן מיט אַן אָרעמען סטודענט, פרידמאַנס אַ חבר. און מערקווירדיק! איר זײַט דאָך מיט קיינעם ניט געווען באַקאַנט אין דער דאָזיקער שטאָט, — און פונדעסטוועגן זאָלט איר הערן, וואָס פאַראַ מיינונגען יעדער זאָגט זיך וועגן אײַך; דער זאָגט, אַז מען האָט געזען באַ אײַך אַפן פּנים אָנגעצייכנט, אַז איר זײַט אַ גנב אַ רוצח, אַ מענטשנפרעסער; דער זאָגט, אַז איר זײַט גאָר ניט קיין סטודענט, נאָר אַ „ליטוואַק”, וועלכער האָט ערגעץ אין דער ליטע נאָך דרײַ ווײַבער; און דער דריטער זאָגט, אַז איר זײַט גאָר אַן אַנטלאָפענער סאָלדאַט!... הכלל, עס איז גאָר ניט איבערצוגעבן די אַלע היסטאָריעס, וואָס יעדער דערציילט זיך דאָ אָן וועגן אײַך. און שטעלט אײַך פאָר זייער איבער־

ראשונג, ווען זיי האָבן דערהערט, אַז ניט איר, נאָר דער יונגער פרידמאַן האָט חתונה געהאַט פאַר דער אַנטלאָפענער! דאָ איז געוואָרן אַזאַ געוואַלד אין שטאָט, אַז ווען איך זאָל ניט געווען מורא האָבן אַרויסצוגעבן דעם סוד, וואָלט איך שוין לאַנג אַנטלאָפן פון דאַנען. איך ווייס נאָך עד היום ניט, פון וואַנען און ווי אַרום איז מען דאָ געוואָר געוואָרן וועגן דער חתונה, נאָר מען ווייס שוין אַלץ ניט קוקנדיק דערויף, וואָס די פרידמאַנס האָבן ניט באַוויזן קיין שום מינע, אַז עס קער זיך אָן מיט זייער זון. שטעלט אײַך פאָר, ווי אַזוי איז געווען דער מאַדאַם פרידמאַן צו קומען צוריק אַליין, אָן באָריסן, און נאָך מאַכן יעדן אַ פריילעכע מינע, ריידן גלײַך מיט אַלע וועגן אײַער ראָמאַן מיט ראָזע פורמאַן... און נאָך דעם, אַז מען איז אין גיכן געוואָר געוואָרן דעם אמת, האָט יעדער איר געקוקט אין פנים אַרײַן און האָט געוואָלט איבערלייענען באַ איר אפן שטערן די משעה מיט איר זון און מיט דער אַנטלאָפענער — און זי, די מאַדאַם פרידמאַן, זאָל דאָס אפילו מיט אָן אויג אַ פינטל טאָן! גאָרניט, לעבעדיק, פריילעך, ווי תמיד!... כמעט יעדן טאָג זײַנען געקומען צו איר די גוטע פרײַנט, די מאַדאַם רעגנבויגן מיט די געלע טעכטער, די מאַדאַם שפיגעלגלאָז און די מאַדאַם שטעכענהאָלץ, און די גאַנצע צײַט האָבן זיי מיט איר גערעדט נאָר וועגן „דער אַנטלאָפענער", און הונדערט מאָל אַ מינוט איבערגעפרעגט, וווּ איז אַצינד איר באָרים? וואָס מאַכט ער אין געזונט? פאַרוואָס זאָל מען אים ניט אָפּזוכן קיין רעכטע פּאַרטיע? אליק דער משרת האָט מיר איבערגעגעבן, אַז אויף די אַלע פראַגן האָט זי געענטפערט פריילעך, גלײַך ווי תמיד. דערפאַר אָבער האָט זי זיך מיט זיי אָפּגערעכנט אָט דאָ, אַז באָרים איז געקומען! זי איז מיט אים די גאַנצע צײַט געזעסן אויפן באַלקאָן, בכדי מען זאָל אים זען, אַלע זאָלן אים זען — און דערמיט פאַרשטאָפּן די בייזע מײַלער. זי איז געגאַנגען און געפאָרן מיט אים עטלעכע מאָל אין טאָג שפּאַצירן און האָט אים אויסגעפירט אין אַלע גאַסן, אין אַלע געסלעך, — אַלע זאָלן זען, אַז איר באָרים איז דאָ, אַז ער איז ניט אַנטלאָפן מיט קיינעם, ובפרט נאָך מיט דער שוואַרצער ראָזע פורמאַן פונעם קליינעם שטיבל מיט די „רויטע לאָדן".

מען האָט מיר דערציילט פון דער זעלביקער מאַדאַם פורמאַן, אַז בשעת מלכה פרידמאַן מיטן זון זײַנען דורכגעגאַנגען פאַרבײַ איר פענצטער, איז זי געפאַלן אויפן בעט, און מע האָט זי קוים אָפּגעראַטעוועט... נאָר די מאַדאַם פרידמאַן האָט שוין מער נישט געקאָנט איבערטראָגן אויף זיך דעם

גיפט פון די לאַנגע צונגען און האָט געמוזט אָפּטרעטן אויף אַ קלענער צײַט מיט באָריסן פון דאַנען — און זיי האָבן געטאָן זייער קלוג! אָך, ווען איר זאָלט געווען זען, וויאַזוי אונדזער יונגער העלד האָט אויף מיר געקוקט מיט זײַנע שיינע אויגן פונעם אײַזערנעם באַלקאָן, בעת איך בין פאַרבײַגעגאַנגען אַ האַלבע שעה פאַר זײַן אָפּרײַזן פון דאַנען מיט דער מוטער! ווען איר זאָלט געווען אין דער דאָזיקער מינוט אַ קוק טאָן באָריסן אין די אויגן אַרײַן, וואָלט איר שוין מער ניט געצווייפלט, אַז זײַן ליבע צו ראָזען איז פיל גרעסער און שטאַרקער, ווי איר קאָנט זיך פאָרשטעלן מיט אײַער שׂכל...

„כּדי איר זאָלט מיך בעסער פאַרשטיין, וועל איך אײַך דאָ איבערגעבן אַלץ, וואָס איז פאָרגעקומען צווישן מיר און באָריסן זינט ער איז געקומען צוריק מיט זײַן מוטער.

„אַז באָריס איז געקומען, האָב איך מיך דערוווּסט באַלד פון אַליק דעם משרת, וועלכן איך האָב אונטערגעקויפט שוין פון לאַנג, ער זאָל מיר אָפּטראָגן יעדע קלייניקייט, וואָס עס קומט פאָר בײַ די פרידמאַנס אין הויז. איך האָב אים פײַן באַלוינט און געהייסן, ער זאָל איבערגעבן באָריסן פון מיר אַ בריוו. איך דאַרף אײַך ניט דערציילן, וואָס איך האָב אים געשריבן; איר קאָנט זיך אַליין פאָרשטעלן, ווי איבערראַשט איך בין געווען, אַז איך האָב דערהערט, אַז באָריס איז געקומען אַליין, אָן איר! אויף דעם צווייטן טאָג האָט מיר אַליק איבערגעגעבן, אַז מײַן בריוו האָט ער אים אָפּגעגעבן מיט גרויס מי, נאָר קיין ענטפער קאָן אַזוי גיך ניט זײַן, מחמת די מאַדאַם פרידמאַן טרעט נישט אָפּ אויף קיין רגע פון איר זון. זי זיצט מיט אים, זי גייט מיט אים, זי לאָזט פון אים קיין אויג נישט אַראָפּ; אפילו אַז ער לייגט זיך שלאָפן בײַנאַכט בײַ זיך אין צימער, שטייט זי לאַנג הינטער דער טיר, אָדער זי דרייט זיך אַזוי אַרום אין דעם צווייטן צימער, בכּדי זי זאָל קאָנען זען, וואָס ער טוט, און הערן, וואָס ער רעדט דאָרט מיט אַליקן אָדער מיט אַן אַנדער באַדינער. זי האָט שטרענג פאַרבאָטן, אַז קיינער זאָל זיך ניט דערוועגן ברענגען אָדער אָפּטראָגן אַ בריוו פון באָריסן אָן איר וויסן, אַזוי אַז יעדער בריוו, וואָס ער שיקט־אָפּ אויף דער פּאָסט, פאַלט אַרײַן גלײַך צו איר אין די הענט אַרײַן... הײַנט פאַרשטייט איר שוין, ליבער אײַזענשטאַדט, ווי אומגליקלעך אונדזער יונגער העלד איז בײַ אַט אַזעלכע פאַנאַטישע עלטערן, בײַ אַט אַזעלכע דעספּאָטן? ערשט אויף דער אַנדערער וואָך האָט מיר אַליק געבראַכט

אַף אַלע מײַנע בריװ (מער װי צען) אײן ענטפער פון באָריסן. איך גיב אײַך דאָ איבער, ליבער אײַזענשטאַדט, בוכשטעבלעך זײַן קװיטעלע, פון װעלכן איר װעט זיך געװיס קאָנען ראָפּנעמען אַ מוסר, װאָס הײסט ליב האָבן און זײַן אומגליקלעך. אָט װאָס באָריס שרײַבט מיר:

„טײַערסטע פרײנט בערטע! אײן גאָט איז מײַן עדות, אַז איך האָב אײַך ביזן הײַנטיקן טאָג ניט געקאָנט שרײַבן. איך שרײב יעדן טאָג בריװ צו מײַן טײַערער ראָזעטשקען, און האָב ביז הײַנט קײן שום ענט־פער. איר פרעגט מיך, װאָס האָב איך געפּועלט מיט מײַן קומען אַהײם? אַ, איך פּאַרהאָף, אַז איך װעל געװיס מײַן ציל דערגרײכן! גיך־גיך װעלן מיר זײַן גליקלעך צוזאַמען מיט מײַן טײַערער ראָזען, װעלכע שטײט מיר שטענדיק פאַר מײַנע אױגן (איר הערט, אײַזענשטאַדט?). איך װעל אײן מאָל פאַר אַלע מאָל לײגן אַ פעסטן פונדאַמענט, אַף װעלכן אונדזער ליבע װעט זײַן געבױט עפנטלעך פאַר אַלעמען, אַזױ אַז אַלע זאָלן װיסן און זען, אַז ראָזע איז מײַנע, מײַנע אַף אײביק!... איך בעט אײַך, ליבע בער־טע, שרײַבט צו מײַן ראָזען און גיט איר איבער מײַן ביטערע לאַגע, אין װעלכער איך געפין זיך אַצינד, און טרײסט זי מיט דער האָפענונג, אַז מיר װעלן גיך װידער לעבן צוזאַמען, און אונדזער ליבע, אונדזער גליק װעט שױן מער קײנער ניט שטערן, און עס װעט שױן אַלץ זײַן גוט, אַזױ װי עס באַגערט אײַער איבערגעגעבענער

„באָריס פרידמאַן".

„עס פאַרשטײט זיך, אַז אַף דעם דאָזיקן בריװ האָב איך אים אָפּ־געענטפערט פּינקטלעך, אַף יעדער זאַך באַזונדער, און האָב אים געגעבן אונטערריכט, װי אַזױ ער זאָל צוטרעטן צום פאָטער און צו דער מוטער װעגן דער הױפּט־פראַגע, און װי אַזױ ער זאָל װירקן אַף זײערע הערצער — ער איז דאָך פאָרט זײער אײן־און־אײנציק קינד, אײן אױג אין קאָפּ! איך װײס ניט עד היום, װאָס און װי אַזױ ער האָט מיט זײ גערעדט און צו װאָס פאַרא רעזולטאַט זײ זײַנען געקומען, מחמת פון באָריסן האָב איך שױן מער קײן בריװ ניט געקאָנט באַקומען; נאָר װעדליק װי אַליק האָט מיר איבערגעגעבן אײניקע קלײניקײטן, פאַרשטײ איך, אַז אונדזער מי װעט ניט זײַן אומזיסט, און אונדזער אומגליקלעך פּאָרפאָלק װעט ענד־לעך װידער צוזאַמען זײַן אַף אימער און אײביק. דערהױפּט בעט איך אײַך, ליבסטער אײַזענשטאַדט, אַכטונג געבן אַף אונדזער טײַערסטער

ראָזעטשקע און — חיות ניט זיכער! — ניט אַרויסכאַפּן זיך פאַר איר מיט אַזעלכע ווערטער, ווי איר שרײַבט צו מיר. היט־אָפּ, אײַזענשטאַדט, דאָס דאָזיקע יונגע בלימל, עס זאָל אױף דעם קיין שטויב ניט פאַלן. דאָס איז אײַער פליכט אַלס מענטש און מאַנספּערזאָן. אַדיע! אונדזער ראָזעטשקען שיק איך באַזונדער אַ בריוו.

„אײַער בעסטער פרײַנט, וואָס פאַרבלײַבט צו אײַך מיט גרויס אַכטונג, ניט קוקנדיק דערויף, וואָס איר זײַט אַזאַ קאַלטער עגאָאיסט...

„בערטע שימשעלביין".

ג.

פון פּ. אײַזענשטאַדט צו ב. שימשעלביין.

„בערטע! קומט צו פאָרן. אפשר וועט איר בעסער קאָנען אויסקומען מיט איר... זי איז זייער־זייער אומגליקלעך און דאַרף האָבן הילף. זי נייטיקט זיך, מע זאָל זי היטן — און איך קאָן דאָס ניט, איך טויג ניט דערצו. איך זע, אַז איך פאַרשאַף איר נאָר שמערצן — און מער נישט! פאַר אײַער אַרויספאָרן שרײַבט אַ בריוו. איך דערוואַרט אײַך, איך קוק אויס אױף אײַך. למען השם, קומט צו פאָרן!

„פּ. אײַזענשטאַדט".

ד.

פון בערטע שימשעלביין צו פּ. אײַזענשטאַדט.

„ליבסטער פרײַנט! איר האָט מיך מיט אײַער לעצטן בריוו אַזוי פיל איבערגעשראָקן, אַז איך בין אויס מענטש. איך פאָר באַלד אַרויס און וועל שוין זײַן אַליין בײַ ראָזעטשקען, און איר זאָלט די רגע אַרויספאָרן אַהער און קומען גלײַך צום הער פרידמאַן. איר וועט אים טרעפן דאָ אַליין, ווײַל אונדזער אומגליקלעכער באַרים מיט דער מוטער זײַנען אַצינד אין אויסלאַנד. איך גלויב, אַז בײַ דער מוטער האָט באַרים שוין לאַנג געפועלט; מע דאַרף נאָר איבעררעדן מיטן פאָטער. מיין איך, אַז איר, ליבער אײַזענשטאַדט, זײַט דערצו מער פעיִק, ווי אַן אַנדערער. איר זאָלט אויסנוצן אַלע מיטלען און אויסמאָלן פאַר אים מיט אַלערליי פאַרבן די טרויעריקע לאַגע פון זײַן בן יחיד און פון זײַן יונגער אומשולדיקער פרוי ראָזע, וואָס האָט שוין געגנוג־געגנוג געליטן, גענוג איבערגעטראָגן, גענוג אָפּגעקומען פאַר די זינד פון די עלטערן, וועלכע זײַנען אַזוי אײַנגעשפּאַרט

אין זייער פאנאטיזם ;... איך דארף אײַך נישט לערנען, וויאַזוי צו ריידן. ריידן קאנט איר; הלואי וואלט איר אזוי געקאנט פילן, ווי איר קאנט ריידן... גריסט ראָזען און זאָגט איר, אז איך פאר צו איר די מינוט, די רגע!

אײַער בעסטער פרײַנט בערטע שימשעלביין".

ה.

פון פ. אײַזענשטאַדט צו ב. שימשעלביין.

„בערטע! בערטע! צו וואָס האָט איר מיך געשיקט אַהער? קאַרג געווען פאר מיר דאָס, וואָס איך האָב איבערגעטראָגן דאָרט? אך, וואָס פאַרא האַרטער מענטש דער הער פרידמאַן איז! און מערקווירדיק — וואָס פאַרא קלוגער מענטש, וואָס פאַרא פראַקטישער מענטש דאָס איז! איך האָב אים גאָר ביז איצט אַזויפיל ניט געקענט. איך האָב קיין צײַט ניט געהאַט צו אויסריידן עטלעכע ווערטער, האָט ער מיך שוין איבער־געשלאָגן און האָט מיר פאַרגעלייגט אַזעלכע פראַגן, אַז איך בין געבליבן אָן לשון. איך האָב אײַך געפאָלגט, בערטע, און האָב אים אָנגעהויבן אויסצומאָלן מיט שרעקלעכע פאַרבן די ביטערע לאַגע פון זײַן אומגליק־לעכן זון. האָט ער מיך אַזוי אויסגעלאַכט, אַז איך האָב שוין ווײַטער ניט געהאַט וואָס צו זאָגן.

„— ע, ברודער! — האָט ער מיר געזאָגט דערויף מיט אַ קלאַפּ אין די פּלייצעס אַרײַן. — ע, ברודער! איר לאַכט מיך אויס, איר מאַכט פון מיר חוזק, אַפּנים, יונגערמאַן! נישקשה, איר וואָלט זיך געמעגט ווינטשן כאָטש האַלב אַזוי אָפּלעבן ווי אײַער אומגליקלעכער „העלד" לעבט זיך אָפּ אַצינד אין אויסלאַנד! אַך, ווי טרויעריק זײַן לאַגע איז! ווי „אומגליקלעך" ער איז אַצינד ערגעץ אין אַ טעאַטער נעבעך, אָדער אין אַ שיינעם רעסטאָראַן נעבעך, וווּ ער זיצט נעבעך איבער אַ שיינעם מאָלצײַט נעבעך מיט אַ גוטן גלאָז ווײַן, און מיט אַן אַראָמאַטישן ציגאַר נעבעך! איר פאַרשטייט צי ניין?...

'גלייבט מיר, בערטע, אַז ער קען זײַן זון אַ סך מער, ווי איך מיט אײַך קענען אים. צום לעצט האָט ער מיר ערנסט געזאָגט, אַז ער האָט רחמנות אויף דער אומגליקלעכער ראָזע און פאַרשטייט, ווי שלעכט עס איז איר אַצינד און ווי טרויעריק איר לאַגע וועט נאָך זײַן שפּעטער... ווי אַ גוטער פרײַנט, האָט ער מיר אַן עצה געגעבן, אַז מיר זאָלן בײס־

לעבוויַיז אויפדעקן פאַר איר, ווער איר אָפּגאָט איז און וואָס ער איז... ער האָט מיך אויסגעפרעגט, וויאַזוי זי פאַרברענגט די צײַט, און פון וואָס לעבט זיך, און צי נייטיקט זי זיך אַצינד אין געלט, וועט ער איר שיקן, וויפל זי דאַרף... אָך, בערטע, בערטע, איך זאָג אײַך נאָכאַמאָל, און וועל אײַך שטענדיק זאָגן דאָס זעלבע, אַז מיר, נאָר מיר זײַנען שולדיק אין איר אומגליק, און גאָט וויים, מיט וואָס עס וועט זיך נאָך ענדיקן!...

„איך האָב דאָ שוין מער ניט וואָס צו טאָן, און אױף זײַן מוטער זאָלט איר אויך קיין האָפענונג ניט האָבן. דער הער פרידמאַן האָט מיר אויסדריקלעך געזאָגט, אַז „פריִער וועט דער הימל קומען צו דער ערד, איידער מײַן מלכּה וועט דערלאָזן, אַז איר באָרים זאָל זײַן פורמאַנס איידעם, און ווען איר זאָלט קענען מײַן מלכּהן, וואָלט איר געזעסן באָרוט אינדערהיים, וואָרום מײַן מלכּה — דאָס איז שטאָל און אײַזן: זי וועט זיך גיכער צעברעכן, איידער אײַנבייגן. איר פאַרשטייט צי ניין?" — און מיט די ווערטער האָט מיך דער הער פרידמאַן אָפּגעלאָזט. איך בלײַב דאָ נאָך אױף אַ צוויי טעג און וואַרט אױף אײַער ענטפער. שרײַבט מיר, איך בעט אײַך, וואָס מאַכט ראָזע? גאָט זאָל העלפן, זי זאָל אױ־בערקומען, ווי עס געהער צו זײַן... איך וואָלט איר איבערגעגעבן אַ גרוס, נאָר איך וויים, אַז זי גייט ניט אַזוי שטאַרק אויס נאָך מײַן גרוס... אַ וווּנדערלעכע זאַך, כ'לעבן!...

„אײַער פרײַנט, וואָס קוקט אַרויס אױף אײַער גיכן בריוו,

„פּ. אײַזענשטאַדט".

ו.

(טעלעגראַמע)

פון בערטע שומשעלביין צו פּ. אײַזענשטאַדט.

„הער אײַזענשטאַדט. הײַנט אָוונט האָט ראָזע געהאַט אַ מיידל און איז געשטאָרבן. דאָס קינד לעבט. קומט צו פאָרן.

„בערטע".

עפּילאָג

ווו דער פּראָפעסאָר זאָגט נאָך עטלעכע ווערטער און געפינט, אַז עס איז שוין צייט צו געזעגענען זיך מיטן לעזער און מאַכן אַ סוף מיט דער דאָזיקער ווירקלעכער געשיכטע

געזעגענענדיק זיך מיטן לעזער, מוזן מיר, ווי עס פירן זיך אויף דער וועלט די אַלע ראָמאַניסטן, שענקען אים אַן עפּילאָג און איבערגעבן אַלץ, וואָס עס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט אונדזערע העלדן, וועלכע ווערן דערמאָנט אין דער דאָזיקער ריכטיקער, ניט אויסגעטראַכטער געשיכטע.

אַלע אונדזערע באַקאַנטע פּאַרשוינען זיינען געזונט און שטאַרק, אויסער די צוויי אומגליקלעכע פּרויען: טײַבעלע פורמאַן און ראָזע פרידמאַן. אפילו דער אַלטער מאיר פורמאַן לעבט נאָך! נאָר זײַן לעבן איז טרויעריקער, ווי דער טויט: צו וואָס און פון וועמענטוועגן לעבט אַזאַ אומגליקלעך נפש אויף דער וועלט? פון וועמענטוועגן האַלט ער דעם אײַזערנעם קאַסטן מיט געלט? צו וואָס פאַרשליסט ער די רויטע לאָדן אַלע נאַכט, און אַז ער דערהערט אַ שאָרך פון אַ מויז, ווערט ער פאַרציטערט און כאַפּט זיך צו די שליסלעך? צוליב וועמען טרײַבט ער אַן אָרעמאַן פון שטוב? פאַר וועמען און פאַר וואָס קוילעט ער זיך אַלע טאָג מיט דער ייִדענע פאַר די אָפּגעלעקטע ביינער, וואָס זי וואַרפט אַרויס פאַר די הינט? אַז עס וועט אַ קלאַפּ טאָן זײַן לעצטע שעה, וועט ער שיקן רופן דעם רב מיט די דיינים און וועט מאַכן אַ „צוואה": כך וכך רובל אויף „עולמות"; כך וכך רובל אויף אַ מרחץ; כך וכך אויף דעם הקדש; כך וכך קיין ליבאַוויטש דעם רבין אויף אַ סוכה (וואָס ווײַטער ווערט ער אַלץ פרימער); כך וכך אויף „חברה־קדישא", אויף „הזכרת־נשמות", אויף „חברה תהלים, אויף „חברה משניות", אויף „עשרה בטלנים"... אויף דעם דאָזיקן געלט וועט ער מאַכן עטלעכע אַפּעקונעס, גבירים, שיינע ייִדן, וואָס וועלן זיך נאָכדעם צווישן זיך צעטיילן אחת ואחת, און די אָרעמעלײַט פון דער שטאָט וועלן אַרומגיין פון איינעם צום אַנדערן און

וועלן שרײַען: „גנבים! רוצחים! הולטײַעס! ווו איז ערגעץ דאָס געלט, וואָס רב מאיר פורמאַן האָט איבערגעלאָזט? די נגידים האָבן זיך צע־טיילט — און מיר וועלן שווײַגן?! גיט אונדז אָפּ פורמאַנס געלט — עס איז אונדזער געלט!"...

אָט אַזוי זינגען, הייסט עס, די „רויטע לאָדן" שוין פאַרמאַכט פאַר אונדז אויף תמיד... אָבער דער אײַזערנער באַלקאָן"?

דער „אײַזערנער באַלקאָן" איז תמיד יונג, תמיד פריילעך, תמיד באַלויכטן און פול מיט געסט, פונקט ווי פריִער, קיין שום פאַרענדערונג! דאָס געשעפט פון דער גלענצנדער פירמע „פרידמאַן" איז זייער אַ גרויס געשעפט. די קלייטן וואַקסן. די קאַנטאָר ארבעט. מאָטל פרידמאַן איז שטענדיק פאַרנומען מיט זײַנע חשבונות. ער איז שטענדיק פאַרטראַכט. ער איז אײַנגעטונקט פון קאָפּ ביז פיס אין ציפער... אַז זײַן זון איז דאָס ערשטע מאָל געקומען אהיים צוגאַסט מיט זײַן גרויסאַרטיקער פרוי „יאַדוויגאַ", די טאָכטער פונעם וואַרשעווער באַנקיר לודוויק עסיגמאַכער, איז מלכה געווען אַזוי גליקלעך, אַז זי האָט אַרומגעכאַפּט דעם מאַן קושן.

— וואָס זאָגסטו עפּעס, מאָטל, אויף אונדזער באַריסן און אויף זײַן פרוי, אויף יאַדוויגאַן?...

— יאָ, אויב אונדזער פויגל וועט אויסקוואַרפּן די שאַרלאַטאַנסקע שטיק, קאָן פון אים ווערן מיט דער צײַט אַ שטיקל מענטש, דו פאַר־שטייסט צי ניין?... איך האָב געהאַט אַ דעפּעש פון זימעלשטיין. פאַרקויפט דרײַסיק טויזנט פוד צוקער אויף חודש מײַ — בין איך צופרידן. דו פאַרשטייסט צי ניין?...

וואָס האָט געטאָן מאָטל פרידמאַן בײַ מאיר פורמאַן, בעת יענער איז געבליבן אַן אלמן? עס ווײַזט אויס, אַז אין פרידמאַנען האָט פּלוצים אָנגעהויבן צו ריידן זײַן געוויסן. צי אפשר האָט ער זיך דערמאָנט, אַז ער, מ אָ ט ל ־ מ ו ז י ק, איז אַמאָל געווען אַ חבר און אַ גוטער ברודער מיט מ א י ר ק וו א ש ע? אָדער ער האָט געוואָלט מיט זײַן וויזיט פונעם „אײַזערנעם באַלקאָן" צו די „רויטע לאָדן" אויסקויפן זײַנע אַלטע זינד אָקעגן זײַן געוועזענעם שותּף?...

מזל־טוב! אונדזערע האַרציקע שוועסטער מאַשאַ און פּאַשאַ רעגנ־בויגן האָבן שוין חתונה געהאַט פאַר גאַנץ רײַכע קאָמערסאַנטן. די מאַ־דאַם רעגנבויגן איז גליקלעך. אַלע יאָר קומען איר צו אַ פּאָר אייניקלעך. אַליק דער משרת איז בײַ די יונגע פרידמאַנס אַ לאָקיי. ער טראָגט

א ווײַסן זשילעט מיט א זילבערנעם זייגער און זאָגט: „באַ אונדז אין וואַרשאַ".

גאָלדענשטאַדט און זילבערשטאַדט האָבן שוין דיפּלאָמען אין די הענט. דער ערשטער איז אַ דאָקטאָר און קוקט־אַרוים אַף פּאַציענטן, וואָס ווײַזן זיך עפּעס ניט. און דער אַנדערער איז אַן אַדוואָקאַט, וואָס האָט נאָך ניט געהאַט די ערע צו זען אַ קליענט אין די אויגן. זיי זוכן רײַכע פּאַרטיעס און אַרבעטן אַף אַלע כלים.

אײַזענשטאַדט האָט זיך ניט שטאַרק פאַרענדערט פון יענער צײַט. עס האָט זיך אים נאָר אויסגעשאָטן אַ קליין שפּיצעכיק בערדל, וועלכעס גיט אים צו דעם זיבעטן חן. ער איז זייער באַליבט באַ אַלע זײַנע חברים סטודענטן, און אַף יעדער אסיפה איז ער תמיד דער ערשטער, הגם ער קריכט ניט צום אויבנאָן און רײַסט זיך ניט אַף די ווענט.

ראָזעס קינד — זי הייסט נאָך דער מוטער: ראָזעטשקע — געפינט זיך באַ בערטע שימשעלביין.

„בערטע די גרושה" איז נאָך עד היום אַ גרושה. זי איז גערעכט, וואָס זי זאָגט, אַז אונדזער לעבן איז אַ לאַנגע טראַגעדיע און מיר, מאַנצבילן, זײַנען די העלדן — גוטע און שלעכטע העלדן, ערלעכע און פאַרדאָרבענע. זי זאָגט נאָך עד היום: „אַ, מענער, מענער!"...

***

אָט אַזוי ניט־פריילעך האָט זיך אויסגעלאָזט אונדזער ראָמאַן — אַ ראָמאַן, אין וועלכן די הויפּט־ראָלן האָבן געשפּילט ניט קיין העלדן, נאָר קינדער.

סענדער בלאַנק
און זײַן געזינדל

א ראָמאַן אָן אַ „ראָמאַן"

דאָס ערשטע קאַפּיטל.

דער פאָרהאַנג הייבט זיך אויף — און די קאָמעדיע הייבט זיך אָן.

צו אַ גרויסן צווייגאָרנדיקן מויער אויף דער שענסטער גאַס פון דער שטאָט N, (אַזוי הייבן אָן אַלע ראָמאַניסטן, אַזוי הייב איך אויך אָן) פאָרן צו און פאָרן אָפּ אַ גאַנץ פּרימאָרגן פּאַיעטאָנען מיט דראָזשקעס מיט פאַרשיידענע פאַרשוינען; די פאַרשוינען שפּרינגען אַראָפּ און באַצאָלן דעם קוטשער מיט דער ברייטער האַנט, נישט געדונגען זיך.

חוץ וואָס עס פאָרן אַהער אַ גאַנצן טאָג מענטשן, איז שוין דאָ געווען צוויי מאָל דער דאָקטער קלוגער, און נאָך יעדן מאָל, וואָס ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דאַנען, האָבן אים באַגלייט יונגע לײַט מיט ווײַבער און האָבן מיט אים אַ היבשע ווײַלע פאַרבראַכט אויף דעם טראָטואַר, און איינע פון די ווײַבער, די יינגערע, האָט אַלע רגע צוגעטראָגן אַ קלאָר ווײַס טיכעלע צו די אויגן און האָט חוץ דעם געשנײַצט די נאָז מיט אַזאַ כוח, גלײַך ווי זי וואָלט געוואָלט אויסשנײַצן אינגאַנצן אירע צרות דורך דער נאָז. דער דאָקטער קלוגער האָט זי באַרויִקט מיט אַלע מעגלעכקייטן; ער האָט אויסגעשאָטן פאַר דער אומגליקלעכער פרוי אַ סך מיט שיינע ווערטער, וואָס איך מיין, אַז קיינער האָט פון זיי ווייניק וואָס פאַרשטאַנען מחמת דער דאָקטער קלוגער האָט ליב איבערצושיטן זײַן שפּראַך מיט זייער פיל הויכע ווערטער, אָדער גאָר ווערטער פון דער מעדיצין.

— באַרויִקט זיך, מאַדאַם זעמעל, קומט צו זיך; באַטראַכט זיך, אַז איר זײַט אַ מוטער פון קינדער, אַ יונגע מוטער, — וואָס טוט איר דאָס? זײַט רויִק: אייער פאָטער וועט, אם ירצה השם, זײַן געזונט. אמת, ער דאַרף איבערטראָגן זייער אַ שווערן קריזיס, נאָר די נאַטור פונעם

מענטשן איז שטאַרקער פון אײַזן. איר האָט געווים געהערט דאָס וואָרט: „אַ מענטש איז שוואַכער פון אַ שטרוי און שטאַרקער פון אַ שטיין". אַ ווויל וואָרט, כ'לעבן, אַ קלוג וואָרט! מיר דאַרפן זײַן צוגעגרייט צו אַלעם, ווי אַ גרויסער חכם האָט געזאָגט: „סי וויזע פּאַצום פּאַרראַבעלאַם". אויף אונדזער לשון הייסט דאָס: ווילסט דו שלום, טאָ גרייט זיך צו אַ מלחמה... פאַרשטייט איר, מײַנע ליבע דאַמען? אַדיו! אין צוויי שעה אַרום בין איך ווידער דאָ...

— אוי, שוויגער! איר פאַרשטייט וואָס דער דאָקטער זאָגט? ער זאָגט, מ'דאַרף זײַן גרייט, מ'דאַרף זיך ריכטן, איר פאַרשטייט, שוויגער?

— אוי, איך ווייס נישט! איך ווייס נאָר, אַז איך בין אומגליקלעך, עלנט און אומגליקלעך! ווי איז צו מיר און צו מײַנע יונגע יאָר!...

פון דעם טיפן הארצן איז דער מחבר זיך מודה ומתוודה, אַז דער טויט פונעם נגיד מאַכט אויף אים אַ סך אַ גרעסערן אײַנדרוק ווי למשל, פון דעם קבצן; ער האָט זיך נאָך ביז אַהער נישט אָפּגעגעבן קיין דין וחשבון, פאַר וואָס דאָס איז אַזוי; דער קבצן איז דען נישט אַזאַ מענטש, ווי דער נגיד? פאַר וואָס זשע הערן מיר אויס גאַנץ קאַלט, ווען דער שמש קלאַפּט מיט דער פושקע: „צדקה תציל ממות!", אַז יאָסל דער שנײַדער, אָדער הערשל דער שוסטער אין געשטאָרבן? און אַז מ'זאָגט אונדז: „איר ווייסט? רב יאָסעלע איז דאָך געשטאָרבן!" אָדער „רב הערשעלע איז געשטאָרבן!" — טוט עס אונדז אַ כאַפּ און אַ טראָג אין דער לופטן, און מיר ווערן פאַרצאַפּלט: „האַ? וואָס? רב יאָסעלע? וויפל איז געבליבן געלט? וויפל קינדער? ער האָט מיסתמא געלאָזט אַ צוואה? אַזאַ גוטס! אַזאַ רחמנות, כ'לעבן, אָפן ווײַבל!" וועט אונדז דען קומען אָפן זינען אפילו צו באַדויערן די לאַגע פון יאָסל דעם שנײַדערס, אָדער הערשל דעם שוסטערס אַלמנה? ווער וועט זיך דאָס פלוצים אַנידערזעצן מאַכן אַ רעכענונג, וויפל קינדער זיי האָבן געלאָזט? ווו וועלן זיי זיך פּריטוליען מיט די וויסטע אַלמנות, זייערע מוטערס, און וואָס וועט זײַן פון זיי דער תכלית?

מען קאָן אָבער פון דעם אמת נישט אַוועקגיין אפילו אויף קיין טריט, און מיטן גאַנצן ווילן באַגערן מיר צו וויסן, וואָס טוט זיך דאָ אין דעם דאַזיקן הויז? ווער איז דאָ אַזוי מסוכן קראַנק? מיר ווייסן, אַז דאָ וווינט סענדער בלאַנק, כמעט דער גרעסטער גביר פון דער דאַזיקער שטאָט! קאָן עס דען געמאָלט זײַן, אַז סענדער אַליין זאָל זײַן שלאַף און אַזוי

מסוכן שלאָף? מיר קאָנען דאָס שוין מער אָף זיך נישט טראָגן און בעטן אונדזערע נײַגעריקע לייענער מטריח זײַן זיך מיט אונדז צוזאַמען צו סענדער בלאַנק אין שטוב אַריין אים מבקר חולה צו זײַן. נאָר לעת־עתה וועלן מיר אָף אַ ווײַלע אָפּשטעלן זיך דאָ פון הינטן און צוהערן די שיינע רייד, וואָס פרויקע דער משרת האַלט פאַר דעם גאַנצן קאָמיטעט דינסטן, משרתים און פריקאַשטשיקעס; און הגם עס איז זייער נישט שיין איבער־הויפּט אונטערצוהערן זיך, ובפרט נאָך אין קיך, וואָס דינסטן ריידן צווישן זיך, נאָר וואָס זאָל נעבעך טאָן, זאָגט אַליין, איין אָרעמער פאַנאַראַמ־שטשיק, וואָס וויל צופרידן שטעלן אַלע זײַנע ליבע געסט? וואָס זאָל נעבעך טאָן אַ מחבר אַ ראָמאַניסט, וואָס וויל, אַז אַלע קלאַסן לייענער זאָלן זײַן צופרידן? לאָז אײַך צו קיין חרפה נישט זײַן, איידעלסטע דאַמען! צווישן אײַך געפינען זיך אַ סך באַלעבאָסטעס אַזעלכע, וואָס שטייען נישט איין מאָל מיטן אויער הינטער דער טיר צו כאַפּן עפּעס אַ וואָרט פון די דינסטן אין קיך; פון דעם רעדט מען שוין נישט, אַז אַ שוויגער איז מחויב זיך אונטערהערן, וואָס רעדט עפּעס דאָס איידעמל מיט דער טאָכטער אָף איר, אָף דער שוויגער? און די שנור פון איר זײַט מוז דאָך אוודאי וויסן, וואָס שושקעט זיך עפּעס דער שווער מיט דער שוויגער דאָרט, און וואָס ווינקט עפּעס דער שוואָגער מיט דער שוועגערן? אויערן, מײַנע ליבע פרײַנט, אויערן האָט אונדז גאָט געשענקט במתנה, אַז מיר זאָלן דורך זיי הערן, וואָס מ׳רעדט!...

— איך וויים נישט, — זאָגט פרויקע, ווישנדיק די גלעזער און קײַענ־דיק קאָרענעם לעקעך — איך וויים נישט, וואָס פאַר אַ רוח האָט זיך אַרײַנ־געכאַפּט צו אונדזער „אַלטן“ אין בויך אַרײַן! אַליין ליגט ער, ווי אַ קלאָץ, אויסגעצויגן, מיט אָנגעבלאָזענע באַקן, מיט אַ רויטן פּיסק, מיט אַ קאָרק, אָף מיר געזאָגט געוואָרן, און שרײַט, ווי אַ משוגן קעלבל: „אוי, מײַן סוף! אוי, מײַן עק!“ נישט מיט אַזאַ פּנים לייגט מען אין דער ערד אַרײַן, ניין! און דער דאָקטער גיסט אין אים רעצעפּטן, מיט פלעשלעך, מיט דער רוח וויים וואָס! מ׳זאָל באַ מיר פרעגן, וואָלט איך אים געהייסן אויסטרינקען אַ גלאָז ריצנאייל, אַ טאָפּ סאָראָוועץ מיט אַ דרײַ קריגלעך זויערמילך, וואָלט עס אים באַלד געעפּנט די אויגן! נישט אַזאַ בויך נעמט מען מיט פלעשלעך!

די באַלעבאָסטע וויינט דאָך און זאָגט, אַז ער שטאַרבט שוין אוועק?

— האָט זיך אָנגערופן זעלדע די קעכן און האָט אַרײַנגעקוקט אין אויוון אַרײַן.

— זי זאָגט? שפּײַט איר אָן אַ פולן פּנים! — האָט פרויקע מיט היץ געענטפערט און אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע נאָך אַ שטיק לעקעך. — זי ווייס דאָך יאָ מער פון אַ טויטן! דאָס האָבן איר די קינדער אײַנגערעדט; דאָס וואַקסט פון רעוועקען!

— וואָס האָסטו דו צו מײַן מאַדאַם, פרויקע? — האָט זיך אײַנגעשטעלט פאַר איר באַלעבאָסטע אַ יונג מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק מיט דעם נאָמען מלכה־סאָסל.

— ד ײַ ן מ אַ ד אַ ם ? — איז אַף איר פרויקע אָנגעפאַלן. — דײַן מאַדאַם וואָלט שוין לאַנג געוואָלט, אַז דער „אַלטער" זאָל אויסציען די פּיסלעך; פאַר וואָס — דאָס איז שוין „אונדזער" עסק און נישט פאַר דײַן קאָפּ צו פאַרשטיין אַזעלכע זאַכן! דײַן רעוועקע קאָן נאָר שפּילן אין קאָרטן מיט פרעמדע יונגע לײַט און אָפּיפּן אַרויסשטעלן דרײַ פײַגן, און אַמאָל שטילערהייט, אַז קיינער זעט נישט, אָפּשטעקן אים טאַקע אַ פינצטערן פּאַטש אויך. פון וואַנען איך ווייס — דאָס איז שוין „אונדזער" עסק! זי האָט אַזוי ליב דעם טאַטן, ווי אויגן ווייטיק; זי קאָן נאָר אָפּנאַרן אים גוט! און איצט, אַז ער איז עפּעס נישט געזונט, האָט זי זיך עס אַביסל צעפּעסטעט — ננו! גראָד איז זי איצטער געוואָרן אַ גוטע שוועסטער מיט דער שוועגערן; זי שושקעט זיך מיט איר און סוידעט זיך אַ גאַנצן טאָג, און נאָכדעם שיקט זי מיך, איך זאָל שטיין אונטערהערן זיך, וואָס רעדט דאָרטן סאָני מיט דער שוויגער. אַ גוטע סחורה דײַן רעוועקע, קיין מעשה נישט! „מיר" קענען זיין; „מיר" זײַנען דאָ אויך נישט קיין נעכטיקע, פאַרשטייסט דו מיך...

— מײַן מאַדאַם סאָני הערט זי, ווי דעם פּאַראַיאָריקן שניי! — האָט זיך אָנגערופן זלאַטקע די שוואַרצע, סאָנים דינסטמיידל. — באַ אונדז אין דער היים...

— דײַן מאַדאַם — האָט איר פרויקע איבערגעשלאָגן — איז אויך געקומען אַהער טאַנצן אַף דער חתונה און אָפּלעקן אַ ביינדל; נאָר האָט צײַט אַביסעלע — פּפיו ! ! ! (דאָ האָט פרויקע אויסגעצויגן אַ לאַנגן סווישטש). דײַן מאַדאַם האָט אויך נישט פײַנט קיין פליאָטקעס פירן און אָנריידן אַף איר אייגענער שוועסטער כל הצרות אַף איר קאָפּ! אומזיסט האָט זי מיך געמוטשעט דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט כסדר, איך זאָל

איר דערציילן וואס טוט מארקוס? וווהין גייט ער דאס אלע טאג? צו וועמען שרייבט ער דאס קוויטעלעך, און וואס לויף איך אלע טאג אף דער פאסט נאך בריוולעך? א! דיין סאני איז דאך גאר אן אנטיק! דערפאר אבער האלט זי דער מאן שטארק אין די הענט! נאר איין אסיפ איז א בראווער מאן. ער וואלט יא געווען אפשר א שטיקל לייט, ווען ער זאל נישט זיין אזא שקרן, אזא לאך, אז ער זאל נישט האבן אין זיך קיין וואר ווארט און זאל...

פרויקע האט געהאלטן אפן דאס מויל און וואלט נאך אפשר גאנץ לאנג געדעקאמענדירט פאר אונדז זיינע פרינציפאלן; נאר א שטארקער קלונג פונעם גלעקל האט אים איבערגעשלאגן אין מיטן די רייד. ער האט אווארף געטאן דאס האנטוך מלכהן אין פנים אריין און האט זיך גע־שווינד געלאזט לויפן צו די טרעפ ארויף, אף דעם אויבערשטן עטאזש; אבער ווי פארוואונדערט און דערשטוינט איז ער געווארן, אז ער האט אליין מיט זיינע אויגן דערזען, ווי צוויי הויכגעשעצטע און געערטע דאמען שטייען הינטער דער קיד־טיר! און אז די דאמען האבן אים דערזען, האבן זיי זיך גלייך מיט אים געלאזט לויפן אף די טרעפ! אונדזער ארעמע פעדער איז נישט אימשטאנד ארויסצולאזן די דאזיקע ווערטער, נאר דער אמת פאדערט פון אונדז אויפדעקן פאר אונדזערע ליבע פריינט, אז... גוואלד! די דאזיקע צוויי דאמען זיינען געווען נישט קיינער, נאר די הויכגעשעצטע מאדאם רעוועקא זעמעל און די געערטסטע מאדאם סאני בלאנק, וועלכע האבן מיט אונדז קיין ווארט נישט דורכגעלאזט פון דעם, וואס פרויקע דער מעשארעס האט גערעדט.

אונדזערע פילגעשעצטע דאמען, רעוועקא און סאני, לויפנדיק ארויף אף די טרעפ, האבן זיך פלוצים ביידע אין איין אויגנבליק א כאפ געטאן צוריק אראפ, און מיט דעם דאזיקן מאנעוור האבן זיי געוואלט אפנארן פרויקען, בכדי ער זאל מיינען, אז זיי קומען ערשט אן און לויפן גאר אראפ, נישט ארויף. צי דער מאנעוור איז זיי געראטן, צי ניין, — דאס קאנען מיר בשום אופן נישט וויסן, ווארום פרויקע האט נאר א קוק גע־טאן אף זיי מיט אויסגעגלאצטע אויגן, האט געטאן א שמייכעלע, א ווארף מיט דער גריווע (נייטיק צו באמערקן, אז בא סענדער בלאנק זיי־נען אלע געגאנגען אן היטלען, חוץ סענדערן אליין, וואס האט געטראגן א יארמעלקע) און געשווינד ארויפגעלאפן אף די אויבערשטע טרעפ.

אונדזערע געערטע דאמען זיינען תחילת געבליבן שטיין און געקוקט

איינע אַף דער אַנדערער מיט גרויס חרפּה ובזיון, און גאָט ווייס מיט וואָס דאָס אַלץ וואָלט זיך געקאָנט ענדיקן, מיט וואָס וואָלט פּרויקע אָפּגעשפּילט פֿאַר זײַן שאַרפֿע צונג, און ווי אַזוי וואָלטן די דאָזיקע צוויי דאַמען געקאָנט זיך קוקן גלײַך אין פּנים אַרײַן, ווען צווישן זיי וואָלט זיך נישט פֿאַרבונדן, טאַקע דאָ אַף די טרעפּ, אַזאַ מין שמועס:

— נו, וואָס זאָגט איר עפּעס, רעוועקאַ, אַף אײַער טאַטנס מעשאַרסים? דעם גרעסטן בזיון קאָן מען דורך זיי האָבן! אַ מערכה באַליידיקט צו ווערן דורך אַזעלכע הינט? עס איז מיר אַ חידוש, כ'לעבן, אַז איר, רעוועקאַ, זאָלט דערלאָזן האַלטן אַזאַ הונט אין שטוב? מיר דאַכט זיך, אַז אײַערס איין וואָרט וואָלט באַם שוועך...

— זאָגט דאָס נישט, סאָני! דער פּאַפּאַשאַ איז נישט שולדיק; דאָס איז „איר" פליגל-אַדיוטאַנט, און דאָס בן-יחידל „אירס" הענגט זיך פּשוט אַף זײַן האַלדז. דער פּאַפּאַשאַ זאָל וויסן אַ צענט-חלק, אַ הונדערט-חלק פֿון אָט די זאַכן... אַ, סאָני! נישט אומזיסט קרענקט ער פֿון „איר"! „זי" איז זײַן מלאך-המוות! „זי" דערגייט אים דעם עק!...

— און פֿונדעסטוועגן באַרימט „זי" זיך, אַז „איר" מאַרקוסל וועט זײַן אַ האַלבער יורש... אײַער טאַטנס גוטס וועט אַרײַנפֿאַלן אין אַ מקום קדוש...

וואָס מיינט איר דאַמיט? איר האָט תמיד ליב, סאָני, יענעם באַליידיקן אומזיסט און אומנישט מיט שטעכווערטלעך און אָפּן וווּנק...

— שטעכווערטלעך, רעוועקאַ? איך ווייס נישט, ווער האָט ליב יענעם צו שטעכן אַזוי ווי איר, רעוועקאַ?

— סאָני! איר זײַנט ערשט נעכטן געקומען אַהער, הייבט איר זיך שוין אָן צו קריגן! איר מיינט, עס איז אַמאָליקע יאָרן, ווען איר זײַנט געזעסן באַ אונדז אַף קעסט?

—ב אַ אײַ ד אַף קעסט, רעוועקאַ?...

ווער ווייס מיט וואָס דאָס וואָלט זיך געענדיקט, ווען אין דער מינוט זאָל נישט געוועזן דורכלויפֿן דער יונגער הער בלאַנק, מאַרקוס בלאַנק, מיט וועלכן מיר וועלן זיך אײַנגיכן באַקענען, און ווען מאַרקוס זאָל נישט געוועזן מיט אַ שמייכעלע אַ קוק טאָן אַף די דאָזיקע צוויי דאַמען, וואָס האָבן געפֿונען, אַז דאָס דאָזיקע שמייכעלע איז פֿאַר זיי די גרעסטע באַליידיקונג.

— וואָס זאָגט איר עפּעס, סאָני, אַף „אים"?

— אף אײַער ברודער, רעוועקאַ? וואָס זאָל איך זאָגן? אַ ווילער יונגערמאַן, אַ גאַנץ פֿײַנער יונגערמאַן; אַן עבירה וואָס ער איז ביז אַהער נישט אַנטלאָפֿן, נישט באַנומען דעם שווער און נישט אַנטלאָפֿן שאַרלאַ־טאַנעווען...

— אַנטלאָפֿן?

— ווייסט איר וואָס? נאָט אײַך אָט דאָס בריוול, לייענט — וועט איר אויך וויסן.

און איינע האָט איבערגעגעבן דער אַנדערער אַ בריוו, וואָס מיר דערלויבן זיך איבערצוגעבן אונדזערע לייענער וואָרט אין וואָרט, ווי אַ דאָקומענט, וואָס איז נייטיק צו דעם דאָזיקן ראָמאַן.

„מײַן טײַערער אַריה־ליב! מײַן ערלעכער לערער! מײַן גוטער חבר! מײַן ליבסטער פֿרײַנט! וואָס וועט זײַן פֿון דעם דער תכלית? איך קאָן דאָס שוין מער נישט איבערטראָגן! וואָס ווײַטער ווערט אַלץ ערגער און ערגער. וואָס טוט מען? וואָס טוט מען? מע מוטשעט זיך, מע האַלט מיך אַף אַן אײַזערנער קייט, מע באַליידיקט מיך אַף יעדן טריט! מע רעדט מיר שידוכים, מע וויל מיך חתונה מאַכן. איר פֿאַרשטייט, אַריה־ליב? חתונה מאַכן מיט גוואַלט! מע וויל מיר אָנהענגען אַ ווײַב, אַ ווײַב צו נײַנצן יאָר! איר פֿאַרשטייט? מע וויל מיך פֿאַרקויפֿן, ווי מען פֿאַר־קויפֿט אַ זאַך, אַ חפֿץ, פּונקט אַזוי ווי עס ווערט באַשריבן אין אַ ראָמאַן! און ווען? דעמאָלט, ווען איך בין דערפֿון אַזוי ווײַט, נאָך ווײַטער ווי איר, אַריה־ליב, זײַט פֿון מיר! אָ, גוטער, ליבער, טײַערער אַריה־ליב! גיט מיר אַן עצה: איך בין גרייט אַף אַלץ! איך פֿיל, אַז אין דער דאָזיקער מינוט איז בײַ מיר אויסגעוואַקסן פֿליגל — און איך וואָלט זיך געלאָזט פֿליען, לויפֿן אין דער וועלט אַרײַן, וווּהין די אויגן וועלן מיך טראָגן! אַבי אַנטלויפֿן, אַנטלויפֿן ווײַט פֿון דאַנען, ווײַט פֿון די דאָזיקע ווילדע חיות, מערדער, דעספּאָטן, טיראַנען, וואָס האָבן קיין שום געפֿיל פֿון קיין מענטשן וואָס האָבן קיין שום באַגריף פֿון דער השכלה, וואָס האָבן נישט געהערט פֿון קיין ציוויליזאַציע, וואָס זײַנען איבערגעגעבן מיט זייער גאַנץ חיות צו דעם געלט און צו די אַלע נאַרישע, בלינדע, אוממענטשלעכע גע־פֿילן. אָ! קיינער, קיינער פֿאַרשטייט מיך נישט, נאָר איר, אַריה־ליב! נאָר איין מענטש אַף דער וועלט!... ווי אַזוי רײַסט מען זיך אַרויס פֿון דאַנען? קיין לערער ווילן זיי מיר נישט האַלטן; קיין ביכער ווילן זיי מיר נישט קויפֿן — און איך בין עלנט, עלנט, ווי אַ שטיין, ווי אַ פֿאַר־

בלאָנדזשעטער אין דער וויסטעניש, ווי אין געפּענקעניש. איך האָב אַפילו נישט פאַר וועמען אויסגיסן מײַן ביטער האַרץ, אַ חוץ אײַך, מײַן ערלעכער אריה־לייב, איז דאָס — מיט גרוים מי, ווײַל איך האָב מורא פיל צו שרײַבן, זיי זאָלן מיך נישט באַמערקן, — און איר ווייסט דאָך, ווי עס איז שווער אויסצוהאַלטן מײַן פּאָטערס אָפּעקע. דאַרום קאָן איך אײַך אָפט נישט שרײַבן און די בריוו אָפּטראָגן אַף דער פּאָסט אַליין קאָן איך נישט, מען זאָל מיך נישט באַמערקן. איר ווייסט דאָך, ווי אַזוי דאָ האָט מען ליב צו קוקן מיט זיבן אויגן, דאַרום מוז איך שיקן דעם בריוו דורך אונדזער פּרויקען, פון וועלכן איך האָב געגוג צרות מיט יסורים ביז איך רייד אים צו און ביז איך באַצאָל אים גוט — איר געדענקט דאָך וואָס פאַר אַ פאַרך און אַ גנב ער איז... ווי גאָט איז אײַך ליב, אַריה־לייב, ענטפערט מיר וואָס גיכער אַף דעם דאָזיקן בריוו מיט אַן עצה פון אַן אמתן גוטן ברודער: וואָס זאָל איך טאָן? אַצינד וועל איך אײַך פאָלגן אַלץ, וואָס איר וועט מיר שאַפן — אַפילו אין פײַער אַרײַן! אײַערע בריוו שיקט ווידער אַף דעם זעלבן אַדרעס, וואָס פריער, און פאַרגעסט נישט צו שרײַבן «Для передачи Фройке Крокману»,

— ווען נישט בין איך אַ פאַרפאַלענער!

„אײַער איבערגעגעבענער תלמיד, געטרײַער חבר און בעסטער, בעסטער פרײַנט

מ אַ ר ק ו ס ב ל אַ נ ק.

P. S. אַריה־לייב! איר געדענקט דאָך מײַן שוואָגער אָסיפּ זעמעל? האָט דער דאָזיקער פראַלער נישט לאַנג אַרײַנגעשריבן אַ בריוו, אַז ער עפנט אַ נײַ געשעפט, אַן אַמעריקאַנישע וואַש־פאַבריק, און האָפט צו געווינען אַ גרויסן פּראָצעס פון אַנדערהאַלבן מיליאָן! עס פאַרשטייט זיך, אַז מע האָט אים דאַרויף אַפילו נישט געענטפערט...

אײַער מ אַ ר ק ו ס".

— ווו האָט איר געקריגן אַזאַ בריוו, סאָני?

— ווו? אײַער אָסיפּ האָט דאָס מיר געגעבן, טאַקע אָסיפּ אַליין!

— מײַן אָסיפּ? ווי אַרום? וואָס הייסט דאָס?

דאָס דאָזיקע שיינע בריוול האָט אין איין אויגנבליק אויפגעמונטערט די פאַרזאָרגטע, פאַרקלאָגטע רעוועקאַ. שיין, הויך, געזונט און פריש איז רעוועקאַ געווען, כאָטש זי האָט געהאַט געלע האָר מיט גרויע אויגן. אַ קליינינקע, אַ שוואַרצינקע, אַ לעבעדיקע, מיט גאַנץ שוואַרצע האָר, מיט

גרויסע שווארצע אויגן, מיט א קליין נעזל, א צענויפגעציפּעט מײַלכל, ווי אַף שנירלעך, מיט גריבעלעך אין די בעקלעך, אפילו ווען זי האָט נישט געלאַכט — אַט האָט איר סאָנין אינגאַנצן.

— סאָניטשקע! ליובעניו, הארצעניו, נשמהניו! — אזוי האָט זיך רעוועקאַ גאַנץ פריינטלעך געווענדט צו איר שוועגערן. — איך בעט אײַך, גייט, נעמט, רעדט מיט אָסיפּן! לאָז ער אײַך אַקוראַט דערציילן, ווו האָט ער דערטאַפּט דאָס דאָזיקע בריוועלע? אַלץ, אַלץ, אַלץ וועלט געוויר. איך בעט אײַך, סאָניטשקע, הארצעניו! טאַקע באַלד לויפט ארויף! איך וועל אַרײַנגיין צום פּאַפּאַשאַ און וועל אײַך ארויסשיקן אָסיפּן. גיכער!

— די רגע! — האָט סאָני געענטפערט. און ווי די פייגעלעך, זײַנען אונדזערע געשעצטע דאַמען אַרויפגעפלויגן אַף דעם אויבערשטן עטאַזש, וווהין מיר בעטן אויך אונדזערע לייענער, זיי זאָלן זיך מיט אונדז מטריח זײַן.

דאָס צווייטע קאַפּיטל.

די אַקטיאָרן שפּילן געצייכנט גוט.

ווי אַן אָרנטלעכער ראָמאַניסט, זײַנען מיר מחויב פאָרצושטעלן א בילד פון סענדער בלאַנקס הויז און נישט דורכלאָזן קיין קלייניקײַט; נאָר מחמת מיר זײַנען זייער נײַגעריק שוין אָנצוקוקן דעם הער בלאַנק עטלעכע שעה פאַר זײַן טויט, מוזן מיר די באַשרײַבונג פונעם שיינעם הויז אָפּלייגן אַף אַן אַנדער צײַט, און איצט נאָכגיין טריט בא טריט אונדזער געשעצטע העלדן, רעוועקאַ זעמעל, גלײַך צו סענדערן אין צימער ארײַן.

דער שאַרפער ריח פון די אַפּטייק-פלעשלעך שטעלט אונדז פאַר אין דער פאַנטאַזיע אַן אויסגעצויגענעם חולה מיט א בלאַס געזיכט, מיט א פּאָר גלעזערנע אויגן און מיט פאַרשמאַכטע ליפּן, און מיר פילן, אַז דאָ האָט זיך דער טויט געמאַכט א נעסט, און דער מלאך-המות ליגט ערגעץ אין א ווינקעלע און מיט א לאַנגן שעכט-מעסער אין דער האַנט היט ער אים די נשמה, אזוי אַז א פראָסט לויפט דורך איבערן לײַב; און יעדער פון אונדז, אַפילו דער גרעסטער אַפּיקורס, דערמאָנט זיך אויך אין דעם לעצטן טאָג פונעם קורצן לעבן, און יעדער נאָך זײַן פאַרשטאַנד הייבט

אַז צו פילאָזאָפירן אויף זײַן שטייגער: דער מאַטעמאַטיקער זאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז געגליכן צו אַ ראָד, און דער טויט איז דער צענטער, און מיר, מענטשן, זײַנען נישט מער ווי אומגלײַכע ראַדיוסן, וואָס שפּאַרן זיך אָן אַלע אויף איין פּונקטום... דער זייגערמאַכער זאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז געגליכן צו אַ ציפּערבלאַט, די ווײַזערס — דאָס איז אונדזער לעבן, דער אומרו — דאָס זײַנען מיר, און אַז די וואָג פאַלט אַראָפּ — איז אונדזער לעצטע היסטאָריע... דער שוסטער זאָגט, אַז די וועלט איז געגליכן, להבדיל, צו אַ כאַלעווע, און דער מענטש — דאָס איז דער האַמער... דער באַלעגאָלע זאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן נאָר צוליב דעם באַלעגאָלע; אַי וואָס דרייען זיך דאָ אַרום אַזוי פיל מענטשן? — דאָס, זאָגט ער, זײַנען אונדזערע פּאַרשוינען, פון וועלכע מיר האָבן פּרנסה... פון אַ באַנדער האָב איך אַליין געהערט, ווי ער האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע וועלט איז געגליכן, להבדיל, צו אַ פעסל, וואָס אַז סע ווערט נאָר צעלעכצט, מוז דאָס דער באַנדער אָנשלאָגן...

אַרײַנגעקומען צו סענדער בלאַנק אין חדר אַרײַן, צום חולה, האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן פאַרגעשטעלט אַזאַ מין בילד: אויף אַ גרויסן אײַזערנעם בעט ליגט מיטן בויך אַרויף אַ ייִד פון אַ יאָר פופציק, מיט געלע האָר, מיט אַ גרויסער געלער באָרד, דאָס גאַנצע פּנים כמעט מיט די הענט באַוואַקסן מיט גילדענע האָר, מיט לאַנגע געלע ברעמען אויף די אויגן (אַ סך ענלעכקייט מיט זײַן טאָכטער רעוועקאַ). סענדער איז געשלאָפן, ווי עס האָט אויסגעוויזן, מיט אַ זיסן געזונטן שלאָף, און אויף זײַנע באַקן האָט געפלאַמט אַ פײַערן.

רעוועקאַ איז שטיל צוגעגאַנגען צו זײַן בעט, האָט צוגעלייגט אַ פינגער צום מויל: „ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש־ש! ! !" — און דער אומגליקלעכער חולה האָט זיך נעבעך אויפגעכאַפּט, האָט אויפגעעפנט זײַנע גרויסע גרויע אויגן און האָט אַרויסגעלאָזט עפּעס ווי פון אַ ליידיקן פאַס: „אוי, מײַן סוף! אוי, מײַן עק!" — אַז די פענצטער האָבן געציטערט. אין איין אויגנבליק האָט זיך רעוועקאַס פריילעך שיין געזיכט ווידער פאַרענדערט, און אויף איר שיינעם ווײַסן שטערן האָבן זיך פּלוצים אויסגעלייגט מיט אַמאָל עטלעכע טיפע, טיפע קנייטשן, און אירע אויגן האָבן זיך באַנעצט מיט אמתע, ביטערע טרערן.

— — פּאַפּאַשאַ! — האָט אים אונדזער העלדן געזאָגט, אַרויסשיקנדיק אַסיפּן מיט אַ ווונק, און האָט זיך געזעצט באַם פאָטער צוקאָפּנס און האָט

אַנידערגעלייגט איר וויכע, ווײַסע האַנט אױף זײַן שטערן. — פּאַפּאַשאַ! ווער שוין געזונט. סע איז שוין צײַט. זע, וואָסער אַ פּנים דו האָסט באַקומען, פּאַפּאַשאַ! שטאַרק זיך! פֿאַל ניט אַראָפּ בײַ זיך! לאָז זיך ניט אױף אײַנגאַנצן!

— אױ, שלעכט, שלעכט, טאָכטער! — האָט איר דער פֿאָטער געענטפֿערט. — אַן עק! אַן עק! גאָט ווייס, צי איך וועל דערלעבן מאָרגן. גאָט ווייס! רבקה! קינדער! חיים! מאַרקוס! ווו זײַט איר? ווו זײַנען מענטשן? רופֿט מיר מענטשן? איך וויל שרײַבן אַ... אַ... אַ... צוואה!

— אַ צוואה? ווייס איך, וואָס דו רעדסט, פּאַפּאַשאַ! נאַ דיר גאָר אַ צוואה! מילא, אַז מע איז ניט געזונט, איז וואָס? סע מאַכט זיך! אַ מענטש איז ניט קײן אײַזן...

— אַ... אױ, טאָכטער, איך וויל שרײַבן אַ צוואה. איך האָב עטלעכע געציילטע שעה צו לעבן, צו מוטשען זיך. גוואַלט! גוואַלט!

דער דאָזיקער „גוואַלט" האָט אױפֿגעהױבן דאָס גאַנצע הױז אױף די פֿיס. צום אַלעם ערשטן האָט מרים־חיה, סענדערס ווײַב, געחלשט, און דאָס ווייסן מיר דאָך אַלע, ווי גרינג דער שוואַכער פֿרוי איז צו חלשן; צו איר איז צוגעלאָפֿן די מאַדאַם סאָני מיט אַזאַ שרעקלעך געשריי „שוויגער!!" — אַז ווען מרים־חיה זאָל טאַקע אױף אַן אמת געוועזן חלשן, וואָלט זי זיך אױך באַדאַרפֿט אױפֿכאַפּן — און זי האָט זיך טאַקע אױפֿגעכאַפּט, אױפֿגעעפֿנט די אױגן, אַנידערגעלייגט דעם קאָפּ בײַ דער שנור אױפֿן האַרצן און גענומען צו לייענען אַ צעטל, ווי אַזוי אומגליקלעך און עלנט זי איז, ווי אַזוי זי בלײַבט ווי אױפֿן וואַסער, ווי אַ פֿאַרוויסטע אַלמנה — אַ יונגע נאָר אַ פֿאַרוויסטע אַלמנה! ווער וועט זיך אױף איר אַרומקוקן?

אױף איר קוקנדיק, איז סאָני צעגאַנגען געוואָרן פֿאַר געוויין, און פֿאַר גרויס רחמנות האָט זי כמעט פֿאַרגעסן אין אירע אײגענע צרות און האָט גענומען טרייסטן די „וויסטע אַלמנה" מיט די דאָזיקע רירנדיקע און האַרצרײַסנדיקע ווערטער:

— גענוג אײַך צו טרויערן, שוויגער, כ'לעבן, גענוג! פֿאַרגעסט ניט אַן גאָט און זינדיקט נישט מיט אײַערע רייד, שוויגער! גאָט וועט אײַך ניט פֿאַרלאָזן. איר זײַט נאָך אַ יונגע, און אײַער מזל קאָן קײנער נישט וויסן. איר זײַט ניט די ערשטע, און ניט די לעצטע. גאָט קאָן אײַך נאָך באַשערן, און איר קאָנט נאָך וויסן פֿון אַ וועלט, און מסתמא וועט אײַך דער שווער ניט פֿאַרגעסן אין דער לעצטער מינוט און וועט אײַך באַ־

וואָרענען. אָבער איך, שוויגער, איך קאָן זיך צו אײַך נישט גלײַכן, איך בין באַפאַלן מיט קינדער, און דאַרף האָבן פיל זכות־אבות, ביז איך זאָל פועלן בא גאָט, אַז דער שווער זאָל מיך אויך נישט פאַרגעסן מיט מײַן מאַן. איר ווייסט, איך האָב נאָך כמעט קיין חיי־שעה נישט געהאַט, חוץ דחקות, יסורים און האַרצווייטיק, כאָטש מײַן חיים איז אַן ערלעכער, אַ שטילער, אַ לײַטישער יונגערמאַן, ניט אַזוי ווי אונדזער אָסיפ, דער שאַר־לאַטאַן, וואָס פאַרשפּילט, זאָגט מען, אין קאָרטן אַ יאָר וויפיל איך מיט מײַן מאַן און מיט מײַנע קינדער דאַרפן פאַרלעבן און פון דעסטוועגן ווייסט איר, וויפיל מתנות רעוועקאַ האָט תמיד פונעם שווער, און איך, אַ חוץ דעם נדן, נישטאָ וואָס צו רעדן!...

און מיט די דאָזיקע ווערטער האָט נעבעך סאָני באַהאַלטן איר וויינענדיק פּנים בא מרים־חיהן אפן האַרצן, און אַזוי האָבן נעבעך די דאָזיקע צוויי אומגליקלעכע ווײַבער אויסגעגאָסן איינס פאַר אַנדערן זייערע הערצער, זייערע ביטערע הערצער, וואָס זײַנען אָנגעזאָדן פון אַ צײַט מיט יאָרן מיט קנאה, שנאה, פאַרדראָס, האַרצווייטיק מיט נאָך אַנדערע געפילן... מיר זײַנען אַלע אַזוי, לעזער, ווער ווינציקער, ווער מער, ווער קליגער, ווער נאַרישער, ווער אָפן, ווער פאַרבאָרגן — אָבער עגאָיִסטן זײַנען מיר אַלע, האָט אַף מיר קיין פאַריבל ניט! אמת, מיר האָבן אַ באַקאַנטן איינעם, רבֿ הערץ אָדער רב זרח — דאָס איז אַלץ איינס — געדענק איך גאַנץ גוט, ווי אַזוי צוריק מיט אַ יאָר צוויי, אָדער דרײַ, אַז דער דאָזיקער רב הערץ אָדער רב זרח האָט באַדאַרפט שטאַרבן און זײַנע קינדער מיט זײַנע פרײַנט זײַנען זיך צונויפגעפאָרן צו אים — איז כדאי געווען צו זען, מיט וואָס פאַר אַ רירנדיקער פרײַנטלעכקייט, מיט וואָס פאַר אַ ווירקלעכער איבערגעגעבנקייט און ליבשאַפט דאָס דאָזיקע געזינדל איז געגאַנגען און געהאַנגען אַרום דעם חולה; עס איז כדאי געווען צו זען, ווי אַזוי דער גאַנצער עולם האָט אַרומגערינגלט דעם דאָקטאָר, און ווי אַזוי איינער איבערן אַנדערן זײַנען געלאָפן צו באַדינען דעם חולה; און שטעלט אײַך פאָר, אַז אַלע האָבן פאַרגעסן אָן זיך און מע האָט נאָר געהאַט צו טאָן מיטן חולה, און ביז דער לעצטער מינוט האָבן זײַנע קינדער און זײַן ווײַב זיך נישט געזעצט צו באַדויערן זייער אייגענע לאַגע, ווי אונדזערע געשעצטע פרויען מרים־חיה בלאַנק מיט איר ליבסטער שנור סאָני בלאַנק, וואָס האָבן, ווי עס ווײַזט אויס, באַצײַטנס באַוויינט ניט דעם הער בלאַנק, וואָס האָט זיך געקליבן שטאַרבן, — זיי

האָבן באַקלאָגט זיך אַליין. שטעלט אײַך פֿאָר, אַז בשעת רב הערץ אָדער רב זרח האָט זיך געראַנגלט מיטן מלאך־המות, האָט קיינער נישט אין זינען געהאַט קיין צוואה מיט קיין באַוואָרענישן, און ווען עמעצער זאָל זיך געוואָגט דערפֿון אויסריידן, וואָלט דאָס געווען די גרעסטע באַליידי־קונג פֿאַר דעם גאַנצן הויזגעזינד. ניט אַזוי ווי דאָ, בײַ אונדזער באַרימטן הער בלאַנק, וווּ די מאַדאַם רעוועקאַ זעמעל האָט אַ ווינק געטאָן צו איר פּילגעליבטן מאַן אָסיפּ זעמעל, ער זאָל לויפֿן און ברענגען וואָס גיכער מענטשן, דעם רב, דעם נאָטאַריוס, און אַז דער דאָזיקער וועלטלעכער דיפּלאָמאַט, מיט וועלכן מײַנע לעזער וועלן זיך באַלד באַקענען גאַנץ נאָענט, אַז דער דאָזיקער הער זעמעל, זאָג איך, איז געקומען צום נאָ־טאַריוס, האָט ער מיט אים געמאַכט אַ גאַנץ לאַנגן שמועס וועגן זאַקאָנעס בכלל און וועגן ירושה באַזונדער. ער האָט באַוויזן, ווי ווײַט ער איז קלאָר אין זאַקאָנעס, און כאָטש ער איז, דאַנקען גאָט, ניט אַזוי נויט־באַדערפֿטיק, דאָך פֿאַרהאָפֿט ער, אַז זײַן געליבטער שווער, דער הער בלאַנק, וועט איר אָפּשרײַבן דעם גרעסטן חלק ירושה, מהמת אים, אָסיפֿן, האָט ער ליב, ווי אַן אייגענעם זון. און שפּעטער, אַז דער נאָטאַריוס מיט די איבעריקע זײַנען געקומען צום חולה האָט אָסיפּ אַרום זיי שטאַרק אַרומגעטאַנצט, און אַזוי אײַנגענומען און אויפֿגעלייגט, אַז אַ מענטש פֿון דער זײַט האָט געקאָנט מיינען, אַז דאָ וועט מען שרײַבן תּנאָים, ניט קיין צוואה, אַז דאָ איז אַ חתונה, ניט קיין געפֿערלעכער קראַנקער, וואָס געזעגנט זיך מיטן לעבן... נאָר איין רעוועקאַ האָט זיך ניט פֿאַרלוירן: די דאָזיקע געטרײַע טאָכטער איז ניט אָפּגעטראָטן אַף קיין מינוט, אַף קיין רגע, פֿונעם קראַנקן פֿאָטער; אַף איר פּנים זײַנען געווען אָנגעצייכנט אַזעלכע יסורים, אַזעלכע טיפֿע שמערצן, אַז דער געפֿערלעכער סענדער האָט זי געטרייסט:

— וואָס וויינסטו, נאַרעלע?

די דאָזיקע עטלעכע ווערטער האָבן געעפֿנט בײַ דער זעלטענער טאָכ־טער אַ נײַעם קוואַל פֿון טרערן, און קוים מיט צרות האָט זי געקאָנט אויסרעדן אָדער אויסקוויטשען:

— טאַטע! מען דאַרף ניט! מען דאַרף ניט!

— וואָס, נאַרעלע? וואָס דאַרף מען ניט, נאַרעלע?

— קיין צוואה דאַרף מען ניט! איך וויל ניט! איך קאָן דאָס ניט איבערטראָגן! דו וועסט נאָך לאַנג, לאַנג לעבן!

— גיי שוין, גיי, נאַרעלע! זעסט דאָך, אַז איך עק זיך!

— מע דאַרף ניט! מע דאַרף ניט!

וואָס האָט געקלערט אונדזער שיינע רעוועקאַ, שרייַענדיק: „מע דאַרף ניט", באַ זיך אין האַרצן? עס איז נישט גרינג צו וויסן, ליבער פרייַנט, וואָס איר אָדער איך קלערן אין האַרצן; דאָס איז בכלל אַ שווערע זאַך צו טרעפן, און הייַנטיקע יאָרן איז גאָר ניטאָ דער נאַר, וואָס זאָל אַרויסגיין און דערקלערן, וואָס דער אָדער יענער טראַכט באַ זיך אין האַרצן; יעדער אף זייַנע געדאַנקען איז בעל־הבית און קאָן זיך מיט זיי באַנוצן, ווי ער פאַרשטייט... על כל פנים, דאָס קאָן איך אייַך זאָגן, אַז נאָך דעם געוויין מיטן געשריי פון אונדזער פייַנער העלדן רעוועקאַ „מע דאַרף ניט! מע דאַרף ניט!" האָב איך אַליין מיט מייַנע אויגן געזען, ווי זי, רעוועקאַ, האָט אָוועקגערופן איר געשעצטן מאַן, אָסיפּ זעמעל, און האָט זיך מיט אים עפּעס געסוידעט און געשושקעט עטלעכע מינוט, און אירע אויגן זייַנען געווען טרוקן, ווי פּעפּער. וואָס האָבן זיי גערעדט — קאָן איך עד היום נישט וויסן; איך האָבן נאָר געכאַפּט עט־לעכע ווערטער: „ירושה"... „צוואה"... „אַ חלק"... „זאַקאָן"... „אַן אַכטל"... „אַ זון"... „אַ טאָכטער"... און דאָס איז שוין גענוג פאַר אונדז, און מיר שטויסן זיך שוין אָן, פון וואָס דאָס דאָזיקע פּאַרפּאַלק האָט דאָ געשמועסט. די מאַדאַם רעוועקאַ איז געווען עפּעס זייער צעטראָגן, ווי אַ סוחר בשעת ער שמועסט פון אַ גרויס געשעפט, און דער הער אָסיפּ זעמעל האָט אַרייַנגעשטעקטביידע הענט אין די הויזנקעשענעס, פאַררייסן די נאָז מיט די אַשקאַלירענע ברילן און האָט אַביסל ווי אונטערגעשפּרונ־גען, ווי אונטערגעטאַנצט, סקריפּענדיק שטאַרק מיט די שטיוול, און אף זייַן פריילעך פּנים איז געווען קלאָר, אַז עס איז אים הייַנטיקן טאָג בכלל זייער אויפגעלייגט אפן האַרצן...

דאָס אייַזערנע בעטל, וואָס דער אומגליקלעכער קראַנקער ליגט אף דעם אַצינד און אַמפּערט זיך מיטן מלאך־המות, איז, אייגנטלעך, ניט קיין שלאָף־בעטל, נאָר אַזאַ מין קושעטקע, אַ גאַנץ גרויסע, וווּ סענדער האָט ליב געהאַט צו לייגן זיך אָפּרוען נאָך יעדן מאָלצייַט מיט אַ גאַנץ גרויסער און גראָבער ציגאַר אין די ציין. ווי עס ווייַזט אויס האָט סענדער ליב פון תמיד אָן שטאַרק און מאַסיוו מעבל; דאָס קאָן מען באַמערקן נאָך דעם גאַנץ גרויסן דעמבענעם שרייַב־טיש, און נאָך דער הויכער דעמבענער קרעסלע (פּאָטעל), וואָס האָט גיכער אַ פּנים פון אַ גאַרדעראָבנע שאַפע,

אַנידער פון אַ קרעסלע, כאָטש אינמיטן איז אויסגעהאַקט אַן אָרט אַף סענ־דערס געזעס, באַצויגן מיט אַ גאַנצער יוכטענער פעל. מערקווירדיקער, שטאַרקער און מאַסיווער פון אַלץ איז דאָס רײַב־געצײַג מיט די אַלע שמאַכטעליאַקעס, וואָס געפינען זיך בײַ יעדן לײַטישן מענטשן פון הײַנ־טיקער וועלט אַפן שרײַבטיש. אַלץ איז אָפּגעאַרבעט און אָפּגעטעסעט אַזוי ערנסט, אַזוי אָרנטלעך, אַזוי געטרײַ, — ניט אַנדערש, ווי „פּאַ־זאַקאַזו" געמאַכט געוואָרן, וואָרעם אַז מע קויפט בײַ די הײַנטיקע טאַנדעטניקעס, איז דאָס נאָר קײַ און שפּײַ מיטן ווינט און מיטן רויך, אַבי נאָר געלט אויס־צונאַרן און גענוג! ניין, סענדער איז ניט פון די דאָזיקע שפּרינגערס, וואָס הײַנט לעבן זיי און מאָרגן פּו־פּאַ! סענדער האָט ליב שטאַרקס, פעסטיקס, מאַסיוועס — און איז אַליין אויך שטאַרק, פעסטיק און מאַ־סיוו, פאַרפראַוועט פון געזונטע מאכלים מיט די בעסטע ווײַנען און פאַר־זאָרגט אַף היבשע, היבשע עטלעכע יאָר. נאָר — אַך! ניטאָ קיין אייביקע זאַך אַף דער וועלט! איין איבעריקער טראָפּן וואַסער אין טײַך מאַכט אַ גרויסע באַוועגונג אין די כוואַליעס; איין איבעריק שטיקל געפּילטע פיש פון אַ דרײַ־פיר פונט מאַכט־אָן אַ גאַנצע סומאַטאָכע, אַ רעוואָלוציע אין בויך — און מיר זײַנען אַלע בײַ גאָט אין די הענט!... ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז איבער אַ האָן מיט אַ הון זאָל חרוב ווערן אַזאַ גרויסע שטאָט, ווי ביתר? ווער וואָלט זיך דאָס געקאָנט ריכטן, אַז אי־בער אַזאַ גאָרנישט מיט אַ נישט, ווי אַ שטיקל העכט, זאָל עס נעמען אומוואָלגערן אַזאַ מויער, ווי סענדער בלאַנק, וואָס האָט זיך נאָך אַף זײַן לעבנס לעבן קיינמאָל נישט געקלאָגט, אַז עס זאָל אים עפּעס ווײ טאָן? און פון דעסטוועגן זעט איר דאָך, אַז אַף דער וועלט קאָן זיך אַלץ מאַכן.

דאָס דריטע קאַפּיטל

איז אַביסל צו גרויס, דען עס ווערט דאָ באַשריבן אַ סך פֿאַרשווינען און געשמועסט פֿון פֿאַרשיידענע זאַכן.

אַלצדינג קאָן זיך מאַכן אַף דער גרויסער וועלט, און יעדער צופֿאַל קומט־אָן אַזוי אומגעריכט, פּלוצים, אַז אונדזער מענטשלעכער פֿאַרשטאַנד שטעלט זיך אַנידער און ווערט פֿאַרגליווערט, אַז ער באַגעגנט אַזעלכע ווּנדערלעכע זאַכן אין דער נאַטור.

דער פּאַרפּאַסער פֿונעם דאָזיקן בוך איז אַליין געווען אַן עדות באַ אַ סך אַזעלכע אומגעריכטע צופֿאַלן. ווי הײַנט שטייט אונדז פֿאַר די אויגן אונדזער „רב יאָסל־דוד פּאָני" מיט דער גרויסער באָרד, מיט דער צעפּלעצטער נאָז, מיטן גראָבן בויך, מיט דער ברייטער ליסענע אפֿן קאָפּ; אָט איז ער געקומען פֿונעם דאַווענען, אָט האָט ער געמאַכט „שהכל" אַף אַ גלעזל ספּירט און האָט פֿאַרביסן מיט עטלעכע הייסע קאַרטאָפּליעס, אָט האָט ער זיך צוגעלייגט אַ מינוטקעלע אפֿן טאַפּטשאַן — און אָט האָט ער ניט געסטײַעט!... און אלי? אלי דער טליתניק ווי אַזוי איז געשטאָרבן? אין באָד פּרײַטיק, אַף דער אויבערשטער באַנק! נאָר ווען מיר זאָלן נאָר וועלן זיך אַרײַנלאָזן אין לאַנגע שמועסן, וואָלטן מיר געקאָנט אָפּציילן נאָך צוואַנציק אַזעלכע צופֿאַלן, ווו דער טויט קומט פּלוצים, נישט געריכט. נאָר ניט דאָ איז דער אָרט צו פֿאַרנעמען זיך מיט אַזעלכע „ספּורי־מעשיות", און אַז אַ ראָמאַניסט זאָל וועלן אין איין בוך אַרויסשרײַבן אַלץ, וואָס ער ווייס, וואָלט זײַן ראָמאַן קיינמאָל קיין עק ניט געהאַט, ביזן טויט אַרײַן.

מיט אונדזער געערטסטן סענדער בלאַנק איז אויך געווען אַן אומגעריכטע זאַך. דאָס איז געווען אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, נישט אין קיין כמאַרנעם טאָג, איז זיך סענדער אויפֿגעשטאַנען, ווי אַ מענטש דאַרף אויפֿשטיין, און טרינקענדיק טיי האָט ער, פּונקט ווי אַלע טאָג, אַ צי געטאָן באַם גלעקל, און עס איז אַרײַנגעקומען אונדזער באַקאַנטער פֿרויקע, אויסגעצויגן זיך פֿאַר דעם באַלעבאָס, ווי אַ סטרונקע.

— מע האָט שוין געבראַכט די פֿיש? — האָט סענדער אַ פֿרעג געגעבן און האָט אָפּגעזופּט אַ האַלבע גלאָז טיי.

— געבראַכט! — האָט פֿרויקע געענטפֿערט, ווי אַ כוואַט.

— העכט?
— העכט.
— גרויסע העכט?
— גרויסע העכט.
— פרישע?
— פרישע.
— זאָג זעלדען, די פיש זאָלן זײַן מיט מערן געקאָכט, — האָט סענדער אַרויסגעגעבן אַ באַפעל און האָט אַ זופּ געטאָן די אַנדערע האַלבע גלאָז טיי.
— מיט מערן געקאָכט, — זאָגט אים פּרויקע נאָך, ווי נאָך אַ סידור.
— עטלעכע קאַרטאָפליעס אין די פיש איז אויך נישקשה, — האָט סענדער באַפוילן ווײַטער.
— אויך נישקשה, — זאָגט פּרויקע.
— און בעטעמט, מאָסטקע, ווי מיט קליי, רויטלעך, געדעכט, מיט פעפער, הייס, אויסגעזאָדן. דו הערסט צי ניין?
— איך הער, איך הער.
— קיין זראזע דאַרף מען הײַנט ניט, — האָט סענדער ווײַטער אַרויסגעגעבן אַן אינסטרוקציע.
— דאַרף מען הײַנט ניט, — זאָגט פּרויקע.
— אָפּן אָרט פונעם זראַז — אַן עסיק־פלייש.
— עסיק־פלייש, — זאָגט פּרויקע.
— געענדזן־פלייש אין סופּ.
— געענדזן־פלייש אין סופּ, — זאָגט פּרויקע.
— די דרויבעלעך פון די גענדז אויך אין סופּ אַרײַן.
— אויך אין סופּ אַרײַן.
— באַשיטן מיט גרײַפּלעך.
— מיט גרײַפּלעך.
— אַ צימעס פון פּאַסטערנאַק.
— פון פּאַסטערנאַק.
— סע איז נאָך דאָ באַ אונדז פונעם ווײַסן ווײַן? — האָט פּלוצים סענדער אַ פרעג געטאָן און אַנידערגעשטעלט אויף פּרויקען אַזעלכע אויגן, גלײַך ווי איינער רעדט: „זאָג שוין, זאָג, ממזר, נאַ, שטעך מיך, קוילע מיך!”... פּרויקע איז גאָר צעמיישט געוואָרן; ער האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן

מיט ביידע הענט באַם שטערן, באַ די קנעפּלעך פונעם פּידזשאַק, באַ די עלנבויגנס, באַ די קעשענעס, און האָט אַ וואָרף געטאָן מיט די אויגן אויף דער סטעליע, גלייך ווי דאָרט איז געווען אָנגעצייכנט, וויפל בוטעלקעס ווייַן עס געפינט זיך נאָך באַ סענדערן אין קעלער, און קוים מיט צרות געענטפערט:

— הא? וואָס? וויַיסער וויַין? ניין! יאָ! סע איז נאָך דאָ.

— פאַרגעס ניט שיקן נאָך ביר.

— נאָך ביר, — זאָגט פּרויקע.

— מע מעג שוין עפענען אַ נייַע פאַס אוגערקעס.

— אוגערקעס.

— געדענק זשע, וואָס איך האָב דיר אָנגעזאָגט מכח די פיש.

— מכח די פיש, — זאָגט פּרויקע.

— איצט גיי!

פּרויקע איז אַרויסגעגאַנגען, און סענדער האָט גיך־גיך געענדיקט מיטן אָנבייַסן, האָט זיך אַרומגעטרייסלט, אָפּגעווישט מיט דעם טיש־טעכל די ליפּן, די הענט, אויפגעשטאַנען, אויסגעגלעט דעם בויך, פאַר־רויכערט אַ גראָבע ציגאַר און האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין דער באַקאַנטער קרעסלע אַרייַן. די ציגאַר האָט אַרויסגעלאָזט און צעטראָגן איבערן גאַנצן קאַבינעט זייער אַ שיינעם אַראָמאַט און סענדערס געדאַנקען זייַנען אַוועק ווייַט־וויַיט אין קיך אַרייַן, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט אַ ריח פון געקאָכטע פיש; סענדער האָט צעשפּרייט די נאָזלעכער און האָט מיטן גאַנצן כח גענומען אַרייַנשלעפּן צו זיך אין נאָז אַרייַן דעם שיי־נעם, געשמאַקן אַראָמאַט פון די אויסגעצייכנטע געפילטע פיש, און אַזוי האָט ער געכאַפּט אַ דרימל, זיצנדיק אין קרעסלע, אויף אַ האַלבע שעה. אויפגעשטאַנען, האָט ער זיך גענומען אַביסל צו די געשעפטן, אָפּגערעדט מיט אַ צוויי־דרייַ מעקלערס, איבערגעזען די בריוו פון דער פאָסט, אָפּ־געענטפערט וועמען מע דאַרף און האָט אַ קלונג געטאָן צו פּרויקען און האָט געהייסן גרייטן צום טיש.

אַז אונדזער סענדער האָט אַרייַנגעטראָטן מיט אַ פאַרחלשט האַרץ אין עס־צימער אַרייַן, איז שוין דער לאַנגער דעמבענער טיש געווען אײַנ־גאַנצן גרייט מיט די טעלער, מעסערס, לעפל, פלעשער און קליינע פלע־שעלעך, גלעזער און קליינע גלעזעלעך, מיט אַלערליי געזאַלצנס, הערינג געשניטענער, הערינג געהאַקטער, שמאַלץ־הערינג, געריכערטער הערינג,

גע מאַרינירטער הערינג, קליינע הערינגלעך, סערדעלען, איקרע און וואָר־שעווער קאַלבאַסן. דאָס עס־צימער אַליין האָט מיט דער שטאַרקייט פונעם מאַסיווען מעבל געכאַפּט דעם אָנבליק פון סענדערס קאַבינעט; די דאָזיקע צוויי חדרים האָט סענדער ליב געהאַט מער פון זײַן גאַנצן גרויסן הויז, מחמת די איבעריקע חדרים זײַנען געווען אויפגעפּוצט אַף הײַנטיקן שטייגער, און זייער גרינג, רויכיק מעבל האָט נישט געקאָנט אויסהאַלטן אַף זיך דעם שווערן קערפּער פונעם געשעצטן הער בלאַנק. דרײַ פּריבאָרן זײַנען אַפן טיש געשטאַנען: פּאַר סענדערן, פּאַר זײַן ווײַב און פּאַר מאַרקוסן.

אונדזערע לעזער זײַנען נאָך ניט באַקאַנט מיט די איבעריקע צוויי פּאַרשוינען. ביז וואַנען סענדער וועט זיך אָפּפּאַרטיקן מיט די געזאַלצענע זאַכן, וואָס שטייען דאָ אַפן טיש, וועלן מיר מיט איין קוק באַטראַכטן סענדערס ווײַב מיט איר זון מאַרקוסן.

מרים־חיה, די מאַדאַם בלאַנק, איז נאָך אַ יונגע פרוי, פון אַ יאָר זעקס און דרײַסיק, נישט מער; זייער אַ שיינע, אַ קלאָר־ווײַסע, ווי געפּאַלענער שניי, מיט זייער שיינע בלויע אויגן און שוואַרצע ברעמען, מיט זייער אַן אײַנגענומען סימפּאַטיש געזיכט; די גוטסקייט אירע ליגט איר, ווי מע זאָגט, אַפן פּנים. מרים־חיה איז אַ פּשוטע, ערלעכע און אַ פרומע ייִדישע פרוי. זי טראָגט נישט קיין אייגענע האָר. פרעמדע טונקל־רויטאַווע צעפּ באַשיינען איר קאָפּ. און געקליידעט איז זי ניט נאָך דעם לעצטן זשורנאַל, נאָר ריין, ציכטיק, טשעפּקע, אײַנגענומען. איר וווּקס איז ניט זייער קליין, דאָך ווײַזט זי אויס ווי אַ קינד, ווי אַ ליאַלקע אַקעגן איר מאַן וואָס זי שעצט אים העכער און גרעסער פון אַלעמען אַף דער וועלט, און סענדערס וואָרט איז בײַ איר, להבדיל, אַ דין. זי איז בײַ אים די צווייטע פרוי און האָט מיט אים איין־און־איינציקן זון מאַרקוס, וואָס די נאַטור האָט אים געשענקט מרים־חיהס שיינקייט מיט סענדערס גבורה, און אינאיינעם איז פון אים אַרויס אַקוראַט אַזאַ זעלטענער העלד, ווי מיר דאַרפן אין אונדזער ראָמאַן. אַרויסלאָזן אים אַף דער גאַס, ווען עס שפּאַצירן אונדזערע מאַמזעלן מיט די דאַמען, איז געווען, מיין איך, אַ געפערלעכע זאַך, וואָרעם אין דער שטאָט, ווו עס קומט פאָר אונדזער אמתע געשיכטע, איז דער צווייטער מאַרקוס ניט געווען, אמת, עס זײַנען געווען נאָך צוויי, דרײַ מאַרקוסעס, נאָר ניט אַזעלכע מאַרקוסעס, ווי אונדזער מאַרקוס, מיט אַזעלכע גרויסע בלויע אויגן, מיט אַזאַ ברייטן ווײַסן שטערן,

מיט אַזעלכע שיינע בלאָנדע געקרייזלטע האָר, מיט אַזעלכע שיינע ווייסע הענט, מיט אַזאַ הויכן גרויסאַרטיקן שטאַלט, מיט אַזאַ שיין ליכטיק ריין פּנים, מיט אַזעלכע איידעלע מאַניערן, מיט אַזאַ אײַנגענומענעם רעדן... לאַכט, לאַכט, איר געבילדעטע מאַמזעלן, קורסיסטקעס! אויב אײַערע איידעלע הערצער זײַנען נאָך ניט פאַרדאָרבן געוואָרן פון פאַרשיידענע פרײַע, מאָדנע געדאַנקען, וועלן זיי זיך נאָך קאָנען קלאָפּן, באַגעגענענדיק אַזאַ מאַנספּאַרשוין, אַזאַ שיינעם קאַוואַליער, ווי אונדזער יונגער העלד מאַרקוס בלאַנק, מיט וועלכן מיר טרעטן־אַרויס מיט גרויס גדלות אַף די בלעטלעך פון אונדזער אמתער דערציילונג. איך ווייס, איר וועט מיר ענטפערן: וואָס קומט אונדז אַרויס פון אַ שיין פּנים מיט אַ גרויסן שטאַלט? דער עיקר איז — צי האָט ער עפּעס אין קאָפּ, אין האַרצן? וואָס אמת איז אמת: מײַן העלד האָט די נאַטור ניט געשענקט קיין באַזונדערע פעיִקייטן, אָדער טאַלאַנטן; ווער פאַרמאָגט אָבער אַזאַ גוט, ווייך, וואַרעם האַרץ, ווי מאַרקוס האָט? ווער פאַרמאָגט אַזאַ גליקלעכע לאַגע, צו זײַן אַ זון, אַ בן־זקונים בײַ סענדער בלאַנק, וואָס קאָן אים געבן נדן, וויפיל מיינט איר? צוואַנציק טויזנט, דרײַסיק טויזנט, און פאַר וואָס ניט קיין פופציק טויזנט רובל? סענדער וועט אים געוויס געבן פופציק טויזנט רובל, אויב ער וועט גרייכן דעם שידוך, וואָס ער וויל. און דעם שידוך, וואָס ער וויל, פאַרוואָס זאָל ער אים ניט גרייכן? מיט וואָס איז סענדער בלאַנק ערגער פון גרשון מירמעלשטיין?

— וואָס זאָגסטו, מרים־חיה, אַף דעם דאָזיקן פּאַרך? — זאָגט סענדער צום ווײַב און קוקט אַרײַן אין די פיש אַרײַן.

— אַף וואָסער פּאַרך, סענדער? וואָס פאַר אַ פיש ווילסטו? אַ מיטל־שטיק? אַן עקשטיק? צי אַ קאָפּ?

— זאָל זיין אַ מיטלשטיק מיט אַן עקשטיק מיט אַ קאָפּ, — זאָגט סענדער. — איך רעד פון דעם שייגעץ, רעד איך.

— וואָסער שייגעץ, סענדער? נעם — אָט דאָס איז אַ גוט שטיקל, סענדער.

— טויזנט מאָל דאַרף מען דיר זאָגן, צי וואָס? איך רעד פון גדליה דעם שדכן, רעד איך. ער שרײַט שוין ווידער אַמאָל וועגן דעם דאָזיקן גראָביאַן!

— וועגן וואָסער גראָביאַן?

— איך האָב דיר שוין, דאַכט מיר, צען מאָל געזאָגט, אַז גדליה

דער שרכן דולט מיר אַ ספּאָדעק, איך זאָל אַ שידוך טאָן מיט מאיר קוואַ־שע, אַט דעם בעל־עגלה־יונג, וואָס פאַרמאָגט ניט מײַן מיסט. דו פאַר־שטייסט? אַ העזה פון אַ שייגעץ!

— וואָס הייסט, סענדער? מע זאָגט דאָך אָבער, אַז ער איז אַן עושר, אַ גביר! נעם, סענדער, דו האָסט דאָך ליב אַ געפּילטן קאָפּ?

— אַן עושר? אַ גביר, זאָגסטו? אַ קבצן, אַן עני ואביון! זעסטו, דער שותּף זײַנער מאָטל פרידמאַן, האָט אַביסל געלט, נאָר וואָסער אַ געלט? געראַבעוועט, גענזלט, אויסגערײסן מיט גוואַלט. אַזוי ווי ראובן בײַטשעלע, אָדער שמחה פּײַג איז אויך אַ גלײַכער שידוך? האַ? ווי מיינסטו, אַ שטייגער? איאַ, אַ פֿײַנע זאַך? סענדער בלאַנק מיט שמחה פּײַג — צוויי גלײַכע מחותנים, איאַ?

— איך ווייס? מיר דאַכט, אַז רב שמחה איז אַ... פֿײַנער מענטש...

— אַ פֿײַנער מענטש, זאָגסטו? נו, און רב יואליק שלעפּער? און רב אײַזיק פּאַטשײלע? און זלמן קרום־פּנים? אויך פֿײַנע מענטשן? האַ? זאָל איך זיך מיט זיי אויך משדך זײַן? ווי מיינסטו?

— איך זאָג דען, סענדער, אַז...

— אַז וואָס? חס ושלום! דו ווילסט נאָר, איך זאָל נעמען אויף מײַנע עלטערע יאָרן און אַוועקגעבן אַזאַ קאַפּיטאַל מיט געלט דער רוח ווייס וועמען — עפּעס פּײַפּערס, גנבים, שלעפּערס!

— שלעפּערס?

— פאַרשטייט זיך, שלעפּערס! זאָלסטו טאַקע וויסן, אַז ס׳ע איז שלעפּערס, קבצנים, כלבים, שאַרלאַטאַנעס, פּליערס, אַנזעצערס, ניטאָ איינער אַ רעכטער, אַלע אויף פרעמד געלט, אַבי קאַרעטעס, פערדלעך! ס׳ע איז גאָלע הולטאַיעס, בלוטזויגערס, קולעספּאַט... קולעספּאַטאַרניקעס... ווי אַזוי הייסט דאָס דאָרטן בײַ דיר, מאַרקוס, אין די הײַנטיקע ביכלעך?

— עקספּלאָאַטאַטערעס, — פאַרריכט אים מאַרקוס.

— עקסלאָפּאַטאַטשניקעס, מערזאַוועצעס, סוואָלאָטשעס, און גענוג! און מען וויל, איך זאָל מיך מיט זיי משדך זײַן! אַ, ווי לאַנג קרענקען זיי, ניט דערלעבן זאָלן זיי דאָס!

— עס, סענדער. דערווײַל עסטו ניט.

— איך עס, איך עס, וואָס דען טו איך? זעסטו, אָט דער דאָזיקער גרשון, גרשון מירמעלשטיין — אָט דאָס הייסט אַ לײַטישער מענטש, אַ מענטש; אַ פֿײַנער מענטש, אַ געשטעלטער מענטש, אַ באַרוטער מענטש,

א מענטש, וואָס סע הייסט מענטש. וואָס מע קאָן אױף אים זאָגן מענטש, מיט איינעם וואָרט — א מענטש!... ווי מיינסטו, מרים־חיה, א שטייגער, אַז איך זאָל וועלן מיט אים א שידוך טאָן, וואָס וואָלט ער געזאָגט, האַ?

— איך ווייס? וואָס קאָן ער זאָגן, סענדער? איך ווייס וואָס?

— אַדרבה, ווי מיינסטו, מרים־חיה? איך וויל הערן דײַן מיינונג.

— מײַן מיינונג? איך מיין, אַז... איך מיין גאָרניט.

פאַראַן בײַ אונדז א סך אַזעלכע ווײַבער, וואָס מיינען גאָרניט, וואָס מיינען נאָר דאָס, וואָס דער מאַן וויל און וואָס דער מאַן הייסט. מרים־חיה איז געווען איינע פון די ווײַבער, וואָס האָבן דרך־ארץ פאַרן מאַן, נישט מחמת „אהבה", נאָר מחמת „יראה", דאָס הייסט, נישט אַזוי פאַר ליבשאַפט, ווי פאַר אָפּשײַ. סענדער איז געווען א ייִד, וואָס בײַ זיך אין שטוב האָבן אַלע פאַר אים געהאַט דרך־ארץ פונעם ווײַב ביזן געבאַ־לעוועטן מיזיניק מאַרקוס. אױפן לשון פון די „העכסט־אינטערעסאַנטע ראָ־מאַניסטן" קאָן מען זאָגן, אַז סענדער איז געווען א דעספּאָט, א טיראַן... איך וואָלט נאָך צוגעזעצט דאָס וואָרט „מערדער", איז ער אָבער געווען ווײַט פון א מערדער. ער איז געווען א ייִד גלײַך מיט אַלע ייִדן, וואָס בײַ זיך אין שטוב האָט ער געהאַט די דעה, און ווײַטער קיינער ניט. און אַז מיר האַלטן שוין דערבײַ, געבן מיר דאָ איבער אַביסל זײַן ביאָגראַפיע אין קורצן: סענדער איז געווען אַמאָל א קליין מענטשע־לע, גאָר א קליין מענטשעלע. דאָס איז געווען שוין לאַנג, אָבער גאַנץ לאַנג, נאָך איידער ער האָט געהאַט די קלינגערס, אַז ער האָט נאָך גע־הייסן סענדער חלפן (למאי זאָלן מיר לייקענען? ער איז געווען א חלפן), האָט ער זיך דעמאָלט אָנגעליטן פון די שײנע ייִדן, זײַדענע יונגעלײַט, נגידישע קינדער. אוי, האָט ער זיך פון זיי אָנגעליטן! אוי, פלעגט ער שטיין פאַר זיי כעבדא קמיה מאריה, האָבן דאָס נײַניעריקע קדחת! אוי, פלעגט ער זיי מקנא זיין, און אוי, פלעגט אים אױף זיי ברענען!... און נאָכדעם, אַז ער איז פון א חלפן ארויף אױף דער מדרגה פון בעל־הלוואה, און פון א בעל־הלוואה — אױף א פעלהענדלער, פון א פעלהענדלער — א גראַבבאַרשטשיק, פון א גראַבבאַרשטשיק — א צעלניקער, פון א צעלניקער — א קאָמיסיאָנער, פון א קאָמיסיאָנער — אַליין א סוחר, א צוקער־הענדלער, א גרויסער סוחר, א רײַכער סוחר, ביז א באַנקיר, — איז ער אַלץ געוואַקסן העכער און העכער אין די אויגן פון זײַנע באַקאַנטע, און ער האָט אָנגעהויבן אָראָפּוואַרפן איינציקווײַז די פריערדיקע נעמען, ווי א

פויגל, וואָס וואַרפט פון זיך איינציקווײַז די אַלטע פעדערן, און האָט אָנגעהויבן צו באַקומען נײַע נעמען: סענדער גראַבאַרניק, סענדער צעלניקער, סענדער האַרטאָווניק. איינער פון זײַנע אָרעמע קרובים האָט אים געשענקט פון זיך אַ „על" — איז געוואָרן „סענדערל". און צום סוף (אַ צײַט מיט יאָרן האָט מען נישט געוווּסט זײַן פאַמיליע) — סענדער בלאַנק!... רב חײַמקע, רב זיאַמקע, רב מאירל האָבן ביסלעכווײַז אויפגעהערט צו פאַררײַסן פאַר סענדערן די נאָז און האָבן אָנגעהויבן אַרומדרייען זיך אַרום דעם אויפגעקומענעם נגיד, פריער געבנדיק אים צו וויסן, אַז ער איז פון די „אויפגעקומענע", מיט אַזעלכע אויסריידלעך, למשל: „! שלום־עליכם, אַ באַקאַנטער ייִד! דאַכט זיך, סענדער? וואָס זשע מאַכט איר עפעס גוטס? עפעס זאָגט מען אויף אײַך, אַז סע גייט אײַך, אָן עין־הרע, זייער גוט?... און נאָכדעם שוין: „רב סענדער סערדצע! מיר שטייען, דאַכט זיך, אויף איין סטאַנציע? קומט אַרײַן אויף דער נאַכט צו אונדז אַביסל!"... „אַ, רב סענדער! איר דערווײַטערט זיך שוין פון אונדז?"... „איך האָב צו אײַך אַ קליינע בקשה, רב סענדער: עטלעכע טויזנט קערבלעך אויף צוויי חדשים"... אַך! ווען מען זע איך? ווען איך וויים, אַז איר זײַט הי!"... און נאָכדעם: „מיר ווילן, די גאַנצע שטאָט וויל, זי חלשט, אויסקלײַבן אײַך פאַר אַ גבאי, פאַר גלאַסנע, דעפּוטאַט, פאַר דירעקטאָר אין באַנק"... „הער בלאַנק! מיר האָבן די ערע, מיר בעטן, איר זאָלט אונדז ניט אָפּזאָגן. זײַט אַזוי גוט און גייט אַרײַן אין אונדזער לאַגע, איר זײַט דאָך בײַ אונדז, ווי זאָגט מען עפעס, איר פאַרשטייט, צי ניין?"...

אונדזער סענדער איז ניט געווען פון די דאָזיקע, וואָס פאַרכליניען זיך מיט זייער מזל און בלאָזן, ווי מען זאָגט, פון זיך; ניין! ער קאָן אויסהערן די דאָזיקע אַלע קאָמפּלימענטן גאַנץ גלײַכגילטיק, מיט ענִיוות, גלײַך ווי ער וואָלט גאָר אַזאַ כבוד ניט פאַרדינט, און ענטפערן, אַז ער איז נישט מסוגל, נישט מיט אַלעמען, נישט אויפגעלייגט, סע איז דאָ גרעסערע פון אים. אָבער דאָרט, טיף־טיף אין האַרצן, האָט ער געמעגט שטאַרק אָנקוועלן פון ביידע זײַטן: אי וואָס ער האָט דערלעבט אַזאַ כבוד, אי וואָס אָט די אַלע כלבים האָבן אַראָפּגעלאָזט די ווײדלען און פאַרשטייען דרך־ארץ. און נישט פאַר קיינעם, נאָר פאַרן ווײַב האָט ער ליב זיך פאַרגיסן אַמאָל מיט אַ געלעכטער.

— וואָס זאָגסטו עפעס, מרים־חיה, אויף רב זיאַמקע דעם מיוחס,

כאַ־כאַ־כאַ? געדענקסט אים כאָטש, אַ רוח אין זײַן טאַטן?...

קיין פעטער אַנבײַסן, קיין גוט גלאָז ווײַן האָט ניט געקאָנט אים צושטעלן אַזאַ פאַרגעניגן, ווי רב זיאַמקע וכדומה אַזעלכע לײַט, ווען זיי האָבן באַדאַרפט אָנקומען צו אים. אַפּן שענסטן אופן און מיטן גרעסטן כבוד האָט אונדזער סענדער צוגענומען דעם געערטסטן גאַסט בײַ זיך אין קאַבינעט, געבעטן זיצן, געגעבן אַ פּאַפּיראָס, אָנגעצונדן און אונטערגע־טראָגן דעם גאַסט אַ שוועבעלע, געפרעגט: „וואָס האָט איר עפּעס אַזאַ שלעכט פּנים?" און געגעבן אַן אויסרייד: „פאַר וואָס זעט מען אײַך עפּעס ניט?". ווי אַף נאָדלען איז דער גאַסט געזעסן; ער האָט שוין לאַנג אויסגערויכערט דעם געשענקטן פּאַפּיראָס; ער האָט שוין לאַנג זיך אויס־געהוסט דרײַ מאָל און אַכצן מאָל זיך אונטערגעהויבן אַפּן בענקל, אָפּ־געווישט דעם שווייס, גוט אויסגעשנײַצט די נאָז, אַרויסגענומען און גע־מאַכט זיך אַן אייגענעם פּאַפּיראָס, איינעם, דעם אַנדערן, דעם דריטן, עטלעכע מאָל געפּרוווט אָנהייבן צו ריידן, וואָס ער באַדאַרף, און איבער־געהאַקט געוואָרן אַפּן ערשטן וואָרט, — און סענדער האָט אַלץ דערציילט פון זײַנע געשעפטן, פון זײַנע פאַרפאַלענע חובות, פון זײַנע משפטים, וכדומה, מיט גרוים התלהבות, גלײַך ווי דער גאַסט בעט אים, וויינט און חלשט פאַר אים, ער זאָל אים „אינגאַנצן" דערציילן און חס־ושלום ניט דורכלאָזן קיין ברעקעלע... נאָר יעדע זאַך דאַרף זיך אָבער האָבן אַן עק, און אַ מענטש האָט אין זיך אַ גאַל! דער גאַסט, רב זיאַמקע, אָדער רב חיימקע, כאַפּט די מינוט און הייבט־אָן גלײַך גיך, אין איין אָטעם:

— איך האָב אײַך געוואָלט בעטן, רב סענדער, איר האָט דאָך גע־הערט מסתמא, אַז איך האָב אָוועקגעקויפט בײַ דעם פּריץ שישינסקין אינ־גאַנצן די ווייץ, און מחמת...

— איך ווייס, איך האָב געהערט! — שלאָגט אים סענדער איבער אינמיטן. — איך האָב געהערט פון אײַער גילדענעם געשעפט. איך בין אײַך ווייניק־וואָס מקנא, רב זיאַמקע, אָבער גאָר ווייניק! ווייסט איר זשע, פאַר וואָס? איך וועל אײַך דערציילן! אָט דער שישינסקי האָט בײַ מיר פאַר פיר יאָרן געוואָלט לײַען פופציק טויזנט קערבלעך, און דווקא אַף גוטע קאָנדיציעס. איך האָב אָבער דעמאָלט געהאַט אַן עסק מיטן קאַשקיווקער פּריץ. די מעשה איז אַזוי געווען...

און סענדער האָט אָוועקגעצויגן אַ שפּאָגל־נײַע מעשה אַף נײַע זעקס שעה. רב זיאַמקע איז שוין פּיטש־נאַס: עס רינען פון אים ריקעס שווייס;

ער ווישט זיך נעבעך מיט דער פאָלע און זיפצט, ווי אַן אומגליקלעכער פלענער אין געפענקעניש; רב זיאַמקע שלאָגט אים איבער די רייד:

— האָט מיר קיין פאַראיבל ניט, רב סענדער, וואָס איך שלאָג אײַך איבער די רייד... איר ווייסט, וואָס איך בין געקומען צו אײַך?

— ניין; פון וואַנען זאָל איך וויסן?

סענדער בלאַנק האָט גאַנץ גוט געוווּסט, וואָס רב זיאַמקעס וויזיט באַדײַט, נאָר ער מאַכט אַ נאַיִווּ פּנים און קוקט אים אין די אויגן אַרײַן.

רב זיאַמקע איז אויפגעריכט געוואָרן און זאָגט זיך גאַנץ פרייליך:

— פאַרשטייט איר מיך, רב סענדער, די מעשה דערפון איז אַזוי: איך האָב די ווייץ אָװעקגעקויפט מיט אַ שותּף, מיט אברהם זאַלצוואַסער...

— מיט אברהם זאַלצוואַסער? גאָט זאָל אײַך אָפּהיטן, רב זיאַמקע! דאָס איז דאָך אַ שווינדלער, אַ דרייער, אַ רוצח, אַ קוילער! שטעלט אײַך פאָר, אַז פאַר צוויי יאָרן ווינטער, אַרום חנוכּה, צי אַרום פּורים, — איך געדענק נישט אַקוראַט — קומט צו מיר אַרײַן אַ ייִד. גוט מאָרגן! — גוט יאָר! זייער פײַן! און מישט מיר אויף אַ מעשה...

רב זיאַמקע בײַסט זיך די נעגל, קראַצט זיך אונטער דער יאַרמעלקע. ער הוסט, ער קלאַפּט מיט די פיס, ער פאַרשפּיליעט זיך די קאַפּאָטע, ער רוקט־אָן דאָס היטל שטאַרק, שטאַרק. און סענדער דערציילט גאָר אַ נײַע מעשה גאַנץ אָנגענעם, בהדרגה, מיט זייער שיינע וויצן פאַרפּראַוועט, אָן אַן אויסלאָז, אָן אַן עק! רב זיאַמקע שפּרינגט שוין אונטער און פאַלט אַרײַן אין די רייד, שוין גאָר אָן דרך־ארץ:

— פאַרשטייט איר, רב סענדער? האָב איך בײַ אײַך געוואָלט בעטן אַ גמילות־חסד אַף אַ קליינער צײַט.

— אַ גמילות־חסד?! — פרעגט סענדער שטאַרק־שטאַרק פאַרוווּנ־דערט, גלײַך ווי מען האָט אים דערציילט, אַז דער און דער האָט גענומען דאָס גרויסע געווינס, אָדער ס'איז געווען נאָר־וואָס אין דרויסן אַ הריגה, אַ שׂרפה, אַ מגפה...

— יאָ, אַ גמילות־חסד, — ענטפערט זיך רב זיאַמקע נישט הויך, נישט שטיל, נאָר אַזוי, מיטלמעסיק, נישט צו פאַרשטיין, וואָס וווּנדערט זיך דאָס עפּעס אַזוי רב סענדער? — יאָ, אַ גמילות־חסד, ביז וועסנע; נישט קיין סך: אַ רובל צענטוויזנט.

— איצט האָב איך נישט, בנאמנות, איך האָב נישט איצט בײַ זיך,

איך זאָל אַזוי נישט האָבן קיין שלעכטס, איך זאָל אַזוי ריין זײַן פון שלעק מיט אײַך אינאיינעם. פאַר וואָס האָט איר מיר נעכטן נישט געזאָגט? נעכטן האָב איך גראָד יאָ געהאַט, איז געקומען צו מיר אַ מענטש פון גבריאל פעלקענשטיין און לייגט מיר פאָר אַן עסק, אַזוי ווי אין טיטי־קיוועק סטראָיעט זיך הײַנט אַ נײַע פאַבריק, און גבריאל פעלקענשטיין האָט געמאַכט אַ קאָנטראַקט מיט די שותפים נאָך פאַראַיאָרן, אַז דער וואַלד דער טיטיקיוועקער... און אַזוי ווײַטער — אָן אַן אויסלאָז, מיט מעשׂיות און מיט קליינע מעשׂהלעך געבונדן און געפלאָכטן, אַזוי, אַז סע ברעכט דעם מוח!...

און אַזוי גייט זיך רב זיאַמקע אַוועק נעבעך אָן געלט, אָן כּח, אַן אויסגעמוטשעטער, אַ נאַסער פון שווייס, און פאַר זײַן אַוועקגיין מוז ער נאָך אויסהערן אַ לאַנגע נאָטאַציע פון רב סענדערן, אַז נישט אַזוי האַנדלט מען, אַז מען זאָל דאַרפן אָנקומען צו יענעם, און מען טאָר זיך נישט פירן אַזוי גרויס, און מע דאַרף זיך היטן פון שלעכטע שותפים, און מע דאַרף וויסן, ווי אַזוי צו האַנדלען און מיט וועמען צו האַנדלען, און מע זאָל פרעגן בײַ אים, בײַ סענדערן, וואָלט ער קלאָר געמאַכט און געוויזן אַ דרך אין אַלע געשעפטן. און בײַם געזעגענען זיך בעט אים סענדער אַמאָל אַרײַנקומען, מהיכא תיתי, אַביסל שמועסן... רב זיאַמקע לויפט אָן אָן אָטעם און האָט מורא זיך אַרומקוקן! עס גייט איבער אַ קליינע צײַט. מען דאַרף אָבער פאַרט די קלינגערס, — וואָס טוט מען? ער גייט נאָך אַ מאָל צו רב סענדערן, טאָמער, אַ קשיא אַף אַ מעשׂה?... און ווײַטער די זעלבע געשיכטע; ווײַטער אַ מאָל דאָס אייגענע! און אַזוי איז מיט רב זיאַמקען, מיט רב חיימען, מיט רב איציקלען, און אַזוי איז מיט אַלע זײַנע אַלטע באַקאַנטע, אָט אַזאַ מין נפש איז ער.

אונדזער סענדער איז נישט בעסער און נישט ערגער פון אַלע אַנ־דערע אויפגעקומענע גבירים, פּשוטע מענטשלעך, וואָס קאָנען קיין אַנ־דערע פאַרגעניגנס נישט האָבן פון קיין זאַך, אַ חוץ געלט און כּבוד.

אייגנטלעך, וואָלט איך דאָ באַדאַרפט אַביסל באַשרײַבן די ביאָג־ראַפיע זײַנע: ווער איז ער? פון וואַנען שטאַמט ער אַרויס? ווער זײַנען זײַנע עלטערן? מיטן גרעסטן און מיטן שענסטן כּבוד וואָלט איך דאָס געטאָן, ווען איך זאָל דאָס וויסן. איז דען מעגלעך, אַז ראָמאַניסטן זאָלן קענען אַ גאַנצע וועלט? און וואָס איז אונדז דער אונטערשייד — לאָמיר שמועסן עפנטלעך: — וואָס גייט אונדז אָן, ווער איז געוועזן סענדערס

זיידע, צי סענדערס באָבע? צי איז זײַן פֿאָטער געווען אַ מלמד, אַ שוס־טער, אַ באַנדער, צי אַ מעקלער? מיר ווייסן נאָר סענדערן; מיר געדענקען אים, אַז ער איז אַמאָל, נישט היַנט געדאַכט, געווען אַ געמיינער ייִד, אַ חלפֿן, אַ פּעל־העגדלער, אַ מוכר־תבואהניק און היַנט... היַנט איז ער ס ע נ ד ע ר ב ל אַ נ ק! קוקט איַך גוט צו צו אים: אפשר איז ער איַך אויך קענטלעך, אַזוי ווי מיר?

ד אָ ס פ ע ר ט ע ק אַ פּ י ט ל

טראַקטירט פֿון מאַרקוסן אַליין.

שוין ציַיט, שוין ציַיט צו פֿאַרנעמען זיך אַביסל מיט דעם ייִנגסטן פֿון דער פֿאַמיליע בלאַנק; שוין ציַיט, אַז אונדזערע לייענער זאָלן אַביסל נענטער זיך באַקענען מיט אונדזער יונגן העלד, מיט אונדזער שיינעם מאַרקוס בלאַנק, — דאָס קלענסטע און דאָס בעסטע קינד פֿון סענדערן.

„דאָס קלענסטע און דאָס בעסטע" — אַזאַ מיינונג איז געווען וועגן מאַרקוסן דער פֿאָטער אַליין איבער צוויי זאַכן. ערשטנס, האָט סענדער ליב געהאַט זײַנע קינדער, ווען זיי זײַנען נאָך געווען קליינע, ברעקעלעך, קאַראַפּוזיקעס; און ווי באַלד די דאָזיקע קאַראַפּוזיקעס האָבן אָנגעהויבן אונטערצעוואַקסן, אַזוי האָט אונדזער פֿײַנער סענדער אָנגעהויבן באַקו־מען צו זיי אַ שנאה, וועלכע איז געוואַקסן אַלע מאָל שטאַרקער און גרע־סער. ער האָט געקוקט אױף זיי, ווי אױף שותפים, ווי אױף פּרעטענדענטן אױף זײַן גוטס, און אָן קריג, אָן סצענעס, אָן פּעטש האָט זיך נישט געמאַכט קיין שמחה, קיין חתונה; דער פֿאָטער האָט געאַרבעט מעשים, געטופּעט מיט די פֿיס, די מוטער האָט געוויינט, די קינדער האָבן געגאָסן מיט טרערן, — און דער סוף האָט זיך אויסגעלאָזט, אַז סענדער האָט געמוזט עפֿענען די האַנט און מיט טויטע קללות אָפּציילן געלט, וויפֿל מע האָט באַדאַרפֿט.

בײַ אַ סך גאַנץ ליַיטישע מענטשן פֿירט זיך אַזוי. דער מחבר פֿון דער דאָזיקער געשיכטע איז נישט איין מאָל געווען אַן עדות בײַ אַזעלכע פֿײַנע סצענעס, נישט איין מאָל געווען אַ פֿאַרמיטלער צווישן פֿאָטער מיט זײַנע אייגענע קינדער, ווו דער גאַנצער סכסוך איז געגאַנגען וועגן אײ־

בעריקע עטלעכע הונדערטערס, וואָס מיט דעם האָט מען געקאָנט פּשוט מציל זײַן פון הונגער און פון דחקות אַ גאַנץ הויזגעזינד; געלט האָט טאַקע דער פאָטער געגעבן, נאָר בלוט האָט ער אָפּגעצאַפּט בײַ די אומ־גליקלעכע קינדער אַ סך מער, ווי אַף עטלעכע הונדערטערס... אַז איך האָב אַף אַ ציקאַוועסט, אַ פרעג געטאָן דעם אײַנגעשפּאַרטן פאָטער, צו וואָס האָט אים געטויגט דער גאַנצער טאַראַראַם מיט די בזיונות, מיט די טרערן אומזיסט און אומנישט? — האָט ער מיר גאַנץ ערנסט געענט־פערט:

— אַ קינד טאָר מען נישט ווײַזן קיין וועג, אַ קינד איז אַ חזיר, אַ קינד דאַרף מען לערנען, סע זאָל וויסן, אַז אַ קערבל איז נישט קיין הונט, וועט ער אויך וויסן אַף דער עלטער, ווי אַזוי זיך צו באַגײַן מיט אַ קינד און ווי אַזוי מע דאַרף היטן אַ קערבל הײַנטיקע יאָרן...

עס פאַרשטייט זיך, אַף אַזאַ לאָגיקע האָב איך נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן...

די צווייטע סיבה, וואָס מאַרקוס איז געווען טײַערער בײַ סענדערן כמעט פון אַלע קינדער, איז ווײַל מרים־חיה איז בײַ אים געווען דאָס צווייטע ווײַב, און אינגאַנצן איר לעבן איז געווען אָפּגעהאַנגען פון איר טײַערן בן־יחיד.

„נו, מילא? — פרעגט מיך דער לעזער. — ווו שטייט דאָס, אַז די קינדער פונעם צווייטן ווײַב דאַרף מען בעסער ליב האָבן?"

— נו, מילא! ענטפער איך אויך דאָס אייגענע. מילא אַהין, מילא אַהער — ס'איז פאָרט אַזוי אײַנגעפירט בײַ אַ געוויסן קלאַס ייִדן. נאָר למאַי זאָלן מיר אוועקגיין פונעם אמת? מאַרקוס איז טאַקע געווען אַן אַנטיקל, וואָס מ'קריגט עס גאָר נישט. די גאַנצע שטאָט האָט מיט אים געהאַט צו טאָן; אַז סענדער האָט געבראַכט דעם ערשטן שבת דעם פינפ־יעריקן מאַרקל אין בית־המדרש מיט אַ זײַדן העמדל, סאַמעטענע הייזלעך און מיט אַ גילדן היטעלע, האָבן אים אַרומגערינגלט אַ מאַסע ייִנגלעך, ווייסע־חברהניקעס, און יעדער האָט אים אַ טאַפּ געטאָן. פון יענעם שבת אָן איז אוועקגעגאַנגען אַ שם אַף דער גאַנצער שטאָט, אַז בײַ סענדער בלאַנק איז דאָ אַ מיזיניקל, אַ מאַרקל, עקט זיך מיט אים די וועלט! עס איז אים נישט אין פּנים אַרײַנצוקוקן, און קלוג איז ער, אַז עס זאָל אים גאָר קיין גוט אויג נישט שאַטן... איך וואָלט אַ בעלן געווען אָנטאָן לייזער דעם באַלעגאָלעס ייִנגעלע אין אַ זײַדן העמדל, סאַמעטענע הייזלעך מיט

אַ גילדן יאַרמעלקע, און הערן, וואָס וועלן זאָגן אָט די אַלע צבועקעס, וואָס דאַרפֿן אָנקומען צו סענדערס קעשענע, אַף לייזערס אַנטיקל, וואָס איז שיין און קלוג, אַז „ס׳עקט זיך מיט אים די וועלט״? אָבער דערווײַל זעען מיר פֿאַר אונדזערע אויגן סענדערס מיזיניקל און מיר לייענען גרויסע גילדענע אותיות, אָנגעצייכנט אַף זײַן ווײַסן שטערן:

„געלט וועסט דו האָבן,
אַ פֿערד וועסט דו זײַן״...

און דאָרט, באַ דער זײַט, שטייט לייזער דעם באַלעגאָלעס אַ זונדל, אַ שוואַרץ „אינגבערל״ מיט אַ שטיק בולקע אין דער האַנט (קוים דער־לעבט דעם גליקלעכן שבת!), אָפּגעריסן און באָרוועס, מיט אַ פּאָר גלע־זערנע אויגן, און אַף זײַן באַוואַקסענעם שוואַרצן שטערן איז אָנגעצייכנט פּאַרקערט:

„אַ פֿערד וועסט דו האָבן,
אַ קבצן וועסט דו זײַן״...

אַך! פּאַר וואָס בין איך נישט קיין פּאָעט? איך זיץ אַצינד באַגײַס־טערט, פֿול מיט מחשבות; איך וואָלט אָנגעשריבן דאַרויף אַ גאַנצן שיר אין שיינע קלינגענדיקע פֿערזן, מיט מעלאַנכאָלישע, פֿילאָזאָפֿישע, הויכע געדאַנקען, מיט טענות צום בורא־שמים, פֿאַר וואָס קומט דאָס, אַז סענ־דערס קינד, וואָס איז פֿונקט אַזוי קלוג און מיט די זעלבע טאַלענטן, ווי לייזערס אידיאָט, און פֿונדעסטוועגן גייט יעדער צו צו מאַרקלען מיט אַ פּאַרטיק שמייכעלע, מיט אַ חנופֿהלע, מיט אַ קניפּ אין בעקל, און צו לייזערס פּעמפּעק וויל קיינער אַפֿילו קיין קוק נישט טאָן, און אַז ער קומט זיך יאָ עמעצן אונטער די הענט, טוט מען אים אַ שטורך, אַ שנעל אין נעזל, אַ ציפּ באַם אויער, אָדער מ׳רוקט אים אָן דאָס היטעלע איבער די אויגן און מ׳מאַכט פֿון אים חוזק...

און שפּעטער, אַז מיר האָבן דערלעבט צו זען אונדזער קליינעם העלד צו דער בר־מצוה, האָבן מיר זיך זאַט נישט געקאָנט אָנקוקן זײַן שיינע צורה, און הגם מיר האָבן פֿון אים אַליין קיין באַזונדערע שאַרפֿע חכמות נישט געהערט, דאָך האָט מען אונדז דערציילט פֿון דעם דאָזיקן פֿײַער, פֿונעם דאָזיקן מאַרקל, אַזעלכע אַנטיקלעך, אַז מיר זײַנען באמת געווען אַנטציקט פֿון דעם דאָזיקן יונגאַטש. „שטעלט אײַך פֿאָר, — אַזוי האָט דערציילט חיים־חנא דער מלמד — אַז מיט זײַנע פּלוצלעכע קשיות, וואָס

ער פרעגט בא אים, בא זײַן רבין, שטעלט ער אים אזוי אנידער, אַז ער, רב חיים־חנא, מאָלט אײַך, וואָס איז באמת אַ חריף, בלײַבט אָפּהענ־טיק און קאָן קיין מויל נישט עפענען אַנטקעגן דעם דאָזיקן תּלמיד, וואָס דאַרף אויסוואַקסן עפּעס אַ מין גאון, אָדער איך ווייס אַליין נישט וואָס!"... איז נאָך דאָ וואָס צו ריידן פון סענדערס פאַרגעניגן און פון מרים־חיהס גליק, וואָס האָט זיך אויסגעגאָסן אין טרערן? מיט וואָס האָט זי פאַרדינט בא גאָט אַזאַ ברכה? מיט וואָס האָט זי זוכה געווען צו האָבן אַזאַ תּכשיט, וואָס גאָט און לײַט טוען זיך פרייען מיט אים? נישט אַנדערש, אַז דער וואָס לעבט אייביק האָט זיך אַרומגעקוקט אויף איר, ווי זי קומט נעבעך אָפּ בא סענדערן, כּמעט ווי אַ דינסט — גאָט זאָל נישט שטראָפן פאַר די רייד! נישט אַנדערש, אַז דאָס איז איר אַ רפואה צו דער מכּה...

נאָר מרים־חיה האָט, אפנים, נישט פאַרדינט בא גאָט, אַז איר זון זאָל באמת זײַן אַ גאון־עולם; כּל זמן רב חיים־חנא דער מלמד האָט געלעבט, איז מאָרקל געווען אַזאַ תּכשיט, אַזאַ גילדן קעפּל, אַז קיינער האָט אים נישט געקאָנט נעמען פאַרהערן, מחמת חיים־חנא איז דערצו געווען אַ מזיק; ער האָט קיינעם נישט געלאָזט אויסרעדן אַ וואָרט: נישט דעם פאַרהערער, נישט דעם תּלמיד. ער האָט גערעדט פאַר אַלעמען; ער האָט אַליין געפרעגט און אַליין געענטפערט. און אַז יענער האָט געפרעגט דעם תּלמיד, למשל: „וואָס לאָזט מיך דאָ, מאָרקל, דער תּנא הערן?" — האָט חיים־חנא פאַרקאַטשעט די אַרבל, געמאַכט מיט די הענט און אין דער גיך געענטפערט: „נו, זאָגט ער דאָך אײַך, אַז עבודה זרה איז נישט גלײַך, זאָגט ער, צו דער פּרה אדומה; פאַר וואָס? זאָגט ער, מחמת עבודה זרה, זאָגט ער, איז אַן אַנדער זאַך, און פּרה אדומה, זאָגט ער, איז ווידער אַן אַנדער זאַך; איז געדרונגען, זאָגט ער, אַז דער תּנא האָט זיך געשטעלט, זאָגט ער, אויף דעם פּסוק, צו פרעגן, זאָגט ער, אַ ווידעראַנאַנד: מה דאָך, זאָגט ער, עבודה זרה איז אַזוי, איז דאָך פּרה אדומה, זאָגט ער, על אחת כּמה וכמה!"... און מיט דעם דאָזיקן „זאָגט ער" האָט חיים־חנא אַזוי פאַררעדט און פאַרקלאַפּט די ציין, אַז דער פאַרהערער איז געבליבן זיצן ווי אַ מענטש, וואָס מע כאַפּט אים אויף פונעם שלאָף און מע זאָגט אים: „קוק"! — ער קוקט און ווייס נישט, ווו ער איז אין דער וועלט...

אַז חיים־חנא איז געשטאָרבן, און מאָרקל איז אַרײַנגעפאַלן צו

אנדערע מלמדים אין די הענט אריין, האבן די דאזיקע אנגעהויבן באַ־מערקן, אַז רב סענדערס זון האָט אַביסל „אַ הארט קעפּל“, אַ „שווערע תפיסה“ מיט אַ „קורצן זכרון“; דערצו האָט סענדער אָנגעהויבן ווערן רײַכער און רײַכער, און באַ לײַטן האָט ער געזען, ווי אַזוי מען לערנט קינדער אַף דעם נײַעם שניט, האָט ער געקריגן מארקוסן אַ צוויי־דרײַ לערערס פון „הײַנטיקער וועלט“, וואָס אונדזער יונגער העלד האָט באַ זיי געגנאשט פון יעדער זאַך צו ביסלעך, עטוואָס פון אויבן, אַזוי, אַז צו זיבעצן־אַכצן יאָר האָט ער געהייסן זייער אַ פײַן בחורל, נישט ערגער פון אַ סך אַזעלכע בחורימלעך, וואָס איך מיט אײַך קענען זיי זייער גוט: זיי גייען זייער שיין אויסגעפּוצט, זיי האָבן באַ זיך אַ סך ביכלעך; צווישן זיך שמועסן זיי אַף דער גאַס וועגן טורגעניעוון, און שרײַען אַזוי שטאַרק, אַז איר מוזט זיי באַמערקן; צײַטונגען לייענען זיי אַלערליי, און מיט פרעמדע הענט שרײַבן זיי אַליין אויך אַ מאָל אַרײַן אַ קאָרעספּאָנדענציע אין אַ יידיש בלאַט, און שפּעטער, אַז ער ווערט עלטער, דערמאָנט ער אײַך, אַז ער האָט אַמאָל, אין די יונגע יאָרן, „געשריבן אין די צײַטונ־גען“. מיט איין וואָרט, אונדזער אויסגעצייכנטער מארקוס וואָלט געווען אַ יינגל אַ משכיל, ווי אַלע משכילים אין דער פּראָווינץ, אַ „אינטעלי־גענט“, אַ געוויינלעכער טיפּ פון אַ יידיש בחורל אַ נאַכאַל, וואָס נעמט אַ שיינע כלה מיט רויטע בעקלעך און מיט אַ סך נדן, — און האָט התונה, און ווערט אַ פײַן איידעמל, אַ בעל־הלואה, אַ שטיקל סוחר, אַ גרויסער סוחר, אַ יונגערמאַן אַ גביר מיט עטלעכע קינדער, וואָס באַקומען באַ אים פּונקט אַזאַ דערציִונג, ווי זײַנע עלטערן האָבן אים געגעבן, און אַזוי איז „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת“ — איין דור גייט נאָך דעם אַנדערן, ווי אַ זייגער... נאָר ניין! אונדזער שיינער העלד האָט געהאַט אַן אַנדער השגחה אין דער וועלט, און זײַן צוועק איז געווען נישט אַזוי, ווי מיר האָבן פון זײַנעטוועגן אויסגעבעט. יעדער מענטש האָט זיך זײַן קאַפּריז, זײַנע השגות; פאַר וואָס זאָל מארקוס בלאַנק זײַן ערגער פון אַלע אַנדערע מענטשן? איך זע, אַז מײַנע לעזער ווילן טרעפן, אַז מסתמא מוז דאָ זײַן אַ שיין מיידל אינמיטן, און מארקוס איז שטאַרק פאַרליבט!... ניין! איר דאַרפט געדענקען, אַז מײַן ראָמאַן איז „אַ ראָמאַן אָן אַ ראָמאַן“! איך וועל אײַך נישט גיין שווערן, אַז ווען מײַן שיינער העלד זאָל געווען באַגעגענען ערגעץ אַ מין ראָזאַ, אָדער אַ יעליזאַבעטאַ, וואָלט ער פון איר אַנטלאָפן ווי דער שוואַרצער פעפער וואַקסט. איך ווייס נישט. די עפּאָכע

צווישן אכצן און צווישן צוואנציק יאָר איז די געפּערלעכסטע צייַט פאַר די יונגע קינדער, און אַזוי ווי דאָס ברעקעלע קינד מוז נעבעך איבערקומען פּאָקן, מאָזלען און ציינדלעך, אַזוי מוז דאָס גרעסערע קינד איבערקומען די צייַט פון ליבע, — און למאי זאָלן מיר זיך נאַרן? מיר האָבן דאָך אַלע געפּאָקט, געמאָזלט, ליב געהאַט און, דאַנקען גאָט, איבערגעקומען אָט די אַלע ווייטיקן געזונטערהייט... וואָס קאָן איך אָבער טאָן מיט מייַן יונגן העלד, אַז עס האָט זיך אים פּאַרט נישט געטראָפן דער צופאַל? קאָן איך אים דען מיט גוואַלט זאָגן: „גיי, מאַרקוס, ליב זיך איין, שרייַב פּלאָמפּייַעריקע בריוולעך, ווער צעגאַנגען ווי אַ וואַקס, הענג זיך, טרינק זיך, אַבי איך זאָל האָבן שטאָף אויף אַ „העכסט־אינטערעסאַנטן ראָמאַן"? ובפרט, אַז מייַן יונגער העלד האָט גאָר אַן אַנדער אידעע, אַן אַנדער ציל, וואָס ער האָט זיך צו דעם געשלאָגן דורך טיר און דורך טויער מיט אַלע כחות פון זייַן געזונטן יונגן קערפּער, — מיט איין וואָרט, מייַן מאַרקוס האָט געוואָלט שטודירן. איין מאָל פאַר אַלע מאָל שטודירן: אויף דאָקטער, אויף אַדוואָקאַט, אויף אינזשעניער — שטודירן און גענוג!

ווען און ווי אַזוי איז דער דאָזיקער געדאַנק אייַנגעפאַלן מאַרקוסן אין קאָפּ אַרייַן — קאָן איך אייַך אַקוראַט ניט זאָגן; נאָר די בריוולעך וואָס ער האָט געשריבן צו איינעם פון מייַנע חברים, צו אריה־לייבן, זייַנען געווען מיט אַזאַ פייַער געשריבן, אַזוי הייס, אַזוי ענערגיש, אַזוי אמת, אַז איך האָב זיך אויף קיין מינוט ניט פאַרטראַכט, אַז דער דאָזיקער יונגער מענטש וועט זייַן צוועק דערגרייכן. (איינע פון די דאָזיקע שיינע בריוו האָט דער לעזער באַגעגנט אין דעם ערשטן קאַפּיטל פון אונדזער אמתער מעשה).

נאַטירלעך, האָט דער פאָטער ניט געטאָרט וויסן פון דער דאָזיקער פייַנער אידעע, און איך רעכן, אַז עס איז גלייַכער, וואָס סענדער האָט ניט געוווּסט, וואָס מאַרקוס טראָגט בײַ זיך אין קאָפּ און אין האַרצן: גאָט ווייס, וואָס עס וואָלט געקאָנט דערפון אַרויס! סענדער האָט געהאַט צו טאָן מיט די שידוכים, און מאַרקוס האָט געשריבן הייסע בריוולעך צו אריה־לייבן, אַזוי ווי אויבן איז געשטאַנען.

מער ווי אַלע מאָל האָט זיך אויפגעהויבן דאָס פייַער בײַ אונדזער יונגן העלד זומערצייַט, פּונקט אין דער עפּאָכע, ווען עס קומט פאַר אונדזער נאַטירלעכע געשיכטע; אין דער דאָזיקער צייַט זייַנען זיך צונויפגעפאָרן אַלע תלמידים פון די גימנאַזיעס מיט אַלע סטודענטן פונעם אור־

ניוואַרזיטעט. אַך! ווי שטאַרק אונדזער מאַרקוס האָט זיי נעבעך מקנא געווען אויף זייערע גילדענע קנעפּלעך, די אָפּיצערסקע היטעלעך, די העמד־לעך פון די סטודענטן; ווי פרייליך, ווי פריי, ווי גליקלעך זיינען די דאָ־זיקע מענטשן, און ווי טרויעריק, געבונדן און אומגליקלעך איז ער נעבעך! דעמאָלט, ווען זיי שיפן זיך אויף דער לאַדקע אין דער אויסגעצייכנטער זו־מער־נאַכט און זינגען לידלעך אַקעגן דער זילבער־לבנה, מוז ער נעבעך זיצן אין דער היים און אויסהערן אָט די אַלע מעשיות מיט די רייד פונעם פאָטער, וואָס האָבן זיך אים שוין אַזוי צוגעגעסן! ער איז פּשוט גע־פּענטעט אין קייטן; ער איז אין געפענקעניש; מען האָט אים פאַרשפּאַרט, מען האַלט אים אין אָסטראָג; מען לאָזט אים ניט אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין. וואָס האָט מען נעבעך צו אים און צו זיינע יונגע יאָר און טעג? פאַר וואָס קאָן ער ניט געניסן פון דער זיסער יוגנט, גלייך מיט אָט די אַלע יונגע מענטשן? פאַר וואָס איז פאַר אים אַלץ פאַרשלאָסן, אַלץ באַהאַלטן, אַלץ פאַרבאָטן? אַלע מעגן, נאָר ער, מאַרקוס, טאָר ניט; ער דאַרף דאָ זיצן און פאַרשוואַרצט ווערן — ביז וואַנען? ביז ווי לאַנג נאָך?

מיט אַזעלכע שוואַרצע געדאַנקען זיצט נעבעך אונדזער יונגער העלד, אָנגעשפּאַרט דעם שיינעם קאָפּ אויף די ווייסע הענט, און מענדער דער־ציילט זייער אַ שיינע געשיכטע, ווי אַזוי אַ שותּף האָט אים אַריינגעפירט אין אַ געשעפט אַריין, ווי אַזוי ער האָט אים געוואָלט „אָפּקאָכן", ווי אַזוי זיי זיינען ביידע געקומען צום פּריץ, ווי אַזוי דער פּריץ האָט אים געבעטן זיצן, ווי אַזוי דער שותּף האָט זיך אַריינגעכאַפּט צו אים אין די הענט אַריין, ווי אַזוי דער פּריץ האָט זיך מיט אים אָפּגערעכנט און האָט אים געזאָגט: „עי, מאָשקאָ! יאַק סיעמאַש, פּאַן מאָשקאָ?" כאַ־כאַ־כאַ! — מענדער לאַכט, און זיין פעט לייב טרייסלט זיך פאַר געלעכטער. מרים־חיה לאָזט ניט אַראָפּ קיין אויג פון איר טייערן זון, וואָס איז נעבעך שוין פון אַ צייט אַזוי בלאַס, אַזוי אומעטיק; ער עסט ניט, ער טרינקט ניט — וואָס איז „דעם קינד"?

— וואָס איז דיר, מאַרקל? וואָס טוט דיר וויי, מיין קינד? — אַזוי זאָגט אים די געטרייע מוטער פאַרן שלאָף, קוקט אים אין די אויגן אַריין און נעמט אים אָן בא דער האַנט, און טרערן קלייבן זיך איר אויף די אויגן.

— אַי, טשעפּע זיך אָפּ פון מיר! גאָרניט! גאָרניט! — מאַרקוס

שלעפּט אַרוים זײַן האַנט פון איר הענט, און מרים־חיה גייט־אַוועק מיט אַ טיפן זיפץ פונעם האַרצן.

איך פרעג אײַך: באַ אַט אַזעלכע פאַרשיידענע אומשטענדן, וואָס איז דער חדוש, אַז יעדן צופאַל, וועלכער זאָל קאָנען אונדזער פײַנעם העלד אויסלייזן פון זײַן טרויעריקער לאַגע, וואָלט ער באַגעגנט מיט פרייד? וואָס איז דאָ צו וווּנדערן זיך, וואָס מאַרקוס האָט גלײַך מיט אַלע אונדזערע באַקאַנטע באַ סענדערן אין הויז אַרויסגעקוקט אױף דעם דאָזיקן צופאַל, וואָס קיינער פון זיי האָט אויך ניט אַרויסגערעדט און וואָס יעדער באַזונדער האָט געטראַכט באַ זיך טיף־טיף אין האַרצן?...

ליבער לעזער, טײַערער פרײַנט! ווער דו ביסט דאָרטן און וואָס דו ביזט דאָרטן — גיב מיר אַהער דײַן האַנט און לאָמיר זיך ביידע ווינטשן, אַז עס וועט קומען אַמאָל די צײַט, ווען מיר וועלן זיך דאַרפן אָפּזעגענען מיטן דאָזיקן נאַרישן וועלטל, זאָל אונדז גאָט שומר ומציל זײַן פון אַזאַ טרויעריקער לאַגע, ווי אונדזער געערטער סענדער בלאַנק האָט זיך געפונען אין דער צײַט, ווען זײַן פײַנע משפחה האָט זיך צונויפגעפאָרן צו אים „מבקר חולה זײַן"...

דאָס פינפטע קאַפּיטל.

סענדערס משפחה פאָרט זיך צונויף ביסלעכווײַז.

מיר האָבן איבערגעלאָזט סענדער בלאַנק אין קאַבינעט נאָך דעם גרויסאַרטיקן אָנבײַסן. סענדער האָט זיך געפילט עפּעס ניט אין בעסטן; אַ שרעקלעך שנײַדעניש איז אױף אים אָנגעפאַלן, און אַ גאַנצע מלחמה האָט זיך אויפגעהויבן אין זײַן בויך.

— שלעכט! שלעכט! — האָט ער געזאָגט צו מרים־חיהן. — ס'איז מיר שלעכט, זייער שלעכט!

— וואָס זשע איז דיר אַזעלכעס? גאָט איז מיט דיר, סענדער!

— איך ווייס נישט. אָט דאָ איז באַ מיר אַן אומגליק! — און סענדער האָט אָנגעוויזן מיט ביידע הענט אױפן בויך. ראשית חכמה, האָט מרים־חיה געשיקט רופן דעם דאָקטאָר. הגם סענדער גלויבט ניט אין קיין דאָקטאָר און זאָגט, אַז די גאַנצע „שפּיל" (די מעדיצין) איז נאָר אַ שאַנטאַזש,

אַ „פּאָקום״ אַף צו נאַרן געלט, פֿונדעסטוועגן לאָז אים ווי טאָן אַ פֿינ־
גער — שיקט ער באַלד צום דאָקטאָר. פֿאַראַן אַ סך אַזעלכע צווישן אונ־
דזערע ייִדן, וואָס האָבן עפּעס קיין „אמונה״ ניט אין דער מעדיצין, כאָטש
(די מעדיצין) איז נאָר אַ שאַנטאַזש, אַ „פּאָקום״ אַף צו נאַרן אַף דער
וועלט, און ער מעג יאָ גלויבן און ניט גלויבן — אַלץ איינס!

אונדזער געערטער סענדער האָט זיך געהאַט זײַן דאָקטאָר, דעם
דאָקטאָר קלוגער, און מיט אים האָט איר ליב געהאַט אין אַ פּרײַוער צײַט
אַרײַנצושמועסן מכּח „דאָקטאָריע״. דער דאָקטאָר האָט לאַנג געקנעלט,
ביז ער האָט אים אײַנגעבילדעט, אַז פּונקט אַזוי ווי ער קאָן שטאַרבן פֿון
אַ שלאַפֿקייט, אַזוי קאָן מען זיך געזעגענען מיטן לעבן געזונטערהייט.
דער דאָזיקער כּלל איז סוף־כּל־סוף אים אַרײַן אין קאָפּ, און פֿון יענער
צײַט אָן האָט ער געפֿילט, אַז זײַן לעבן הענגט אַף אַ האָר, כאָטש אַפֿילו
ער איז געזונט און שטאַרק אַף אַלע אברים. דעריבער האָט ער זיך גע־
ריכט טאָג אַף טאָג און האָט זיך שוין לאַנג צוגעגרייט אַ צוואה, אויסגע־
רעכנט ביז דער לעצטער פּרוטה (דאָס איז בײַ אים געווען בסוד), און
יעדער טאָג איז בײַ אים געווען אַ געשענקטער, און דעריבער טאַקע פֿלעגט
ער זיך אָנטאָן כּל התענוגים אַף דער וועלט: גוט עסן, רעכט טרינקען,
אויסרוען די ביינער, גענוג אויסלאַכן זיך אַף „די הײַנטיקע״, „די קבצנים״,
אָפּגעבן גאָט זײַנס, דאָס הייסט, דאַווענען אַלע טאָג, אַמאָל, אַז עס איז
געווען צײַט, אָפּזאָגן אַ צוויי־דרײַ קאַפּיטלעך תּהלים, און אַמאָל שענקען
אַ נדבה (זעלטן, זייער זעלטן). אַך! ווען יעדער פֿון אונדז זאָל האָבן
בכח, אַזוי ווי מײַן העלד, מקיים זײַן אַלע חובות, וואָס ליגן אַף אונדז,
און דערצו נאָך אַזוי באַרוט אָפּלעבן זיך דאָס וועלטל — אַך, ווי גרינג
וואָלט געווען צו גיין פֿון דער וועלט! ווי אָנגענעם וואָלט בײַ אונדז גע־
ווען דער טויט! באַרעכנט זיך אַליין: איך עס מיר אָפּ אָנבײַסן, פֿאַר־
רויכער מיר אַ געשמאַקע ציגאַר, טרינק מיר אויס אַ גוט גלאָז ביר, זאָג
מיר אָפּ אַ פּאָר קאַפּיטלעך תּהלים, שענק מיר אַן אָרעמאַן אַ צוויי גראָשן,
איך נעם מיר דעם טינט־און־פּען און מאַך מיר אַ חשבון: דעם זון אַזוי
פֿיל, דער טאָכטער אַזוי פֿיל, עטלעכע קערבלעך אַף דער שול, אַ פּאָר רובל
אָפּן מרחץ, להבדיל, עטלעכע גריוונעס אַף צעטיילן די תּלמוד־תּורה־
ייִנגלעך פֿאַר דער מטה, אַז זיי זאָלן פֿון מײַן כּבוד וועגן שרײַען: „צדק
לפניו יהלך!״ נאָכדעם זאָג איך מיר אָפּ גאַנץ באַרויִקט ווידוי מיט אַ
גלאַטן לונג־און־לעבער און מיט אַ ריינעם סאָוועסט, איך לייג מיך צו,

פאַרמאַך מיר איין אויג, דאָס אַנדערע אויג — און וועל אַנטשלאָפֿן... און אױף מאָרגן ווידער אַמאָל דאָס אייגענע... אַז דער דאָקטאָר איז געקומען צו סענדערן, האָט ער אים געפֿונען זייער אין אַ טרויעריקער לאַגע.

די ערשטע פֿראַגע, וואָס סענדער האָט פֿאַרגעלייגט דעם דאָקטאָר, איז געווען:

— איז מײַן שלאָפֿקייט ניט געפֿערלעך, און צי וועל איך נאָך קאָנען געזעגענען זיך מיט מײַנע קינדער?

— ווען איר זאָלט זײַן אַזוי געפֿערלעך, — האָט אים דער דאָקטאָר קלוגער גאַנץ ערנסט געענטפֿערט — וואָלט איך איצט ניט געהאַט דאָס גליק מיט אײַך צו ריידן; נאָר נאָך די קינדער שיקט וואָס גיכער. טוט־אָפּ אײַערס, וועט איר זײַן רויִק, אַראָפּ אַ משא!

טויט ווי די וואַנט איז סענדער געוואָרן, אַז ער האָט דערהערט דעם דאָקטאָרס רעזאָלוציע. און ער האָט אָנגעהויבן צו ציטערן, צאַפּלען מיט אַלע אברים: „אוי, מײַן סוף! אוי, מײַן עק! אָט דאָס איז שוין מײַן עק! אָט דאָס איז מײַן עק!"...

— זאָגט מיר, דאָקטאָר, דעם אמת, דעם ריינעם, לויטערן אמת: צי קאָן איך האָבן אַ שטיקל האָפֿענונג? איך בין ערשט אַלט דרײַ און פֿופֿציק יאָר! מײַן פֿאָטער האָט געלעבט פֿיר און אַכציק יאָר, מײַן מוטער — זעקס און נײַנציק יאָר, און מײַן זיידע, זאָגט מען, האָט אָפּ־געלעבט מער אַלס הונדערט יאָר; פֿאַר וואָס זשע קומט עס מיר, איך זאָל אַזוי גיך?...

באַ די דאָזיקע ווערטער האָט זיך סענדער צעוויינט, ווי אַ קליין קינד. מרים־חיה האָט געחלשט, און מאַרקוס, וואָס האָט געהאַט זייער אַ גוט ווייך האַרץ, האָט זיך געווישט די נאַסע אויגן.

און דער דאָקטאָר קלוגער האָט צענומען די הענט, אויסגעצויגן דעם קאָפּ און געמאַכט אַזאַ מינע, פּונקט ווי דער רײַזנדער מאַכט, בשעת עס ברעכט זיך איבער אַן אַקס און דער וואָגן טוט אַ טראַסק אין דער ערד אַרײַן.

די דאָזיקע מימיקע האָט אױף אונדזער סענדערן געווירקט שרעקלעך: עס האָט זיך אים דערפֿילט פֿאַרגעשטעלט, ווי זײַן אינעווייניקסטע „מאַשי־נעריע", די „געדערים", האָבן פּלוצים געלאָפּנעט, און צוהערנדיק זיך צום בויך, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דער מאָגן האָט זיך אים ווירק־לעך אָנידערגעשטעלט אױף אייביק. דאָך האָט ער זיך געשעמט אַ פֿרעג

טאָן דעם דאָקטאָר און האָט אים נאָך געבעטן, ער זאָל אים נאָך אַמאָל גוט באַטראַכטן. דער דאָקטאָר קלוגער איז מרוצה געוואָרן צו באַטראַכטן דעם חולה נאָך אַמאָל און האָט זיך צוגעלייגט מיטן אויער צום קראַנקנס בויך. באַטראַכטנדיק אים, האָט דער דאָקטאָר ניט אַרויסגעלאָזט קיין פּיפּס פונעם מויל. נאָר גלאַט אַזוי געקנייטשט מיט די פּלייצעס, געדרייט מיטן קאָפּ, געסמאַרעט מיט דער נאָז, לאַנג־לאַנג געטראַכט, געקוקט דעם חולה אין די אויגן אַרײַן, געזיפצט, ווײַטער געשאָקלט מיטן קאָפּ, געקנייטשט מיט די פּלייצעס און אַזוי ווײַטער. סענדער בלאַנק האָט דאָס אַלץ גוט באַמערקט, און טראָפּנס שווייס, קאַלטער שווייס, האָבן אַרויס־געטראָטן אױף זײַן פּנים. נאָכדעם האָט זיך דער דאָקטאָר אויפגעכאַפּט, אויסגעשנײַצט די נאָז שטאַרק־שטאַרק און האָט אַזוי געזאָגט:

— מײַן ליבער הערר בלאַנק! איר ווייסט, אַז איך בין אײַך אַ גוטער פרײַנט. איך וועל טאָן אַלע מיטלען. נאָר איר וועט מיך פאָלגן, צי ניין? רופט נאָך אַ דאָקטאָר, וועלן מיר מאַכן אַ קאָנסיליום. בײַ אונדז אין דער מעדיצין איז דאָ אַ גלײַך וואָרט: איין קאָפּ איז גוט, צוויי איז נאָך בעסער... — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך אָפּגעזעגנט מיטן חולה און מיט אַלע אַנדערע און איז געשווינט אַרויסגעגאַנגען פון קאַ־בינעט. אַראָפּגעלאָפן פון די טרעפּ און געקומען אַראָפּ, האָט ער געטראָפן פּרויקען מיט זײַן פּאַלטאָ אין די הענט. אַרויפגעוואָרפן אַפן דאָקטאָר דעם ראָק, האָט זיך פּרויקע ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט אַ פרעג געטאָן דעם דאָקטאָר: „וואָס הערט זיך מיטן באַלעבאָס?” האָט אים דער דאָק־טאָר קלוגער געענטפערט מיט אַ זיס שמייכעלע אױף לאַטײַן (דער דאָק־טאָר קלוגער איז זייער אַ פּשוטער בײַ זיך, זייער אַ ליבנסווירדיקער מענטש און איז מיט יעדן אַ גוטער ברודער):

— נישקשה, אַביסעלע גאַרגולעס, אַביסעלע פּלעריז קסוכאַטיוואַ, נאָר סע וועט זײַן רעכט: דער דאָקטאָר קלוגער שלאָפט ניט!...

— דער רוח ווייס אים, ווו ער נעמט אַזעלכע טערקישע ווערטער!

— האָט פּרויקע געזאָגט צו זיך אַליין און פאַרשלאָסן די טיר.

מיר ווייסן וויל פאַר קלאָר, אַז פּרויקע האָט זיך גאָרניט אָנגע־קערט מיט די בלאַנקס; נאָר מחמת ער דינט שוין דאָ אַ יאָר זיבן־אַכט, דערפאַר האַלט ער זיך מיט זיי שטאַרק היימיש, נאָענט, כמעט ווי אַ ווײַ־טער קרוב, און דעריבער האָט זיך פּרויקע גערעכנט בײַ זיך, אַז על־פּי יושר קומט אים אויך אַ שטיקל חלק פון סענדער בלאַנקס ירושה. ער איז

געווען, נאָך זײַן השגה נאָך, זייער גערעכט: האָרעווען האָט ער געהאָרעוועט, ווי אַן אייזל, און אין דער גאַנצער צײַט פון זײַן געטרײַער דינסט האָט ער נאָך ניט געזען פון זײַן באַלעבאָס קיין מתנה אַפילו פּאָר אַ צווייער, און חוץ לזה האָט נאָך סענדער געהאַט אַ טבע אָפּנעמען חשבון בײַ פּרויקען פונעם מאַרק ביז דער לעצטער קאָפּיקע! מיט זײַן גאַנצן לעבן איז פּרויקע געווען איבערגעגעבן דעם באַלעבאָס, און פון זײַנעטוועגן וואָלט ער געגאַנגען אין פײַער און אין וואַסער, און דעריבער האָט פּרויקע געשאַרפט די ציין אויף דרײַ טויזנט זילבערנע לעפל, אַ גרויסן זילבערנעם הדס, אַ גוטן בורשטינענעם, אין גאָלד־געפּאַסט, ציגאַרן־שפּיץ, וואָס נאָך זײַן רעכענונג נאָך האָט ער באַדאַרפט ווערט זײַן, צום ווייניקסטן, פינף און דרײַסיק רובל, אַ טויז געפּרעסטע העמדער, מיט נאָך אַזעלכע קלייניקייטן, וואָס די יורשים וואָלטן זיך באַם טראַסק ניט אַרומגעקוקט. און איבערהויפּט איז פּרויקע געווען אַנטציקט פון סענדערס גילדענעם זייגער מיט דער מאַסיווער גילדענער קייט; דאָס דאָזיקע קייטל האָט סענדער בלאַנק אַליין געלאָזט מאַכן אין דער פאַבריק, און דעריבער איז דאָס געווען אַזוי מאַסיוו. פּרויקע פלעגט ניט איין מאָל האַלטן דאָס קייטל מיטן זייגער, אָנמעסטן זיי אויף זיך, קוקן אין שפּיגל אַרײַן און אָנקוועלן פון זיך. נאָר פּרויקע איז ניט געווען קיין גנב; חלילה! גאָלד האָט געמעגט ליגן פאַר זײַנע אויגן, וואָלט ער ניט געטשעפּעט. „נאָר נאָך דעם באַלעבאָס' טויט, — האָט בײַ זיך פּרויקע געפּויעלט — ווען אַלע וועלן נעמען, וועל איך אויך נעמען: ווער וועט זיך אַרומקוקן אויף דעם עלנטן פּרויקען?" און איצט, אַז פּרויקע האָט דערזען, ווי זיין באַלעבאָס פּאַכעט מיט דער נשמה, האָט אין אים אָנגעהויבן קלאַפּן דאָס האַרץ פאַר שרעק, און זיצנדיק אונטן אַפן בענקל און וואַרטנדיק, אַז אָט־אָט וועט מען אים שיקן נאָך דער „חברה־קדישא", האָט זיך פּרויקע דערווײַל געמאַכט אַ צעטל, וואָס ער דאַרף, און אַז עס איז געקומען צום זייגער מיט דער קייט, האָט ער זיך געטראַכט, וואָס זאָל ער טאָן מיט זיי: צי זאָל ער זיי פאַרקויפן, צי זאָל ער נעמען זיך דעם זייגער און דאָס קייטל אַוועקשענקען בליומקען (זײַן כּלה), צי אפשר זאָל ער גאָר איבערמאַכן דאָס קייטל אויף אוירינגלעך מיט אַ בראָש פון בליומקעס וועגן?...

— דזין! דזין! דזין! — האָט דאָס גלעקל זיך געלאָזט הערן פון אויבן. פײַל אויס דעם בויגן האָט זיך פּרויקע געלאָזט לויפן אַרויף און אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער אַראָפּגעלאָפן מיט צוויי דעפּעשן, וואָס

מע האָט אים געגעבן אַוועקצושיקן עקסטראַ צו די קינדער און מע האָט אים צען מאָל אָנגעזאָגט: „ער זאָל לויפן גיך, אַף איין פוס!" פונדעסטוועגן האָט זיך פּרויקע דערלויבט צוצוזעצן זיך אַף אַ רגעלע, זען, וואָס שטייט דאָ אין די דעפּעשן.

צום כבוד פונעם דאָזיקן געטרײַען דינער מוזן מיר באַמערקן, אַז אין די פינף יאָר, וואָס פאַרשיידענע לערערס האָבן פאַרבראַכט באַ די בלאַנקס אין הויז, האָט זיך פּרויקע צוגעלערנט אַביסל רוסיש לייענען און שרײַבן. מען קאָן ניט זאָגן, אַז פּרויקע האָט זייער טײַערע פעיִקײַטן צום לערנען; דערפאַר האָט אָבער מאַרקוס אַליין גענוג געקנעלט מיט אים, ביז ער האָט דערלעבט, אַז פּרויקע קען שוין האַלב טראַף (סקלאַדעס) און התמענען זיך אַף רוסיש: „פּרויקע קראָקמאַן". אַזוי אַז עס איז אויסגעקומען גאָר: „מאַנפּרויקערקאָקער". נאָר צום רעכענען האָט פּרויקע געהאַט אַ זעלטענעם קאָפּ, און ווער ווייס, וואָס פאַר אַ מאַטעמאַטיקער פון אים וואָלט אַרויס, ווען זײַן פאָטער, קאָפּל קראָקמאַן, זאָל ניט געווען זײַן קיין קוימענקערער און זאָל ניט געווען פון בראָנפן שטאַרבן און פאַר דעם טויט אָפּגעבן פּרויקען צו אַ קאָוואַל, און דער קאָוואַל זאָל אים ניט געווען שלאָגן אַלע טאָג ווי אַ הונט, און פּרויקע זאָל ניט געווען אָנקומען פריער צו זײַן אַ הויף־משרת און נאָכדעם אַ לאָקיי באַ סענדער בלאַנק. די גרעסטע „זאַדאַטשע" האָט פּרויקע געקאָנט אויסרעכענען אָפן קאָפּ, אַזוי אַז דער באַלעבאָס פלעגט ניט איין מאָל נבהל ונשתומם ווערן.

בכן, האָט אונדזער געבילדעטער משרת צוגעטראָגן די דעפּעשן צום פענצטער און איז אָפּגעשטאַנען איבער זיי קרוב צו אַ האַלבער שעה, ביז ער האָט יאַקאָש צונויפגעלייגט.

— בוקי... אָן... על... יע... נאַש — באָליען::: שלאַף! אָן::: פּאַקאָי... אַז... סלאָוואָ... נאַש... אָן — אָפּאַסנאָ::: זייער געפערלעך! אָפּאַסנע! דאָס הייסט, אָט שטאַרבט ער. אַהאַ?...

און פּרויקעס געדאַנקען האָבן זיך ווײַטער אײַנגעפּלאָנטערט אין דעם גילדענעם זייגער מיט דער שווערער קייט... אַף דעם טעלעגראַף האָט פּרויקע פריער געוויזן די דעפּעשן עפּעס אַ רויטן ייִדן, ער זאָל זיך מטריח זיין איבערלייענען און געבן אים צו פאַרשטיין, וואָס שטייט דאָרטן.

„אַך, ווען מען זאָל מיך געווען לערנען אין די יונגע יאָרן!" — האָט זיך פּרויקע געטראַכט, אַראָפּגעלאָזט טיף אין דער אונטערשטער קעשענע די צוויי רובל מיט די פערציק קאָפּיקעס אויסגאָב, אַזוי, אַז זיי זאָלן

טאקע בא אים בלײַבן, מחמת װער װעט זיך הײַנט אַרומקוקן, צי עס איז דאָ אױסגאַב, צי נײן? נאָר װי איבערראַשט איז ער געװען, אַז אַרײַנגעקומען צו רב סענדערן אין קאַבינעט, האָט אים זײַן געפּערלעכבער פּרינציפּאַל באַלד אַ כאַפּ געטאָן:

— אױסגאַב, פּרױקע! צװײ מיט פּערציק!...

„ער האָט שױן אַפילו אױסגערעכנט, דער אַלטער גאַנאַמניק!" — האָט פּרױקע געטראַכט און האָט במחילת כבודו אױסגעלײגט אױפֿן טיש די צװײ רובל מיט די פּערציק קאָפּיקעס און איז מיט אַ ביטער האַרץ אַװעק אין זײַן רו אַרײַן.

באַלד אױפֿן אַנדערן טאָג איז געקומען סענדערס עלטערער זון, חיים בלאַנק, מיט זײַן װײַב סאָני און מיט צװײ קלײנע קינדער: פֿאַני — אַ מײדל פֿון אַ יאָר אַכט, און מאַני — אַ קלײניטשקע פֿון זעקס יאָר.

— װי אַזױ סענדערן איז געגאַנגען אין זײַנע געשעפֿטן גוט, אַזױ איז זײַנע קינדער געגאַנגען שלעכט. אַז חיים איז אַראָפּ פֿון קעסט, האָט ער געהאַט זײַנע עטלעכע טױזנט רובל.

— געדענק, חיים, — האָט אים דער פֿאָטער געזאָגט — אַז איך האָב פֿון מײַן צד געגעבן יוצא געװען: דיך אױסגעהאָדעװעט, חתונה געמאַכט, געגעבן נדן, געהאַלטן פֿינף יאָר אױף קעסט אױך — און װאָס נאָך? האָסט צו מיר כּלל וכלל נים! מיט מיר קערסטו זיך שױן הײַנט װינציק־װאָס אָן: איך האָב נאָך קינדער; איך האַלט אַ טאָכטער אױף קעסט און דאַרף חתונה מאַכן אַ זון. פֿאַר דיר געזונטערהײט און זײַ מצליח! אַז דו װעסט זיך שאַנעװען, װעסטו האָבן געלט און סע װעט דיר זײַן גוט, אם ירצה שם. זע, היט־אָפּ אַ קערבל, װעסטו זײַן אַ מענטש!...

אַז חיים איז געבליבן אָן געלט, האָט ער צום פֿאָטער נים געװאָלט שרײַבן: ער האָט גאַנץ גוט געװוּסט, אַז עס װעט זײַן אומזיסט. נאָר אַז מע האָט שױן אַלצדינג אױספֿאַרקױפֿט פֿון שטוב, און די קינדער האָבן געבעטן ברױט און עס איז נים געװען, האָט זיך חיים געזעצט און האָט אָנגעשריבן אַזאַ מין בריװ:

„לכבוד אהובי אָבי היקר הגביר המפורסם החכם ומופלג כש"ת מוהר"ר סענדער נ"י.

„שױן מער אַז צװײ יאָר, זינט איך בין געבליבן אָן אַ קאָפּיקע, האָב איך דיר דען אַפילו מזכיר געװען, זעסטו דאָך אַלײן, אַז מסתמא האָב איך שױן קײן געלט נים... װאָס רײד איך? די קינדער און מײַן װײַב און איך

שטארבן פאר הונגער... איך בין דא א פרעמדער... על כן, אהובי אבי! פארשטייסטו שוין... ניטא וואס צו רעדן... אזעלכע צוויי קינדער, ווי איך האב, דאכט מיר... און מײַן ווײַב איז דוקא ניט קיין אויסברענגערן, ווי אנדערע... און איך ווייס? פארקערט, מיט אלע מעגלעכקייטן... ווען ניט אט דער פײַפערמאן, אט דער גזלן... ער האט בא מיר אויסגענארט דרײַ טויזנט רובל... מזומענע דרײַ טויזנט קארבן!... קיין אנדערע געשעפטן איז דא ניטא... אפשר דארט, אין דײַן שטאט, ווו מען קען מיך, מע ווייס ווער איך בין... מע זאגט, אז יעקב-משה צוקערשטיין האט געוווּנען צען טויזנט רובל... גרים לאמי ה' היקרה מרת מרים-חיה, לאחותי היקרה מרת רבקה עם בעלה היקר מו"ה יוסף זעמעל מיט זייערע קינדער... ווי גייט עס זיי הײַנט? גרים לאחי המשכיל החכם מוהר"ר מארקוס שיחיה. זײַט געזונט און פיל גליקלעך, ווי עס ווינטשט אײַך

דײַן זון חיים בלאנק.

„גם איך האב דיר פארגעסן מודיע זײַן, אז זוגתי מרת סאני שתחיה איז איצטער ניט בקו הבריאה, און מײַן קלענערע טאכטער מאניטשקע פאקט.

חיים הנ"ל".

פון טאג אף טאג איז חיים געגאנגען אף דער פאסט, און ערשט אין צוויי וואכן ארום איז אנגעקומען א בריוו.

—א בריוו, סאני, א בריוו פון דער היים!

סאני איז שוין געזונט געווארן און האט זיך קוים ארומגעשלעפט איבער דער שטוב, נאר דאס קינד איז נאך אלץ געווען שלאף. מיט גרויס ציטערניש האבן זיי זיך געזעצט לייענען דעם לאנג-דערוואַרטעטן בריוו:

„לבני היקר הרבני מוהר"ר חיים נ"י ע"ש זוגתו היקרה מרת סאנע תחי' עכב"ב.

„ראשית מודיעכם, אז מיר זײַנען אלע ברוך השם אין בעסטן געזונט, געב גאט דאס נעמלעכע פון אײַך צו הערן ניט ערגער, אמן! והשנית, פארשטיי איך ניט, וואס האסטו געהאט צו מיר, בני היקר, וואס זאלסט מיר אנטאן אזעלכע יסורים, און מיר אלע זאלן האבן איבער אײַך א פארשטערטן יום-טוב? זאל מען פרעגן בא דער וועלט, צי האב איך ניט יוצא געווען אקעגן דיר, ווי דער בעסטער פאטער? על כן, בני היקר, בעט איך דיך, זאלסט מיר ניט מקצר ימים זײַן און ניט שרײַבן מיר

אזעלכע בריוו, וואָס זיי זײַנען מיר ניט לרצון. און אהער האָסטו ניט וואָס צו פאָרן, מחמת אָן געלט קריגט מען אין ערגעץ קיין געשעפטן ניט הײַנ־טיקע יאָרן, און אזעלכע פּײַפּערמאַנס, וואָס נאַרן־אוים געלט, זײַנען דאָ אומעטום אף דער גאַנצער וועלט. וואָס זאָל מען טאָן? שווערע יאָרן הײַנט! פונדעסטוועגן, אַז מע איז אַ מענטש, קומט מען ניט דערצו, אַז מע זאָל בלײַבן ווי אַפּן וואַסער. דײַן שוואָגער מוהר״ר יוסף זעמעל האָט הײַנט דאָס גרעסטע געשעפט, און מע זאָגט, אַז ער פאַרדינט גרודעס מיט גאָלד. איך זיץ שוין דאָ מער פון דרײַסיק יאָר, האָט זיך מיר נאָך איין מאָל ניט געמאַכט אַזאַ גליקלעך געשעפט, ווי חתני מוהר״ר יוסף נ״י האָט באַקומען דאָרט אין זײַן שטאָט; עס איז אַ סברה, אַז ער קויפט זיך אַ דירה פאַר צוואַנציק טויזנט רובל, — לאָז אים גאָט העלפן; איך פאַרגין אים מיטן גאַנצן האַרצן. הײַנט גייט מיר אַ נײַע סדרה: מע דאַרף אַ שידוך טאָן מיט מאַרקוסן און געבן אים אַ דרײַסיק טויזנט רובל נדן און אַ קוויטאַנציע פאַר אַ זעקס טויזנט רובל. הײַנט הלבשה און חתונה־הוצאות! איך האָב צורעכט געמאַכט מײַן הויז, קאָסט מיך בלאַ גוזמא צען טויזנט רובל! הײַנט איז באַ מיר געווען בתי מרת רבקה תחיה צו־גאַסט מיטן קינד (אַ זעלטן קינד!), האָט מען איר געמוזט שענקען ת״ק קערבעלך אַ מתנה! פון וואַנען זאָל זיך דאָס נעמען אַלעס? גרים לזוגתך מיט די קינדערלעך.

פון מיר אָביך ס ע נ ד ע ר ב ל א נ ק״.

נאָך אַ יאָר — אַ שווער יאָר! — האָט זיך חיים אָפּגעמוטשעט, ביז ער האָט זיך געקריגן ענדלעך אַ שטעלע מיט פופציק רובל אַ חודש גע־האַלט, און אין אַ יאָר אַרום האָט מען זיך אַרומגעקוקט, אַז חיים איז אַן אָרנטלעכער מאַן און איז אַ געטרײַער מענטש, האָט מען אים מוסיף געווען נאָך פופציק רובל. דערפאַר האָט ער אָבער געהאָרעוועט און איז געווען אינגאַנצן פאַרקויפט דעם פּרינציפּאַל און האָט פאַרבראַכט גאַנצע טעג מיט נעכט אין וואַלד (דאָס איז געווען זײַן שטעלע).

אין דער דאַזיקער לאַגע איז ער געווען, ווען ער האָט פּלוצים דער־האַלטן די עקסטרא־טעלעגראַמע פונעם פאָטער, וואָס רופט אים אַרויס, ער זאָל תיכף ומיד קומען מיט די קינדער. חיים האָט ניט געקאָנט וואַרפן דעם וואַלד אפילו אף צוויי טאָג; נאָר עס איז אַ תירוץ, אַז דער פאָטער איז געפערלעך שלאַף און רופט, מע זאָל קומען?

אַז חיים איז אַרײַנגעקומען צום פֿאָטער אין קאַבינעט אַרײַן, איז ער אים געפֿאַלן אפֿן האַלדז, און אױף סענדערס אױגן האָבן זיך באַװיזן טרערן. ער האָט צוגערופֿן צו זיך די שנור, געפֿרעגט „װאָס מאַכסטו?" און האָט אױסגעצױגן די לינקע האַנט די צװײ אײניקלעך, אַז זײ זאָלן אַ קוש געבן דעם קראַנקן זײדן; דערפֿאַר האָט ער זײ אַ קניפּ געטאָן אין בעקל און געהײסן זײ גײן זיך שפּילן. די קינדער זײַנען מיט גרױס פֿאַרגעניגן אַרױסגעלאָפֿן זיך שפּילן און דערװײַל באַטראַכטן דעם זײדנס גרױסן הױף מיטן שײנעם גאָרטן. אונטן האָט זײ פּרױקע איבערגענומען, געשענקט צו מאַרמעלאַדן און האָט זיך גענומען אױספֿרעגן בײַ זײ: װי רופֿט מען זײ? װיפֿיל זײַנען זײ אַלט? װאָס טוט זײער פֿאָטער אין דער הײם? װאָס טוט די מוטער? צי האָבן זײ אױך אַזאַ גרױסע שטוב, װי דער זײדע? צי קאָנען זײ שױן לײענען, שרײַבן? די עלטערע, פֿאַני, האָט אים געזאָגט, אַז זי קאָן שױן גיך לײענען ניט נאָר געדרוקטע, אַפֿילו געשריבענע אױך. פּרױקע האָט זיך ניט געפֿוילט זי באַלד אפֿן אָרט אָפּעקזאַמענירן. ער האָט אַרױסגעכאַפּט אַ שטיקל פּאַפּיר פֿון דער קעשענע און האָט מיט אַ שטיפֿטל אָנגעצאַראַפּעט: „מאַנפּרױקערקאָקער". די קינדער האָבן אױסגעשאָסן אַ געלעכטער און זײַנען מיט אַ קװיטש אַװעק אין גאָרטן אַרײַן, שרײַענדיק: „מאַנפּרױקערקאָקער!!" אונדזער גערימטער פּרױקע האָט דאָס געהערט, און פֿון יענער מינוט אָן האָט ער געטראָגן אַ שנאה אין האַרצן אױף די דאָזיקע צװײ קינדער מיט זײערע עלטערן צוזאַמען.

חיים איז שפּעטער מיט צװײ שעה אַרײַנגעגאַנגען צו מאַרקוסן אין קאַבינעט, װוּ יענער האָט אים באַװיזן אַלע זײַנע אַנטיקלעך פֿון דער ביבליאָטעק ביז די מינדעסטע קלײניקײַטן. אונדזער יונגער העלד איז געװען אַזױ צופֿרידן, אַזױ גליקלעך מיטן גאַסט, װאָס ער האָט זיך שױן אַזױ לאַנג מיט אים נישט געזען, אַז ער האָט גאָר פֿאַרגעסן צו פֿרעגן חײמען, װי גײט עס אים. און חיים האָט פֿון זײַן זײַט אױך ניט געמאַכט פֿון זיך קײן רעדע און האָט די גאַנצע צײַט, װאָס זײַן יונגערער ברודער האָט געפּלאַפּלט, קײן אײנציק װאָרט ניט געזאָגט. און סאָני? סאָני איז געזעסן מיט מרים־חיהן אין אַ װינקעלע און האָבן זיך שטילערהײט געשמועסט פֿון הײמישע זאַכן: פֿון די דינסטן די הולטײַקעס, פֿון די קינדערשע מלבושימלעך, װי עס קאָסט יעדע זאַך גאָלד, פֿון דעם יקרות בכלל און פֿון

הינער, גענדז, קאַטשקעס, אַז צו וואָס מע רירט זיך צו, הייסט מען זיך אָפּגילטן!

— אַנומלט האָב איך מיר געהייסן ברענגען אייער — האָט מרים־חיה דערציילט דער שנור און זיי האָבן ביידע געפּלאַמט — באַ מיר איז שוין אַ מקח זיבעציק קאָפּיקעס; סײַדן ערב פּסח צאָל איך אַ קערבל, אַ קערבל מיט פינף — אָבער נישט מער. איך צייל־אָפּ די אייער... פינף שאָק האָב איך זיך געהייסן ברענגען, מחמת איך האָב געוואָלט אָפּבאַקן אַ טאָרט פון צען פונט, כאָטש אפילו יענע וואָך האָב איך אָנגעבאַקן אַ פולע שאַפע מיט צוקערלעקעך, און עס איז אין דרײַ טעג פאַרשוווּנדן געוואָרן; איך זאָל זאָגן אויף דער יידענע — קאָן איך ניט: באַ מיר איז הײַנט אָן ערלעכע יידענע, איך זאָל האָבן אַזאַ יאָר... שאַ! דו דאַרפסט זי קענען, זי איז באַ מיר געווען פאַר זעקס יאָרן, זי הייסט זלאַטע...

— אוי! זלאַטע? שוויגער, זלאַטע איז באַ אײַך?

— יאָ, זלאַטע! זי האָט זיך שוין געגט מיטן מאַן און ווידער אַמאָל חתונה געהאַט.

— וועמען האָט זי גענומען, שוויגער?

— ווייס איך וועמען זלאַטע האָט גענומען! אַזאַ יאָר זאָל ער האָבן! עפּעס אַ שאַרלאַטאַן, אַן אויסוווּרף. ער איז כלומרשט אַ שנײַדער, אַ קור־נאָסער שלימזל!...

— אפשר מרדכי צפּורהס? איאָ איך טרעף, שוויגער?

— יאָ, פון וואַנען ווייסטו, סאָני?

— און וווּ איז הײַנט צפּורה? זי דינט נעבעך?

— יאָ? אַוודאי! שוין לאַנג געשטאָרבן!

— אוי! צפּורה איז געשטאָרבן?! וואָס רעדט איר, שוויגער?! אײַ־אײַ־אײַ!!!...

און גאָט ווייס וווהין די געערטע דאַמען וואָלטן פאַרקראָכן אין זייער לאַנגען שמועס, און צי זיי וואָלטן זיך אַמאָל אומגעקערט צו די פינף שאָק אייער, צי זיי וואָלטן אַזוי, שפּרינגענדיק, ניט פאַרפאָרן העט־העט, אין די ווײַטע לענדער אַרײַן, — ווען פרויקע זאָל ניט געווען פלור־צים אַרײַנגיין און אָנזאָגן אַ נײַע בשורה, אַז דער הער אַסיפ זעמעל מיט דער מאַדאַם און מיטן קינד, מיט נאָך עפּעס אַן אַלטער יידענע, זײַנען געקומען צו פאָרן.

מײַנע לעזער וווּנדערן זיך, וואָס אונדזערע האָכגעשעצטע דאַמען

האָבן אין אַזאַ צײַט, װען דער אַלטער ליגט כמעט אָפּן מױטן־בעט, נישט געפֿונען קיין אַנדער זאַך אַף צו שמועסן, נאָר אײיער מיט הינער וכדומה?...
שאַט! איר האָט ניט װאָס צו װוּנדערן זיך: זיי זײַנען אומגערן אַרײַנ־געפֿאַלן אין אַזאַ אינטערעסאַנטן שמועס מכח באַלעבאַטישקייט. װאָס עס קומען אַרײַן אין דעם אי הינער, אי אײיער, אי פּעטרעשקע, אי קובעבע מיט לאַקריץ. דער מחבר פֿונעם דאָזיקן בוך האָט אַליין געזען מיט זײַנע אויגן, װי אַ פּראָװינציעלע דאַמע האָט זיך צוגעגרייט אין טעאַטער, שיין, פֿײַן, װי עס קער צו זײַן; אפֿילו אַ בילעט גענומען אין דער ערשטער ריי קרעסלען פֿאַר דרײַ רובל מיט פֿופֿציק קאָפּיקעס. פּלוצים, אינמיטן װעג, גייענדיק, דערזעט זי, װי אַ סאָלדאַט טראָגט אַ װײַסן האָן אונטערן שי־נעל און קוקט זיך עפּעס אַלע מינוט אַרום אַף אַלע זײַטן. דער מאַדאַם איז אײַנגעפֿאַלן אין קאָפּ אַרײַן אַ פֿרעג טאָן דעם סאָלדאַט, עס קאָן זײַן אַף קאַטאָװעס:

— משטאָ טעביע זאַ פּיעטוכאַ?

— דװאַצאַט פּיאַט קאָפּעיעק סערעבראָמם!

— װאָזמי דװאַצאַט! — האָט אים די דאַמע אַף געלעכטער געענט־פֿערט און האָט זיך אָפּגעשטעלט אַף אַ רגעלע און האָט דערװײַל געכאַפּט אַ קוק אָפּן האָן.

— פּאַזשאַליטע דיענעגס! — האָט איר דער יון געענטפֿערט אַף אַן אמת. די דאַמע האָט לאַנג ניט געטראַכט און האָט זיך פֿאַרקערעװעט צוריק אַהיים מיטן סאָלדאַט און מיטן האָן.

ערשט צום דריטן אַקט, אַז איך האָב אַ קוק געטאָן דורך מײַן בי־נאָקל אַרויף, האָב איך דערזען, װי מײַן דאַמע פֿונעם האָן איז אַרײַנגע־קומען אין טעאַטער אַרײַן און דאָס פּנים האָט איר צװיי מאָל אַזוי פֿיל געשײַנט, װי פֿריער.

געקומען אַהיים פֿון טעאַטער, האָב איך זיך דערמאָנט, אַז מאָרגן איז ערב יום־כּפּור און מע דאַרף אַ װײַסן האָן אַף כּפּרות...

„גליקלעכער מאַן! — האָב איך זיך געטראַכט. — דו האָסט דאָס געטרײַסטע װײַב אַף דער װעלט!“...

דאָס זעקסטע קאַפּיטל

רעוועקאַ, איר געשיכטע אין קורצן, און אָסיפּ זעמעל מיט זײַנע ירושות.

אַז די פֿאַמיליע זעמעל איז אַרײַנגעקומען אין שטוב אַרײַן, איז די מאַדאַם רעוועקאַ זעמעל אַרויפֿגעפֿאַלן דער שטיפֿמאַמע און דער שוועגערן אַפֿן האַלדז אָן ווערטער, און פֿון זײ איז זי מיט דעם אַנטאָן מיט אַלע־מען אַוועקגעפֿלויגן צום קראַנקן פֿאַטער אין קאַבינעט אַרײַן, און דער מאַן אירער מיט די קינדער, מיט דער שוויגער און מיט דער שוועגערן זײַנען געבליבן דאָ. פֿאַרוואָס דער הער אָסיפּ זעמעל איז אויך ניט אַרײַנ־געגאַנגען באַלד מבקר־חולה זײַן דעם שווער — וועלן מיר גיך געוואָר ווערן; און דערווײַל וועלן מיר זיך באַנוצן מיט דער דאָזיקער געלעגנהײַט צו באַקענען זיך מיט דעם הער זעמעל.

ער איז אַלט אַכט און צוואַנציק יאָר, און מע קאָן בשום אופֿן ניט וויסן, צי איז ער אַ שיינער, צי אַ מיאוסער יונגערמאַן, ווײַל די אויגן זײַנען פֿאַרשטעלט מיט אַשקאָלירענע ברילן, די האָר מיט דער געראַזיר־טער באָרד זײַנען אָפּגעפֿאַרבט, אָנגעפּאָמאַדעט און לאָזן פֿון זיך אַ שרעק־לעכן אַראָמאַט. דער קאָלנער פֿון העמדל איז אַזוי אָנגעקראָכמאַלעט, אַז דער הער זעמעל קאָן זיך קיין ריר ניט טאָן מיטן קאָפּ און מוז זיך דרייען מיטן גאַנצן קערפּער פֿון זײַן דינעם, לאַנגן געשטאַלט. אַף זײַן קלאָר־ווײַסן קאַמזויל הענגען עטלעכע קייטעלעך מיט מעדאַליאָנען, און אַף דרײַ פֿינגער — פֿיר פֿאַרשיידענע פֿינגערלעך מיט אַ גרויסן סיגנעט, און די שטיוול סקריפּען באַ אים אַף אַזאַ קול, אַז מע דאַרף אָפּטרעטן די שטוב. אונדזער זעלטענער פֿאַרשוין אָסיפּ זיצט ניט אײַן אַף אָן אָרט, און אַפֿילו ווען ער רעדט מיט עמעצן, האָט ער אויך ליב אַרומשפּאַנען אַהין און צוריק און קוועטשן די סקריפּקעס פֿון די שרײַענדיקע שטיוול, האַלטנדיק די הענט אין די קעשענעס. מיר האָבן שיר ניט פֿאַרגעסן באַמערקן, אַז אין דעם טײַערן האַלדזטוך באַ אים שטעקט אַ גילדענע שפּילקע מיט אַ קעפּל פֿון אַ חזיר, מיט זייער שיינע אָפּגעאַרבעטע חזירישע אויערלעך, און אַפֿן קליינעם פֿינגער פֿון דער לינקער האַנט איז באַ אים אַ לאַנגער, גאַנץ לאַנגער נאָגל.

— וואָס זשע מאַכט איר עפּעס, סאָפֿיאַ אַבראַמאָוונאַ? — האָט זיך אָסיפּ געווענדט צו זײַן געערטער שוועגערן און האָט זיך צוגעזעצט צו

איר; מרים־חיה איז אַוועקגעגאַנגען מיט די קינדער אין זאַל אַרײַן. — שוין אַ לאַנגע צײַט האָבן מיר זיך ניט געזען!

— יאָ, אָסיפּ מאָיסעיעוויטש, — האָט סאָני געענטפערט, באַטראַכ־טנדיק דעם געשעצטן שוואָגער, — שוין גאַנץ לאַנג! אַ סך וואַסערן זײַנען אָפּגעלאָפן פון יענער צײַט. גענוג צרות האָבן מיר איבערגעטראָגן! ווי גייט דאָס עפּעס אײַך אין אײַערע געשעפטן? דער שווער האָט אונדז אַמאָל געשריבן, אַז דאָס גליק יאָגט אײַך פּשוט נאָך. איך ווייס ניט, ווי אַזוי הײַנט? מע זאָגט עפּעס, אַז אײַערע שותּפים האָבן אײַך ניט שיין באַהאַנדלט, אַזוי ווי אונדז... דער געוויסער מערדער פּײַפּערמאַן...

— אָ, סאָפיאַ אַבראַמאָוונאַ! — האָט איר אָסיפּ געענטפערט און האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם בענקל, ווי אַן אָפּגעבריטער, און האָט אָנ־געהויבן אַרומשפּאַנען איבער דער שטוב, סקריפּענדיק מיט די טײַערע שטיוול. — אָ, איר ווייסט גאָר ניט, וואָס פאַר אַ שווינדלער עס איז דאָ אַף דער וועלט! זיי האָבן מיך געוואָלט אומגליקלעך מאַכן אַף טויזנ־טער, אַף הונדערט טויזנטער, אַף מיליאָנען! טשעסטנאָיע סלאָוואָ! נאָר איך האָב זיך יאַקאָש אויסגעדרייט פון זייערע הענט און האָב מציל געווען אַ גרויסן קאַפּיטאַל. און הגם דאָס געשעפט האָט זיך צוגעשטעלט אַף אַ קליינער צײַט, פונדעסטוועגן שלאָף איך ניט און וועל מיט גאָטס הילף אויספירן מײַנס. איך רעכן, אַז הײַנטיקס יאָר זאָל מיר אומקערן דאָס, וואָס מײַנע שותּפים האָבן בײַ מיר צוגענומען... אַ חוץ האָט בײַ מיר דאָס הויז, וואָס איך האָב געקויפט, צוגענומען גוטע פופציק טויזנט רובל... דער גאָרטן אַליין קאָסט מיך אַ קאָסע געלט... דער גערטנער נעמט בײַ מיר ת"ק קערבלעך אַ יאָר. הײַנט ווו איז דער עקיפּאַזש מיט די פערד? ווו איז זײַטיקע הוצאות? וואָס מיך קאָסט אָפּ אַ יאָר אונטערהאַלטן קרו־בים און פרעמדע, וואָלט מען זיך, איך ווייס?... טשעסטנאָיע סלאָוואָ!

— נו, אין קאָרטן שפּילט איר הײַנט אויך? — האָט אים סאָני געפרעגט מיט אַ זיס שמייכעלע אַף די ליפּן.

— חס ושלום! — האָט איר אָסיפּ געענטפערט מיט אַ געפיל פון אַ מענטשן, וועלכן מען באַליידיקט אומזיסט. — זאָל מיך גאָט היטן! סײַדן אַמאָל אין אַ פרײַער צײַט, אין אַ לאַנגער ווינטער־נאַכט, אַז סע איז ניטאָ וואָס צו טאָן, זעצט מען זיך אַמאָל צום „גרינעם טישל". אױ דאָס, דאַרפט איר געדענקען, אַז איך פאַרשפּיל קיין מאָל ניט; פאַרקערט, איך געווין שטענדיק, טשעסטנאָיע סלאָוואָ! (דאָ האָט זיך אָסיפּ צוגע־

שטעלט און האָט זיך צעלאַכט, באַוויזן זײַנע שוואַרצע ציין). אָט דאָ ניט לאַנג געפאָרן פון אַדעס, האָב איך זיך באַקאַנט מיט אַ יונגנמאַן אין וואַגאָן ערשטער קלאַס. ער פרעגט מיך, ווער איך בין? זאָג איך אים: דער און דער. זאָגט ער מיר: אַזוי? קען איך דאָך אײַך! פרעג איך אים: ווי אַזוי? ענטפערט ער מיר: מײַן פאָטער האָט בײַ אײַך פאַראַיאָרן געהאַנדלט ווייץ אויף הונדערט טויזנט רובל. ווער זשע איז אײַער פאָטער? — פרעג איך אים. האָט ער אָנגערופן זײַן נאָמען. בקיצור, אַהין — אַהער, מיר האָבן זיך געזעצט שפּילן, און ביז קיעוו האָט ער מיר אַנידערגעלייגט פופצן טויזנט רובל און איז געווען טויט ווי די וואַנט, און איך האָב אים נאָך געמוזט לײַען אויף הוצאות אַ פּופּציקער, כאַ־כאַ־כאַ! טשעסטנאָיע סלאָוואָ!...

בײַ די לעצטע ווערטער איז רעוועקאַ אַרײַנגעקומען צוריק פונעם פּאָטערס קאַבינעט און האָט זיך ווײַטער אַרומגעכאַפּט קושן מיט סאָנין לאַנג־לאַנג, ווי צוויי געטרײַע שוועסטער, וואָס האָבן זיך שוין פון צען יאָר ניט געזען, און דער גוטער גאָט האָט זיי געבענטשט, אַז זיי קאָנען זיך ווידער זען און, קושנדיק און האַלדזנדיק, קאָנען זיי אויסגיסן זייערע הערצער... אַך! אין דעם דאָזיקן מאָמענט האָבן אונדזערע צוויי געערטע דאַמען גאָר פאַרגעסן, אַז בשעת זיי זײַנען געווען אויף קעסט, האָבן זיי זיך געריסן, ווי די קעץ, און זײַנען געווען אַ גאַנץ יאָר ברוגז דערפאַר, וואָס רעוועקאַ האָט געזאָגט אויף סאָנין, אַז זי האָט בײַ איר אַוועקגעגנבעט אַ נאָזטיכל, און סאָני האָט איר אויסגעוואָרפן דעם מאַן דעם „קאַרטיאָזשניק”. עס קאָן זײַער זײַן, אַז אין דער דאָזיקער מינוט האָבן זיי זיך מיטן גאַנצן האַרצן מוחל געווען, וואָס זיי האָבן זיך אַמאָל געקריגט, געזידלט, געיאָגט, און אַזעלכע צוויי גוטע פרײַנט, ווי אונדזערע געשעצטע דאַמען, רעוועקאַ און סאָני, אין דער מינוט, זײַנען אויף דער גאַנצער וועלט גאָר ניט געווען. עס איז שווער געווען צו כאַפּן אַלץ, וואָס זיי האָבן גערעדט; ווי די פייגעלעך האָבן זיי געשטשעבעטשעט, און האָבן „אַנטפּלעקט” און פאַרגלײַכט איינע פאַר דער אַנדערער אַזעלכע זאַכן, וואָס פאַר זייערע געטרײַע מענער וואָלטן זיי דאָס געוויס ניט געטרויט! סע איז נאָר אַ תענוג צו זיצן פונערווײַטנס און קוקן אויף אַזאַ שיינער קאַרטינע, ווי שיינקײַט, גראַציע, אויפריכטיקייט און אומשולדיקייט ווערן צונויפגעגאָסן אינאיינעם און איר קוקט דערויף מיט פאַרגעניגן און מיט קנאה אינאיינעם...

ערשט אין אַ האַלבער שעה אַרום איז רעוועקאַ אויפגעשטאַנען, האָט אָוועקגערופן אָסיפן אַף אַ זײַט און האָט אים געזאָגט אפן אויער:

— גיי נאָר אַרײַן צום טאַטן, אָסיפ; נאָר זע האַלט צונג, וואָרעם ער קען דיך שוין, — גלייב מיר! טאָמער וועט ער דיך זידלען, שווײַג אים אָפ הײַנטיקס מאָל, בכדי זאָלסט קיין חרטה ניט האָבן. געדענק זשע!

אָסיפ האָט זיך כלומרשט צעלאַכט, און רעוועקאַ האָט אים געזאָגט אַף אַ קול:

— גיי, אָסיפ, דער פּאַפּאַשאַ וויל זיך מיט דיר זען! — און אָסיפ האָט מיט אַ פּאַרריסענער קאָפּ און סקריפּענדיק מיט די שטיוול אַוועקגע־שפּאַנט ווײַטער.

ווי אַזוי סענדער בלאַנק האָט אים צוגענומען און וואָס זיי האָבן גערעדט — ווייס נאָר איין פּרויקע, וואָס איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען הינטער דער טיר און האָט זיך צוגעהערט צום שמועס פון דעם געשעצטן שווער מיט זײַן געערטן איידעם אָסיפ זעמעל.

אונדזערע לייענער זײַנען אומזיסט אין כעס אַף דעם פאַלשן משרת, וואָס האָט אַ העזה צו אונטערהערן זיך, וואָס די פּרינציפּאַלן ריידן צווישן זיך. איר דאַרפט מוחל זײַן דעם עלנטן משרת, וואָס איז נישט מער ווי אַ פאַרקויפטער מענטש, אַן „אומגליקלעכער קנעכט", וואָס מוז יעדן פאָלגן: — אים האָט געשיקט אונדזער געערטסטע דאַמע סאָפיאַ אַבראַמאָוונאַ, ער זאָל זיך אונטערהערן, וואָס זיי ריידן דאָרט, און דערפאַר וועט ער באַקומען אין יד אַרײַן וויפיל ער האָט זיך קיינמאָל נישט געריכט...

שפּעטער מיט עטלעכע שעה האָט שוין בליומקע (פּרויקעס כלה) אויך געוווּסט, אַז רב סענדער האָט קראַנקערהייט געזידלט דעם איידעם, ווי אַ הונט, און אָסיפ האָט אים דאָס אַנדערע וואָרט נישט געענטפערט און איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען, ווי אַ גולם מיט גלעזערנע אויגן, און נאָך אַ סך אינטערעסאַנטע זאַכן האָט פּרויקע דערציילט זײַן געליבטער כלה, פאַרבײַסנדיק מיט שטיקער טאָרט פון דער קעשענע, מיט נים און מיט נאָך גוטע זאַכן.

זאָלן מײַנע לייענער נישט מיינען, אַז אונדזער אָסיפ האָט קיין שכל נישט געהאַט ענטפערן דעם שווער צוריק, אָדער ער האָט אַף אים געלייגט כבוד; אָבער גאָר לאָ! אָסיפ האָט געקענט פאַררעדן צען מענטשן מיט אַ מאָל. און וועגן אָפּגעבן כבוד איז אויך אַ ספק. וואָרעם עס איז געווען אַ צײַט, ווען אָסיפ איז געזעסן באַם שווער אַף קעסט און האָט געהאַט אַ סך

געלט, האָט, פאַרקערט, דער שווער אים אָפּגעגעבן כבוד. און ווער שמו־עסט, אַז אָסיפּ מיט רעוועקאַן זײַנען אַראָפּ פון קעסט, און סענדער האָט דערהערט, אַז זײַן איידעם מאַכט אַזעלכע גרויסע, גליקלעכע געשעפטן, איז ער געווען צופרידן גאָר אַף אַן אַנדערן אופן; ער פלעגט זיי שיקן גאַנץ אָפטע בריוו און שענקען רעוועקאַן אַמאָל די שענסטע מתנה, און אַף אָסיפּן האָט ער געזאָגט, אַז אים פּאַסט צו זײַן אַ גרויסער גביר, אַז ער האָט אַ פּנים פון אַ „מיליאָנטשיק".

די ערשטע שפּעקולאַציע, וואָס אָסיפּ האָט זיך צו איר גענומען, איז געווען דער האַנדל פון ברויט. ווען עס האָט גראָד געגאָלטן, — האָט ער, געוויינלעך, פאַרדינט אַ סך געלט; נאָר זאָגן האָט ער זיך דערלויבט צוויי מאָל אַזוי פיל, און אַזוי איז ער אויסגעוואַקסן געוואָרן באַ יעדן אין די אויגן. דער מסחר פון ברויט האָט געפלאַמט, און אָסיפּ האָט נאָך מער געפלאַמט און האָט אײַנגעקויפט אַ היבשן טראַנספּאָרט ווייץ אַף אַ יאָר און אַף צוויי יאָר; ווייץ איז געפאַלן, נאָר אָסיפּ איז באַ זיך נישט גע־פאַלן: ער האָט אָפּגעשאָטן דאָס ברויט אין די שפּײַכלערס און האָט דאָס געהאַלטן אַזוי לאַנג, ביז האַלב איז כפּרה געוואָרן, און די אַנדערע האַלב האָט ער נעבעך געמוזט פאַרקויפן פאַר האַלב געלט. אַז סענדער איז געוווּיר געוואָרן פון אַזאַ מעשה, האָט ער אים אָרײַנגעשריבן אַ בריוול, פול מיט שטעכווערטלעך, אַז נישט אַזוי האַנדלט מען: מען דאַרף קאָנען טרעפן אַ צײַט, מען דאַרף זײַן געהיט, מען דאַרף נישט לאָזן קריכן ווײַט. אָסיפּ האָט אים אָפּגעענטפערט, אַז אַזוי האַנדלען, ווי ער, אָסיפּ, האַנדלט, קאָן קיינער נישט און עס ווונדערט אים, אַז אַזאַ מענטש, ווי זײַן שווער, וואָס האָט קיינמאָל נישט אָנגעקוקט קיין פּוד ווייץ, לערנט אים, אָסיפּן, ווי אַזוי צו האַנדלען... דעם דאָזיקן ענטפער האָט סענדער צעריסן און איז געווען ברוגז אַ קליינע צײַט, ביז ער האָט פּלוצים מקבל געווען אַ דעפּעש פון רעוועקאַן, אַז אָסיפּס באַבע, אַ רייכע אַלמנה, איז געשטאָרבן און האָט אים אָפּגעשריבן הונדערט זעכציק טויזנט רובל. סענדער איז אויפ־געמונטערט געוואָרן און האָט אָוועקגעשיקט אַזאַ מין בריוו צו די קינדער:

„לכבוד התני הגביר המפורסם המשכיל היקר ומהולל מוהר"ר יוסף נ"י הער זעמעל.

ולכבוד בתי הגבירה המפורסמת החכמה המשכלת היקרה המהוללה מרת רבקה שתחי' עכב"ב. מיט פיל עגמת־נפש האָב איך איבערגעלייענט אײַער טעלעגראַמע, און עס טוט מיר הערצלעך לײַד, וואָס דײַן גערימטע

באַבע, מײַן הויכגעשעצטע מחותנתטע, איז נאָך גאָר יונג פון דער וועלט געגאַנגען. תנצב״ה! נאָר וואָס קאָן אַ מענטש העלפן מיט זײַן וויינען און טרויערן, מסתמא הייסט גאָט אַזוי, און דײַן געטרײַע באַבע וועסט דו שוין נישט לעבעדיק מאַכן; לאָז זי האָבן אַ ליכטיקן גן־עדן, און איר זײַט נאָך יונגע קינדער און דאַרפט נאָך לעבן אַף דער וועלט. לכן, חתני היקר ובתי היקרה, נעמט זיך נישט צום האַרצן און פאַרגעסט, און לאָז גאָט געבן, מיר זאָלן שוין מער פון קיין צער נישט וויסן מיט דעם כלל ישראל, און קיין יינגערע זאָלן נישט שטאַרבן — אָמן! מײַן דעה איז, קינדער, אַז דאָס געלט זאָל לעת־עתה ליגן אין באַנק, ביז גאָט וועט העלפן, איר וועט זיך אַרומקוקן און עס וועט זיך אײַך מאַכן עפּעס אַ רעכט געשעפט. איך רעכן, אַז דאָס פּראָצענט פון אַזאַ קאַפּיטאַל דאַרף אײַך טראָגן צום לעבן, ובפרט איר ווייסט, אַז איך האָרעווע אויך פון אײַערטוועגן און וועל מײַן געלט אין קבר אַרײַן נישט מיטנעמען, און אַ מענטש לעבט נישט אייביק... בלײַבט אײַך געזונט און פיל גליקלעך, און איך זאָל האָבן פון אײַך אַ גרעסערן נחת, ווי פון מײַן זון חיים נעבעך, וואָס האָט מיך נישט געוואָלט פאָלגן... גריסט אײַער טײַער ליב קינד גאָר פרײַנטלעך.

פון מיר אײַער געטרײַער פאָטער

ס ע נ ד ע ר ב ל אַ נ ק.

גם זוגתי מרת מרים־חיה גריסט אײַך אַלע הערצלעך.

ס ע נ ד ע ר ה נ ״ ל ״.

דאָס דאַזיקע בריוול איז געווען באַ אָסיפּן שטאַרק אָנגעלייגט: ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען, אַז זײַן שווער זאָל אים שרײַבן: „הגביר המפורסם החכם המשכיל״. האָט ער אים צוריק אָפּגעענטפערט, דווקא אַף העברעיִש, אַ מליצה־בריוו מיט זייער אַ סך גרײַזן, און פון דעמאָלט אָן זײַנען זיי געוואָרן שלום אַף אַ היבשע צײַט, ביז וואַנען אונדזער פײַנער אָסיפּ זעמעל האָט אָנגעוואָרן דאָס געלט, און ביז וואַנען ער האָט דאָס נישט געפּטרט אינגאַנצן, האָט ער זיך נישט באַרויִקט. און אַז ער האָט דאָס געפּטרט, איז אים געוואָרן גרינגער אַף דער נשמה און ער איז פון דעסטוועגן באַ זיך נישט אַראָפּגעפאַלן דערמיט; אונדזער דאָזיקער פײַ־נער העלד איז געבאָרן געוואָרן אונטער אַזאַ גליקלעכן שטערן, אַז כמעט זײַן גאַנצן לעבן האָט ער גענומען איין ירושה נאָך דער אַנדערער, און ביז ער האָט צעטראַנזשירט איין ירושה, איז אים שוין אונטערגעשפּרונגען

אַ נײַע ירושה; דאָס פון אַ באָבע, דאָס פון אַ פעטער, דאָס פון אַ מומע! און איך מיט אײַך, ליבע לייענער, האָבן גאָר קיין זכיה נישט באַ גאָט צו האָבן אַזעלכע באָבעס, פעטערס מיט מומעס, וואָס זאָלן אונדז אויך דערמאָנען פאַרן טויט צו גוטן... ניין! איך מיט אײַך האָבן אַנדערע גליקן: אַן אָרעמע פלימעניצע חתונה מאַכן... אונטערהאַלטן אַ געפאַלענעם „שני שבשלישי”... צענויפליייגן זיך אַף אַ „נשרף” נעבעך פונעם ווײַבס צד, אָדער פירן צום פריזיוו אַ גליד־גליד־שוועסטערקינד, עפּעס אַ שלים־מזל, אַ דער רוח ווייס וואָס!... נישטאָ וואָס צו ריידן, לעזער! מען דאַרף צומאַכן די אויגן און מע מוז שווײַגן.

.. ..

מען קאָן נישט זאָגן, אַז רעוועקאַ האָט תמיד געלעבט גוט און פײַן מיט איר מאַן. אמת, אַז רעוועקאַ איז אַ כלה געוואָרן פאַר אָסיפּן, איז זי געווען כמעט אײַנגעליבט אין איר שיינעם, רײַכן חתן. רעוועקאַ איז נאָך געווען אַ קינד פון פופצן יאָר, דאָך האָט זי פאַרשטאַנען, אַז עס דערוואַרט זי אַ גרויס גליק; דאָס האָט געזאָגט די גאַנצע שטאָט, און עס איז נישט געווען קיין ליגן: מ ש ה ז ע מ ע ל איז געווען אַ גרויסער גביר, און די מתנות, וואָס ער האָט איבערגעשיקט דער כלה, זײַנען טאַקע געווען גרויסאַרטיק, און די בריוו, וואָס דער חתן האָט איר געשיקט אַ יאָר כסדר, זײַנען געווען אַזוי שיין, מיט אַזאַ פײַער געשריבן, אַז די יונגע, שיינע, געזונטע רעוועקאַ, וואָס האָט געהאַט אַ גרויסן באַגריף אין די שענסטע ראָמאַנען אַף דער וועלט האָט זיך, נישט ווילנדיק, אײַנגעליבט אין איר חתן, וואָס איז שוין דענסטמאָל אַלט געווען צוואַנציק יאָר. נישט איין נאַכט פלעגט די פאַרליבטע רעוועקאַ אויסליגן אַפן בעטל מיט טרערן אַף די אויגן און איר פאַנטאַזיע האָט אים פאָרגעשטעלט איר חתן, אָסיפּזעמעל, פאַר אַזאַ שיינעם העלד, פאַר אַזאַ גרויסאַרטיקן, הויכן, קלוגן מאַנספּאַרשוין, אַז יעדער טאָג, יעדע שעה, יעדע מינוט האָט זיך געצויגן באַ איר אין די אויגן אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג!... אמת, זי האָט זיך אַמאָל דרײַ געזען מיט איר חתן, האָט ער באַ איר אויסגעוויזן נישט אַזוי, ווי די פאַנטאַזיע האָט איר געמאָלט. רעוועקאַ האָט פון אים קיין גרויס קלוגשאַפט, שיינקייט און בילדונג נישט אַרויסגעזען. פאַרקערט, זי האָט באַמערקט אין אים אייניקע קליינִיקייטן און נידעריקע תנועהלעך, און אָפּטמאָל געכאַפּט אין אַ ליגן. דאָך האָט זי גערעכנט, אַז דאָס איז דערפאַר,

ווײַל ער איז אַ געבאַלעוועטער, אַ ציטעריקער און אַף ראַסקאַש אויפגע־צויגן, און אַז אַסיפּ פלעגט אַוועקפאָרן און ווײַטער שיקן זײַנע הייסע, פּײַערדיקע בריוולעך, פלעגט זי ווידער אָנהייבן פאַנטאַזירן, אַזוי אַז דער אמתער אַסיפּ איז אַרויסגעפלויגן פון אירע געדאַנקען, און אַף זײַן אָרט איז אויסגעוואַקסן ווײַטער אַ גרויסער, אַ שיינער, אַ גוטער, אַ טײַערער אַסיפּ, אַ ווירקלעכער העלד!

מיט גרויס ציטערניש האָט רעוועקאַ געציילט די טעג צו דער חתונה, און דאָ האָט מען גענייט אַף איר די טײַערסטע און שענסטע מלבושים אַף דער וועלט: אונדזער הויכגעשעצטער סענדער בלאַנק האָט זיך צע־בײַטלט, בכדי ער זאָל חלילה נישט פאַרשעמט ווערן פאַר אַזאַ מחותן, ווי משה זעמעל. אָט נאָך אַ חודש, נאָך אַ וואָך, נאָך צוויי טאָג, נאָך אַ טאָג, נאָך אַ נאַכט, נאָך אַ שעה, נאָך אַ מינוט — דער חתן איז שוין דאָ!... די כלי־זמר... דער באַל... די טענץ... דאָס ווײַסע קלייד... די חברטעס... די חופּה־וועטשערע... דאָס געזעגענען זיך... אוים חתונה...

דער ערשטער חודש, דער „האָניק־חודש", ווי מען רופט דאָס, דאָס איז דער פרילינג באַ דעם יונגן פּאָרפאָלק. די גאַנצע וועלט איז באַשאַפן געוואָרן פון זייער כבוד וועגן, זיי צו פריילעך מאַכן; און אפילו אָט דער וואַסער־פירער, וואָס האָט געלאָזט אין דער היים אַ קראַנק ווײַב מיט הונגעריקע קינדער, באַקומט באַ זיי אין די אויגן עפּעס אויך אַ מין חן, און דער בעטלער, וואָס שטייט מיט אַ הוילן קאָפּ, אָנגעלענט אָפּן שטעקן, מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט — אַך, ווי שיין דאָס איז!... אַך, עס זאָל זיך ציען אייביק אַזוי!...

נישטאָ, נישטאָ קיין אייביקע זאַך אונטערן הימל! דער פרילינג גייט אַוועק, דער „האָניק־חודש" גייט אַוועק, — אַלץ גייט אַוועק! רע־וועקאַ האָט פינף וואָכן נאָך דער חתונה באַמערקט איר געליבטן אַסיפּן, אַז ער גייט, קוועטשט ער אַף די סקריפּקעס, בכדי זיי זאָלן שרײַען, און עס זשומעט איר פּשוט אין די אויערן, און עס דרייט זיך איר דער קאָפּ... אַסיפּ האָט איר געענטפערט, אַז ס'ווײַזט זיך איר אוים, אַז ס'איז נישט מער ווי אַ נאַרישער קאַפּריז, טשעסטנאָיע סלאָוואָ!... רעוועקאַ האָט אים געענטפערט, אַז זי ווייס נישט, ווער איז צווישן זיי דער נאַר און ווער איז דער קלוגער. אַסיפּ איז אָנגעצונדן געוואָרן און האָט איר מיט כעס געענטפערט, אַז אַזעלכע קלוגע, ווי זי, האָט ער געזען, אַז שטעכווערטלעך האָט ער פײַנט, אַז דאָס, וואָס זי ווייס האָט ער שוין לאַנג פאַרגעסן,

טשעסטנאָיע סלאָוואָ!... רעוועקאַ איז שוין אויך ביז געוואָרן און האָט אים געזאָגט, אַז זי פֿאַרשטייט נישט, אין וואָס ליגט זײַן חכמה מיט זײַנע קענטעניש, אַז זי האָט זיך מער אָנגעלייענט פֿון אים, אַז עס איז קיין מלאכה נישט זײַן אַ פּוסטער גדלן מיט אַ שיינעם, גלאַטן העמד און מיט אַ ליידיקן קאָפּ... אַסיפֿ איז שוין אונטערגעשפּרונגען פֿאַר האַרצווייטיק און האָט איר אויסגעוואָרפֿן איר פֿאָטער דעם גראָבן יונגאַטש, וואָס פֿאַרמאָגט נישט דאָס מיסט, וואָס וואַלגערט זיך בײַ זײַן פֿאָטער אָפֿן הויף. טשעסטנאָיע סלאָוואָ!... רעוועקאַן האָט דאָס שטאַרק פֿאַרדראָסן, האָט זי אים געזאָגט: אויב עס שטייט אים נישט אָן צו זײַן בײַ אַן אָרעמען שווער, קאָן ער זיך פֿאָרן געזונטערהייט צו זײַנע רײַכע עלטערן אַפֿילו הײַנטיקן טאָג, און זי, רעוועקאַ, וועט אים כּלל נישט נאָכלויפֿן... אַסיפֿ האָט מיט גרויס קוראַזש אָנגעהויבן אָרומשפּאַנען איבער דער שטוב, מיט די הענט אין די קעשענעס און מיט גרויס גדלות; ער וועט טאַקע אוועקפֿאָרן צו זײַנע פֿײַנע עלטערן, ס'אַרט אים נישט, אַז רעוועקאַ וועט אים נישט נאָכלויפֿן; אַזעלכע פֿײַנע בריות, ווי זי, האָט ער שוין געזען אַ סך, און דווקא שענערע, קליגערע און מער געבילדעט פֿון איר. טשעסטנאָיע סלאָוואָ!... דאָס האָט שוין רעוועקאַ נישט געקאָנט איבערטראָגן און האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן און האָט, ווי אַ צעמישטע, געשריגן אַף אַ קול:

— וואָן, וואָן, שאַרלאַטאַן! וואָן פֿון מײַנע אויגן! איך קאָן דיך נישט אָנקוקן! וואָן ! ! !

נישט מער ווי אין אַ האַלבער שעה אַרום איז שוין אונדזער העלד אַסיפֿ געשטאַנען פֿאַר זײַן טײַערער רעוועקאַן אַף די קני, זי געבעטן מחילה, אַז ער איז שולדיק, אַז ער האָט געזינדיקט פֿאַר זײַן טײַערער, טײַערער רעוועקאַ, אַז ער איז נישט ווערט אירע טריט, איר מינדסט פֿינגערל, איר נאָזטיכל, אַז ער מעג זײַן די כּפּרה פֿאַר אירע שיינע ליכטיקע אויגן, אַז ער מעג אַ מיתה־משונה אײַננעמען פֿאַר איר איין שמייכעלע, אַז וואָס ער האָט גערעדט האָט ער געבילט, טשעסטנאָיע סלאָוואָ!...

אַזעלכע און אַנדערע סצענעס זײַנען געוועזן אָפֿטער און אָפֿטער, ביז אַסיפֿ האָט געמוזט מאַכן פּליטה צום פֿאָטער אַף אַ דרײַ חדשים, און כאָטש ער האָט זיך אַמאָל געשוווירן, אַז צוויי שעה אַפֿילו קאָן ער אָן רעוועקאַן נישט לעבן, פֿון דעסטוועגן האָט דאָס אים חלילה נישט געשאַדט און ער האָט דאָס, דאַנקען גאָט, אויסגעהאַלטן און איז נישט געשטאָרבן. פֿאַרקערט, מען זאָגט, אַז ער האָט זיך נאָך אַביסל פֿאַרריכט דאָרט אין

זײַן שטאָט, צווישן זײַנע אַלטע באַקאַנטע, און שלעכטע מענטשן. שונאים האָבן אונטערגערעדט, אַז ער שדכנט זיך יאַק־בי צו זײַנער אַ קוזינע, זייער אַ שיין פרײַלן, וואָס וואַרט נאָר ביז אָסיפּ וועט זיך גטן מיט רעוועקאַן (אָ, בייזע מײַלער!)... די דאָזיקע רכילותן האָבן געגרייכט צו דער ווים־טער עגונה — רעוועקאַ בלאַנק, אָדער רעוועקאַ זעמעל, — וואָס עס האָט זי גענוג געקרענקט און פאַרשאַפט גענוג שמערצן, צי פאַר גרויס ליב־שאַפט, צי פאַר שנאה — ווער קאָן דאָס וויסן?... גאָט וויים, וואָס וואָלט דערפון אַרויס, ווען עס וואָלט נישט אָנגעקומען אַזאַ מין דעפּעשע צו דער מאַדאַם רעוועקאַ זעמעל:

«Передать Ревекке, скончался папенька, оставил 300,000. Сердечно сокрушен. Приезжай. Осип Земель».

אויף יידיש הייסט דאָס:

„איבערגעבן רעוועקאַן, געשטאָרבן מײַן פאָטער, געלאָזט דרײַ הונ־דערט טויזנט. הערצליך דערשלאָגן. קום צופאָרן. אָסיפּ זעמעל".

אונדזער גערימטער סענדער בלאַנק האָט געהאַלטן סאַמע אין מיטן מיטאָג, ווען עס איז אָנגעקומען די דאָזיקע טעלעגראַמע; פון דעסטוועגן איז דער פאָטער אַוועקגעגאַנגען מיט דער טאָכטער אין קאַבינעט אַרײַן, און זיי האָבן זיך דאָרט פאַרזאַמט אַקעגן אַ האַלבע שעה, און אַז זיי זײַנען אַרויסגעגאַנגען, איז רעוועקאַ געווען פאַרוויינט... פאַר קיין געלט וואָלט רעוועקאַ נישט געפאָרן צום מאַן! נאָר ווער וויים נישט, אַז די פרויען זײַנען ווייכהאַרציק און האָבן רחמנות אויף אונדז, מאַנספאַרשוי־נען, אפילו ווען מיר טוען זיי שלעכטס?... אָסיפּ איז נעבעך געבליבן אַ יתום און איז נעבעך דאָרט איינער אַליין באַ אַזאַ צופאַל, באַ אַזאַ שווערן נסיון!... רעוועקאַ האָט זיך זייער שיין אָנגעטאָן, און פונעם וויינען האָבן איר געפלאַמט די בעקלעך. פאַרבײַגייענדיק אין זאַל, האָט זי דערזען איר געשטאַלט אין שפּיגל, און זי האָט בשום אופן נישט געקענט נישט אָפּ־שטעלן זיך אַקעגן שפּיגל און באַטראַכטן זיך אַביסל. אויף איר שיין מײַלכל האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, ווי איינער רעדט: „קיין מעשה נישט?"... שפּעטער, אַז רעוועקאַ איז געזעסן אין וואַגאָן, און דער קוריער־צוג האָט זי געטראָגן אַהין, אַהין, צו איר געליבטן מאַן, צו איר עלנטן אָסיפּן, האָט זיך איר געטראָפן אַ צופאַל, וואָס מיר קאָנען נישט פאַר־דעקן פון אונדזערע לייענער און מוזן אים אין קורצן דערציילן.

אריינגעקומען אין וואַגאָן אַריַין, האָט רעוועקאַ אָנגעהויבן זיך זוכן אַ רעכטן אָרט און איז אַ פּאָר מאָל דורכגעגאַנגען אַהין און צוריק איבערן וואַגאָן; ענדלעך האָט זי זיך געפונען אַן אָרט באַם פענצטער — אַקעגן אַ יונגנמאַן, וואָס איז געווען פאַרטיפט אין אַ בוך. דער צוג איז שוין לאַנג אָפּגעפאָרן, און דער יונגערמאַן האָט נישט אויפגעהויבן די אויגן פונעם בוך. רעוועקאַ איז בטבע געווען אַ פרייליכע און האָט פיַינט געהאַט זיצן און שוויַיגן; דאָך האָט זי נישט געוואָלט די ערשטע פאַרבינדן אַ שמועס מיט איר שכן, איר **Vis-á-vis**. זי האָט זיך אָנגעשפאַרט מיטן עלנבויגן אַפן פענצטער און האָט זיך פאַרטראַכט. רעוועקאַ איז געווען געטלעך שיין אין דער דאָזיקער מינוט. דער יונגערמאַן האָט פאַר־מאַכט דאָס בוך און האָט זיך געקליבן כאַפּן אַ דרימל; נאָר זיַינע אויגן האָבן זיך נישט ווילנדיק אָפּגעשטעלט אַף רעוועקאַן, אַף איר קלאָר וויַיס הענטל, וואָס איז געווען אינגאַנצן נאַקעט. דער יונגערמאַן איז וואַכעדיק געוואָרן און האָט פשוט אויפגעגעסן מיט די אויגן די יונגע שיינע פרוי.

— איר פאָרט וויַיט, מאַדמואַזעל?

רעוועקאַ האָט דערהערט דאָס וואָרט „מאַדמואַזעל", איז זי רויט געוואָרן און האָט נאָך שענער אויסגעזען ווי פריער. זי האָט אים געזאָגט, וווּהין זי פאָרט, און צווישן זיי האָט זיך גיך פאַרבונדן אַ לאַנגער שמועס, פון וואָס רעוועקאַ איז געוואויר געוואָרן, אַז דער יונגערמאַן איז אַ ייִד, אַ סטודענט, זייער אַ פיַינער, אַ קלוגער און אַ פריילעכער יונגערמאַן. דער סטודענט האָט דערציילט טויזנטער אַנעקדאָטן, און רעוועקאַ האָט ערנסט, ערנסט געלאַכט, צום גרויסן פאַרגעניגן פונעם יונגנמאַן, וואָס האָט ליב געהאַט זיַין פריילעך און אויך יענעם פריילעך מאַכן. רעוועקאַ האָט אויך נישט געשוויגן און האָט, פון איר זיַיט, אויך דערציילט עטלעכע שיינע מעשיות — און די יונגע מענטשן האָבן שטאַרק־שטאַרק געלאַכט צוזאַ־מען. אַף די וואָקזאַלן זיַינען זיי ביידע אַראָפּגעגאַנגען, געגעסן, געטרונקען, גענאַשט — אויך צוזאַמען. אַף איין וואָקזאַל האָט מען באַדאַרפט וואַרטן אַפן צוג דריַי שעה. אונדזערע יונגע רײַזנדער זיַינען אַרומגעגאַנגען — געאָרעמט — אַף דער פּלאַטפאָרם, און דער סטודענט האָט געהאַלטן עפּעס זייער אַ לאַנגע און שיינע רעדע. רעוועקאַ האָט דאָס ערשטע מאָל דערהערט אַזעלכע זאַכן, וואָס זי האָט אין אירע בעסטע ראָמאַנען נישט געלייענט. אַ ניַיע וועלט האָט זיך פאַר אירע אויגן געעפנט, אַ שיינע, אַ גרויסע, אַ ליכטיקע וועלט!... און די זון האָט געשיַינט, געקוקט פון

אויבן. עס האָט אַלץ געבליט, געזונגען, געלעבט — עס איז געווען תחילת מײַ, איר פאַרשטייט?... רעוועקאַ האָט אויפגעהויבן אירע אויגן אַף דעם יונגן סטודענט און האָט זיך באַגעגנט מיט זײַנע גרויסע, שוואַרצע, פײַער־דיקע אויגן. זי האָט דערפילט, אַז זי איז רויט געוואָרן, און אַפן האַרצן איז איר געווען אַזוי גוט, אַזוי ליכטיק, אַזוי וואַרעם, ווי אין דער נאַטור. דער קאָפּ האָט אַף איר ווי געברענט... רעוועקאַ האָט נאָך קיינמאָל אַזעל־כעס נישט געפילט. ווי אין דער דאָזיקער מינוט. זי גדענקט נישט, ווי אַרום איר האַנט איז געלעגן אין די גרויסע וואַרעמע הענט פונעם יונגן סטודענט. זי געדענקט נישט, וואָס ער האָט איר אַזעלכעס געזאָגט. זי האָט נאָך אַ מאָל זיך באַגעגנט מיט זײַנע שיינע אויגן און האָט פּלוצים אויסגעריסן איר האַנט פון זײַנע הענט און זי האָט זיך דערמאָנט, אַז אַף איר קוקט־אַרויס איר מאַן אָסיפּ, איר עלנטער אָסיפּ!... נאָך איין מינוט איז זי געשטאַנען און האָט געקוקט אַף דעם יונגנמאַן, גלײַכנדיק אים מיט איר אָסיפּן, זײַנע שיינע אויגן מיט אָסיפּס קליינע רויטלעכע אויגעלעך אונטער די אַשקאָלירענע ברילן, זײַן ליכטיקן קלוגן פּריילעכן קאָפּ מיט אָסיפּס שאָפּן־קעפּל, וועלכעס איז ליידיק, ווי אַ מיאַטשיק, דעם יונגנמאַנס גרויסאַרטיקע רעדע מיט אָסיפּס ליגנס... „אַוועקט, אַוועקט, שלעכטע מחשבות! אַוועקט, אַוועקט, פאַלשע געדאַנקען!... אַהין, אַהין דאַרף איך פאָרן!... איך דאַרף, איך מוז, איך קאָן נישט אַנדערש!... ווער אַנדערש? וואָס אַנדערש?... אַהין! אַהין!!!...״ — האָט רעוועקאַ גע־טראַכט און האָט זיך מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אָפּגעזעגנט מיטן סטודענט.

אַז רעוועקאַ איז געקומען וווּהין זי איז געפאָרן, האָט זי נאָך דורך דעם פענצטער דערזען אָסיפּן שטיין אַף דער פּלאַטפאָרם שטאַרק אויס־געפּוצט; און אין איר קאָפּ איז, ווי אַ וויכער, דורכגעפלויגן דער יונגער סטודענט, וואָס זי האָט זיך מיט אים אָפּגעזעגנט פריער מיט צוויי שעה, און זי האָט נאָך נישט אויספּעיעט אַפילו אַ קלער טאָן, ווי עס געהער צו זײַן, איז שוין אָסיפּ געווען מיט איר אין וואַגאָן און האָט זי געהאַלדזט און געקושט און גערעדט מיט היץ, מיט פײַער. רעוועקאַ האָט נישט גע־הערט גאָרנישט... נאָר אין פאַעטאָן (אָסיפּ איז אַרויסגעפאָרן מיטן פאַ־טערס גרויסאַרטיקן עקיפּאַזש אַנטקעגן רעוועקאַן) האָט זי זיך אָנגעשפּאַרט מיט איר הייסן קאָפּ אַף אָסיפּס פּלייצעס און האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד... אָסיפּ האָט זי געטרייסט און אײַנגענומען, ווי ווײַט ער האָט געקאָנט, און אַזוי זײַנען זיי געקומען אַהיים. די נײַע שטאָט, דאָס נײַע

הויז, נײַע קאָנטשאַפּט, נײַע קאָמפּלימענטן מיט נײַע געדאַנקען האָבן מיט גוואַלד אַרויסגעטריבן פֿון רעוועקאַס קאָפּ דאָס בילד פֿונעם יונגן סטודענט.

אין דער דאָזיקער צײַט זײַנען צווישן מאַן און ווײַב פֿאָרגעקומען עטלעכע מיאוסע סצענעס, וווּ אָסיפּ האָט געשפּילט די ראָלע פֿון אַ פֿאַרזינדיקטן, וואָס האָט אַף די קני געבעטן מחילה, און רעוועקאַ פֿלעגט אים, פֿאַר רחמנות, מוחל זײַן... איינמאָל אין אַ פֿרימאָרגן האָט זיי דאָס שטובמיידל געטראָפֿן אין אַ טרויעריקער לאַגע: די מאַדאַם רעוועקאַ איז געשטאַנען אין איין העמד און האָט אַף זיך געריסן די האָר, און דער הער אָסיפּ איז געשטאַנען מיט אַ שטיוול אין איין האַנט און מיט אַ פּאָר אַשקאָלירענע ברילן אין דער אַנדערער האַנט. וויאַזוי אָבער זײַנען זיי אַלע מאָל אַרויסגעפֿאָרן מיטן קנאַק און מיטן פֿײַף! ווי גרויסאַרטיק איז רעוועקאַ געווען געקליידט! וויפֿיל דאַמען און מאַמזעלן האָבן איר מקנא געווען אַף איר רייכטום, אַף איר גרויסקייט! אַ כּפּרה, לעזער, אַ גוטער איידעלער געבילדעטער מאַן פֿאַר אַ פּאָר גרויע פֿערדלעך! אַ כּפּרה, לעזערן, אַ גליקלעך לעבן מיט דעם אָרעמען ליבנדן מאַן פֿאַר אַ לאָזשע אין טעאַטער! אַ כּפּרה, קינדער, אַלע אידעאַלן פֿאַר אַ גרויסאַרטיקן אָוונט, פֿאַר אַ גלענצנדן באַל, פֿאַר אַ טאַנץ מיט אַן אָפֿיצער!...

אַז דער ערשטער טרויער איז איבערגעגאַנגען, און אָסיפּ האָט אויפֿגעהערט צו קלאָגן נאָך זײַן טײַערן פֿאָטער, האָט ער אין אַ יאָר אַרום אויפֿגעבראָכן זייער אַ גרויס געשעפֿט פֿון ערד־קוילן מיט עטלעכע שותּפֿים, און אַף אָסיפּס הויז איז פּלוצים, אין אַ שיינעם פֿרימאָרגן, אויסגעוואַקסן אַ גאַנץ גרויסע טאַבליצע, מיט גילדענע אותיות, מיט די דאָזיקע ווערטער:

«Главная Контора Каменоугольнаго Товарищества Земеля, Файфермана и Ко.»

אין דעם דאָזיקן קאַנטאָר זײַנען תּמיד געזעסן דרײַ בוכהאַלטערס, צוויי קאָרעספּאָנדענטן, אַ סעקרעטאַר מיט אַ קאַסיר און האָבן פֿון זייגער נײַן אינדערפֿרי ביז פֿינף באַטאָג געשפּילט אין פּרעפֿעראַנס; און זעמעל, פֿײַפֿערמאַן מיט דער קאָמפּאַניע זײַנען געזעסן אין פּעטערבורג — גאָט ווייס צו וואָס, צו ווען! רעוועקאַ איז זיך געזעסן אינדערהיים, זייער אין אַ שיין הויז, און די פֿײַנסטע יונגעלײַט פֿון דער שטאָט פֿלעגן זיך

דארט כמעט אלע נאכט צונויפקלייבן „כאפן א קערטל". אזוי איז אוועקגעגאנגען דריי יאר; דריי גוטע, בארוטע יאר פאר זעמעלם בוכאלטערם מיט די קארעספאנדענטן, דריי פריילעכע יאר פאר רעוועקאן מיט אירע באקאנטע, — און דריי ביטערע יאר פאר דעם אומגליקלעכן הער אסיפ זעמעל, וואס האט נעבעך געפטרט איינגאנצן זיין קאפיטאל און האט נאך געהאט א פראצעס מיט זיין שותף פייפערמאן, וואס האט אים אנגעפייפט מחילה אין די ערד־קוילן. שטיל, אן צערעמאניעס, איז די גילדענע טאבליצע ארויף, און שטיל, אן צערעמאניעס, איז זי אראפ פון זעמעלם הויז און ארויפגעטראגן געווארן אפן בוידעם. דארט, צווישן אלע אלטע כאליעוועס, ליגט זי נאך עד היום הזה; שפינען בויען אף איר זייערע קונציקע שטיבעלעך און מייז טאנצן אף איר ארום מיט גרויס עזות... אף איר ארט הענגט היינט אן אנדער טאבליצע, שוין נישט מיט קיין גילדענע אותיות:

«Механическое Прачешное заведеніе».

דער נאמען „זעמעל" שטייט שוין ניט ארויסגעשטעלט; נאר מיר וויסן, אז די וואש־פאבריק איז זיינע, און סאיז גאר קיין עולה ניט, אבי פארדינען געלט. דער חסרון איז אבער, וואס סע פארדינט זיך ניט. אונדזער אסיפ זעמעל האט געעפנט די פאבריק, ווי א גרויסער פריץ, און מיט אזא שיק, אז גאט ווייס אויב זי וועט זיך האלטן נאך א חודש, אדער העכסטנס צוויי חדשים.

בא די דאזיקע אומשטענדן און בא דער דאזיקער לאגע פון זייערע געשעפטן האבן זיי, אסיפ און רעוועקא פלוצים דערהאלטן א טרויעריקע דעפעשע, און אט זיינען זיי געקומען צו סענדערן אין שטוב ארייַן, ווו מיר האבן געהאט די ערע זיי שוין צו זען.

דאָס זיבעטע קאַפּיטל.

ווי דער לעזער באַקענט זיך מיט צוויי זײַטיקע פּאַרשױנען אינעם דאָזיקן ראָמאַן

די אַלטע לײַט האָבן שוין אַזאַ מזל, מ'שטײנס געזאָגט, אַז ווי באַלד זיי כאַפּן זיך נאָר אַרײַן צווישן יונגוואַרג, אַזוי פֿאַרגעסט מען גאָר אָן זיי, גלײַך ווי זיי זײַנען גאָר ניטאָ אויף דער וועלט.

צווישן אַלע אונדזערע פּאַרשױנען, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום בײַ אונדזער פֿײַנעם סענדערן אין הויז, האָבן מיר גאָר דורכגעלאָזן די מומע דאַבריש, סענדערס אַן אײגענע שוועסטער, אַן אַלטע ייִדענע פֿון אַ יאָר זיבעציק, מיט אונטערגעבונדענע ציין, אַ הויכע און אַ גראָבע, אויף סענ־דערס מאַניער.

— ווי קומט איר אַהער, מומעניו? — האָבן זי די יונגע דאַמען געפֿרעגט. — ווען קומט איר אָן? ווי אַרום, און פֿון וואַנען?

— אָך! — האָט זיי די מומע דאַבריש געענטפֿערט, קרעכצנדיק און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ. — אָך! איך האָב דערהערט די גוטע בשורה פֿון אַ היגן בעל־עגלה, וואָס פֿאָרט צו אונדז אַלע וואָך; פֿון אים בין איך געוווירע געוואָרן פֿונעם שלאַק! אָך! איין ברודער! איין־און־אײנציקער ברודער! און וואָסער אַ ברודער! אַזאַ ברודער! אָך! אָך!

— וואָס אָכקעט איר, דאַבריש? — האָט זיך מרים־חיה אָנגערופֿן.

— גאָט וועט געבן, וועט ער, אם ירצה השם, זײַן געזונט.

— יאָ, מײַן קינד, יאָ, בײַ גאָט איז אַלץ מעגלעך יאָ! ער איז אודאי אַ גרויסער בריה! ער איז אַ דאָקטאָר איבער אַלע דאָקטוירים!

דער באַרימטער אָסיפּ זעמעל וואָס האָט נאָר־וואָס געהאַט דעם שייַ־נעם פּסק פֿון זײַן שווער, האָט פֿאַרבונדן אַ שמועס מיט דער מומע דאַב־ריש און האָט אויסגעשאָטן אינגאַנצן זײַן סאַטירע, אַלע זײַנע וויצן מיט די ווערטלעך איבער איר, און דערמיט צעלאַכט דעם גאַנצן עולם. ערשט אין אַ פּאָר שעה אַרום נאָך איר קומען האָט מען זי אַרײַנגערופֿן צום קראַנקן ברודער, ווו זי איז אָפּגעזעסן עטלעכע מינוט און איז צוריק אַרויס־געגאַנגען, שנײַצנדיק די נאָז און ווישנדיק די אויגן. דער ניט־געפֿאַלענער אָסיפּ האָט זי באַגעגנט מיט אַ הילכיקן געלעכטער און האָט איר אין די

אויגן איבערגעקרימט, ווי זי וויינט און שנײַצט די נאָז. דער עולם האָט אויסגעשאָסן אַ געלעכטער, און אָסיפּ האָט געשײַנט פֿאַר שמחה.

— לאַכט, לאַכט, קינדערלעך! — האָט זיי די גוטע מומע געענטפֿערט מיט גרויס הכנעה. — איר וועט אַמאָל אויך אַלט ווערן, וועט מען אײַך אויך אויסלאַכן!

דער לעבעדיקער אָסיפּ האָט ניט אויפֿגעהערט צו שפּעטן פֿון דער אַלטער מומע, צום גרויסן פֿאַרגעניגן פֿון דער גאַנצער פֿאַמיליע, און די גוטע מומע דאָבריש האָט ניט איבערגעגערעדט דאָס צווייטע וואָרט און האָט געלאַכט גלײַך מיט זיי אַלע.

שווער צו פֿאַרשטיין די פֿראָסטקייט און די ווייכקײַט פֿון דער דאָזיקער אַלטער: צי ווײַל זי איז טאַקע בטבע אַזאַ גוטע פֿרוי, צי איבער אַן אַנדער זאַך? מיר קענען די מומע דאָבריש פֿאַר אַ ייִדענע, וואָס האָט ביז פֿופֿציק יאָר עקספּעדירט דרײַ געזונטע מענער אַף יענער וועלט און איז געבליבן אַ „קטלנית", ווי עס ווערט בײַ אונדז אָנגערופֿן, און קיין קינדער האָט זי ניט געהאַט.

די מומע דאָבריש האָט, ווי עס ווײַזט אויס, געוווּסט, אַז אַף דער עלטער וועט זי בלײַבן עלנט, ווי אַ שטיין, האָט זי פֿון פֿריער צוגעגרייט אַ שטיקל פֿאַרמעגן, עטלעכע הונדערט רובל מיט אַ קליין שטיבעלע און מיט אַן אייגן קלייטל פֿון „באַקאַליע", פֿון וואַנען זי ציט זיך איר באַדערפֿעניש. אין שטאָט הייסט זי בײַ איטלעכן „די מומע דאָבריש", און קריסטן רופֿן זי „דאָברוכאַ". אַ חוץ וואָס זי האָט אַ קלייטל, איז די מומע דאָבריש אַ שטיקל רופֿא'טע אויך; בײַ איר קריגט מען אַלערליי רפֿואות, פֿאַרשיידענע גראָזן, סם, מישיאַק, ראָזמאַרין, שאַלווי, ראָמאַשקעס, און זי איז אַ ווילדע מומחהטע אַף אָפּשפּרעכן אַן עין־הרע, צײַנווייטיק, אַ „בעשיכע", אָפּקוועטשן „זובישטשעס", אויסגיסן אַף וואַקס, וואַרפֿן אַף קאָרטן, ברענגען אַן אַנטלאָפֿענעם מאַן אַף אַ קאַטשערע, פֿאַרטרײַבן מכשפֿות, שדים, לצים, „דאָמאָוויקעס" און אַ סך אַנדערע תּחבולות און סגולות. פֿאַר דער מומע דאָבריש האָט יעדערער אָפּשײַ, און די קריסטן געבן איר אָפּ גרויס כּבֿוד, נאָך איר ווערט נאָך. זומער קאָן מען זי אָפּט באַגעגענען גאַנץ פֿרי, איידער די זון גייט אויף, אין פֿעלד, קלײַבן אירע גראָזן, און ווינטער שפּעט אין דער נאַכט, אַקעגן דער לבֿנה, מאַכן מיט די הענט און שעפּטשען מיט די ליפּן. אין דער שטאָט, ווו די מומע דאָבריש וווינט, דערציילט מען וועגן איר עטלעכע זייער ניט קײַן שיינע

מעשיות, און „נאַטשאַלסטווע" האָט אַף איר שוין לאַנג אַן אויג, נאָר אין די קליינע שטעטלעך ווערט אַלץ אָפּגעטאָן פּאַרנייט און פּאַרדעקט.

— איר זײַט דאָך עפּעס יאַ אַ מומחהטע, — האָט זיך צו איר אָסיפּ ניט אויפגעהערט צו טשעפּען, — ווי זשע קומט דאָס, אַז איר זאָלט נישט געבן קיין רעכטע רפואה דעם שווער?

— גאָט, גאָט וועט אים צושיקן אַ רפואה שלמה, מײַן קינד! ער איז אַ רופא כל בשר, מײַן קינד! ער איז אַ מפליא לאיינסעם (לעשות), מײַן קינד!...

די מומע דאַבריש קאָן אַ גוזמא לשון־קודש־ווערטער, און דערפאַר גילט זי פאַר אַ למדנטע, אַ ווילקענענדיקע, אַ מאַנסבילשער קאָפּ.

— נו, און אָפּשפּרעכן העלפט דען נישט? — האָט איר אָסיפּ ווײַטער דערקוטשעט מיט זײַן סאַטירע.

— ניין, מײַן קינד! אין אַ פרעמדער שטאָט קאָן מײַן שפּרעכן נישט עולה יפה זײַן, מײַן קינד.

אונדזער העלד אָסיפּ האָט לאַנג געטריבן קאַטאָוועס מיט דער מומע דאַבריש, וואָס האָט אים גערופן „מײַן קינד" און איז נישט ברוגז געווען, וואָס מע שפּעט איבער איר אַזוי עפנטלעך; נאָר אָסיפּס סאַטירע האָט זיך סוף־כל־סוף צוגעגעסן איטלעכן, האָט אים רעוועקאַ געזאָגט:

— גענוג שוין, אָסיפּ! — און האָט אַף אים אַזאַ קוק געטאָן, אַז אָסיפּ איז אַנשטומט געוואָרן אַף אַ היפּשער ווײַלע, ביז דער דאָקטער קלוגער איז געקומען באַזוכן דעם חולה, און באַם געזעגענען זיך האָט זיך מיט אים אָסיפּ צערעדט מכח זײַנע געשעפטן. ער האָט אים דער־ציילט וועגן דעם גרויסן פּראָצעס, וואָס ער פירט מיט זײַן געוועזענעם שותף פײַפערמאַן, וואָס האָט אים באַראַבעוועט אַף אָנדערטהאַלבן מי־ליאָן, און וועגן דער אַמעריקאַנישער וועש־פאַבריק, וואָס גייט באַ אים זייער גוט — טשעסטנאָיע סלאָוואָ!

דער דאָקטער קלוגער האָט זיך תחילת שטאַרק פאַראינטערעסירט מיט אָסיפּס מעשיות און איז זייער נײַגעריק געווען צו באַקומען אַ באַ־גריף וועגן דעם אינטערעסאַנטן פּראָצעס אַף אָנדערטהאַלבן מיליאָן און וועגן דער אַמעריקאַנישער וועש־פאַבריק. אונדזער העלד האָט זיך פּשוט מחיה געווען, וואָס גאָט האָט אים צוגעשיקט אַזאַ מענטשן, וואָס אינ־טערעסירט זיך מיט אים, האָט ער אַרויסגענומען אַ גאַנצן פּאַק פּאַפּירן: פּראָשעניעס, קאָפּיעס, חשבונות, פּלאַנען, וועקסלען, קוויטלעך און גלאַט

אזוי פּאַפּירן. דער דאָקטער קלוגער האָט נעבעך געמוזט איבערקוקן דעם גאַנצן פּאַק מיט פּאַפּירן, און אַ קאַלטער שווייס האָט אים באַשלאָגן. וואָס האָט ער געקאָנט טאָן, אַז ער האָט זיך אַליין אָנגעפרעגט אַן אומ־גליק ? עטלעכע מאָל האָט ער זיך געריסן פון זײַנע הענט, געקוקט אַפן זייגער, נאָר אומזיסט : אָסיפּ איז אים אַרײַנגעפאָרן מיט זײַנע געשעפטן גלײַך אין האַרצן אַרײַן און האָט אים אָפּגעמוטשעט אַ גוטע שעה צײַט, ביז רעוועקאַ האָט אים מיט איר אַרײַנקומען איבערגעשלאָגן (פאַר איר האָט אונדזער העלד געהאַט דרך־ארץ).

אַז דער דאָקטער קלוגער איז אַרויסגעפאָרן פון סענדערס הויף, האָט ער אַרויסגעלאָזט אַ פרײַען זיפץ פונעם האַרצן, אַרומגעקוקט זיך, צי עס לויפט אים נישט נאָך דער הער זעמעל מיט זײַנע דאָקומענטן.

— אַ זעלטענער קאָפּ ! — האָט דער דאָקטער קלוגער דערציילט באַ זײַנע אַנדערע פּאַציענטן. — אָנדערהאַלבן מיליאָן ! איך בין געווען באַ אַ פּאַציענט, באַ דעם הער בלאַנק; איר קענט דאָך דעם הער בלאַנק ? האָט ער אַן איידעם, אַ זעלטענער קאָפּ. שטעלט אײַך פאָר, ער פירט אַ פּראָצעס אַף אָנדערהאַלבן מיליאָן !

— אזוי ? וואָס זשע מאַכט עפּיס אײַער חולה ? ווי גייט עס ז׳עם הער בלאַנקן אין געזונט ?

— עט ! דערווײַל אָן אַ שום פאַרענדערונג, סטאַטוס נערוואָזוס... איך רעכן, אַז מאָרגן אָדער איבערמאָרגן — ניט שפּעטער — דאַרף זײַן דער קריזיס, אָדער אַהער, אָדער אַהין... — און דער דאָקטער קלוגער האָט באַוויזן מיטן גאַנצן גוף אַהער און אַהין.

— אױ־וואַ ! אַן עבירה אַזאַ מענטש, אַ לײַטישער מענטש, אַ פּאָטשטיענע מענטש, אַ זעלטענער מענטש !

— נו, און דאָס ווײַב מיט די קינדער, הער דאָקטער ?

— אָ, פרעגט גאָר נישט ! אַוודאַי, אַ גרויסער בראָך, אַ גרויסער בראָך, אַ גרויסער אומגליק פאַרן ווײַב מיט די קינדער נעבעך. גוטע מענטשן, ערלעכע לײַט, אַלע, די גאַנצע פאַמיליע ! וואָסער אַ פּאַס־טוך, אַזעלכע שאַף. דאָס עפּעלע פאַלט נישט ווײַט פונעם בוימעלע... לײַטישע מענטשן ! נאָר וואָס זאָל מען טאָן ?

— אַ דימענטענער מענטש, אַ גילדענער מענטש, אָט דער דאָקטער קלוגער !

אזוי זאָגן אים נאָך זײַנע פּאַציענטן, און אזוי זאָגן מיר אים אויך

נאָך דעם זעלבן שבח: אַ דימענטענער, אַ גילדענער מענטש! אַלע קענען אים. אומעטום איז ער דאָ. וווּהין מע זאָל אים נישט רופן, פֿאָרט ער; וועקט אים אויף אין האַלבע נאַכט, וועט ער מיט אײַך פֿאָרן אין עק וועלט אַרײַן, אַבי דאָס האַלבע קערבל... אוי, האָט ער ליב דאָס האַלבע קערבל!

זײַט זשע מוחל, וואָס האָט איר געוואָלט: אומזיסט זאָל ער צו אײַך פֿאָרן? פֿון די דאָזיקע אידעאַליסטן איז נישט אויסצושטיין!

דער דאָקטער קלוגער האָט ליב דאָס האַלבע קערבל; ער האָט דאָס אַזוי שטאַרק ליב, אַז ער לויפֿט נאָך דעם נאָך, און דינגט זיך מיטן אָרעמאַן, וואָס קאָן עס אים נישט געבן, אַזוי לאַנג, ביז ער מוז עס אים געבן. און איך זע דאָ בפירוש נישט אַרויס קיין שום עולה פֿון זײַן זײַט, ובפֿרט, אַז מע טרײַבט אים:

— גיי, נשמה מײַנע, איך האָב געהערט אין מאַרק, אַז ער ליגט אַף אַ טיפֿוס, און באַ דעם מאָזלט אַ קינד! גיי, מײַן לעבן, גיכער. דאָרט קאָנסט דו נעמען אַ קערבל, און אפֿשר טאַקי צוויי, מחמת איך ווייס, וויפֿל פֿלייש מע נעמט אַהין יעדן טאָג. און דו זאָלסט זען, וואָסער אַ טואַליעט זײַן ווײַב מיט זײַנע טעכטער טראָגן, וואָלסטו אַליין געזאָגט, האַרץ מײַנס, אַז דער רוח וועט זיי ניט נעמען! נישקשה, מאַמע מײַנע, האָסט געגנוג געהאָרעוועט, ביז דו האָסט באַקומען דעם דיפּלאָם צו מזל! שעם זיך ניט, מײַן קרוין, דאָס איז דײַן פּרנסה; דאָס איז מײַן קלייט, מײַן קראָם, און דאָקטוירים איז הײַנט דאָ געגנוג...

איך רעכן, אַז מײַן לעזער שטויסט זיך שוין אָן, אַז אַזעלכע זיסע רייד קאָן נאָר זאָגן אַ ווײַב — אַ ווײַב, וואָס איז איבערגעגעבן צום מאַן מיטן גאַנצן לעבן. אַז וויל איז דיר, הער דאָקטער, אַף דער וועלט, און אַז וויל איז דײַן ליבן נאָמען, געבענטשטער, דער גליקלעכסטער פֿון אַלע, פֿון אַלע מאַנען! מיר פֿאַרגינען דיר מיטן גאַנצן, גאַנצן האַרצן!..

איך מוז ווידעראַמאָל בעטן מחילה פֿון מײַנע לעזער און לעזערן, וואָס איך האָב אַוועקגעוואָרפֿן אונדזער ליבסטע פֿאַמיליע בלאַנק און האָב זיך אַביסל פֿאַרנומען מיט זײַטיקע פֿאַרשווינען: ערשטנס, איז די גוטע מומע דאָבריש אונדזער סענדערס אַן אייגענע שוועסטער, בלוט און פֿלייש; און אַזוי ווי די דאָזיקע באַרמהאַרציקע שוועסטער האָט געקאָנט קומען מבקר חולה זײַן דעם ברודער, האָט זי געוויס פֿאַרדינט אַ שטיקל אָרט אין אונדזער כראָניק; און צווייטנס, דעם דאָקטער

קלוגער האָבן מיר אַהער נישט געבראַכט; אים האָט געבראַכט צו פירן פרויקע דער משרת.

ווי באַלד דער דאָזיקער גוטער דאָקטער איז געקומען צו פאָרן דאָס ערשטע מאָל, האָט ער אָנגעהויבן צו פאָרן אַהער פינף מאָל אין טאָג און האָט געמאַכט פון סענדערס בויכווייטיק אַ גאַנצן יריד, און זײַן געטרײַע פרוי, די דאָקטערשע, האָט צעקלונגען איבער דער גאַנצער שטאָט, אַז דער אַלטער בלאַנק איז פאַרבײַ, אַן אומגליק, אַ מין כאָלערע! סע גייט אַרום אַ כאָלערע אין שטאָט! מע דאַרף זײַן געהיט זייער, זייער! מע דאַרף זיך זען באַצײַטנס מיטן דאָקטער, נישט אָפּלייגן אין דער לאַנגער באַנק אַרײַן!...

דאָס אַכטע קאַפּיטל

דער זאַטער גלויבט נישט דעם הונגעריקן, די געזונטע פאַרגעסן אינעם חולה, און עפּעס נאָך.

דער זייגער האָט געקלונגען צען, אַז סענדער בלאַנקס משפּחה האָט זיך געזעצט עסן וועטשערע.

אויבן־אָן, אַף מרים־חיהס אָרט (מרים־חיה איז געזעסן אין קאַבי־נעט נעבן איר מאַן דעם חולה), איז געזעסן רעוועקאַ; נעבן איר, פון דער רעכטער האַנט — סאָני, באַ דער לינקער האַנט — חיים; נעבן חיימען איז געזעסן אָסיפּ. נעבן סאָנין איז געזעסן מאַרקוס, נעבן אָסיפּן — די אַלטע מומע דאָבריש. דער מאַלצײַט איז צוגעגאַנגען גאַנץ גע־ווײנלעך; אַלע זײַנען געזעסן סטאַטעטשנע, ווײַל סענדערס שטול איז געשטאַנען ליידיק, און עס איז עפּעס געווען נישט פריילעך. אונדזער נישט פאַרלוירענער העלד אָסיפּ האָט יאָ אַ פּאָר מאָל אַ לאַך געטאָן איבער דער מומע דאָבריש, נאָר זײַן סאַטירע האָט אָבער דאָ נישט גע־ווירקט. די מומע דאָבריש האָט געגעסן מיט גרויס דרך־ארץ, דהיינו: זי האָט נאָך יעדן זופּ אָוועקגעלייגט דעם לעפל און אָפּגעווישט די ליפּן, און אַזוי ווײַטער. פרויקע האָט דערלאַנגט צום טיש מיט גרויס קוראַזש:

ער האָט זיך געוואָלט אויספּײַנען פאַר די געסט, און פאַר גרויס אימפּעט האָט ער אויסגעגאָסן אַף דעם הער זעמעל אַ טעלער יויך; אונדזער פראַנט האָט זיך אויפגעכאַפּט פונעם אָרט און האָט אָפּגעשטעקט דעם געטרײַען משרת עטלעכע פײַערדיקע פּעטש און האָט מיט טרערן אַף די אויגן זיך גענומען ווישן, בערשטלען, רייניקן און שעלטן פּרויקען מיט טויטע קללות, און פון יענעם אָוונט אָן איז צווישן אונדזער אַריס־טאָקראַט זעמעל מיט פּרויקע דעם משרת געוואָרן אַ ברענענדיקע שנאה אַף טויט.

נאָך דער וועטשערע זײַנען אַלע געגאַנגען זאָגן דעם קראַנקן פאָטער „אַ גוטע נאַכט". מרים־חיה איז געבליבן בײַ סענדערן אין קאַבינעט. די מומע דאָבריש האָט זיך געלייגט שלאָפן ערגעץ אין אַ ווינקעלע מיט גרויס הכנעה און עניוות. די קליינע קינדער זײַנען שוין לאַנג געשלאָפן מיטן זיסן, טײַערן שלאָף, און חיים, מאַרקוס, רעוועקאַ, אָסיפּ און סאָני האָבן זיך אַלע באַזעצט אין דער שיינער, גרויסאַרטיקער זאַל — און איך ווייס עד היום נישט, ווי אַרום, פון וואָס און פון וואַנען זײַנען אַלע פּלוצים מוסכם געוואָרן צו שפּילן אין קאָרטן? — נאָך איידער מע האָט זיך אַרומגעקוקט ווו מען איז אין דער וועלט, האָט שוין אָסיפּ געהאַלטן אַ פּעשל קאָרטן אין די הענט און דאָס פּנים האָט אים געפלאַמט פאַר שמחה. נאָר אָסיפּן איז הײַנטיקן אָוונט נישט באַשערט געווען צו טיילן קאָרטן, ווײַל רעוועקאַ האָט זיך נישט געשעמט און אויסגעשריגן אַף אַ קול צו איר געליבטן מאַן:

— זײַט זשע מוחל, אָסיפּ מאָיסעיעוויטש, גיט אַהער די קאָרטן, מחמת איר זײַט צו אַ גרויסער מזיק אַף פינף טײַז...

דער עולם האָט זיך צעלאַכט, און אָסיפּ האָט זיך נעבעך געביסן די נעגל פאַר דאָסאַדע; ער האָט אויסגעלאָזט זײַן ביטער האַרץ צום אומגליקלעכן פּרויקען, וואָס האָט אין דער מינוט אַרײַנגעטראָגן ליכט מיט אַ שטיקל קרײַט. פּרויקע האָט דערלעבט אַ נקמה אין זײַן שונא און האָט שוין כמעט פאַרגעסן, אַז פון אָסיפּס פּעטש איז אים אויפגע־לאָפן אַ באַק.

רעוועקאַ האָט געטיילט קאָרטן, און דער גאַנצער עולם האָט כלו־מרשט געשפּילט אָן חשק, אָן ווערטער; נאָר בּיסלעכווײַז, וואָס ווײַ־טער, איז מען געוואָרן אַלץ מונטערער, לעבעדיקער; יעדער האָט גע־רעדט, געקוקט, גערעכנט, געציילט און געשטעלט געלט, געכאַפּט אַ

קוק צו יענעם אין די קאָרטן אַרײַן, געװוּנקען, געשמײכלט, חוץ אײן חיים, װאָס איז געזעסן, װי אַ פרעמדער, און האָט כסדר צעביטן אײן קערבל נאָך דעם אַנדערן. מער פון אַלע האָט געלעבט דער הער אָסיפּ זעמעל: זײַנע האָר זײַנען געװען צעקאָשמעט, דאָס פּנים פאַרפלאָמט, דער שטערן פאַרשװיצט, און אַלײן איז ער אַלע מאָל אונטערגעשפּרונגען:

—װאַליאַי !... איך קויף !... שנײַד !... גיב אים אַהער, דעם חברה־מאַן !... איך בראָק װײַטער !... דער מלכה אַ קניפּ אין בעקל, און דעם מלך אַ פײַג אונטער דער נאָז !... צװײ טײַז, װי די מײַז !... אַ פּליאַסק אין פּיסק !... אַהאַ, רעװעקאַ !... גיב נאָר, גיב !... גוט־גוט !... נאָך ! נאָך ! נאָך !... אָט אַזוי לערנט מען באַ אונדז !... האַק אַ צדיק !... דו פּײַפּסט, ברודער ?... קריך, קריך, חיים־סערצע !... סאָפיאַ אַבראַמאָװנאַ ! לײגט זיך שלאָפן !... אָט־אָט־אָט־אָט־אָט־אָט !... האַק ! טפּררררו ! לויף נישט !... מאַרקוס, שטעל געלט !... זוך, זוך, חיים !... רעװעקאַ, מאָלאָדיעץ !...

אונדזער געערטער אָסיפּ האָט אַזוי לאַנג געסמאַליעט אַ װעלט, ביז ער האָט זיך אויסגעבײַטלט ביז גאָר, איז ער אויפגעשטאַנען און האָט עפּעס אײַנגערוימט רעװעקאַן אַ סוד אַפן אויער.

— איך װיל נישט, איך װיל נישט ! — האָט אים זײַן ליבסטע פרוי געענטפערט אַף אַ קול. — בעסער הער־אויף צו שפּילן, אַז דו האָסט קײן געלט נישט !

אָסיפּ איז געװען אויסער זיך פאַר כעס ; פון דעסטװעגן האָט ער זיך אײַנגעהאַלטן און האָט געזאָגט הויך אַף אַ קול :

— דו מײנסט, אַז איך האָב קײן געלט נישט ? איך האָב, טשעסט־נאָיע סלאָװאָ ! אָט װעל איך באַלד װײַזן.

און אונדזער העלד איז אַװעקגעלאָפן גלײַך צו פּרויקען אונטן, באַ די טרעפּ, און באַ אים געבעטן אַ הלואה ביז מאָרגן אַכט דעם זײגער אינ־דערפרי, טשעסטנאָיע סלאָװאָ !... פּרויקע האָט אים דערמאָנט די פײַ־ערדיקע פּעטש און האָט לאַנג נישט געװאָלט געבן; נאָר ער האָט אַף אים רחמנות געהאַט (פּרויקע האָט זײער אַ גוט האַרץ !) און האָט אים געליגן צען רובל, בתנאַי, אַז נישט שפּעטער װי מאָרגן זײגער אַכט זאָל ער אים דערפאַר געבן פופצן רובל.

אָסיפּ איז אַרײַן מיט גרויס קוראַזש אין זאַל אַרײַן :

— אַ פֿײַנע שטאָט! זײגער צוועלף באַנאַכט קאָן מען שוין נישט צעבײַטן קײן הונדערטער, טשעסטנאָיע סלאָווא!

עס איז איבערגעגאַנגען נאָך אַ האַלבע שעה, און באַ אָסיפֿן האָבן די צען רובל געטאָגט, און חברה וואָלט זיך אפשר צעגאַנגען פֿון די קאָרטן בשלום יעדער אין זײַן רו אַרײַן, ווען דער צעהיצטער הער זעמעל וואָלט פּלוצים זיך נישט אויפֿגעכאַפּט פֿונעם אָרט, ווי אַן אָפּגעבריטער, מיט אַ גוואַלט:

— סאָפּיאַ אַבראַמאָוונאַ! איר דאַרפֿט געדענקען, אַז איר שפּילט נישט מיט קײן זשוליקעס! איך האָב פֿײַנט אַזעלכע אַפּערעס! טשעסטנאָיע סלאָווא!

סאָני איז געוואָרן אַלערלײ פֿאַרבן, און דער עולם איז אָנגעפֿאַלן אױף אָסיפֿן:

— האַ? וואָס איז דאָרטן? וואָס? ווי אַזוי? ווען?

— סטײַטש! — האָט אָסיפּ געשריגן נישט מיט זײַן קול. — ווי אַזוי דערלאָזט איר גאָר אַזעלכעס? מיר זײַנען נישט קײן קאַרמאַנשטשיקעס! דאָ שפּילן אָרנטלעכע מענטשן, נישט קײן קאַרטיאָזשניקעס! סאָפּיאַ אַבראַמאָוונאַ! איך פּראָטעסטיר פֿאַר אַלעמען, אַז איר האָט געשטעלט אַ גילדן און האָט אַרויסגענומען אַ פּערציקער אויסגאָב! זײַט זיך מודה! טשעסטנאָיע סלאָווא!

— אָך, איר קאַרטיאָזשניק! — איז אױף אים סאָפּיאַ אַבראַמאָוונאַ אָנגעפֿאַלן. — איר זײַט אַלײן דער גרעסטער אַפּעריסט! איר מײנט, אַז איך זע נישט, ווי איר טרעט־אָן רעוועקאַן אַלע מאָל אױף די פֿיס אונטערן טיש?

— אָ, דו מערזאַווקע אײנע! — איז רעוועקאַ אױף איר אָנגעפֿאַלן.

— דו האָסט שוין אָנגעהויבן דײַנע אַלטע שטיק?... — און רעוועקאַ האָט איר אַ וואָרף געטאָן די קאָרטן אין פּנים אַרײַן און איז אַרויס פֿונעם טיש.

— דו ביזט אַלײן אַ מערזאַווקע! — האָט איר סאָני געענטפֿערט מיט כּעס. — און דײַן פֿראַנט האָט פֿאַרשאַרלאַטאַנעוועט אינגאַנצן זײַן ירושה אין פּעטערבורג אױף גוטע זאַכן...

— האַ? ! וואָס? ? ! איך? ? ? ! ! איך? ? ? ! ! ! !
איך? ? ? ! ! טשעסטנאָיע סלאָווא! ! ! !

— לאָז זײַן שטיל!

— וואָס זאָגסט דו אַף דער קאַטאַסטראָפּע, אַף אַזאַ טראַגעדיע? — האָט מאַרקוס געזאָגט צו זיך אַליין.

— ששששששאַ! דער בעל־הבית האָט באַפּוילן, עס זאָל זײַן שײן שטיל! — האָט פּרויקע געזאָגט, אַרײַנגעלאָפֿן אַ דערשראָקענער.

ווי דער כח פון עלעקטרע, האָבן דאָ פּרויקעס ווערטער געווירקט, און חברה האָט זיך ערשט דערמאָנט, אַז נישט איצט איז די צײַט אין קאָרטן שפּילן — און יעדער איז זיך צעגאַנגען אָנגעבלאָזן, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז, צו זיך אין זײַן רו אַרײַן, אָן ווערטער, אַפילו אָן אַ „גוטע נאַכט", שטיל, אַף די שפּיץ־פינגער...

*
**

ליגנדיק אין בעט, האָט חיים אַ פרעג געטאָן זײַן סאָנין! „וואָס הייסט דאָס?„ — און סאָני האָט זיך געשוואָרן בײַ אירע קינדער, אַז זי ווייס נישט „פון קיין פותר און פון קיין חלום", און זי וועט גיין שווערן בײַ אַ ספר־תורה, אַז זי האָט אַליין געזען, ווי אָסיפּ האָט אונ־טערגערוקט עטלעכע מאָל זײַנע קאָרטן רעוועקאַן, און ווי רעוועקאַ האָט געווונקען אַף מאַרקוסן...

— מעגסט זיך טאַקע איבערנעמען, חיים, מיט דײַן משפחה! בײַ מײַן טאַטן וואָלט אויך אַזוי געווען, אַיאָ, חיים? כאָטש דײַן שוועסטער איז אַ טאָכטער, נישט קיין זון, וועט זי נעמען מער ווי דו! איך האָב פאַרשפּילט צוויי און צוואַנציק קערבלעך, און רעוועקאַ האָט זיי אָפּגע־וווּנען, און ירושה וועט זי אויך נעמען מער פון אונדז, כאָטש זי איז אַ טאָכטער און דו ביסט אַ זון!... רעוועקאַ האָט תמיד געקאָנט מאַכן דעם שווער חניפהלעך מיט חנדלעך, דערפאַר וועט זי זײַן אַ גרעסערע יורשטע פון דיר, דאָס זאָג איך דיר פריִער, חיים! דו מעגסט זײַן אַף מיר ברוגז וויפל דו ווילסט!...

*
**

— וויפל האָסטו געווונען, רעוועקאַ? — האָט אָסיפּ אַ פרעג געטאָן, אַרומגייענדיק איבערן צימער האַלב אויסגעטאָן און נאָך אַלץ שטאַרק פאַרפלאָמט.

— דו דאַרפסט דאָס טאַקע נייטיק וויסן, אָסיפּ? — האָט אים

רעוועקאַ געענטפערט און האָט זיך גענומען איבערציילן איר קאַפּיטאַל:
— פערציק, פופציק, זעכציק, פינף און זיבעציק, אַכציק, צוויי און נײַנציק מיט פערציק קאָפּיקעס... צוויי און נײַנציק רובל מיט פערציק קאָפּיקעס... אָסיפּ! גיב נאָר אַהער מײַן שקאַטולקע! אָסיפּ האָט איר צוגעטראָגן די שקאַטולקע, און רעוועקאַ האָט אַהין אַרײַנגעלייגט איר ביסל אַרעמקייט, האָט פֿאַרשלאָסן און געגעבן אָסיפּן צוריק דאָס קעסטעלע, ער זאָל דאָס אַוועקשטעלן. מיט גרויס קנאה האָט נעבעך אָסיפּ געקוקט אַף רעוועקאַס קעסטעלע.
— עס וואָלט שוין, כ'לעבן, אַ יושר געווען, רעוועקאַ, אַז דײַן „אַלטער" זאָל...
— וואָס מאַכט ער דיר קאַלע, אַז ער לעבט, אָסיפּ?
— איך מיין פון דײַן טובה וועגן, רעוועקאַ! טשעסטנאָיע סלאָווא...
— איך בעט דיך, זאָלסט נישט זאָרגן פאַר מיר, אָסיפּ!
— המ...
— ווי אַזוי ווײַזט „ער" דיר אויס, אָסיפּ?
— שלעכט, זייער שלעכט, רעוועקאַ. הײַנט, מאָרגן... טשעסטנאָיע סלאָווא!
— נו, נו! בײַס זיך אָפּ די צונג!
— המ...
— וואָס זאָגט דער דאָקטער, אָסיפּ?
— ער זאָגט, אַז „ער" דאַרף שרײַבן אַ צוואה, מחמת...
— דער דאָקטער איז אַזאַ שוטה, ווי דו!
— המ...
— איך מיין, אַז באַ אים ליגט ערגעץ אַ גרייטע צוואה! ווי מיינסט דו, אָסיפּ?
— לאָם איך דיר דערציילן, רעוועקאַ, נאָר דו וועסט דאָך מיר אַף קיין שבועה נישט גלייבן, — שווער איך דיר, אַז ווען נישט, זאָל איך אַ מיתה משונה אײַננעמען דאָ אַפּן אָרט, איך זאָל נישט דערלעבן אויפשטיין, טשעסנאָיע סלאָווא!...
— אַ? דו שווערסט זיך שוין? איז דאָס געווים אַ ליגן! גענוג, גענוג, אָסיפּ!

. . . .

אַ גוטע נאַכט! מיר האָבן באַלייגט אַלע אונדזערע העלדן, וואָס דאַרפן אַצינד רוען און געניסן דעם זיסן שלאָף נאָך אַלע נאַרישקייטן מיט די שטותערייען פונעם גאַנצן טאָג. איך מיין, אַז עס דאַרף זיין אַ גרענעץ פאַר דעם ראָמאַניסט אויך, ביז וואַנען אים איז דערלויבט נאָכצוגיין מיטן לעזער פיס־טריט נאָך זיינע העלדן. פון אונדזער זייט איז דאָס אַליין שוין אויך נישט אַזוי שיין און איידל, וואָס מיר האָבן זיך דערלויבט אונטערהערן, וואָס אונדזערע פיינע העלדן שמועסן צווישן זיך פאַרן שלאָף. אַרויסגייענדיק פון סענדערס הויז, האָבן מיר דאָס רעכט באַ זיך און צווישן זיך ריידן, שמועסן, באַדויערן און חוזק מאַכן פון אַלע, מיט וועלכע מיר האָבן זיך דאָ באַקענט — קיינער קאָן אונדז נישט שטערן; דערויף בין איך אַ שרייבער, און איר, מיין ליבער פריינט, אַ לעזער, אַז מיר זאָלן ריידן פון „יענעם" — און „יענער" לאָז ריידן פון אונדז, וואָס ער וויל און וויפל ער וויל... אַ גוטע נאַכט!

דאָס נײַנטע קאַפּיטל.

אָט דאָ הייבט זיך אָן דאָס רעכטע שפּיל, ווי די אַקטיאָרן קאָנען באַווייזן אײַנגאַנצן זייער קונסט.

עס מאַכט מיר פאַרגעניגן, וואָס איך האָב די געלעגנהייט אָנצוהייבן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל, ווי אַן עכטער ראָמאַניסט, און פאָרשטעלן מיין ליבן לעזער אויך האַרצרייסנדיקע סצענעס מיט רירנדיקע בילדער, גלייך מיט אַלע מיינע חברים די ראָמאַניסטן, וואָס האָבן שוין לאַנג קונה־שם געווען און וואָס איך קאָן זיך צו זיי בשום אופן נישט גלייכן, דען זייער קליין פינגערל איז גרעבער פון מיינע לענדן, און אַז איך זאָל אַפילו לעבן נאָך הונדערט יאָר, וואָלט איך אויך ניט געקאָנט אָנשרייבן אַזוי פיל שיינע ראָמאַנען, מיט וועלכע אונדזער ניי־זשאַרגאָנישע ליטעראַטור האָט זיך נישט וואָס צו שעמען אַנטקעגן אַנדערע ליטעראַטורן, און איך פאַרהאָף אַף דעם וואָס לעבט אייביק,* אַז עס וועט, אם ירצה השם, קומען אַ צייט, וואָס מע וועט די דאָזיקע שיינע זשאַרגאָנישע ראָמאַנען אָנגרוזעווען גאַנצע וואַגאָנעס און מען וועט זיי עקספּעדירן וייט־ווייט, און איך האָב מורא, אַז דער, וואָס וועט זיי אָוועקהאַנדלען, וועט געוויס פאַרדינען אַ

גוזמא געלט אינעם דאַזיקן „פּאַפּיר־מסחר"... איך שטעל מיר פֿאָר די טרויעריקע לאַגע פֿון די דאָזיקע ראָמאַניסטן (אויב זיי וועלן דאָס דערלעבן) מיט זייערע אויסגעצויגענע פּנימער, אַז זיי וועלן דערזען, ווי אַזוי זייערע אינטערעסאַנטע ווערק ווערן געפּאַקעוועט אין זעק און אין טיוקעס, ווי אַזוי אַ באָסיאַק כאַפּט אַ גאַנצן טיוק מיט „העכסט־אינטערעסאַנטע" ראָמאַנען פֿון פֿיר טייל מיט אַן עפּילאָג און מיט אַ „שיר" און טוט אים אַ שלײַדער אין וואַגאָן אַרײַן! אַוועק־אַוועק אָט די אַלע בלאָנדע העלדן, די שרעקלעכע מערדערס, די ייִדישע גראַפֿן מיט די באַראָנען, די ווילדע מיליאָנערן, די אומגעלומפּערטע ייִדישע פּראָצענטניקעס, וואָס זײַנען נישט געשטויגן און נישט געפֿלויגן, אָנגעצויגן אַף הויכע דרוקעס אין דער ווילדער פֿאַנטאַזיע פֿון די דאָזיקע באַהעלפֿער, וואָס האָבן זיך אַ נאָמען געגעבן שרײַבערס, פֿאַרפֿאַסערס, ראָמאַניסטן!...

נאָר אַזוי ווי ביז דעמאָלט דאַרף נאָך אַוועקגיין אַ היבשע צײַט, ביז וואַנען דאָס ייִדישע פּובליקום וועט זיך אַרומקוקן, אַז מע האָט זיי געהאָדעוועט אַ לאַנגע צײַט מיט שמאַטעס, געגעבן קײַען שטרוי, פּשוט ווי בהמות, און די באַהעלפֿערס וועלן זיך נעמען צו זייער אַלטער מלאכה און וועלן אויפֿהערן צו פּאַטשקען ריין פּאַפּיר, — ביז אָט די דאָזיקע גליקלעכע צײַט וועט קומען, וועלן מיר זיך אויך פּרוּוון כאָטש אַף אַ מינוט נעמען זיך אַף דעם דאָזיקן שניט און געבן די לעזער אַ ראָמאַנטישע סצענע, ווי אַ סורפּריז, ווי אַ פּרעמיע צו דעם דאָזיקן ווערק.

בכן, איז געווען אַן אויסגעצייכנטע, אַ זעלטענע זומער־נאַכט: אַפֿן הימל איז אַרומגעשווומען די שיינע לבנה (וואָס אַלע פֿאַרליבטע זײַנען זייער גערן), און האָט מיט איר בלאַס געזיכט אַראָפּגעקוקט אַף דער ערד, צו זײַן אַן עדות אַף די אַלע נידעריקייטן, וואָס ווערן אָפּגעטאָן צווישן די זינדיקע מענטשן. די שטערן זײַנען געווען, ווי בריליאַנטן, אויסגעשאָטן אַף דעם ריינעם בלויען הימל, און אַ שרעקלעך שטילשווײַגעניש האָט געטאָן הערשן אַף דער ערד, גלײַך ווי די גאַנצע נאַטור מיט אַלע אירע באַשעפֿענישן זײַנען אַנטשלאָפֿן געוואָרן מיט אַ זיסן, אַ שרעקלעכן שלאָף, גלײַך ווי אַלץ איז אויסגעשטאָרבן אַף דער ערד. מע האָט נישט געהערט קיין קול פֿון קיין מענטשן, קיין געזאַנג פֿון קיין פֿויגל, קיין בילן פֿון קיין הונט, קיין שאָרך פֿון קיין גרעזעלע, קיין באַוועגונג פֿון קיין צווײַגעלע. אַלץ איז געשלאָפֿן מיטן טײַערן, מיטן זיסן שלאָף אין דער שיינער שטאָט N, וווּ עס קומט פֿאָר אונדזער פֿײַנע געשיכטע.

און איך, דער פּאַרפּאַסער פונעם דאָזיקן בוך, נאָר איך אַליין בין געווען דער איינציקער מענטש אין דער גאַנצער שטאָט, וואָס האָט געוואַכט די דאָזיקע שיינע זומער־נאַכט; איך האָב מיר געשפּאַצירט איינער אַליין איבער אַלע גאַסן, פאַרטיפט אין געדאַנקען, און געזוכט מאַטעריאַל צום שרײַבן, און וויפל איך האָב נישט געטראַכט און געקלערט, האָב איך גאָרנישט געקאָנט אויסקלערן אַזעלכעס, וואָס זאָל טויגן אין אַ ראָמאַן אַרײַן, ביז גאָט האָט רחמנות געהאַט אױף אַ יונגן שרײַבער, און מײַנע אויגן האָבן דערזען עפּעס אַ רעדל פון שוואַרצע פיגורן... די פיגורן זײַנען צוגעגאַנגען אַלע מאָל נענטער צו מיר, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך זע מתים, אָנגעטאָן אין שוואַרצע קליידער ; די מתים האָבן עפּעס ווי געריעדט צווישן זיך, געטענהט און געקריגט זיך ; זיי זײַנען געשטאַנען אַרום אַ מיטה, און איך וואָלט געקאָנט שווערן, אַז זיי האָבן געהאַלטן אַ מין זאַך, ווי אַ פּלעשל, אַ בוטעלקע, וואָס יעדער באַזונדער האָט זי אָנגעבויגן צו זיך אין מויל אַרײַן און איבערגעגעבן דעם צווייטן, דער צווייטער דעם דריטן, און אַזוי ווײַטער. אַ פראָסט איז איבערגעגאַנגען איבער מײַן לײַב, און די האָר האָבן מיר זיך געשטעלט קאַפּויר. איך האָב געוואָלט זיך לאָזן לויפן, האָבן מיך די פיס נישט געפאָלגט. עד היום הזה קאָן איך עס נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי איך בין נישט געשטאָרבן פאַר שרעק, פאַר פּחד ! נאָר שטעלט אײַך פאָר מײַן איבערראַשונג, אַז די דאָזיקע מתים מיט דער מיטה זײַנען צוגעגאַנגען נאָענט צו מיר, און איך האָב זיי דערקענט !

— אַ גוטן אָוונט ! דאָס זײַנט איר, חברה שמשים ? חברה מקברים ?

— גוט יאָר ! יאָ, דאָס זײַנען מיר, מיר .

— פון וואַנען ? ווּהין ?

— פונעם בית־הקברות צו רב סענדער דעם נגיד... זלמן ! ווּו זײַנען די כלים ? באַ לוי־מרדכין ? שטעלט אַנידער די מיטה און גיט אַהער דאָס פּלעשל, וועלן מיר נעמען צו קאַפּיטשקעלעך.

— רב רפאל ! וואָס רעדט איר ? רב סענדער איז געשטאָרבן ?

— יאָ געשטאָרבן, נישט געשטאָרבן — ס'איז נישט אונדזער עסק : מע האָט געשיקט רופן, גייען מיר. מסתמא נישט פאַר ווילטאָג, פאַרשטייט זיך ! ווען קומט מען אָן צו רפאל דעם אויבער־שמש ? אַז מע גייט אױף יענער וועלט... מיכאָעל, האָסט, דאַכט זיך, אַ שמעק טאַבאַק ?

— אזוי ? הייסט דאָס, איז רב סענדער אויך אָפּגעשטאָרבן, רב רפאל ? אַן עבירה, כּלעבן.

— אַן עבירה ? וואָס איז ? געהאַט אַ גראָבן בויך ? לאָזן זיך די ווערעם פרייען... אויסבאַהאַלטן זיך פונעם טויט איז אַביסל שווער־לעך, און אַפן בית־עולם איז דאָ אָרט גענוג, טאַטע מײַנער !... חברה, נו ? גענוג אײַך שוין צו כּלעפּטשען, לאָזט אַן אָרט אויף שפּעטער. סענ־דערעכע איז אַ גאַנץ וווילע יידענע, און אַן עמער שפּירט וועט מסתמא זײַן, האַ ? מיר זאָלן אים כאַטש קאָנען ביז טאָג מאַכן זײַן רעכט... ווי מיינט איר, ס'איז שוין שפּעט ?

— זייגער, צוועלף, רב רפאל.

— האַ ? צוועלף ? קינדער ! קינדער ! די נאַכט שטייט נישט ! היידאַ !

די פּלוצימדיקע בשורה פון סענדערס טויט האָט אויף מיר אזוי שטאַרק געווירקט, אַז איך האָב זיך געלאָזט גיין מיט דער חברה שמשים, נישט געפרעגט זיך, וווּהין און צוליב וואָס. אַז סענדער האָט געלעבט, איז ער מיר וויניק־וואָס אָפּגעגאַנגען, און אַז איך האָב דערהערט, אַז ער איז געשטאָרבן, האָט דאָס מיך עפּעס ווי אַ ציפּ געטאָן, אַ ריס אין האַרצן : וואָס פרעגט איר ? אַ מענטש לעבט, עסט, גייט אַרום, און פּלוצים, — נאָ דיר ! ווי אזוי זאָל דאָס נישט אָננעמען באַם האַרצן ? ובפרט נאָך אַזאַ סענדער, וואָס... וואָס...

נאָר לאָמיר בעסער הערן, וואָס זאָגט די שטאָט, וואָס רעדט דער עולם, אָט די אַלע רעדלעך, וואָס שטייען דאָ אַרום דעם הער בלאַנקס הויז, באַ דעם הער בלאַנק אין הויף, באַם הער בלאַנק אין שטוב ?...

דער ערשטער אַקט.

— וואָס פאַר אַ גרויסער עולם, קיין עין־הרע נישט !

— נישט אומזיסט זײַנען מיר ייִדן, רחמנים בני רחמנים.

— וואָס זשע מיינט איר ? ער האָט אוודאי פאַרדינט, אַז מע זאָל אים אָנטאָן אַ כבוד.

— וואָס איז דאָרט אַזעלכעס ? מיט וואָס ?

— יאָ, די גרויסע טובות, וואָס די שטאָט האָט פון אים דאָ געהאַט ? די גליקן ?

— טובות ווילט איר ? וואָס פאַר אַ טובות ?

— צי אפשר אַ בעל־צדקה אַ גרויסער ?

— וואָס הייסט באַ איַיך, רב מאיר, אַ בעל־צדקה ?
— צי גלאַט אַזוי אַ גרויסער נדבן ?
— איך ווייס נישט, וואָס איר ווילט האָבן ?
— און דערצו אַ גרויסער למדן מסתמא ?
— יאָ, אַ גאון־עולם, חוץ זייַן שאָדן...
— דערפאַר איז ער אָבער געווען אַ גרויסער ירא־שמים !
— יאָ, אַ גוואַלדאָוונע זאַך !
— אַ למד־וואָווניק, באַ־באַ־באַ !
— איר זייַט אַלע זייער פרום !
— פרום, זאָגט איר ? אונדזערע קינדער גייען אויך אָן היטלען, ווי רב סענדערס קינדער, האַ ? וואָס זאָגט איר, רב חיים ? מייַן איי־דעם רויכערט אַ פּאַפּיראָס אום שבת, איאַ ?
— און אונדזערע טעכטער טראָגן מסתמא אויך די אייגענע האָר, האַ ?
— קומט איַיך אַ דאַנק !
— וואָס טויגן אונדז אָט די אַלע שטותרייַען, איך בעט איַיך ? וואָס זאָגט עפּעס אונדזער גבאי ?
— אונדזער גבאי פון חברה־קדישא ?
— יאָ, יאָ, אונדזער רב קלמן פלאָקן ?
— איך ווייס ? איך מיש מיך שוין נישט אין קהלשע זאַכן... לאָזן זיי זיך דאָרט שלאָגן קאָפּ אין וואַנט !
— וואָס זאָגט איר אַף אים ? ער מישט זיך שוין נישט אין קהלשע זאַכן !... גוטע יאָרן ? האַ ?
— איך מיין, וואָס טויג אונדז אָט די דאָזיקע פוסטע מחלוקתן ? זאָגט בעסער, מע וועט עפּעס געבן געלט ?
— וואָס הייסט געלט ?
— וויפל געלט ? געלט צו געלט איז נישט גלייַך !
— איך מיין אַ צען זעקלעך...
— פאַר וואָס נישט קיין צוואַנציק, איך בעט איַיך ?
— צוואַנציק טויזנט קערבלעך ? וויי איז מיר ! וואָס ווען מיר טאָן מיט אַזאַ סומע געלט ?
— טפו זאָלסט דו ווערן, אַז אָך און וויי איז דייַן שכל !... וואָס זאָגט איר אַף אַזאַ שאלה פון אַ תם ?...

—איך זאָג אײַך דעם אמת, צוואַנציק טויזנט קערבלעך איז גאָר נישט אַזאַ אײ־אײ־אײ ! וואָס איז דאָרטן ? ווײט אָנקומען ווינציקער אַביסל די יורשים ! אַ גרויסער אומגליק !...

— ער האָט אָנגעזאַמלט געגנוג, נישקשה !...

— כשר געלט !

— מיט פרעמדע הענט !

— ייִדיש בלוט !

— שאַ !... וואָס איז דאָרט אַזאַ גוואַלט ?

— ווו ? אין שטוב ? מען קער אים שוין „אויפהייבן" ? ניין ! מיר דאַכט, אַז עס איז געצלם קול ?

— וואָסער געצלם ?

— געצל דעם שנײַדערס !

— וואָס וויל ער ? דאָס איז אַ שייגעץ ! אומעטום מישט ער זיך אַרײַן !

— אַ שנײַדערל, אַ פּלאַגע ! איר ווייסט דען נישט ?

— אַזוי טאַקע ? און איר קאָנט דאָס נישט סובל זײַן ? ווי באַלד אַ נאַשבראַט זאָגט אַ וואָרט, אַזוי כאַפּט אײַך אָוועק דער רוח !... אַז געצל איז אַ שנײַדער, איז אײַך וווּנד און וויי ? איך בין אויך אַ שנײַדער און שעם מיך בכלל נישט מיט מײַן מלאכה ! אַבי נישט קיין פּוסטעפּאַס־ניק, קיין בלוטזויגער, קיין שבתי־צביניק ! אַ רוח אין אײַער טאַטנס ביי־נער אַרײַן, פאַר וואָס זאָל מען טאַקע דאָ נישט אָפּלעקן קיין ביינדל ?... איר האָט אַ סך אַזעלכע רב סענדערס ? פאַר וואָס זאָל מען טאַקע נישט נעמען אַפן שנײַדערשן שולכל אויך אַ מטבע ? פרעסערס ! זויפערס ! שקצים ! הולטאַיעס !...

— איר האָט זיך אָפּגעזוכט כבוד, וואָס טויג מיר מעשיות...

— וואָס שרײַט מען דאָרט אַזוי ?

— דאָס טענהט אַ טרעגער ; ער שרײַט — דרײַסיק טויזנט ! דרײַסיק טויזנט, און געגנוג !

— דרײַסיק ! פערציק ! דרײַסיק !

— פערציק ! פערציק !

— וואָס פערציק ?

— פערציק טויזנט קערבלעך !

— פערציק! פערציק! פערציק!...
— שרײַט, קינדער, פערציק!
— פערציק! פערציק! פערציק! ! !...

דער צווייטער אַקט

— איך פרעג אײַך אַליין, רב קלמן, איר זײַט אַן ערלעכער ייִדֹ, ווי קומט דאָס, איר זאָלט אַזעלכעס זאָגן?...

— וואָס זאָג איך, וואָס? איך זאָג דען חלילה עפּעס? וואָס זײַט איר מיך דאָ חושד, רב חיים? אײַער פֿאָטער — זאָל אים גאָט געבן יאָרן, גאָט איז אַ גרויסער קינסטלער — נאָר ווען חלילה וחס, די שעה זאָל ניט זײַן, ער מאַכט־צו אַ אויג, וועט מען אײַך צעטראָגן די שטוב אויף שטיקלעך! איר זעט? טוט אַ קוק, זײַט מוחל, דורך דעם פענצטער, וואָס פֿאַר אַן עולם עס קלויבט זיך!

— וואָס זשע ווילט איר, רב קלמן?

— וואָס וויל איך? וואָס זאָל איך וועלן? איך וויל גאָרניט! פּראָמענע — זאָל זײַן ווי איר ווילט! איך בין אײַך, גלויבט מיר, דער בעסטער גוטער פֿרײַנט, און מיט אײַער פֿאָטער — איז איך ווייס? מיטן שענסטן אופן! מיט אַ הלוואה, מיט אַ גמילות־חסד, מיט, מיט אַלץ... איך מיין אײַער טובה דאָ. איר מוזט דאָ יוצא זײַן. פּאָרט, ווי זאָגט מען, אַ קאַפּיטאַל... דער ערשטער גביר אין שטאָט... דער ראש וראשון!... און למאי זאָלן מיר זיך דאָ טאַקע נאַרן? אײַער פֿאָטער איז אודאי געווען אַ פֿײַנער מענטש, אַן ערלעכער מענטש... אויב ער לעבט נאָך, זאָל אים גאָט געבן יאָרן... און אויב ניט, זאָל ער מיר מוחל זײַן... ער האָט פּאָרט נישט יוצא געווען פֿאַר דער שטאָט!... איז אַ יושר, אַז איר, אַ יורש, אַן עלטערער זון... אַ... אַ... ווי זאָגט מען...

— וואָס האָט איר צו אונדז, רב קלמן, גאָט איז מיט אײַך? דער טאַטע איז טאַקע פֿאַרבײַ... ער איז דאָך אָבער נישט געשטאָרבן — ער לעבט דאָך נאָך? עס איז דען ניט קיין שפיכת־דמים? איך פֿרעג אײַך, רב קלמן? איר האָט גאָר קיין מורא ניט פֿאַר גאָט?...

— ע, רב חיים, איר שמועסט זיך מיט מיר אויס גאָר אויף אַן אַנ־דער אופן! ווער איז שולדיק? איר זײַט אַליין שולדיק!... איר האָט

געמאַכט אַ גוואַלד: „יידן, ראַטעוועט!" איז זיך דער עולם ביסלעכווייז צונויפגעלאָפן... מע הערט אַזאַ געוויין!... מע זעט אַלע לויפן, אַלע שרייַען... „געשטאָרבן! געשטאָרבן!"... מע האָט געפרעגט דעם דאָקטאָר, זאָגט ער: „שלעכט! שלעכט!".. אייַער משרת זאָגט: „אָן עק! אַ סוף!"... און דאָ וויינט מען, — נו, איז מען דאָך יידן, לויפט מען! אייַער פאָטער איז דאָך פאָרט, ווי זאָגט מען... און פרוווט זאָגט דעם עולם, אַז ער איז נאָך ניט געשטאָרבן, וועט מען אייַך דען גלויבן? שוין צו שפּעט!... אָט גייען די חברה נושאי המיטה, — נו גיי, טענה מיט זיי!... שקצים! ווער האָט געשיקט נאָך אייַך?... שכורים, ארוים, אין אייַער טאַטנס מאַמעס טאַטן אַרייַן!...

***

דער דריטער אַקט

— אוי, אַ דונער האָט מיך דערשלאָגן! זעלדע, איר הערט אַ געוויין? איר הערט, ווי די באַלעבאָסטע רעוועט?

— וויסט איז מיר! זלאַטקע, אָט דאָס איז ער אויסגעגאַנגען, אָפּנים! ווונד איז מיר! ניטאָ שוין מייַן באַלעבאָס!... מלכה! זלאַטקע! לויפט אַרויף און טוט אַ פרעג בײַ פרויקען, אַ מכה איז מיר אַ גרויסע!

— אָט לויפט פרויקע.

— וואו? וואָס טראָגט ער דאָס? עפּעס אַ פּעקל?

— פרויקע סערדצע, וואָס הערט זיך דאָרט? שוין, צי נאָך ניט? פרויקע! וואָס שטומסטו? רעד! שוין, צי נאָך ניט?...

— שוין... נאָך ניט... געפעלט דיר אַביסל, ווי זי האָט געעפנט אַ מויל! ליגט אין דער ערד אַלע! ווערט די כפרה פאַר מיר און פאַר מייַן בליומקען! אַ שיינע פּאַדיאַקע! געדינט און געדינט — זאָלסט זאָגן, אפילו אין האַנט אַרייַן אָנגעשפּיגן... ווער? וואָס? וועמען? אייַן אויבערשטע העמד, איין אַלטן זשילעט — מכות־בכורות אייַך אַלע מיט אייַער באַלעבאָסטע צוזאַמען! זי האָט דערזען בײַ מיר די שליסלעך, האָט זי זיי בײַ מיר צוגענומען... געוועזן זיבן יאָר, האָב איך קיין פּאָדעם נישט גענומען, וועל איך גיין הייַנט צו דער שאַפע, גיין זאָלט איר אויף קוליעס!... האָרעווע פון אייַערטוועגן טאָג מיט נאַכט, ווי אַ פּאַרקויפטער, קיין חיי־שעה, — און וואָס?... ברענען זאָלט איר אָפן פייַער! אַן אומגליק וואָלט געוועזן, ווען פרויקע זאָל האָבן נאָך אַ גאַרניטער

מיט נאָך אַ פּאָר שטיוועלעטן!... און אַ זייגער? ווער האָט היינט ניט קיין זייגער? אַ ליאַדע פּאַרך טראָגט זיך היינט אַרום מיט אַ זייגער: נאַ, זע, קוק מיך אָן! און פרויקע דאַרף ניט! פרויקע דאַרף גאָרניט! פרויקע דאַרף נאָר דינען יעדן באַזונדער, ווי אַ הונט!... די שטיוול פּוץ, צום טיש דערלאַנג, גענג לויף, אַ בריוו טראָג־אָפּ, אַהין גיי, דאָרט שטיי — טפו זאָלט איר ווערן אַלע מיט אַנאַנדער!... זעלדע! די לעפל! גיט אַהער די לעפל!

— וואָסערע לעפל? וואָס טשעפּעסט דו זיך?

— אָנאָ, די זילבערנע לעפל! אַ טוץ לעפל! גיט נאָר אַהער, זייט מוחל, די זילבערנע לעפל, זעלדע! נו, גיכער, גיכער!...

***

דער פערטער אַקט

— אוי, מיין קרוין, מיין סענדער! אַף וועמען לאָזטו מיך איבער? באַ ניין און דרייסיק יאָר אַן אַלמנה — ווו איז דאָס געהערט געוואָרן אַזעלכער?...

— וויינט ניט, שוויגער, גאָט איז אַ פאָטער, און דער שווער קאָן נאָך לעבן בלייבן, שוויגער!

— אוי, זאָג עס ניט, סאָניטשקע, זאָג עס ניט! דו האָסט אים ניט געזען היינטיקע נאַכט, סאָניטשקע! סע איז גאָר ניט דער סענדער, וואָס פריער!

— אָט וועלן מיר הערן, וואָס וועט דער דאָקטאָר זאָגן, שוויגער! דער דאָקטאָר איז דאָרט?

— אוי, וואָס קאָן אים דער דאָקטאָר העלפן, סאָניטשקע, אַז איך בין אַזוי זינדיק באַ גאָט און אַזוי אומגליקלעך, עלנט און אומגליקלעך?...

— אוי, אַזאַ ברודער, איין־און־איינציקער ברודער, ווי איין אויג אין קאָפּ! קינדערלעך, בעט גאָט, ער איז אַ גרויסער גאָט, אַ שטאַרקער גאָט, אַ גוטער גאָט, ער קאָן אַלץ, ער קאָן פון טויט אויך לעבעדיק מאַכן!... אוי, מיין טייערער סענדער! געדענקסטו, ווי טייער דיין איינציקע שוועסטער, דיין דאָבריש, איז באַ דיר געווען? געדענקסטו, סענדער מיינער, ווי געטריי, ווי גוט איך בין געווען צו דיר, אַז דיר איז ניט היינט געדאַכט, די צייט געווען ניט אין בעסטן, און איך האָבן דיך,

סענדער, אונטערגעהאַלטן מיט אַלץ, ווי ווײַט איך האָב געקאָנט, און דו האָסט מיר צוגעזאָגט, אַז גאָט וועט דיר צושיקן אַ שטיקעלע הצלחה, וועסטו מיר אָפּדאַנקען מיטן גרעסטן כבוד, און צום סוף, סענדערל, האָסטו פֿאַרגעסן אַן דײַן איינציקער שוועסטער דאָבריש, וועלכע איז דיר אפשר געטרײַער פֿון אַן אַנדערן, סענדערל, לאָז דיר גאָט מוחל זײַן, ווי איך בין דיר מוחל מײַן קריוודע, סענדערל! מסתמא וועלן מיר דײַנע טײַערע קינדערלעך ניט פֿאַרלאָזן אויף דער עלטער, און עמי־צער וועט זיך אפשר אַרומקוקן אויף מיר אויך, דײַן איינציקע שוועסטער, אַ פֿאַרוויסטע אלמנה און אַ קראַנקע, סענדערל! נאָר איך האָב נאָך אַ בטחון אויף דעם, וואָס איך בין ניט ווערט זײַן הייליקן נאָמען צו דער־מאָנען אָט דאָ, אַז אויב איך האָב בײַ זײַן שטול אַ שטיקעלע זכות, וועט ער אים נאָך צושיקן אַ רפֿואה־שלמה, אם ירצה השם, כאָטש אַנדערע קוקן אַרויס, סענדערל, אויף דײַן טויט, און איך וועל נאָך האָבן די זכיה צו ריידן מיט דיר, אם ירצה השם, און דאָס אַלץ דערציילן אין פֿריידן!...

***

דער לעצטער אַקט.

דער דאָזיקער לעצטער אַקט קומט פֿאָר אין אַ צוגעשלאָסענעם חדר, וווּהין מיר קאָנען בשום אופֿן נישט אַרײַן. איך האָב געקאָנט זען דורך דעם פֿענצטער אונדזער געערטעסטע מאַדאַם רעוועקאַ זעמעל, וועלכע איז געזעסן מיט זייער אַ פֿאַרפֿלאַמט פּנים בײַ אַ קײַלעכדיקן טיש, אָנגע־שפּאַרט דעם קאָפּ אויף איר שיינער ווײַסער האַנט, און אירע גרויע אויגן האָבן אומגעבלאָנדזשעט פֿאַרטראַכט.

נאָר איין גאָט ווייס, וואָס טראַכט אַצינד די דאָזיקע פֿײַנע פֿרוי? אַרום איר דרייט זיך אַרום איר ליבלעכער מאַן, דער גערימטער אָסיפּ זעמעל, מיט די הענט אין די קעשענעס, קוועטשנדיק די סקריפּנדיקע שטיוול; ער וויל צוגיין צו רעוועקאַן און וויל איר עפּעס זאָגן, נאָר, ווי עס ווײַזט אויס, קאָן ער ניט...

ווו איז אונדזער מאַרקוס, דער יינגסטער פֿון אַלע יורשים?... סע קאָן זײַן, אַז ער איז דער איינציקער, וואָס זיצט אַצינד איבערן פּאַטערס קאָפּ. עס קאָן זייער געמאָלט זײַן, אַז מאַרקוס איז דער איינציקער, וואָס האָט אין דער מינוט לחלוטין פֿאַרגעסן אָן זיך און טרעט נישט אָפּ

פונעם קראַנקען פאָטער, וואָס איז פאַרבײַ. אַלץ קאָן זײַן אױף דער װעלט, און מיר זײַנען נישט מחויב אַרײַנקריכן יעדן באַזונדער אין האַרצן אַרײַן. גיט אַהער אײַער האַנט, לעזער, און לאָמיר אַװעקגײן פון דעם דאָזיקן הויז אין דער דאָזיקער נאַכט, מחמת קיין פאַרגעניגן, װי איר זעט אַרוים, קאָנען מיר דאָ הײַנטיקע נאַכט נישט געניסן... לאָז גאָט געבן פרײלע־כערע און מער אײַנגענעמענע סצענעס אין אונדזער לעבן!

⁂

דאָס צענטע קאַפּיטל

װי אונדזער געשיכטע באַקומט גאָר אַן אַנדער פּנים

שװאַרצע װאָלקנס האָבן זיך אָנגערוקט אױף סענדער בלאַנקס הויז און אַ פינצטערע, אַ שרעקלעך פינצטערע נאַכט האָט זיך דאָ אויסגע־צויגן: אַ גאַנצס שטראָף האָט זיך אויסגעגאָסן אױף סענדערס קאָפּ מיט זײַן גאַנץ הויזגעזינד. נאָר... לְמאַי זאָלן מיר זיך נאַרן? איר האָט שוין געװיס געלייענט גענוג ראָמאַנען און זײַט שוין מסתּמא גוט באַקאַנט מיט די אַלע אָנשטעלן, מיט די קונצן פון דעם ראָמאַניסט, װאָס פירט אײַך און פירט אײַך, און איר מיינט, אַז איר זײַט שוין מיט אים אײַנ־גאַנצן פאַרטיק! צום סוף — סטאָפּ! אײַערע נערװן זײַנען שטאַרק אָנגעצויגן און ביזן סוף געפינט איר זיך אין איין ציטערניש, אין איין פּחדנות. ניין, רבותי! איך בין אַ שלעכטער ראָמאַניסט, איך קאָן נישט אָט די מלאכה, און סודות האָב איך פײַנט: אונדזער פיל־געליבטער העלד סענדער איז נישט געשטאָרבן, הגם איך װאָלט געקאָנט אויספירן גאַנץ לײַכט, אַז ער זאָל יאָ שטאַרבן,אַזוי װי עס שטאַרבן פיל העלדן באַם פאַרפאַסער אונטער דער האַנט און װערן באַ אים דערטרונקען אין איין טראָפּן טינט. נאָר, איך פרעג אײַך, איז דאָס אַ קונץ אַ גרויסער — אַזוי זיך באַגײן מיט אַ פרעמד לעבן? מע דאַרף האָבן יושר, מײַנע ליבע פרײַנט, און מע דאַרף באַרעכענען יענעם אויך. סענדער בלאַנק האָט טאַקע גע־שריבן אַ צוואה, געזאָגט ווידוי, זיך פײַן געזעגנט מיט דער פאַמיליע, נאָר שטאַרבן האָט ער פונקט אַזוי געוואָלט, ווי איך מיט אײַך ווילן שטאַרבן.

— נו? װאָס האָב איך געזאָגט? װער איז גערעכט? האָב איך אײַך דען נישט געזאָגט, אַז עס מוז קומען אַ קריזיס? אָט קאָעזאַר אָט ניהיל — אַהין אָדער אַהער! דאַנקען און לויבן גאָט, װאָס אַהער!

אַזוי האָט געזאָגט אונדזער געטרייער דאָקטאָר קלוגער מיט אַזאַ רו־איקער שטימע, אַז די מומע דאָבריש האָט זיך צעוויינט, ווי אַ קליין קינד, און האַלטנדיק די הענט איבערן קאָפּ, האָט זי צעשטופּט דעם גאַנצן עולם און האָט זיך געלאָזט צום חולה אין קאַבינעט אַרײַן.

— אוי, לאָזט מיך! לאָזט מיך! לאָזט מיך צו אים! איך וויל איך זען מיט מײַנע אויגן! איך וויל אים אָנקוקן! לאָזט מיך!

באַ די דאָזיקע ווערטער האָבן זיך אַלע אונדזערע באַקאַנטע פרויען איבערגעקוקט צווישן זיך. אונדזער געליבטער סאַטיריק אָסיפּ זעמעל האָט אַזוי אָנגעטראָטן מאַרקוסן אפֿן פוס, אַז יענער האָט אַזש אויסגעשריגן פאַר ווייטיק.

דאָס גאַנצע געזינדל האָט זיך צונויפגעקליבן אַרום דעם קראַנקן סענ־דערן, וואָס איז פון טויט לעבעדיק געוואָרן — מזל טוב!

— וואָס זאָגט איר אַף מײַן מאַן? — האָט די גוטע דאָקטאָרשע געקלונגען אין אַלע גאַסן. — וואָס זאָגט איר עפּעס? איאַ, מע מעג בעטן גאָט פאַר אַזאַ דאָקטאָר? פון טויט לעבעדיק געמאַכט! וואָס? ניין אפשר? וואָס, איך בעט אײַך? אַ מענטש האָט עפּעס אַ ווערט? אָט לעבט ער, און אָט — טפו!

און די גוטע דאָקטאָרשע שנייצט די נאָז און ווישט די אויגן, און אַלע גוטע ווײַבער שנײַצן די נעז אוןווישן די אויגן.

***

אָך, ווי שיין, ווי אײַנגענומען, ווי זיס דאָס איז אָנצוקוקן פון דער ווײַטן אַזאַ אידיליע, ווען די גאַנצע פאַמיליע טאַנצט־אַרום אַרום דעם קראַנקן, וואָס האָט איבערגעלעבט די שווערע קראַנקייט, איבערגעקומען, אָפּגעשוויצט, איבערגעטראָגן דעם קריזיס, און אַצינד הייבט ער אָן קומען צו זיך, ביסלעכווײַז ווערן אַ מענטש, איבער־אַ־נײַס לעבן, לעבן צוזאַמען מיט אָט די אַלע איבערגעגעבענע, ליבע, געטרײַע, וואָס קוקן אים אין די אויגן אַרײַן און קאָנען זיך גאָר זאַט ניט אָנקוקן, גלײַך ווי מען האָט אים ניט געזען שוין פון צוואַנציק יאָר, גלײַך ווי ער האָט זיך אומגעקערט פון אַ ווײַט לאַנד, און יעדער לויפט אים מקבל־פּנים זײַן, און באַ יעדן אין די אויגן באַקומט ער גאָר אַן אַנדער חן, און וואָס ער זאָל ניט זאָגן, איז דאָס אַ חכמה. אַלע דרייען זיך אַרום אים, נאָר מער פון אַלע איז דאָס ווײַב. מיר דאַכט זיך, אַז די ווײַבער זײַנען דערויף באַשאַפֿן געוואָרן, אַז זיי

זאָלן וויינען, ווען מיר ליגן שלאָף, און פרייען זיך און אַרומטאַנצן אַרום אונדז, ווען מיר הייבן־אָן געזונט צו ווערן.

דער מחבר פונעם דאָזיקן בוך האָט ערגעץ אַ חבר און זייער אַ נאָענטן גוטן פריינט, וואָס איז אַפּגעלעגן דריי וואָכן אַף אַ היציקע שלאָפקייט, און אַז ער האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך, און איך בין געקומען אים צו באַזוכן, האָט מיך באַגעגנט אין פאָרצימער זײַן ווײַב, זייער אַ צערטלעך באַשעפע־ניש, וועלכע איז אים געווען אַזוי שטאַרק איבערגעגעבן, טאַקע נאָר ווי אַ גוט, אַ געטריי ווײַב קאָן זײַן איבערגעגעבן איר מאַן אַ יאָר דריי נאָך דער חתונה.

— נו, וואָס מאַכט ער, דער פײַנער מענטש?

— אָ, ער האָט אויסגעטרונקען אָט ערשט דריי לעפל זופּ, דריי גאַנ־צע לעפל זופּ!... — און דאָס יונגע ווײַבעלע האָט זיך באַגאָסן מיט טרערן.

— איך פאַרשטיי ניט, וואָס איז דאָ פאַראַן צו וויינען, אַז אַ מענטש טרינקט־אויס דריי לעפל זופּ? איך בין אײַך מבטיח, אַז שפּעטער מיט עטלעכע טעג וועט ער קאָנען אויסטרינקען אַ סך מער פון דריי לעפל, ניט נאָר זופּ, אַפילו באָרשטש, און נאָך בעסערס פון באָרשטש!

— אָ, וואָס ווייסט איר? וואָס ווייסט איר? פריער מיט דריי טאָג האָט ער מיך שוין כמעט־כמעט גאָרנישט דערקענט!... און ריידן? וואָס ווייסט איר? וואָס ווייסט איר?...

— פע, כלעבן, אַ חרפּה, אַ בושה אײַך צו וויינען אַצינד! פרייען דאַרפט איר זיך, פרייען, לאַכן, זינגען, טאַנצן, ניט וויינען!

— וואָס איז, איך וויין דען? — האָט מיך דאָס דאָזיקע נאַרישע ווײַבל געפרעגט, און טרערן האָבן זיך געגאָסן פון אירע שיינע אויגן, וואָס איז אַן עבירה געווען, זיי זאָלן זײַן רויט און נאַס פון געוויין.

— אוי, פּאַוואָלי! פּאַמעלעך! — האָט זי אָנגעשריגן אַף מיר, אַז איך האָב מײַן חבר אַ גרינגן קוועטש געטאָן בײַ דער האַנט. — זעצט זיך אָט דאָ, בײַ דער זײַט, אָט שטייט אַ בענקל, איר קאָנט אים חלילה אומ־גערן אַ זעץ טאָן מיט דער האַנט, אָדער מיטן פוס... — און אַליין האָט זי זיך געשטעלט אַף די קני בײַ אים צוקאָפּנס און האָט אָנגעהויבן צו אים ריידן, ווי מע רעדט צו אַ ברעקעלע קינד, וואָס ליגט נאָך אין וויגעלע און עס שפּילט זיך מיט די פיסעלעך:

— נו, מוציקל? וואָס ווילסטו? ווי אַזוי איז דיר, מוציקל?

און „מוציקל” איז געלעגן, פאַרוואָרפן דעם קאָפּ אַרויף, און האָט זיך

געפּעסטעט, געמאַכט חנדלעך, ווי אַ קליין קינד, און אַז איך האָב געוואָלט מיט מײַן חבר, וואָס איז אַצינד געווען אין בעסטן געזונט, אַביסל שמועסן וועגן אונדזערע געשעפטן, האָט דאָס דאַזיקע ווילדע ווײַבל אַנידערגעלייגט איין הענטל אויף איר מאַנס מויל און דאָס אַנדערע הענטל אויף מײַן מויל און האָט אונדז מער קיין וואָרט נישט געלאָזט אויסריידן.

דאָס אַנדערע מאָל, אַז איך בין געקומען צו מײַן חבר און האָב נאָך ניט אויסגעפּיעט אַראָפּוואַרפן די קאַלאָשן פון די פיס, איז שוין זײַן ווײַבל געלאָפן אַקעגן מיר מיט פאַרטיקע קולעקעס ;איך האָב געמיינט, אַז זי וויל מיך דאָ טויטן אויפן אָרט.

— וואָס איז באַ...?

— שששששאַ ! ששאַ ! ששאַ ! שאַ ! ער שלאָפט. נאַרוואָס אַנט־שלאָפן געוואָרן. ששאַ !

— ער שלאָפט? זאָל ער שלאָפן געזונטערהייט ! זאָל...

— ששששאַ ! ! ! אוי, איך בעט אײַך, ששאַ !...

און אויף איר פּנים איז געווען אויסגעגאָסן אַזוי פיל רחמנות מיט גע־בעט, אַז איך האָב געמוזט אַנטרונען ווערן פון דאַנען און ניט שטערן דעם זיסן שלאָף פון מײַן גליקלעכן חבר, וואָס, איך בין זיך מודה, איך האָב שטאַרק־שטאַרק מקנא געווען אים אין דער דאַזיקער מינוט !...

איינער פון די דאַזיקע געבענטשטע לײַט, וואָס אויף זייער דאָלי איז אָנגעצייכנט געוואָרן צו פאַרזוכן דעם טעם פונעם דאַזיקן גליק, איז גע־ווען, בלתי ספק, אונדזער געשעצטער סענדער בלאַנק, בשעת ער איז אינ־גאַנצן געזונט געוואָרן און איז אויפגעשטאַנען פונעם בעט. דער ערשטער, וואָס אים איז באַשערט געווען אָנצוקוקן אים פריער פאַר אַלע, איז געווען אונדזער בראַווער משרת; מיט ציטערנדיקע הענט האָט פרויקע גענומען אַרויפציען אויף זײַן בעל־הבית די מלבושים, און אַז עס איז געקומען צום גאָלדענעם זייגער מיט דער שווערער קייט, האָט זיך פון פרויקעס האַרץ אַרויסגעכאַפּט אַ שווערער, שווערער זיפץ.

מיט גרויס פּאַראַד איז אונדזער העלד אַרײַנגעקומען און האָט זיך געזעצט צום טיש מיטיק עסן, אַרומגערינגלט מיט זײַן גאַנצער פאַמיליע. סענדערס האַרץ איז אַזוי צעווייקט געוואָרן, קוקנדיק אויף זײַנע קינדער מיט די אייניקלעך, אַז ער האָט אָנגעהויבן צו לאַכן, זאָגן ווערטלעך, אויספרעגן און אויסהערן יעדן באַזונדער, און דערמיט האָט ער פריילעך געמאַכט דאָס גאַנצע הויז, און יעדערער האָט דערציילט, ווי איבערראַשט, דערשראָקן

ער איז געווען, אַז ער האָט דערהאַלטן די טרויעריקע טעלעגראַמע. און רע־וועקאַ האָט, דערציילנדיק, זיך אַזש צעוויינט. האָט זי דער פּאַטער באַ־רויִקט:

— וואָס וויינסטו, טאָכטער? אָט בין איך שוין געזונט, נאַרעלע!...

— יאָ, פּאַפּאַשאַ! — האָט אים די געטרייִע טאָכטער געענטפערט.

— איך דערמאָן זיך אָבער, אין וואָס פאַראַ טרויעריקער לאַגע איך האָב דיך געטראָפן, וויינט אין מיר מייַן האַרץ... אַך, פּאַפּאַשאַ!...

— וויין ניט, נאַרעלע! אַבי גאָט האָט געהאָלפן, איך קאָן זיצן גלייַך מיט אייַך אַלע באַם טיש, עסן און טרינקען, ווי אַ מענטש. דאַנקן גאָט דערפאַר, נאַרעלע!

— קיין עין־הרע ניט! — האָט די מומע דאָבריש אַרייַנגעשטעלט איר וואָרט.

— ווען קאָן איך אייַך זען נאָך אַמאָל, קינדערלעך? — האָט זיך סענדער געווענדט צו דער גאַנצער פאַמיליע מיט זייער אַ רירנדיקער שטי־מע. — איר וועט זיך אַלע צעפאָרן, יעדער אין זייַן שטאָט אַרייַן, און איך וועל ווייַטער בלייַבן אַליין! אַך, ווען איך זאָל אייַך אַלעמען קאָנען האַלטן דאָ אַרום זיך! (סענדער האָט באַוויזן מיט זייַנע גרויסע הענט אַרום זיך, ווי אַ קוואָטשקע מיט די פליגל, וואָס שיצן אונטער זיך אַ סך הינדעלעך).

— איר קאָנט דאָס דען ניט אויספירן? — האָט זיך די מאַדאַם סאָני בלאַנק אייַנגעשטעלט פרעגן דעם גוטן, באַרמהערציקן שווער.

— ניין, קינדער, איך קאָן דאָס ניט אויספירן: יעדער האָט זיך זייַנע גענג און איטלעכער לעבט זיך מיט זייַן שכל, און עס איז זייער שווער, אַז מיר זאָלן זיך אַלע קאָנען אויסגלייַכן. גאָט זאָל מיר העלפן, איך זאָל שוין פּטרן, התונה מאַכן מייַן בן־זקונים, וואָלט איך שוין מער ניט באַ־דאַרפט האָרעווען און וואָלט מיר געלעבט מיט מייַן אַלטיטשקער, ווי זאָגט מען, דיר דאַ באַבאַ. האַ? וואָס זאָגסטו, מרים־חיהניו?

— נו, און מיטן געלט וואָס וועט איר טאָן? — האָט זיך אָסיפּ ניט ווילנדיק אַרויסגעכאַפּט און איז פאַרטיק געווען די רגע נעמען דאָס וואָרט צוריק, נאָר עס איז שוין געווען שפּעט: סענדער איז אָנגעצונדן געוואָרן פאַר כעס און האָט אים מיט אַ שטאָך געענטפערט:

— וואָס איך וועל טאָן מיטן געלט? איך וועל דאָס געבן, געוויינט־לעך, דיר, און דו וועסט שוין מסתמא מאַכן דערמיט גרויסע געשעפטן פון ערד־קוילן מיט גרויסע אַמעריקאַנישע פאַבריקעס...

דער גאַנצער עולם איז געבליבן זיצן ווי אויף נאָדלען, און אונדזער פֿײַנער אָסיפּ האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז און האָט אָנגעהויבן רײַבן איין פֿוס אָן דעם אַנדערן. אַלע האָבן דערפֿילט, אַז דערפֿון קאָן אַרויס זייער אַ מיאוסע סצענע, און האָבן, ווי מע זאָגט, געגאַפּט אויף די נעגל. נאָר איין מאַרקוס, וואָס איז עפּעס הײַנט געווען זייער אויפֿגעלייגט און פֿריילעך, האָט פּלוצים אויסגעשאָסן אַזאַ שטאַרקן געלעכטער, אַז אַלע זײַנען פֿאַר־ציטערט געוואָרן. דאָס געלעכטער האָט זיך אָפּגעצויגן היבשע עטלעכע מי־נוט, און מאַרקוס האָט זיך פֿאַרגאַנגען און איז געוואָרן ברוין און בלוי, אַזוי, אַז אַלע האָבן געמיינט, אפֿשר איז ער גערירט...

— ערד־קוילן!... כאַ־כאַ־כאַ! כאַ־כאַ־כאַ!... האָט מאַרקוס קוים אויסגערעדט און האָט זיך ווײַטער פֿאַרגאַנגען אויף אַ לאַנגע צײַט.

— און דאָס געלט פֿאַרטעכערן — זאָגט זיך סענדער ווײַטער — און פֿירן נאָכדעם אַ פּראָצעס מיט פֿײַפֿערמאַנען?...

— פֿײַ... כאַ־כאַ־כאַ! פֿײַפֿ... כי־כי־כי! פֿײַפֿער... כאַ־כאַ־כאַ! פֿײַפֿערמאַנען?... — האָט מאַרקוס קוים אויסגעשריגן און האָט זיך פֿאַר־גאַנגען פּשוט אויף צו שטאַרבן.

מיר ווייסן ניט, וואָס איז דאָ פֿאַראַן וואָס צו לאַכן אויף ערד־קוילן, אָדער אויף אַ פֿאַמיליע פֿײַפֿערמאַן? ניט אַנדערש, אַז מאַרקוסן האָט גע־נומען אויף צו לאַכן דער הער זעמעל אַליין מיט זײַנע געשעפֿטן און פּראָצעסן, און ווײַל דעם פֿעטערס ווערטער האָבן דאָ געהאַט דעם גרעסטן עפֿעקט, דעריבער האָט זיך מאַרקוס ניט געקאָנט אײַנהאַלטן און האָט געמוזט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אַרויסלאָזן דאָס, וואָס האָט אים עטלעכע טאָג כּסדר אַזוי געשטיקט. אָקעגן זשע אָבער, פֿאַר דעם הער זעמעל איז דאָס געווען די גרעסטע באַליידיקונג, און מיר קאָנען אים, על־פּי יושר, בשום אופֿן ניט שולדיק מאַכן, וואָס ער האָט זיך אויפֿגעכאַפּט פֿונעם אָרט און האָט אָפּגעשטעקט זײַן געליבסטן שוואָגער אַ פֿלאַם־פֿײַערדיקן פּאַטש, אַזוי, אַז די פֿענצטער האָבן אַזש געקלונגען.

דער דאָזיקער אומגעריכטער פּאַטש האָט ווי אַ דונער דערשלאָגן יעדן באַזונדער, און קיינער האָט קיין וואָרט ניט געקאָנט אויסרעדן. סענדער איז געוואָרן מלא כּעס וחמה און די אויגן זײַנען בײַ אים אָנגעגאָסן גע־וואָרן מיט בלוט — און ער איז טאַקע געווען געערעבט: ווו איז דאָס גע־הערט געוואָרן אַזאַ עזות, אַז מע זאָל פּאַטשן פֿאַר אים אין די אויגן, בײַ זײַן טיש, אין זײַן הויז, זײַן קינד, זײַן פֿלייש און בלוט?!... ווי אַ צע־

רייצטער בער, ווי אַ לייב, ווען ער כאַפּט זיך אויף פונעם שלאָף, ווי אַ בייזער לעמפּערט, איז אונדזער סענדער אויפגעשטאַנען פונעם אָרט, האָט אָנגעוויזן מיט דער האַנט אַף דער טיר און האָט אויסגעברומט אַף דער גראָבער שטימע:

— וואָן! וואָן פון מײַן טיש!... וואָן... פון מײַן שטוב!... אַלע וואָן!... אַלע!... איר האָט געמיינט, איך שטאַרב שוין, זײַט איר געקומען מיך ירשענען?!... וואָן!!!...

***

גוואַלד, ווו נעמט מען אַזאַ פּעדער צו באַשרײַבן די דאָזיקע סצענע? ווו נעמט מען אַזאַ פאַרב אויסצומאָלן דאָס דאָזיקע שיינע בילד, ווי עס זיצן פאַרשטיינערטע מענטשן מיט גלעזערנע אויגן און מיט אָפענע מײַלער, און אַף זייערע פּנימער שטייט אָנגעקריצט שרעק, ציטערניש און פאַרשטומונג? ווו נעמט מען אַזאַ כח אַראָפּצולאָזן זיך צום גרונט פון יעדנס האַרץ, וואָס יעדער האָט געפילט, וואָס יעדער האָט געטראַכט אין די דאָזיקע עטלעכע שווערע מינוטן?... זאָלן זיך אונדזערע לעזער אַליין פאָרשטעלן, איטלעכער ווי ער קאָן, נאָך זײַן השגה נאָך.

דאָס לעצטע קאַפּיטל

דער פאַרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ און דאָס שפּיל נעמט אַן ענדע

אַ טאַראַראַם, אַ ליאַרעם, אַ געפילדער! מרים־חיה האָט זיך געקושט מיט די געסט, געזעגנט מיט די קינדער. סאָני האָט געוויינט. דער הער אָסיפּ זעמעל איז אַרומגעגאַנגען שטאַרק צערודערט און האָט געסקריפּעט מיט גרויס רעש. מאַרקוס האָט זיך באַהאַלטן בײַ זיך אין צימער און האָט עפּעס אַלע מאָל אַרויסגענומען אַ קאָנווערט און האָט אים צוגעטראָגן צום מויל, צום האַרצן און ווײַטער צום מויל. די קליינע קינדער האָבן צונויפגעלייגט זייערע קוקלעס, וואָס די באַבע האָט זיי געקויפט. נאָר איין רעוועקאַ איז אַרומגעגאַנגען זייער צערודערט און איין באַק האָט איר אַזוי געפלאַמט, אַז זי האָט זיך געמוזט פאַרשטעלן מיטן נאָזטיכל. נאָך מער פון אַלעמען איז געווען פאַרנומען אונדזער פילגעליבטער געטרײַער משרת פרויקע: ער האָט דאָס נעבעך געהאָרעוועט מיט אַלע זײַנע כוחות, לויפנדיק אַף די טרעפּ — טאָ אַראָפּ, טאָ אַרויף, און האָט געשלעפּט פון די

קעשענעס לעקאַך, נים און קאָנפעקטן, און האָט געקנײַפּט זלאַטקע די שוואַרצע און מלכה דאָס מיידל און האָט זיי געזאָגט:

— נו, קינדער? מאַרש! מאַרש! וואָס האָב איך אײַך געזאָגט? כאַ־כאַ־כאַ! מאַרש אין אײַער רו אַרײַן, פֿון וואַנען איר זענט געקומען! און מיר, זעלדע, וועלן בלײַבן פּאָסטאַראָמו אויף אונדזער מיסט — טראַ־לאַ־לאַ! טראַ־לאַ־לאַ! טראַ־לאַ־לאַ!...

***

סענדער בלאַנק האָט זיך געזעגנט מיט די קינדער זייער ליבלעך. ער האָט זיך צעקושט מיט דעוועקאַן, מיט חיימען, מיט חיימס קינדער, און האָט עטלעכע מאָל איבערגערעדט, וואָס ער האָט פֿאַרגעסן שענקען זיי עפּעס אַ מתנה.

— אוי־וואַ! אוי־וואַ! פֿאַרוואָס האָט איר מיך נעכטן, אייערנעכטן ניט דערמאָנט? אוי־וואַ!...

נאָר אַז עס איז געקומען צום געשעצטן הער זעמעל, האָט אים סענדער זייער קאַלט געזאָגט „פֿאַר־געזונט” און האָט אים אויסגעצויגן דעם גראָבן פֿינגער, וואָס אַסיפֿ האָט שטאַרק־שטאַרק געדריקט און האָט מיט זייער אַ רירנדיקער שטימע געזאָגט צום שווער:

— איך פֿאַרהאָף, אַז איר וועט אונדז געווים פֿאַרצײַען. איר ווייסט, אַז אונדזער גאַנצער ווילן איז... אַז מיר... אַז איר... אַז אײַער געזונט... אַז דאָס, וואָס איר זײַט, דאַנקן גאָט, אין בעסטן געזונט... אַז מיר אַלע... אַז... אַז... אַז...

מיט דעם לעצטן „אַז” האָט זיך דער שיינער העלד זעמעל דערוואָרגן און איז געוואָרן רויט ווי פֿײַער פֿאַר חרפּה, וואָס ער איז פֿאַרקראָכן דער רוח וויים וווהין!...

אָנגעצויגן, שטאַרק אָנגעצויגן איז געווען דאָס געזעגענען זיך און דאָס אָפּרײַזן פֿון דעם הער בלאַנקס קינדער, און יעדער האָט דאָס געפֿילט, און עס איז עפּעס יעדן געווען אַזוי ביטער, אַזוי שלעכט אויפֿן האַרצן, אַזוי ליידיק אינעווייניק!... נאָר אַרויסריידן, אויפֿדעקן דאָס איינער פֿאַר דעם אַנדערן האָט קיינער ניט געוואָלט און ניט געקאָנט. יעדער האָט זיך געהאַט זײַנע געדאַנקען, יעדער איז געווען פֿאַרנומען מיט זיך זעלבסט. נאָר די קליינע קינדער האָבן פֿאַרטרויט איינס דעם אַנדערן זייערע געפֿילן מיט זייערע געדאַנקען.

— זע נאָר זע, מאַני, וואָס פֿאַר אַ הויכער מויער! אײַ־אײַ־אײַ! באַ

אונדז איז ניטאָ אַזאַ שטוב! אײַ־אײַ־אײַ! וויפל פענצטער! וויפל קווי־מענם! וואָס איז דאָס? פּאַפּאַשאַ! מאַמאַשאַ! וואָס איז דאָס? ווער זיצט דאָ? וואָס פאר אַ גראָז! וואָס פאר אַביימער!

גליקלעכע קינדער! קוועלן־אָן פונעם גרינעם גראָז, פון די שיינע ביימער, פון דער גרויסאַרטיקער רײַכער נאַטור! גיך־גיך וועט איר אפשר געוואָר ווערן פון אַנדערע זאַכן, וואָס וועלן אײַך פאַרשלאָגן דעם קאָפּ, און איר וועט פאַרגעסן די נאַטור מיט אירע שיינע בילדער, גלײַך מיט אײַערע עלטערן אַצינד, וואָס זײַנען אויך אַמאָל געווען קינדער און האָבן אויך געקוקט אַף דעם דאָזיקן גראָז, מיט די דאָזיקע ביימער, מיט דער דאָזיקער זון, מיט די זעלבע אויגן, וואָס איר קוקט אַצינד... גליקלעכע קינדער! גיב גאָט אַף לאַנג, אַף לאַנג אײַער גליק!...

נאָר ווי וויסט און פינצטער עס איז אונדזערע רײַזנדע געווען אַפן הארצן, אַזוי, פאַרקערט, ליכטיק, פריש, וואַרעם, גרין און פריילעך איז געוועזן אין דרויסן. אין די לעצטע טעג פונעם חודש מײַ איז דאָס געווען, און די זון האָט נאָך נישט אַזוי געבראָטן, ווי געוואַרעמט, גע־לײַכט, געמאַכט לעבעדיק אַלץ, אי דאָס גראָז, וואָס אַפן פעלד, אי די שעפעלעך, וואָס אין פעלד, אי די מענטשן מיט די קליינע מענטשעלעך, די קינדער, וואָס קריכן־אַרויס גאַנץ פרי פון די פינצטערע האַלב־צע־וואַלגערטע שטיבעלעך, פונקט ווי די טאַראַקאַנעם פון די שפּאַלטן — אַלע און אַלץ מענטשן, לויבן און דאַנקען די שיינע וואַרעמע ליכטיקע זון, וואָס שטייט אַצינד אין האַלבן הימל און גיסט פון זיך איר צערטלעכע וואַרעמקייט אַף דעם גרויסן ברייטן פעלד, וואָס האָט דאָ נישט לאַנג אַרויפגעצויגן אַף זיך דאָס גלאַטע גרינע קלייד. ווי אַ לויטערער שפּיגל איז ריין דער הימל; עס שווימען אַרום ערטערווײַז שיטערע שטיקער וואָלקנס, נישט אַף אַ רעגן, נאָר אַזוי שווימען זיי, אַזוי לאַנג, ביז זיי ווערן צעקראָכן, צעגאַנגען, און מע ווייס נישט, וווּהין זיי זײַנען אַוועק. ווײַט־ווײַט אַפן האָריזאָנט זעט זיך אַרויס אַ שפּיץ קלויסטער, אָדער אַ גרינער דאַך פון אַ פּריצישן הויף, עס באַווײַזט זיך אַף אַ מינוט און עס ווערט ווײַטער פאַרשווּנדן דער וועג איז אַ פּאָסט־וועג און איז גלײַך, ווי אַף אַ ברעט. דער שטויב איז נאָך נישט אַזוי גרויס, ווי אין חודש תמוז. די סטאָיפּעס פונעם טעלעגראַף פליען פאַרבײַ! פאַרבײַ! און עס שווינדלט אין די אויגן, און מע הערט אַ געזאַנג פון פייגעלעך, און מע זעט דעם גערודער, וואָס עס טוט זיך צווישן די קליינע באַשע־

פענישן אין דער נאַטור. גוויס מיט זייערע אָקסן און מיט זייערע אַקער־צײַג באַגעגנט מען גאַנץ אָפֿט; אייניקע פֿון זיי נעמען אַראָפּ דאָס היטל און גיבן־אָפּ דעם גוט־מאָרגן פֿון דער ווײַטן.

פּלוצים, מע קוקט זיך גאָרנישט אַרום, אָט איז שוין דער וואַלד! פּלוצים איז ווי פֿינצטערער געוואָרן און עס האָט מיט אַ מאָל אַ זעץ געטאָן אַ גרינער, אַ פֿרישער אַראָמאַט אין נאָז אַרײַן, און עס איז עפּעס ווי קילער געוואָרן אָפֿן לײַב. מע הערט כמעט יעדן קלאַפּ פֿון די פֿיס פֿון די פֿערד און פֿון די רעדער. ווי אַ לאַנג, שמאָל שנירל ציט זיך דער וואַלד; פֿון ביידע זײַטן יונגע בעריאָזעס, ווי מיט קרײַד אָפּגעװײַסט; קיין ווינט איז נישטאָ, און זייערע גרינע בלעטלעך געפֿינען זיך באַרויִקט, שטיל; צווישן דעם ים ביימער לײַכט זיך דורך די ליכטיקייט — לויטער, פּונקט ווי אַ שפּיגל. פֿון ווײַט הערט מען אַ קול: „אָאָו!"... און דער ווידער־קול ענטפֿערט אויך „אָאָו!"...

נאָר אָט האָט זיך שוין דער וואַלד אויך געענדיקט, און מ'איז אַרײַנגעפֿאָרן אין אַ זאַמד, אַ געדיכט, טרוקן זאַמד, וווּ די פֿערד גייען געמאָסטענע טריט, און דער וואָגן קאַטשעט זיך פּאַמעלעך, און אָפּטמאָל כאַפּט זיך אַרויס פֿון איין אַקס אָט ווי אַ זיפֿץ, אָדער אַ קרעכץ. די פֿערדלעך איז נישט גרינג צו שלעפּן די פֿיס פֿונעם זאַמד. דער רײַזנדער איז דעמאָלט אויפֿגעלייגט אָנצושפּאַרן זיך אָף אַ זײַט און כאַפּן אַ דרימל, אָדער אַזוי ליגן אויסגעצויגן און קוקן אַהין, אין דער ווײַטקייט, און קלערן, טראַכטן, אָדער גאָר נישט קלערן, אַזוי לאַנג ביז דער באַלעגאָלע טוט אַ געשריי אָף די פֿערד מיט אַ פֿײַף, און די פֿערד טוען פּלוצים אַ שלעפּ דעם וואָגן און הייבן־אָן ווײַטער לויפֿן, ווי פֿריער, ביז עס קומט צום טײַך, וווּ די פֿערד שרעקן זיך פֿריער און נאָכדעם גייען זיי טריט בײַ טריט, און דאָס וואַסער זשומעט, רוישט אונטער די רעדער. און אַז מע קוקט אַראָפּ, זעט מען דעם אָפּשײַן פֿון דער זון, וואָס ציטערט אין וואַסער און וויגט זיך אַהין און אַהער, גלײַך ווי מען וואַרפֿט זי אונטער אַ לײַלעך... נאָך דעם טײַך איז נאָך אַביסל זאַמד, און ווײַטער — דער זעלביקער ברייטער פּאַטשטאָווער שליאַך מיט די גרינע פֿעלדער פֿון ביידע זײַטן און מיט די סטויפּעס פֿון דעם טעלעגראַף, גלײַך צום וואָקזאַל, וואָס מע זעט אַרויס פֿון דער ווײַטן.

אָפֿן וואָקזאַל, אין הויף, האָבן אונדזערע פֿאַרשוינען שוין געטראָפֿן עטלעכע דראָזשקעס מיט פּאַסאַזשירן, און די זון האָט זיך שוין אָנגעהויבן

אַראָפּלאָזן נידעריקער און נידעריקער. אַראָפּגעשפּרונגען פֿונעם וואָגן, האָט אָסיפּ געכאַפּט די דאַמען אונטער די הענט, ווי אַן עכטער קאַוואַלער, און האָט זיי אַראָפּגעטראָגן אַף דער פּלאַטפאָרמע, אויסגעשריגן אַף אַ קול: „נאָסילשטשיק!“, כאָטש דער נאָסילשטשיק (טרעגער) האָט שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו נעמען, מחמת חיים בלאַנק האָט אין זײַנע ברייטע אָרעמס אַרײַנגעכאַפּט אַלע הפצים מיט די קינדער, אפילו די בולקעס מיט די בייגל. וואָס האָבן באַדאַרפט פאַרנעמען איין אָרט כמעט ווי אַ פּאַסאַזשיר; נאָר אונדזער געערטעסטער אָסיפּ זעמעל האָט געהאַט אַ „ברייטן כאַראַקטער“, און האָט ליב געהאַט אין וועג אויסשטעלן זיך לײַטיש, ווי אַ פֿײַנער מענטש, אַזוי, אַז אַלע זאָלן אַרום אים פאַרדינען... אַרײַנגעלאָפֿן אין זאַל ערשטער קלאַס, האָט דער הער זעמעל אַ געשריי געטאָן זייער ברייט: „עי, טשעלאָוויעק! טשאַיו!“ — כאָטש עס איז געווען צען מינוט צום צוג, און קײן טיי האָט זיך לחלוטין קיינעם נית געגלוסט. דער הער זעמעל האָט נישט געקאָנט לײַדן, וואָס דער בופעטשיק שטייט צונויפגעלייגט די הענט. קײן טיי האָט ער אַליין נישט געטרונקען, ווײַל ער האָט באַדאַרפט אַוועקלויפן נאָך בילעטן, און בדרך הליכה איז ער צוגעלאָפֿן צום בופעט, האָט גיך באַטראַכט דורך די אַשקאָלירענע ברילן און אויסגעשמעקט מיט דער נאָז אַלע גוטע זאַכן, וואָס אַפֿן בופעט, האָט אויסגעטרונקען (ווײַטער אָן חשק) און פאַרביסן, זיך צעצאָלט אָרנטלעך, גענומען בילעטן, מיט אַ צוויי־דרײַ באַקאַנטע זיך געזעגנט, שטאַרק געסקריפּעט מיט די שטיוול, געקוקט דורך די אַשקאָלירענע ברילן אַף אַ יונגע דאַמע אַזוי שטאַרק, אַז די דאַמע האָט געמוזט אָפּטרעטן אין אַן אַנדער זײַט, און האָט זיך גענומען אַרײַנצוזעצן די דאַמען, רעוועקאַן מיט סאָנין, אין וואַגאָן אַרײַן אַזוי געטרײַ, גלײַך ווי ער וואָלט דערפאַר גענומען גאָט ווייס וואָס פאַר אַ געהאַלט!...

אין צוויי מינוט אַרום איז שוין קײן צוג נישט געווען; נאָר אַ ווײַסער צעגאַנגענער רויך האָט זיך געקײַקלט־געקײַקלט און איז אויך פאַרשווונדן ווײַט־ווײַט אין דעם אונטערגעפאַרבטן הימל, און אַ שטאַרקער פײַף מיט אַ טויבן גערויש האָט נאָך אַביסל געקלונגען אין די אויערן פֿון דעם פאַרשווונדענעם צוג. נאָר גיך איז אַלץ שטיל געוואָרן. דער בופעטשיק פאַרמאַכט שוין זײַן קרעמל; דער סטאָראָזש פאַרקלאַפּט שוין די טיר; די נאָסילשטשיקעס מיט די זשאַנדאַרמען צעגייען זיך, דער אַהער, דער אַהין; און עס ווערט אומעטיק, — פּונקט ווי אין אַ ייִדישער

שול פּריַיטיק צו־נאַכטס, נאָך מעריב, אַז אַלע צוגייען זיך אהיים, נאָר אהרן־משה דער שמש דרייט זיך נאָך אַרום צונויפקלײַבן די איבערגע־לאָזענע סידורים אַף די סטענדערס, און יאַרעמע דער שול־סטאַראָזש קריכט פֿאַרלעשן די לאָמפּן מיטן מויל און די ליכט מיט צוויי באַשפּי־געגע פינגער, און קוקט־אַרוים, אַז עס זאָל שוין זײַן נאָך וועטשערע, בכדי ער זאָל שוין קאָנען גיין פֿאַרלעשן די ליכט בײַ עטלעכע באַלעבאַ־טים און כאַפּן דערפֿאַר אַ טרונק בראָנפֿן מיט אַ שטיקל „שבת׳קאָווע״ קוילעטש.

נישטאָ קיין צוג, נישטאָ קיין פֿאַרשווינען, נישטאָ קיין העלדן. אפשר וועלן מיר זיך נאָך אַ מאָל מיט זיי באַגעגענען?

עס קאָן זײַן.

דערווײַל לאָמיר זיך געזעגענען.

אַף ווידערזען!

סטעמפעניו

אַ יידישער ראָמאַן

געשריבן אין יאָר 1888

לכבוד מײַן ליבהאַרציקן זיידן

ר ב מ ע נ ד ע ל י מ ו כ ר ־ ס פ ר י ם

טײַערער, געטרײַער זיידע לעבן!

„ס ט ע מ פ ע נ י ו", מײַן ערשטער יידישער ראָמאַן, וואָס איז אָנגעשריבן לכבוד אײַער ליבן נאָמען, — איז א ײַ ע ר ע ר; ער איז אײַערער ניט נאָר דערפאַר אַליין, וואָס איך האָב אים לכבוד אײַך געשריבן, נאָר אויך דערפאַר וואָס א י ר האָט מיר אַרײַנגעגעבן אַ חשק אַזאַ ראָמאַן צו שרײַבן.

אין איינעם פון אײַערע בריוו זאָגט איר צו מיר:

„איך וואָלט אײַך געראָטן קיין ראָמאַנען גאָר ניט צו שרײַבן, דען אײַער גוסט, אײַער זשאַנר איז גאָר עפּעס אַנדערש; און איבערהויפּט, אויב עס איז נאָר דאָ אין דעם ל ע ב ן פון אונדזער פאָלק ר אָ מ אַ נ ע ן, זײַנען זיי עפּעס גאָר אַנדערש, ווי בײַ אַלע אַנדערע פעלקער. מען מוז עס גוט פאַרשטיין און גאָר אַנדערש שרײַבן"...

אײַערע ווערטער זײַנען מיר טיף אין מוח אַרײַן, און איך האָב אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אַז וויפל אַ יידישער ראָמאַן דאַרף זײַן אַנדערש פון אַלע אַנדערע ראָמאַנען, מחמת דאָס יידישע לעבן בכלל און די אומשטענדן, בײַ וועלכע דער ייד קאָן ליב האָבן זײַנען גאָרנישט גלײַך, ווי בײַ אַלע אַנדערע פעלקער. הײַנט אויסער דעם האָט דאָך דאָס יידישע פאָלק זײַן אייגענעם כאַראַקטער, זײַן אייגענעם יידישן גײַסט מיט באַזונדערע מנהגים און רגילותן, וואָס זײַנען גאָר פאַרענדערט ווי בײַ אַנדערע אומות. אָט די נאַציאָנאַל־סימנים אונדזערע, וואָס בלײַבן תמיד עכט יידיש, מוזן זיך אַרויסווײַזן אין אַ יידישן ראָמאַן, אויב ער איז נאָר באמת גענומען פונעם לעבן. דאָס האָב איך אָפּגעלערנט פון אייערע רייד און דאָס האָבן איך געוואָלט אַרויסזאָגן דורך דער י ד י ש ע ר ט אָ כ ט ע ר, רחלע די שיינע, וואָס שפּילט די גרעסטע ראָלע אינעם דאָזיקן ראָמאַן,

און דורך אַלע אַנדערע פּאַרשוינען, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום איר. אַף וויפל דאָס איז מיר געראָטן — דאָס איז אַ באַזונדערע שאלה; נאָר מײַן רצון איז געווען צו געבן אַ ייִדישן ראָמאַן, ווי איר פאָדערט עס מיט רעכט פון יעדן ייִדישן ראָמאַן־שרײַבער.

אויך דערמיט איז סטעמפּעניו אײַערער, ליבער זיידע, ווײַל דער נאָמען איז אײַערער און די אידעע איז אײַערע: בײַ אײַך, זיידע לעבן, אין איינעם פון אײַערע לעצטע ווערק, האָב איך באַגעגנט פאַרבײַ־גייענדיק דעם נאָמען סטעמפּעניו מיט אַ פלעשעלע „ליבע־טראָפּן", וואָס אַלע משרתים און דינסטמיידלעך קויפן עס בײַ אים אַף אַפּצוטאָן... דאָס איז שוין געווען גענוג אַף אויפצווועקן אין מײַן זכרון די אַלע וווּנ־דערלעכע מעשיות, וואָס איך האָב זיך אָנגעהערט ייִנגלווײַז אין חדר אַף סטעמפּעניון — און מײַן פאַנטאַזיע האָט מיר שוין אונטערגעהאָלפן צו באַשאַפן דעם דאָזיקן ראָמאַן.

עס קאָן זײַן, אַז אין פיל מקומות, ווי למשל אין דער ליטע, האָבן ייִדן פון קיין סטעמפּעניו גאָרניט געהערט, און דעריבער וועט דער נאָמען אַליין עפּעס אויסקומען בײַ זיי משונה־ווילד; דערפאַר אָבער איז דער דאָזיקער נאָמען זייער גוט באַקאַנט בײַ אונדז, אין דער גאַנצער גלופּסקער סביבה פון מאַזעפּעווקע ביז יעהופּעץ, און ווער שמועסט דאָרט, אין אײַערע שטעטלעך, אין גנילאָפּיאַטסק, צוויאַטשיץ און טונעיאַדעווקע — דאָרט ווייס אַ קינד אויך, ווער סטעמפּעניו איז געווען, פון וואַנען ער שטאַמט און וואָס איז מיט אים דער יחוס.

נאָר נישט סטעמפּעניו אַליין איז דאָ אינגאַנצן דער מיוחס. מײַן כונה איז געווען מיט דעם דאָזיקן ראָמאַן צו באַשאַפן דרײַ פּערזאָנען, אָדער, ווי מע רופט עס אָן, „הויפּט־העלדן": דעם ייִדישן קינ־סטלער סטעמפּעניו מיט זײַן פידעלע, די ייִדישע טאָכ־טער רחלע די שיינע מיט איר ייִדישער ערלעכקייט און דאָס ייִדישע ווײַבל פריידל מיט איר סוחרישן גײַסט און מיט איר ציטערן איבערן קערבל — יעדער מיט זײַן באַזונדער וועלטל. סטעמפּעניו, רחלע און פריידל — דאָס זײַנען מײַנע פּאַרשוינען די מיוחסים, וואָס זיצן אויבן־אָן אין בויד, און די אַלע איבעריקע זײַנען שוין גלאַט אַזוי זײַטיקע פּאַרשוינען וואָס כאַפּן זיך איבער, ווי עס איז, זיצן תמיד אַקעגן. דערפאַר בין איך אָפּגעקומען די איבעריקע חברה מיט אַ צוויי־דרײַ ווער־

טער, און מיַין גאַנצע האָרעוואַניע האָב איך אַוועקגעגעבן יענע דריַי מיוחסים.

איך מיין, אַז ייִדישע מוזיקאַנטן, דאָס הייסט, אונדזערע חברה כלי־זמר, זיַינען פאַר זיך גאָר אַ באַזונדערע וועלט. און ס'איז כדאַי אַריַינצוקוקן אין זייער לעבן אַריַין פיל טיפער, אַלס איך האָב עס געטאָן אינעם דאָזיקן ראָמאַן. מע באַדאַרף דערצו האָבן איַיער אויג, זיידע לעבן, איַיער פעדער מיט איַיער התמדה.

אַך, ווּ נעמט מען התמדה, ישוב־הדעת? געדולד ווּ נעמט מען?

„איבער אַ ווערק — זאָגט איר מיר אין אַן אַנדערן בריוו — איבער אַ ווערק, ליב איינִיקל, באַדאַרף מען שוויצן, מען באַדאַרף אַרבעטן, פיַילן איטלעכס וואָרט; געדענקט וואָס איך זאָג איַיך — פיַילן, פיַילן!"

פיַילן! אָט דאָס איז טאַקע די צרה מיט אונדז, יונגוואַרג, וואָס מיר האָבן קיינמאָל קיין ציַיט נישט און כאַפּן־אָפּ דאָס גאַנצע ווערק, שטייענדיק, ווי מע זאָגט, על רגל אחת, טאַקע אין איין אָטעם, נישט אָפּגעשטעלט זיך אַף יעדן געדאַנק, אַף יעדן וואָרט באַזונדער, צו אַר־בעטן און פיַילן, ווי איר טוט. איך וויים, ליבער זיידע, איך פיל עס, ווי נייטיק עס איז געווען איבערצוליַיטערן „סטעמפעניון" אין עטלעכע וואַסערן. אַוודאי באַ איַיך וואָלט סטעמפעניו באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים; פון איַיערע הענט וואָלט ער אַרויס אַנדערש, גאָר אַנדערש; באַ איַיך, זיידעניו, וואָלט שוין דאָ געווען אַ „מעשה איבער אַ מעשה", אַ „מעשה אין אַ מעשה" און „די מעשה אַליין".

„איך האָב ליב, — זאָגט איר ווידער אין אַ בריוו — אַז חוץ דעם שיינעם פּנימל זאָל אין אַ קאַרטינקע אויך זיַין לעבן, שכל און געדאַנק, ווי אין אַ לעבעדיקן מענטשן; אַ קאַרטינקע באַדאַרף, חוץ שיינע מליצה, אויך מיך לאָזן עפּעס הערן"...

אָט דער סוד איז אָבער אַנטפּלעקט נאָר איַיך אַליין און וויַיטער קיינעם נישט; באַשאַפן בילדער, וואָס זאָלן האָבן אין זיך צוויי גע־שטאַלטן, אַ רעכטע זיַיט מיט אַ לינקער זיַיט, אַן אויבערציַיג מיט אַן אונטערשלאַג, אַזוי אַז אינעם אָפּענעם זאָל ליגן באַהאַלטן אַ פאַרבאָרגנס, אַ תוך־זאַך — דערויף, זיידע לעבן, זענט איר נאָר אַליין דער איינציקער קינסטלער אין אונדזער ליטעראַטור. און ווער קאָן זיך צו איַיך גליַיכן? מיר, יונגוואַרג, דאַנקען גאָט, ווען די מעשה אַליין קומט באַ אונדז אַרויס בשלום, אָן אַ מום, מיט אַלע אברים פון אַ ליטעראַריש באַשעפעניש.

נעמט זשע אויף, ליבהאַרציקער זיידע לעבן, די מתנה — מײַן ערשטן יידישן ראָמאַן, ויהי רצון און ס'זאָל זײַן דער גוטער ווילן פון זײַן ליבן נאָמען, אַז מײַן סטעמפעניו זאָל געפינען לײַטזעליקייט אין אײַערע אויגן, און איר זאָלט האָבן נחת, ווי איר ווינטשט זיך אַליין, פון אײַער איבער־געגעבענעם אייניקל

דעם מחבר.

קיִעוו 1886.

I

סטעמפּעניוס יחוס

סטעמפּעניו — דאָס איז אַ מין צונעמעניש, וואָס איז אים איבער־געגאַנגען בירושה פון זײַן טאַטן; זײַן טאַטע, עליו השלום, איז געווען אַ כלי־זמר, האָט געהייסן בערל באַס, אָדער „בערל סטעמפּעניר״, פון סטעמפּעני, אַזאַ דאָרף אינעם געגנט פון מאַזעפּעווקע, געשפּילט אַפן באַס און איז אויך געווען אַ גוטער בדחן, אַ שיינער גראַם־זאָגער, אַ פאַרשלעפּטע קרענק, האָט זיך פאַרשטעלט אַף אַלע חתונות פּאַר אַ בעט־לער, איבערגעקערט די אויגן, געטאַנצט ווי אַ בער, נאָכגעמאַכט ווי אַ ייִדענע גייט צו קינד און שרײַט: „באַבעניו, איך שווער אײַך באַ אַ פּאָר תפלין, אַז עס וועט מער אַזוי נישט זײַן!״... אָדער געלאָזט פלוצים אַ וואַסער אין מיטן שטוב, אַזוי אַז אַלע ייִדן האָבן פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און די ווײַבער האָבן אונטערגעהויבן די קליידלעך; אָדער גאָר אויפגעהאַנגען אַ לונג־און־לעבער דער מחותנתטע אַפן פאַרטוך, און נאָך אַזעלכע אָנשטעלן און קונצן לרוב.

כלי־זמריי איז באַ זיי געגאַנגען בירושה פון אַ סך דורות: בערל באַס, אָדער בערל סטעמפּעניר, ווי מיר ווייסן שוין, האָט געשפּילט אַפן באַס; בערלס טאַטע רב שמואליק טראָמייט, האָט געשפּילט אַפן טראָ־מייט; זײַן זיידע, רב פייביש צימבלער, האָט געשפּילט אַפן צימבל, און זײַן עלטער־זיידע, רב אפרים פּאַיאָל... הכלל, סטעמפּעניו קומט אַרויס פון כלי־זמרים ביז צען דורות — און ער שעמט זיך דווקא נישט דערמיט, ווי באַ ייִדן, צווישן אונדז רעדנדיק שעמט זיך דער בעל־מלאכה מיט זײַן גראַד; און עס איז גאָר קיין חידוש נישט: אַזאַ נאָמען, ווי סטעמפּעניו האָט געהאַט אין מאַזעפּעווקע, אַזאַ שם, ווי ער האָט זיך געקויפט אַף דער גאַנצער וועלט, איז נישט קיין קלייניקייט. אַ ווערטעלע אויסצורײדן — סטעמפּעניו!

אַ זכיה איז געווען אומעטום באַ יִדן, אַז מע האָט געהאָרכט ניסי בעלזער זינגען, גדיק בדחן — זאָגן, און סטעמפּעניון — שפּילן. דערפון קאָנט איר זיך שוין מעלדן, אַז סטעמפּעניו איז נישט געווען קיין פּשוטער כלי־זמר, קיין אַבי־ווער, און מסתמא האָט ער זיך פאַרדינט אַזאַ שם צווישן אַלע גרויסע נישט אומזיסט. יִדן האָבן ליב מוזיק און פאַרשטייען נגינה — דאָס וועלן אונדזערע שונאים אויך נישט אָפּלייקענען, און הגם, אַז מע וויל שמועסן צוריק, קומט דאָך דעם יִדן אוים צו הערן מוזיק עפּעס נישט אַזוי אָפּט, דען וואָס איז מיט אונדז אַזוי די שמחה, מיר זאָלן זיך פּלוצים פאַרנעמען מיט שפּילן אָדער טאַנצן? דאָך, איר מעגט אײַך זאָגן וואָס איר ווילט, זײַנען מיר פאָרט מבינים, שאַרפע מבינים הן אַף זינגען, הן אַף שפּילן, הן אַף אַלע אַנדערע זאַכן. צו אונדז אַז עס קומט אַראָפּ אַ חזן, לויפן מיר אַף בילעטן אים הערן, און כלי־זמר אַף אַ חתונה איז דאָך אַוודאי באַ אונדז אַ חיוב. הערן ווי די „קאַפּעליע" שפּילט אַ „שטיקל" צו דער גילדענער יויך, געוויינלעך, נישט קיין פריי־לעכס (אַ פריילעכס אַף שפּעטער) — דערפאַר וועלן מיר אַוועקגעבן אַ זאַק באָרשטש. דער עולם זיצט מיט גרוים דרך־ארץ, און די כלי־זמר שפּילן אָן אומעטיקס, אַ „מאָרלאַנע", אַ וויינענדיקס. דאָס פידעלע וויינט, פאַרגייט זיך אַף דער גראָבער סטרונע, און די איבעריקע חברה האַלט אים אונטער אויך גאַנץ טרויעריק. עס פאַלט אָן אַפן עולם אַ שטיקל מרה־שחורה, און יעדער ווערט ווי פאַרזאָרגט, אַפילו גאַנץ אָנגענעם, נאָר פאַרזאָרגט: יעדער פאַרטראַכט זיך, לאָזט אַראָפּ די נאָז און רײַבנדיק מיטן פינגער אין טעלער, אָדער קנעטנדיק קײַקעלעך פון דער פרישער חלה, פאַרטיפט זיך יעדער אין זײַנע געדאַנקען, אין זײַנע טרויעריקע געדאַנקען, דען יעדער האָט זיך מסתמא זײַן זאָרג, און קיין צרות דאַרף אַ יִיד נישט גיין לײַען. און אַזוי ווערט צונויפגעגאָסן דאָס אומעטיקע שפּילן מיט די טרויעריקע מחשבות אינאיינעם, און יעדער קרעכץ פונעם פידעלע „טיאָך־טיאָך־טיאָך" רופט זיך אָפּ באַ די חתונה־לײַט אין האַרצן און געפינט דאָרט אַ ווידער־קול. דאָס האַרץ בכלל, און דאָס יִדישע האַרץ בפרט, איז אַ פידעלע: מע קוועטשט די סטרונעס און מע ציט פון דעם אַרוים פאַרשיידענע, און צום מײנסטן טרויעריקע, וויינענדיקע לי־דער... מע דאַרף נאָר האָבן דערצו אַ רעכטן מוזיקאַנט, אַ בריה, אַ כלי־זמר, אַזאַ בריה, ווי סטעמפּעניו איז געווען.

אוי איז סטעמפּעניו געווען אַ בריה! ער פלעגט אַ כאַפּ טאָן דאָס

פידעלע און אַ פיר טאָן מיטן סמיק, איין פיר טאָן, נישט מער, פלעגט דאָס שוין אָנהייבן באַ אים צוריידן. אָבער ווי אַזוי, מיינט איר, ריידן? טאַקע מיט ווערטער, מיט אַ צונג, ווי להבדיל, אַ לעבעדיקער מענטש. ריידן, טענהן, זינגען מיט אַ געוויין אַפן יידישן שטייגער מיט אַ גוואַל־דערניש, מיט אַן אויסגעשריי פונעם טיפן האַרצן, פון דער נשמה. דעם קאָפּ פלעגט סטעמפּעניו פאַרוואַרפן אַף אַ זײַט, די לאַנגע שוואַרצע פּאַטלע האָר צעוואָרפן אַף זײַנע ברייטע אַקסלען, די אויגן, די שוואַרצע ברענענדיקע אויגן, פאַרריסן אַרויף, און דאָס שיינע ליכטיקע פּנים פלעגט באַ אים ווערן מיטאַמאָל בלייך, ווי דער טויט; אָט נאָך איין מינוט — אוים סטעמפּעניו! מע זעט נאָר ווי אַ האַנט פליט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און עס הערן זיך פאַרשיידענע קולות, און עס גיסן זיך אַלערליי מיני געזאַנגען, און אַלץ אַזעלכע אומעטיקע, טרויעריקע, אַז עס נעמט אָן באַם האַרצן, עס ציט באַ דער נשמה, עס נעמט אַרוים דאָס געזונט. דער עולם גייט אוים מיט אַלע כחות. מע שטאַרבט, מע שטאַרבט מיט אַלע אברים. דאָס האַרץ ווערט פול, צעוויקט, און עס שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. ייִדן זיפצן, ייִדן קרעכצן, יידן וויינען. און סטעמ־פעניו? — ווער סטעמפּעניו? וואָס סטעמפּעניו? פרעגט אים בהרם, וווּ ער איז אין דער וועלט? ער טוט זיך זײַנס: „טיאָך־טיאָך־טיאָך" — און געגוג! און אַז ער הערט אויף צו שפּילן, טוט עס אַ שמייך דאָס פידעלע און נעמט זיך אָן באַם האַרצן; די אויגן ברענען אים דעמאָלט ווי צוויי הבדלות, און זײַן שיין פּנים שײַנט, ווי די גאַנצע וועלט. דער עולם כאַפּט זיך אויף ווי פון אַ שלאָף, פון אַ טרויעריקן נאָר אַ זיסן שלאָף, און אַלע ייִדן הייבן אָן אַרויסצוזאָגן זייער התפעלות, אַלע אין איין קול. מע אַכקעט, מע אָכקעט, מע לויבט, מע שמוצערט, מע וווּנדערט זיך, מע קאָן זיך גאָרנישט אָפּלויבן.

— נננו, סטעמפּעניו! אַי, סטעמפּעניו!

און די ווײַבער? פון די ווײַבער איז גאָר נישטאָ וואָס צו רעדן. ס'איז אַ גרויסער ספק, אויב עס ווערט אין שול ערב יום־כפּור צו קנויט־לעך לייגן פאַרגאָסן אַזויפיל טרערן, וויפל טרערן עס פלעגט דאָ אוים־געגאָסן ווערן באַ סטעמפּעניוס „שטיקלעך"; אַף חורבן בית־המקדש דאַרף מען אַזויפיל ניט וויינען, ווי די ווײַבער האָבן געוויינט בשעת סטעמפּעניוס שפּילן.

— לאָז מיך גאָט בענטשן אַז אַף מײַן קלענסטער טאָכטערס חתונה

זאָל איך קאָנען אראָפּברענגען סטעמפּעניון, רבונו של עולם!

אַף אַזאַ אופן האָבן זיך געווינטשעוועט די ווײַבער, אויסגעווישט זיך די פאַרשוואָלענע רויטע אויגן און אויסגעשנײַצט זיך דאָס איבעריקע ביסל נאָז, און דערנאָכדעם, בשעת ווינטשעווען, האָבן זייערע העלדזער פּערל מיט די גילדענע אויערינגלעך, מיט די פינגערלעך, מיט די בראָשן, גאָרגל־קייטן און מיט דער איבעריקער ייִדישער צירונג געשײַנט און גע־בלישטשעט און געפינקלט מיט פײַער.

און ווער שמועסט די מיידלעך, די „מאַמזעלן" — די זײַנען גאָר געבליבן שטיין צוגעקאָוועט צו זייערע ערטער, ווי די טאָקן, געקוקט אַף סטעמפּעניון מיט זײַן פידעלע, נישט געריררט מיט קיין אבר, נישט גע־פינטלט מיט קיין אויג; נאָר ווו ניט ווו, דאָרט ערגעץ אַף יענער זײַט קאָרסעט, קלאַפּט דאָס הערצל: טיק־טאַק־טיק, און עס כאַפּט זיך אַרויס אַפּטלעך פון דאָרט אַ פאַרבאָרגענער זיפץ...

II

סטעמפּעניו מיט זײַן „קאַפּעליע"

דעם רעש וואָס סטעמפּעניו האָט אָנגעמאַכט, קומענדיק ערגעץ אין אַ שטעטל מיט זײַן קאַפּעליע (אָרקעסטער), און דאָס קאַכעניש, וואָס עס האָט זיך בשעת מעשה געקאָכט, איז גאָרנישט צו באַשרײַבן.

— שאַט, אָן שנײַדט זיך עפּעס אַ בויד פון הינטער די מילן מיט פיר פערד; דאָס זײַנען אוודאי די מחותנים, האַ?

— ניין, דאָס זײַנען די כלי־זמר. דאָס פאָרט סטעמפּעניו מיט זײַן קאָמפּאַניע.

— אַ? סטעמפּעניו? סטעמפּעניו איז שוין דאָ? אָט דאָס וועט עס זײַן אַ פריילעכע חתונה בײַ חיים־בנציון גלאָק, אַ מכה אים!

ייִדישע ווײַבלעך ווערן רויטלעך. די ייִדישע מיידלעך כאַפּן זיך צו פּאַרקעמען און פאַרפלעכטן די לאַנגע צעפּ. ייִנגלעך פּאַרקאַטשען די הייזלעך אַריבער די פּולקעס און מע לויפט מקבל פּנים זײַן סטעמפּעניון. און אפילו ייִדן, באַווײַבטע ייִדן, שוין מיט בערד, באַווײַזן אויך מיט אַ שמייכעלע, אַז עס טוט זיי ווילד הנאה, וואָס סטעמפּעניו איז געקומען

שפילן די חתונה צו חיים־בנציון גלאָק; מהיכא תיתי, וואָס אַרט דאָס זיי? עס קאָסט זיי געלט?

ביז די בויד פאָרט־צו צו דער אַכסניה ווערט דערווייל די גאַס פול מיט מענטשן; יעדער איז נייַגעריק אַ קוק טאָן אויף סטעמפעניון מיט זייַן קאָמפּאַניע און שטעלט זיך אָפּ אויף אַ רגעלע.

— זעט נאָר, ווי מע שפּאַרט זיך! — שרייַט יעדער באַזונדער, און שפּאַרט זיך אַרויס צום אויבן־אָן, ווי דער שטייגער איז בײַ ייִדן. — זע נאָר זע, ווי ער אַרבעט מיט די עלנבויגנס און וויל דווקא זייַן דער ערשטער! וואָס האָט איר דאָ נישט געזען? כלי־זמר ווי אַלע כלי־זמר!

אַזוי טענהט איטלעכער פאַר זיך און שטופּט זיך אַרויס צו דער בויד פון וועלכער די חברה כלי־זמר הייבן זיך אָן אַרויסצורוקן איינציק־ווייַז.

פריִער פון אַלע קריכט אַרויס רב יאָקל קאָנטרבאַס (וואָס שפּילט אויפן קאָנטרבאַס), אַ בייזער ייִד מיט אַ צעפּלעצטער נאָז און מיט שטיק־לעך וואַט אין די אויערן. נאָך אים רוקט זיך רב לייביש מיטן קלאַרנעט, אַ שלעפעריק ייִדל מיט אַ פּאָר גראָבע ליפּן. שפּעטער באַווייַזט זיך כייַקל האַרבעטש, דער געוויסער כייַקל בדחן מיטן האָרב. שפּעטער — אַ שוואַר־צער קאָלטענעוואַטער ייִד, שרעקלעך באַוואַקסן, כמעט ווי אַ ווילדער מענטש פון די מדבריות, מיט אַזעלכע לאַנגע ברעמען, אַז עס פאַלט אָן אַ פּחד. דאָס איז רב שניאור־מאיר דער אונטערהאַלטער (סעקונדע). נאָך אים שפּרינגען אַרויס אַ צוויי־דרייַ יונגען, משונה־ווילדע פּאַרזעענישן מיט פאַרשוואַלענע באַקן, אונטערגעשלאָגענע אויגן, מיט שרעקלעכע ציין, ווי די לאָפּעטעס. דאָס זייַנען חברה לערן־ייִנגלעך, וואָס אַרבעטן נאָך דערווייל אומזיסט, און שפּעטער, מיט דער צייַט, קאָן פון זיי אַרויס לייַטישע כלי־זמר. און גאָר צו לעצט קאַטשעט זיך אַרויס מיט קרומע אויסגעבויגענע פיסלעך דער געלער מעכטשי פייַקלער מיט אַ באַראַבאַן, וואָס איז גרעסער פון מעכטשין אַ גוזמא. בײַ מעכטשין הייבט זיך אָן אויסצושיטן אַ בערדל, אַ געל בערדל, נאָר אויף איין זייַט פּנים, אין דער רעכטער זייַט, און די אַנדערע זייַט, די לינקע זייַט פּנים, איז נאַקעט, הויל ווי אַ סטעפּ. ער, מעכטשי פייַקלער, מוזט איר וויסן זייַן, האָט חתונה געהאַט צו דרייַסיק יאָר און האָט גענומען, ווי מע שמועסט, אַ ווייַב אַן אַנדרוגינוס... ווייסע־חברהניקעס שווייַגן נישט מסתמא, אַז סטעמפעניו קומט אָן מיט זייַן קאַפּעליע. יעדער מאָל פאַרגנבעט זיך אַ

חדר־יינגל און טוט א זעץ אין באראבאן, אדער א צי די גראבע סטרונע פונעם קאנטרבאס. דער חברה־מאן באקומט א שנייד אין האלדז און נאכן פון רב יאקל קאנטרבאס דעם בייזן. און די גאס הייבט אן ביסלעכווייז צו רודערן און צו קאכן, דען דער חתן איז שוין אויך אריינגעפארן אין שטאט אריין מיט א האלבער מאה בחורים, וואס זיינען ארויסגעפארן אקעגן דעם חתן ביז צו יענער זייט מילן — והעיר יאמפעלי, און דאס שטעטל יאמפעלי, צהלה ושמחה, — קלינגט און פרייט זיך גאר אף אן אנדער אופן...

אזוי איז אין יאמפעלי, אזוי איז אין סטריסטש, אזוי איז אין אלע שטעטלעך, וועלכע האבן א זכיה ארפצוברענגען סטעמפעניון אף א חתונה, און אזוי איז אויך דא, אין מאזעפעווקע, ווו סטעמפעניו האט זיך באזעצט אף תמיד. הכלל, עס קאכט מיט סטעמפעניון די גאנצע וועלט!

III

סטעמפעניוס הכנות

וואס איז אין מאזעפעווקע אזוי גרויס די שמחה?

רב חיים־בנציון גלאק מאכט חתונה די קלענערע טאכטער, די מיזינקע רבקהלע, — נו, פארוואס זשע זאל מען זיך נישט משמח זיין מיט אים? עס איז כדאי צו זיין אף אזא חתונה: פארט, ווי זאגט מען, א נגיד אין שטעטל. אלע וועלן זיין אף דער חתונה: ווער פאר גוט־פריינטשאפט, ווער פאר קנאה, ווער פון יוצא וועגן, און ווער צו באווייזן דעם ווייבס פערל, די אויערינגלעך, אדער די נייע גארגל־קייט, וואס ער האט געבראכט דעם ווייב פונעם יריד, און נאך מער — צוליב סטעמפעניון. הכלל, אלע זיינען דא אף דער חתונה! גאנץ מאזעפעווקע פרייט זיך בא חיים־בנציון גלאק אף רבקהלעס חתונה! און ווער שמועסט אייזיק־נפתלי מיטן ווייב און מיט די קינדער אודאי, דען אייזיק־נפתלי איז חיים־בנציון גלאקס א שותף אין קלייט, א שותף אין דער מיל, און דערצו א שטיקל קרוב אויך, סע הייסט, אייזיק־נפתלים ווייב קער זיך אן א שטיקל אייגענע מיט דער מחותנתטע, עפעס א שטיקל שני שבשלישי פון דער מאמעס צד.

דעריבער דרייט זיך אַרום אײַזיק־נפתּלים װײַב, דוואָסי־מלכּה, אויס־געשלייערט, ווי אַן אמתע מחותּנתטע. זי דרייט זיך אַרום און טוט גאָר־נישט, נאָר זי מאַכט מיט די הענט און שרײַט און פּילדערט. גלײַך ווי זי טוט עפּעס. און דוואָסי־מלכּהס שנור, רחלע די שיינע, שטייט לעבן דער כּלה אויסגעצוויקלט, ווי אַ בת־מלכּה, און אירע גרויסע בלויע אויגן שײַנען, ווי צוויי גרויסע בריליאַנטן. און אירע רויטע בעקלעך שפּילן איר, ווי צוויי בליענדיקן רויזן. מיט איין האַנט האַלט זי דער כּלהס צעלאָזטע האָר, וואָס די װײַבער האָבן איר צעפּלאָכטן פאַרן „באַדעקנס" מיט גרויס געוויין, און מיט דער אַנדערער האַנט גלעט זי זיך איר ווײַסן האַלדז, גאַרנישט צו באַמערקן, ווי אַ פּאָר שוואַרצע ברענענדיקע אויגן קוקן אױף איר די גאַנצע צײַט גלײַך אָן אַן אויפהער... די סאַרווערס מיט די סאַרווערקעס לויפן אַרום, ווי די פאַרסמטע מײַז. די מחותּנים ליאַרעמען: „אוי, גוואַלד! שוין צײַט צו באַדעקן די כּלה! ביז וואַנען איז דער שיעור צו מוטשען די קינדער, וואָס פאַסטן נעבעך אַזאַ זומער־טאָג?" אַלע שרײַען „שוין צײַט! שוין צײַט!" — נאָר טאָן טוט מען גאַרנישט. אײַזיק־נפתּלי דרייט זיך אַרום מיט אַ סאַמעטן קאַשקעטל, די הענט פאַר־לייגט אַרונטער, ווי אַ מגיד, און דוואָסי־מלכּה פּילדערט אױף קולי־קולות. די איבעריקע מחותּנים פון ביידע צדדים לויפן איינער איבערן אַנדערן מיט די הענט אױף־צו־פריִער, גלײַך ווי זיי וואָלטן עפּעס געוואָלט טאָן אַזעלכעס, נאָר מע גיט זיי קיין אַרבעט ניט.

— נו, פאַרוואָס טוט מען שוין עפּעס נישט? — פרעגט חתנס צד.

— פאַרוואָס הייבט מען שוין עפּעס נישט אָן צו טאָן? — ענטפערט כּלהס צד.

— האָסטו געזען, מע זאָל האַלטן אַזוי לאַנג הונגעריקע קינדער?

— שרײַט חתנס צד.

— האָסטו געהערט, מע זאָל אַזוי לאַנג האַלטן הונגעריקע קינדער?

— שרײַט כּלהס צד.

— וואָס לויפט מען אַרום הין און צוריק?

— וואָס איז פאַר אַ לויפן, וואָס מע לויפט?

— אַלע לויפן, אַלע פּילדערן און מע שטייט אױף איין אָרט, — שיינע פאַראַדקעס!

— אַבי מע לויפט און מע פּילדערט — און טאָן וויל קיינער פון דאַנען אַהין.

— טאָמער וואָלט שוין גענוג געווען צו ריידן? שוין צײַט עפּעס טאָן! עס מוז דאָך אַמאָל האָבן אַן עק!

— נו, גענוג שוין ריידן! לאָז מען שוין אָנהייבן טאָן! אַן עק זאָל דאָס האָבן!

— וווּ זײַנען די כלי־זמר? — פרעגט חתנס צד.

— די כלי־זמר ווו זײַנען? — ענטפערט כלהס צד.

און די כלי־זמר זײַנען זיך פאַרנומען מיט זייער אַרבעט: מע שמירט די סמיטשקעס, מע שטעלט־אָן די כלים. רב יאָקל באַס טראָגט אַ יִינגל פאַר אַן אויער און טיילט אים איין שטילערהייט: „הער, ממזר, איך וועל דיר ווײַזן ווי־אַזוי צו ציִען סטרונעס!" מעכטשי פײַקלער קראַצט זיך דאָס באַוואַקסענע האַלבע פּנים, נישט קוקנדיק אַף קיינעם. רב בײַקל בדחן רעדט מיט אַ באַקאַנטן מלמד, נעמט בײַ אים אַ שמעק טאַבאַק מיט צוויי פינגער און שיט ווערטלעך, ווי פון זאַק. און די איבעריקע כלי־זמר, די פאַרשוואַלענע יונגען מיט די גרויסע ציין ווי די לאָפּעטעס, שטייען אַרום סטעמפעניון און שמועסן זיך מיט אים אויס אַף זייער לשון וועגן אַ וויכטיקן ענין.

— ווער איז אָט די דאָזיקע שעכטע 1), וואָס שטייט נעבן דער סמיסאַנקע 2) — פרעגט סטעמפּעניו אַף כלי־זמר־לשון, אָנווײַזנדיק מיט די אויגן אַף רחלע דער שיינער. — גיי נאָר, ירחמיאל, — זאָגט ער צו איינעם פון די געשוואָלענע כלי־זמר־יונגען, — גיי נאָר און פּראָבעִ־אוים 3) מהטאַם 4), אָבער כידקע 5), ירחמיאל, כידקע!

ירחמיאל קומט גיך צוריק מיט אַ קלאָרער תשובה:

— דאָס איז נישט קיין שעכטל 6), דאָס איז שוין אַ יאַלדאָווקע 7). דאָס איז אײַזיק־נפתלים שנור, פון סקווירע איז זי, און אָט דאָס איז איר יאָלד 8) — זעט איר? אָט דרייט ער זיך אַרום מיט אַ סאַמעטענער קאַטערוכע 9).

— די כפּרה זאָלסטו ווערן, ירחמיאל! — זאָגט סטעמפּעניו גאַנץ אויפגעלייגט. — אַזוי גיך ביסטו געוואָר געוואָרן? ע, זי איז דאָך טאַקע

---

1) שעכטע — נקבה. 2) סמיסאַנקע — כלה. 3) פּראָבע־אוים — ווער געוואָר.
4) מהטאַם — ווער איז זי. 5) כידקע — געשווינט. 6) שעכטל — מיידל.
7) יאַלדאָווקע — ווײַבל. 8) יאָלד — מאַן. 9) קאַטערוכע — היטל.

גאָר אַ קליווע 10) יאַלדאָווקע! זע נאָר, זע, ווי זי מאַטרעט 11) מיט די זיקערס 12!

— אויב איר ווילט — פרעגט ירחמיאל דער פאַרשוואָלענער באַ סטעמפעניון — אויב איר ווילט, וועל איך גיין מיט איר טירן 13)...

— ליג אין דער ערד! — ענטפערט אים סטעמפעניו. — מע בעט דיך נישט פאַר קיין שילאָטן־שמש. איך וועל אַליין טירן מיט צו־זעניכע 14).

— אַנו, וואַרף נאָר אַרויס פון דער פידל אַ פּאָר שוואַרצע אויגן!

— רופט זיך אָן שניאור־מאיר אַף זײַן לשון. — שלעפּ נאָר אַרויס פון דער פידל ייִדישע קישקעס!...

סטעמפּעניו נעמט זיך צום פידעלע, טוט אַ ווונק צו דער חברה, און מע נעמט זיך אָנשטעלן די כלים.

IV

סטעמפעניוס פידעלע

בקיצור, גאָט האָט געהאָלפן, און סטעמפעניו האָט זיך גענומען באַזעצן די כלה.

אַך, איך פיל, אַז מײַן פעדער איז שוואַך צו באַשרײַבן, וויַאַזוי סטעמפעניו האָט באַזעצט אַ כלה! דאָס איז נישט געווען גלאַט אַזוי געשפּילט, געקרימפּלט; דאָס איז געווען אַ מין „עבודה”, אַ גאָטס דינסט מיט עפּעס זייער אַ הויכן געפיל מיט עפּעס זייער אַן איידעלן גײַסט! סטעמפעניו האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַקעגן דער כלה און האָט איר גע־האַלטן אַ דרשה אַפן פידל, אַ שיינע אַ לאַנגע דרשה, אַ רירנדיקע דרשה, איבער דעם פרײַ און גליקלעך לעבן פון דער כלה ביז אַהער, פון איר מיידל־שטאַנד, און איבער דעם פינצטערן ביטערן לעבן, וואָס דערוואַרט זי אַף שפּעטער, שפּעטער: — אויס מיידל! איבערגעדעקט דעם קאָפּ, פאַרשטעלט די שיינע לאַנגע האָר אַף אייביק... נישטאָ די פרייל־עכ־

---

10) קליווע — שיינע. 11) מאַטרעט — קוקט. 12) זיקרעס — אויגן. 13) טירן — שמועסן. 14) מיט צוזעניכע — מיט דער דאַזיקער.

קיט! זײַ געזונט, יוגנט. אַט װעסטו אַ ייִדינע!... עפּעס זײער נישט פֿרײלעך, גאָט זאָל נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד!...

אַט אַזעלכע װערטער הערן זיך כּמעט אַרױס פֿון סטעמפּעניוס פֿי־דעלע. אַלע װײַבער פֿאַרשטײען גוט דעם פּשט פֿון דער דאָזיקער שטומער דרשה, אַלע װײַבער פֿילן עס; זײ פֿילן דאָס, און װײנען דערױף מיט ביטערע טרערן.

— װי לאַנג בין איך אַזױ געזעסן — קלערט זיך אַ יונג װײַבל, שלינגענדיק די טרערן — װי לאַנג בין איך אַזױ געזעסן מיט צעלאָזטע צעפּלאָכטענע צעפּ און האָב נאָר געמײנט, אַז מלאכים שפּילן זיך גאָר מיט מיר, אַז איך בין אײנע אַ גליקלעכע? צום סוף... אָך, צום סוף!...

— באַשער איר, גאָט, — טוט בעטן אַן אַלטע ייִדענע, אַ מוטער פֿון דערװאַקסענע טעכטער — באַשער איר, גאָט, מײַן עלטערער טאָכטער איר זיװוג אין גיכן, נאָר מיט מער מזל װי מיר, נאָר מיט אַ שענערער דאָליע װי איך האָב באַ מײַן מאַן, גאָט זאָל מיך נישט שטראָפֿן פֿאַר די רייד!...

אַט אין אַזעלכע מחשבֿות פֿאַלן אַרײַן די װײַבער, און סטעמפּעניו טוט זיך זײַנס: ער אַרבעט מיט אַלע כּלים, און דאָס פֿידעלע רעדט. דאָס שפּילט סטעמפּעניו אַ װײנענדיקס, און די קאַפּעליע האַלט אים אונטער. עס װערט שטיל, אױס ליאַרם, אױס געפּילדער. אַלע, אַלע װילן הערן סטעמפּעניון. ייִדן װערן פֿאַרטראַכט, װײַבער װערן אַנשװיגן, ייִנגלעך, מײדלעך קלעטערן אַרױף אױף בענק און אױף טישן — יעדער װיל הערן סטעמפּעניון.

— ששאַ! שטילער! עולם, לאָז זײַן שטיל!!

און סטעמפּעניו צעגיסט זיך אױפֿן פֿידעלע און צעגײט זיך, װי אַ װאַקס: טיאָך־טיאָך־טיאָך — מער הערט מען נישט; אַ האַנט פֿליט אױף און אָפּ — מער זעט מען נישט. און עס הערן זיך אַלערלײ קולות, און עס גיסן זיך פֿאַרשײדענע מיני געזאַנגען, און אַלץ אומעטיקע, טרױעריקע, אַז עס נעמט אָן באַם האַרצן, עס ציט די נשמה, עס נעמט אַרױס דאָס חיות. דער עולם גײט אױס מיט אַלע כּחות, דער עולם שטאַרבט מיט אַלע אבֿרים. דאָס האַרץ װערט עפּעס אַזױ פֿול, אַזױ צע־װײקט, און עס שטעלן זיך טרערן אין די אױגן. ייִדן זיפֿצן, ייִדן קרעכצן, ייִדן װײנען... און סטעמפּעניו? — װער סטעמפּעניו? װאָס סטעמ־

פעניו? מע זעט אים גאָרנישט, מע זעט נישט קיין סטעמפעניו, מע זעט נישט קיין פידעלע; מען הערט נאָר זיסע קולות, געטלעכע געזאַנגען, וואָס פילן אָן די גאַנצע שטוב... און רחלע די שיינע וואָס האָט נאָך ביז איצט נישט געהערט קיינמאָל סטעמפעניוס שפּילן, רחלע, וואָס האָט געהערט, אַז ס'איז דאָ אַ סטעמפעניו, נאָר זי האָט נאָך נישט געהערט אַזאַ מין שפּילן, שטייט און הערט זיך צו צו די כשופדיקע געזאַנגען, צו די זעלטענע קולות — און פאַרשטייט נישט וואָס דאָס איז? עפּעס ציט דאָס איר דאָס האַרץ, עפּעס גלעט דאָס זי בא דער נשמה, נאָר וואָס דאָס איז — פאַרשטייט זי נישט. זי הייבט אויף די אויגן, אַהין, פון וואַנען עס גיסן זיך די זיסע קולות, און דערזעט אַ פּאָר ווּנדערשיינע שוואַרצע אויגן, פײַערדיקע אויגן, וואָס קוקן גלײַך אַף איר, און נעמען זי דורך, ווי שפּיזן, ווי שאַרפע שפּיזן. די ווּנדערשיינע שוואַרצע פײַערדיקע אויגן קוקן אַף איר און ווינקען צו איר און ריידן מיט איר. רחלע וויל אַראָפּלאָזן אירע אויגן אַראָפּ — און קאָן נישט.

„אָט דאָס איז סטעמפעניו?"

אַזוי קלערט זיך רחלע די שיינע, ווען דאָס „באַזעצן" האָט זיך שוין געענדיקט און די מחותנים הייבן אָן צו טראַכטן מכח פירן צו דער חופּה.

— ווּ זײַנען ערגעץ די ליכט? — פרעגט חתנס צד.

— די ליכט ווּ זײַנען? — ענטפערט כלהס צד.

און אַזוי ווערט ווידער דער אייגענער געפילדער, וואָס פריִער. אַלע לויפן און מע ווייסט נישט ווּהין. מע קוועטשט זיך, מע שטופּט זיך, מע טרעט אָן אַף מאַזאָלעס, מע צערײַסט קליידלעך, מע שוויצט, מע זידלט די סאַרווערס מיט די שמשים, און זיי זידלען צוריק די מחותנים, און די מחותנים אַמפּערן זיך צווישן זיך — עס איז, ברוך השם, גאַנץ לעבעדיק!

אין דער מהומה, וואָס עס ווערט בשעת מע גייט צוריק פון דער חופּה, כאַפּט זיך סטעמפעניו אַרוים פון דער קאַפּעליע, און אָט איז ער שוין אויסגעוואַקסן צווישן די ווײַבער, אָט דאָ, לעבן אײַזיק־נפתלים שנור, רחלע דער שיינער. ער וואַרפט זיך איבער מיט איר מיט אַ פּאָר ווערטער, צושמייכלענדיק און קרײַזלענדיק זיך זײַנע שיינע לאַנגע האָר. רחלע ווערט רויטלעך, לאָזט אַראָפּ די אויגן אַף דער ערד און ענטפערט אים דאָס צענטע וואָרט. עס פּאַסט נישט עפּעס זיך שטעלן פּלוצים אויסשמועסן מיט אַ כלי־זמר, און נאָך פאַר אַזאַ עולם!...

V

דאָס ערשטע באַגעגעניש פון סטעמפעניון מיט רחלען

דערציילן דערציילט מען פון סטעמפעניון פיל פאַרשיידענע מעשיות. מע דערציילט פון אים, אַז ער קען זיך מיט אַלע מכשפים און מיט אַלע „גוטע לײַט“, אַז קוים וויל ער אָפּריידן אַ כלה פון אַ חתן — קאָן ער, אַז ער קען אַזאַ מין „שפּרוך“, אַז ער דאַרף נאָר אַ קוק טאָן, אַ רעכטן קוק טאָן אויף אַ מיידל, — איז זי שוין אָפּגעקאָכט, — מע זאָל גאָר באַהיט ווערן! אַ סך מאַמעס ווייסן פון דעם סוד און היטן דעריבער זייערע קינדער, די כלהס, אַז ווען זיי ריידן מיט סטעמפעניון, שטייט בײַ דער זײַט אַן עלטערע שוועסטער, אַ מומע, אַ שוועגערן, אָדער אַזוי אַ ווײַבל, וואָס האָט אַ מאַן... אמת דאָס איז פאַר אונדזער העלד נישט אַזאַ שיינער קאָמפּלימענט, נאָר וואָס מאַכט דאָס אויס? וואָס קער זיך אָן שלום צו מחלוקת? דערפון ווערט סטעמפעניוס נאָמען חלילה נישט קלענער. אַלע ווייסן, אַז סטעמפעניו איז אַ גוטער „ימח־שמוניק“, — נו, בכן איז וואָס? קיין שידוך טוט מען דאָך נישט מיט אים, כ׳לעבן, און סטעמפעניו בלײַבט סטעמפעניו.

געבענטשט זײַט איר, ייִדישע ווײַבלעך, וואָס האָבן מענער, און געבענטשט זאָלן זײַן די מאַנסבילן, וואָס האָבן אײַך געשענקט אַזאַ טײַערע מתנה — פרײַהייט — און ווי איז צו די מיידלעך נעבעך, וואָס זײַנען געבונדן און געפּענטעט, געהיט און אָפּגעהיט, ביז מע דעקט צו דעם קאָפּ — און ערשט דאַן ווערן די מיידלעך אויך ווײַבלעך, אויפגעבונדענע, פרײַע, גליקלעכע ווײַבלעך...

רחלע, אַלס ווײַבל, האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו אַנטלויפן פון סטעמפעניון, ווען ער איז צוגעגאַנגען צו איר מיטן פידל אונטער דער האַנט און מיט אַ שמייכעלע אויף די ליפּן, — וואָס האָט זי מורא? פאַר וועמען דאַרף זי זיך באַהאַלטן? דער שווער, רב אײַזיק־נפתלי, איז פאַרטראָגן מיט דער חתונה: ער גייט זיך אַרום פאַרלייגט די הענט אַרונטער און גיט אַכטונג אויף די סאַרווערס, אַז זיי זאָלן זיך רירן גיכער, און די שוויגער, דוואָסי־מלכה, איז דאָך אַזוי פאַרפּאָרעט, אַז מע זאָל בײַ איר אַראָפּנעמען דעם שלייער פונעם קאָפּ, וואָלט זי אויך נישט געפילט. פאַרבײַלויפנדיק, האָט זיך דוואָסי־מלכה אַפילו יאָ אָפּגעשטעלט אַ קוק

טאָן, וואָס טוט דאָ עפּעס סטעמפּעניו לעבן איר שנור? נאָר זי האָט זיך באַלד באַקלערט: „ווייס איך וואָס, נאַרישקייטן, זייערע זאַכן, נאַט אײַך אַ גראָשן!”... און איז אַוועקגעלאָפן ווײַטער קאָמאַנדעווען מיט די סאַרווערקעס, זיי זאָלן טאָן גיכער. רב אײַזיק־נפתלי מיט דוואָסי־מלכהן האָבן געקאָמאַנדעוועט אויסגעצייכנט. די סאַרווערס מיט די סאַרווערקעס זײַנען אַרומגעפלויגן, ווי די משוגעים, די מחותנים פון ביידע צדדים האָבן געפּילדערט, ווי דער שטייגער איז, דער עולם האָט זיך געוואַשן און האָט אָנגעהויבן צו פאַרכאַפּן ערטער אַף די לאַנגע בענק אַרום די לאַנגע טישן, אַף וועלכע עס זײַנען דערווײַל געלעגן אָנגעגרייט פרישע בולקעס אַ גאַנצע שורה, — פּלוצים איז געוואָרן אַ גוואַלד: עס איז אויסגעגאַנגען וואַסער פון דער דייזשקע!

— ווו קריגט מען ערגעץ וואַסער? — האָט געפרעגט התנס צד.

— וואַסער ווו נעמט מען? — האָט געענטפערט כלהס צד.

— וואַסער! — האָט געשריגן דוואָסי־מלכה, שוין אַביסל הייזע־ריקלעך.

— וואַסער, וואַסער! — האָט איר אונטערגעהאָלפן שרײַען אײַזיק־נפתלי, פאַרקאַטשעט די פּאָלעס און געמיינט, אַז ער טוט עפּעס.

אין דער דאָזיקער נײַער מהומה האָט סטעמפּעניו געהאַט די געלעגנ־הייט צו שמועסן נאָך אַביסל מיט רחלען, וואָס איז געווען ערנסט און עפּעס ווי פאַרטראַכט. אירע שיינע בלויע אויגן האָבן געקוקט ווײַט־ווײַט. נישט אַף סטעמפּעניון, און אירע אויערן האָבן אויסגעהערט פון אים אַ גאַנץ לאַנגן שמועס.

און ריידן האָט סטעמפּעניו געקאָנט. ער האָט גערעדט גוט, דער כל־בוניק! מיט די רייד האָט ער אַרומגענומען אַרום און אַרום, ווי אַ גוטער מזיק, געקוקט גלײַך אין די אויגן אַרײַן... וואָס זאָג איך? אין האַרצן אַרײַן, טיף־טיף אין האַרצן אַרײַן.

סטעמפּעניו האָט גערעדט, און רחלע האָט געהערט, און דער רעש פון די התונה־לײַט איז געווען אַזוי גרויס, אַז מע האָט נישט געקאָנט הערן זייער שמועס, אַ חוץ די לעצטע עטלעכע ווערטער:

— אָט דאָס איז אײַער משה־מענדל? — האָט זי סטעמפּעניו אַ פרעג געטאָן, אָנגעוויזן מיט די אויגן אַף אַ יונגנמאַנטשיק, וואָס האָט געהאַלטן אַ לאַץ פון אַ ייִדישער קאַפּאָטע און האָט געטענהט צו יענעמס לאַץ מיט אַלע חושים, מיט אַלע אברים.

— דאָס איז ער... — האָט איר רחלע געענטפערט און איז אָפּגע־טראָטן אַף אַ זײַט, ווי באַליידיקט.

רחלע האָט זיך געפונען באַליידיקט און האָט שוין מער נישט געקוקט אַפילו אין יענעם ווינקל, ווו די כלי־זמר זײַנען געזעסן. סטעמפּעניו האָט נאָכדעם לאַנג אַרומגעפּאַדקעוועט אַרום איר, — נאָר עס האָט אים גאָר־נישט געהאָלפן. מע קאָן בפירוש זאָגן, אַז ער איז איר נמאס געוואָרן, נמאס ומאוס, אָט דער סטעמפּעניו מיט זײַן עזותדיקן קוק און מיט זײַנע אַלע גענג... „פע, ס'איז אַ חרפּה, אַ בושה, אַז אַ ייִדישע טאָכטער זאָל גאָר שטיין אין זײַנע דל"ת אמות"...

אַזוי קלערט זיך רחלע, צוגייענדיק צוריק צו דער כלה, און איז שוין פּאַרטיק צו פאַרגעסן, אַז ס'איז דאָ אַ סטעמפּעניו אַף דער וועלט. נאָר — שאַ! וואָס איז דאָרט פאַר אַ גערודער פלוצים? סטעמפּעניו שפּילט שוין ווידער אַ וויינענדיקס, און די קאַפּעליע האַלט אים אונטער; אוים ליאַרעם, אוים געפּילדער! ייִדן ווערן פאַרטראַכט, ווײַבער ווערן אַנ־שוויגן, ייִנגלעך, מיידלעך קלעטערן אַרויף אַף די בענק און אַף די טישן — אַלע ווילן הערן סטעמפּעניון. אײַזיק־נפתלי האַלט דעם קאָפּ אַף אַ זײַט און הערט זיך אײַן, ווי אַ גוטער מבין. דוואָסי־מלכה, ווי זי איז געשטאַנען מיטן זײַדן טיכל פאַרבונדן אַרונטער, מיט אַ טעלער אין דער האַנט, אַזוי איז זי געבליבן שטיין אין דער פּאַזע. און אַפילו די סאַרווערס מיט די פאַרקאַטשעטע פּאָלעס און די סאַרווערנס מיט די אונטערגע־שטעקטע קליידלעך זײַנען אויך געבליבן, ווי פאַרגליווערט, אַף זייערע ערטער אינמיטן שטוב. און סטעמפּעניו האָט זיך צעגאָסן אָפּן פידעלע מיט אַזעלכע טרויעריקע אומעטיקע געזאַנגען, אַז דער עולם איז געבליבן אָן אָטעם, געשטאָרבענע, טאַקע פּשוט געשטאָרבענע, טויטע מענטשן!... דאָס האַרץ ווערט פול, צעווייקט, און עס שטעלן זיך טרערן אין די אויגן. ייִדן זיפצן, ייִדן קרעכצן, יידן וויינען... און סטעמפּעניו? — ווער סטעמפּעניו? וואָס סטעמפּעניו? מע זעט אים גאָרנישט, מע זעט נישט קיין סטעמפּעניו, מען זעט ניט קיין פידעלע; מע הערט די זיסע קולות, געטלעכע געזאַנגען, וואָס פילן אָן די שטוב... און רחלע די שיינע, וואָס האָט נאָך ביז הײַנט נישט געהערט סטעמפּעניוס שפּילן, שטייט און הערט זיך צו צו די כשופדיקע געזאַנגען, צו די זעלטענע קולות — און פאַר־שטייט נישט, וואָס דאָס איז? עפּעס ציט איר אָם האַרץ, עפּעס גלעט דאָס זי, נאָר וואָס דאָס איז — פאַרשטייט זי נישט. זי הייבט אויף די

אויגן און קוקט אהין, פון וואַנען עס גיסן זיך די ווונדערלעכע מעלאָדיען, און דערזעט אַ פּאָר ווונדערשיינע שוואַרצע אויגן, וואָס קוקן גלייך אַף איר, גלייך אַף איר, וואָס נעמען זי דורך, ווי צוויי שאַרפע שפּיזן; די ווונ־דערשיינע שוואַרצע פּײַערדיקע אויגן קוקן אַף איר און ווינקען צו איר און ריידן מיט איר... רחלע לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און זעט די ווונדער־שיינע שוואַרצע פּײַערדיקע אויגן, רחלע קוקט אַף אַלע זײַטן — און זעט אַלץ אָט אַ יענע ווונדערשיינע שוואַרצע פּײַערדיקע אויגן...

VI

נאָך דער „חופּה־וועטשערע"

די „חופּה־וועטשערע" האָט זיך שוין לאַנג געענדיקט. עס איז שוין נאָך אַלע „וויוואַטן", נאָך דעם „דרשה־געשאַנק", נאָך דעם „כשר־טאַנץ" — דער עולם הוליעט, יעדער דינגט אַ טאַנץ, מע כאַפּט אַ פריילעכס; רב יאָנטל דער שוחט גייט אַ „קאָזאַקל", און אַקעגן אים צעלאָזט זיך מיט גרוים קוראַזש די מחותנתטע אַליין מיט איר גראָבן בויך, מחילה, און דער גאַנצער עולם פּליעסקעט אונטער רב יאָנטלען, וואָס זעט גאָר־נישט, אַז ער טאַנצט מיט אַ נקבה און מאַכט „פּריסיאַדקעס", ווי אַ בוואַט, און אַקעגן אים העצקעט זיך די מחותנתטע מיט די הענט „באַדבאַקאַם" און שמייכלט צו רב יאָנטלען מיט אַ ברייטן שמייכל איבערן גאַנצן ברייטן פּנים, ווי די לבנה אין האַלבן חודש... שפּעטער ווערט נאָך פריילעכער. מע טאַנצט שוין, מחילה, אין איינע תחתונים. אײַזיק־נפתלי שטייט שוין אָן אַ קאַפּאָטע, מיט די ברייטע ווײַסע אַרבל. מע האָט אים לאַנג געשלאָגן, ביז ער האָט מסכים געווען אויסצוטאָן די קאַפּאָטע, און אַפן קאָפּ האָט אים עמיצער אָנגערוקט אַ קאַפּעליוש ביז דער נאָז — און אַלע לאַכן פון אים מיט פאַרשכורטע אויגן, אַפילו זײַן אייגענער זון משה־מענדל (רחלעס מאַן) שלעפּט אויך דעם טאַטן פאַר איין אַרבל „אין קאָן אַרײַן".

— פּולקעס, פּולקעס! — שרײַט משה־מענדל, שפּרינגט ביז דער סטעליע.

די כלי־זמר שפּילן שוין אַליין, אָן סטעמפּעניון. צווישן דער דאַ־

זיקער חברה איז געוואָרן גאָר הפקר. דאָס גאַנצע רעדל פירט איינער פון די געשוואָלענע יונגען מיט די גרויסע ציין. דער שוואַרצער קאַלטע־נעוואַטער רב שניאור־מאיר דער אונטערהאַלטער (סעקונדע) דרעמלט, רב יאָקל קאַנטרבאַס שלאָפט. נאָר יונגווארג אַרבעטן אויף אַלע כלים, און מער פון אַלע האַרעוועט נעבעך מעכטשי פּיִקלער: ער קאַכט אָפּן פּויק, ווי אַ גזלן; זײַן גאַל קעפּל האָט ער באַהאַלטן אין באַראַבאַן אַרײַן, און מע זעט נאָר, ווי ער אַרבעט מיט די פּלייצעס, צוטופּענדיק מיט די קרומע פיסלעך. און סטעמפּעניו? סטעמפּעניו שאַרט זיך אַרום די יונגע ווײַבלעך, און נאָך מער — אַרום רחלען.

— שוויגער, קומט לאָמיר גיין אַהיים! — זאָגט רחלע צו דוואָסי־מלכהן, וואָס שטייט און באַטראַכט אײַזיק־נפתלין מיט די ווײַסע אַרבל און מיטן קאַפּעליוש.

— קום, טאָכטער, קום! מאָרגן איז אַ מאַרק, דאַרף מען זיך אָפּ־רוען. זע נאָר, ווי זיי האָבן זיך אַביסל צעהוליעט!

און דוואָסי־מלכה גייט מיט רחלען אַהיים.

דער טונקעלער־בלויער הימל ווערט אין איין זײַט אַביסל העלער, ליכטיקער. עס שאַריעט אויף טאָג. עס טוט אַ קריי איין האָן, און צען אַנ־דערע העגער ענטפערן אים. ווײַט־ווײַט לאָזט זיך הערן דאָס בילן פון אַ הונט. אַלע שטיבעלעך, אפילו בײַ די גויים, זײַנען נאָך צוגעמאַכט, נאָר בײַ איין הערש־בער דעם שוחט לײַכט זיך: הערש־בער דער שוחט שטייט אויף אַ שעה פאַר טאָג לערנען „פאַר זיך".

— וואָס זאָגסטו, רחלע, אויף גנעסים טאָכטער, ווי זי האָט זיך עס אַביסל אויסגעסטראָצלט? ביסט אַ מבין אויף איר?

נאָר רחלע ענטפערט איר נישט דערויף. רחלע איז פאַרנומען מיט אירע אייגענע געדאַנקען. ווער ווייס, וואָס און וועגן וועמען זי טראַכט אַצינד?...

— שוויגער! — זאָגט רחלע פּלוצים. — אָט דאָס הער איך דאָס ערשטע מאָל אויף מײַן לעבן סטעמפּעניוס שפּילן.

— גיי שוין גייט, קינד, נאַ דיר גאָר דאָס ערשטע מאָל! — ענטפערט איר די שוויגער. — נו, און בײַ אײַער גביר רב לייבצי אַברהם־הערשס? און בײַ רב נחמיה ביק? און בײַ שרה בן־ציונס? און בײַ רבין אַליין?

— איך געדענק נישט, — ענטפערט רחלע, — איך האָב נאָר געהערט — סטעמפעניו, סטעמפעניו, און געזען האָב איך אים ניט.

— נו, ס'פאַרשטייט זיך, ביסט נאָך דעמאָלט געווען... וואָס ביסטו געווען? אַ פּיסקליאַ ביסטו געווען, ווען סטעמפעניו האָט געשפּילט אין סקווירע באַם רבין די חתונה. אַ חתונה איז דאָס געווען — אַף אַלע מיַינע ליבע, רבונו של עולם! אַ היבש שמיקל חתונה! קאָנסט זיך מעלדן, אַז איך האָב דעמאָלט געטראָגן, סאַמע מיט יאָסלען האָב איך געטראָגן, און בין געווען, הייסט דאָס, און בין געווען, אַזוי גרויס, ווי אין זעקסטן... האַ? ניין, אין אַכטן חודש טאָקע... ווּהין גייסטו דאָס, רחלע? אָט איז דאָך אונדזער שטוב, און דו ביסט פאַרקראָכן גאָר צו גנעסין, — ס'אַ גראַם, כע־כע!

— זעט נאָר! — ענטפערט רחלע, אַרומקוקנדיק זיך אַף אַלע זיַיטן.

— אַ שיינע מעשה, כ'לעבן, כאַ־כאַ־כאַ!

און לאַכנדיק זיַינען די שוויגער מיט דער שנור אַריַינגעקומען צו זיך אַהיים, זיך צוליינן אַף אַ פּאָר שעה אָפּרוען, דען מאָרגן פרי שטעלט זיך אויס אַ גרויסער מאַרק אין מאַזעפּעווקע, כמעט אַ גאַנצער יריד.

IIV

רחלע קאָן נישט אַנשלאָפן ווערן

האָט איר געהערט אַן אומגליק? — רחלע קאָן נישט שלאָפן! זי קאַטשעט זיך אַף אַלע זיַיטן, זי דעקט זיך צו און דעקט זיך אָפּ — נישטאָ קיין שלאָף אַף איר! וויפל זי פליַיסט זיך, אַ שטייגער, נישט צו טראַכטן וועגן אים, וועגן סטעמפעניון מיין איך, — און ער קריכט איר אַלץ פאַר די אויגן, דער גוטער יאָר ווייס אים וואָס און ווען! זי מאַכט צו די אויגן שטאַרק־שטאַרק — און דערזעט אים מיט זיַינע וווּנדערשיינע שוואַרצע פיַיערדיקע אויגן, ווי זיי קוקן גליַיך צו איר, ווי זיי ווינקען צו איר, ווי זיי רופן זי צו זיך... „אַ, נישט געדאַכט זאָל ער ווערן!... משה־מענדל זאָל כאַטש זיַין!” — קלערט זי זיך. זי עפנט אויף די אויגן און דערזעט סטעמפעניון מיטן פידעלע, און עס מאָלט זיך איר אויס, אַז זי הערט נאָך דאָס שיינע זעלטענע שפּילן... „אָך, אַ מין שפּילן,

נו, נו! נישט אומזיסט דערציילט מען זיך אָן וועגן אים אַזעלכע ווּנדערלעכע מעשיות"... און רחלע דערמאָנט זיך אָן אַלע יענע שיינע מעשיות, וואָס זי האָט זיך אָנגעהערט וועגן אים נאָך בשעת זי איז געגאַנגען אין חדר זיך לערנען שרײַבן צו מאָטל שפּרײַז דעם מיידלשן שרײַבער, בשעת זיי זײַנען געזעסן אין סקווירע. אָט דאָרט האָט זי זיך דאָס אָנגעהערט פֿון אירע חברטעס מעשיות, ווי‏אַזוי סטעמפּעניו האָט אַמאָל אָפּגערעדט אַ כּלה פֿון אַ חתן, און די כּלה איז פֿאַר בזיון געשטאָרבן, און מע האָט געשטעלט אַף איר אַ שוואַרצע חופּה... ווי‏אַזוי סטעמפּעניו האָט אַמאָל אָפּגעטאָן אַ מיידל דערפֿאַר, וואָס זי האָט אים אָנגערופֿן מיטן נאָמען שאַרלאַטאַן... ווי‏אַזוי סטעמפּעניו האָט אַמאָל געשפּילט אַ חתונה באַ אַ גרויסן פּריץ, אַ גראַף; ווי דעם גראַפֿס טאָכטער, די פּאַניענקע, אַ זעלטענע שיינהייט, האָט זיך אין אים אײַנגעקאָכט און האָט געזאָגט: איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל — דער טויט זאָל איר זײַן און סטעמפּעניון וויל זי... דער גראַף, אַז ער האָט דערהערט אַזאַ מעשה, האָט ער מיט אים אײַנגעטענהט, פּרי‏ער מיט בייזן, דערנאָך מיט גוטן, און לסוף האָט ער אים צוגעזאָגט דרײַ דערפֿער אַבי ער זאָל זיך איבערקערן און נעמען זײַן טאָכטער, די פּאַניענקע, פֿאַר אַ ווײַב. נאָר סטעמפּעניו האָט אים געענטפֿערט אַף פֿראַנצויזיש (סטעמפּעניו האָט געקענט דײַטש און פֿראַנצויזיש), אַז ער מעג אים אָנשיטן אַ פֿולע שטוב מיט רענדלעך, וועט ער זײַן רענדל נישט אויסבײַטן (און דערפֿאַר איז ער געווען באַ אַלע ערלעכע ייִדן, אַפֿילו באַם רבין, אַזאַ חשוב). און די פּאַניענקע, אַז זי האָט דאָס דערהערט, האָט זי זיך מיטן אָנטאָן אַרײַנגעוואָרפֿן אין טײַך אַרײַן... און נאָך פֿיל ווּנדערלעכע מעשיות וואָס עס נעמט אָן אַ שרעק, נאָר אויסהערנדיק זיי...

נאָך האָט זיך רחלע דערמאָנט, וואָס זי האָט געהערט פֿון אירע חברטעס, אַז סטעמפּעניו האָט אַזאַ מין פֿלעשעלע „ליבע־טראָפּן"...

„ליבע — ליובקע, קאָך לאָקשן! — האָט זיך רחלע געקלערט, דערמאָנט זיך אָן די אַלע שיינע מעשיות. — נאַ דיר אַ גראָשן פֿאַר דער גאַנצער ליבע! מײַן משה־מענדל, נישקשה, האָט מיך ליב אָן „ליבע־טראָפּן". און איך אים? איך משה־מענדלען?"...

און רחלע קערט זיך איבער אַף דער אַנדערער זײַט, מיטן פּנים צו דער וואַנט, און טראַכט וועגן דעם גאַנץ שטאַרק. דאָס ערשטע מאָל איז איר אַרויפֿגעקומען אַפֿן קאָפּ אַזאַ מחשבה: „אָט האָסטו דיר די אַנדערע

טעג יום־טוב! וואָס עפּעס מיצקעדערינען ליב־שמיב? פּײַנט געווים נישט!״...

און באמת טאַקע, פאַרוואָס זאָל זי אים פּײַנט האָבן? משה־מענדל איז, חלילה, נישט קיין מיאוסער יונגערמאַן, אַביסל פון דער נײַער וועלט. די פאות פאַרשאַרט אַרונטער, לייענט אַ בלאַט, מאַכט שיין קידוש, האָט ליב צו זאָגן אַ ווערטל, מיט יונגעלייט אַ שטיף טאָן — גאָר אַ פײַנער יונגערמאַן. אמת, צו איר, צום ווײַב, איז ער נאָך אַביסל ווילד, רעדט מיט איר קיינמאָל נישט קיין צוויי גאַנצע ווערטער, עפּעס נאָר מיט אַ ווערטל און מיט אַ דריי־זיך־אויס אָדער אין בית־המדרש, אָדער אין מאַרק. ער זאָל זיך עס אַ מאָל, אַף אַ ציקאַוועסט, אַנידערזעצן מיטן ווײַב, ווי בײַ לײַטן פירט זיך, ריידן, שמועסן גלאַט אַזוי — דאָס ניין. אַ ווילדע ציג!

אוי נישט דאָס האָט רחלע געמיינט כלהוויײַז! רחלע, אַז זי איז אַ כלה געוואָרן, האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז אַלע זײַנען איר מקנה אַף איר חתן; אַז אַזאַ משה־מענדל (אַך, איז ער געווען שיין התנוויײַז!) איז נאָר דאָ איינער בײַ גאָט און דער אַנדערער בײַ איר — און זי וועט דאָס זײַן איינע אַ גליקלעכע... און צום סוף? צום סוף זעט זי, אַז אירע אַלע חברטעס לעבן טאַקע אַ גוטן טאָג: די איז ערגעץ מיט איר מאַן אין אַ גרויסער שטאָט און שרײַבט פון דאָרט אַזעלכע בריוולעך, וואָס עס לאָזט זיך אויס די וועלט, און יענע איז שוין אַליין אַ בעל־הביתטע; אפילו חנה־מירל, וואָס האָט חתונה געהאַט פאַר אַן אַלמן מיט פינף קינדער און וואָס האָט אַזוי אײַנגעלייגט די וועלט, איז אויך גליקלעך. און זי? און רחלע?... אַך, נישטאָ וואָס צו ריידן. אַ גאַנצע וואָך זיץ פאַרשפּאַרט, ווי אַן עוף אין אַ שטייג: עס, טרינק און שלאָף! דער שווער און שוויגער לאָזן נישט אָטעמען: טאָג און נאַכט רחלע און רחלע! און משה־מענדל מיט זײַנע גענג מיט זײַנע ווערטלעך, גלײַך ווי זי וואָלט געווען בײַ אים אַ וויים איך וואָס... שאַ! אָן קלאַפּט עמיצער אין דער טיר. דאָס קער אודאי זײַן משה־מענדל. די שוויגער גייט אים עפענען.

— משה־מענדל!

— האַ, וואָס?

— ס'איז דו, משה־מענדל? — פרעגט אים די מוטער.

— נו, אַ טענצל, ימח שמו, בררררר... — ענטפערט איר דער זון.

— וואָס לעפּעטשעסטו, משה־מענדל? — זאָגט ווידער צו אים די מוטער. — טו זיך אוים און לייג זיך שלאָפֿן.

— ימח שמו, גוט געטרונקען, בערל־מנשה, כאַ־כאַ־כאַ!

— גאָט איז מיט דיר, משה־מענדל! וואָס פּלאַפּלסטו? — זאָגט צו אים דוואָסי־מלכה, אויסרייַבנדיק אַ שוועבעלע.

— איר הערט דען נישט, שוויגער, אַז ער איז שכור־לוט? — זאָגט צו איר רחלע. — צינדט אים דאָרט אָן אַ ליכט, זייַט מוחל, ער וועט זיך ברעכן רוק און לענד.

— כיללל... נאָך אַ גלעזל, ימח שמו!...

מיט די דאָזיקע האַלבע ווערטער פֿאַלט משה־מענדל אַנידער באַ זיך אין בעט און ווערט גיך אַנטשלאָפֿן מיט אַ שרעקלעך כראָפּעריי. דוואָסי־מלכה ווערט אויך אַנטשלאָפֿן. די קליינע קינדער שלאָפֿן שוין לאַנג. עס סווישטשעט און עס פּייַפֿט אין אַלע ווינקעלעך. אַלע שלאָפֿן געשמאַק אינעם דאָזיקן שטיבל, נאָר איין רחלע קאָן נישט אַנטשלאָפֿן ווערן, כאָטש נעם טו זיך אָן אַ מעשה — נישטאָ קיין שלאָף!... די לבנה שייַנט אַרייַן דורך אַ פֿענצטער, און אַ לאַנגע ווייַסע פּאַסמע פֿון איר ליכטיקייט פֿאַלט אָפּן בעטל, אויף וועלכן משה־מענדל ליגט צעוואָרפֿן מיטן פּנים אַרויף, דאָס מויל אָפֿן, די אויגן פֿאַרגלאָצט, דער האַלדז פֿאַררִיסן, און אַ קנאָפּ, אַ שאַרפֿער קנאָפּ, שטעקט אַרויס פֿונעם גאָרגל, אַז עס איז אַ מיאוסע זאַך צו קוקן.

רחלע וויל נישט קוקן — און קוקט פֿאָרט; קיינמאָל האָט איר משה־מענדל נישט אויסגעוויזן אַזוי העסלעך, ווי אַצינד, ווי אין דער דאָזיקער נאַכט. און, נישט ווילנדיק, האָט זי אים פֿאַרגלייַכט מיט אַן אַנדערן, מיט אַ יענעם ימח־שמוניק סטעמפּעניו... און דאָס איז דער אייגענער משה־מענדל, וואָס פֿריִער? וואָס אַמאָל, בשעת התנוויַיז, מיט זייַן שיין ווייַס פּנימל, מיט זייַן זיס שמייכעלע, מיט זייַנע פֿרייליכע אייגעלעך, מיט זייַן גלייַך שטעלטל, מיט זייַן גענגל און מיט אַלע זייַנע בנעימותדיקע פּאַסטעמקעס, מיט זייַנע קלוגע גלייַכווערטלעך? אָט דאָס איז יענער משה־מענדל?...

און דאָ האָט אים רחלע, נישט ווילנדיק, ווידעראַמאָל פֿאַרגלייַכט מיט אַן אַנדערן, מיט סטעמפּעניון...

אוועק, אוועק, פֿינצטערע מחשבות, פֿון אַ ייִדישער טאָכטער!

VIII

צום „שלייער־וואַרמעס"

אַף מאָרגן, אַז כיענע די שמשטע איז געקומען צו דוואָסי־מלכהן זאָגן, אַז די מחותנתטע מיטן חתן, מיט דער כלה, מיט אַלע מחותנים האָבן געלאָזט בעטן צום שלייער־וואַרמעס, איז שוין רחלע געווען אויס־געשלייערט און אָנגעטאָן נאָך דער לעצטער מאָדע פון רב דוד מעכאַניק דעם זשענסקי שנײַדער: אַ בלוי זײַדן מלבוש, הימל־קאָליר, מיט ווײַסע קרוזשעווקעס און מיט גאַנץ ברייטע אַרבל, ווי מע האָט דעמאָלט געטראָגן אין מאָזעפּעווקע, ווו די מאָדע האָט פאַרשפּעטיקט אַף עטלעכע יאָר; אַפן קאָפּ אַ בלוי זײַדן טיכל, אַזשורנע אַרבעט, אַזוי, אַז מע האָט געקאָנט אַרויסזען דעם גאַנצן שלייער מיט די צעפּ... נאָר פרעמדע צעפּ; די אייגענע בלאָנדע האָר זײַנען שוין בײַ רחלען פון לאַנג באַהאַלטן, פאַר־באָרגן אַף תמיד, אַף אייביק! עטלעכע שנירעלעך פערל אַפן האַלדז, אַפן ווײַסן, אַפן שיינעם האַלדז, אַ גרויסע גאָלדענע קייט, אַ בראָש, בראַסליעטן, פינגערלעך, אויערינגלעך — די גאַנצע יִדישע צירונג, דער גאַנצער יִדישער מאַיאָנטעק.

אָן אויסגעשלייערטע איז רחלע געזעסן בײַ זיך אין חדר, ווו משה־מענדל איז נאָך געלעגן אין דער נעכטיקער פּאָזע, מיטן גאָרגל אַרויף און מיט אַן אָפן מויל, און האָט געהאַלטן אין איין כראָפּען.

„אַך, וואָס פאַרא גרויסער חילוק עס איז צווישן די צוויי משה־מענדלען, דאָס הייסט, צווישן משה־מענדל דעם חתן און משה־מענדל דעם מאַן: יענער משה־מענדל איז עפּעס געווען מיט אַזויפיל חן, זײַנע אויגן האָבן געלײַכט, ווי הבדלות, זײַן קול איז געווען צוקער־זיס, זײַנע אַלע פּאַסטעמקעס זײַנען געווען אַזוי אָנגענעם, אַזוי ליבלעך! און דער משה־מענדל? עפּעס אַזוי משונה־לאַנג און שמאָל און סאַטולעוואַטע, און אַ געל בערדל שיט זיך אים. פון וואַנען האָט זיך צו אים גענומען אַזאַ צאַפּן־בערדל?

און נישט ווילנדיק, שטעלט זי זיך פאַר אַלץ אַט אַ יענעם כל־בוניק, וואָס האָט זי אַ גאַנצע נאַכט נישט געלאָזט שלאָפן — אַ ריינער אומ־גליק! „איך בין אַליין שולדיק — קלערט זיך רחלע — איך בין אַליין שולדיק: פּלוצים נאַ דיר גאָר אַזאַ שלים־מזל, אַ סטעמפּעניו! ווער

שטעלט זיך דאָס אָפּ פּלוצים ריידן מיט אַ כּלי־זמר? פע, בזיונות! און וואָס וואָלט מען געקאָנט אָף מיר זאָגן, ווען מע זאָל מיך זען שטיין און ריידן מיט אים? אַ מערכה, וואָס ס'איז געווען אַזאַ געפּילדער. און וואָס וואָלט משה־מענדל געזאָגט?״...

און מיט אַ שמייכל איז רחלע צוגעגאַנגען צו משה־מענדלס בעט און האָט זיך אײַנגעבויגן איבער זײַן קאָפּ און האָט אים אָנגערופן בײַם נאָמען. משה־מענדל האָט אויפגעעפנט די גרויע אויגן און האָט לאַנג געקוקט און האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס ער זעט פאַר זיך.

— משה־מענדל! — האָט אים רחלע געזאָגט, אָנגעבויגן זיך אײַנגאַנצן צו אים. — משה־מענדל! דו דערקענסט מיך נישט, צי וואָס? קוק אים אָן, ווי ער באַטראַכט מיך אַביסל! איך בין דיר, אַפּנים, געפעלן אין שלייער?

— אַי, לאָז צורו, וויל שלאָפן!... — און מיט די ווערטער דרייט זיך משה־מענדל אויס מיטן פּנים צו דער וואַנט און לאָזט אַרויס אַ משונה־ווילד כראָפּערײַ.

— די מחותנתטע און חתן־כּלה און אַלע מחותנים האָבן געלאָזט בעטן אײַך מיט אײַער שוויגער און מיט אײַער מאַן אָפּן „שלייער־ווארמעס״.

אַזוי רופט אויס ביענע די שמשטע, אַרײַנגעשטעקט דעם קאָפּ אין דער טיר אַרײַן, נאָר דערזען, ווי רחלע שטייט איבערן מאַנס צוקאָפּנס, טוט זי זיך אַ וואָרף צוריק.

***

רחלע האָט געטראָפן די כּלה נאָך ניט קיין אויסגעשלייערטע. ביידע חברטעס האָבן זיך צעקושט און עס איז צווישן זיי גיך פאַרבונדן געוואָרן אַ גאַנץ וואַרעמער שמועס, ווי עס דאַרף צו זײַן צווישן צוויי יונגע ווײַבלעך.

דער עולם האָט זיך געקליבן ביסלעכווײַז, און די סאַרווערס מיט די סאַרווערקעס האָבן באַדעקט די טישן מיט כּל־טוב: מיט לעקעך און מיט אײַנגעמאַכטס, מיט קומיש־ברויט און מיט מאַנדל־בייגעלעך און מיט שטרודלען אַלערליי. די נעבעכיקע שמשים מיט די נעבעכיקע אָרעמע לײַט זײַנען שוין אויך דאָ. דער מחותן, חיים־בנציון, לויפט אַרום אַן אויסגעצוואָגענער, מיט אַ סאַמעטן קאַשקעטל, און די מחותנתטע איז שוין

הייזעריק, ווי די וואַנט; דאָך, הערט זי נישט אויף צו פּאַראַדקעווען טרײַבט דעם אַהער און דעם אַהין און שרײַט מיט די לעצטע כּחות:

— איך ווילט מיך אומגליקלעך מאַכן, שונאי־ציון! איר נעמט און שטעלט אוועק אַ בעקן מיט טאָרט און מיט אײַנגעמאַכטס דאָרט ווו עס דאַרף גאָר שטיין דאָס פלעשל בראָנפן מיט די גלעזלעך, ווונד איז מיר און ווײ איז מיר! גיי צערײַס זיך! נאַ דיר אַ חתונה! קאָסט אַ גרודע גאָלד, און צום סוף — נאַ דיר! אַפילו די כּלי־זמר זײַנען נאָך אויך נישטאָ! טאַקע נאָר אַ מעשה קומט זיך אָנצוטאָן און גענוג!

— שאַ, לאָז זײַן שטיל! — שרײַט חיים־בנציון דער מחותן. — וואָס פּילדערסטו אַזוי? מע ווערט פון דיר נישט גליקלעך! זי טוט גאַרנישט און שרײַט! וואָס שרײַסטו וואָס? אַ נאַווינע בײַ דיר אַ קינד חתונה צו מאַכן? דאָס ערשטע מאָל, צי וואָס? קוק זי אָן, זי כריפּעט אַזש! צונויפגערופן געסט מיט קרובים אַ גאַנצע שטאָט און לויפט אַרום און שרײַט! טאָמער ווייסטו וואָס?

— ווער שרײַט, משוגענער כּהן? ווער שרײַט?

— איך ווייס ווער סע שרײַט? אדרבה, זאָג שוין אַליין!

— איך שרײַ נישט; סע דו שרײַסט.

— איך שרײַ שוין? אַזוי? גאָר פאַרקערט?

— אָט שרײַסטו דאָך, חיים־בנציון, וואָס איז דאָס דיר אָנגעקומען אַזעלכם?

— אַ גוטער מאָרגן זאָל קומען אָפן מחותן מיט דער מחותנתטע, אָפן חתן מיט דער כּלה, אַף אַלע מחותנים פון ביידע צדדים און אַף אַלע ליבע פרײַנט, וויוואַט — גאַנץ פײַן אויסגעשפּילט!

מיט דעם הילכיקן אויסרוף פון בײַכל בדחן האָבן זיך די כּלי־זמר גענומען צו די כּלים, און די חתונה איז געוואָרן ווידער אַ חתונה! דער עולם האָט זיך גענומען אויסוווישן די הענט אין די פּאָלעס, פאַרקאַטשען די אַרבל, און ערשט נאָכדעם זיך וואַשן, געזעצט זיך צום טיש פּראָווען דעם „שלייער־וואָרמעס" — און דאָ האָט זיך סטעמפּעניו גענומען דאָס פידעלע און האָט איבעראַנײַס געמאַכט אַלע נעכטיקע קונצן נאָך מיט עטלעכע צוזעצלעך און מיט אַ צוויי־דרײַ נײַע שטיקלעך, פון וועלכע דער עולם האָט געגאַפט אַף די נעגל און איז געווען אויסער זיך. אַלע אויגן האָבן געקוקט אַף אים, אַף סטעמפּעניון; נאָר איין רחלע האָט נישט

געקוקט אין יענעם ווינקל — און דאָך האָט זי אים געזען, און דאָך האָט זי געפילט, אַז ער קוקט אַף איר... ערשט דעמאָלט, אַז סטעמפּעניו האָט דאָס פידעלע אַוועקגעלייגט, און צווישן עולם איז געוואָרן אַ הו־הא, — ערשט דעמאָלט האָט רחלע אויפגעהויבן אירע בלויע אויגן און האָט דערזען... סטעמפּעניון.

— וואָס זאָגט איר אַף אים? — האָט זיך צו איר געווענדט די כלה, וואָס האָט ביז אַהער געשוויגן.

— אַף וועמען? — האָט זי רחלע געפרעגט בתמימות.

— אַף סטעמפּעניון; אַ שיינער כל־בוניק?...

רחלע האָט איר גאָרנישט געענטפערט דערויף. זי האָט דערפילט, אַז די פאַרב קומט איר צו אין פּנים אַריין. די כלה האָט דאָס באַמערקט און האָט זי אַ פרעג געטאָן:

— ס'איז אײַך היים, רחלע? איאָ, ס'איז אײַך היים?

— יאָ היים, שרעקלעך היים! איך וועל אַרויסגיין אַף אַ מינוט אין דרויסן זיך אָפּקילן. — האָט איר רחלע געענטפערט און איז אַרויס־געגאַנגען פונעם טיש, באַגעגנט זיך אַף יעדן טריט מיט אַ סאַרווער אָדער אַ סאַרווערקע, וואָס האָבן איר אָפּגעטראָטן דעם וועג מיט גרויס כבוד, נישט אַזוי צוליב איר, ווי צוליב איר זײַדן מלבוש. נאָר נישט אַזוי גיך האָט זי געטראָפן צו דער טיר, דען, ערשטנס, האָט זי באַדאַרפט דורכ־שפּאַרן זיך דורך די כלי־זמר, וואָס האָבן זי באַטראַכט „מיט אויגן" און האָבן זיך דורכגעוואָרפן אַף זייער לשון: „קליווע יאַלדאָווקע, מע דאַרף טירן מיט צווזניכבע"... און אַז זי האָט זיך באַגעגנט מיט סטעמפּעניוס אויגן, האָט זי דערפילט עפּעס אַ מין האַרצקלאַפּעניש, וואָס זי האָט נאָך ביז אַהער קיינמאָל נישט געפילט; דערפון איז זי געוואָרן נאָך רויטער און האָט דערפילט אַ שרעקלעכע היץ אין פּנים ווי אַ מענטש, וואָס גייט אַף אַ שרפה סאַמע באַם רעכטן פֿײַער. צו די צרות האָט זי זיך נאָך גע־דאַרפט באַגעגענען מיטן מחותן רב חיים־בנציון, שוין כמעט באַ דער טיר, און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן אַ נײַע חתונה: רב חיים־בנציון איז געווען אַ ייִד אַ חסיד און האָט געציטערט פאַר אַ נקבה שרעקלעך. אַז ער האָט זיך באַגעגנט פּלוצים מיט רחלען, האָט זיך רב חיים־בנציון באַ־דאַרפט, אייגנטלעך, אַ וואָרף טאָן צוריק, ווי דער שטייגער איז, נאָר, מעשה שטן, האָט ער זיך גאָר אַ נעם געטאָן רעכטס, און אַזוי ווי זי, רחלע, איז אויך געגאַנגען רעכטס, איז אָפּגעגאַנגען אַ האָר, זיי זאָלן זיך

צעבוצקען. לכן איז רב חיים־בנציון געפאלן אף אן עצה און האט זיך באלד א כאפ געטאן לינקס; צום אומגליק, איז זי אויך געפאלן אף דער זעלבער עצה און האט אויך גענומען לינקס. דא האט רב חיים־בנציון באלד פארשטאנען, אז מע דארף זיך ראפטאם א לאז טאן טאקע נאר רעכטס, נאר ביז ער האט זיך א ריר געטאן, איז אים שוין רחלע געשטאנען אקעגן, ווי אף צו להכעיס — און גאט ווייס ביז וואנען זיי וואלטן אזוי אוועק־געטאנצט, ווען אף זייער גליק זאל נישט געווען אנגעקומען די הייזעריקע מחותנתטע און נישט שטעלן זיך אויסטענהן מיטן מחותן, אף זייער גע־ווײנלעכן שטייגער, און דערווײל האט זיך רחלע ארויסגעכאפט אין דרויסן ארויס, אביסל אפקילן זיך פון דער שרעקלעכער היץ.

IX

רחלעס ביאגראפיע און חיה־עטלס ראמאן

אינדרויסן איז אבער געווען נאך הייסער. עס איז געווען א תמוזדי־מער טאג. די זון האט געהאלטן אין מיטן הימל און האט געסמאלעט און געבראטן גאר אן רחמנות. אף די הילצערנע און שטרויענע דעכער פון די מאזעפעוקער הײזער האט זיך דער אפשײַן פון דער זון צעגאסן מיט טויזנטער פאסן, וואס ציטערן און שוועבן, ווי די כוואליעס פונעם טײַך; חדר־ייִנגלעך רופן דאס אן: „די שכינה רוט".

אקעגן רחלען שטייט דער מארק: ער איז ברייט און פוסט. די קלייטן מיט די רויטע פארטיכלעך זײַנען אפן, און די ווײַבער זיצן אף פירעקעכיקע בענקלעך און ארבעטן א זאק מיט א שרעקלעכער געשווינד־קייט. בא דער זײַט שטייען מולטערלעך מיט יאגעדעס, מיט קיכלעך און מיט קארזשיקלעך, און א ציג גנבהט זיך אונטער און האט חשק צו מאכן א שטיקל אומגליק, נאר מע דערלאזט זי נישט. ווײַט־ווײַט גייען א פאר אקסן מיט א גרויסער פור סנאפעס קארן; די פור מאכט אן א מוראדיקן פאראך ארום זיך, און הינטן גייט נאך א קליין שייגעצל מיט א גרוים ווארעם היטל, מיט א טארבע, מיט א לאנגער בײַטש און בארוועס, און א גרויסער הונט לויפט אים נאך מיט אן ארויסגעשטעלטער צונג.

רחלע שטייט און באטראכט דאס גאנצע וואכעדיקע אויסזיכט און

פאַרגלייַכט דאָס מיט איר בלוי־זייַדן מלבוש, הימל־קאָליר, און מיט די פּערעלעך, בראַסליעטן, אוירינגלעך, פינגערלעך, — און זי פילט, אַז זי איז עפּעס גאָר ווילד־פרעמד מיט דעם דאָזיקן בילד מיט דער גאַנצער נאַטור, עפּעס נישט אַהין, נישט אַהער, נישט מאַרק־יידענע, נישט גראַפינע — גלאַט אַ יידיש קינד, אַ יידישע טאָכטער, פּטור פון אַלץ. אָט האָט זי זיך אַ מאַן, עסט זיך קעסט בײַ די שווער־און־שוויגער, טוט נישט קיין האַנט אין קאַלטן וואַסער, און דער מאַן איז אָדער אין בית־מדרש, אָדער אין מאַרק, גייט אַרום מיטן שטעקעלע און זאָגט ווערטלעך.

אַצינד, שטייענדיק אָט דאָ, נאָענט צו דער נאַטור, האָט זי זיך כמעט דאָס ערשטע מאָל אָף איר לעבן געגומען רעכט באַטראַכטן, ווער זי איז, און עס איז איר אַרויפגעקומען אָפן זינען אַ נייַע מחשבה, אַז עס פעלט איר עפּעס. וואָס — ווייס זי נישט, נאָר עפּעס פעלט איר, עפּעס גייט איר אָפּ...

רחלע איז געווען אַ פּשוט יידיש ווייַבל אָן אויבערקעפּלעך, אָן שפּיצלעך. מיט איין וואָרט — דאָס, וואָס מע רופט אָן בײַ אונדז אַ יידישע טאָכטער. געוואַקסן צווישן אַ סך קינדער, איז זי בײַ פאָטער און מוטער אין סקווירע געווען נישט אַזאַ אַנטיק: „ווייס איך, אַ מיידל, לאָז זי זיך וואַקסן געזונטערהייט"... און בכדי זי זאָל זיך נישט אַרומ־בלאָנקעווען פאַר די אויגן און עס זאָל זיין ווינציקער מיט אַ קינד אין שטוב, האָט מען זי אָפּגעשיקט גלייַך מיט אַלע אירע ברידערלעך אין חדר אַרייַן. נאָכדעם, אַז זי איז שוין אביסל אונטערגעוואַקסן, האָט מען זי אָפּגעגעבן לערנען זיך שרייַבן צו מאָטל שפּרייַז, דעם „מיידלשן שרייַבער". דאָרט, בײַ מאָטל שפּרייַז, דעם „מיידלשן שרייַבער", האָט זיך רחלע געהאַט, געוויינלעך, אירע חברטעס, קליינע און גרויסע מיידלעך, נאָר מער האָט זי ליב געהאַט צו שאַרן זיך אַרום די עלטערע מיידלעך, פון וועלכע זי האָט ליב געהאַט צו הערן מעשיות, שיינע וווּנדערלעכע מעשיות. די מיידלעך ווידער האָבן ליב געהאַט רחלען פאַר איר זינגען, פאַר איר שיין זינגען.

— זינג אונדז, רחלע, האַרצעניו! זינג, נישקשה, אַצינד איז נישטאָ קיין יינגלעך.

פאַר יינגלעך און פאַר עלטערע האָט זיך רחלע געשעמט צו זינגען,

בפרט נאָך פאַר גרויסע יִנגלעך האָבן איר די חברטעס אַליין געזאָגט, אַז ס'איז נישט שיין, מע טאָר נישט...

— נו, זינג שוין, רחלע. קוק זי אָן, מע דאַרף זי בעטן.

און רחלע פאָלגט די גרויסע מיידלעך און פאַרציט אַף איר דינער, ווייבער שטימע אַ לידל, אַ יִדיש לידל.

אַפן באַרג שטייט אַ טויב,
און טוט זיך טרויעריק ברומען,
ערגעץ האָב איך אַ ליבן פרײַנט —
און קאָן צו אים נישט קומען...

רחלע זינגט דאָס דאָזיקע ליבע־לידל מיט גרויס געפיל, גלײַך ווי זי וואָלט פאַרשטאַנען דאָס וואָרט „ליבע". יענע אָבער, איך מיין די עלטערע מיידלעך, האָבן דאָס אפנים יאָ פאַרשטאַנען, מחמת זיי פלעגן זיך דערבײַ פאַרזאָרגן, זיפצן, און אַמאָל לאָזן אַ טרער אויך...

מער פון אַלע האָט ליב געהאַט צו הערן די דאָזיקע לידלעך, וואָס רחלע האָט געזונגען פאַר אירע חברטעס, איינע פון זיי מיטן נאָמען חיה־עטל, זייער אַ שיין מיידל, אַ יתומה. חיה־עטל איז געווען איינע פון אַ סך מיידלעך. איר ביאָגראַפיע איז די ביאָגראַפיע פון פיל יִדישע טעכטער און קאָן דערציילט ווערן אַזוי קורץ און אַזוי גיך, ווי מאַכן אַ ברכה „שהכל נהיה בדברו". אָט האָט איר זי אינגאַנצן:

אַמאָל (נישט זייער לאַנג) זײַנען געווען צוויי ברידער אין דער שטאָט סקווירע, איינער האָט געהייסן אַהרן און דער אַנדערער האָט גע־הייסן לייב. אַהרן איז יונג געשטאָרבן און נאָך אים איז נאָכגעשטאָרבן זײַן ווײַב, און עס איז פון זיי איבערגעבליבן אַ טאָכטער חיה־עטל. האָט זיך אַף איר דערבאַרעמט דער פעטער לייב און האָט זי צוגענומען צו זיך מיט איר ירושה. דער פעטער לייב האָט זיך אַפילו מיט דער יתומה נישט אַזוי שיין באַגאַנגען, די גאַנצע ירושה האָט ער זיך צוגענומען (אַ דרײַ טויזנט קערבלעך, זאָגט מען), און איר, דער יתומה, האָט ער געגעבן, מחילה אַ פײַג און האָט זי חתונה געמאַכט פאַר אַ כניאַק אַ כלב שבכלבים, וואָס איז איר דערגאַנגען די יאָרן, און חיה־עטל איז יונג, צו צוויי און צוואַנציק יאָר, געגאַנגען פון דער וועלט.

אָט מיט דער חיה־עטל איז אונדזער רחלע געווען אַ לײַבלעכע חברטע, און זיי האָבן זיך ביידע זייער ליב געהאַט. און אָט מיט דער חיה־עטל איז אַמאָל געזעסן רחלע שבת באַטאָג באַם פענצטער, גאַנץ

פײַן אַנגעטאָן שבתדיק, װי עס געהער צו זײַן. װי דער שטײגער איז, האָט רחלע געזונגען אירע לידעלעך, און חיה־עטל האָט געהערט. רחלע האָט געזונגען:

אוי, דו פאַרסט אװעק,
אוי, דו פאַרסט אװעק,
און מיך לאָזטו איבער!...

— רחלע, האַרצעניו, נשמהניו! — זאָגט חיה־עטל. — זינג דאָס נאָכאַמאָל!

— איבערזינגען דאָס נאָכאַמאָל? — פרעגט זי רחלע פאַרװוּנדערט.

— נו, איך קאָן דאָס דיר אָנהײבן נאָכאַמאָל פון אָנהײב:

אוי, דו פאַרסט אװעק,
אוי, דו פאַרסט אװעק,
און מיך לאָזטו אי־אי־בער!...

פּלוצים דערזען רחלע, װי חיה־עטל די יתומה ליגט מיטן פּנים אַף דער האַנט און איר קאָפּ מיט די פּלײצעס װאַרפן זיך. רחלע בלײַבט שטיל און הערט, װי חיה־עטל כליפּעט.

— גאָט איז מיט דיר, חיה־עטל, דו װײנסט? װאָס עפּעס אינמיטן דרינען געװײנט? זאָג מיר, װאָס איז דיר, חיה־עטל, אַזעלכעס געשען? פּלוצים גאָר, נאַ דיר אַ געװײן!

— אוי, רחלע! — ענטפערט זי איר מיט אַ געװײן. — אוי, רחלע, דאָס לידל, דאָס לידל דײַנס!

— דאָס לידל? װאָס זשע איז דאָרט אַזעלכעס? װאָס דאַרף מען װײנען דערױף?

— אוי, רחלע, פרעג מיך נישט, פרעג נישט קײן פאַרביטערט האַרץ! אַ פײַער ברענט אין מיר! עס ברענט אין מיר אַ העליש פײַער אָט דאָ, זעסטו, אָט דאָ־אָ!

און חיה־עטל װײַזט איר אָן באַ זיך אַפן האַרצן. רחלע קוקט אַף איר פאַרװוּנדערט און צעמישט.

— װאָס קוקסטו אַף מיר אַזױ, רחלע? דו פאַרשטײסט נישט, דו קאָנסט נישט פילן װאָס מיר איז; מײַן האַרץ איז מיר אַזױ שװער, איך בין אַזױ עלנט, אַזױ פאַרװיסט, איך טראָג אַזעלכע מכות, אַז איך מוז דיר אַלצדינג דערצײלן — אַלצדינג!

און חיה־עטל דערציילט רחלען א גאנצע געשיכטע, א טרויעריקע מעשה, אפילו א געוויינלעכע, וואס טרעפט זיך גאנץ אפט בא יידן, נאר זייער א טרויעריקע מעשה, וויאזוי איר פעטער לייב האט זיך מיט איר מיאוס באגאנגען, און צומיינסטן — זי, די מרשעת, די מומע, און ווען נישט דעם פעטער לייבס יונגער זון בנימין, וואלט זי שוין לאנג אנטלאפן אין דער וועלט אריין, אדער אין טייך אריינגעווארפן זיך. אט דער בנימין איז געווען איר איינציקע נחמה אף דער וועלט; מיט אים איז זי דאס אויפגעוואקסן אינאיינעם; ער איז צו איר געווען ווי א ברודער, ווי אן אייגענער ברודער — און צום סוף איז ער אוועקגעפארן, האט זי איבער־געלאזט אף צרות, ווי א פרעמדער, גאר ווי א ווילד־פרעמדער.

— איך פארשטיי נישט, חיה־עטל, וואס באדארף מען דא אזוי איינלייגן די וועלט, ווען אפילו אן אייגענער ברודער פארט אוועק, בפרט נאך נישט קיין אייגענער!

—אוי, רחלע, דו ווייסט נישט, ווי היימיש ער איז מיר געווען, ווי איינגעבאקן אין הארצן, טאקע נאר ווי אן אייגענער, נאך מער ווי אן אייגענער, זאג איך דיר! אז איך האב געזען פאר זיך בנימינען, איז מיר געווען א ליכט אין די אויגן, און אז ער איז אוועקגעפארן...

— בנימין האט דאך געמוזט אוועקפארן, חיה־עטל, ער האט דאך חתונה געהאט.

— אוי, רחלע־קרוין, זאג עס מיר נישט, איך קאן דאס נישט הערן! דאס ווארט „חתונה געהאט" נעמט בא מיר ארויס מיין גאנץ חיות! ווען איך דערהער, אז מע זאגט „בנימין האט חתונה געהאט", עקט זיך מיר דאס לעבן. דו ווייסט דאס נישט, רחלע, הלואי זאלסטו דערפון נישט וויסן אייביק... וואס קוקסטו אף מיר אזוי? בנימין האט מיר צוגע־זאגט, געשווארן, אז ער וועט מיך נעמען.

— נו, למאי־זשע האט ער דיך נישט גענומען, חיה־עטל?

— דו פרעגסט, ווי א קינד, רחלע. מסתמא איז מיר נישט באשערט. מסתמא איז דאס א י ר מזל.

— ער האט דאך דיר אבער געשווארן, אז ער וועט דיך יא נעמען.

— נו, מילא, האט ער געשווארן! ער האט זיך אליין געקליבן זאגן דעם פאטער, אפגעלייגט פון טאג אף טאג: ער האט מורא געהאט פאר אים (דו קענסט דאך מיין פעטער לייב), ביז ער איז א חתן געווארן פאר איר. און אז איך האב געמאכט מיט אים א שמועס מכח דעם, האט ער

מיר געזאָגט, אַז ביז דער חתונה איז נאָך ווײַט, ער וועט נאָך קאָנען ריידן — און אַזוי זײַנען אַוועקגעגאַנגען די טעג מיט יאָרן, ביז ס'איז געקומען די צײַט אָט אַ יענע פינצטערע צײַט, אַף מײַן שלים־מזל... איך בין אליין געווען באַ דער חופּה, איך האָב אַלצדינג געזען מיט מײַנע אייגענע אויגן, אַלצדינג, וויאַזוי ער האָט איר אָנגעטאָן דאָס פינגערל, געזאָגט וואָס מע באַדאַרף... דער חזן מיט די משוררים האָבן געזונגען, און בנימין האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן אַף דער ערד ער זאָל מיך נישט זען — נאָר איך ווייס, אַז ער האָט מיך געזען... אַך, רחלע, וויאַזוי לעב איך? וויאַזוי האַלט איך דאָס אויס?

— ווײבאַלד אַזוי, חיה־עטל, איז דאָך בנימין אַ גרויסער ליגנער און איז נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט אים.

— ניין, זאָג דאָס נישט, רחלע דו קענסט נישט בנימינען; דו ווייסט נישט, וואָס פאַראַ דימענט דאָס איז, וואָס פאַראַ טײַער האַרץ ער האָט!... דאָס איז ער אינגאַנצן שולדיק, דער פעטער לייב, דער רוצח, מײַן טאַטנס בלוט זאָל אים נאָר אָקעגן קומען, רבונו של עולם!

— איך זע אַרויס, חיה־עטל, אַז ער טוט דיר, אַפּנים, גוט באַנג.

— באַנג, זאָגסטו? איך שטאַרב, איך גיי אויס מיט די כחות — און זי זאָגט גאָר באַנג־שמאַנג!

— נו, און זי, חיה־עטל, זי איז עפּעס אַ שיין ווײַבל?

— ווער זי?

— זי, בנימינס ווײַב מיין איך.

באַ די ווערטער האָט רחלע דערזען, ווי חיה־עטל ווערט רויט און נאָכדעם בלייך, אַלערליי פאַרבן. רחלע האָט נאָך נישט געקאָנט פאַרשטיין, פאַרוואָס חיה־עטל וויל איר דערויף נישט ענטפערן; נאָר פילן האָט זי געפילט, אַז נאָכאַמאָל איבערפרעגן זי דאַרף מען נישט. „מסתמא פּאַסט איר נישט, אַז זי מאַכט אַ שווײַג; מסתמא טוט איר וויי, אַז זי וויל דערפון נישט ריידן"...

אין אַ צײַט אַרום האָט זיך רחלע באַגעגנט מיט חיה־עטלען אַף אַ חתונה, טאַקע באַ חיה־עטלען אַף דער חתונה. חיה־עטל איז געווען אַ כלה, ווי אַלע כלות; געזעסן, ווי אַ כלה דאַרף זיצן, געשוויגן, געגאַנגען צו דער חופּה, אַף מאָרגן אויסגעשלייערט זיך, געווען אפילו בלייכלעך אַפּן פּנים, אַביסל ווי פאַרטראַכט, נישט פריילעך... נאָר נישקשה, עס

מאַכט נישט אויס: אַ כּלה דאַרף אַזוי זײַן. וואָס־זשע? טאַנצן זאָל זי גיין?...

ווער וויס, וואָס בײַ חיה־עטלען איז געווען אויף דער מחשבה, אויפן האַרצן? דאָס האַרץ פון אַ ייִדישער טאָכטער איז אַ סוד, אַ גרויסער סוד. אַ קאַסטן, אַ פאַרשלאָסענער קאַסטן, און דערצו פּאַסט טאַקע נישט פאַר קיין מאַנסבּל אַרײַנצוקוקן אַהין — עס איז עפּעס נישט קיין דרך־ארץ...

X

און ווײַטער אַמאָל רחלע

אויף דער שאלה: „וואָס טוט זיך בײַ חיה־עטלען אינעווייניק אין האַרצן?" — אויף דער שאלה האָט זיך רחלע פאַרטראַכט בײַ חיה־עטלען אויף דער התונה. רחלע האָט וועגן דעם מיט קיינעם נישט גערעדט; דאָך האָט זי פאַרשטאַנען מיטן שכל און אַביסל געפילט מיטן האַרצן, אַז חיה־עטלען דאַרף אַצינד זײַן נישט אין בעסטן, זיצנדיק מיט איר באַשערטן, אַ ווילד־פרעמדן בחור, און ווען איר אייגענער בנימין איז דאָרט ערגעץ מיט זײַן ווײַב... רחלען האָט זיך אַפילו שטאַרק געגלוסט אַ פרעג טאָן אַצינד חיה־עטלען, וואָס הערט זיך מיט בנימינען, וואָס מאַכט ער, צי שרײַבט ער בריוולעך? נאָר, צוגעגאַנגען נאָענט צו חיה־עטלען און אַרײַנגעקוקט איר אין איר בלייך פּנים אַרײַן און דערהערט, ווי זי זיפצט גאַנץ אָפטלעך, — האָט איר דאָס האַרץ נישט פאַרטראָגן צו ריידן מיט איר פון אַזעלכע זאַכן.

מיר קאָנען דענקען, אַז דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל אויף איר לעבן, וואָס זי, רחלע, האָט זיך פאַרטראַכט וועגן אַזעלכע ענינים. עס קאָן זײַן, אַז איין רעכטער פּאַקט פונעם לעבן זאָל אַרויסרופן אַ סך מער מחשבות און אויפוועקן אַ סך מער געפילן, ווי צען גוטע ביכער. אמת, רחלע איז געווען אַ פּשוט ייִדיש מיידל, אָן חכמות, נאָר קיין נאַריש מיידל איז זי נישט געווען; פאַרוואָס־זשע זאָל זי נישט באַנעמען אַ זאַך מיט איר אייגענעם געבאָרענעם שכל? אמת, רחלע האָט נישט געוווּסט פון קיין העלדן, פון קיין ראָמאַנען, אָבער אַ ריין האַרץ, אַ ריין ייִדיש

הארץ האָט זי געהאַט; פּאַרוואָס־זשע זאָל זי נישט פילן קיין פרעמדע צרות, נישט פאַרשטיין קיין פרעמדע יסורים? אין דעם פּרט, קאָן מען זאָגן, איז רחלע מיטאַמאָל עלטער געוואָרן אַף עטלעכע יאָר, אַ דאַנק חיה־עטלען מיט איר יידישן ראָמאַן.

אין יענער צײַט איז שוין רחלע אויך געווען אַ כלה, און פון איר חתן משה־מענדלען האָט זי זיך אָנגעהערט אַזעלכע שבחים מיט אַזויפיל מעלות, אַז זי האָט געקוקט אַף זיך, ווי אַף איינע אַ גליקלעכע אין דער וועלט.

— קיין עין־הרע, אַזאַ גליק! — האָט זי געהערט פון אַלע זײַטן.

— אַ שמאַלץ־גרוב! אַן אָנקומעניש! רב אײַזיק־נפתלי איז אַ ייִד אַ בעל־הבית, דער פײַנסטער פון אַלע מאַזעפּעווקער בעלי־בתים, און האָט איין זון, און נאָך וואָס פאַר אַ זון. נו, אַ מזל!

און באמת איז משה־מענדל טאַקע געווען אַ פײַן בחורל און האָט געקאָנט געפּעלן יעדן: אַ וואוילס, אַ לעבעדיקס, אַ גמרא־קעפּל, אַ שיי־נער בעל־תנ״ך, דערצו נאָך אַ כתבא־רבה אַף עטלעכע הענט, אַזוי, אַז מיט זײַנע כתבים האָט זיך גאַנץ מאַזעפּעווקע אַרומגעטראָגן, און אַפילו מאָטל שפּרײַז אַליין, דער „מיידלשער שרײַבער" אין סקווירע, האָט אָנ־געזאָטלט זײַן רויטע נאָז מיט אַ פּאָר שפּאַקולן, האָט עטלעכע מאָל באַ־טראַכט דעם חתנס כתב, ווי אַן עכטער מבין, און האָט מודה געווען, אַז דער חתן האָט אַ גאָלדן הענטל, און אַז ער וועט זיך מיט דער צײַט אויס־שרײַבן די האַנט, וועט ער, אם ירצה השם, קאָנען שרײַבן.

גערעדט האָט רחלע מיט איר חתן זייער ווינציק, דען ווו איז ער געווען און ווו איז זי געווען? פון מאַזעפּעווקע קיין סקווירע איז גאַנץ ווײַטלעך, און געזען האָבן זיי זיך בסך־הכל איין מאָל, אי דאָס — נאָר אַ צוויי שעה, אי דאָס — פאַר אַ גאַנצן מנין ייִדן, אי דאָס — איז דער חתן געווען אין איין חדר און די כלה — אינעם אַנדערן חדר. דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך איבערגעשריבן מיט בריוולעך כמעט אַלע וואָך, אַ קײַלעכיק יאָר כסדר, ביז דער חתונה. אמת, אין דעם איבערשרײַבעכטס — וואָס דאַרף מען דאָ לייקענען? — האָט מאָטל שפּרײַז געהאַט אַ גרויסן חלק, דען אַזויווי דעם חתנס בריוולעך זײַנען געווען געשריבן דריי־שפּראַך: העברעיִש, רוסיש און דײַטש, דאַרום האָט מאָטל שפּרײַז געמוזט זען, אַז זי, די כלה, זאָל אויך עפּעס ניט פאַרשעמט ווערן. און בכדי צו באַווײַזן באַשײַנפּערלעך, אַז פון מאָטל שפּרײַזס חדר גייען

נישט אַרויס קיין מיידלעך גלאַט אַזוי, ווי בײַ אַנדערע שרײַבערס, האָט ער זיך געפּלײַעסט, אַז אין דער כלהס בריוולעך זאָל זײַן צוגעזעצט נאָך פראַנצויזיש אויך, דאָס הייסט, פראַנצויזישע אותיות, אין וועלכע מאָטל שפּרײַז איז געווען גאָר אַ גרויסער בקי. בכלל קאָן מען זאָגן, אַז אַ גאַנץ יאָר כסדר האָבן זיך חתן־כלה געשפּילט אין כתבים, און נאָר דעמאָלט האָבן זיי אויפגעהערט דאָס דאָזיקע שפּיל, ווען מען האָט זיך שוין אָנגעהויבן רעכט גרייטן צו דער חתונה.

די חתונה איז אָפּגעלאָפן, ווי אַלע יִדישע חתונות; אַביסל האָט כלהס צד נישט יוצא געווען, נישט לײַטיש זיך אויסגעשטעלט, גאַנץ יִדישלעך... און אַביסל האָט זיך חתנס צד געבלאָזן, געווערטלט און שטילערהייט אָנגערופן דעם מחותן מיטן נאָמען „דבר־אחר”, ווי ער האָט דאָס אָרנטלעך פאַרדינט. נאָר גאָרנישט, עס מאַכט נישט אויס: מע מאַכט, ווי דער שטייגער, אַ כוסה, מע בעט זיך איבער, די כלה געזעגנט זיך אָפּ מיט אַלע אירע ליבע, מע באַגלייט זי ביז אַרויס דער שטאָט, מע קושט זיך, מע וויינט, מע פּטרט אַרויס אַ טאָכטער — און מע פירט זי אַוועק אַהין, צו די שווער־און־שוויגער אַף קעסט.

XI

און ווידער אַמאָל רחלע

דאָרט, בײַ שווער־און־שוויגער, האָט זיך אָנגעהויבן פאַר רחלען אַ נײַע וועלט. ווי אַ שנור, און איין־איינציקע שנור, און אַ געראָטענע שנור, האָבן זי אַלע גיך ליב געקראָגן און מע האָט זי אָפּגעהיט, געפּאַנקעוועט, געבלאָזן דאָס אָרט פאַר איר. און ווער שמועסט די שוויגער, דוואָסי־מלכה, וואָס האָט קוים דערלעבט אַזאַ נחת, האָט פּשוט דאָס לעבן אַוועק־געלייגט צוליב איר: נאָר „רחלע און רחלע!” וווּ ערגעץ אַ פעט שטיקל פלייש, אַ מאַרכעדיקביינדל, אַ געשמאַקע זאַך — אַלץ רחלען. גאַנץ פרי, רחלע האָט נאָר וואָס געעפנט די אויגן — אַהאַ, דאָס קריגל ציקאָריע שטייט שוין אַפן טיש, און דוואָסי־מלכה, וואָס איז, אייגנטלעך, אַ פּאַר־נומענע, אַ מאַרק יִדענע, דרייט זיך אַרום און זעט, אַז די שנור זאָל האָבן אַלץ צו דער צײַט.

— וואָס דאַרפֿט איר זיך מטריח זײַן, שוויגער?

— נישקשה, טרינק, רחלע, עס, רחלע!

אָן אַנדער מאָל זעט רחלע, ווי די שוויגער לויפֿט פֿון מאַרק אָן אַ נשמה און פֿאַלט אַרײַן אין קיך מיט אַ קולי־קולות אַף די מענטשן, שעלט און קאַרעניעט, גלײַך ווי מע וואָלט זי דאָרט געקוילעט.

— וואָס איז, שוויגער? — פֿרעגט זי רחלע.

— איך האָב געמיינט, דו ביסט שוין לאַנג אויפֿגעשטאַנען, און די מילך שטייט און זידט און זידט — זידן זאָל, רבונו של עולם, מײַן מוידס פֿאַרע — און איך לויף, איך ווייס ווו איך בין אין דער וועלט? אין קלייט איז, קיין עין־הרע, אַן ענגשאַפֿט — מע זאָל נאָר באַהיט ווערן, און ער, מײַן דאָליע, שטייט די הענט פֿאַרלייגט אַרונטער, ווי אַ מחותן! איך בעט אים רחמים: נעם טראָג אַוועק אַהיים אַט אַ צוויי פֿרישע בייגל! טאַמער ווילסטו עסן — עס, רחלע, גוטע בייגל, איך קויף תמיד בײַ לייציכען בייגל, איך וועל בײַ קיין אַנדער ייִדענע נישט נעמען, מע זאָל מיר אָנשיטן אַ פֿולע שטוב מיט גאָלד — גאָט מעג איר טאַקע העלפֿן! וויפֿל זי קומט נעבעך אָפּ פֿון איר מאַן דעם שכור! וויאַזוי טראָגט די ערד אַף זיך אַזאַ נפֿש — פֿאַרשטיי איך נישט, נאָר אַ בזיון דאָרט דעם טאַטן אַף יענער וועלט... יאָ, וואָס האָב איך געוואָלט זאָגן? משטיינס געזאָגט, דער קאָפּ איז אַזוי מיר פֿאַרשלאָגן... שאַ, אַט גייט זי שוין, די יפֿהפֿיה. מויד! ווו ביסטו שוין געווען, מויד?

און דאָ גייט אַוועק אַ נײַ צעטל פֿון קללות מיט גוואַלדן פֿאַר דער מילך פֿון רחלעס וועגן, פֿאַר דער ציקאָריע פֿון רחלעס וועגן, פֿאַר דעם אָנבײַסן פֿון רחלעס וועגן — הכּלל, מיט רחלען האַלט אין איין קאָכן די גאַנצע שטוב. אַפֿילו דער שווער, וואָס איז תמיד געווען פֿאַרנומען מיט זיך און מיט זײַנע געשעפֿטן, האָט אויך שטענדיק נאָכגעקוקט נאָך איר, נאָכגעפֿרעגט אַף איר.

דאָס גאַנצע אַרומפֿאַדקעווען מיטן אַרומטאַנצן אַרום איר איז רחלען, אייגנטלעך, געווען אַביסל פֿריקרע, טאַקע אַריבער דער טבע; און דעם אמת מוז מען זאָגן, אַז רחלע איז געווען אַ סך ווינציקער צוגעלאָזט צו זיי, ווי זיי צו איר.

אַז מיר זאָגן „זיי", מיינען מיר דאָס די שווער־און־שוויגער, און משה־מענדלען, דעם רעכטן פֿאַרשוין, וואָרפֿן מיר אַרויס פֿון צעטל, וואָרעם צווישן דעם יונגן פּאָרפֿאָלק איז געווען אַזעלכע מחזקות, וואָס מע קאָן

זיי ניט אָנרופן נישט גוט, נישט שלעכט. זיי, דאָס פּאַרפּאָלק, האָבן צווישן זיך קיין סך נישט גערעדט, און טאַקע נישט געקאָנט ריידן: אַזאַ יונגערמאַן, ווי משה־מענדל, וועט זיך נישט נעמען אַנידערזעצן אין מיטן באַטאָג אינדערהיים ריידן מיטן ווײַב, און אַפּדערנאָכט, קוים זײַנען זיי שוין יאָ געבליבן אַ מינוט אַליין, האָט דאָס אָבער טאַקע מער נישט גע־דויערט, ווי איין רגע: באַלד איז געקומען אָדער רב אײַזיק־נפתלי און האָט אַרײַנגעקוקט צו די קינדער, אָדער עס האָט אָנגעטראָגן דוואָסי־מלכהן מיט אַ קריגל, מיט אַ טעפּל, מיט אַ גלאָז, אָדער מיט אַ שאָל.

— אָט נעם אַף אַ טשיקאַוועס, רחלע, און פּאַרזוך אָט דעם אײַנגעמאַכטס.

— ווײ איז מיר! איך האָב דאָך שוין אַ מאָל הונדערט פּאַרזוכט אָט דעם אײַנגעמאַכטס, שוויגער!

— ס׳אַ גראַם! גײ שוין גײ, קינד, וואָס דו רעדסט! אָט דעם אײַנגעמאַכטס האָסטו נאָך אַפילו נישט אָנגעקוקט אין די אויגן.

און רחלע נעמט ווידעראַמאָל פּאַרזוכן דעם אײַנגעמאַכטס. וואָס קריכט איר שוין פון האַלדז.

— אַ דונער איז מיר, רחלע, ביסט דאָך פּאַרכליאַנעט געוואָרן! טו אַ קוק אַביסל, ווי אַ מענטש עסט! פון וואָס דו לעבסט — ווייס איך נישט. כ׳לעבן, מע וועט דיך דערזען עמעצער פון סקווירע, וועט מען דאָס מיך אַ קאָפּ אָנשעלטן. אַ שיינע שוויגער — אַ געשוויר איר אין דער לעבער! — וועט מען זאָגן. — פײַן אויסגעהאָדעוועט אַ שנור — אַ שטריק איר אַפן האַלדז! ווײ איז מיר, עס כאָטש עפּעס פון יוצא וועגן!

— לאָזט מיך, איך בעט אײַך, צורו, שוויגער! איך בין זאַט, הלואי ביז מײַן לעבן.

— נו טו מיר צוליב, טאָכטער! מע טוט צוליב אַמאָל אַ שוויגער אויך; עלעהיי איך בין אַ מאַמע. נעם כאָטש איין פּיצל און טו מיר נישט אָן קיין יסורים!

און רחלע וואַרגט זיך מיט נאָך אַ שטיקל און מיט נאָך אַ שטיקל, און עס ווערט איר נמאס אַזאַ לעבן, כאָטש זי ווייס גאַנץ גוט, אַז מע איז איר געטרײַ, איבערגעגעבן ביז לעצט, און זאָל זי זאָגן, אַז זי וויל דאָס טעלערל פונעם הימל, באַקומט זי דאָס: וואָס הייסט, ס׳איז אַ תירוץ? רחלע וויל — דאַרף עס זײַן!

נאָר אַ מענטש איז נישט קיין אָקס, נישט קיין גאַנדז, וואָס זאָל

צופרידן זײַן נאָר מיט גוט האָדעווען. אַ מענטש קאָן ווינציק וואָס הנאה האָבן, אַז מע זאָל אים נאָכגיין כסדר, אומעטום, פּוסטריט, אָפּבלאָזן יעדן אָרט, ווו ער שטעלט אַ פוס, ציילן זײַנע טריט, אַכטונג געבן אַף יעדן ביסן, אַף יעדן שלונג, הענגען איבער אים, ווען ער זיצט, זיצן איבער אים, ווען ער שלאָפט — מיט איינעם וואָרט, מע זאָל האַלטן זײַן לעבן אינגאַנצן אין פרעמדע הענט און אים נישט איבערלאָזן גאָרנישט...

אין אַזאַ טרויעריקער לאַגע האָט זיך געפונען רחלע אין יענער צײַט, וואָס עס קומט פאַר די דאָזיקע געשיכטע. רחלע האָט נישט געהאַט אַפילו פאַר וועמען זיך צו קלאָגן. אירע פאָטער און מוטער האָבן זי געהאַלטן פאַר איינע אַ גליקלעכע, און זייער בריוו צו איר זײַנען תמיד געווען פול מיט נחת, מיט תענוג און מיט ברכות צום גאָט ברוך־הוא, וואָס ער האָט זיי אַזוי באַגליקט. און אירע בריוו צו זיי זײַנען אויך געווען אָנגעפילט מיט „ברכה והצלחה", מיט „נחת און פאַרגעניגן", מיט „ברוך־השם" און מיט „הלואי אַף ווײַטער נישט ערגער", און האָבן זיך שטענדיק אויס־געלאָזט מיט „גליק און פריידן" און „פרייליכע הערצער אָמן סלה".

טיף אין האַרצן האָט זי געטראָגן אַ פאַרדראָס אַף משה־מענדלען, למאי ער האָט זיך געהאַלטן ווײַטלעך פון איר און עפּעס אַזוי ווי העכער פון איר, עפּעס נישט איר גלײַכן, ווי דער שטייגער איז פון אַ יידישן יונגנמאַנטשיק אַ תכשיט; ער קאָן זיך נישט אַראָפּלאָזן אַזוי נידעריק צום ווײַב, עס קומט באַ אים אויס עפּעס נישט גלאַט, זייער פריקרע... אינעווייניק אין האַרצן אָבער האָט זי משה־מענדלען גאָרנישט פײַנט געהאַט; פאַרקערט, ער איז איר געווען געטרײַ, זייער געטרײַ, טאַקע מיט אַן אמת, גאַנץ בתמימות. איינמאָל איז רחלע עפּעס חרוב געוואָרן און איז געלעגן אַ פּאָר טאָג צו בעט; דעמאָלט איז משה־מענדל נישט אָפּגעטראָטן פון איר די גאַנצע צײַט, געזיפצט, געהאַט יסורים, אויסגע־גאַנגען באמת מיט אַלע כחות.

— אַ צער־בעלי־חיים! — האָט ער געזאָגט צו דער מוטער און אַף זײַנע אויגן זײַנען געווען טרערן. — מע דאַרף רופן דעם רופא אָדער דעם פעלדשער. איך קאָן דאָס גאָר נישט צוזען, ווי זי ליגט נעבעך אין אַ העליש פײַער — אַ צער־בעלי־חיים!

אַפן דריטן טאָג איז רחלען גרינגער געוואָרן, משה־מענדל איז דאָך נישט אָפּגעטרעטן פון איר, און אָט דאָ, זיצנדיק באַ איר צוקאָפּנס, האָט משה־מענדל געהאַט אַ גוטע געלעגנהייט אַביסל צו פאַרברענגען און

שמועסן מיט זײַן שײנער ליבער רחלען. דערצו האָבן זײ בײדע חשק געהאַט — מע מוז דעם אמת זאָגן. משה־מענדל האָט זיך צוגעזעצט צו איר גאַנץ נאָענט, אַזױ נאָענט, אַז איר שײנער קאָפּ, װאָס איז געװען נאָר האַלב צוגעדעקט מיט אַ װײַס טיכעלע, איז געװען כמעט בײַ אים אױף די הענט... רחלע האָט אױפֿגעהױבן אירע בלױע אױגן אױף משה־מענדלען און האָט געװאַרט, טאָמער װעט ער איר עפּעס זאָגן. משה־מענדל האָט אַראָפּגעלאָזט די אױגן אַראָפּ. נאָר אַז זי האָט אױסגעדרײט דעם קאָפּ צום פֿענצטער, האָט ער אױף איר געקוקט, און אַז זי האָט אױף אים אַ קוק געטאָן, האָט ער אױסגעדרײט דעם קאָפּ צום פֿענצטער. און אַזױ האָבן זײ זיך איבערגעװאָרפֿן מיט אױגן אַ היפּש שטיקל צײַט אָן װערטער. אינעם גאַנצן יאָר נאָך דער חתונה האָט דאָס דאָזיקע פּאָרפֿאָלק געהאַט אַצינד אַ געלעגנהײט צו שמועסן צװישן זיך, נאָר זײ האָבן זיך נישט געקאָנט אײַנשטעלן און האָבן נישט געװוּסט װיאַזױ אָנצוהײבן עפּעס אַ שמועס. רחלע, אַלס װײַבל, האָט געהאַט רעכט צו װאַרטן, ביז ע ר װעט עפּעס זאָגן, און ער, משה־מענדל, אַלס פֿײַנער יונגערמאַן האָט גע־װאַרט, ביז ז י װעט עפּעס זאָגן — און דערװײַל האָבן זײ בײדע גע־שװיגן, דורכװאָרפֿנדיק זיך מיט די אױגן.

— װאָס איז, משה־מענדל?

— װאָס „װאָס איז”?

— װאָס קוקסטו?

— װער קוקט?

— דו קוקסט.

— איך קוק?

— װער דען קוקט?...

רחלע דרײט זיך אױס מיט דעם פּנים צו דער װאַנט, און משה־מענדל נעמט דאָס בערדל אין די צײן אַרײַן און קוקט אױף רחלען לאַנג־לאַנג און זיפֿצט, ביז זי דרײט אױס דעם קאָפּ צו אים און כאַפּט אים, װי ער קוקט אױף איר און זיפֿצט.

— װאָס איז, משה־מענדל?

— װאָס „װאָס איז”?

— װאָס זיפֿצסטו אַזױ?

— װער זיפֿצט?

— דו זיפצסט.

— איך זיפּץ?

— ווער דען זיפצט?...

און דאָס פּאַרפּאַלק ווערט ווידער אַנטשוויגן. משה־מענדל רוקט זיך צו נענטער, הוסט זיך אויס און וויל עפּעס אָנהייבן צו ריידן.

— הערסטו, רחלע, איך מיין עס אָקעגן דעם, וואָס דו זאָגסט...

פּלוצים עפנט זיך די טיר און דוואָסי־מלכה לויפט אַריַין מיט אַ ליאַרם:

— וואָס־זשע? איך האָב נישט געוווסט פריִער, אַז די אינדיקעס וועלן צעברעכן ווו ס'איז דאָ ערגעץ אַ שאָל אָדער אַ טעלער? אינדיקעס האָט זיך אים פאַרגלוסט אין מיטן דרינען!... וואָס מאַכסטו עפּעס, רחלע? דו ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? מיר דאַכט, אַז באַ דיר איז די „סיניע" (קדחת); איך זע, אַז ס'איז באַ דיר אַ מין „סיניע". איך האָב דיר געזאָגט — שטיי נישט אינדרויסן אָן אַ שאַל! שטיי נישט אינדרויסן אָן אַ שאַל! איך האָב ווידער געשיקט צו יקותיאל דעם רופא. איַיזיק־נפתלי אַליין איז זיך דורכגעגאַנגען צו יקותיאלן.

— למאַי, שוויגער? עס וועט איבערגיין; עס איז באַ מיר אַזאַ איבערגאַנג.

— באַ דיר איז אַלצדינג אָן איבערגאַנג. אַ שיין איבערגאַנג! גיי שוין גיי, קינד, וואָס דו רעדסט! מע דאַרף זיך אַביסל צוזעצן...

און דוואָסי־מלכה רוקט זיך צו אַ בענקל צום בעט און זעצט זיך אַנידער.

— ווייסטו וואָס, מאַמע? — רופט זיך אָן פּלוצים משה־מענדל.

— ווייסטו וואָס? דו גיי בעסער אין קלייט אַריַין און איך וועל שוין זיצן אָט דאָ.

און זיַינע אויגן האָבן זיך באַגעגנט מיט רחלעס אויגן, און ער האָט איבערגעלייענט אין זיי: „אוי, האָסטו, משה־מענדל, צוגעטראָפן!"...

— ווייס איך וואָס דו רעדסט! — ענטפערט אים דוואָסי־מלכה און רוקט זיך צו נאָך נענטער צום בעט. — נאַ דיר גאָר אין קלייט! וואָס האָב איך דאָרט אָנגעוואָרן? די גרויסע פּדיונות די היַינטיקע, משטיינס געזאָגט! איך פאַרגין זיי אַלע מיַינע שונאים מיטן גאַנצן האַרצן!... גיי דו בעסער, משה־מענדל, צו מיר אין ספּאַלנע און לייג

זיך צו אַפֿן טאַטנס בעטל שלאָפֿן. דו ביסט דאָך אַ גאַנצע נאַכט נישט געשלאָפֿן!

און אַט אַזוי לעבט זיך אָפּ דאָס גליקלעכע, נאָר דאָס געפּענטעטע פּאָרפּאָלק, אָפּ אַלעם גרייטן, נאָר אָן אַ פרײַער מינוט, אונטער דער באַשטענדיקער אָפּעקע פון גוטע פּאַטער־און־מוטער, פון געטרײַע שווער־און־שוויגער — און נישט דער מאַן און נישט דאָס ווײַב מאַכן דערפון אַן עסק; נישט ער און נישט זי זײַנען דאָס מזכיר איינס פאַרן אַנדערן. נאָר משה־מענדלען איז נאָך ווי עס איז: ער קוקט אַרײַן אין ספר, מישט זיך אַרײַן אין דעם פּאַטערס געשעפטן, האָט זיך זײַנע יונגעלײַט, מיט וועלכע ער טוט אַמאָל אַ שטיף אין שול אָדער אין מאַרק; מיט איינעם וואָרט, משה־מענדל לעבט ווי עס איז.

רחלע אָבער לעבט גאָרנישט: זי עסט און טרינקט, פאַרזוכט צוואַנציק מאָל אַ טאָג דער שוויגערס אײַנגעמאַכטס, טוט נישט קיין האַנט אין קאַלט וואַסער, גייט זיך נישט צונויף מיט קיינעם, מחמת רב אײַזיק־נפתלים שנור קאָן זיך נישט צונויפצומען „אַבי־מיט־וועמען", און „אַבי־ווער" וועט זיך נישט צונויפקומען מיט אײַזיק־נפתלים שנור, וואָרעם דער אַבי־ווער האַלט זיך פיל לײַטישער און רײַכער און שענער פון אײַזיק־נפתלין, און אײַזיק־נפתלי האַלט זיך לײַטישער און רײַכער פון אַלע מאַזעפּעווקער בעלי־בתים — און אַזוי ציט זיך רחלע אירע יאָר און טעג, ווי אין געפּענקעניש: ווידער געגעסן, ווידער געשלאָפֿן, ווידער דאָס קריגל קאַווע, ווידער די ליבע שוויגער מיטן אײַנגעמאַכטס, און אַזוי ווײַטער, אַ גאַנץ יאָר כסדר.

XII

רחלע זינגט לידלעך

אַט אין דער לאַגע האָט זיך געפונען אונדזער רחלע אין יענער צײַט, ווען מיר האָבן זי געזען בײַ חיים־בנציונס טאָכטער אָפּ דער חתונה, צום שלייער־וואָרמעס, שטייענדיק אינדרויסן בײַ דער טיר און באַטראַכטנדיק דעם מאַזעפּעווקער מאַרק מיט די קלייטן, מיט די סעדיכעס, מיט דעם

וואָגן, מיט די אומגעלומפּערטע אָקסן און מיטן שייגעצל מיט דעם גרויסן היטל.

אָט אין דער לאַגע האָט זיך געפונען אונדזער שיינע רחלע אין יענער צײַט, ווען זי האָט צום ערשטן מאָל דערהערט דאָס זעלטענע שפּילן פונעם געווייסן סטעמפּעניו.

הערן שפּילן האָט רחלע ליב געהאַט — אוי, האָט זי דאָס ליב געהאַט! כלי־זמר איז פון תמיד אָן געווען בײַ איר דאָס חיות; האָט זי געהערט ערגעץ זינגען אָדער שפּילן אַ נײַס, האָט זי דאָס תיכּף איבערגענומען און איבערגעזונגען אַף איר שיינער, גלאַטער שטימע. דערפון האָבן אירע עלטערן געגנוג אָנגעקוועלט און געזאָגט: „אַ מאַנסבילשער קאָפּ אַף איר; אַ מערכה, וואָס זי איז געבאָרן געוואָרן אַ נקבה, ווען נישט — וואָלט זי געסמאָלעט אַ וועלט"...

עס ווײַזט אויס, אַז אירע עלטערן האָבן דווקא יאָ פאַרשטאַנען, אַז עס ליגט אין זייער טאָכטער עפּעס אַ כּח, עפּעס אַזאַ מין זאַך, וואָס מיר אין הײַנטיקע צײַטן רופן אָן טאַלאַנט; נאָר זיי, רחלעס עלטערן, אין יענער צײַט, האָט זיך אויסגעוויזן, אַז דער כּח אירער פון איבערנעמען אַ זאַך און איבערזינגען דאָס — ליגט בײַ איר אין קאָפּ, ווײַל זי האָט אַ מאַנסבילשן קאָפּ. דער קאָפּ שפּילט בײַ אונדז, יידן, די גרעסטע ראָלע, מער ווי אַלע צוויי־הונדערט־אַכט־און־פערציק אברים. אַ קאָפּ, אַ קעפּעלע! — אָט דאָס איז בײַ אונדז דער עיקר אַנטיק. נאָר ווי־אַזוי די מעשה איז, ביז פופצן־זעכצן יאָר האָט רחלע געזונגען, ווי אַ פרײַ פייגעלע: וווּ ערגעץ אַ חזניש שטיקל, אַ „נקדישך", אַ „כבקרת", אַזוי אויך אַ חסידישער ניגון, כלי־זמר־שטיק אַלערליי, — האָט רחלע אויסגעזונגען אַף איר ציכטיק קול, וואָס איז געווען אַ מחיה נפשות צו הערן. נאָר קוים איז זי אַ כּלה געוואָרן אַזוי האָט איר די מאַמע געזאָגט:

— פע, געגנוג, טאָכטער, דיר צו טערעלייקען. וועסט קומען צום שווער־און־שוויגער אַף קעסט און וועסט זיך גאָר פּלוצים אָנידערזעצן ברימבלען — אַ שיינעם פּנים פאַר לײַטן!

רחלע, פאַרשטייט זיך, האָט פאַרשטאַנען, אַז ס'איז נישט לײַטיש, האָט זי געפאָלגט און האָט אויפגעהערט צו זינגען... נאָר לחלוטין אויפהערן צו זינגען האָט זי נישט אויפגעהערט, דען עס פלעגט זיך בײַ איר אַליין, אָן איר ווילן ארויסכאַפּן אַ געזאַנג, פון רגילות.אַפּנים, און וואָס איז זי שולדיק, אַז עס זינגט זיך פאַרט?... אַז מע זעט, פון וואַנען

דאָס וואַסער לויפט קאָן מען דאָס נאָך פאַרשטעלן, אָבער אַז מע זעט נישט, מע ווייס נישט, פון וואַנען עס נעמט זיך — וואָס קאָן מען טאָן ?... נישט נאָר כלהווייז, אפילו שוין נאָך דער התונה האָט זיך איר עטלעכע מאָל געמאַכט, אַז זי האָט זיך גאָר פאַרגעסן, וואָס זי איז, און האָט זיך צעזונגען, ווי אַמאָל, צעלאָזט גאָר אַפן אלטן שטייגער, ווי מיידלווייז. רחלע האָט גאָר פאַרגעסן אַז די שוויגער איז דאָ אין שטוב און הערט יעדער וואָרט, וויִאַזוי זי זינגט:

אוי, אָט דאָרט, אָט דאָרט,
אוי, אַף יענעם אָרט
שטייען טײַבעלעך צוויי — צוויי!
זיי שמועסן זיך, זיי קושן זיך...
נאָר וואָס פאַרא טענה האָבן זיי?
זיי קושן זיך און שמועסן זיך...

— אוי, אַ דונער איז מיר! נאַ דיר נאָך! — האָט רחלע אויסגעשריגן און האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן, דערזען פלוצים די שוויגער.

— נישקשה, נישקשה, ווייס איך! — האָט זי די שוויגער באַרויִקט און האָט זיך געמאַכט תמעוואַטע, שמאַרענדיק מיט דער נאָז און אַרײַנקוקנדיק אין אַ סלאָי אײַנגעמאַכטס. — זעסטו, רחלע, איך האָב מורא, אַז די אַגרעסן אונדזערע זאָלן נישט אָנהייבן צוקערן; איך האָב שוין פאַראיאָרן געהאַט אַזאַ פּסק: העכער אַ האַלבער פוד אײַנגעמאַכטס איז פאַרפאַלן געוואָרן אָט אַזוי...

און ווער רעדט, פאַר משה־מענדלען וואָלט זי נישט געזונגען פאַר קיין געלט: עס קומט אויס עפּעס משונה־נאַריש און זייער פּריקרע — נעמען עפּענען אַ מויל פאַרן מאַן אין די אויגן און זינגען... עס קאָן זײַן, אַז משה־מענדל וואָלט זיך נישט אָפּגעזאָגט און וואָלט אפשר אַ גרויסער בעלן געווען דערויף. ער האָט זי געהערט אַ פּאָר מאָל אַ זינג טאָן און ווייס, אַז איר קול איז צוקער־זיס. נאָר וואָס פאַרא פּנים וואָלט ער געהאַט פאַר זיך אַליין, אַז ער זאָל זיך פלוצים אָנידערזעצן אינדערהיים — הערן דאָס ווײַב זינגען לידלעך? אַ שיינע עובדא פאַר אַ לײַטישן יונגערמאַנטשיק! עס זאָל זיך מאַכן על פּי מקרה זי הערן — מהיכי־תיתי... און עס פלעגט זיך אַמאָל מאַכן, נאָר זייער זעלטן; דעמאָלט פלעגט משה־מענדל בלײַבן שטיין, זיך גוט אָנהערן און נאָכדעם געבן

א הוסט, צו באוויַיזן, אז ער קומט כלומרשט ערשט אָן, און זיך אַריַינקומען אין שטוב אַריַין כלא ידע...

אָט אַזוי האָט זיך אָפּגעלעבט רחלע א קיַילעכיק יאָר, איינע אַליין, צווישן גוטע געטריַיע לײַט, איבערגעגעבענע ביז לעצט, און מ׳קאָן ניט זאָגן, אז ס׳איז איר געווען גוט, און מע קאָן נישט זאָגן, אז ס׳איז איר געווען שלעכט. זי האָט זיך געפילט צווישן אייגענע פרעמד, צווישן אייגענע עלנט, צווישן גוטע, טריַיע — פאַרלאָזט. זיצנדיק אַזוי פאַרזאָרגט איבער אַן אַרבעט, אַן אויסגענייעכטס, פלעגט זיך רחלע, ווי איר שטייגער איז, אונטערזינגען, און פלוצים פלעגט זי אָננעמען א האַרצקלעמעניש און עס האָט זי געצויגן אַהין, דאָרט, וווּ זי האָט פאַרבראַכט אירע קינדער־יאָרן.

גערפלויגן, געפלויגן
די גילדענע פייגל
איבער אַלע ימען ;
לאָזט־זשע גריסן,
גילדענע פייגל,
מיַין ליבער, האַרציקער מאַמען !
געפלויגן, געפלויגן
די גילדענע פייגל
איבער אַלע טיַיכן ;
לאָזט־זשע גריסן,
גילדענע פייגל,
מיַין ליבן, האַרציקן טאַטן...

דוואָסי־מלכה האָט ליב געהאַט גאַנץ אָפּט אונטערגנבהנען זיך אַף די שפּיץ פינגער און אונטערהערן זיך ווען וואָס זינגט די שנור.

— וואָס איז דיר, רחלע, דו בענקסט אַהיים ?

— אַך, ניין, שוויגער ! גלאַט אַזוי... — ענטפערט רחלע שמייכלענדיק און ווישט אויס די טרערן.

XIII

רחלע האָט שוין דאָס גוטע בריוול

מיר האָבן איבערגעלאָזט רחלען בשעת דעם „שלייער־וואָרמעס“ שטיין באַ דער טיר און קוקן אַפן גרויסן מאַרק־פּלאַץ פון דער שטאָט מאַזעפּעווקע, פאַרטיפט אין אירע מחשבות, פון וועלכע מיר האָבן אויבן געשמועסט. די מחשבות אירע זייַנען אָבער גיך איבערגעריסן געוואָרן דורך אונדזער וואוילן יונג — סטעמפעניון.

דער דאָזיקער פייַנער בחור, וואָס האָט געוואָרפן אַן אויג אַף רחלען, האָט גוט באַמערקט, ווי זי איז אַרויסגעגאַנגען פונעם טיש, האָט ער אַביסל צוגעוואַרט און איז אויך אַרויסגעגאַנגען, און האָט זיך געשטעלט אינדרויסן באַ דער טיר, און האָט תיכּף פאַרבונדן מיט רחלען אַ שמועס וועגן זייַן שטאָט מאַזעפּעווקע און וועגן איר שטאָט סקווירע, וועלכע ער האָט גוט געקענט מיט אַלע בריקלעך, מיט אַלע אירע אַנטיקלעך, אויסגעטונקען, ווי מע זאָגט; און פון דער שטאָט יעהופּעץ האָט ער מיט איר גערעדט; ער האָט געהערט, אַז זי איז אַמאָל געווען אין יעהופּעץ. רחלע האָט אים געענטפערט איין וואָרט איבער צען.

— וואָס איז די מעשה — האָט זי סטעמפּעניו אַ פרעג געטאָן — וואָס איז די מעשה, וואָס מע זעט אייַך קיינמאָל נישט גיין אַפן שפּאַציר, נישט שבת, נישט יום־טוב? איר זענט שוין דאָ כמעט אַ יאָר, העכער אַ יאָר, און מע זעט אייַך נאָך נישט אַף דער באַרדיטשעווער גאַס! און פאַרקליבן האָט איר זיך אַזוי ווייַט, אין עק שטאָט, און איך האָב גאָרנישט געוווּסט, אַז איר זענט הי... ערשט נעכטן בין איך געוואָר געוואָרן, ווען איך האָב אייַך דערזען... איך האָב נאָך נעכטן געוואָלט מיט אייַך אַביסל ריידן, קאָן מען נישט... איר ווייסט דען נישט אונדזערע יידישע שטעטלעך? באַלד הייבט מען אָן צו ריידן, מע נעמט אין די מייַלער אריין... גייט זיך דורך, פאָלגט מיך, שבת באַטאָג אַף דער באַרדיטשעווער גאַס... דאָרט איז די גאַנצע שטאָט... למען השם, הערט איר? למען השם, שבת באַטאָג אַף דער באַרדיטשעווער גאַס...

רחלע האָט אים קיין צייַט נישט געהאַט צו ענטפערן, דען איר געטרייַע שוויגער דוואָסי־מלכה האָט באַמערקט, אַז די שנור איז נישטאָ באַם טיש, איז זי געלאָפן זי זוכן, און אַז זי האָט זי געטראָפן שטיין אינ־

דרויסן באַ דער טיר מיט סטעמפּעניון, האָט זי זיך אין פלוג אַביסל פאַר־וווּנדערט: „וואָס עפּעס אינמיטן דרינען אָט דאָ מיט אים?" נאָר סטעמ־פּעניו, וואָס איז בכלל געווען אַ מזיק און אַ גרויסער בריה אין אַזעלכע ענינים, האָט זיך תיכּף גענומען צו דוואָסי־מלכהן מיט די דאָזיקע ווערטער:

— מיר שמועסן דאָ מכּח דער חתונה, מכּח דעם רבינס חתונה אין סקווירע... אײַער שנור איז נאָך דעמאָלט געווען אַ קינד, ווען איך האָב געשפּילט אַף דעם רבינס חתונה. זי געדענקט נישט דעם רבינס חתונה...

— עס פאַרשטייט זיך, ווי קומט צו איר דאָס געדענקען? — האָט אים דוואָסי־מַלכה געענטפערט. — איך געדענק אָבער גוט. איך בין דע־מאָלט געווען מיט מײַן מאַן, און האָבן גענעכטיקט אין פעלד, אַזאַ ענג־שאַפט איז דעמאָלט געווען אין שטעטל.

— וואָס ווייסט איר דאָס ענגשאַפט דעמאָלט! איך וועל אײַך דער־ציילן שענערס... — האָט איר סטעמפּעניו געענטפערט און האָט פאַר־בונדן מיט דוואָסי־מלכהן אַ לאַנגן שמועס מכּח פיל פאַרשיידענע ענינים, און אַזוי האָט ער זיך מיט איר פאַררעדט, און רחלע האָט זיך דערווײַל אַרויסגעדרייט און איז אַרײַנגעקומען צוריק אין שטוב אַרײַן צו דער כּלה. מיר האָבן נאָך אויבן געזאָגט, אַז סטעמפּעניו האָט געקאָנט ריידן; מיר דאַרפן דערציילן נאָך אַ מעלה פון אים, היינו: אַף צו ריידן מיט אַלטע ווײַבער, פלאַפּלען, פאַררײדן זיי די ציין, ווען מע באַדאַרף, האָט מען אים אויך נישט באַדאַרפט פּיקן די צונג; ער האָט געקאָנט די מלאכה גוט. „אַ געלערנטע מכשפה — זאָגט די וועלט — איז ערגער ווי אַ געבאָרענע". סטעמפּעניו איז אין זײַן אַרבעט געווען אַ חריף; ער איז דורכגעגאַנגען אַ גוטן חדר, ווי מיר וועלן זען ווײַטער.

„אַ העזה אַביסל! — האָט זיך רחלע געטראַכט אין האַרצן. — זאָגן מיר, אַז איך זאָל, למען השם, זײַן שבת באַטאָג אַף דער באַרדיטשעווער גאַס! למן השם? אַנדערש וויל ער נישט? אַ השגה אַביסל! דאָס קאָן נאָר אַ כּלי־זמר!"...

מיט אַזעלכע בייזע מחשבות איז רחלע געקומען צוריק פון דער חתונה, און אַז עס איז געקומען דער ליבער שבת־קודש, אַז דער שווער און די שוויגער און אויך משה־מענדל האָבן זיך געלייגט רוען און קלייבן אַביסל עונג־שבת פונעם זיסן שלאָף, פון וועלכן ייִדן האַלטן גאָר אַ וועלט פון כּמה וכמה יאָרן, — דעמאָלט האָט זיך רחלע, ווי איר שטייגער איז, געזעצט איינע אַליין באַם פענצטער און האָט געקוקט אַף דער גאַס אַרויס,

צוברומענדיק זיך אַ לידעלע אונטער דער נאָז. דאָרט, אַף דער גאַס, האָט זי דערזען, ווי אַלע שבת, אויסגעצוואָגענע מיידלעך, מיט רויטע און מיט בלויע סטיינגעלעך אין די צעפּ, מיט רויטע, געלע, גרינע, מאָדנע קליידלעך און מיט הענטשקעלעך און מיט נייַע גלאַנצנדיקע שיך אַף סקריפּעס. דאָס גייען זיי אַהין, „אַפן שפּאַציר", אַף דער באַרדיטשעווער גאַס. דאָרט וועלן זיי ווייַזן, איינע די אַנדערע, זייערע רויטע, בלויע סטיינגעלעך, מיט זייערע רויטע, געלע, גרינע קליידלעך. דאָרט וועלן זיי כאַפּן אַ קוק פון דער ווייַטנס, פאַרבייַגייענדיק, ווי דער מנהג איז בײַ אונדז, אַף די בחורימ־לעך מיט די קאָרטענע קאַפּאָטקעלעך, מיט די לאַנגע הייזלעך און מיט די גלאַנצנדיקע דאַשקעס (קאָזיראָקלעך) פון די שבתדיקע קאָרטוזלעך. דאָרט וועלן זיי מיט גרויס צניעות אַראָפּלאָזן די אויגן, און די בעקלעך וועלן בײַ זיי ווערן רויטלעך פאַר חרפּה, און די הערצלעך... מיט איינעם וואָרט, דאָרט וועט זײַן חי־געלעבט!

רחלע ווייס דאָס גאַנץ גוט. פאַרוואָס זאָל זי דאָס נישט ווייסן? זי איז דאָך אויך אַמאָל געווען אַ מיידל מיט רויטע און בלויע סטענגעלעך אין די צעפּ, און האָט אויך געשפּאַצירט מיט אַ סך מיידלעך שבת באַטאָג אַף דער גאַס. אָבער איצט?

רחלע קוקט זיך אַרום. אַלע שלאָפן און כראָפּען געשמאַק. אַלע! נאָר זי אַליין זיצט דאָ, ווי צווישן טויטע, ווי צווישן אמתע מתים. זי שפּאַרט אָן איר קאָפּ אַף די הענט און פאַרטראַכט זיך און דערמאָנט זיך אָן אַלט לידעלע, וואָס זי האָט געזונגען אַמאָל, מיידלווייַז:

איינע אַליין,
עלנט, ווי אַ שטיין,
איך האָב צו קיינעם צו ריידן.
נאָר צו זיך אַליין.
עלנט, ווי אַ שטיין.
איך האָב צו קיינעם צו ריידן...

— גוט שבת!...

רחלע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און האָט דערזען... סטעמפּעניון.

— אַ גוט שבת! זאָג איך.

„וואָס איז דאָס?! ווי קומט ער אַהער?" — האָט רחלע געוואָלט פרעגן און אָפּטרעטן פונעם פענצטער.

— גוט שבת, גוט יאָר! — האָט זי אים געענטפערט און איז געוואָרן רויט, ווי אַ צוויק.

— איר האָט מיך נישט געפאָלגט און זײַט נישט אַרויסגעגאַנגען אַף דער באַרדיטשעווער גאַס? איך האָב אַף אײַך אומזיסט אַרויסגעקוקט... איך האָב... איך האָב... נאָט לייענט!...

און סטעמפּעניו האָט איבערגעגעבן רחלען אַ צונויפגעלייגטן בויגן פּאַפּיר און איז גיך פאַרשוווּנדן געוואָרן פון אירע אויגן.

רחלע האָט לאַנג, לאַנג געהאַלטן דעם בויגן פּאַפּיר אין אירע הענט, נישט געוווּסט, וואָס צו טאָן דערמיט, און נישט פאַרשטאַנען, וואָס דאָס באַדײַט, „מיט וואָס עסט מען דאָס?"... אַז די ערשטע איבעראַשונג איז איבערגעגאַנגען, האָט זי צענומען אַ גרויסן בויגן נאָטן־פּאַפּיר און האָט דערזען גרויסע אותיות, אַף פשוט יִדיש געשריבן מיט אַ סך גרײַזן.

„מיין ליבשטיר איינגיל פון הומיל ווען איח האָב דיין לעה־
„טיק שטאַלד דערזוהין איז מער געוואָרין לעחטיק אָן מײַנעביידה
„עייגין אין אַ לעחטיק פײַאר מיט מײַן האַרץ פרענין פין גריית
„ליבשעווט צי דיר מײַן נעשאָמע וואָת דײַנע הומיל עייגין האָבין
„מעח מיד דײַן לעחטיק שטאַלד צי זעח גוצויגען פין דער אורשטיר
„שאָ ביסד מײַן לייבין פין מײַן האַרץ מײַן זויילי
„אין טי ניט שלאָפען אין חאָלים דיך זייהין אָן דיר דאָח די לעח־
„טיקי זין פינסטער אין מײַנע עיגין אָב דעח ליב ווי מײַן זים לייבין
„אין חשטאַרב מיד אַלי עייוועריִם דעח טאָמיד זייהין פאַר מײַני
עייגין אין דעח טאָמיד ליבין אין מיד דיר טאָמיד לייבין דען דעח
„אויף אימער ליבענדיר וואָת גייט אוית נאָח דײַני טרייט אין טיט
„דעח פין ווײַטין קישין דײַנע שייני עייגין

סטעמפּעניו".

XIV

פון דער „בת־מלכה“ צוריק צום „בן־מלך“

לאָמיר איבערלאָזן די „בת־מלכה“ און זיך אומקערן צום „בן־מלך“. מיר וועלן פאַרבײַגיין רחלען און שמועסן מכח סטעמפעניון.

אמת, דאָס דאָזיקע בריוול פון סטעמפעניון, וואָס איז אויבן געקאָפירט אות באות, איז נישט אַזוי קונציק, נאָר וואָס קאָן מען העלפן? סטעמפעניו איז אַודאי געווען אַ העלד, אַ שיינער יונגאַטש, אַ ימח־שמוניק אַ גוטער, נאָר קיין שרײַבער איז ער נישט געווען. גייט מאַכט עפעס! זײַן פאָטער, עליו השלום, בערל באַס, אַז ער האָט דערזען, ווי סטעמפעניו האָט חשק צו שפילן און לערנען וויל ער נישט קיין וואָרט, כאָטש בראָט אים, כאָטש ברען אים, האָט ער אים גיך גענומען צו דער מלאכה און האָט אים פריִער אויסגעפרוווט אַף אַלע כלים, ביז ער איז געבליבן שטיין מיט דער פידל, און בערל באַס, וואָס האָט געהאַט חוץ סטעמפעניון נאָך קינדער מוזיקאַנטן, האָט געזאָגט בפירוש, אַז אין אים, אין סטעמפעניון, געפינט זיך אַן אָדער פונעם זיידן, רב שמואלקע טראָמייט (וואָס האָט זיך פערזענלעך געקענט מיטן גרויסן פידלער פ אַ ג אַ נ י נ י), אַזוי, אַז צו צוועלף יאָר האָט שוין סטעמפעניו געקאָנט „באַזעצן“ אַ כלה און טאַקע אָפשפילן אַ גאַנצע התונה. דערפאַר האָט אים בערל באַס בעסער ליב געהאַט פון אַלע קינדער, וואָס זײַנען געגאַנגען בײַ אים אָפגעריסן, אָפגעשליסן, אָדער פשוט נאַקעט און באָרוועס. און כאָטש בערל באַס איז געווען אַ שטרענגער קאָמאַנדיר און פלעגט שלעפן סטעמפעניון פאַרן אויער, אָדער אַזוי הרגענען, שלאָגן, ממיתן, ברעכן די ביינער, דאָך איז סטעמפעניו געווען בײַ אים דער אַנטיק, אַ צירונג, אַ גאַנצער מאַיאָנטעק אַף דער עלטער. בערל האָט אַלעמען אָנגעוויזן אַף סטעמפעניון און האָט געזאָגט מיט גדלות האַלב אַף כלי־זמר־לשון: „זעט איר, ממזרים, אָט דער פיטיוקל וועט מיר געבן פאַפע אַף דער עלטער. נישקשה, איך מעג זיך אַף אים פאַרלאָזן“.

דעם אַלטן בערל באַס איז אָבער נישט באַשערט געווען אַף דער עלטער צו זען בײַ זיך זײַן געליבטן זון. סטעמפעניו האָט זיך צו פופצן יאָר אַוועקגעלאָזט, מיט אַ דרײַערל אין בײַטעלע און מיט אַן אַלטער, צעבראָכענער פידל אונטערן פאַדעלעק, וואַנדערן אַף דער וועלט. ער האָט

זיך אויסגעוואָלגערט ווי איר ווילט, אין אַ סך שטעט און שטעטלעך, צווישן פיל פאַרשיידענע קאָמפּאַניעס כלי־זמר. מער ווי אַ האַלב יאָר האָט זיך סטעמפּעניו נישט געקאָנט האַלטן אויף איין אָרט. עס האָט אים אַלץ געצויגן ווײַטער און ווײַטער: פון מאַזעפּעווקע קיין סטעפּעווקע, פון סטעפּעווקע קיין קאָרעץ, פון קאָרעץ קיין באַלטע, פון באַלטע קיין אַלט־קאָנסטאַנטין און פון דאָרטן קיין באַרדיטשעוו, און אַזוי ווײַטער און ווײַטער, ביז אַדעס. און פון אַדעס האָט ער זיך אוועקגעלאָזט צוריק — ווידער וואַנדערן איבער קליינע שטעטלעך, ווי מע קאָן זיך לאָזן הערן, האָבן אַ נאָמען, זיך קונה שם זײַן. און עס איז טאַקע אַזוי געווען: אין יעדן אָרט, וווּהין סטעמפּעניו איז געקומען, האָט מען שוין געהערט פון אים פריִער. יעדן האָבן געהערט, אַז עס פאָרט אַרום אויף דער וועלט אַ געוויסער סטעמפּעניו, וואָס מיט זײַן שפּילן לאָזט זיך אויס די וועלט. דעריבער איז גרינג צו פאַרשטיין דעם רעש, וואָס עס איז געוואָרן אין יעדער שטאָט, וווּהין סטעמפּעניו איז געקומען מיט זײַן קאַפּעליע. דען סטעמפּעניו, פאַרשטייט איר, האָט צו אַכצן יאָר שוין געהאַט אַן אייגענע קאָמפּאַניע, און איז אַרומגעפאָרן און האָט געשפּילט נאָר אויף געוויסע, רײַכע חתונות, און אַזוי מיט דער צײַט האָט סטעמפּעניו אָוועקגעלייגט אַלע אַנדערע קאָמפּאַניעס, ווי, למשל, די „קאָנאָטאָפּער כלי־זמר", וואָס האָבן אויך געווען גענוג געשמט, די „סמילער", די „ווינניצער", די „שאַראַגראַדער" און נאָך פיל באַרימטע קאָמפּאַניעס, וואָס האָבן זיך געלאָזט הערן אויף דער וועלט.

עס פאַרשטייט זיך, אַז קיין גוטע פרײַנט האָט זיך סטעמפּעניו נישט געקויפט, דערפאַר, וואָס ער האָט אַרויסגעריסן דעם בעסטן ביסן פון די כלי־זמרס מויל, און מע פלעגט אָנווינטשעווען גענוג צרות מיט שלעק אויף זײַן קאָפּ. נאָר אין די אויגן האָט מען אים געתנפעט, און אין האַרצן האָט מען אויך געהאַט גענוג אָפּשיי פאַר אים. יעדער כלי־זמר האָט געוווּסט אינעווייניק, באַ זיך אין האַרצן, אַז קוים נעמט סטעמפּעניו דאָס פידעלע אין האַנט אַרײַן, אַזוי מעגן שוין אַלע כלי־זמר זיך לייגן שלאָפן.

די חברה כלי־זמר, דאַרפט איר וויסן, האָבן פון תמיד אָן ליב גוזמאות. באַ זיי געפינט איר ספּורי־מעשיות, וווּנדערלעכע דערציילונגען, לעגענדעס אָן אַ שיעור. אויף סטעמפּעניון האָבן זיי דערציילט אין יעדן אָרט שרעקלעכע גוזמאות, און אויף זײַן פידעלע האָט מען געזאָגט, אַז עס וואַקסט פון פּאַגאַנינין אַליין. אַז מע האָט דערהערט, אַז סטעמפּעניו

דאַרף אָנקומען מיט זײַן „קאַפּעליע״, האָבן אים די שטאָט־כּלי־זמר, געוויינלעך, גענוג אָנגעשאָלטן, און ווער שמועסט זייערע ווײַבער האָבן פּשוט געדרענגט מיט קללות, מע זאָל גאָר באַהיט ווערן.

— אַ גאַנץ קיילעכיק יאָר, מע דאַרט, מע קוואַרט, מע באָרגט, מע משכּונט, מע עסט פון זיך די הויט. וואָס איז? ראש־חודש אלול וועט זײַן אַ חתונה באַם נגיד. צום סוף קומט אַ רוח, אַ שלים־מזל פון אַלדי שוואַרצע יאָר, אַ סטעמפּעניו, און רײַסט אַרויס דעם ביסן פון די ציין, פאַרכאַפּט זאָל ער נאָר ווערן!...

נאָר קיין אמתע שונאים האָט זיך סטעמפּעניו נישט געקויפט אין ערגעץ. ער איז געווען אַ גוט ברודערל ביז גאָר: אָפּגעשפּילט די חתונה, האָט ער זיך צונויפגעקאָמפּאַניעט מיט דער חברה שטאָט־כּלי־זמר און געלאָזט מאַכן אַ וואַרעמס מיט דער ברייטער האַנט, נישט געקאַרגט קיין שנאַפּס, פּיין אונטערגעלעבט, זיך שיין צעצאָלט, און פאַרן אַוועקפאָרן צעטיילט דעם קליינוואַרג מתּנות. מיט איינעם וואָרט, ער האָט זיך אויסגעשטעלט מעשה מענטש, גאָר לײַטיש.

— הערט איר? — האָבן די כּלי־זמרקעס נאָכדעם גערעדט צווישן זיך. — הערט איר? אַ ייִדישע נשמה טאָר מען נישט שאַצן.

נאָר מער ווי באַ אַלע האָט סטעמפּעניו געפונען חן אין די שוואַרצע אָדער בלויע אויגן פון די כּלי־זמרס טעכטער, די מיידלעך, צו וועלכע ער האָט זיך אומעטום געשדכנט. און ווען ער האָט געשוואָרן דעם כּלי־זמרס טאָכטער, אַז ער איז אין איר אײַנגעליבט ביז לעצט, האָט איר אים גע־מעגט גלייבן: בשעת מעשה איז ער באמת געווען אין איר אײַנגעליבט (צום מיינסטן, זײַנען באַ די כּלי־זמר שיינע טעכטער), נאָר קוים איז סטעמפּעניו אַריבערגעפאָרן איבער דער ראָגאַטקע, אַזוי איז זײַן ליבע פאַרשוווּנדן געוואָרן מיטן ווינט און מיטן רויך. און געקומען אין דער צווייטער שטאָט, האָט ער זיך ווידער באַלד אײַנגעליבט אין אַ דאָרטיקן כּלי־זמרס טאָכטער; ווידער געשוואָרן, געכאַפּט די ערד, אַז ער ליבט זי, אַז ער עקט זיך, געשענקט מתּנות, אָפּגעזעגנט זיך, אַוועקגעפאָרן — און ווידער די אייגענע מעשה...

מע קאָן נישט זאָגן אַז אַזעלכע ליבעס האָבן זיך אויסגעלאָזט תּמיד אָן אַ וויסטן סוף, — געוויינלעך, פאַר איר, פאַר דער כּלה... דאָס איז אמת, אַז פיל פון זײַנע געליבטע האָבן גיך פאַרגעסן אין סטעמפּעניון מיט זײַן געביין און האָבן חתונה געהאַט פאַר אַנדערע כּלי־זמר. נאָר עטלעכע,

זייער איינגעשפּאַרטע מיידלעך, האָבן זיך אַזוי איינגעגליבט אין דעם דאָזיקן ימח־שמוניק, אַז ער וועט קומען, נישט היינט — איז מאָרגן, נישט מאָרגן — איז איבערמאָרגן, ביז זיי האָבן אָנגעהויבן צו טריקענען און אויסגיין, ווי אַ ליכט. אין דער צייט, ווען סטעמפּעניו האָט ערגעץ בסוד, אין אַ פינצטער היזל, זיך געקושט מיט אַ כלי־זמרס טאָכטער, אין דער אייגענער מינוט איז געלעגן נישט איינע פון זיינע כלות מיטן פּנים אַראָפּ, באַוויינענדיק זייער פינצטער מזל וואָס זייער „געליבטער האָט זיי פאַרגעסן, פאַרלאָזט און טוט זיי גאָרנישט דערמאָנען”...

אָט אַזעלכע אומגליקלעכע כלות האָט סטעמפּעניו געלאָזט כמעט אין יעדער שטאָט, ווו ער איז דורכגעפאָרן מיט זיין קאָמפּאַניע. נאָר נישט שטענדיק גילט די הצלחה; עס מאַכט זיך אַמאָל — מע טרעפט אָן אויף אַ שלאַק, האָט מען דעמאָלט צו זינגען און צו זאָגן. סטעמפּעניון האָט געטראָפן אַן אומגליק, וואָס ער האָט זיך גאָר אויף אַזעלכעס נישט געריכט: ער האָט געמוזט חתונה האָבן, כאָטש עס האָט זיך אים שטאַרק נישט געוואָלט חתונה האָבן!

XV

סטעמפּעניו פאַרשלייערט זיך גאָר אומגעריכט

ויהי היום איז סטעמפּעניו געקומען מיט זיין קאַפּעליע קיין מאַזע־פּעווקע און האָט אָפּגעשפּילט דריי חתונות מיטאַמאָל, בשותּפות מיט די שטאָט־כלי־זמר, וואָס זיינען צוגעשטאַנען צו אים מיט חזקה־טענות און האָבן אים פאַרשוואָרן, אַז באם לאו, וועט אים חברה ברעכן די ביינער, און זיי וואָלטן עס זייער שיין מקיים געווען, ווען סטעמפּעניו, וואָס האָט געהאַט בכלל אַ גוט הארץ, זאָל נישט געווען מרוצה ווערן אויף שותּפות.

אַזוי ווי פון איין חתונה ביז דער אַנדערער האָט געדויערט אַ פּאָר טעג, און סטעמפּעניו האָט דערווייל נישט געהאַט וואָס צו טאָן, האָט ער זיך דערווייל באַקענט מיט ישעיהקע דעם פידלערס טאָכטער, אַ פיין מיידל פון אַ יאָר צוויי און צוואַנציק, אַ שוואַרצס און אַ גראָבס, און ער האָט זיך אין איר רעכט איינגעליבט, ווי דער שטייגער איז בא אים גע־ווען: געקושט, געהאַלזט, געליובעט, געקויפט מתנות, קוצעניו־מוצעניו,

גאָר מעשה חתן און אַז עס איז געקומען די צײַט פון אָוועקפאָרן, האָט אים דאָס שוואַרצע מיידל (פריידל האָט מען זי גערופן) געזאָגט, אַז ער זאָל נישט מאַכן קיין שהיות און שרײַבן תנאים, ווי דער מנהג איז. סטעמפּעניו, וואָס איז דערצו נאָך נישט געווינט געוואָרן, האָט זיך אַביסל גע־קווענקלט, געדרייט מיט דער צונג אַהין — אַהער, נאָר עס האָט איר נישט געהאָלפן קיין רבונו־של־עולם. פריידל איז געווען אַ מיידל אַ קאָזאַק און האָט אים גענומען אין די הענט אַרײַן גאָר קיין מעשה נישט, אַזוי, אַז ער האָט זיך נישט געקאָנט אויסדרייען פון איר, און עס איז געווען דאָס קנס־מאָל אין אַ מזלדיקער שעה. חברה כלי־זמר האָבן לכבוד דעם געריכטן חתן געמאַכט אַ היפּשן קנאַק, און באַם פידלער אין שטוב איז געווען ששון ושמחה דרײַ טעג כסדר, ביז דער ליבער חתן מיט אַלע ליבע געסט זײַנען זיך אָוועקגעפאָרן אין דער אַנדערער שטאָט, אין דער דריטער, און אַזוי ווײַטער.

געוויינלעך, האָט סטעמפּעניו באַלד פאַרגעסן אין דער גאַנצער חתונה מיט די תנאים, מיט דעם שוואַרצן מיידל, מיט אַלע מיט אַן אַנדער, און האָט זיך געטאָן זײַנס, דאָס הייסט, געפירט זײַנע ליבעס אין אַלע שטעט, ווי ער איז געוואוינט געווען. און אַזוי איז ער זיך געפאָרן פון שטאָט צו שטאָט מיט זײַן קאַפּעליע — חתונות שפּילן און האָט זיך געלעבט אַ גוטן טאָג, נאָר פלוצים... עס איז נישטאָ קיין אייביקע זאַך אויף דער וועלט! אַלץ איז ביז אַ צײַט. אויף סטעמפּעניון איז אויך געקומען די צײַט. אַ בייזער שלאַק האָט אים געטראָפן און אַ צרה. אַ משולחת האָט זיך אויף זײַנע יאָרן גענומען! הערט אַן אומגליק:

געשפּילט אַזוי איינמאָל אַ חתונה אין אַ קליין שטעטל, ערגעץ אין מאַלאָראָסיע, און געהאַלטן סאַמע אין מיטן אַ ליבע מיט הערשקע דעם פלייטערס טאָכטער (אַ גאַנץ שיין מיידל), און סטעמפּעניו האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט זי געווים נעמען, — איז אַרײַנגעקומען מעבטשי פּײַקלער מיטן שלעפּעריקן פּנים און האָט אַ ווונק געטאָן אויף סטעמפּעניון און אַ מרוקע געטאָן אונטער דער נאָז אויף כלי־זמר־לשון:

— גייט, סטעמפּעניו, דאָרט אין הויז וואַרט אויף אײַך אַ שעבטל.

— אַ מיידל? וואָסער אַ מיידל?

— אַ שוואַרץ מיידל מיט גרינע אויגן.

און סטעמפּעניו האָט זיך געלאָזט אין הויז אַרײַן און האָט דערזען דאָס שוואַרצע מיידל, ישעיהקע דעם פידלערס טאָכטער, זײַן כלה פריידל!

— וואָס קוקסטו מיך אָן, סטעמפּעניו? האָסט מיך נישט דערקענט? איאָ? זע נאָר, ווי ער פּינטלט מיט די אויגן און קוקט זיך צו! דאָס בין איך, סטעמפּעניו, איך, פריידל, דײַן כלה פריידל, ישעיהקע דעם פּידלערס טאָכטער.

— האַ? איך ווייס, וואָס דען? איך ווייס נישט? איך ווייס! איך ווייס! נאָר ווי קומסטו אַהער? פון וואַנען?

— ווי קום איך אַהער? מיט די פיס, סטעמפּעניו, מיט די פיס. קוים דערפרעגט אַהער, צו הערשקע דעם פּלייטיסט. פון וואַנען, פרעגסטו? פון דער היים קום איך אָן.

— נו, וואָס הערט זיך? ווען ביסטו פון דער היים?

— וואָס זאָל זיך הערן, סטעמפּעניו? נישטאָ קיין נײַס. ווען בין איך פון דער היים? פון דער היים בין איך, אַפּנים, אַזוי גרויס, ווי אַ וואָך זעקס אָדער זיבן. מיר זײַנען אויסגעווען ווו דו ווילסט. וווּהין מיר קומען צו פאָרן, זאָגט מען אונדז: געווען און אָוועקגעפאָרן ווײַטער. קוים, קוים מיט צרות געטראָפן אַפן אמתן וועג... נו, וואָס מאַכסטו עפּעס, סטעמפּעניו?

— האַ? איך? גאָרנישט! וואָס זאָל איך מאַכן? קום, פריידל, וואָס שטייען מיר דאָ? — האָט ער צו איר געזאָגט, דערזען, אַז חברה כלי־זמר הייבן זיך אָן קלייבן אַרום זיי און באַטראַכטן דאָס שוואַרצע מיידל מיט די גרויסע שוואַרצע צעפּ און מיט די גרינע אויגן.

— פון מײַנעטוועגן, לאָמיר גיין, — האָט אים פריידל געענטפערט.

און סטעמפּעניו האָט געכאַפּט אַף זיך דעם אויבערראָק מיטן שטעקעלע אין דער האַנט און האָט זיך געמאַכט אַ שפּאַציר מיט פריידל דער שוואַרצער איבער דער שטאָט. סטעמפּעניו האָט זיך אַרומגעקוקט, צי קיינער הערט נישט זייער שמועס, און האָט זיך געווענדט צו איר שוין מיט מער שטאַרקייט:

— זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, וואָס הייסט דאָס?

— וואָס הייסט „וואָס הייסט דאָס"?

— אָט דאָס, וואָס דו ביסט אַהער געקומען.

— ס'אַ גראַם! קוק אים אָן, קלאָמפּערשט ווייס ער נישט, מאַכט זיך געפּגרט.

— העסטו, פריידל? — האָט איר סטעמפּעניו שוין מיט האַרץ געזאָגט. — הערסטו, פריידל? איך האָב פײַנט, אַז מע מאַכט מיט מיר

אזעלכע מחזקות! איך פרעג דיך, וואָס טוסטו דאָ, און דו טרײַבסט מיט מיר קאַטאָוועסלעך?

פריידל האָט אַ גלאַנץ געטאָן מיטן פײַערל פון אירע גרינע אויגן אַף סטעמפעניון, און פאַרוואָרפן מיט די הענט אירע לאַנגע שוואַרצע צעפּ אַרונטער, האָט זי זיך געווענדט צו סטעמפעניון אויך ערנסט:

— וואָס איך טו דאָ, ווילסטו וויסן? איך בין געקומען צו דיר, סטעמפעניו! האָסט אונדז באַם קנס־מאָל געזאָגט, אַז נישט מער ווי אין צוויי וואָכן אַרום שרײַבסטו אונדז אַרײַן אַ בריוול מכח דער חתונה אָפּ־שטעלן; מיר האָבן געוואַרט און געוואַרט העכער צוויי חדשים און האָבן דערזען, אַז פון דיר איז ניטאָ קיין שום ידיעה, האָבן מיר זיך מיישב געווען און האָבן זיך געלאָזט אַף דער וועלט צו זוכן דעם נעכטיקן טאָג, און אַזוי זײַנען מיר אויסגעווען ווו די וועלט האָט אַן עק, ביז קוים, קוים מיט צרות, גאָט האָט אונדז געהאָלפן און מיר...

— זאָג מיר נאַר, פריידל, ווער זײַנען די „מיר״? עפּעס זאָגסטו אַלץ מיר זײַנען געפאָרן, מיר זײַנען געקומען...

— מיר ביידע, דאָס הייסט: איך און מײַן מאַמע.

— דײַן מאַמע?! — האָט סטעמפעניו אויסגעשריגן און האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ דערשלאָגענער. — דײַן מאַמע? וואָס האָט זי דאָ צו טאָן?

— שאַ, וואָס שרײַסטו אַזוי, סטעמפעניו? וואָס דען, אַליין האָסטו געמיינט? אַ מיידל פאָרט נישט אַליין. אַ שיינע זאַך, כ'לעבן!

— יאָ, אָבער וואָס קער זי זיך אָן מיט מיר, די מאַמע דײַנע? — האָט זי סטעמפעניו געפרעגט, אומקערנדיק זיך צוריק מיט איר.

— אַ מחותנתטע, סטעמפעניו, אַ מחותנתטע קער זי זיך מיט דיר אָן, און שפּעטער וועט זי זיך דיר אָנקערן אַ שוויגער.

— דו מיינסט טאַקע, אַפּנים, אָן אמת, פריידל, חתונה האָבן פאַר מיר?

— נו, און דו, סטעמפעניו, מיינסט דאָס אַף קאַטאָוועס?

— נאַרישקייטן!

— פאַרוואָס נאַרישקייטן?

— אָט אַזוי. איך האָב עס אַפילו נישט אין זינען אין דער לינקער פּיאַטע.

פריידל איז געבליבן שטיין אַ מינוט און האָט אַ קוק געטאָן סטעמ־

פעניון אין די אויגן אַרײַן. נאָכדעם האָט זי זיך אַרומגעקוקט אַף אַלע זײַטן און האָט זיך שטילערהייט געווענדט צו סטעמפּעניון מיט די ווערטער:

— הער נאָר אויס, סטעמפּעניו! מיין נישט, אַז דו האָסט אָנגעטראָפן אַף אַ ניונקעלע, וואָס ווייס נישט, ווער עס האָט זי געשלייערט. איך קען דיך גאַנץ גוט, סטעמפּעניו! איך ווייס, אַז דו ביסט אַ היפּשער שאַרלאַטאַן, האָסט ליב כלות אַלע וואָך אַ נײַע. נאָר עס מאַכט נישט אויס, אַלץ ביז אַ צײַט, נישקשה... ביסט אַ גוטער בטבע, האָסט אַ ווייך האַרץ. ביסט אַ פאַרשוין איינער צווישן צען טויזנט, שפּילסט אויסגעצייכנט אַפן פידל און קאָנסט געבן אַ ווײַב ברויט. — דערפאַר וויל איך דיך, און דערפאַר וועל איך פאַר דיר חתונה האָבן, און טאַקע גיך! און דאָס, וואָס דו שפּאַרסט זיך, איז אומזיסט, אַרויסגעוואָרפן דײַן טרחה, סטעמפּעניו, גלייב מיר, בייג זיך אָן צו מיר אַהער, איך וועל דיר זאָגן אַ סוד...

און פריידל די שוואַרצע האָט אײַנגערוימט סטעמפּעניון אַ סוד אין אויער, און סטעמפּעניו איז פאַרציטערט געוואָרן מיט אַלע אברים. ער איז געבליבן שטיין, ווי אַ ליימענער גולם, אין מיטן וועג, נישט געקאָנט עפענען קיין מויל אַ וואָרט אויסצורעדן. און דאָ איז אָנגעקומען מעכטשי פײַקלער מיט דעם רויטן קאָפּ און האָט אים געזאָגט, אַז מע׳רופט אים צום נגיד פונעם שטעטל באַשטעלן אַ חתונה. סטעמפּעניו האָט זיך מיט אַ ווונק אָפּגעזעגנט מיט פריידלען און האָט אויסגערעדט מיט אַ זיפץ:

—מיר וועלן זיך נאָך זען, פריידל!

— ס׳אַ שאלה אַביסל, אויב מיר וועלן זיך זען! — האָט אים פריידל געענטפערט און האָט זיך גאַנץ צופרידן אָפּגעשיידט פון איר ליבן חתן סטעמפּעניו.

די אַלע, וואָס האָבן אין יענער צײַט געזען סטעמפּעניון אַף דער חתונה, האָבן זיך שטאַרק פאַרוווּנדערט אַף זײַן בלאַס פּנים מיט זײַן אָפּ־געלאָזטקייט: גאָרנישט דער סטעמפּעניו, וואָס פריִער, אַ שענערן לייגט מען אין דער ערד אַרײַן! עס איז אָפּגענומען געוואָרן זײַן פריילעכקייט מיט זײַן ברען, ווי מיט די הענט. יאָ, סטעמפּעניו האָט געפילט, אַז דאָס איז אָן עק צו זײַן זיס לעבן פון אַ פרײַ פייגעלע, אַז דאָס נעמט ער אַף זיך אַ יאָך אַפן האַלדז אַף תמיד, אַף אייביק. אַדיע, ליכטיקער זומער־אָוונט מיט אַ ווײַטן שפּאַציר הינטער דער שטאָט מיטן כלי־זמרס טעכטערל! אַדיע, לאַנגע שמעקנדיקע צעפּ, צעלאָזטע האָר, גרויסע קאַרע אויגן! אַדיע, זילבערנע לבנה!...

אמת, סטעמפעניו האָט זיך נאָך אביסל געאַמפּערט, געוואָרפן, ווי א פיש אין דער נעץ, מיט די לעצטע כוחות, געפּרוּווט אַלע מיטלען, נאָר עס האָט אים געהאָלפן, ווי א טויטן באַנקעס. פריידל מיט איר מוטער זיינען געשטאַנען אקעגן אים, ווי אַט יענע מתים, וואָס קומען צו אונדז באַנאַכט אין חלום און שלעפּן אונדז צום בית־דין של מעלה אָפּגעבן דין וחשבון... און איבערהויפּט האָט ער געציטערט פאַר איר, פאַר דער מהותנתטע, וואָס האָט צונויפגעשנירעוועט דאָס שוואַרצע פּיסקעלע, ווי מיט א בענדעלע, נאָר דאָס פּנים האָט איר אַזוי געפייערט, אַז זי איז געווען גרייט אַלע מינוט אַרויפכאַפּן זיך אויף סטעמפעניון, ווי א ווילדע קאַץ, און אַרויסרייסן אים ביידע אויגן, ווען נישט פריידל, וואָס האָט זי די גאַנצע צייט איינגעהאַלטן.

— טשעפּע נישט, מאַמע, ווערסט נאָך קאַליע מאַכן. דו קוק נאָר און שוויַיג, דו היט אים נאָר די טריט, ער זאָל זיך נישט אויסרייסן פון אונ־דזערע הענט. עס וועט זיין רעכט, מאַמע, סטעמפעניו איז מיינער, ער איז מיינער!

XVI

שמשון הגבור באַ דלילהן אָפּן שויס

פריידל האָט זיך פאַרעקשנט און האָט אויסגעפירט אירס: זי האָט חתונה געהאַט פאַר סטעמפעניון כדת משה וישראל און האָט אים גיך אַריינגענומען אין די לאַפּקעס אַריין גאָר אויף אַן אַנדער אופן. אביסל האָט איר צוגעהאָלפן די מאַמע אירע, וואָס זי האָט קוים דערלעבט דעם נחת צו ווערן א שוויגער, און סטעמפעניו האָט פאַרזוכט דעם טעם פון גיהנם און האָט זיך נישט געגאַרט. דאָס פאַר־פאָלק איז אַריבערגעפאָרן קיין מאַזע־פּעווקע,און סטעמפעניו האָט זיך דאָ באַזעצט מיט זיין קאָמפּאַניע, ווי א שטענדיקער, אויף אייַן אָרט.

— שוין, אוים, אוים אַרומשלעפּן זיך! גענוג, סטעמפעניו, געריַיזט איבער דער וועלט, גענוג! — אַזוי האָט פריידל געזאָגט צו איר מאַן, וואָס איז אינגאַנצן געווען אירער, און וואָס זי האָט געוואָלט האָט זי מיט אים אויסגעפירט, און דוקא מיט גוטן.

נאָך דער חתונה האָט זיך אָנגעהויבן בײַ סטעמפּעניון אַ נײַ לעבן, גאָר אַ שפּאָגל־נײַ לעבן. גײַציק איז בײַ זיך סטעמפּעניו געווען נאָך בחור־ווײַז; קוים אָבער האָט ער נאָר חתונה געהאַט און איז אַרײַן צו פֿריידלען אין די הענט, אַזוי האָט ער אָנגעוואָרן אינגאַנצן זײַן שטאַרקייט, אינגאַנצן זײַן מוט, דעם גאַנצן גלאַנץ, בײַ זיך אין שטוב האָט סטעמפּעניו נישט געהאַט קיין ברעקל דעה.

— דו האָב אין זינען דײַנס, דײַן עסק איז די קאַפּעליע מיט די חתונות, צו וואָס טויג דיר געלט, נאַרעלע? — אַזוי האָט צו אים פֿריידל געזאָגט, צוגענומען בײַ אים ווי ער האָט פֿאַרדינט ערגעץ אַ גראָשן.

אַף געלט איז פֿריידל געווען זייער זשעדנע. זי איז אויסגעוואַקסן בײַ זייער אָרעמע עלטערן און האָט כמעט קיינמאָל נישט געזען קיין גראָשן אין די אויגן. מיידלווײַז פֿלעגט איר אָנקומען אַ סטענגעלע אָדער אַ קעמעלע זייער שווער, מיט ביטערע טרערן. ביז פֿופֿצן יאָר איז פֿריידל געגאַנגען באָרוועס, געווען אַ ניאַנקע דער מוטער בײַ די קלענערע קינדער, געכאַפּט קלעפּ גענוג אי פֿון דער מוטער, אי פֿון דעם פֿאָטער, ישעיהקע דעם פֿידלער, וואָס האָט ליב געהאַט דעם טרונק. געגעסן האָט זי קדחת, מלובש איז זי געווען, ווי עס איז אָנגעשטאַנען צו די באָרוועסע פֿיס, און נאָר פּורים פֿלעגט איר אַרײַנפֿאַלן עטלעכע קאָפּיקעס פֿונעם שלח־מנות, וואָס זי פֿלעגט טראָגן אין פֿרעמדע הײַזער; די עטלעכע גראָשן פֿלעגט זי באַהאַלטן ווײַט־ווײַט אין בוזעם, בכדי די מאַמע זאָל בײַ איר נישט אויסנאַרן, און אַזוי פֿלעגט זי שלאָפֿן מיטן ביסל מינץ ביז פּסח, און אַף יום־טוב קויפֿן זיך פֿאַר דעם אַ סטענגעלע אָדער אַ קעמעלע. און אַזוי איז פֿריידל געוואַקסן ביז אַכצן יאָר, ביז זי איז פּלוצים אויסגעוואַקסן אַ הויכע, אַ שיינע, אַ געזונטע מויד — אַ כלה־מויד! אַז פֿריידל איז אַ כלה געוואָרן פֿאַר סטעמפּעניון, האָט זי אַליין נישט געוווּסט וואָס פֿאַראַ גליק עס האָט זי געטראָפֿן. נאָר די מאַמע, וואָס האָט דאָס דווקא יאָ פֿאַרשטאַנען, האָט מיט איר וועגן דעם גענוג אײַנגעטענהט, אַז זי זאָל וויסן, אַז איר חתן איז אַ גאָלד־שפּינער, נאָר אַ גרויסער שאַרלאַטאַן, וואָס דאָס קערבל איז בײַ אים אַ ממזר, לכן זאָל זי זיך נישט לאָזן שפּײַען אין דער קאַשע און זאָל האָבן בײַ אים אַ דעה אין אַלץ, אַזוי ווי זי, די מאַמע, האָט אַ דעה בײַם טאַטן, ישעיהקע דעם פֿידלער...

אַז פֿריידל האָט חתונה געהאַט פֿאַר סטעמפּעניון האָט זי נישט פֿאַרגעסן, וואָס די מאַמע האָט איר אָנגעזאָגט, און האָט ביסלעכווײַז, מיט

שכל, אָנגעהויבן לערנען מיטן מאַן הלכות „ווײַב“, אַז אַ ווײַב דאַרף וויסן אַלץ, וואָס באַם מאַן טוט זיך, אַז אַ ווײַב איז נישט קיין פרעמדע, אַז אַ ייִדישע טאָכטער איז נישט קיין „פּאַליובאָווניצע“, — ניין, עס איז זײַן בלוט און פלייש, ווי איז ער און ער איז זי. הכלל, ער דאַרף וויסן, ער דאַרף פ י ל ן, אַז ער האָט אַ ווײַב...

אַז פריידל איז געוואָרן אַליין אַ בעל־הביתטע פאַר זיך און האָט דערזען אַלעמאָל אַ נײַ קערבל, וואָס סטעמפעניו פאַרדינט אַזוי אָפּט, האָט זי זיך אַ וואָרף געטאָן אויף די קערבלעך, ווי אַ הונגעריקער, אַז ער דערזעט עפּעס אַ מאַכל. נאָר עס איז איר אָבער דאָס געלט נישט אײַנגעגאַנגען. פריידל האָט זיך אַליין געזאָרגט, טאָמער וועט מאָרגן נישט זײַן, טאָמער וועט דער מאַן שפּעטער חלילה נישט פאַרדינען, האָט זי זיך געמאַכט איין קניפּל און דאָס אַנדערע, און האָט אָנגעהויבן צו קלײַבן אַ גראָשן צו אַ גראָשן.

— וואָס פּראָטעסטו אַזוי? — האָט זי סטעמפעניו געפרעגט, באַמערקט אירע תנועות.

— וועסט אַלץ וועלן וויסן, וועסטו גיך אַלט ווערן. לאָז דיך נישט אָרן, סטעמפעניו! — האָט אים פריידל געענטפערט מיט אַ שמייכעלע, און האָט זיך געטאָן אירס, אָפּגעשפּאָרט, אָפּגעריסן פונעם מאַרק, פונעם קלייטל און פון דער יאַטקע מיטן וואַרעמס אויסגעקומען, ווי מיט קרעפּל־פלייש, אָפּטמאָל נישט דערגעסן, נישט דערטרונקען, און זיך אַלץ צונויפגעשלאָגן אַ קערבל אום אַ קערבל. ביסלעכווײַז, אַז עס האָט זיך צונויפגעשלאָגן היפּשע עטלעכע גילדן, האָט זי אָנגעהויבן צו מאַכן הלוואות אויף אַ משכון און נעמען פּראָצענט; דאָס ערשטע מאָל גלאַט אַזוי, דורך אַ צופאַל, וואָס אַ שכנה האָט באַ איר געבעטן אַ גמילות־חסד און פריידל האָט איר אַ טובה געטאָן — פאַרוואָס דען נישט? — און נאָכדעם, אַז פריידל האָט דערזען, אַז דאָס געלט וואַקסט גאָר, אַז פון איין קערבל ווערט מיט דער צײַט צוויי, האָט זי אָנגעהויבן מיט איר ביסל קאַפּיטאַל צו מאַכן עסקים, אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זי איז געוואָרן פּשוט אַ „וואָכערניצע“ מיט אַלע חן־געריבעלעך פון דער דאָזיקער פּראָפעסיע, מיט וועלכער אַ גרויסער טייל פון אונדזערע נגידים, צווישן אונדז רײדנדיק, פאַרנעמען זיך און האָבן דאָס גאַרנישט פײַנט...

מערקווירדיק! ווי קומט עס צו פריידלען אַזאַ חשק צו קלייבן געלט? נישט באַ איר טאַטן, ישעיהקע פידלער, נישט באַ קיינעם פון אַלע באַ־

קאַנטע כלי־זמר, האָט זי דאָס געקאָנט זען. ווי וועט איר דען געפינען אַ גלײַכן צו דער חברה כלי־זמר, מע זאָל זיך אַזוי נישט אומקוקן אַף קיין גראָשן, עס זאָל אַזוי זײַן אַ קערבל הפקר, פשוט ווי די בלאָטע? די ייִדישע כלי־זמר — און ווער שמועסט אין יענע יאָרן — קאָן מען גלײַכן צו אַ מין ציגײַנער, אַ באַזונדער פאָלק, מיט אַ באַזונדערן זשאַרגאָן, מיט גאָר באַזונדערע גענג: דידאָזיקע חברה האָט שטענדיק געלעבט אַ גוטע שעה, תמיד איז געווען פורים, פריילעך, לעבעדיק, תמיד גערימפּלט, גע־ווערטלט זיך, געשטיפט, געאַרבעט, זיך לוסטיק געמאַכט, איבערגעקערט וועלטן, געשמועסט מכח פריילעכע זאַכן... געקומען אַהיים צום ווײַב, געטריבן קאַטאָוועס, געכלעפּטשעט טייגלעך מיט פּאַסאָלעס, אָדער גאָר געגעסן מכות, נאָר פריילעך, מיט אַ טענצל, מיט אַ ליצנות, הונגעריק זיך געלייגט שלאָפן, אַף מאָרגן געבאָרגט, געליִען, די קישעלעך פאַרזעצט, נאָכדעם אויסגעקויפט און ווידעראַמאָל דאָס אייגענע. די כלי־זמרשע טעכטער זײַנען אויך געווען, מיינסטנס, לופטיקע פריילעכע נשמות; זייער לעבן, אַזוי ווי די האָר זייערע, איז נישט געווען פאַרדעקט מיט קיין שלייער... מיט איינעם וואָרט, בײַ די כלי־זמר איז געווען גן־עדן, מיט אַלע מעלות און חסרונות פון אַ גן־עדן... הײַנט אין אַזאַ גן־עדן וועמען קאָן אַרויף אַף דער מחשבה צו זאָרגן — וואָס וועט זײַן מאָרגן?

פריידלס טאַטע, פאַרשטייט זיך, איז אויך ניט געווען קיין פאַר־ווײַנטע נשמה, ישעיהקע פידלער איז זיך געווען אַ רעכטער קבצן, נאָר אַ לעבעדיקער, אַ פריילעכער קבצן, און אַז ער האָט פאַרדינט דאָס קערבל, האָט ער דאָס גאָר גיך פאַרלעבט, טאַקע, ווי מע זאָגט, אין איין אָטעם. און זי, פריידלס מאַמע, האָט אויך ליב געהאַט צו לעבן, דאָס הייסט, גוט עסן. עס איז כמעט קיין העמד נישט געווען אַפן לײַב, נאָר געגעסן האָט מען כל זמן ס'איז נאָך געווען אַ שטיקל קישעלע צו פאַרזעצן. „דאָס גאַנצע דאַברע־מזל גייט אין דער קישקע אַרײַן", „ווי זאָגט מען: בעסער דעם בעקער איידער דעם „רופא", „וואָס־זשע דען איז דעם מענטשנס לעבן?" — אַזוי פלעגט זאָגן פריידלס מאַמע, וואָס איז, אייגנטלעך, געווען אַפילו צווישן כלי־זמרקעס אַן אויסברענגערן.

ווי־זשע קומט עס פאָרט צו פריידלען אַזאַ גוטס? פונוואַנען נעמט זיך צו איר אַזאַ קאַרגשאַפט? עס קאָן זײַן, אַז דידאָזיקע מעלה איז געקומען צו איר מחמת זשעדנאָסט, מחמת זי איז תמיד געווען בײַ די עלטערן הונגעריק אַף אַ גראָשן. אָדער ס'איז אפשר געווען בײַ איר גאָר

א טבע־זאך: עפּעס על־פּי טעות איז אַ קאַרגע נשמה מגולגל געוואָרן אין דער כלי־זמרשע משפּחה און עס איז אויסגעוואַקסן אַזאַ פרײדל.

ווי די זאַך איז שוין, נאָר פרײדל האָט געמאַכט משונה תנועות,, געשוויצט און געפּינעט, ווען זי האָט נאָר גערעדט אַפילו מכּה געלט.

אַף איר דאַליע האָבן איר מקנא געווען אַלע כלי־זמרקעס. „אָט אַ מזל!״ — האָבן אַף איר אַלע אין איין קול געזאָגט.

נאָר אין איין זאַך האָט גאָט פרײדלען פאַרזען: ער האָט איר קיין קינדער נישט געגעבן. און ווער ווייס, עס קאָן זײַן, אויך דעריבער איז זי געווען אַזוי אָפּגעגעבן מיט לײַב און לעבן צום געלט, ווײַל דאָס בעסטע פאַרגעניגן, פאַרגעניגן פון קינדער, איז פאַר איר געווען פאַרבאָרגן. בכלל זעט מען, אַז די ווײַבער, וואָס גאָט האָט זיי נישט געבענטשט מיט קינדער, זײַנען מײנסטנס בייזע ווײַבער; עפּעס פעלט זיי די גוטסקייט, די ווייכ־קייט פון דעמדאָזיקן מין; אַזעלכע ווײַבער קאָנען ליב האָבן נאָר זיך אַליין.

פרײדל איז געווען פונקט אַזאַ סחורה. נאָר מע קאָן נישט זאָגן, אַז זי האָט אים, סטעמפּעניון, פײַנט געהאַט: פאַרוואָס קומט דאָס אים? אַ פאַרשוין, אַ בילד, אַ זעלטנהייט, אַ שפּילער איינער צווישן טויזנט און (אָט דאָס איז דער עיקר!) אַ פאַרדינער, אַ גאָלדשפּינער!

— מײַן סטעמפּעניו — האָט זיך פרײדל באַרימט פאַר אירע באַ־קאַנטע ווײַבער — מײַן סטעמפּעניו, אַז ער טוט אַ פיר מיטן סמיק איבערן פידל — איז אַ קערבל, צוויי פיר — איז צוויי קערבלעך, דרײַ פיר — איז דרײַ קערבלעך. פאַרשטייט איר מיך?

אין דעם ענין פון „קערבל״ איז סטעמפּעניו געווען פונקט דער היפּך: דאָס קערבל האָט באַ אים נישט געשפּילט קיין ראָלע. אָט האָט ער אָפּגע־שפּילט אַ חתונה און אָנגעשטאָפּט פולע קעשענעס מיט געלט, און אָט — פּו־פּאַ, נישטאָ אַ שילינגער! האָט ער געהאַט — האָט ער געגעבן, געטיילט, אַנטליִען; האָט ער נישט געהאַט — האָט ער געליִען באַ יענעם. אין דעם אופן איז סטעמפּעניו געווען אַן אַרטיסט. זײַן עסק איז געווען נאָר די „קאַפּעליע״ — אויסשטעלן עפּעס אַ נײַע זאַך, פונאַנדער־שפּילן אַן אָפּער־שטיק, באַשטעלן אַ חתונה און אָפּשפּילן זי, ווי גאָט האָט געבאָטן, ייִדן זאָלן לעקן די פינגער, ניט גלאַט ריפּ־סקריפּ.

סטעמפּעניו האָט ליב געהאַט מער פון אַלץ אין דער וועלט צוויי זאַכן: זיך און דאָס פידעלע. מיט זיך האָט ער געהאַט צו טאָן כמעט

שטענדיק, זיך געפּוצט, געשטשאָגלט, געקרײַזלט די האָר, מיט איינעם וואָרט — זיך „געבחורט", ווי פרײדל האָט דאָס מיט אַ שטאָך גערופן, און דעמאָלט האָט ער פאַרגעסן אין דעם פידעלע; האָט ער אָבער גענומען דאָס פידעלע, האָט ער פאַרגעסן אין זיך און אין דער גאַנצער וועלט. אַז עס איז אָנגעפאַלן אויף אים אַ „מרה־שחורה", האָט ער זיך גענומען דאָס פידעלע, פאַרקייטלט די טיר און האָט געקאָנט אוועקשפּילן דרײַ שעה כסדר אייגענע פאַנטאַזיעס; וואָס עס איז אים אַרויף אויף דער מחשבה, דאָס האָט ער געשפּילט. אָט האָט ער זיך צעגאָסן מיט אַ קלאָג, אַזוי יאָמערלעך, אַזוי טרויעריק, אַלע מאָל שטילער און שטילער, און אָט האָט ער זיך פּלוצים צעבייזערט און איז אוועק אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער, ביז עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַרויסכאַפּן ווי אַ זיפץ פונעם טיפן האַרצן, און דאָס פײַער איז אים אַביסל אָפּגעטראָטן, אָפּגעגאַנגען דער כעס, און ווייכע מעלאָדיעס, ליבע זיסע געזאַנגען, וואָס ווײַטער אַלץ טרויעריקער, האָבן זיך ווידער ווי געגאָסן אָן אַן עק, און נאָכדעם ווידער אַביסל לעבעדיקער, פריילעכער... אמת, דאָס איז געווען נישט אָפט, נישט אַלע מאָל האָט זיך אים געשפּילט; נאָר קוים האָט ער זיך צעשפּילט, איז געווען אוממעגלעך אים אָפּצורײַסן. סטעמפּעניוס פאַנטאַזיע האָט זיך צעקאָכט און געזעצט, ווי פון אַ קוואַל, וואָס ווײַטער מיט מער פרישקייט.

אַ מענטש מיט געפיל, מיט אַ נשמה, האָט זיך אין אַזעלכע מינוטן זאַט נישט געקאָנט אָנהערן די דאָזיקע פרײַע מוזיק, וואָס לאָזט זיך גאָר נישט איבערגעבן אויף נאָטן, און עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ער הערט אַ בקשה צום רבונו־של־עולם פון אַ פאַרביטערט האַרץ, עפּעס אַ מין תפילה צו זײַן ליבן נאָמען אויף רחמים, אויף לײַטזעליקייט, אַזאַ מין תפילה, וואָס דאַרף און מוז אָנגענומען ווערן אויבן, דאַרט פאַר גאָטס שטול... מע דערציילט, אַז דער ריזשינער האָט געהאַט אַן אייגענעם אָר־קעסטער, וואָס פלעגט שפּילן בשעת ער האָט אָפּגעגעבן אַ שבח צו דעם וואָס לעבט אייביק. אודאי איז דאָס אַ געדאַנק דוקא פון אַ גרויסן מענטשן, אַ השגה גאָר פון אַ הויכער פּאָעטישער נשמה.

— קיילע די גראָבע, מײַנע צרות אויף איר קאָפּ, האָט מיר אָפּגעבראַכט דאָס פּראָצענט פאַר יענער וואָך; און פאַר הײַנטיקער וואָך, זאָגט זי, לאָז זײַן נאָך שבת!

מיט אַזאַ מין געשפּרעך, למשל, האָט פרײדל מכבד געווען סטעמ־

פעניון, ווען ער פלעגט ארויסגיין נאכן שפילן פון זײַן חדרל, אביסל צוגעפלאָמט, מיט אַ גלאַנץ אין זײַנע שווארצע אויגן. דאָס איז געווען דאָס פײַערל פון זײַנע אויגן, וואָס האָט אַזוי געצויגן צו זיך. דאָס פײַערל פלעגט זיך באַווײַזן זעלטן, און באַגעגנט זיך מיט פריידלס אייגעלעך, האָט זיך דאָס פײַערל גיך באַהאַלטן, פארשוווּנדן געוואָרן.

אַז סטעמפעניו האָט אָפּגעשפּילט אַ חתונה און איז געקומען אַהיים, פלעגט אים פריידל באַגעגענען מיט אַ שמייכעלע, זיך לאַשטשען, ווי אַ קעצעלע:

— צו וואָס טויג דיר געלט, סטעמפעניו? — פלעגט אים פריידל זאָגן און אויסטרייסלען אים אַלע קעשענעס. — אַף וואָס דאַרפסטו געלט? וואָס פעלט דיר? האָסט אַלצדינג, וואָס דו דאַרפסט, ביסט נישט הונגעריק, חלילה, און נאַקעט גייסטו אויך נישט, און אַז דו דאַרפסט אַזוי עטלעכע גראָשן, גיב איך דיר דען נישט? גיב עס בעסער אַפּ מיר, נשמה מײַנע, בײַ מיר וועט דאָס זײַן גאַנץ. גיב שוין גיב!

און סטעמפעניו שטייט, ווי אַ באַשטראָפט קינד און פריידל טוט מיט אים, וואָס זי וויל. ער איז אינגאַנצן בײַ דער דאָזיקער שווארצער פריידלען אין די הענט. אַך, וואָס איז דאָס מיט דיר געשען, סטעמפעניו? אַזאַ גאַרנישט, ווי פריידל, זאָל דיר טאַנצן אַפּן קאָפּ, און דו לאָזט זיך פירן בײַ דער נאָז, פונקט ווי שמשון הגבור בײַ זײַן געליבטער דלילה אַפּן שוים?... פע, סטעמפעניו, אַ בזיון, כ׳לעבן!

XVII

סטעמפעניו רירט נאָך מיט איין אבר

אַ רחמנות אַף סטעמפעניון!...

נאָר עס איז נישט אַזוי די מעשה, ווי איר מיינט. לייגט נישט אַזוי דעם רחמנות אַף אונדזער העלד. אַז סטעמפעניו האָט נישט געהאַט קיין גרויסע דעה בײַ זיך אינדערהיים און איז געווען עפּעס גאָר מעשה יידענע, האָט ער אָבער דערפאַר זיך געהאַט זײַן וועלטל, זײַן אייגענע וועלט, וואָס האָט זיך שוין מיט פריידלען נישט אָנגעקערט לחלוטין. דאָרט, אין זײַן

וועלטל, איז זיך סטעמפעניו געווען אַ פּריץ פאַר זיך און איז געווען, ווי מר וועלן באַלד זען, גאַנץ צופרידן.

קודם כל איז באַ אים אוועקגעגאַנגען אַ האַלבער טאָג אויף „רעפּע־טיציע", דאָס הייסט, אויף איבערשפּילן מיט דער גאַנצער חברה כלי־זמר אַלע נייע שטיק, דערביי טרייבן אביסל קאַטאָוועס, אויסהערן דעם בדחנס ווערטלעך און לאַכן פון מעכטשי פייקלער, וואָס דער בדחן האָט אויף אים ליב געהאַט צו ווערטלען זיך, און נאָכדעם גלאַט דערציילן מעשיות פון דער אָדער יענער חתונה. וואָרעם יעדע חתונה באַ יידן האָט זיך איר מעשה: דאָ האָט זיך דער חתן איינגעשפּאַרט, כאָטש גיב אים אַ קרענק, און וויל נישט גיין צו דער חופּה, ביז מע וועט אים אָט דאָ אויפן אָרט נישט אָפּצאָלן דעם נדן אחת ואחת „קלאַפּ און צייל"; דאָרט האָט די כלה געחלשט פאַר גרויס געוויין און מע האָט זי קוים אָפּגעמינטערט (און דערביי זאָגט אָפּ דער בדחן אביסל ליצנות); אין אַ דריטן אָרט האָט זיך געטראָפן נאָך אַ שענערע מעשה: נאָך דער וועטשערע, אַז ס'איז געקומען די צייט, וואָס מע דאַרף טאַנצן... און חברה שיסט אויס אַ געלעכטער, ווי פון אַ האַרמאַט.

— וואָס איז באַ אייך פאַר אַזאַ געלעכטער דאָרט? זע נאָר, ווי מע כאַראַשעט זיך! — שרייט פריידל פון איר חדר.

— לאָז דיך נישט אָרן — ענטפערט איר סטעמפעניו מיט גדלות. — אין אונדזערע ענינים זאָלסטו זיך נישט מישן, האָב איך דיר שוין הונדערט מאָל געזאָגט.

און סטעמפעניו ווייזט זיך אויס אין דער מינוט, אַז ער איז דאָ אַ בעל־הבית, אַ גאַנצער סולטאַן באַ זיך.

די איבעריקע צייט האָט סטעמפעניו פאַרבראַכט אויף אָנטאָן זיך, אויספּוצן זיך, די מלבושים און די שטיוול, זיי זאָלן גלאַנצן, ווי אַ שפּיגל, פאַרקעמען זיך גאַנץ שיקאַזנע, אונטערבייגן זיך די שיינע שוואַרצע לאָקן, אויסגלעטן די ווייסע מאַנישקע פון דעם העמד, און נאָכדעם האָט ער זיך גענומען דאָס שטעקעלע אין דער האַנט, אַ שטעקעלע מיט אַ גאַלקע, אויסגעשניצט אַ פייג פון עלפנביין, און מיט אַ ברייטן שוואַרצן קאַשקעט אויפן קאָפּ מיט אַ גלאַנצנדיקן קאָזיראָק, אָנגערוקט ביז די אויגן. דעם קאָפּ פאַרריסן אַרויף, אַזוי, אַז די לאָקנס ליגן צעוואָרפן אויף די אַקסלען, גייט זיך סטעמפעניו און שפּאַצירט איבער דער שטאָט. דאָרט האָט ער זיך שוין זיינע באַקאַנטע, מיט וועלכע ער באַגעגנט זיך, און גייענדיק

פֿאַרבײַ די קלייטן, גריסט ער די יונגע ווײַבלעך, די קרעמערקעס. די ווײַבלעך ווערן רויטלעך; זיי דערמאָנען זיך, אַז זיי זײַנען אַמאָל געווען מיידלעך און דעמאָלט זײַנען זיי מיט סטעמפּעניון געווען באַקענט... דעמאָלט איז געווען אַ וועלט... און הײַנט? ווער האָט דאָס הײַנט אין זינען?...

דאָך געפֿינען זיך נאָך אַזעלכע יונגע ווײַבלעך, און איבערהויפּט מיידלעך, וואָס שטייען אַוועק מיט סטעמפּעניון אינדרויסן בײַ דער טיר אַ היבשע צײַט; מע רעדט, מע שמועסט פֿון דעם און פֿון יענעם, מע לאַכט...

אודאי גייען אַזעלכע זאַכן נישט אָפּ גלאַט; דאָס דערזעט אַ שכנה און טראָגט עס אָפּ גיך דער אַנדערער, דער דריטער, און אַזוי הייבט זיך אָן אַ ריידעניש, און צו ייִדישע מײַלער אַז מע כאַפּט זיך אַרײַן, נאַרט מען זיך נישט...

— וואָס איז שוין ווידער, סטעמפּעניו, פֿאַר אַ ריידערײַ אין שטאָט? שוין ווידער אַ מעשה?

— וואָס פֿאַר אַ מעשה, פֿריידל?

— דײַנע מעשיות... ער פֿרעגט נאָך! ווי צוויי, איז ער דער דריטער! די גאַנצע שטאָט האָט מיט אונדז צו טאָן.

— איך ווייס נישט וואָס דו ווילסט האָבן פֿון מיר, פֿריידל.

— וואָס איך וויל האָבן? איך וויל, זאָלסט אַוועקוואַרפֿן דײַנע אַמאָליקע גענג... שוין צײַט! ווו ערגעץ אַ ווײַבל אָדער אַ מיידל אין שטאָט, דאַרף ער מיט איר זײַן באַקאַנט, און אַוועקשטעלן זיך מיט איר אויף דרײַ זייגער שעה — ער קאָן זיך גאָרנישט אָנריידן און גענוג!

— אַ? דו קערסט אודאי מיינען, וואָס איך האָב גערעדט מיט אסתר אברהם-יענקלס?

— נו, און אַז מיט אסתר אברהם-יענקלס. איז וואָס? וואָס איז זי, אַ שמייליקע, צי וואָס?

— איך האָב דאָך געשמועסט מיט איר מכּה אַן עסק.

— דײַנע עסקים... איך קען דיך, סטעמפּעניו!

— זאָלסטו טאַקע וויסן! אברהם-יענקלס האָט חשק אַרויסצופֿירן די חתונה קיין יעהופּעץ, אַזוי איז אים אָנגעקומען דאָס משוגעת. נו, איך האָב דערזען אסתרן, האָב איך מיט איר געמאַכט אַ שמועס וועגן דעם, אַן עבֿירה, למאַי זאָל איך אַרויסלאָזן אַזאַ חתונה פֿון די הענט?

— וואָס איז אים עפּעס אַרויסגעפאַלן יעהופּעץ, דעם משוגענעם כהן? — פרעגט פריידל, און אין אירע גרינע אייגעלעך באַווײַזט זיך אַט אַ יענץ פֿײַערל, וואָס באַווײַזט זיך בײַ איר שטענדיק, ווען זי דערשמעקט נאָר גאָלד...

— פרעגסט קשיות אויף אַ משוגענעם? — ענטפערט איר סטעמ־פּעניו, גייט אַרויס טרוקן פון דער דאָזיקער מעשה.

און אַזוי ווערט צעריבן די מעשה, יענע מעשה און אַלע מעשיות. סטעמפּעניו איז אַ גרויסער בריה און וויים, מיט וואָס מע קאָן פריידלען נעמען.

אין דער פרעמד, אַז סטעמפּעניו איז אַרויסגעפאָרן מיט זײַן קאַ־פּעליע אין דער פרעמד, האָט אים ,געוויינלעך, נאָך מער געגאָלטן. דאָרט איז בײַ אים געווען, ווי זאָגט מען, אַ כשרער טאָפּ מיט אַ כשרן לעפל, און אַז סטעמפּעניו איז געקומען ערגעץ אין אַ שטעטל שפּילן אַ חתונה, האָט זיך אים שוין נישט געגלוסט אַוועקצופאָרן. דאָרט זײַנען געווען מעשיות מיט מעשיות, פריילעכע און טרויעריקע גאָר אָן אַ שיעור. הכלל, דאָס איז זיך געווען בײַ סטעמפּעניון אַ באַזונדערע וועלט, זײַן אייגן וועלטל, וווּהין ער האָט פריידלען נישט אַרײַנגעלאָזט בשום אופן, כאָטש זי האָט דערויף זייער חשק געהאַט. זי האָט אַפילו שוין געפּרוּווט אונטער־קויפן מעכטשי פֿײַקלער, נאָר עס איז נישט געגאַנגען. דאָ, אין זײַן וועלטל, איז סטעמפּעניו געווען גאָר אַן אַנדער מענטש. אַ גרויסער אונטערשייד פון יענעם סטעמפּעניו, וואָס איז געווען בײַ פריידלען אין שטוב...

XVIII

סטעמפּעניו הייבן אָן זיך אײַנצוליבן

אינעם דאָזיקן וועלטל האָט בײַ אים איצט רחלע אָנגעהויבן שפּילן אַ גרויסע ראָלע, די גרעסטע ראָלע אין זײַן לעבן. מע מעג אים גלייבן, אַז זײַן בריוול צו איר, וואָס מיר האָבן אויבן געזען, איז געווען געשריבן גאַנץ ערנסט, מיט אַן אמת, דען ער האָט זיך אין רחלען אײַנגעליבט פון דער ערשטער שעה, וואָס ער האָט זי דערזען בײַ חיים־בנציונס אויף דער חתונה.

נישט באַלד האָט סטעמפּעניו איר דאָס בריוועלע אָנגעשריבן. עס האָט געדויערט עטלעכע טעג, ביז דאָס פּיִערל, וואָס רחלעס בלויע אויגן האָבן אָנגעצונדן אין זײַן האַרץ, האָט זיך רעכט צעברענט, צעפלאַקערט, אַזוי, אַז ער האָט זיך שוין מער נישט געקאָנט אײַנהאַלטן, האָט ער זיך פֿאַרשלאָסן בײַ זיך אין חדרל, און דאָרט, ווו ער האָט געשריבן די נאָטן, און טאַקע מיט דער אייגענער פּען און אויף דעם זעלבן פּאַפּיר מיט די פֿאַסן, אויף וועלכע ער האָט געשריבן זײַנע נאָטן, האָט ער אויך דאָס געוויסע בריוועלע געשריבן.

סטעמפּעניו האָט אַביסל געשוויצט אָפּן בריוול. דאָס שרײַבן איז אים אָנגעקומען שווערלעך. ער האָט זיך נישט געלערנט שרײַבן אין ערגעץ, נאָר פֿון זיך אַליין. אַודאי איז קיין חידוש נישט, וואָס ער איז געווען שטומפּיק אויף דער פּען.

עטלעכע טעג האָט סטעמפּעניו אַרומגעטראָגן דאָס בריוו בײַ זיך און האָט נישט געקאָנט געפינען קיין מיטל איבערצוגעבן עס רחלען. מעכטשי פֿײַקלער איז געווען אַ גוטער שליח אויף אַזעלכע בריוולעך נאָר אין דער פֿרעמד, אָבער דאָ, ווו עס געפינט זיך אַ פֿריידל, איז מעכטשי אויך אַ געפערלעכער בריוועטרעגער. סטעמפּעניו האָט קוים דערלעבט שבת, האָט זיך אויסגעפּוצט, ווי אַ מויד, אָנגעטאָן אַ הויכן קאַפּעליוש נאָך דער לעצ־טער דעמאָלטיקער מאָדע, און איז אַרויסגעגאַנגען אויף באַרדיטשעווער גאַס, ווי אַלע שבת, צו מאַכן אַ שפּאַצירגאַנג, גערעכנט, אַז מסתמא וועט רחלע אויך זײַן דאָרט. נאָר אומזיסט: אַלע ווײַבלעך, אַלע מיידלעך דרייען זיך אַרום, כאַפּן אַ קוק אויף סטעמפּעניון, טוען אַ שמייכל און ווערן רויטלעך — אַלע זײַנען דאָ, נאָר איין רחלע איז נישטאָ! דאָס אָנגעשרי־בענע בריוועלע האָט אים נישט געלאָזט רוען. עס האָט אים געצויגן צו איר וואָס ווײַטער אַלץ שטאַרקער.

„מע דאַרף זיך פּרוּוון דורכגיין אַהין, אויף יענער גאַס, ווו רב אײַזיק־נפתלי וווינט, טאָמער וועל איך זי באַגעגענען”... — אַזוי האָט זיך סטעמפּעניו געטראַכט און איז אַזוי פּאַוואָלינקע צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, ווו רחלע איז געזעסן פֿאַרטיפֿט אין אירע געדאַנקען און האָט זיך געזונגען דאָס באַקאַנטע לידל:

אײנע אַליין,
עלנט, ווי אַ שטיין,
איך האָב צו קיינעם צו ריידן,

נאָר צו זיך אַליין.
עלנט, ווי אַ שטיין,
איך האָב צו קיינעם צו ריידן...

תחילת, אַז זי האָט דערהערט פּלוצים דעם „גוט־שבת“ און דערזען פאַר זיך שטיין סטעמפּעניון, האָט זיך איר אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַ מין חלום (זי האָט סטעמפּעניון שוין עטלעכע מאָל געזען אין חלום...). נאָר אַז זי האָט צענומען דאָס שטיקל נאָטן־פּאַפּיר און האָט איבערגע־לייענט סטעמפּעניוס בריוועלע, האָט זי זיך אויפגעהויבן פונעם אָרט, אַ קוק געטאָן אין פענצטער און געזאָגט צו זיך אַליין:

— זייַן גליק, וואָס ער איז אַוועקגעגאַנגען: איך וואָלט אים אָפּגע־שפּילט... נאַ דיר גאָר אַ סטעמפּעניו!...

זי האָט געכאַפּט דאָס בריוול און האָט דאָס געוואָלט אַרויסשמיצן דורך דעם פענצטער אינדרויסן אַרויס, נאָר זי האָט זיך פאַרכאַפּט, האָט דאָס נאָכאַמאָל איבערגעלייענט, צונויפגעקאַטשעט, ווי מע קאַטשעט צונויף אַ מגילה, און אַרייַנגעלייגט צו זיך אין קעשענע אַרייַן.

רחלעס כעס איז געוואָרן אַלע מאָל גרעסער און שטאַרקער, און איר האָט זיך געוואָלט נאָר זען אים אַליין, און פרעגן אים אונטער פיר אויגן: וואָס הייסט דאָס? וויַאַזוי רופט מען דאָס? מיט וואָס פאַרא העזה שרייַבט ער איר אַזאַ קוויטעלע? ווער איז ע ר און ווער איז ז י?... זי האָט גענומען צוקלערן מיטלען, וויַאַזוי באַגעגנט מען זיך מיט אים ערגעץ אין אַזאַ אָרט ווו קיינער זאָל נישט קאָנען הערן וואָס זיי וועלן צווישן זיך ריידן, און איז געפאַלן אַף אַ המצאה.

XIX

אַ בייַטש קאַרעלן באַ פריידל סטעמפּעניוס

— הערט איר, שוויגער, ווען עס זאָל נישט קאָסטן טייַער, וואָלט איך אַ בעלנטע געווען אַף אַ בייַטש קאַרעלן, גוטע שווערע קאַרעלן.

— נו, איך האָב דאָך דיר שוין וויפל מאָל געזאָגט: גיי זיך דורך צו פריידל סטעמפּעניוס, וועסטו דיר אויסקלויבן וואָס דייַן האַרץ גלוסט.

אויב דו ווילסט, קום מיט מיר באַלד. צוליב מיר וועט זי דיר אָפּגעבן נישט טײַער.

אונדזער שוואַרצע פריידל, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט פּראָצענט און מיט משכנות, מיינסטנס קאַרעלן, האָט ביסלעכווײַז, אַזוי, אַף אַ גע־לעכטער אָנגעהויבן אונטערצוהאַנדלען מיט דער דאָזיקער סחורה, וואָס זי האָט געהאַט ביד גאַנץ ביליק אָפּצוקויפן בײַ אירע בעלי־חובות און נאָכדעם דאָס אַראָפּברענגען אויף ביליקער, ווי אַלע קאַראַלניצעס (ווײַבער וואָס האַנדלען מיט קאַרעלן), אַזוי לאַנג, אַזוי ברייט, ביז זי האָט טאַקע אָנגעהויבן דערמיט צו האַנדלען אַף אַן אמת מיט אַלע באַרדיטשעווער און מיט אַלע בראָדער. גאַנץ מאַזעפּעווקע האָט שוין געוווּסט, אַז אַ רעכטע בײַטש קאַרעלן קריגט מען בײַ פריידלען, בײַ פריידל סטעמפּעניום.

אַ וווּנדערלעכע זאַך! ווי קומט צו פריידלען אַזאַ פֿעיִקייט צום מסחר, אַזאַ באַנעמונג מיט די קונים, אַזוי קאָנען אײַנריידן? אַז דוואָסי־מלכה מיט דער שנור זײַנען אַרײַנגעקומען צו איר אין שטוב אַרײַן, האָט זיי פריידל אָפּגעגעבן אַ ברייטן ברוך־הבא:

— סקאָצל קומט! וואָס מאַכט איר, דוואָסי־מלכה? איר ווייסט, אַז איך האָב שוין אַף אײַך אַן אויג פון לאַנג אָן?

— וואָס־זשע איז אַזעלכעס, פריידל?

— וואָס איז, פרעגט איר? שוין אַ יאָר, אַז איר האָט געבראַכט אַזאַ צירונג צו זיך אין שטוב אַרײַן — און גאָרנישט! איר זאָלט דאָס אַמאָל אַרײַנגיין מיט אײַער שנור זיך אויסקלײַבן עפּעס אַזעלכעס, וואָס איר פּאַסט. פע, כ׳לעבן, דוואָסי־מלכה, עס איז אַזש מיר אַ בזיון!

— איר זײַט אודאי גערעכט, פריידל־סערדצע, נאָר וואָס בין איך שולדיק, זאָגט שוין אַליין, אַז מײַן שנור וויל נישט קיין קאַרעלן, וויפל איך בעט זי?

— נאָט אײַך גאָר אַ נײַס! וואָס הייסט, זי וויל נישט? דאָס איז בײַ אײַך וויל מען נישט; בײַ מיר, נישקשה, וויל מען!

און פריידל האָט אין דער גיך געעפנט אַ גאַנץ גרויסן קאַסטן, גרין געפאַרבט, און האָט אָנגעהויבן אַרויסציִען פון דאָרטן איין בינטל קאַרעלן נאָכן אַנדערן און פאַרלייגן פאַר די קונים, מיט פיל פאַרשיידענע דבורים דערבײַ און מיט ווינטשענישן, גאָר ווי אַ רעכטע סוחרטע.

— זעט איר, דוואָסי־מלכה, אַז איר זאָלט מיך פאָלגן, וואָלט איך אײַער שנור געהייסן נעמען אָט די בײַטש קאַרעלן, איך זאָל אַזוי ריין

זײַן פון שלעכטס מיט אײַך אינאײנעם, װי מע דאַרף גאָר האָבן נאָך אַזאַ בײַטש קאַרעלן „אָרליאַנער" פּערל! איר טוט זײ נאָר אָן, זײַט מוחל, אָפּן האַלדז, אַט אַזױ אַ — אַזאַ יאָר זאָל איך האָבן, װי זײ פּאַסן אײַך צו אײַער װײַסן האַלדז! טראָגט זײ געזונטערהײט און לאָז גאָט געבן, אַז אײַער שװיגער זאָל אײַך קאָנען קױפן איבער אַ יאָר אין דער צײַט כאָטש אַזעלכע גרױסע פּערל עפּעס אַ פינף שנירלעך. אָך, װי זײ קלײדן אײַך צום פּנים! זאָגט שױן איר, דװאָסי־מלכּה, איר זײַט דאָך יאָ אַ מבינטע אױף קאַרעלן, לאָם איך האָבן אַזאַ יאָר, רבונו של עולם!

באַ די װערטער האָט פרײדל אַרױסגעכאַפּט אַ שפּיגעלע פונעם קאַסטן און האָט זיך געשטעלט אַקעגן רחלען, און די גרינע אײגעלעך האָבן געבלישטשעט באַ פרײדלען פאַר גרױס נחת, און אַ שװײס איז איר אַרױסגעטראָטן פון פיל רײדעניש מיט שבועות און מיט װינטשעניש.

— און אײַער סטעמפּעניו טוט זיך זײַנס? — האָט איר דװאָסי־מלכּה געזאָגט, אָנגעװיזן מיטן פינגער אױף דעם חדר, פון װאַנען עס האָבן זיך געלאָזט הערן זעלטענע זיסע קולות.

— יאָ, ער שפּילט דאָרטן, — האָט פרײדל געענטפערט און האָט גענומען באַװײַזן נאָך אַנדערע מינים קאַרעלן, אַזױנע און אַזױנע, און דערװײַל האָט זיך צװישן פרײדלען מיט דװאָסי־מלכּהן פאַרקניפּט אַ לאַנ־גער שמועס, װי עס געהער צו זײַן צװישן צװײ קרעמערקעס, אַז מע צערעדט זיך װעגן געשעפטס.

רחלע איז געזעסן אין אַ זײַט און האָט דעם שמועס פון דער שװי־גער מיט פרײדלען נישט געהערט. רחלע האָט געהערט אַן אַנדער שמועס, אַן אַנדער קול, גאָר אַנדערע װערטער, װאָס האָבן זיך געלאָזט הערן פון סטעמפּעניוס פידעלע, אַזעלכע װערטער, װאָס זײַנען איר געגאַנגען גלײַך אין האַרצן אַרײַן, און זי איז ערשט דעמאָלט אױפגעשטאַנען פונעם אָרט, אַז דאָס פידעלע האָט אױפגעהערט צו שפּילן און סטעמפּעניו האָט זיך באַװיזן אױף דער טיר. זײערע אױגן האָבן זיך באַגעגנט און זײ זײַנען בײדע רױט געװאָרן, װי פײַער... סטעמפּעניו איז געבליבן שטײן באַ דער טיר, ניט אַהין, ניט אַהער. רחלע האָט געקוקט אױף אים, געזאָגט בשעת מעשה דער שװיגער, אַז עס איז שױן צײַט צו גײן אַהײם. דװאָסי־מלכּה האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ ברעך אין די הענט:

— אױ, אַ דונער איז מיר! זעט נאָר, װי מיר האָבן זיך פאַררעדט! נו, װאָס װעט איר באַ מיר נעמען, פרײדל, פאַר די קאַרעלן? באַ מיר

טאָרט איר ניט נעמען טײַער, פריידל. מיט מיר דאַרפט איר האַנדלען אַף נאמנות!

— אַף ריינע נאמנות! הערט איר, דוואָסי־מלכּה, איך זאָל זיך דער־ווערגן מיטן ערשטן ביסן, אויב איך זאָג אײַך אַ ליגן! סאָסי האָט מיר געטיקעט פאַר די קאַרעלן אַכצן קערבלעך, איך זאָל אַזוי געזונט זײַן, רבונו של עולם, מיט מײַן מאַן! נאָר גאָרניט. איך בין זיך מיישב — סאָס איז סאָסי, און איר זײַט דוואָסי־מלכּה. איך גיב אײַך זיי אָפּ פאַר פופצן קערבלעך, און איך זאָל עס ניט פאַרמאָגן אַף מײַן אייגנס, אויב איך פאַרדין דערבײַ עפּעס, גאָטעניו!

— פופצן יאָק פופצן, צוועלף וועל איך אײַך געבן, פריידל. צוועלף קערבלעך מזומן געלט.

— אוי, געזונט זאָלט איר מיר זײַן, דוואָסי־מלכּה, דינגט זיך נישט!

— האָט פריידל אויסגעשריגן מיט גרויס היץ און האָט אָנגענומען דוואָ־סי־מלכּהן פאַר ביידע הענט אַף דעם אופן, ווי צוויי ווײַבער נעמען זיך פאַר די הענט בשעת זיי גייען טאַנצן אַ פריילעכס.

אין דער מינוט האָבן זיך דערווײַל רחלע מיט סטעמפּעניון געקאָנט בחפּזון איבערוואַרפן מיט אַ פּאָר ווערטער.

— איך האָב אײַך געוואָלט עפּעס זאָגן, סטעמפּעניו.

— איך האָב אײַך אויך געוואָלט זאָגן, רחלע.

— איר האָט מיר שוין געזאָגט.

— ווען?

— אינעם בריוול.

— נאָך ווינציק.

— שוין צופיל.

— ניין, קיין הונדערט־חלק אפילו.

— איר האָט אַ טעות.

— איך שווער אײַך בײַ מײַן לעבן, איך שטאַרב! ווו קאָן איך זיך מיט אײַך זען?

— איך ווייס ניט, ווו מיר קאָנען זיך זען.

— סײַדן פאַרנאַכט?

— ווו?

— אַף דער מאָנאַסטירסקער גאַס.

— ווען?

— שבת־צו־נאַכטס. איר וועט אַרויסגיין פון יענער זײַט צום מאָ־נאַסטירסקען גאָרטן.

— איך קאָן ניט, איך וויל ניט.

— איר מוזט, רחלע. איך בעט אײַך, גייט אַרויס אױף איין מינוט! זײַט דאָרטן, איך וועל שוין וואַרטן, שבת־צו־נאַכט, למען השם, רחלע...

— איך וועל ניט זײַן.

— איר וועט זײַן, רחלע, איר וועט זײַן!...

— נו, טאַכטער, — האָט זיך אָנגערופן דוואָסי־מלכה, — קום, לאָמיר גיין אַהיים. קוים אויסגעדונגען פאַר פערצן קאָרבן. אָ, איך האָב גאָר ניט געוווּסט, פריידל, אַז איר זײַט אַזאַ בריה אַ סוחרטע!

— ע, דוואָסי־מלכה לעבן, געזונט זאָלט איר מיר זײַן, איר קאָנט זיך גוט דינגען, נישקשה, אַ גוטן טאָג, גייט געזונט! טראָגט געזונט! פאַרניצט געזונט! צערײַסט געזונט!

— אױף קוליעס זאָל זי גיין, ווי זי האָט דאָס מיר אויסגעקאָכט דאָס וואַסער! — האָט פריידל געזאָגט צו סטעמפּעניון, צוגעמאַכט נאָך זיי די טיר. — און זי, די שנור, די ווײַסע טעלעצע, זיצט זיך און שווײַגט. עס פּאַסט איר אַזוי די קאָרעלן, ווי אַ חזיר פּאַטשערקעס...

XX

נאָך אַמאָל קאָרעלן

אַז רחלע איז געקומען אַהיים מיט דער בײַטש קאָרעלן, האָט זי די שוויגער צוגעפירט צום שווער מיט אַזאַ גליקלעכן שמייכל, גלײַך ווי זי וואָלט דאָ געוווּנען מי יודע וואָס.

— וואָס זאָגסטו, אײַזיק־נפתלי, אױף די קאָרעלן? אַ מציאה, טאַקע אַ כשרע מציאה!

אײַזיק־נפתלי איז צוגעגאַנגען נאָענט צו רחלען, האָט זיך שטאַרק אײַנגעקוקט, ווי אַ רעכטער מבין, האָט אַ שמאַרע געטאָן מיט דער נאָז און אַ פרעג געטאָן:

— וואָס האָסטו באַצאָלט פאַר זיי, וויפל?

— נו, טרעף, ביזט דאָך עפּעס אַ סוחר. נו, אדרבה, טרעף? — האָט אים דוואָסי־מלכה געזאָגט מיט אַ שמייכעלע.

— איך ווייס ניט, צי טײַער, צי וואָלוול?

— אַז איך זאָג דיר אַ מציאה, שוטה, אַ מציאה, ווי באַ אַ גנב! מאָל דיר, איך האָב זיך גענוג אָנגעהאַריקעט, אויסגעקאָכט דאָס וואַסער מיט דער דאָזיקער מאַכליאַרקע, די כלי־זמרקע, אַ סיפּע איר אין פּנים! נו־נו, זי קאָן זיך גוט דינגען, אָן אמתע סעדיכע! דער רוח ווייס זי, ווו און ווען זי האָט זיך עס אַזוי אויסגעלערנט! אַ פּיסקעלע באַ איר — טאַקע נאָר אַף שרײַפּלעך, פּעך און שוועבל אוים איר מויל, און אַז זי רעדט מיט אַ קונה, פינעט זי, ווי אַ העכט, אַ מיתה משונה זאָל אַף איר קומען, אַף דער סטעמפּעניוכע!... נו, וואָס שווײַגסטו, אײַזיק־נפתלי? זאָג שוין, לאָמיר הערן, דײַן מבינות, וואָס אַ שטייגער, דאַרפן קאָסטן אָט די קאַרעלן?

— אָט די קאַרעלן וואָס דאַרפן קאָסטן? — האָט אײַזיק־נפתלי געענטפערט אָנגענומען זיך באַ דער באָרד. — אָט די קאַרעלן דאַרפן קאָסטן אַזוי גרויס, אַזוי גרויס, — שאַ נאָר, לאָם איך דיר זאָגן אַקוראַט, איך זאָל מיך ניט אָפּנאַרן, — אַ מציאה, זאָגסטו, אַ מציאה? אויב זיי זײַנען אַ מציאה האָסטו באַדאַרפט פאַר זיי באַצאָלן נישט ווינציקער ווי זעקסטהאַלבן קערבלעך, נאָר ווערט זײַנען זיי אַלע זיבן.

— לאָקש!!! — האָט דוואָסי־מלכה אויסגעשאָסן, ווי פון אַ האַר־מאַט, און אײַזיק־נפתלי האָט אַזש אַ ציטער געטאָן און אָפּגעטראָטן אין אַ זײַט. — לאָקש איינער! בהמה בצורת פערד! אַזאַ בײַטש קאַרעלן — זעקסטהאַלבן קערבלעך?! משוגענע לעמעשקע! אַ שטומער וואָלט דאָך עס ניט אויסגערעדט אין אַ יאָר! האָסט אויגן, צי ניין? נאַ, קוק זיך צו, דו אָפּגעריסענער נאַר!

און דוואָסי־מלכה האָט אָנגענומען רחלען פאַר אַ האַנט, האָט זי צו־געפירט צום שווער, איר אויפגעהויבן דעם קאָפּ און באַוויזן אײַזיק־נפתלין די מציאה, געשאָטן מיט שטעכווערטלעך און מיט קללות. אײַזיק־נפתלי נעבעך האָט געשמאָרעט מיט דער נאָז, געפינטלט מיט די אויגן און מורא געהאַט שוין אויסריידן אַ וואָרט. ביז גאָט האָט זיך אַף אים דערבאַרעמט און ס'איז אָנגעקומען משה־מענדל מיטן שטעקעלע פונעם מאַרק — האָט שוין משה־מענדל גענומען שאַצן די קאַרעלן באַ רחלען אַפן שייגעס,

ווייסן האלדז, און האט געטראפן, אז זיי דארפן קאסטן, בלי גוזמא, א דרייערל... דא האט זיך דוואסי־מלכה אזוי צעפלאמט, אז זי האט זיך אזש צעוויינט, ווי א קליין קינד, פאר גרויס דאסאדע, וואס קיינער האט נישט פארשטאנען, וואס פאר א גרויסע מציאה זי האט געהאנדלט, און אפשר פאר הארצווייטיק, וואס סטעמפעניוכע האט זי אזוי גראב אפגענארט.

— דו א סוחר! — האט זי געזאגט צו משה־מענדלען. — פונקט אזא מבין, ווי דער טאטע זיינער! וואס עפעס א דרייערל, זונא? פאר וואס ניט ווייניקער?

— דערפאר, וואס זיי זיינען מער ניט ווערט, דערפאר, וואס די קארעלן זיינען זייער פשוטע קארעלן. איך האב אויך געזען אמאל קא־רעלן, מאמע. לאז זיך דיר דאכטן, אז איך האב שוין געזען אמאל א רעכ־טע בייטש קארעלן...

דעם גאנצן טאג האבן זיך אלע דריי געקריגט און געיאדעט פאר די קארעלן.

— ער זאל מיר בעסער געבן מיט א פיסטויל אין הארצן, — האט דוואסי־מלכה געטענהט — וואלט בא מיר פיל מער ניחא געווען, איי־דער הערן פון אים דאס ווארט „זעקסטהאלבן“! מילא, לאז זיין די מאכ־ליארקע, די כאליערע זאל זי באקומען היינטיקן טאג, האט מיך אפגע־נארט (מיך האט נאך קיינער ניט אפגענארט!), — מילא, כאפט זי דער שווארץ־פינצטער־ביטער יאר מיט איר סטעמפעניון אינאיינעם! אבער צו וואס טויג נאך זאלצן יענעם אף די ווונדן און ארויספארן מיט מקח „זעקסטהאלבן“? נא דיר גאר „זעקסטהאלבן“! זעקסטהאלבן טוץ מכות איר אפן לייב און זעקסטהאלבן קדחתן איר אין דער לעבער! איך וועל, מאל דיר, בא איר מיין געלט, מיין בלוט, ארויסרייסן, ווי בא א הונט פון די ציין, מאל דיר! אבער פארגינען זיך זאגן „זעקסטהאלבן“?!

די גאנצע סצענע איז אונדזער רחלען אזוי נמאס געווארן, אז זי האט די קארעלן פארן שלאף אויסגעטאן און באהאלטן בא זיך טיף־טיף אין קאסטן, מיט דער דעה, אז זי זאל זיי שוין מער ניט אנטאן ווייל זי וועט לעבן. מער פון אלץ האט אונדזער רחלען פארדראסן, וואס משה־מענדל האט זיך פארנומען אפקריגן מיט דער מוטער פאר די קארעלן און איז אפילו נישט צוגעגאנגען צו איר, ווי עס דארף צו זיין, ווי עס

פירט זיך, זאָגן „פאַרנויץ געזונט". מע האָט זי דעם גאַנצן טאָג אַרומגעפירט פאַר די הענט, געקוקט אַף די קאָרעלן, פונקט ווי מע באַטראַכט אַ קו; איטלעכער איז צוגעגאַנגען און האָט איר אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געטאַפּט די קאָרעלן — און אָן איר האָט מען גאָר פאַרגעסן... רחלע, וואָס איז בטבע ניט געווען קיין בייזע, קיין כעסנטע, האָט דעם גאַנצן טאָג געפײַערט אַף אַלעמען, און נאָך מער אַף משה־מענדלען. דער דאָזיקער חברה־מאַן האָט זיך גאַנץ פיין אָפּגעגעסן מיטאָג און איז זיך אַוועק אין בית־מדרש אַרײַן. און אַזוי ווי עס איז געווען יענעם אָוונט אין בית־מדרש אַ שטיקל שמחה, אַ סיום, לכן איז שוין משה־מענדל איבערגעבליבן דאָרט פון נאָך מעריב ביזן ווײַסן טאָג אַרײַן, ווי ער פלעגט עס טאָן גאַנץ אָפטלעך.

רחלע איז גאָר אײַנגאַנצן געווען לאָ־עליכמדיק, שטאַרק צעקאָכט. דאָס פּנים האָט איר געפלאַמט, ווי אַ העליש פײַער, דער קאָפּ האָט איר געטרישטשעט און אין די אויערן האָט איר געקלונגען און געפײַפט. זי האָט גאָר ניט געוווּסט, וואָס מיט איר טוט זיך... קיין וועטשערע האָט זי ניט געקאָנט עסן. געוויינלעך, האָט איר דוואָסי־מלכה גענוג געפּיקט אין קאָפּ אַרײַן, פאַר וואָס זי עסט ניט, פאַר וואָס זי טרינקט ניט — נאָר אומזיסט: רחלע איז אַוועק מיט רויטע אויגן צו זיך, האָט זיך גיך אויסגעטאָן, אַרײַנגעלייגט אין בעט אַרײַן, און פון אירע אויגן האָבן זיך מיט אַמאָל אַ גאָס געטאָן טרערן, — וואַרעמע, הייסע טרערן, און אַ סך, אַ סך.

XXI

אַ שווערע נאַכט

וואָס האָט רחלע געוויינט? זי האָט אַליין נישט געוווּסט, וואָס זי וויינט, און האָט אַפילו נישט געפילט, אַז זי וויינט. דאָס האַרץ איז איר שוין פון אַ צײַט געווען שווער, זייער שווער, נאָר פלוצים האָט זיך עס צעוויקט, צעגאָסן און אויסגעגאָסן זיך דורך טרערן. רחלע האָט געפילט, ווי מיר האָבן שוין אויבן געזאָגט, אַז זי איז עלנט, אַז עס גייט איר עפּעס אָפּ, אַז עס פעלט איר עפּעס, נאָר וואָס פעלט איר — דאָס האָט

זי ניט געוווּסט און ניט געקאָנט וויסן. רחלע האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז אירע עלטערן האָבן זי חתונה געמאַכט און האָבן זי געפּטרט. דאָס וואָרט „געפּטרט״ איז שוין געווען געוויינלעך אויף צו פּילן, ווי ווייט מע ווערט אָפּגעריסן: קינדער פון עלטערן און עלטערן פון קינדער. דאָס וואָרט „געפּטרט״ קומט אויס זייער אָפט צו הערן באַ אונדז, יידן, כמעט אין יעדער משפּחה. דאָס וואָרט „געפּטרט״ איז אַ גרויסער בזיון, אַ באַליידיקונג פאַר אונדזער גאַנצער אומה, וואָס פּייַנט זיך אויס מיט איר באַרעמהערציקייט... מער פון אַלע איז איר דערגאַנגען משה־מענדל מיט זיינע גענג, מיט זיין פּירעכץ קעגן איר. רחלע האָט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַ ראָלע זי שפּילט מיט איר שיינקייט און מיט איר גוטסקייט, מיט איר ערלעכקייט און מיט איר געטרייַשאַפט באַ איר מאַן דעם תכשיט. רחלע האָט אַרויסגעזען, וואָס זי איז באַ אים...

ועל כולם איז רחלע גלאַט געווען צעשרויפט, צערודערט און פאַרטומלט די לעצטע צייַט. אַ קלייניקייט, וואָס זי האָט איבערגעטראָגן פון סטעמפּעניון? רחלע, די פרומע רחלע, וואָס האָט ניט דורכגעלאָזט אַף איר לעבן קיין האָר פון יידישקייט, נישט איבערגעטראָטן קיין מינדסטן דין פון די אַלע דינים, וואָס זייַנען שייַך צו דער יידענע, — רחלע, אַ יידיש ווייַבל פון טייַטש־חומש, האָט אין זינען אַ פרעמדן, באַקומט פון אים בריוולעך, באַגעגנט זיך מיט אים — און גאָרנישט! אדרבה, זי פילט, ווי עס ציט זי צו אים, נישט מיט עפּעס אַ שלעכטער מחשבה, חלילה! נאָר גלאַט אַזוי, זען אים און הערן, ווי ער שפּילט אַפן פידל.

אַך, זיין שפּילן, זיין שפּילן! רחלע וואָלט אייביק ניט געגעסן, ניט געשלאָפן, נאָר הערן סטעמפּעניון, הערן אים און... זען אים! זיינע אויגן, אַז זיי קוקן, וואַרעמען זיי, גלעטן זיי, ניעזשען זיי... אַך, זיינע אויגן!

רחלע כאַפּט זיך אָן מיט ביידע הענט פאַרן קאָפּ און הערט זיך צו, ווי די שלייפן קלאַפּן, ווי דאָס האַרץ קלאַפּט, און די נשמה ציט, ציט. זי וויים נישט, וואָס מיט איר טוט זיך. זי דעקט זיך איבער מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און דערזעט איר אַמאָליקע חברטע, חיה־עטל, עליה השלום. רחלע דערמאָנט זיך אָן יענער מעשה פון חיה־עטלען מיט בנימינען, און עס גייט איר איבער אַ פראָסט איבערן לייַב. זי דעקט פון זיך אָפּ די קאָלדרע און דערהערט פּלוצים זייער אַ באַקאַנט געזאַנג, אַ באַקאַנט שפּילן פון אַ באַקאַנט פידעלע. רחלע האָט געמיינט, אַז עס ווייַזט זיך איר

אוים, נאָר ווײַטער־ווײַטער האָט זי אַלץ נענטער געהערט דאָס שפּילן, וואָס מע שפּילט, געוויינלעך, באַם אָפּפירן פון דער חתונה די מחותנים אהיים. רחלע האָט שוין דערהערט און דערקענט אַקוראַט, וואָס מע שפּילט; רחלע האָט אויך דערקענט סטעמפּעניוס פאַרגיין זיך אַפן פידל, און עס איז שוין פאַר איר נישט געוועזן קיין ספק, אַז דאָס פירט אָפּ סטעמפּעניו די מחותנים אהיים נאָך דער חופּה־וועטשערע. נאָר ווי קומט ער אַהער? אַף דער גאַס איז הײַנט נישט געווען קיין חופּה און דאָ זײַנען נישטאָ קיין מחותנים! וואָס קאָן דאָס באַדײַטן? די פּויק מיט די טאַצן לאָזן זיך אָבער הערן אַלץ נענטער און נענטער. די גאַנצע חברה שפּילט געשמאַק; נאָר מער פון אַלץ לאָזט זיך הערן סטעמפּעניוס פידעלע, וואָס פאַרדעקט מיטן זיסן שפּילן, מיט דעם ווייכן געזאַנג אַלע אַנדערע כלים.

רחלע קאָן נישט אײַנליגן. זי שפּרינגט אַראָפּ פונעם בעט, גייט צו צום פענצטער, עפנט עס אויף און בייגט זיך איבער העכער האַלב אינ־דרויסן אַרויס.

רחלע האָט שוין לאַנג אַזאַ נאַכט נישט געזען. די לבנה שפּאַצירט אינמיטן הימל, און אַרום איר האָבן זיך אויסגעשאָטן אַלפּי אַלפּים שטערן — בריליאַנטן, וואָס שעמערירן אין די אויגן. די לופט איז וואַרעם, גרינג און פריש. קיין שום ווינטל, אַזוי, אַז די הויכע טאָפּאָלעס, וואָס זעען זיך פונעם גרויסן מאָנאַסטירסקן גאָרטן, שטייען אויסגעצויגן, ווי סאָלדאַטן אַף דער וואַך. קיין בלעטל רירט זיך נישט. נאָר זעלטן־זעלטן טוט עס אַ טראָג פונעם מאָנאַסטירסקן גאָרטן אַ שײַנעם ריח פון שמעקענדיקע גראָזן, ווי בשמים, וואָס איז אין מאַזעפּעווקע שטאַרק אָנגעלייגט, מחמת באַטאָג הערט זיך דאָרט אַן אַנדער ריח...

צו דער דאָזיקער אויסגעצייכנטער נאַכט פּאַסט אַקוראַט אונדזער רחלע די שיינע, — די שיינע, די ריינע, די ערלעכע רחלע מיט איר גרויסן ווײַסן האַלדז, אַף וועלכן עס ליגן צעשאָטן אירע רײַכע בלאָנדע האָר (אָך, רחלע האָט דען געקאָנט אין אַזאַ צײַט געדענקען, אַז די לבנה און דער מחבר פונעם ראָמאַן קאָנען זען אירע אייגענע האָר?). אירע אויגן זײַנען געווען נישט ווינציקער בלוי און לויטער, ווי דער בלויער לויטערער הימל, און איר שיין ליכטיק פּנים איז נישט געווען מיאוסער פון דער שיינער ליכטיקער נאַכט. נאָר רחלע האָט ווייניק וואָס געטראַכט וועגן דעם: איר קאָפּ איז געווען דאָרטן, וווּ עס האָט זיך געהערט דאָס זעלטענע שפּילן, און איר האַרץ איז געווען דאָרט, וווּ סטעמפּעניוס פידעלע.

די כלי־זמר שפּילן עפּעס אַזוי טרויעריק, גלײַך ווי זיי וואָלטן אַט ערשט עמעצן באַהאַלטן, אין דער ערד אַרײַנגעלייגט. בײַ אונדז אַ שמחה באַווײַזט זיך אַרויס דורך אַ געוויין, און מחמת גרויס פרייד מיט פּאַר־גנינגן פּאַרגיסן מיר טרערן... נאָך אומעטיקער ווײַזט אויס דאָס שפּילן אום האַלבע נאַכט, ווען די גאַנצע וועלט האַלט אין איין שלאָפן, נאָר איין ביסל ייִדן זײַנען זיך משמח מיט אַ ווײַנענדיקס, גייענדיק צוריק פון דער חופּה־וועטשערע מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ: וואָס איז? מע האָט געפּטרט אַ קינד, פּאַרשטייט איר מיך, פּאַרזאָרגט, הייסט דאָס, ברוך השם, — נו, מהכתיתי... אין דער דאָזיקער שטילער שיינער זומער־נאַכט הערט זיך סטעמפּעניוס פידעלע נאָך מער ווי אַלע מאָל; עס קלעמט דאָס האַרץ, ציט די נשמה, נעמט אַרויס דאָס חיות — און רחלע שטייט אַ האַלב־נאַקעטע באַם פענצטער און הערט זיך צו. זי וויל אַנטלויפן פון־דאַנען, צומאַכן דאָס פענצטער און אַנטלויפן, נאָר עס האַלט זי צו, ווי מיט אײַזנס, ווי אַ מאַגנעט ציט עס זי. זי קוקט זיך אײַן און הערט זיך צו אַזוי ערנסט, גלײַך ווי זי וואָלט הערן נישט זײַן פידעלע, גלײַך ווי זי וואָלט הערן, ווי ער רעדט צו איר, ווי ער טענהט, ווי ער בעט, ווי ער וויינט... און נישט נאָר רחלע אַליין הערט זיך אײַן אין די דאָזיקע שיינע מעלאָדיען פון סטעמפּעניוס פידעלע אין דער דאָזיקער ליכטיקער זומער־נאַכט: די לבנה מיט די שטערן, די ווייכע, פרישע לופט, די גאַנצע נאַטור מיט אַלע אירע באַשעפענישן האָבן ווי אויפגעוואַכט פון זייער דרימלען, זיך אויפגעשטעלט אַף אַ רגעלע, בכדי צו הערן, וואָס איז דאָס פאַראַ מין געזאַנג אום האַלבע נאַכט? וואָס איז דאָס פאַראַ קולות אום האַלבע נאַכט? דער נאַכט־משורר, דער פּרשפּעטיקטער סאָלאָוויי אינעם מאָנאַסטירסקן גאָרטן, דערהערט אַזאַ מין מוזיק, האָט זיך געפּרובירט פּאַרקאַטשען אַפּן העלדזל, באַווײַזן זײַנע שטיקלעך, ווי זײַן שטייגער איז; נאָר עס איז אים אַצינד, אין סוף תמוז, נישט געראָטן איבער־שטשעגאָליאַיען סטעמפּעניוס פידעלע, מחמת באַלד נאָך וועסנע האָט ער געבעך, ווי אַלעמאָל, אָנגעוואָרן די כלי, און פון זײַן זיס קול איז אים נאָר געבליבן אַ קוויטש, ווי בײַ אַ חזן נאָך ימים נוראים, להבדיל... דער האָן, דער שרײַער, דערהערט דאָס שפּילן פון די כלי־זמר און גערעכנט, אַז ס'איז שוין טאָג, איז אַראָפּ פון דער סידעלע, האָט אַ פּאַטש געטאָן מיט די פליגל, האָט געזאָגט דעם פּסוק, אויסגעלאָזט דעם געוויינלעכן „קוקו־ריקו" מיט אַ „מונח־אתנחתא" און איז זיך אַוועק צוריק אין זײַן רו

אַרײַן אַ ברוגזער, וואָס מע האָט אים מטריח געווען אומזיסט און אומנישט... אַפּילו די הינט, די כלבים, פֿון ווײַטנס, פֿון דער מאָנאָסטירסקער גאַס, דערהערט די ייִדישע כלי־זמר אינמיטן נאַכט, האָבן אָנגעהויבן לכתחילה, ווי זייער מנהג איז, צו בילן און צו וואָיען, און זײַנען אויך אַנטשוויגן געוואָרן, געזוכט זיך אַן אָרט ווו צו לייגן זיך אָפּרוען. אויך די קו, דוואָסי־ מלכהס בורע בהמה בײַ דער שטוב, האָט אויפֿגעהערט צו מעלה־גרהן, האָט אויפֿגעשטעלט די אויערן, אַרויסגעלאָזט פֿונעם בויך אַ טיפֿן קרעכץ, ווי אַ זינדיקער מענטש. און דעם שכנס צוויי ציגן האָבן זיך פֿון גרויס התפּעלות מיטאַמאָל אויפֿגעהויבן פֿון דער ערד, זיך געביטן מיט די ערטער, באַוויזן דערווײַל איינס דאָס אַנדערע, אַז זיי האָבן הערנער. הכלל, אַלץ האָט אויפֿגעלעבט, באַוויזן, אַז עס הערט דאָס שפּילן אין דער דאָזיקער שטילער, ליכטיקער, וואַרעמער כישופֿדיקער זומערנאַכט.

אין דער זעלבער צײַט איז אויך אונדזער ערלעכע רחלע געשטאַנען בײַם פֿענצטער, ווי צוגעקאָוועט מיט אײַזנס. זי שטייט, ווי שטאַרק פֿאַרוווּנדערט, רירט זיך נישט מיט קיין אבר, ווי צוגעשרויפּט, און ווייס גאָרנישט אַף וואָס פֿאַראַ וועלט זי איז. „נו, אַ נאַכט! אַי, אַ נאַכט! טאַטעניו!״... זי שטייט און הערט זיך אײַן מיט אַלע חושים. זי שלינגט די פֿרישע לופֿט מיטן פֿולן מויל. זי איז אינגאַנצן פֿאַרכּישופֿט. זי קוקט אין בלויען הימל אַרײַן און דערמאָנט זיך אָן יענע זומער־נעכט, ווען זי פֿלעגט מיידלווײַז זיצן אינדערהיים אַף דער פּריזבע (זאַוואַלענקע), קוקן אַרויף, אַז די ווײַסע פּאַסן, געשפּילט בשעת מעשה אין צייכנס (מיילעשקעס) און געזונגען דאָס באַקאַנטע לידל:

די לבנה שײַנט אינמיטן דער נאַכט,
און פּערעלע זיצט בײַ דער טיר,
זי זיפֿצט, זי קרעכצט, זי איז שוין פֿאַרטראַכט —
אוי, אַ ווייטיק איז איר!
זי זיפֿצט, זי קרעכצט, זי איך דאָך פֿאַרטראַכט —
אוי, אַ ווייטיק איז איר!...

דאָס לידל האָט זי דעמאָלט געזונגען, נאָר זי האָט דאָס נישט פֿאַרשטאַנען; אַצינד פֿאַרשטייט זי דאָס יאָ, אַפּילו נישט אינגאַנצן, דאָך

פאַרשטייט זי דאָס, זי פילט עס. זי פילט, אַז עס ציט זי עפּעס אַהין, אינדרויסן אַרויס, אױף דער פרײַער לופט. זי פילט, אַז ס'איז איר דאָ ענג, היים און נמאס, נמאס!... רחלע דערמאָנט זיך נאָך אַ לידל פון יענע לידלעך, וואָס זי פלעגט זינגען מיידלווייַז, זומער־לעבן, אינדרויסן בײַ דער טיר.

באַם ברעג וואַסער טו איך שטיין,
און קאָן צו דיר נישט קומען;
אוי, פון ווײַטנס רופסטו מיך.
איך קאָן אָבער נישט שווימען!
אוי, פון ווײַטנס רופסטו מיך.
איך קאָן צו דיר נישט שווימען!...

„פון ווײַטנס?" — ער איז דאָך שוין גאָר נאָענט! אָט איז ער, סטעמפּעניו, מיט זײַן פידעלע, מיט זײַנע לאַנגע האָר, מיט זײַנע שוואַרצע, ברענענדיקע פײַערדיקע אויגן, וואָס קוקט אױף איר תמיד און וואַרעמען זי מיט זייער גלאַנץ, מיט זייער פײַער. און עס ווילט זיך איר אין דער מינוט אייביק שטיין נאָענט לעבן אים, שטיין און אייביק הערן זײַן שפּילן, און אייביק זען זײַנע שיינע אויגן... נאָר איין זאַך קאָן רחלע נישט פאַרשטיין: ווי קומט ער אַהער, סטעמפּעניו, אום האַלבע נאַכט, מיט זײַן פידעלע?

ווי אַרום קומט אַהער סטעמפּעניו מיט די מחותנים? — אָט דאָס האָט זי בשום אופן נישט געקאָנט פאַרשטיין, וויפל זי האָט זיך נישט געבראָכן דעם מוח. רחלע האָט זיך דערמאָנט, אַז ערגעץ אױף דער שולגאַס איז הײַנט געווען אַ חופּה. ווי־זשע קומען אַהער די מחותנים? ערשט דעמאָלט האָט זי פאַרשטאַנען דעם סוד, אַז זי האָט דערזען שוין גאָר נאָענט, טאַקע במעט לעבן זייער שטוב, די כלי־זמר מיט די מחותנים. ערשט דעמאָלט האָט זי געטראָפן דאָס רעטעניש, אַז זי האָט דערזען, ווי סטעמפּעניו האָט זיך פונקט לעבן זייער שטוב, גראָדע אַקעגן איר פענצטער, אָנפּגעשטעלט און האָט אָנגעהויבן צו שפּילן נאָך מיט מער פרישקייט, מיט מער חשק. ערשט דעמאָלט האָט רחלע פאַרשטאַנען, וואָס סטעמפּעניו האָט דאָ אויפגעטאָן: ער האָט געשלעפּט מיט זיך די גאַנצע חברה, אַלע מחותנים מיטן גאַנצן עולם, פון דער צענטער גאַס אַהער, פאַרבײַ זייער שטוב, און צוליב וועמען? — לכתחילה איז דאָס איר אַפילו

געוועז זייער אַנגענעם, און דאָס האַרץ האָט זיך איר אַזוי געפרייט, אַז עס איז שיר נישט אַרויסגעשפּרונגען פון דער ברוסט. און נישט ווילנדיק, האָט זיך רחלע צעלאַכט צו זיך אַליין מיט אַזאַ פריילעך געלעכטער, אַז זי האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר איר קול, האָט אַ קוק געטאָן אויף זיך, ווי זי שטייט דאָ האַלב נאַקעט, מיטן האַלדז אין דרויסן, מיט די אייגענע האָר, — און איז געשווינט אָפּגעשפּרונגען פונעם פענצטער, אין דער גיך עס צוגעמאַכט, און האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן אין בעט אַרײַן.

„ווײ איז מיר, ווינד איז מיר! — האָט זיך רחלע געטראַכט. — צו וואָס מען קאָן קומען, אַז מען באַקלערט זיך נישט פריִער ווו מען איז אין דער וועלט! שטעלן זיך אײַנמיטן נאַכט אַ נאַקעטע אין פענצטער פאַר אַזאַ עולם מאַנסבילן; אײַנזינען האָבן אַזעלכע פּוסטע נאַרישע זאַכן, אַרומגיין מיט אַזעלכע מיאוסע מחשבות וועגן אַ סטעמפּעניו... און סטעמפּעניו — מע דאַרף זײַן אַ בעלן פירן אַ גאַנצע עדה יִדן איבער צען גאַסן — צוליב וואָס? צוליב וועמען? מען דאַרף האָבן, פונדעסטוועגן, אַן עזות אַזעלכעס צו טאָן! פונוואַנען נעמט זיך עס בא אים אַזאַ...? איך מוז עס אים פרעגן. מען דאַרף זען, ס'זאָל האָבן אַמאָל אַ סוף. ער וויל מיך אומגליקלעך מאַכן!... איינמאָל פאַר אַלעמאָל, מען דאַרף זיך מיט אים אויסשמועסן, ווי זאָגט מען: „בעסער דער ערשטער רוגז"... ער דערציילט דיר אַ מעשה: „ליב־שמיב"! גאַנץ לײַטיש, כ'לעבן... שבת־צו־נאַכטס, זאָגט ער, אויף דער מאַנאַסטירסקער גאַס, דאָרט וועט ער מיר שוין קלאָר מאַכן אינגאַנצן זײַן מיין... איך וואָלט שוין גערן, דער ליבער שבת־צו־נאַכטס זאָל שוין קומען גיכער, לאָמיר שוין הערן וואָס און ווען? איך וועל געווים אַרויסגיין, וואָס האָב איך מורא? פאַר וועמען? מורא דאַרף מען האָבן נאָר פאַר גאָט!... עס איז דיר נאָר אַן אָנשיקעניש, אַן אָפּגעטאָענע זאַך, און גענוג!... נישט אומזיסט דערציילט מען זיך אַן אַזויפיל מעשיות... נאָר וואָס האָט ער צו מיר? צו מײַנע יונגע יאָרן?... און ווער איז שולדיק, ווען נישט איך אַליין? מען טאָר נישט ווײַזן יענעם קיין וועג... משה־מענדל זאָל אַצינד זײַן, וואָלט איך אים אַלסצדינג דערציילט. נאָר וווּ איז ער? ער הערט מיך ווייער? וואָס גייט דאָס אים אָן, וואָס איך מוטשע מיך, ווי אײנער פאַרן טויט?... אָך, מען דאַרף לייענען קריאת־שמע. נישט גוט, אַז מען לייענט נישט קיין קריאת־שמע!"...

„לישועתך קויתי ד׳,
קויתי ד׳ לישועתך,
ד׳ לישועתך קויתי״...

רחלע באַהאַלט זיך טיף־טיף אין די קישנס אַריַין, דעקט זיך איבער שטאַרק מיט דער קאָלדרע, זי זאָל נישט הערן דאָס שפּילן פון די כלי־זמר, און לייענט קריאת־שמע אויף אַ קול: „לישועתך קויתי ד׳״... נאָר דורכן פענצטער גנבהנען זיך אַריַין די זיסע געזאַנגען פון סטעמפּעניוס פידעלע, וואָס ווערן אַלע מינוט שטילער, זעלטענער און וויַיטער. און רחלע לייענט קריאת־שמע:

ד׳ לישועתך קויתי״...
קויתי ד׳ לישועתך,
„לישועתך קויתי ד׳,

און סטעמפּעניוס פידעלע קוים־קוים וואָס עס הערט זיך שוין פון וויַיטן, און די לעצטע קולות ווערן ווי פאַרשטאַרבן. און רחלעס אויגן ווערן ביסלעכוויַיז צוגעשלאָסן, און אירע ליפּן שעפּטשען נאָך, קוים־קוים וואָס מע הערט:

„לישועתך . . . .
קויתי . . . . לישועתך
. . . . קויתי . . . . ״
און רחלע ווערט אַנטשלאָפן.

***

רחלע ווערט אַנטשלאָפן, און עס חלומט זיך איר, אַז סטעמפּעניו טוט איר אָן אַ בייַטש קאָרעלן... אין איין זיַיט שטייט דער שווער אין טלית־ותפילין, און פריידל שלאָגט אים, פּאַטשט אים אויף וואָס די וועלט שטייט... משה־מענדל איז טויט־שיכור, פאַרט ריַיטנדיק אויף אַ קאָטשערע, מאַכט משוגענע העויות, און סטעמפּעניו טוט איר אָן אַ בייַטש קאָרעלן... אין דער אַנדערער זיַיט שטייט חיה־עטל, אָנגעטאָן שבתדיק, אויסגעצירט, ווי אַ בת־מלכה, שמייכלט אַזוי פריַינטלעך, אַזוי ליבלעך, און צינדט אָן אַ סך ליכט.

„וואָס טוסטו, חיה־עטל? — פרעגט זי רחלע. — למאי צינדסטו אָן אַזויפיל ליכט?"

„וואָס פאַרא שאלה? — ענטפערט איר חיה־עטל מיט אַ געלעכטער. — עס איז דאָך ערב שבת: שוין צייַט ליכט בענטשן!"...

רחלע קוקט אויף די ליכט, ווי העל זיי ברענען און זיי לייַכטן, און סטעמפעניו טוט איר אָן אַ בייַטש קאַרעלן... ער שטייט לעבן איר אַזוי נאָנט, אַז זי הערט, ווי ער אָטעמט. ער שטייט און קוקט איר גלייַך אין די אויגן אַרייַן און וואַרעמט זי מיט זייַן קוקן אויף איר. רחלע קוועלט, לאַכט און זינגט, און סטעמפעניו טוט איר אָן אַ בייַטש קאַרעלן...

פּלוצים ווערן די ליכט פאַרלאָשן, חיה־עטל און אַלץ אַרום און אַרום ווערט פאַרשוואונדן. עס ווערט פינצטער־חושך און שטאַרק קאַלט, ווי אין אַ קעלער, ווי אין אַ קבר... דער ווינט בלאָזט און פייַפט, און עס הערט זיך אַ געזאַנג, אַ טרויעריק געזאַנג: עס הערט זיך, ווי אַ פידל שפּילט, שוין ווידער אַ באַקאַנט פידעלע, סטעמפעניוס פידעלע. סטעמפעניו אַליין איז שוין נישטאָ, נאָר זייַן פידעלע לאָזט זיך הערן, אָבער אַזוי טרויעריק, אַזוי אומעטיק, ווי דער נוסח פון „נעילה". און עס הערט זיך עפּעס, ווי עמעצער וויינט, כליפּעט. דאָס וויינט חיה־עטל אויף אירע יונגע יאָרן, וואָס זייַנען איבערגעלאָפן, ווי אַ חלום, אויף איר ליבהאַרציקן בנימינען, וואָס ער האָט זי פאַרביטן אויף אַן אַנדערע, פאַרגעסן חיה־עטלען, פאַרגעסן...

„אוי, מאַמעניו!" — שרייַט אויס רחלע און כאַפּט זיך אויף, קערט זיך איבער אויף דער אַנדערער זייַט, ווערט אַנטשלאָפן און זעט ווידער אַלערלייַ חלומות. אַ גאַנצע נאַכט פּלאָנטערט זיך איר, און עס דאַכט זיך איר, אַז זי פילט, ווי סטעמפעניו שטייט לעבן איר און טוט איר אָן אַ בייַטש קאַרעלן... נאָכדעם קומט ווידער חיה־עטל מיט שוואַרצע ליכט, וויינט, טרויערט, לייענט אויף אַ קול תחינות פון מענה־לשון: „אַל־מעכטיקער פאָטער אין הימל, דו שטאַרקער גאָט! הער איבער אַלע הערן, דו מלך איבער אַלע מלכים, וואָס פון אייביק ביז אייביק ביסטו נאָר גאָט! צו דיר זאָל קומען און פון דיר זאָל באַוויליקט ווערן אונזער היים געבעט. דו זאָלסט פאַרנעמען די תפילות פון די ריינע נשמות, וואָס טוען שטיין פאַר דייַן כסא־הכבוד און בעטן רחמים פון פאַר דיר פאַר אונדז, און פאַר די לעבעדיקע, וואָס אויף דער ערד, וואָס זייַנען פול מיט זינד, ווי אַ מיל־גראָם, און די אָבות אבותינו..."

חיה־עטל זאָגט די תחינות הויך. זי וויינט, זי יאָמערט, זי קלאָגט — און ווערט פאַרשוווּנדן.

XXII

עס צינדט זיך אָן אַ פֿײַער

אין דער שטאָט מאַזעפּעווקע איז דאָ אַ מאָנאַסטיר, וואָס איז געבויט ווי מען דערציילט, נאָך פון מאַזעפּען. אַ הויכע, אַ ווײַסע געמויערטע וואַנט רינגלט אַרום דעם מאָנאַסטיר פון אַלע פיר זײַטן און פאַרנעמט דרײַ חלקים פון דער שטאָט. אין איר, אין דער וואַנט, פון איין זײַט געפינען זיך די געוועלבן (די גרעסטע קלייטן), פון דער אַנדערער זײַט — טיפע קעלערס, וווּ עס איז אַמאָל געווען באַהאַלטן, ווי מען זאָגט, דאָס גאַנצע געווער (כלי־זין) פון די הײַדאַמאַקעס, און אַצינד לייגט מען דאָרט אָפּ עפּל און אַנדערע מינים סחורות. די דריטע וואַנט איז באַוואַקסן מיט דערנער און באַשיצט מיט די הויכע טאָפּאָלעס און אַנדערע ביימער, וואָס געפינען זיך פון יענער זײַט וואַנט אינעם גרויסן מאָנאַסטירסקן גאָרטן. די פערטע וואַנט איז הויל און גלאַט, אין פיל ערטער אָפּגעקאָ־לופּעט און אָפּגעפאַלן די ליים מיט די ציגל, אַזוי אַז עס בעט זיך פאַר־ריכטן שוין לאַנגע יאָרן. אקעגן געפינען זיך הײַזער מיט הײַזעלעך, הייפן מיט הייפעלעך, ייִדישע און גוייִשע, און די שמאָלע גאַס, וואָס איז צווישן די הײַזלעך, ווערט אָנגערופן די מאָנאַסטירסקע גאַס.

דאָרט, אױף דער מאָנאַסטירסקער גאַס, אין ווינקל, וווּ עס הייבן זיך אָן די ביימער, איז פאָרגעקומען דאָס ערשטע זעעניש פון אונדזערע ליבנדע — רחלע און סטעמפּעניו.

די לייענער, וואָס זײַנען געוואוינט געוואָרן צו די „העכסט אינטע־רעסאַנטע ראָמאַנען", האָבן נעבעך געגנוג אָנגעליטן זיך ביז אַהער פונעם דאָזיקן ראָמאַן, וואָס ס׳איז נישטאָ אין אים קיין שום רירנדיקע סצענעס און טרעפענישן. קיינער שיסט זיך נישט, קיינער סמט זיך נישט. מען באַגעגנט זיך נישט מיט קיין גראַפן און מיט מאַרקיזן. מען זעט זיך אַלץ מיט פּראָסטע מענטשלעך, מיט כלי־זמר גאָר און מיט געוויינלעכע ייִדישע ווײַבלעך. די דאָזיקע לייענער קוקן שוין אוודאי אַרויס אױף דעם שבת־צו־

נאכטס; זיי ווארטן אף א טשיקאווע־פיקאנטע סצענע אף דער מאָנאָס־טירסקער גאס... איך מוז אָבער פאָרויס זאָגן, אַז זייער ארויסקוקן איז אומזיסט: קיין שום טשיקאווע פיקאנטע סצענעס וועט דאָ נישט זײַן, ווארעם אונדזער רחלע איז געקומען אהער נישט חלילה ווי א בעל־עבירה־ניצע, נישט ווי אַן אויסגעלאַסענע וואָס לויפט זיך קושן אין דער פינצטער מיט איר ליבנדן... חס ושלום! רחלע האָט נאָר געוואָלט פרעגן בא אים, וויאַזוי האָט ער, סטעמפעניו כלי־זמר, געהאַט א העזה, אַזא עזות, צו שרײַבן איר, רב אײַזיק־נפתלים שנור, משה־מענדלס ווײַב, א בריוול, און נאָך אַזא בריוול?!...

„איך מוז דאָס אים פאָרהאַלטן! — האָט זי געטראַכט. — איך מוז דאָס אים זאָגן איינמאָל פאַר אַלע מאָל! ווי זאָגט מען: „עס איז בעסער דער ערשטער רוגז"...

דער דאָזיקער געדאַנק איז איר נישט געקומען פּלוצים. רחלע האָט געהאַט צײַט א גאַנצע וואָך, און נאָך מער — דעם גאַנצן טאָג שבת אף צו קלערן וועגן דעם, און אוי־וויי, וואָס זי האָט איבערגעלעבט אינעם דאָזיקן איינעם טאָג! וואָס פאַרא שרעקלעכע מלחמה האָט זי אויסגע־האַלטן מיטן יצר־הרע... ניין, דאָס וואָרט „יצר־הרע" פּאַסט לחלוטין נישט אהער: ווי קומט דאָס צו איר, צו אַזאַ ייִדיש ווײַבל, צו אַזאַ ערלעך ווײַבל, וואָס האָט קיינמאָל נישט געלייענט קיין ראָמאַנען און האָט נישט געוווּסט פון קיין ליבעס, חוץ די מעשה מיט איר חברטע חיה־עטל, עליה השלום, וואָס מיר האָבן וועגן איר אויבן געשמועסט. — ווי קומט דאָס צו איר יצר־הרע, ליבע? — נאַרישקייטן! זי זאָל כאָטש זײַן א מיידל, איז עפּעס אַנדערש. פאַרט, ווי זאָגט מען, א פרײַ פייגעלע, נישט צוגע־דעקט דעם קאָפּ, א מענטשל פאַר זיך. אָבער א ווײַבל, און א פרום ווײַבל פון שיינעם גראַד, פון הוילע יחוס! זי איז געוועז אף זיך אַליין להרוג ולאבד, פלאָם־פײַער, און האָט זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפינען. אָט האָט זי זיך צוגעלייגט בא זיך אפן בעט, אָט האָט דאָס זי אויפגעטראָגן, ווי איינעם, וואָס ליגט אף א היציקער שלאַפקייט, עס ווערט אים „מלאָסנע" אפן האַרצן און עס נודעט אים ארויס די נשמה, — ער וואָלט נאָר געלאָפן אין דער וועלט ארײַן... רחלע כאַפּט זיך אויף און נעמט זיך גאָר צום טײַטש־חומש. זי עפנט אויף די סדרה „וישלח", און — מערקווירדיק! אירע אויגן שטעלן זיך אָפּ אפן פסוק: „ו ת צ א ד י נ ה ב ת ל א ה, איז דינה די טאָכטער פון לאה ארויסגעגאַנגען זען די טעכ־

טער פונעם לאַנד. האָט זי שכם דער זון פון חמור געצומען מיט גוואַלד, ותדבק נפשו בדינה, און שכם האָט זיך באַהעפט אין דינה. דער בחיי שרייבט: שכם האָט איר איינגערעדט..."

אַזוי האָט רחלע אַריינגעקוקט אין איר טייטש־חומש, וואָס די שווי־גער האָט איר געשענקט נאָך בשעת זי איז געווען אַ כלה, און ביסלעכווייז האָט זי אָנגעהויבן צו פאַרגעסן, אַז זי זיצט איבערן טייטש־חומש, און אירע געדאַנקען האָבן זי פאַרטראָגן אַהין, צו סטעמפּעניון, אויף דער מאָ־נאַסטירסקער גאַס, אונטער די ביימער, ווו ער האָט איר צוגעזאָגט וואַרטן — און ער וועט אוודאי דאָרטן וואַרטן... נאָר קוים איז סטעמפּעניו געקומען איר אויף דער מחשבה, אַזוי האָט עס זי געצויגן צו אים, ווי אַ מאַגנעט, און זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס איז.

„איך וואָלט אים נאָר געוואָלט פרעגן, וואָס האָט ער צו מיר און וואָס וויל ער פון מיין לעבן האָבן?"...

און דאָ דערמאָנט זיך רחלע אין איר חברטע חיה־עטל, עליה השלום, ווי זי האָט נעבעך געליטן איבער איר בנימינען... נאָר חיה־עטל איז אָבער געווען בנימינס אַן אייגענע און איז געווען אַ מיידל; אָבער זי, רחלע, איז דאָך אַן „אשת־איש" (אוי־אוי, וואָס פאַר אַ הארב וואָרט דאָס איז פאַר אַ ייִדישער טאָכטער!). און ער — ווער איז ער? אַ כלי־זמר! וואָס קער ער זיך מיט איר אָן? וואָס פאַרא שמעלקע איז ער מיט איר, וואָס ער שרייבט צו איר בריוולעך? אַ פּאָטעפּאַלנאַסט פון אַ כלי־זמרוק, אַ העזע אביסל פון אַ יונגאַטש!

„די וועלט זאָל זיך קערן — האָט זי באַ זיך אָפּגעפּסקעט — די וועלט זאָל זיך קערן, מוז איך דאָס אים זאָגן! וואָס האָבן איך מורא פאַר אים? איך וועל זיך זען מיט אים, איך וועל דאָרטן זיין. נישקשה, קיינער וועט מיך נישט זען. איך וועל זיך אַרויסכאַפּן אויף אַ מינוט, ס'איז נישט וויַיט, אָט באַלד אָט דאָ אַקעגן"....

און רחל קוקט דורך דעם אָפענעם פענצטער אויף דער מאָנאַסטירסקער גאַס אַרויס און זעט די ביימער, די הויכע טאָפּאָלעס, ווי זיי שטייען שטאָלץ, און זי הערט די פייגל, ווי שיין זיי זינגען פונעם גאָרטן אַרויס. און אירע מחשבות טראָגן זיך אינגאַנצן איבער אַהין ווו שפּעטער מיט אַ שעה, אָדער נאָך ווינציקער, וועט זי זיך זען מיט אים און וועט ריידן מיט אים אויג אויף אויג. און זי פילט, ווי דאָס האַרץ הייבט איר אָן צו קלאַפּן און צו צאַפּלען, און (דעם אמת, דעם אמת מוז מען זאָגן!) עס איז

איר גרוים די מינוטן — זי וואָלט שוין גערן, עס זאָל שוין זײַן נאַכט. דער שווער מיטן מאַן וועלן קומען פֿון שול און וועלן אָפּמאַכן הבדלה, די שוויגער וועט זיך נעמען איבערטאָן און ליאַרעמען מכּה דעם סאַמאָוואַר און מכּה דעם באָרשט צו דער מלוה־מלכּה — און אָט דעמאָלט וועט זי כאַפּן אויף זיך די שאַל און ארויסגיין פֿאַמעלעך, אויף דער טיר, אביסל אויף דער גאַס, אַזוי, מעשה שפּאַציר, — ווער וועט זיך דאָס ארומקוקן אויף איר? ביז זי וועט קומען אַהין, ווו... אַך, עס ציטערט אויף איר דאָס לײַב, די בעקלעך פֿלאַמען איר, און דאָס האַרץ — אוי, דאָס האַרץ! עס פֿאַלט איר אָקערשט נישט אַרויס, און וואָס ווײַטער ציט דאָס זי אַלץ מער אַהין, אַזוי, אַז זי האָט שוין מער קיין זאַך נישט אין זינען. זי זעט פֿאַר זיך קיין זאַך נישט, נאָר די ביימער פֿונעם מאָנאַסטירסקן גאָרטן, נאָר סטעמפּעניון מיט זײַנע פֿלאַם־פֿײַערדיקע אויגן. זי הערט קיין זאַך נישט אַ חוץ דאָס שיינע זינגען פֿון די פֿייגל, וואָס דאָרט אין גאָרטן, און דאָס געטלעכע שפּילן — סטעמפּעניוס. אין דער מינוט איז רחלע אינגאַנצן איבערגעגעבן צו איין געדאַנק — אַהין, צו סטעמפּעניון, מיט סטעמפּעניון, און קיין זאַך אין דער וועלט איז נישט אימשטאַנד זי אײַנצוהאַלטן אין דער דאָזיקער צײַט...

XXIII

דאָס פֿײַער ברענט און ווערט באַלד פֿאַרלאָשן

און סטעמפּעניו, קוים איז געוואָרן נאַכט, אַזוי האָט ער די חבֿרה כּלי־זמר ארויסגעמשלחט אויף אַ „זמירות",* האָט קלאָמפּערשט גענומען דאָס פֿידעלע אונטערן אָרעם, בכדי פֿריידל זאָל מיינען, אַז ער איז אויך אויף דער חתונה. נאָר אַרויסגעגאַנגען פֿון שטוב, האָט ער דאָס פֿידעלע איבערגעגעבן מעכטשין, און אַליין האָט עס אים אוועקגעטראָגן אין דער מאָנאַסטירסקער גאַס אַרײַן, און אַרומגעגאַנגען הין און צוריק אונטער דעם שאָטן פֿון די ביימער, האָט ער זיך אַלע מינוט אָפּגעשטעלט, געקוקט אַהין, פֿון וואַנען עס האָט באַדאַרפֿט אָנקומען רחלע די שיינע. אַז זי וועט

*) דער שבת צו נאַכטס, וואָס פֿאַר דער חופּה, קלײַבן זיך צונויף מיידלעך צו דער כּלה טאַנצן — און דאָס הייסט „זמירות"; אין אַנדערע ערטער הייסט עס גלאַט „שבת־צו־נאַכטס".

זײַן — דאָס איז פֿאַר אים קײן ספֿק נישט געװען. דאָס האַרץ האָט אים געזאָגט, אַז יאָ. ער האָט עס גוט אָרױסגעזען נאָך אירע אױגן דעמאָלט, אַז זײ האָבן זיך געזען בײַ פֿרײדלען בעת מעסטן די קאָרעלן.

און סטעמפּעניו האָט נישט געהאַט קײן טעות: עס איז נישט אַװעקגעגאַנגען קײן פּופּצן מינוט, האָט ער דערזען פֿון יענער זײַט גאַס שװעבט אײנע מיט אַ װײַס טיכל אָפֿן קאָפּ. זי גײט געשװינט און קוקט זיך אַרום אין אַלע זײַטן. דאָס װײַסע טיכל איז איר אַנגערוקט ביז כּמעט איבער די אױגן, און עס ציטערן איר די הענט, די צײן אין מױל, דאָס האַרץ אין דער ברוסט און דאָס גאַנצע לײַב. זי קוקט זיך גוט אײַן, זי בלײַבט שטײן, זי דערזעט סטעמפּעניון און טוט זיך אַ לאָז צו אים מיט די װערטער:

— מיט װאָס פֿאַרא העזה, פֿרעג איך אײַך...

— זאָג מיר נישט „איר", רחלע, זאָג מיר „דו"... — האָט איר סטעמפּעניו געענטפֿערט און האָט זי אָנגענומען בײַ בײדע הענט און האָט איר אַרײַנגעקוקט גלײַך אין די אױגן אַרײַן. רחלע האָט דערזען אין זײַנע אױגן פּונקט דעם זעלבן גלאַנץ פֿון די שטערן, װאָס האָבן אַראָפּגעקוקט אין דער דאַזיקער שײנער זומער־נאַכט פֿונעם טונקל־בלױען הימל...

אַלע מאַזעפּעװקער ייִדן האָבן אָפּגעמאַכט הבדלה און האָבן געזונגען, װי דער שטײגער איז, די „אליהוס", געזיפֿצט און געטראַכט, געדאַרט דעם מוח אױף דער װיסטער פּרנסה, זיך געװוּנטשעװעט דעם זכות פֿון יענעם חסיד, װאָס האָט געטראָפֿן דאָס גליק צו באַגעגענען זיך מיט אליהו הנביא און אָפּגעבן אים שלום און אָפּנעמען בײַ אים שלום. די מאַזעפּעװקער װײַבער װאַרפֿן אַראָפּ די שלײערס פֿונעם קאָפּ, טוען אױס די שבתדיקע קלײדער, די צירונג, און נעמען זיך צו דער װאָכעדיקער אַרבעט. מיט אײנעם װאָרט, מאַזעפּעװקע איז פֿאַרנומען אַרױסצובאַגלײטן דעם ליבן שבת־קודש — און קײנעם קומט גאָר נישט אױף די געדאַנקען, אַז אין דער צײַט שטײט רחלע דװאָסי־מלכּהס שנור מיט סטעמפּעניו דעם כּלי־זמר אױף דער מאָנאַסטירסקער גאַס און האָבן צװישן זיך אַ שמועס מכּח עפּעס גאָרנישט קײן ייִדישע זאַכן... נאָר דער בלױער הימל, די העלע שטערן, װאָס קוקן אַראָפּ מיט זײער גלאַנץ, נאָר די הױכע מאָנאַסטירסקע טאָפּאָלעס, נאָר די נאַכט־פֿײגעלען אינעם גרױסן מאָנאַסטירסקן גאָרטן, װאָס רופֿן זיך איבער אױף זײער לשון, — נאָר זײ הערן און זעען דאָס אַלץ צו; נאָר זײ װײסן, אַז אין דער דאָזיקער שײנער צױבערלעכער נאַכט, אונטער

די מאַנאַסטירסקע ביימער, אַף דער גוייִשער גאַס, און אַט דאָ לעבן סטעמ־פעניו האָט זיך רחלע געפונען אין אַזאַ מין נייִער לאַגע, אַז זי האָט זיך גאָר פאַרגעסן ווער זי איז און וואָס זי איז. דאָ, אַף דער שיינער פּרעכטי־קער נאַטור, האָט זיך רחלע געפילט אַזוי, ווי נאָך קיינמאָל נישט אין איר לעבן. דער פּחד, וואָס איז אַף איר געפאַלן בשעת זי איז אַהער געגאַנגען, האָט פּלוצים אָפּגעטראָטן פון איר, און עס האָט זיך איר אויסגעוויזן, אַז עס זייַנען באַ איר אויסגעוואַקסן פליגל און זי איז פרייַ, ווי אַ פייגעלע, און קאָן פליִען, פליִען... סטעמפעניו האָט זיך צוגערוקט צו איר נענ־טער און האָט אַנידערגעלייגט זייַנע הענט באַ איר אַף די אַקסלען. רחלע האָט אַ ציטער געטאָן. זי האָט געוואָלט אָפּטרעטן פון אים, נאָר זי האָט דאָס נישט געטאָן. זי האָט נאָר אַ קוק געטאָן אַף סטעמפעניון, און פון אירע ליכטיקע בלויע אויגן האָבן אַראָפּגערונען צוויי טרערן.

— וואָס ווייִנסטו, רחלע? — האָט סטעמפעניו אַ פרעג געטאָן, אָפּווישנדיק איר די טרערן מיט זייַנע הענט.

— אַך, סטעמפעניו, עס איז מיר אַזוי גוט אָט דאָ, לעבן... אײַך... לעבן... דיר, סטעמפעניו! פאַרוואָס בין איך... פאַרוואָס בין איך נישט...

— מייַנע, ווילסטו זאָגן? ביסט מייַנע, רחלע, ביסט מייַנע!

— וואָס הייסט, איך בין דייַנע, סטעמפעניו? וויִאַזוי קאָן דאָס זייַן?

— דו ביסט מייַנע, פאַרשטייסטו מיך, האַרץ מייַנס, ווייַל איך בין דייַנער אַף תמיד, אַף אייביק, ביזן פינצטערן גרוב, ביזן קבר אַרייַן בין איך דייַנער לעבן מייַנס!

— בנימין האָט אויך אַזוי געזאָגט, האָט זיך געשוואָרן — און צום סוף...

— וואָסער בנימין? — האָט זי סטעמפעניו פאַרוווּנדערט אַ פרעג געטאָן, געקוקט רחלען אין די אויגן אַרייַן, ווי מע קוקט אַף אַ קליין קינד, ווען עס זאָגט אַ ווילדע נאַרישקייט. — פון וואָס פאַרא בנימין רעדסטו, נשמה מייַנע?

— בנימין, חיה־עטלס געשוועסטער־קינד. מייַן חברטע חיה־עטל די יתומה האָט געהאַט אַ געשוועסטער־קינד, וואָס האָט געהייסן בנימין, האָבן זיי אָפּגערעדט פון לאַנג, אַז זיי זאָלן זיך נעמען; ער האָט איר צוגע־

זאָגט, געשוואָרן בא זײַנע הײליקע נאמנות — און צום סוף... אָך, האָט זי געהאַט אַ מיאוסן סוף, חיה־עטל נעבעך, זי איז שוין לאַנג געשטאָרבן, עליה־השלום, לאָז זי מיר מוחל זײַן... נאָר בנימין איז בא איר געװען דאָס חיות, זי איז אױסגעגאַנגען נאָך זײַנע טריט. זי האָט דאָס מיר אַלײן דערצײלט... זי שטײט מיר פאַר די אױגן, און עס װײַזט זיך מיר אױס, אַז אָט זיצט זי באַם פענצטער, איך זינג איר לידלעך, און זי װײנט און זאָגט אַלץ: „אײ, גלײב זײ נישט, מען טאָר זײ נישט גלײבן, די מאַנסבילן!"...

רחלע דערצײלט פון איר חברטע חיה־עטל די יתומה, און סטעמפעניו קושט רחלען די הענט, גלעט זי, האַלדזט זי, קוקט איר אין די אױגן אַרײַן — און רחלע דערצײלט אַלץ פון חיה־עטלען, װיאַזױ זי איז שטילערהײט אױסגעגאַנגען, װי אַ ליכט, נאָך איר ליבן טײַערן בנימינען...

חיה־עטל איז שױן געװען פון עטלעכע יאָר טױט, נאָר רחלע האָט זי גוט געדענקט, חיה־עטל איז איר אָפטמאָל געקומען צו חלום. אַצינד האָט זיך איר אױסגעדאַכט, אַז חיה־עטל שטײט פון יענער זײַט װאַנט, אָנגעטאָן אין תכריכים, און קוקט אַריבער אַהער און װינקט צו איר, אָנװײַזנדיק איר אױף סטעמפעניון און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, װי אײנער רעדט: „װאָס טוסטו דאָ?"...

— צו װאָס טױג עס דיר, רחלע מײַן לעבן, צו װאָס טױג דיר רײדן, דערמאָנען אַזעלכע זאַכן, און נאָך אַקעגן נאַכט? טו בעסער אַ קוק אױף מיר מיט דײַנע שײנע ליכטיקע אױגן, װאָס לײַכטן און בלישטשען, װי צװײ שײנע בריליאַנ...

סטעמפּעניו האָט נאָך נישט אױסגערעדט דאָס לעצטע װאָרט, האָט זיך רחלע אַרױסגעריסן פון זײַנע הענט מיט אַזאַ שטאַרקײט, אַז סטעמפעניו האָט זיך איבערגעשראָקן פאַר איר.

— גאָט איז מיט דיר, רחלע, װאָס איז דיר אַזױנס געשען?

ער האָט זי געװאָלט כאַפּן װידעראַמאָל, נאָר זי האָט זיך נישט געלאָזט. זי האָט געציטערט און געשעפּטשעט: „דו זעסט? אָן איז זי!... אָן שטײט זי!... אָן קוקט זי אַהער, אַהער"...

— װער שטײט? װוּ שטײט? װאָס רעדסטו דאָס, רחלע? נשמה מײַנע, קום צו מיר, נאַ דיר אַ האַנט...

— אײ! לאָז מיך, לאָז מיך, סטעמפעניו, לאָזט מיך! איר זעט, אָן שטײט עפּעס אַ װײַס? אָך, ס'איז זי, ס'איז חיה־עטל! חיה־עטל!...

אוי, לאָזט מיך, לאָזט מיך!... מיט וואָס פאַר אַ העזה פרעג איך אײַך... אַ גוטע נאַכט! אַ גוטע...

און רחלע איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אינעם שאָטן פון די ביימער. סטעמפעניו האָט נאָר געקאָנט זען, ווי צוויי עקן פון דער ווײַסער שאַל, וואָס האָבן זיך צעלאָזט פונעם ווינט, האָבן אויסגעוויזן, ווי צוויי ווײַסע פליגל. אָט אַזוי ווערט אַנטרונען אַ גוטער מלאך, אָט אַזוי ווערט פאַרשוווּנדן אַ גוטער חלום...

אָ, ייִדישע טאָכטער! אָט דאָ האָסטו זיך באַוויזן מיט דײַן ערלעכקייט, מיט אינגאַנצן דײַן ריינקייט. אָ, ייִדישע פרוי, אָט דאָ האָסטו זיך באַוויזן מיט דײַן גאַנצער געטרײַשאַפט, מיט דײַן גאַנצער איבערגעגעבנקייט!...

געקומען אַהיים, האָט רחלע געוואָלט פאַר אַלע אויסזאָגן, אויסשרײַען, ווּ זי איז געווען און מיט וועמען זי האָט זיך געזען. נאָר זי האָט געטראָפן דאָס גאַנצע הויזגעזינט זיצן אַרום טיש מיט נאָך עטלעכע געסט באַ אַ גרויסן סאַמאָוואַר, פאַרטיפט אין אַ וויכטיקן שמועס פון געשעפט, ווי דער שטייגער איז שבת־צו־נאַכטס באַ ייִדן צונויפקלײַבן זיך ערגעץ, און נאָך דעם גאַנצן מעת־לעת, וואָס מע האָט גערוט, שמועסן אַביסל וועגן מסחר, וועגן מאָרגנדיקן יאַריד, און גלאַט אַזוי וועגן וועלט־זאַכן.

— איך וועל זיך נישט „טאַשן".* — האָט געזאָגט אַ גראָב ייִדל, אַ שניט־קרעמער. — לאָז דאָס גיין אין דער ערד אַרײַן! איך בין קלאָר אין די ירידים גאַנץ גענוג! נאָר גריזאָטע מיט האַרצווייטיק קאָן מען פון אַזעלכע ירידים האָבן!

— פאַרוואָס? — רופט זיך אָן דוואָסי־מלכה, האַלטנדיק די הענט צונויפגעלייגט אונטערן האַרצן. — איך ווייס נישט פאַרוואָס, רב יודל, איר זענט אַזוי ברוגז אַפן יריד? פאַראַכטאָגן האָב איך באַ אײַך געזען, קיין עין־הרע, אַ שפע, אַף אַלע ייִדן געזאָגט געוואָרן! איר האָט דאַכט זיך, אַ גאַנצן טאָג געלייזט געלט?

באַ דיר הייסט אַלצדינג געלייזט געלט! — האָט זיך אָפּגערופן אײַזיק־נפתלי, נישט קוקנדיק אַפן ווײַב און וואַרפנדיק אַף ביינדלעך פון די „שטשאָטעס".

---

*) „טאַשן" הייסט אַף קרעמער־לשון — זיך שטעלן אַפן יריד מיט אַ קראָם.

— און איך וואָלט זיך געווּנטשן נישט קיין ערגערן יריד, ווי פאַר־אַכטאָגן זונטיק. — האָט זיך אָנגערופן משה־מענדל, געקוקט אין די חשבונות אַרײַן. — וואָס דאַרף מען דאָ לייקענען, פאַרשטיי איך נישט?

— אָט דאָס איז טאַקע די מעשה, — זאָגט יודל — אַז איר ווילט נישט גלייבן יענעם. באַ אײַך, אַז מע דערזעט צען ערלים גייען זיך צונויף און מע צעטראָגט מיר שיער די קראָם, הייסט דאָס שוין געלייזט געלט, און מע פאַרגינט שוין נישט.

— ווייסט איר וואָס, רב יודל? — רופט זיך אָן אַ יונגערמאַן, אַ קאַסאָקער אַף ביידע אויגן. — לאָמיר אָוועקוואַרפן דעם יריד, עס איז נאָך דאָ מאָרגן אַ גוטער טאָג, און מע וועט זיך נאָך מיט אים גוט אָנעסן; לאָמיר בעסער שמועסן פון עפּעס אַנדערש.

און דער עולם הייבט אָן צו שמועסן וועגן וועלט־זאַכן, וועגן אתרוגים, וועגן בית־המדרש־ענינים, געווינלעך, אויך וועגן מלחמה. אַלע ריידן, אַלע רייכערן, דער סאַמאָוואַר זידט און פּאַרעט און די שטוב איז פול מיט רויך. אין אויוון הייצט זיך: עס קאָכט זיך אַ באָרשט מיט געגדזענע פּריידקעס צו דער מלוה־מלכה.

— ווּ ביסטו געווען, רחלע? — האָט זיך דוואָסי־מלכה געווענדט צו דער שנור.

— אָט דאָ... אַף דער מאָנאַסטירסקער גאַס...

— ווי־אַזוי איז אינדרויסן? שיין? גאָט זאָל העלפן, עס זאָל כאָטש האַלטן ביז נאָך אַלע ירידים... וואָס איז דיר, טאָכטער, דער קאָפּ טוט דיר וויי, וואָס דו ביסט אַזוי בלייך? טאָמער וואָלסטו זיך אַביסל צוגע־לייגט באַ זיך אַפן בעט?

באַ די ווערטער האָבן זיך אַלע אומגעדרייט און אַ קוק געטאָן אַף רחלעס בלייך פּנים און האָבן אַלע אין איין קול באַשלאָסן, אַז זי איז פאַרטשאַדעט געוואָרן פונעם סאַמאָוואַר. רחלע איז אַוועקגעגאַנגען צו זיך אין חדר אַרײַן זיך צולייגן אַפן בעט, און דאָ האָט דער עולם געמאַכט אַ שמועס וועגן טשאַד, וואָס אַ טשאַד, אַזאַ קלייניקייט, אַ גאָלע גאָרנישט, דאַכט זיך, — וואָס, משטיינס געזאָגט? אַ רויך! — קאָן קוילען אַ מענטשן אַף טויט. און איינער האָט דערציילט, אַז באַ זײַן זיידן עליו השלום איז אַמאָל שיער דאָס גאַנצע הויזגעזינד פון דער וועלט נישט געגאַנגען פון אַ טשאַד. דער אַנדערער האָט דערציילט נאָך אַ שענערע מעשה, ווי־אַזוי באַ זײַן פעטער האָט זיך דאָס גאַנצע הויזגעזינד שיער

געסמט פון אַ מין פיש, וואָס הייסט „מאַרינקע”, אַזוי, אַז מע האָט זיי קוים מציל געווען פונעם טויט. דער דריטער האָט דערציילט אויך זייער אַ שיינע מעשה פון אַ לץ, פון אַ דאָמאָוויק, פון אַ עולם־התוהוניק... אַזוי לאַנג, ביז מען איז אַרויף אַף דעם טויט.

— וואָס מע זאָל נישט ריידן, אַפן טויט מוז מען דאָך אַרויפקומען!

— האָט זיך אָנגערופן איינער.

— אליהו הנביא, מע דאַרף אַ קוק טאָן, אליהו התשבי, וואָס טוט עפּעס מײַן פלוניתטע? אליהו הגלעדי... — האָט זיך משה־מענדל פּלוצים שטיל אַ זאָג געטאָן, צוגעזונגען די אליהוס פון שבת־צו־נאַכטס. ער איז אויפגעשטאַנען פון טיש און איז געגאַנגען געוואָר ווערן צו רחלען.

XXIV

רחלע קערט זיך אום אַפן גלײַכן וועג

— גוואַלד, ייִדן, ראַטעוועט! — האָט דער עולם דערהערט אַ קול פונעם זײַטיקן חדר, און אַלע האָבן זיך געלאָזט לויפן אַהין, אין חדר אַרײַן, וווּ רחלע איז געלעגן אויסגעצויגן אַפן בעט, דעם קאָפּ פאַרוואָרפן אַרויף, און לעבן איר איז געשטאַנען משה־מענדל האַלב־טויט.

— וואָס איז? ווער איז? געחלשט? וואַסער! גיכער!

— וואַסער! וואַסער! — האָבן אַלע ייִדן געשריגן און קיינער האָט זיך נישט גערירט פונעם אָרט.

— אוי, אַ מכה דער מאַמען! — האָט דוואָסי־מלכה אויסגעשריגן און האָט געבראַכט אַ קוואָרט וואַסער, אָנגענומען אין מויל אַרײַן און באַשפּריצט רחלען דאָס פּנים, וואָס איז געווען טויט, ווי די וואַנט.

— לאָז מען רופן דעם דאָקטאָר! — האָט משה־מענדל געשריגן נישט מיט זײַן קול.

— דעם דאָקטאָר! דעם דאָקטאָר! — האָבן ווידער אַלע ייִדן געשריגן, געקוקט איינער אַפן אַנדערן.

— מע באַדאַרף איר בינדן די הענט מיט אַ פאַטשיילע און קוועטשן די נאָז!

— די נאָז! די נאָז! — האָבן אַלע ייִדן געשריגן און געשטאַנען אַף איין אָרט.

— אָט אַזוי, דוואָסי־מלכה, שטאַרקער, שטאַרקער! — האָבן די געסט אונטערגעגעבן חשק דער בעל־הביתטע, וואָס האָט געאַרבעט מיט אַלע כלים: געריבן, געקוועטשט, געגאָסן וואַסער, געריסן די אויגן — אַזוי לאַנג, ביז מע האָט די פאַרחלשטע רחלע אָפּגעמינטערט און אויפ־געזעצט. רחלע האָט זיך אַרומגעקוקט אַף אַלע זײַטן, ווי אַ פאַרשלאָפענע, און האָט געפרעגט: „ווּ בין איך? עס איז מיר היים, היים!"...

— צעגייט זיך אַביסל, עולם! צעגייט זיך! — האָט דוואָסי־מלכה געזאָגט און האָט משלח געווען דעם גאַנצן עולם אין זאַל אַרײַן און איז אַליין מיט משה־מענדלען איבערגעבליבן לעבן רחלען, וואָס האָט נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון משה־מענדלען.

— וואָס איז דיר, טאָכטער, געשען? — האָט די שוויגער געפרעגט.

— וואָס איז דיר, רחלע? — האָט זי משה־מענדל געפרעגט, אָנ־געבויגן זיך שטאַרק איבער איר קאָפּ.

— לאָז די מאַמע אַרויסגיין פונדאַנען, — האָט אים רחלע געענט־פערט שטילערהייט.

— מאַמע, גיי, זײַ מוחל, אַרויס פונדאַנען — האָט איר משה־מענדל געזאָגט. ער האָט באַגלייט די מוטער פונעם חדר און צוגעגאַנגען צוריק צו רחלעס בעט.

— זאָג מיר, וואָס איז דיר? — האָט זיך צו איר משה־מענדל געווענדט דאָס ערשטע מאָל מיט גרויס ליבשאַפט.

— אוי, משה־מענדל, שווער מיר, אַז דו וועסט קיינעם נישט זאָגן... שווער מיר, אַז צווישן אונדז וועט דאָס בלײַבן... זאָג מיר צו אַז דו וועסט מיר מוחל זײַן, וואָס איך האָב זיך אָקעגן דיר... ווען ניט חיה־עטל, עליה השלום, זאָל מיך דערמאָנען... אַך, ווען נישט חיה־עטל... אַך, משה־מענדל, טײַערער מײַנער!

— באַטראַכט זיך, רחלע, וואָס דו זאָגסט. דו רעדסט פון היץ! וואָסער חיה־עטל?

— מײַנע אַ חברטע, חיה־עטל, עליה השלום, חיה־עטל די יתומה, זי איז שוין לאַנג אַף דער אמתער וועלט! זי איז מיר שוין עטלעכע מאָל געקומען צו חלום. נאָר הײַנט, נאָר איצט... אַך, משה־מענדל, בייג זיך

צו מיר צו נאָנט, נאָנט... אָט אַזוי... איך האָב מורא... איך האָב חרטה... אוי, איך האָב חרטה!

און רחלע האָט זיך וואָס וויַיטער אַלץ נענטער צוגערוקט צו משה־מענדלען ביז זי איז אינגאַנצן געלעגן באַ אים אַף די הענט. אין חדר איז געווען פינצטער. נאָר איין ליכטיקער פּאַס האָט זיך אַריַינגעצויגן דורך דער טיר פון זאַל, און רחלע מיט משה־מענדלען האָבן קוים־קוים געקאָנט זען איינס דאָס אַנדערע. זייערע אויגן האָבן זיך באַגעגנט, און אַ פֿיַיערל האָט זיך אין זיי אָנגעצונדן, אָט דאָס פֿיַיערל, וואָס איר קאָנט זען נאָר באַ די גליקלעכע געליבטע צום ערשטן מאָל, ווען דאָס האַרץ רעדט, נישט דאָס מויל, ווען מיט די אויגן שמועסט מען זיך דורך, נישט מיטן מויל.

— זאָג מיר, משה־מענדל געטריַיער, בין איך טאַקע באַ דיר אַזוי טיַיער?

— אַ שאלה אַביסל? — ענטפערט איר משה־מענדל. — ביסט באַ מיר איַינגעבאַקן אין האַרצן, ווי אַ... איך ווייס אַליין נישט וואָס...

אַף אַן אַנדער אופן האָט משה־מענדל נישט געקאָנט אַרויסזאָגן זיַין ליבע צו רחלען. נאָר מע מעג אים גלייבן, אַז ער האָט עס געמיינט מיטן גאַנצן האַרצן, אַזוי ערנסט (און אפשר נאָך ערנסטער), ווי דער פֿיַינער בחור, וואָס האָט פיל מער שטאָף אַף אַרויסצוגעבן זיַינע געפילן דורך ווערטער.

נאָר לאָמיר זיי לאָזן, דאָס גליקלעכע פּאַרפּאָלק, אָט דאָ אינעם האַלב־פינצטערן חדר, ווו אין אַ יאָר אַרום נאָך דער התונה האָבן זיי דאָס ערשטע מאָל געהאַט די געלעגנהייט אויסצורײדן זיך אַביסל דאָס האַרץ איינער פאַר דעם אַנדערן, זיצן ווי די טיַיבעלעך. דאָס, וואָס איז אַ גאַנץ קיַילעכיק יאָר געווען פאַרבאָרגן טיף אין האַרצן, איז פּלוצים אַרויסגע־שווומען אַרויף, ווי בוימל אָפן וואַסער.

***

אַבי רחלען איז געוואָרן אַביסל גרינגער, זיצט זיך משה־מענדל לעבן איר און זינגט זיך שטילערהייט, אונטער דער נאָז, די „אליהוס”, ווי פריִער:

— אליהו הנביא... אליהו התשבי... אליהו הגלעדי...

און רחלע רופט זיך אָן צו אים:

— איך האָב צו דיר אַ בקשה, משה־מענדל זאָג, איך וועל באַ דיר פּועלן, צי ניין?

— דהיינו? וואָסער אַ בקשה? זאָג, רחלע, וועסט אַלץ באַ מיר פּועלן. אפילו דאָס טעלערל פונעם הימל וועסטו באַ מיר פּועלן.

— גענוג שוין, משה־מענדל, צו זיצן אַף קעסט. קיין בית־המדרשניק ביסטו נישט, עטלעכע קערבלעך האָבן מיר, דאַנקען גאָט, — לאָמיר אַרויספאָרן אין אַ גרויסער שטאָט אַריַין, קיין יעהופּעץ. דאָרטן, צווישן מיַינע פריַינט, מיַין משפחה, און מיט דיר — וועט מיר זיַין גוט ווי די וועלט. מיר וועלן שוין זיַין אַליין. גענוג שוין עסן קעסט, כ׳לעבן, ס׳איז מיר שוין אַזוי נמאס, אַזוי טריף, אַז סע גייט מיר נישט איַין גאָרנישט... מיר זיַינען דאָ צווישן דייניקע עפּעס ווי פרעמדע, ווי ווילד־פרעמדע...

משה־מענדל בליַיבט זיצן און באַטראַכט אַביסל רחלען פאַרוואונדערט. נאָכדעם צעשאָקלט ער זיך, ווי פריִער, און זינגט זיך וויַיטער די אליהום.

— אָך, זייער פיַין, איש זעף, פון מיַינעטוועגן? אליהו הנביא... אפילו נאָך־שבתדיקע וואָך!

— אַלצדינג פיר איך באַ דיר אויס, משה־מענדל, אַלצדינג! — זאָגט צו אים רחלע מיט גרויס ליבשאַפט. — איאָ? מיר וועלן זיך זיצן אַליין, איך וועל מיר זיַין אַ בעל־הביתטע און וועל דיך אָפּהיטן, ווי דאָס שוואַרצאַפּל פונעם אויג... אָך, משה־מענדל, ביסט אַזאַ צעטראָגענער, אַז מע הערט פון דיר קיינמאָל קיין גוט וואָרט! נאָר היַינט ביסטו עפּעס גאָר אַנדערש, גאָר אַנדערש...

— אליהו הנביא... — זינגט משה־מענדל שטילערהייט. — אליהו התשבי... אליהו הגלעדי...

און דאָרט, אין זאַל, צווישן די מאַנסבילן, גייט אַן אַנדער שמועס: דער עולם פאַלט אַף פאַרשיידענע המצאות, פאַרוואָס האָט דאָס איַיזיק־נפתלים שנור פּלוצים געקאָנט חלשן? איינער זאָגט, אַז דאָס איז פון אַ גוט אויג; דער אַנדערער דרינגט פאַרקערט, אַז ס׳איז אַ מין ווינטל געכאַפּט; און דער דריטער, אַ באַטאָגטער ייִד, וואָס האָט שוין אויסגע־געבענע קינדער, זאָגט זיך זיַין המצאה:

— פאָלגט־זשע מיך, איך האָב אַליין דריַי שניר, בין איך שוין קלאָר אין דעם ענין; איך זאָג איַיך, ס׳איז „פאַסטעוואָקעס״. איַיזיק־נפתלי, גרייט זיך אַף אַ לעקעך און בראָנפן, אָדער אַ ברית... דוואָסי־מלכה,

מזל־טוב אײַך! אײַער שנור — נו־נו, מהכתיתי!... וואָס שעמט איר זיך דאָ אַזוי, דוואָסי־מלכה? נישקשה, ס'איז אַ ייִדישע זאַך...

דוואָסי־מלכה שמעלצט זיך פֿון גרויס פֿאַרגעניגן; זי קוקט שוין לאַנג דערויף אַרויס.

— נו־נו! — זאָגט זי כלומרשט מיט אַ בייזער. — גייט שוין גייט מיט אײַערע קאַטאָוועסלעך! מע דאַרף בעסער אַ קוק טאָן, וואָס הערט זיך מיטן באָרשט? עפּעס געדויערט ער הײַנט בײַ איר מער ווי אַלע שבת־צו־נאַכטס!...

XXV

אין אַ יאָר אַרום

„אַ שטילע וועטשערע!“ — זאָגט דער לייענער, אַפּנים, שטאַרק נישט צופֿרידן, מחמת ער איז דערצויגן געוואָרן אויף יענע „העכסט־אינ־טערעסאַנטע“ ראָמאַנען, ווו מע הענגט זיך און מע טרינקט זיך, ווו מע סמט זיך און מע שיסט זיך, אָדער ווו פֿון אַ מלמד ווערט אַ גראַף, פֿון אַ דינסטמיידל — אַ בת־מלכה, און פֿון אַ באָהעלפֿער — אַ פּיפּערנאָ־טער... וואָס זאָל איך טאָן, אַז בײַ אונדז זײַנען פֿאַראַן פּראָסטע ייִדן, פּראָסטע ווײַבלעך, ייִדישע טעכטער און ייִדישע כלי־זמר... נאָר צו וואָס טויג דאָס פֿאַרענטפֿערן זיך? אַצינד מעג שוין דער לייענער זאָגן וואָס ער וויל; קוים האָב איך אים שוין צוגעפֿירט ביז אַהער, וועט ער שוין גיין מיט מיר ווײַטער און וועט וועלן וויסן דעם סוף, וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט רחלען? וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט מיט סטעמפעניון?

מיר לאָזן איבער אַ גאַנץ יאָר (וואָס איז אַ יאָר אינעם מענטשנס לעבן?) און מיר קומען צו אײַזיק־נפֿתלין שבת־צו־נאַכטס אויף מלוה־מלכה און טרעפֿן דאָרטן די אייגענע פּאַרשוינען, וואָס פֿאַראַיאָרן, און הערן די זעלבע שמועסן, וואָס פֿאַראַיאָרן, נישט געמינערט אַ האָר. מע רעדט אַזוי לאַנג וועגן יריד, פּרנסה, פּדיון, קינדער, — ביז מע קומט אַרויף אויף משה־מענדלען מיט רחלען וואָס זיצן איצט אין יעהופּעץ.

— ווײַז נאָר אַהער, דוואָסי־מלכה, דאָס בריוול, וואָס די קינדער

שרײַבן פֿון יעהופּעץ? — רופֿט זיך אָן אײַזיק־נפֿתּלי צום װײַב. — נאָט, לײענט, רב יודל.

— לאָז ער לײענען! — זאָגט יודל, אָנװײַזנדיק אױפֿן קאַסאַקן יונג־גערמאַן.

דער קאַסאַקער נעמט דאָס בריװל און לײענט עס, װי אַ װאַסער:

„שלום וכל טוב סלה לאהובי אבי החכם המפורסם המופלג מופלא מוהר"ר אײַזיק־נפֿתּלי ב"ר משה יוסף ז"ל, ולאמי הצנועה החסידה והמפורסמת אשת חיל כאסתר וכאביגיל כש"ת מרת דװאָסי־מלכה בת משה־מענדל ז"ל, עם כל ב"ב שלום...

„כזוהר השמש בערפלי חושך בתכלת הרקיע, שם בעליונים בגבהי שחקים מבין מחרכי אור יקרות וקפאון לטוהר..."

— נײן! — שרײַען אַלע. — נײן, נישט דאָס! דאָס איז גלאַט אַזױ, װײס איך, מליצה, ייִנגלשע זאַכן. זײערע נאַרישקײטן! לײענט װײַטער, אױף יענער זײַט.

דער קאַסאַקער קערט איבער דאָס בריװל און לײענט:

„און אודות, װאָס דו פֿרעגסט מיך, אָבי היקר, איך זאָל דיר שרײַבן מכּח פּרנסה והמסחרים דפּה יעהופּעץ, בין איך דיר מודיע..."

— אַ, אָט דאָס מײנט דער פּסוק! — זאָגט דער עולם צופֿרידן. — לײענט, לײענט װײַטער!

„...בין איך דיר מודיע, אַז ביותר גײט דאָ אָן שניט־סחורה, גם צעלניק, רק צעלניק נישט אַזױ, כּמו שניט־סחורה. גם באַקאַליע איז גם כּן ניט שלעכט, ניט ערגער װי אַצליכם במאַזעפּעװקע. װאָל־צײַג איז דאָ ביוקר, טאַקע מיט גאָלד גלײַך. צוקער, קמח וקלײַען איז דאָ גם כּן אַ מסחר, עס גײט לזאַגראַניצע, און ייִדן פֿאַרדינען דערבײַ אַ שײן קערבל. הכּלל, יעהופּעץ איז אַן ארץ מבורכת, די שטאָט גופֿא איז מוראדיק גרױס, ס'איז כּדאַי זי אָנצוקוקן. עס איז כּלל אַן אַנדער װעלט בפּה יעהופּעץ, איר קאָנט בפּה באַגעגענען אַזאַ ייִדן, װאָס איר װעט אין לעבן ניט זאָגן, אַז ס'איז אַ ייִד. גם איז דאָ אַ מסחר פּאַפּיר. פּה איז אַלצדינג אַ מסחר. און ייִדן דרײען זיך דאָ אױף דער בערזע, קױפֿן און פֿאַרקױפֿן אַלערלײ אַקציעס, און מעקלערס פֿאַרדינען געלט לרוב. גם זוגתי מרת רחלע לאָזט אײַך אַלעמען גריסן גאָר פֿרײַנטלעך. זי שרײַבט אײַך בעצמה. יעזור השי"ת, מיר זאָלן הערן פֿון אײַך גם כּן בשורות טובות — אָמן. גם אודיעכם, אַז הקלײט, װאָס איך האָב געדונגען, איז אין סאַמע פֿראָנט באַלעקסאַנדראָװסקי

אוליצא, און הפדיון איז, ברוך השם, גאָר נישט שלעכט. זוגתי מרת רחלע שתחיה האָט זיך שוין אויסגעלערנט די מלאכה און קאָן שוין ריידן עם הקונה. רק על ירידים איינקויפן פאַר איך בעצמי, איך האָב קרעדיט אצל הסוחרים במאָסקווע ובלאָדז. מיט מאָסקווע איז נישט שלעכט צו האַנדלען, מאָסקווע פאַרקויפט על סאָוועסט און האָט ליב אַ ייִדישן קונה. אפילו אַז עס מאַכט זיך אַן אָנזעץ, האַלט מאָסקווע אונטער און לאָזט נישט פאַלן. דירות איז פה ביוקר גדול. פאַר צוויי אַלקערס מיט אַ קיך צאָל איך דאָ הונדערט פינף און זיבעציק רובל אַ משך, חוץ האָלץ און וואַסער, און דאָ איז אַלצדינג טייער מיט גאָלד גלייך. און צום מיינסטנס פאַרנעמען זיך דאָ ייִדן מיט מעקלעריי און ייִדישע מעקלערס זיינען בפה פאַראַן לרוב, און אַ ייִד האָט דערפון אַ קערבל בכבוד. הכלל, יעהופּעץ איז אַ מקום פרנסה. גיב גאָט געזונט און שטאַרקייט און צו הערן דאָס נעמ־לעכע פון אייך, ווי עס ווינטשט אייך

ממני בנכם דורש שלומכם והצלחתכם כל הימים משה־מענדל בלא"א מוהר"ר אייזיק־נפתלי ממאַזעפּעווקע.

גריסן לדודי היקר ולדודתי היקרה עכב"ב.
גריסן להנגיד ר' יודל עכב"ב.
גריסן להנגיד ר' שמחה הערש עכב"ב.
גריסן להנגיד ר' דובער עכב"ב.
גריסן להנגידה מרת סטיסי־ביילע עכב"ב.
גם בני יוסף נ"י גריסט אייך אַלעמען גאָר פריינטלעך.
הנ"ל.

„אויך איך לאָז גריסן מיין האָכגעשעצטן שווער און מיינער ליבער שוויגער, לעבט וואויל! איך מעלד אייך פון מיין געזונט, גיב גאָט אָף ווייטער נישט ערגער. אויך מיין יוסעלע לאָזט אייך גריסן און דאַנקט דער שוויגער לעבן פאַרן העמדל פיל מאָל. ער זאָגט אייך צו דערפאַר, אַז גאָט וועט שענקען דאָס לעבן און ער וועט, אם ירצה השם, אין דריי־פיר יאָר אַרום אָנהייבן צו גיין אין חדר, וועט ער, אם ירצה השם, לערנען מיט חשק און וועט זיין, אם ירצה השם, אַן ערלעכער ייִד, גיב גאָט מיט לאַנגע יאָר, אָמן. שוויגער לעבן, אויב איר קאָנט אַצינד אויסאַרבעטן פון יוסעלעס וועגן אַ יאַרמלקעלע מיט אַ פּאָר שיכעלעך פון בליטשקע, וואָלט איך אייך זייער געדאַנקט, מחמת איך בין זייער פאַרנומען אין געשעפט, און קיין

אם ווייל איך נישט צונעמען צו יוסעלען, עס איז נישט כדאי. איך האָב נאָר געדונגען אַ מיידל און צאָל איר פיר קערבלעך אַף מײַן גאַנג, ווייגט זי מיר דאָס קינד און טרײַבט די קו אין טשערעדע — איר וואָלט געדאַרפט זען וואָס פאַראַ קו איך האָב געקויפט! זי גיט גאַנצע פיר קוואָרט מילך, זייער טײַערע מלך, און איך האָב, ברוך־השם, פון איר קעז און פוטער. נאָר משה־מענדל לעבן האָט פלוצים פײַנט באַקומען מילכיקס. שטראָפט אים אויס, איך בעט אײַך, ער היט זיך כלל נישט אָפּ! יוסעלע רײַסט זיך איצט אַף אַ קול, ער וויל נעבעך עסן, מיר זאָל זײַן פאַר אים! איך שליס מײַן בריוו און לאָז גריסן אַלע אונדזערע פרײַנט און ליבע פרײַנט גאָר הערצלעך, און בעט אָפּשרײַבן ענטפער, למען השם, און פאַרבלײַב אײַער גליקווינטשנדע און איבערגעגעבנסטע שוויגער־טאָכטער כלתכם רחל".

— נו? — זאָגט בערל דער גראָבער. — הלואי אַף מײַנע קינדער געזאָגט געוואָרן נישט ערגער!

— איר זינדיקט, דוואָסי־מלכה, איר זינדיקט! — זאָגט יודל. — כ׳לעבן, איר זינדיקט!

— אַודאי, אַ דאַנק זײַן ליבן נאָמען, וואָס ס׳איז זיי, קיין עין־הרע, גוט. נאָר זי טוט מיר באַנג — איך קאָן זי נישט פאַרגעסן, רב יודל, איך קאָן זי נישט פאַרגעסן!

און דוואָסי־מלכה רעכנט אויס יודלען אַלע מעלות פון איר שנור מיט אַלע אירע פּאָסטעמקעס און באַווײַזט אים, פאַרוואָס זי קאָן זי נישט פאַרגעסן. דער גאַנצער עולם רעדט, שמועסט מכח יעהופּעץ און מכח יעהופּעצער מסחרים. נאָכדעם נעמט מען צו קאַפּעלעך, מע טרינקט לחיים, האַלטנדיק דאָס קעלישעקל אין דער האַנט גאַנץ לאַנג, און מע ווינטשעוועט איינער דעם אַנדערן אַלדאָס גוטס, און אַף דעם כלל ישראל בשורות טובות מיט ישועות ונחמות. ביז דער באָרשט קומט אַרויף אַפן טיש און צעשפּרײַט אַ מחיהדיקן ריח איבער דער גאַנצער שטוב, און דער עולם ווערט פריילעך. מע פאַררעדט זיך און מע פאַרגעסט זיך אָן משה־מענדלען, מיט רחלען, מיט דער שטאָט יעהופּעץ און מיט אַלע מיט אָן אַנדער.

XXVI

סטעמפעניו פאַרזוכט דעם אמתן טעם פון גיהנם

נאָר איין מענטש קאָן נישט פאַרגעסן די שיינע רחלע.
דער לייענער שטויסט זיך, אַז דאָ שמועסט מען מכּת סטעמפּעניון.
יאָ מכּת סטעמפעניון שמועסט מען. וועמ איז אימשטאַנד איבער־צוגעבן זײַנע גרויסע יסורים? ווער קאָן פילן זײַן הארץ און פאַרשטיין זײַן גרויס פאַרדראָס?

„ס'טײַטש, פאַרדראָס! ס'טײַטש, דאָסאָדע! — טראַכט זיך סטעמ־פעניו. — אַפילו נישט מזכיר געווען, נישט איבערגעקערט די צונג, קיין צוויי צעבראָכענע ווערטער נישט אויפגעשריבן, כאָטש פון יוצא וועגן: נאַ, ווײם כאָטש, אַז איך פאַר אוועק — פע, בזיונות!״...

סטעמפעניון האָט זיך נאָך אַזעלכעס קיינמאָל נישט געטראָפן, כאָטש טרעפן האָבן זיך אים געטראָפן פאַרשיידענע טרעפענישן, און אַמאָל — נאָך זייער מיאוסע, מיט אַ בייזן סוף, ווי מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט. נאָר אַזאַ שלאַק, אַזאַ מפּלה, ווי מיט רחלען, האָט זיך אים אַפילו נישט געחלומט. סטעמפעניו, וואָס איז געווען אַזאַ חשוב באַם רבין אין הויף, אַז אַפילו דעם רבינס טעכטער האָבן מיט אים געטריבן קאַטאָוועס, סטעמ־פעניו, וואָס אַפילו די גראַפינע ברעזשעזשקאַ מיט אַלע „פּאַנעס״ זײַנען געווען נאָך אים די כּפּרה, אַרויסגעשיקט נאָך אים די קאַרעטע, גערעדט מיט אים אַף פראַנצייזיש, — הכּלל, סטעמפעניו זאָל האָבן אַזאַ נאָז, און נאָך אַזוי מיאוס, פון אַ פּשוט יידיש ווײַבל!

— זי טוט מיר האַרציק באַנג! — האָט זיך סטעמפעניו מודה געווען פאַר זײַן קאָמפּאַניע כּלי־זמר. — זי טוט מיר האַרציק באַנג, אָט דאָס ווײַבל, און איך וואָלט איר נאָכגעפאָרן ביז יעהופּעץ, ווען נישט... ווען נישט... — סטעמפעניו קוקט זיך אַרום אַף אַלע זײַטן, און חבֿרה ווייסן שוין, ו ע מ ע ן ער זוכט דאָ מיט די אויגן.

די גאַנצע חבֿרה כּלי־זמר האָבן ליב געהאַט סטעמפעניון, ווי דאָס לעבן, און זײַנען קאַפּאַבל צו גיין פון זײַנעטוועגן אין פײַער און אין וואַסער. און ווי ליב זיי האָבן געהאַט סטעמפעניון, אַזוי האָבן זיי פײַנט געהאַט פריידלען. זיי האָבן זי נישט געקאָנט אָנקוקן פאַר איר קאַרגשאַפט, פאַר איר זשעדנעקייט צום געלט און פאַר אַלע אירע מיאוסע תּנועות.

— כל־זמן ער איז געווען אַ בחור, — האָבן חברה געשמועסט צווישן זיך, — איז אַ סמאַליער 1) געווען בײַ אים הפקר, און מע האָט זיך געקאָנט אַרום אים פּאָזשיווען, אַמאָל כאַפּן אַף אײביק אַ גמילת־חסד אַ סטראָמערל 2), צי אַ שפּענערל 3), און אַמאָל אַזוי אַ מתנה. אַצינד, זינט די מרשעת, ימח־שמה, האָט אים צוגענומען צו זיך אין די לאַפּקעס אַרײַן, פּגרט ער אַלײן נאָך אַ גראָשן, כאַטש הענג אים אויף. נישטאָ אַמאָליקע יאָרן מיט די אַמאָליקע וועטשערעס בײַ סטעמפּעניון, מיט די אַרומאָפּאָרעכצן! הײַנט ליג אין דער קרענק, דאַר און קוואַר און ווער געשוואָלן ווי אַ באַרג פֿאַר הונגער. דאָס גאַנצע יאָר זיץ אָן אַ שטיקל קרעל 4) און קוק אַרויס אַפֿן ראש־חודש אלול! זאָלסט זאָגן, זי זאָל עס פֿון יוצא וועגן מכבד זײַן אַ נאַש־בראָט מיט אַ גלעזל טיי, רופֿן אַמאָל פֿון דרך־ארץ וועגן עסן — עסן זאָלן ווערעם איר לײַב!

— גלויבט מיר, עס מאַכן זיך איצט אָפּט צײַטן, ווען עס דאָקאַרעט זיך בעריען 5), אַז ס'איז אַ שרעק, נאָר זי זאָל מיר אַנידערלייגן גאָלד, וואָלט איך בײַ אַזאַ שלאַק נישט פֿאַרזוכט קײַן שטיקל קרעל.

— ווי אַזוי לעבט ער מיט איר, מיט אַזאַ יאַשטשערקע, מיט אַזאַ נבלה? איך וואָלט שוין לאַנג אַזעלכעס געסמט אָדער געהאָנגען, צו אַלדי שוואַרצע יאָר, ווי איר זעט מיך לעבן!

— אַי, סטעמפּעניו, סטעמפּעניו, ליגסטו נעבעך אין דער ערד, ווי אַ באַרג, און באַקסט בייגל!...

אָט אַזוי שמועסן זיך אויס וועגן סטעמפּעניון זײַן קאָמפּאַניע כלי־זמר, וואָס זעען זײַנע צרות, פֿילן זײַנע ווייטיקן, כאָטש ער רעדט מיט זיי ניט וועגן דעם.

אַז פֿריידל איז אין מאַרק, אָדער זי איז פֿאַרנומען מיט אירע משכו־נות און מיט אירע קונים, איז נאָך ווי עס איז: סטעמפּעניו איז מכבד די חברה מיט פּאַפּיראָסן, מע זיצט, מע לצעוועט, מע דערציילט מעשׂיות פֿון אַמאָל און מע רײַבט די פּאַפּיראָסן אויף וואָס די וועלט שטייט. נאָר אָט קומט־אַרײַן פֿריידל, ווערט אַלעמען קאַלעמוטנע אַפֿן האַרצן, און חברה הייבט זיך אָן אַרויסרוקן איינציקווײַז.

---

1) סמאַליער — קערבל. 2) סטראָמערל — דרײַערל. 3) שפּענערל — פֿינפֿערל.
4) קרעל — ברויט. 5) דאָקאַרעט זיך בעריען — עס ווילט זיך עסן.

— זעט נאָר זעט, ווי מע האָט דאָ אָנגעקורעט, ווי אין אַ קרעטש־מע! זאָגט פֿריידל, שמאָרענדיק מיט דער נאָז און קוקנדיק אויף דעם פּעקל טאַבאַק, וואָס טאָגט שוין. — נאָר געקורעט, נאָר גערויכערט און גענוג! עס טוט מיר שוין ווי מײַן קאָפּ פֿון אײַערע ציגאַרן, איר וועט מיך קראַנק מאַכן! דו מיינסט, סטעמפּעניו, ס׳איז אַ מעלה, וואָס דו רויכערסט אַזוי פֿיל? פֿאָלג מיך, סטעמפּעניו, הער־אויף צו רויכערן, נשמה מײַנע! גלויב מיר, עס שאַדט דיר צום געזונט.

— וואָס טויג דיר, פֿריידל, געזונט־געשמונט? זאָג בעסער, אַז דו זשאַלעוועסט מיר אַ גילדן אויף פּאַפּיראָסן — און גענוג. צו וואָס טויג דיר אָנשטעלן?

— וואָס זאָגסטו אויף זײַן טאַטן? נאַ דיר גאָר אָנשטעלן! איך מיין זײַן טובֿה, און ער קומט דיר מיט זײַנע אָנשטעלן! נאַ דיר נאָך, טאָמער איז קאַרג צום שיינעם פֿרימאָרגן, וואָס איך האָב הײַנט געהאַט, זיך אָנגעהאַריקעט, אויסגעקאָכט דאָס וואַסער, אָפּגעגעסן דאָס האַרץ, נישט געלייזט אַ גראָשן, און דערצו נאָך געזידלט געוואָרן. ווי אַ דינסט, ערגער ווי אַ דינסט, געשוואַרצט דאָס פּנים, געמאַכט מיט בלאָטע גלייך — און סחורה ליגט און פֿוילט...

— איך וואָלט אַ בעלן זײַן וויסן, פֿריידל־סערדצע, וואָס פּראָטעס־טירסטו אַזוי? וואָס קאַרגסטו? די קינדער דײַנע האָבן דיך באַפֿאַלן?

— קוק אים נאָך אָן אַביסל, איך בעט דיך, אַ נעבעכל! ער ווייסט נישט, מע דאַרף אים פּיקן די צונג דאַרף מען אים, איך זאָג דיר! מסתמא טראָג איך דאָך דאָס אָפּ דער מאַמע מײַנער, — אַיאָ, סטעמפּעניו? אָדער איך עס דאָס אַליין אויף, אַזאַ פֿרעסערן, אַ זויפֿערן, ווי דײַן ווײַב איז, מע זאָל גאָר באַהיט און באַוואָרנט ווערן, — אַיאָ, סטעמפּעניו? אַנו, קוק מיר גלײַך אין די אויגן אַרײַן, סטעמפּעניו, אַיאָ?

— איך זאָג דען, אַז דו עסט־אויף? אדרבה, איך זאָג פֿאַרקערט. איך זאָג...

— דו זאָגסט, דו זאָגסט — איך ווייס וואָס דו זאָגסט! דו האָסט נאָך צו זאָגן, אַיאָ, סטעמפּעניו? דו דאַרפֿסט נאָך האָבן טענות צו גאָט, וואָס האָט דיר צוגעשיקט אַזאַ אויסברענגער, ווי איך, וואָס איך קאָן דיר מאַכן פֿון אַ גראָשן צוויי און דיך אין זינען האָבן טאָג ווי נאַכט, אַדרבה, זאָג, וואָס פֿעלט דיר, וואָס גייט דיר אָפּ? דו שווײַגסט? איך

וואָלט נאָר געוואָלט וויסן, ווו וואָלסטו שוין אַצינד אָנגעשפּאַרט מיט דײַן פֿידעלע, ווען דו זאָלסט מיך ניט האָבן, סטעמפּעניו, פֿאַר אַ ווײַב?

— או — וואַ!

— זאָלסטו טאַקע וויסן, אַז „או — וואַ!" עס ווײַייזט־אויס, אַז דו האָסט פֿאַרגעסן, וואָס פֿאַר אַ פּנים דו האָסט געהאַט צו דער חתונה — אָן אַ העמד אויפֿן לײַב, קיין גאַנצע פּאָר זאָקן, קיין קישעלע, קיין ציבעלע, קיין לײַב און לעבן, און פֿאַרדינט האָסטו שטיקער גאָלד — ווו איז דאָס אַהינגעקומען?

— אָט פֿלי איך דיר אָפּגעבן דין וחשבון פֿון מײַנע פֿאַרדינסטן בחורוייז.

— אַ! אָט דאָס איז דאָך די מעשה מיט דיר, סטעמפּעניו! דו קאָנסט ניט לײַדן, אַז מע זאָגט דיר דעם ריינעם אמת, און האָסט נאָך טענות צו יענעם, דערפֿאַר, וואָס יענער שלאָגט זיך קאָפּ אין וואַנט פֿאַר דיר, האָרעוועט, קריכט אין דער ערד, פֿאַרגינט זיך ניט קיין שטיקל ברויט אויף צו עסן, פֿאַראומערט זיך דאָס לעבן, און אַלץ צוליב וועמען? צוליב אים! אַלץ פֿון זײַנעטוועגן, טאָמער ווייסטו, פֿאַר וואָסערע מעשים טובים? ער וועט מסתמא שטעלן אַ גילדערנע מצבה נאָך מײַן קאָפּ — אַז אָך און ווײ איז מיר...

— וואָס האָב איך דיר געטאָן? און ווער טשעפּעט דיך?

— וואָס זאָלסטו מיר טאָן? האָסט מיר גענוג געטאָן! האָסט מיר פֿאַרוויסט מײַן וועלט! האָסט גענומען אַ יונג קינד, אַ מיידל אַ ניונקעלע, און האָסט מיט דײַן צינגעלע מיך איבערגערעדט, צוגעזאָגט גאָלדענע בערג, אָפּגעליגנערט פֿונעם קאָפּ ביז די פּיס. וואָס וואָלט מיר שלעכט געווען, איך זאָל דיך ניט געוועזן קענען? איך וואָלט מיר אָפּגעזוכט מײַן גלײַכן און וואָלט נישט געווען סטעמפּעניוס ווײַב — אַ גליק האָט מיך געטראָפֿן!

— נו, אפשר האָסטו חרטה אויפֿן שידוך, פֿריידל? ס'איז דאָ אַ רב אין מאַזעפּעווקע, און אַ טײַך, און מע קאָן שרײַבן גט...

— אַ־אַ־אַ? אָט דאָס איז דײַן מײַן? קוים אַמאָל זיך אויסגעקוועטשט! דו מיינסט, איך וויים ניט, אַז דו קוקסט דערויף אַרוים? דו ווילסט פֿון מיר פּטור ווערן! איך וויים, סטעמפּעניו, איך וויים, מיך וועסטו ניט נאַרן! איך בין גרוים אין די אויגן! נאָר פֿאַרוואָס

קומט דאָס מיר, סטעמפעניו? איך פרעג דיך, אדרבה זאָג מיר, פאַר־וואָס קומט דאָס מיר? לאָם איך אויך וויסן!

— עט! — ענטפערט איר סטעמפעניו, טוט אַ מאַך מיט דער האַנט, גייט־אַוועק צו זיך אין חדר און נעמט זיך אַראָפּ דאָס פידעלע פון דער וואַנט.

דאָס פידעלע — דאָס איז אינגאַנצן זיין טרייסט, זיין איינציקער חבר אויף דער וועלט. מיטן פידעלע קאָן ער פאַרגעסן זיינע יסורים, דערמאָ־נען זיין יוגנט, זיין פרייהייט, וואָס ער האָט אָנגעוואָרן אויף אייביק, אויף אייביק! פיל פאַרשיידענע פאַרשוינען רופט אים אַרוים דאָס געזאַנג פון זיין פידעלע; פיל שיינע, ליכטיקע, פריילעכע בילדער פון אַמאָל שטעלן זיך אים פאַר, ווען ער הייבט־אָן צו שפּילן; זיי באַווייזן זיך — און אַנט־לויפן!...

צווישן די אַלע אַמאָליקע בילדער רירט אים אָן מער פון אַלע איין בילד, וואָס ער קאָן גאָר נישט פאַרגעסן: דאָס שיינע ליבע בילד פון רחלען מיט איר ליכטיק פנים, מיט אירע בלויע אויגן, מיט די לאַנגע ברעמען, מיט איר ווייסן האַלדז און מיט איר זיס, גוט שמייכעלע, פאַר וועלכעס ער איז גרייט אַלץ, אַלץ אַוועקצוגעבן!

סטעמפעניו שפּילט און שפּילט; ער שפּילט לאַנג, כדי דער שאָטן פון רחלען זאָל נים פאַרשווינדן ווערן, ווי תמיד. ער וויל כאָטש זען איר שאָטן. די מחשבה אפילו וועגן רחלען איז בײַ אים טײַער, זייער טײַער.

***

אין יענער צײַט האָט סטעמפעניו געשפּילט אַזוי, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל נישט געשפּילט. אין יענער צײַט, קאָן מען זאָגן, האָט ער גע־גרייכט אין זיין שפּילן ביז דער העכסטער מדרגה. וואָר עס האָט אים אין יענער צײַט נישט געהערט שפּילן, דער האָט נאָך קיין גוטס נישט געהערט.

אַזוי קוועלן מיר אָן, ווען דאָס פייגעלע זינגט זיך אין שטײַגעלע: עס חלומט זיך דעם פייגעלע גרינע בלעטלעך, בליענדיקע קווייטן, פרייַע לופט, אַ פרייַע וועלט, איין אָפענע וועלט, אַ גרויסע ברייטע וועלט, און עס באַקומט חשק צו זינגען, אויסצוגיסן דאָס ביטערע האַרץ — און עס זינגט, עס וויינט, עס צעגיסט זיך! און מיר קוועלן־אָן, קלויבן דערפון תענוג, האָבן אמת פאַרגעניגן.

— זי טוט מיר הארציק באנג! — זאָגט סטעמפּעניו צום הונ־דערטסטן מאָל פאר זײַן קאָמפּאַניע כלי־זמר. — איך בענק נאָך איר באמת, ווי נאָך אַן אייגענער. איך וואָלט איר נאָכגעפאָרן ביז יעהופּעץ, ווען ניט...

און סטעמפּעניו קוקט זיך־ארום אויף אַלע זײַטן און דערזעט פריידלען, ווי זי שטייט און טענהט איבער אַ קונהטע פון קרעלן, פון זײַדענע טיכלעך און פון בליטשקעס...

אונדזער פריידל האָט ביסלעכווײַז אײַנגעפירט אַ גאַנצע קראָם בײַ זיך אין שטוב און איז געוואָרן אַ רעכטע סוחרטע, גלײַך מיט אַלע מאַזעפּעווקער קרעמערקעס.

גאַנץ אָפטלעך קומט צו איר צו־גאַסט איר מוטער, צפּורה די גראָבע. זי זאָגט, אַז ישעיהקע בענקט זייער נאָך דער טאָכטער און שיקט זי געוואָרן ווערן, וואָס פריידל מאַכט. נאָר פריידל ווייס, אַז ס'איז אַ ליגן; זי ווייס גאַנץ גוט, אַז די מאַמע איז זשעדנע אין דער היים אַ שטיקל ברויט, קומט זי אַהער אַביסל זיך אָפּפּאַסטן און מאַכט זיך דאָ גאָר אַ גאַנצן קימפּעט.

— ווייסטו וואָס, טאָכטער? מאַך אַזעלכע פּוטערבולקעס, ווי איך פלעג אַמאָל מאַכן, געפלאָכטענע און גוט אויסגעטריקנט. דאָס מיט ציקאָריע איז זייער געזונט, און ווער עס קאָן פאַרדײַען מיט אַ סך פּוטער — איז גאָר גוט. און אויף אָנבײַסן היים צופרעגלען די פלאָסטערן פון די גענדז מיט אַ ציבעלקע. דער טאַטע, אויב דו געדענקסט, האָט דאָס ליב פון תמיד אָן. געזונט, טאָכטער, זאָל מען זוכן אין שיסל...

און צפּורה באַלעקט זיך אַזש און טראַכט־צו אַלע טאָג אַ נײַעם אָנבײַסן מיט אַ נײַעם וואַרמעס מיט אַ מיטאָג און מיט אַ וועטשערע. — און מע קאָן נישט זאָגן, אַז פריידל איז דערפון שטאַרק צופרידן. די ערשטע וואָך טראָגט זי דאָס ווי עס איז איבער, נאָר אויף דער אַנדערער וואָך הייבט זי זיך אָן צו בלאָזן אויף דער מאַמען, די מאַמע — אויף איר, ביז מע צעאַמפּערט זיך און מע לאָזט־אוים דעם גאַנצן כעס צו סטעמפּעניון, וואָס וויל זיך אַרײַנמישן און מאַכן שלום צווישן ווײַב מיט דער שוויגער.

— ס'איז נישט דײַן עסק! — זאָגט צו אים פריידל. — דו האָב

נאָר קיין יסורים ניט. איך וועל מײַן מאַמען דײַן ירושה ניט אוועקגעבן. זײַ רויק, סטעמפעניו!

— אַ שיינער געניידעם! — זאָגט די שוויגער פון איר זײַט מיט אַ שטאָך. — אַן אָקס האָט אַ לאַנגע צונג און קאָן קיין שופר ניט בלאָזן! בײַ לײַטן אַ שוויגער האָט כבוד גלײַך ווי אַן אייגענע מאַמע. ער זעט, דאַכט זיך, גאַנץ גוט, וואָס פאַר אַ כבוד איך האָב פון מײַן טעכטערל, ווי זאָגט מען: שנײַץ די נאָז און שמיר דאָס פּנים, — און ער זאָל עס איר אפילו איבערקערן די צונג. אויך מיר אַ מאַן, משטיינס געזאָגט, אַבי געקרימפּלט אַפן פידל. איך פאַרשטיי דאָס גאָר ניט, ווי אַזוי ווערט דאָס אים ניט נמאס, טאַטעניו! וואָס מײַן טאַכטער נעמט זיך אַזוי איבער — ווייס איך ניט: אַז דאָס מזל גייט, קעלבט זיך אַן אָקס אויך. מע האָט שוין געזען אַזעלכע בריות, ווי דו! דײַן שווער איז אַמאָל געווען אַזאַ שיינער פידלער, ווי דו, נאָר גאָר ניט, ווי זאָגט מען: אַ נײַער בעזים קערט ריין. צו אַלצדינג דאַרף מען האָבן מזל, און אַז גאָט וויל, שיסט אַ בעזים. ברוגז, סטעמפעניו, דאַרפסטו אַף מיר ניט זײַן, וואָס איך זאָג דיר דעם ריינעם אמת, און כאָטש יעדער הונט איז אודאי אַ בעל־הבית אַף זײַן שוועל, נאָר קיין פרעמדע בין איך דיר ניט, פאַרט אַ שוויגער, און אַז מע שפּילט זיך מיט דער קאַץ, נעמט מען פאַר ליב איר קראַץ...

און צפּורה שיט מיט ווערטלעך, ווי פון אַ זאַק, ווי איר שטייגער איז, אַז זי צערעדט זיך. נאָר סטעמפעניו הערט גישט אויס ביזן סוף: ער נעמט זיך צו דער פידל, ווי תמיד, ווי אַלע מאָל, ווען ס'איז אים שוין גוט אָנגעזאָלעט אַפן האַרצן — און דעמאָלט פאַרגעסט ער דאָס ווײַב מיט דער שוויגער מיט אַלע צרות, און עס שטעלט זיך אים פאַר אַלץ יענע רחלע מיט די בלויע אויגן...

„זי טוט מיר האַרציק, האַרצעדיק באַנג!" — טראַכט זיך סטעמפּעניו און קלערט אַלץ תחבולות, ווי אַרום קומט מען צו איר, ווי אַזוי און ווו קאָן מען זי זען נאָך אַמאָל...

פּוסטע מחשבות! ער ווייס ניט, אַז זײַן לידל האָט ער שוין אָט באַלד־באַלד אָפּגעזונגען, אַז זײַן וועלטל האָט ער שוין כמעט אָפּגעקומען: ער זעט ניט, ווי זײַנע שיינע שוואַרצע לאָקן ווערן וואָס ווײַטער שיטערער, ווי זײַנע פײַערדיקע אויגן ווערן־אַן ביסלעכווײַז דעם גלאַנץ, אַזוי ווי אַף זײַן ווײַסן שטערן לייגן זיך שוין קנייטשן.

נאַרישער גבור! פאַרגעס זיך נישט. זע, ווי בײַ דער זײַט שטייט דײַן דלילה, דײַן ווײַב פריידל. די דאָזיקע דלילה האָט דיך פאַרוויגט, פאַרשלעפערט בײַ זיך אויפן שויס, שטילערהייט אָפּגעשוירן דײַנע לאַנגע האָר און צוגענומען בײַ דיר דעם כּח, אײַנגעאַנצן דײַן כּח, ווי יענע דלילה בײַ שמשון הגבור... דיר איז געבליבן איצטער איין טרייסט אויף דער וועלט — די פידל.

שפּיל, סטעמפּעניו, שפּיל אויפן פידל! שפּיל, און מיר וועלן האָרכן...

Se acabó de imprimir este libro
el día 15 de mayo de 1952, en
la "IMPRESORA BAIRES" de
Simón Eidelman, Cangallo 2981,
T. E. 86-0119, Buenos Aires